This material was made publicly available by the

Heritage Projects Foundation

info@yiddish-culture.com

https://yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

This material is provided online strictly for personal use only. For commercial, academic or any other use, please contact us at the following email address:

info@yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

סאָוועטיש

4 1971

היימלאַנד

סאָוועטיש היימלאַנד

ליטעראַריש-קינסטלערישער
כוידעש-זשורנאַל

אָרגאַן פון שרײַבער־פֿאַרבאַנד פון ססר

עלפֿטער יאָרגאַנג

פֿאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל“

מאָסקווע

4

אַפּרעל

1971

БИБЛИОТЕКА
Дома еврейской книги
ЭКЗЕМПЛЯР
ВЫДАЧЕ НЕ ПОДЛЕЖИТ

אינהאַלט

זײַט

טריבונע פון לעבן

אַרן װערגעליס. בריװ פון אײראָפּע, יאַנואַר — מאַרט 1971 . . . 3

פּרעסע־איבערזיכט. סאָניע פּרײַ. א צײַטונג — א פאָלקס־טריבונע 12

דאָװיד דראַגונסקי. מענטשן אויף דער מילכאָמע (דאָקומענטאַלע דערציילונג. פאָרזעצונג) 24

ריװע באַליאַסנע. קאַיאָרן מײַנע (לידער) 78

זשאַן גריװאַ. דער שװאַרצער דימענט (דערציילונג) 82

לייע גאַרבער־קאָװענסקע. דאָס, װאָס ס׳האָט זיך פאַרגעדענקט אויף אייביק 92

ליובע װאַסערמאַן. װידער קום איך (לידער) 103

הערשל פּאָליאַנקער. יִצחאָק סאַנטאָס און זײַנע יאָרשים (ראָמאַן. דריטער טייל) 105

איטשע באָרוכאָװיטש. שטילע װערטער (לידער) . . . 146

שיפרע כאָלאָדענקאָ. כאַװע (ליד) 149

פריילעכע שורעס. יאַשע רוביאַן. שאַלאַפּי. — א זון א דאָקטער; רעפאָעל גאָלדענבערג. מיניאַטיורן . . . 151

כאָנע װײַנערמאַן. פאַרשיידענע לידער 155

אויף שטייגערישע טעמעס. כאַיִם מעלאַמוד. מאַ נישטאַנע... 158

זיכרוינעס. מ. שאַך־אַנין. אויף מײַן לעבנס־װעג 164

ליטעראַטור־קריטיק. ביבליאָגראַפיע. פראַגן פון קונסט

א. גאָנטאַר. הערשל אָרלאַנד 172

אַרן װינקאָװעצקי. די יונגע נעשאָמע פון אַן אַלטן קינסטלער 174

עס װערט פאָרגעזעצט דער שמועס, װאָס „סאָװעטיש היימלאַנד“ האָט אָנגעהויבן 178

נאָטיצן פון א ייִדישן בוקיניסט. ל. פּאָדריאַטשיק. היסטאָרישע קוריאָזן 179

מוניע גלייזער. דער אויטאָר פונעם פּאַרטיזאַנען־הימן . . 181

פאַרשיידנס 184

קאָמענטאַרן פון רעדאַקציע. דאָס איז פאַשיזם! 186

כראָניק 91, 150, 181, 183

נאָטיצן אויפן קאַלענדאַר 187

פון אונדזער פאָטאָ־אַרכיװ 188

לאָמיר זינגען נײַע לידער. די שטילע ליד און די הויכע ליד... װערטער פון אַרן װערגעליס, מוזיק פון לייב יאַמפּאָלסקי . . 189

מוישע שאַפּיראָ. שמועסן װעגן ייִדישער שפּראַך 191

הויפּט־רעדאַקטאָר

א. װערגעליס.

רעדקאָלעגיע:

ה. אָשעראָװיטש,

אי. באָרוכאָװיטש,

א. גאָנטאַר, נאָטע לוריע,

מ. לעװ (פאַראַנטװ. סעקרעטאַר),

ב. מילער, י. פאַליקמאַן,

ס. פּרײַ, י. ראַבין, ר. רובין.

БИБЛИОТЕКА
ДОМА ЕВРЕЙСКОЙ КНИГИ
ЭКЗЕМПЛЯР
ВЫДАЧЕ НЕ ПОДЛЕЖИТ

טריבונע פון לעבן

אַרן ווערגעליס

בריוו פון אייראָפּע, יאַנוואַר—מאַרץ 1971

ערשטער בריוו

נייִן, און נאָכאַמאָל נייִן! קיין איין וואָרט ניט וועגן דער פּרעכטיקער עסטרײַכישער קרוינשטאָט ווין, ביזוואַנען איך וועל אײַך ניט אַרויסשרײַבן דאָס, וואָס איך האָב זיך דאָ דערוווּסט וועגן איינעם אַ טראַגישן עניִען.

איך דאַרף אײַך ניט דערציילן, וויִאַזוי די לעצטע צײַט טומלט זיך אַרום דער עליִה פון אַ צאָל ייִדן פון סאָוועטנפאַרבאַנד קיין ייִשׂראָעל. די ציִעניסטן האָבן אופגעהויבן אַ וואַיִצאַקו: לאָז אַרויס מײַן פאָלק... זיך אַליין וויל מען ניט „אַרויסלאָזן" פון די אײַנגעזעסענע ערטער, עס גייט גאָר אין די סאָוועטישע ייִדן, וועלכע דאַרפן, הייסט עס, נעמען אָף זיך די לאַסט צו דערשלעפּן ביזן סאָף דעם ציִעניסטישן אידעאַל.

איז אָט, אין סאַמע אימפּעט פונעם שווינדל, ווען ניט ווייניק אָפּגענאַרטע זײַנען שוין אוועקגעפאָרן אָדער גרייטן זיך אוועקפאָרן קיין ייִשׂראָעל, האָב איך אין ווין, אין דער רעדאַקציע פון דער עסטרײַכישער טאָג־צײַטונג „Volksstimme" („פאָלקסשטימע") זיך באַקאַנט מיט מאַטעריאַלן, וועלכע זײַנען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין די טעג, ווען איך בין פון מאָסקווע אַרויסגעפאָרן אָף דער רײַזע קיין מײַרעוו־אייראָפּע. „טויזנטער ייִדן ווילן זיך אומקערן פון ייִשׂראָעל קיין סאָוועטנפאַרבאַנד", — האָט מיטגעטיילט די צײַטונג, און דאָס האָט פאַרכידעשט פיל מענטשן: ניט קיין ייִשׂראָעל, נאָר פון ייִשׂראָעל, ניט פון סאָוועטנפאַרבאַנד, נאָר קיין סאָוועטנפאַרבאַנד...

וועגן דעם, אַז ייִדן קערן זיך אום פון ייִשׂראָעל, ווייסט מען בא אונדז אין מאָסקווע, ס'איז אפילע שוין פאַראַן אַ גאַנצע קאָלאָניע „ריקוואַנדערער", ווי מע דריקט זיך אויס אין עסטרײַך (אָף רוסיש — „וואָזוראַשטשענצעס"). מיך פּערזענלעך האָבן פאַרינטערעסירט די פּראָטים, וועלכע כ'האָב זיך דערוווּסט פון דער „פאָלקסשטימע". אַ גרופּע פון נאָענט צו דרײַ צענדליק געוועזענע סאָוועטישע ייִדן, וועלכע זײַנען לעצטנס אַנטלאָפן פון ייִשׂראָעל, האָבן באַזוכט די רעדאַקציע און דערציילט, אַז די עולים פון ראַטנפאַרבאַנד קאָנען זיך ניט אײַנגלידערן אין דער מעדינע, ווײַל דאָרט לאָזט זיך גלײַך פילן די אָפּוועזנהײַט פון געזעלשאַפטלעכן געפיל בא איין בירגער בענעגייע דעם צווייטן, דער עגאָיִזם פון די באַלעבאַטים אָף דער אַרבעט, די אומבאַהאָלפענע לאַגע פון באַיאָרטע און פון קראַנקע, די סיסטעם פון באָרגן אַלץ, וואָס איז נייטיק צוליבן לעבן, דער מיליטערישער רעזשים אדג.

עולים ווילן צוריק אַהיים. די ייִשׂראָעלדיקע מאַכט־אָרגאַנען טוען אַלץ, קעדיי צו שטערן זיי אוועקצופאָרן. מע פאָדערט, אַז זיי זאָלן אומקערן דאָס „הילפס־געלט פאַר אַרײַנוואַנדערער" („עזרא קאַספּית לעאָלע") — דאָס געלט, וואָס מע האָט זיי געגעבן, ווען זיי זײַנען געקומען אין אַעראָפּאָרט לוד. אומקערן הייסט אָפּאַרבעטן — פאַרשטייט זיך, אין די טערמינען, וואָס עס שטעלן אײַן די ייִשׂראָעלדיקע מאַכט־אָרגאַנען. ביזוואַנען דער אַרײַנגעוואַנדערטער אַרבעט אָפּ דעם כויוו, געפינט מען שוין צענדליקער ביוראָקראַטישע ראָגאַטקעס אָף צו שטערן אים אוועקפאָרן פון דער מעדינע. באַזונדערס איז עס שײַעך די יונגעלײַט, וועלכע טויגן פאַר דער אַרמיי. אַזויאַרום, ווערט קימאַט אומעגלעך צו פאַרלאָזן ייִשׂראָעל

לעגאל. די אנטוישטע טראכטן צו טערוצים: מע פאָרט קיין עסטרײַך „זיך היילן", אָדער „צוגאַסט צו קרוויום", און צוריק קערט מען זיך ניט אום. ס'איז פיל שווערער באקומען בא דער סאָוועטישער אמבאסאדע אין ווין א דערלויבעניש צו באזעצן זיך ווידער אין סאָוועטנפארבאנד, איידער אין מאָסקווע באקומען אן ארויספאָר-וויזע. קעדיי ניט הונגערן, פארדינגט מען זיך דערווײַל פאר קעלנערס, וועשערנס, דינסטן, פּריקאזשטשיקעס, שווארצארבעטער. ווען די עסטרײַכישע ציוניסטן דערוויסן זיך, אז קיין ווין איז אומלעגאל געקומען א נײַער ארײַנוואנדערער פון ייִסראָעל, הייבט מען אים אויך דאָ אָן צו שאנטאזשירן. אלס אויסוועג לייגט מען פאָר די יונגע און געזונטע ארויספאָרן אין אן אנדער לאנד און דינען דאָרט אין די אנטיסאָוועטישע צענטערן.

א גרופּע ייִדן פון סאָוועטנפארבאנד — „ריוקוואנדערער" — האָט זיך אין ווין געווענדט מיט א בריוו צום ייִסראָעל-פּרעמיער גאָלדע מעיִר: „לאָזט ארויס פון ייִסראָעל אונדזערע ברידער און שוועסטער, גיט א מעגלעכקייט די סאָוועטישע ייִדן זיך אומקערן אהיים!" (זאָלן דאָס דערהערן די יעניקע, וועלכע זײַנען אָפּגענאַרט פון דער ציוניסטישער פּראָפּאגאנדע: ניט „לאָזט ארויס די ייִדן פון סאָוועטנפארבאנד קיין ייִסראָעל", נאָר פארקערט. — א. וו.). די אוטאָרן פונעם בריוו דעקן אויף דעם עמעסן טאָך פון דער „עזרא קאַספּיט לעאָלע" — דעם קאַפּקאַן אָף צו אײַנהאַלטן דעם ארײַנוואנדערער. אין ייִסראָעל איז די לאַגע אזא, אז אפילע אלטע טוישווים פונעם לאנד באגעגענען שווערקייטן באם קריגן סטאבילע ארבעט. די נײַע אוילים זײַנען געצווּנגען צו פארקויפן די זאכן, וועלכע זיי האָבן געבראַכט פון סאָוועטנפארבאנד, קעדיי לעבן כאָטש די ערשטע צײַט אָן נויט. דעריבער איז גערעכטיק די פאָדערונג, אז ווען אוילים פונעם סאָוועטנפארבאנד פארלאָזן די מעדינע און פאָרן צוריק אהיים, זאָלן זיי ניט דארפן אומקערן דאָס געלט, וואָס מע האָט זיי געגעבן באם ארײַנקומען, ווײַל די סאָוועטישע ייִדן זײַנען אָפּגענאַרט געוואָרן. „מיר בעטן אײַך, פרוי פּרעמיער-מיניסטער, — ווערט ווײַטער געזאָגט אין דעם בריוו, — איר זאָלט ארויסווײַזן די זאָרג וועגן דעם, אז מע זאָל מער פאר די ייִדן אין ייִסראָעל, וועלכע זײַנען געקומען פון סאָוועטנפארבאנד, ניט שאַפן אן אַטמאָספער פון דראָונגען. עס האָט זיך ארויסגעוויזן, אז איר אין ייִסראָעל זײַט ניט אונדזערע שוועסטער און ברידער. אונדזערע שוועסטער און ברידער זײַנען פארבליבן אין סאָוועטנפארבאנד".

ווען כ'האָב זיך דערוווּסט אין רעדאקציע פון דער ווינער טאָג-צײַטונג וועגן דער געשיכטע מיט די אנטלאָפענע פון ייִסראָעל, האָב איך איבערגעגעבן דורך מענטשן, וועלכע וויסן, ווו זיי וווינען, אז איך וויל זיך מיט זיי זען. אָף מאָרגן איז פאָרגעקומען אונדזער באגעגעניש. א דערשיטערטער האָב איך געקוקט אָף די אומגליקלעכע פּליטים. זיי האָבן איבערגעשלאָגן איינער דעם אנדערן די רייד. ניט נאָר פרויען, נאָר אויך מאנצבלען האָבן געוויינט. איך האָב געמוזט עטלעכע פון זיי פארבעטן אין אן אנדער צימער, קעדיי פארשרײַבן וואָרט נאָך וואָרט דאָס, וואָס זיי האָבן דערציילט. קוידעמקאָל האָבן זיי געבעטן, אז ביזוואנען זיי געפינען זיך אין עסטרײַך, זאָל איך ניט אָנרופן זייערע נעמען און זייערע ווינער אדרעסן, ווײַל פאר אויסזאָגן פונעם כיידער קאָנען זיי, כאָלילע, פארלירן די ארבעט, אפילע דאָס לעבן. פאר מיר איז אָבער קלאָר, אז אין דער צײַט, ווען עס דרוקט זיך דער אָרדנטלעכער נומער „סאָוועטיש היימלאנד", וועלן זיי זיך שוין בעשאָלעם אומקערן אהיים, אין סאָוועטנפארבאנד, און דעריבער מעגט איר אָנרופן זייערע נעמען.

צוזאמען מיט אָט דעם דאָזיקן בריוו שיק איך איבער דאָס, וואָס איך האָב הײַנט באוויזן צו פארשרײַבן. זײַט אזוי גוט און גיט עס גלײַך אָפּ אין דרוקערײַ.

עס רעדט זיך אויס דאָס הארץ די מישפּאָכע קאבאנאָוו

— איך הייס יאנקעוו, פופציק יאָר בין איך אלט, א ניקעליראָוושטשיק אין די ווארשטאטן פונעם קאָלכאָז „קראסנאיא גאָרקא". פאר דער ארבעט פלעג איך האָבן 260—270 קארבן א כוידעש. דאָס ווײַב איז געווען א באלעבאָסטע אין דער שטוב. דימקע, דער זון, — אָט איז ער, 14 יאָר אלט — האָט זיך געלערנט אין שול. באסיע! אָדער איך וועל ריידן אָדער דו. דערציייל שוין, מיילע, פארוואָס מיר האָבן זיך אוועקגעלאָזט קיין ייִסראָעל.

— צוויי מײַנע ברידער זײַנען געשטאָרבן פון אינפארקטן. בא אונדז אין דער מישפּאָכע האָבן אלע מאנצבלען געהאַט שוואכע הערצער. אין דער מילכאָמע האָט די מאמע כאסענע געהאַט מיט א פּאָליאק און איז ארויסגעפאָרן מיט אים און מיט איין שוועסטער מײַנער אזש קיין בראזיליע. א צווייטע שוועסטער איז אוועקגעפאָרן פון פוילן קיין ייִסראָעל. נאָך איינע האָב איך אין קיִעוו. עטיע הייסט זי. די מאמע איז אן אלטע, זי ווערט בלינד. זאָגט אליין, וויאַזוי האַלט מען אויס און מע טוט ניט עפּעס אָף צונויפנעמען דאָס געזינד אינײנעם. ווען ס'האָט זיך אָנגעהויבן טומלען ארום פארייניקן מישפּאָכעס, האָבן מיר פון ביידע עקן וועלט זיך אוועקגעלאָזט קיין ייִסראָעל, צו מײַן עלטערער שוועסטער. איין עטיע איז געבליבן אין דער היים, א געזונט איר אין קאָפּ...

אױף דער דערלױבעניש פונעם „אָװיר" האָבן מיר געװאַרט צװײ מיט א האַלבן כױדעש. דעם 30 אַפּרעל 1970 זײַנען מיר אַרױסגעפאָרן. ביז 7 מײַ אָפּגעװען אין טראַנזיט־לאַגער אין װין, און דערנאָך — קײן ייִסראָעל. דעם 8 יול זײַנען מיר שױן פון ייִסראָעל אַנטלאָפן. סאַכאַקל אָפּגעװען אין דער מעדינע צװײ כאָדאָשים מיט אײן טאָג... װײַטער שװײַג איך. זאָל ער רײדן. עס באַקומט זיך, אַז איך בין די גאַנצע שולדיקע...

— װאָס זאָל איך דערציילן? אין טעל־אָװיװ, אין אַעראָפּאָרט, איז מיר פון דער ערשטער מינוט קלאָר געװאָרן, אַז מיר האָבן זיך גוט אַרײַנגעפּאַקט. גלײַך פון װעג האָט מען אונדז אַלעמען אַװעקגעשטעלט אונטער א שטרענגן קאָנטראָל. מע דאַרף ענטפערן אױף פראַגעס װעגן אַבאָראָנע אין סאָװעטנפאַרבאַנד. אױב דער מענטש איז פאַרן אַרױספאָרן געװען באַקי אין די הױכע פענצטער, אָדער געװען אַמאָל א מיליטערמאַן, מאַכט מען אים א באַזונדערן דאָפּראָס. די יונגעלײַט פירט מען גלײַך אָפּ אין א קאַבינע, װוּ א דאָקטער שאַצט זײ אָפּ און א מאַיאָר נעמט זײ אָפּן דיסקאָנט.

אין אַעראָפּאָרט האָט מען אונדז געגעבן אין האַנט 100 פונט אױף דרײַ מענטשן; 15 פונט דאַרף מען גלײַך אומקערן לעטױװעס ייִסראָעל. דימקע, װילסט עפּעס זאָגן?

— פאַרװאָס דערציילסטו ניט, פּאַפּע, אַז װען דער אַרײַנװאַנדערער קערט שפּעטער אום צוריק די האַלװאָע, דאַרף ער אָפּגעבן ניט 85 פונט, נאָר אַלע 100...

— יאַשע, לאָז מיך זאָגן װעגן דער שװעסטער. מיר זײַנען געקומען צו איר װױנען אין באַט־יאַם, לעם טעל־אָװיװ. זי האָט צװײ צימערן אױף פיר מענטשן. די דילן פון צעמענט, נידעריקע סטעליעס. אין דער שטוב איז ענג, פינצטערלעך. װי נאָר מיר האָבן אַװעקגעלײגט די זאַכן, האָט די שװעסטער זיך א װאָרף געטאָן צו אונדז: װאָס האָבן מיר איר געבראַכט? פונקט װי אַמאָל אין שטעטל, װען צו אָרעמעלײַט פלעגט קומען צוגאַסט א קאָרעװ. די שװעסטער אַרבעט אין א סטאָלאָװקע — װאַשט געפעס. איר מאַן איז געשטאָרבן. אײן טאָכטער אַרבעט אױף א פאַבריק פון טעקסטיל־בגאָדים, זי נײט קעלנערלעך, די צװײטע האָט איר אײגענע מישפּאָכע, לעבט שװער — גײט מיט אירע צװײ קינדער און מיטן מאַן עסן מיטיק צו דער מאַמען. פאַראַן נאָך בײַ דער שװעסטער א זון, דאָװיד, איז ער אָפּן פראָנט.

— באַסיע, דער כאָװער האָט קײן צײַט ניט. דערציייל בעסער, װיאַזױ מיר זײַנען אַװעק אין דער פינלענדישער אַמבאַסאַדע און אָנגעגעבן די דאָקומענטן אױף אומקערן זיך אַהײם...

— כאַפּ זיך ניט. דער פּלעמעניק מײַנער, דאָװיד, איז אײנמאָל געקומען פון דער אַרמײ זיך זען מיט אונדז. מיר האָבן אים פון מאָסקװע געבראַכט א זײגערל „פּאָליאָט" און אַן עלעקטרישע בריטװע. „מומע, — מאַכט ער צו מיר, — און איך האָב אַראָפּגענומען א זײגער בײַ אַן אַראַבער..." איך קוק אױף אים און פאַרשטײ ניט: „בײַ א געפאַנגענעם?". ער דערציילט מיר: „בײַס א שיסערײַ אױף דער סירישער גרענעץ זע איך, עס ליגט אַן אַראַבער. האָב איך בײַ אים אַראָפּגענומען דעם זײגער. מיטאַמאָל — ער איז לעבעדיק! מײַן כאָװער האָט אים געקאָנטשעט..."

— װען מיר זײַנען אַרױסגעגאַנגען פון דער פינלענדישער געזאַנדשאַפט, האָט אױף דער גאַס געװאַרט אױף אונדז עפּעס אײנער אין טונקעלע ברילן. ער האָט גענומען אױף אונדז שרײַען: אַמעריקע האָט געפּאַטערט אױף אײַך אַזױפיל געלט, און איר טראַכט שױן װעגן צוריק... עס קומט אײַך פאַרשיקט צו װערן אױף אײביקע יאָרן אין מידבער...

— זאָגסט מידבער, יאַשע. א מידבער איז בײַ זײ דאָס לעבן... שטעלט אײַך פאָר, איך קום אַרײַן אין א שפּײַז־קראָמל. אױפן שטעלעכל ליגט װורשט, זײף, צוקערקעס, הערינג. די קראָמערקע בלאָזט דעם גױדער: פלײש גיב איך אײַך גלײַך פונעם אײַז־קאַסטן, בײַ אײַך האָט איר עס ניט געזען (אין אָדעס האָב איך שױן געהאַט א כאָלאָדילניק מיט א יאָר פופצן צוריק). אײנמאָל זײַנען מיר געװען צוגאַסט בײַ אַלטע ייִסראָעלים אױף א „רײַכער גאַס". זײ פירן אונדז אַרום איבער דער שטוב און דרײען אָפּ א קראַנטל נאָך א קראַנטל: „איר זעט — הײסע װאַסער, קאַלטע װאַסער... בײַ אײַך האָט איר עס ניט געזען..." איך האָב זיך צעװײנט: זײ האַלטן אונדז פאַר װילדע מענטשן. זײ װײסן עפּשער ניט, אַז דאָס, מיט װאָס זײ נעמען זיך איבער, איז בײַ אונדז שױן פון לאַנג ניט קײן נאָװינע... א ראַכמאָנעס אױף זײ.

— װען א מישפּאָכע קומט אָן אין דער מעדינע, גיט מען איר ניט קײן שטענדיקע װױנונג, נאָר א האָטעל. ביטע — מע װעט פאַר אײַך באַצאָלן! פאַר דרײַ כאָדאָשים, װאָס איר לעבט אין האָטעל און איר עסט דאָרטן, לױפן אָן 3000 פונט. דעם כױװ פאַרשרײַבט מען אין לײַ־ביכל, װאָס איר האָט באַקומען אין אַעראָפּאָרט. אין אָט דעם „אױסװײַז פון אַן אַרײַנגעװאַנדערטן" („טעודאַט אָלע") פאַרשרײַבט מען, װאָסערע זאַכן איר האָט מיט זיך געבראַכט און װיפל געלט איר קאָסט אױף דער מעדינע. צוביסלעך זעט איר שױן קײן באַלעבאָס ניט איבער זיך אַלײן. פון װעקפאָרן קאָן קײן רײד ניט גײן. װען איך מיט באַסיען און מיט דימקען זײַנען געקומען זיך צעצאָלן פאַר צװײ כאָדאָשים, װאָס מיר האָבן זיך דאָרט אָפּגעמוטשעט, האָט זיך אַרױסגעװיזן, אַז מיר זײַנען שולדיק א היפּשע פּױטעקע: 1050 פונט פאַר אַריבערפליִען פון װין קײן טעל־אָװיװ, 245 פונט פאַר סטראַכירן דעם באַגאַזש, 100 פונט, װעלכע

מע האָט אונדז אנטליִען, 105 פונט פאר איבערפירן דעם באגאזש פון כײַפע קיין באט־יאם, סאכאקל 1500 ייִסראָעלדיקע פונט. איצט לאָמיר ציִען דעם כעזשבן ווײַטער. קעדיי באוואָרענען, אז דער מענטש, וואָס פאָרט אוועק קיין ווין, זאָל זיך אומקערן צוריק קיין ייִסראָעל, פארקויפט מען אים א בילעט „הין־און־צוריק“, ניט אנדערש. פאר דרײַ מענטשן — זעקס בילעטן, וועלכע קאָסטן 4000 פונט. קורץ, ווען מיר האָבן באשלאָסן א פרווו טאָן דאָס מאזל, — עפשער וועט זיך אונדז אײַנגעבן אָפנארן די ציִעניסטן און ארויסשמוגלען זיך פון זייער גאניידן, — האָבן מיר צוליב דעם געדארפט האָבן 5500 ייִסראָעלדיקע פונט (ס'איז נאָך א גליק, וואָס מיר האָבן ניט גענומען קיין האָטעל, אנדערש וואָלט די סומע דערגרייכט 7500 פונט). קיין ארבעט האָב איך ניט געהאט. מע האָט מיר פאָרגעלייגט קערן די גאס, האָב איך געענטפערט, אז איך בין א ניקעליראָוושטשיק, און איך וועל בעסער שטארבן פון הונגער... באסיע, דערצייל ווײַטער.

— דאָס האָב איך ניט דערלאָזט, אז מײַן יאשע זאָל קערן די גאס. איך בין שולדיק, בין איך ארויס אין גאס! טאקע בעפויעל־מאמעש — ארויס אין גאס און גענומען אויספארקויפן אונדזער גאנץ האָב־און־גוטס. מיר האָבן געבראכט מיט זיך פונעם סאָוועטנפארבאנד 740 קילאָגראם זאכן, און קיין ווין האָבן מיר ארויסגעפירט בעסאכאקל איין טשעמאָדאן. פארקויפט האָב איך צוויי נײַע טעפיכער און איינעם אן אלטן. אן אײַז־קאסטן „מאָסקווא“, א טעלעוויזאָר „טעמפּ“, א ניי־מאשין „וועליטאס“, עטלעכע סאמאָווארן, עטלעכע! א פּילעסאָס „אוראל“, דרײַסיק לײַלעכער. א היפּש ביסל געפעס. א גאז־פּליטע (איך האָב זי פארקויפט דער שוועסטער פאר 200 פונט, א שכיינע האָט געוואָלט געבן פאר איר 400, נאָר פארקויפט האָב איך זי דער שוועסטער). פאר אלע זאכן האָב איך אָפּגעלייזט 3040 פונט. אָבער געניטיקט האָבן מיר זיך אין 5500. וואָס טוט מען? כ'האָב זיך דערמאָנט, אז בא מיר איז א נידעריקער לייקאָציט, און אויסגעזען האָב איך — אף מײַנע סאָנים געזאָגט געוואָרן. בין איך אוועק צו א פּריוואטן דאָקטער און האָב מיט זיך מיטגענומען א פלעשל דוכי „קראסנאיא מאָסקווא“ און עטלעכע האנטעכער. פאר דעם האָט דער ליבער מענטש מיר געגעבן א פּאפּירל, אז איך מוז ארויספאָרן קיין ווין זיך היילן. אליין פאָרן קאָן איך ניט, מיט א קראנק ווײַב דארף פאָרן דער מאן, און דאָס קינד קאָן מען אויך ניט איבערלאָזן אף פרעמדע הענט... עמעס, דער „סאָכנוט“ האָט געטײַנעט, אז דימקען זאָלן מיר לאָזן אין דער מעדינע. פאר א מאשקן, הייסט עס. נאָר ניט בא באסיען נארט מען אויס א ייִנגל אף צו מאכן פון אים א סאָלדאט. האקיצער, מע האָט אונדז אָנשטאָט פאספאָרטן ארויסגעגעבן א צײַגעניש אף א יאָר צײַט. א טשינאָווניק פון דער רײַזע־ביוראָ איז געווען וויליק צו נעמען אין דער יאד, און דערפאר האָט ער דעביוועט פאר אונדז דרײַ אוויִא־בילעטן קיין ציריך (די שווייצארישע געזאנדשאפט גיט ארויס וויזעס, ווען מע האָט בילעטן בלויז אהין, דאָס הייסט אין איין עק). אף מאָרגן האָבן מיר צונויפגענומען דאָס רעשט זאכן און געזעגנט זיך נאָר מיט דער מאמען. די שוועסטער ווייסן ביז איצט ניט, ווו מיר זײַנען...

— איר קאָנט זיך שוין פאָרשטעלן, וואָס פאר א וועג מיר האָבן געהאט. צוויי טעג זיך אָפּגעוואלגערט אין ציריך, האָבן מיר מיט קאמע צאָרעס געפונען דעם עסטרײַכישן קאָנסול, און ער האָט אונדז פון ראכמאָנעס־וועגן אוועקגעשטעלט די וויזע — פּונקט ווי מיר וואָלטן געווען טוריסטן...

— שוין יענע טוריסטן... בראָדיאגעס, און מער גאָרניט...

— דעם 10 יול זײַנען מיר מיטן צוג אָנגעקומען קיין ווין. עטלעכע מעסלעס געשלאָפן אפן וואָקזאל. דעם 13 יול זיך דערשלאָגן צו דער סאָוועטישער געזאנדשאפט און אָנגעגעבן די פּאפּירן...

— אָבער מע דארף דאָך, זײַט מויכל, עסן!..

— דו שרײַסט אזוי, פּונקט ווי דער כאווער קאָן דיר ברענגען עסן פון מאָסקווע. קאָנעטשנאָ, מע וויל עסן... מיר זײַנען אוועק אין א סינאגאָגע און געבעטן דעם שאמעס, ער זאָל אונדז העלפן אָנקומען אף עפּעס אן ארבעט. „טוט א פּרווו, — האָט ער געייצעט, — זיך אײַנאָרדענען באם הער פּאָראנד, אין סעמערינג“... דער הער פּאָראנד האָט א קאָשערע סטאָלאָווע אין ווין און א פּאנסיאָנאט אף צוואנציק נומערן אין שטעטל סעמערינג, א הונדערט קילאָמעטער פון ווין, אין די בערג. די רעקאָמענדאציע פון דער סינאגאָגע האָט, שטעלט אײַך פאָר, געהאָלפן. אין פּאנסיאָנאט האָב איך זיך געשטעלט וואשן דאָס געפעס און רייניקן די קאסטריוליעס, געמוזט אָנבייגן דעם קאָפּ, כאָטש איך האָב דעם אופזעער פון פּאנסיאָנאט ניט פארגעסן צו זאָגן, אז איך בין פון די קוואליפיצירטע ארבעטער, א ניקעליראָוושטשיק. באסיע, דערצייל ווײַטער...

— יאשע איז געוואָרן א פּאסודאָמאָיקע. איך — אן אופראמערן, איינע אפן גאנצן פּאנסיאָנאט. אויסער דעם, האָב איך געוואשן די פּאָדלאָגעס. אין צוויי עס־צימערס און אין צוויי קיכן — אין דער פליישיקער און אין דער מילכיקער — און אויך אין קליינעם שולעכל אפן ערשטן שטאָק. דימקע איז געווען אן אָפּיציִאנט, באדינט 16 טישן דרײַ מאָל א טאָג. מע האָט אים געגעבן א סידער און טפילן און געהייסן זיך אויסלערנען דאוונען, ווײַל אנדערש וועט ער ניט קאָנען ארבעטן אין א קאָשערן פּאנסיאָנאט.

איינמאָל איז קיין סעמערינג געקומען פון ענג־לאַנד אַף אָפּרו א ראָוו, און ווען ער האָט דערזען דימקען, האָט ער געגומען אים אײַנריידן, ער זאָל מיט אים פאָרן קיין ענגלאַנד אין א שול פאַר ראַבאָנים, ווו ער וועט זיך לערנען און אויך זײַן אן איבערזעצער פון רוסיש. מיך מיט יאשען וועט מען דערפאַר דאָ אין ווין אײַנאָרדענען אַף א גוטער ארבעט. איצט שטעלט איר זיך שוין פאָר, וואָס פאַר א ראָוו זיי האָבן געוואָלט פון דימקען מאַכן: נישט מער, א ראַזוועדטשיק. פון גרויס דערשרעק זײַנען מיר אַנטלאָפן פון סעמערינג צוריק קיין ווין. עטלעכע מעסלעס זײַנען מיר ווידער געשלאָפן אַפן וואָקזאַל, ביזוואַנען יאשע האָט זיך אײַנגעאָרדנט אין א קלייט פאַר א באַ־טאַגיקן סטאַראַזש — נאַכקוקן, אַז די קוינים זאָלן ניט גאַנווענען. אין א וואָך ארום האָט אים אָבער דער באַלעבאָס, אָן קיין שום סיבע דערוף, ארויס־געטריבן...

— איר ווילט וויסן, וואָס מיר טוען איצט? שוויַג, באַסיע, איך וועל זאָגן אַזוי ווי סע איז. ניטאָ וואָס צו שעמען זיך... מיר גייען אַלע טאָג אין סינאַגאָגע און בעטן א נעדאָווע... קיין אַנדער אויסוועג איז ניטאָ. ווען מיטן דוניַי קומט אָן קיין ווין א סאָוועטישע שיף, לויפן מיר אַוועק אין האַפן און בעטן זיך בא די מאַטראָסן, זיי זאָלן אין דער היים דערציילן וועגן אונדזערע צאָרעס. באַסיע טראָגט זיך ארום מיט א מעשוגענעם גע־דאַנק...

— מײַן געדאַנק — זיך אָנטאָן א מיסע! איך האָב קיין מוירע ניט צו זאָגן! בא דער פאַסאַל־סטווע פון יִיסראָעל וועל איך זיך נעמען דאָס לעבן! עפשער וועט עס העלפן, אַז כאָטש דימקען זאָל מען ראַטעווען פון זיי.

— מאַמע, איך וועל אַהינצו מער ניט פאָרן... ווייַן ניט, מאַמע... און די פיאַטעס פון די פיס שמאַרצן מיר שוין ניט... דיאַדיע, איר ווייסט, וואָס מע האָט מיט מיר אָפּגעטאָן? ס'איז געווען דעם 30 יוני, ווען אין די שולן הייבן זיך אָן קאַ־ניקולן און די שילער נעמען זיך צונויף בא א שײַטער. ווען איך האָב זיך דערוווּסט, אַז אין קלאַס האָט מען געמאַכט א קוקלע, אַף וועלכער ס'איז אָנגעשריבן, אַז דאָס איז א סאָוועטישער אָנפירער, און מע קלײַבט זיך די קוקלע פאַר־ברענען אַפן שײַטער, האָב איך זי צוגענומען צו זיך און זי באַהאַלטן אונטערן קישן. פאַר דעם האָט מען מיך אוועקגעשטעלט אַף דער ספּאָרט־פּלאַשטשאַדקע א באָרוועסן אַפן אָנגעגליטן אַס־פאַלט — די היץ איז דערגאַנגען ביז 40 גראַד — און מיט פאַרדרייטע אַף הינטן הענט מיך אָפּ־געהאַלטן אַזוי עטלעכע שאָ. די פיס האָבן זיך מיר אַזוי אָפּגעבריט, אַז איך האָב א לאַנגע צײַט ניט געקאָנט שטיין אַף זיי. דאָ אין ווין האָב איך ערשט אראָפּגענומען די באַנדאַזשן... טאַטע, דו ווייַנסט שוין אויך...

צוויַיטער בריוו

איך דערמאָן זיך אין אונדזערע שמועסן, ווען איר האָט מיך אין רעדאַקציע פון „סאָוועטיש היימלאַנד" באַגלייט אַף מײַן איצטיקער רייַזע. דאָס ערשטע, וואָס עס קומט מיר אַפן זינען, איז וויאַזוי מיר האָבן דעמלט אָנגעמאָלט אין אונדזער פאַנטאַזיע די שטאָט ווין, און וויאַזוי זי זעט אויס אינדערעמעסן. ווין האָט זיך אַסאָציִירט הויפּט־זאַכלעך מיט דער לירִיק פונעם ווינער וואַלד און פון בלויען דוניַי, מיט די מעלאָדיעס פון שטראַו־סעס וואַלסן, וועלכע לאָזן זיך הערן דורך צעעפנ־טע טיר־און־פענצטער.

ניט נאָר אײַך, נאָר אויך מיר האָט זיך געדאַכט, אַז פונקט ווי אין די אידילישע צײַטן, זײַנען די ווינער אײַנוווינער „פריילעך און זאָרגלאָז", ווי עס ווערט געזאָגט אין דעם וואַלס „אַפן וווּנדער־לעכן בלויען דוניַי", וואָס איז א מין צוויַיטער הימן פונעם לאַנד.

פאַרשטייט זיך, ווין איז ניט געוואָרן אויס ווין. האַגאַם אין איר הימל האָבן זיך שוין באַוויזן קאָנ־טורן פון עטלעכע צענדליק פילשטאָקיקע, פיר־קאַנטיקע בעטאָן־קאַסטנס — הײַנטצײַטיקע מויערן — און אַף די גאַסן איז ענג פון אוטאָ־מאָבילן, זעט זי דאָך ניט אויס ווי א מאָדערנער סופּער־קראַך, אין וועלכן די קלאַנגען און פאַרבן, די ריטמען און פאָרמען זײַנען טעאַטראַליש־פאַרשאַרפט און איבערגעטריבן. ווין איז פיל מע־רער, איידער וועלכע־ניט־איז אַנדערע אייראָ־פּעִישע הויפּטשטאָט, ענלעך אַף אַן אַלטער שטוב מיט אַלט מעבל. אָבער אין דער דאָזיקער שטוב איז די שטימונג ניט אַזוי פריילעך און זאָרגלאָז, ווי ס'האָט אויסגעזען אין די אַלטע אידיליעס.

נעכטן איז אין האָטעל „סטעפאַני", ווו איך וווין, געקומען צו מיר צוגאַסט דער דירעקטאָר פונעם ווינער אינפאָרמאַציע־צענטער שימען ווי־זענטאַל. דערציילנדיק, וואָס פאַר א צאָרעס ער פערזענלעך האָט בייסן נאַצי־רעזשים איבערגע־לעבט אין יאַנאָווער טויט־לאַגער לעבן לעמבערג און אין מאַוטהאַוזען, האָט ער מיטאַמאָל איבער־געריסן די זיכרוינעס און א זאָג געטאָן:

— פון עלף מיניסטאָרן אין דער עסטרײַכי־שער רעגירונג זײַנען פינף — געוועזענע נאַצים...

איך בין געבליבן מאַמעש דערשטוינט, כאָטש ס'איז אויך פאַר מיר קיין סאָד ניט, אַז עסטרײַך האָט א שעם פון א גאַניידן פאַר פאַשיסטישע יידן־מערדער (לעמאָשל, איך דערמאָן זיך, וויאַזוי מע האָט דרײַ מאָל געמישפּעט אייכמאַנס געהילף פראַנץ נאָוואַק. פאַר אָפּשיקן צום טויט 4000 יידן האָט דער עסטרײַכישער גערִיכט אין 1962 אים פאַרמישפּעט צו 8 יאָר טפיסע, אין 1964 אָפּ־געשאַפן דעם אורטייל און אין 1969 דאָך אים פאַרמישפּעט אַף 9 יאָר. דאָס הייסט עפּעס מער ווי אַף איין טאָג פאַר יעדן דערמאָרדעטן ייִדן...).

און דאָך בין איך געווען דערשטוינט פון דעם, וואָס וויזענטאַל האָט מיר געזאָגט. די רעגירונג אין דער נייטראַלער עסטרײַך איז איצט א סאָציאַל־דעמאָקראַטישע, און אין שפּיץ פון איר שטייט...

וויזענטאַל האָט אופגעכאַפּט מײַן געדאַנק און איז מיר פאַרלאָפן דעם וועג מיט א ביטערער פּראַזע:

— די נאַציס האָבן לאַנג געוואַרט, עס זאָל קומען אין עסטרײַך א קאַנצלער א ייִד, וועלכער זאָל זיי מאַכן קאָשער...

איך וועל דאָ ניט גיין אײַך באַלעסטיקן מיט אַנאַליזן און אָפּשאַצונגען פון דער פּערזענלעכקייט און פון דער טעטיקייט פון שימען וויזענטאַלן, וועלכער איז אַן און פאַר זיך א קאָמפּליצירטע און ווידערשפּרעכלעכע פיגור. מײַן שמועס מיט אים איז פאָרגעקומען גלײַך נאָך דעם, ווי איך האָב אײַך אָפּגעשיקט דעם בריוו, אין וועלכן ס'איז אַראָפּגעשריבן די טרויעריקע געשיכטע פון דער מישפּאָכע קאַבאַנאָוו, און כ'מוז זיך מודיע זײַן: בעשאַס וויזענטאַל האָט גערעדט וועגן עסטרײַכישע מיניסטאָרן, איז מיר דורכגעלאָפן א געדאַנק צו זאָגן אים, אַז ניט ווײַט פון עסטרײַך איז פאַראַן נאָך איין לאַנד, וווּ אַלע מיניסטאָרן זײַנען ייִדן און דער פּרעמיער — אויך; און צי איז ניט צײַט, אַז אַן אינפאָרמאַציע־צענטער, באַגלײַך מיט יענעם, וואָס טוט נוצלעכס אין שײַכעס מיט דער פאַרגאַנגענהײַט, זאָל איצט, בײַזוואַנען ס'איז נאָך ניט שפּעט, אויסזוכן און פאַרפּיקסירן די נייטיקע אינפאָרמאַציע וועגן די גרוילן, וואָס די דאָזיקע מיניסטאָרן שיקן אָן סײַ אַף דעם אייגענעם פאָלק, סײַ אַף אַנדערע פעלקער.

אגעוו, איך האָב באַ מיר אין נאָטיץ־ביכל פאַרשריבן נאָך עטלעכע קלאָג־געשיכטן, וועלכע ס'האָבן מיר דאָ אין ווין דערציילט פּליטים פון ייִסראָעל. עס איז לאַנג צו שרײַבן וועגן זיי, און בעסער וועל איך צוּוואַרטן ביז מײַן אומקערן זיך קיין מאָסקווע, אָבער פון דער צווייטער זײַט, האָב איך זיך באַטראַכט, אַז וועגן אייניעם אַן אופגעדעקטן פאַקט מוז דער ייִדישער לייענער וויסן שוין איצט, ווײַל עס גייט די רייד וועגן אַן אפּערע, וועלכע איז אין ייִסראָעל אָרגאַניזירט, אַזוי צו זאָגן, אין מעלוכישן מאַסשטאַב און איז געווענדט אויסשליסלעך קעגן די סאָוועטישע ייִדן; ס'איז נייטיק, אַז אין סאָוועטנפאַרבאַנד זאָל מען וואָס גיכער זיך דערוויסן וועגן דעם.

די פרוי, וועלכע האָט מיר דערציילט וועגן דער אפּערע, האָט אַליין פון איר שטאַרק געליטן. דאָרע מאָסטאָוואָיאַ איז אַרויסגעפאָרן פון מאָהיליאָוו־פּאָדאָלסק דעם 20 אַפּרעל 1970, אָפּגעלעבט אין ייִסראָעל קימאַט צוויי כאַדאָשים און פון דאָרט אַנטלאָפן קיין ווין. אין מאָהיליאָוו־פּאָדאָלסק איז זי געווען א דאַמען־פאַבריקמאַכער, האָט גוט פאַרדינט, געלעבט מיט איר מאַן אין א ווויל־אײַנגעאָרדנטער דירע אַף דער לענין־גאַס. צוויי ברידער אירע וווינען אין זשמערינקע, אײנער איז 12—13 יאָר אָפּגעווען אַלס פאַרוועבירטער אַף אַרבעט אין וואָרקוטאַ, געווען דאָרט א שאַכטיאָר, כאַסענע געהאַט פאַר א מעדיציניש שוועסטער, און איצט לעבט ער אין זײַן אייגן הויז און איז א קאַצעוו אין א זשמערינקער שפּײַז־קלייט. דער צווייטער ברודער איז בריגאַדיר פון א שוסטער־בריגאַדע.

מאָסטאָוואָיאַ האָט ניט געהאַט קיין שום סיבעס צו פאַרלאָזן דאָס אײַנגעזעסענע אָרט. אין איר לעבן איז אָבער געשען אַזוינס, וואָס לאָזט זיך מיט גאָרנישט ניט פאַרגלײַכן. בעשאַס דער מילכאָמע איז די עלטערע שוועסטער אירע כאַנע (אַנע דאַווידאָוונע) געבליבן מיט צוויי קינדער אַף דער אָקופּירטער טעריטאָריע און זיך פון דאָרט ניט אומגעקערט. זי אַליין, דאָרע, האָט זיך עוואַקוירט אין דער שטאָט אָרסק, דערנאָך קיין קיזיל־אָרדאַ. פון יענער צײַט אָן זײַנען א סאַך וואַסערן פאַרלאָפן, און מיטאַמאָל האָט זיך אָפּגעפונען כאַנע! זי לעבט מיט אירע קינדער אין ייִסראָעל און איז רײַך. כאַנע האָט צוגעשיקט א בריוו מיט א פאָטאָגראַפיע. דאָרע האָט פאַרגאָסן טרערן, זי האָט שוין אַפילע איר שוועסטער ניט דערקענט — יענע איז עלטער פון איר אַף גאַנצע 15 יאָר — נאָר פאַרט אייגן בלוט. און דאָ האָט נאָך כאַנע צוגעשיקט א פּעקל און א צווייט פּעקל, און געענדיקט האָט זיך עס מיט א פאָרמעלער אײַנלאַדונג אַריבערצופאָרן קיין ייִסראָעל.

דאָרעס ברידער און דער מאַן האָבן געוואָרנט: ס'איז אַן אונטערגעשטעלטע זאַך, מע וויל אונדז פאַרנאַרן אין ייִסראָעל, די פרוי אַף דער פאָטאָגראַפיע איז ניט כאַנע. אָבער דאָרע איז שוין געווען ווי אין א הינערפּלעט, זי האָט אָנגעגעבן די פּאַפּירן אין „אָוויר", און אין אַנדערהאַלבן — צוויי כאַדאָשים אַרום געקראָגן א וויזע. בײַזן לעצטן טאָג האָט זי געאַרבעט אַף איר אַלטער שטעלע. ווען זי איז געקומען אין טעל־אַוויווער עראָפּאָרט, איז איר אַנטקעגנגעקומען ניט איר שוועסטער, נאָר אײנער א שלוימע אַראָנאָוויטש מאָגילניק, א זשמערינקער שוסטער (אַרויסגעפאָרן קיין ייִסראָעל אין 1967 צוזאַמען מיטן ווײַב, צוויי טעכטער און א זון; זײַן שוועסטער איז געבליבן אין טשערנאָוויץ. לעצטנס איז ער אויך אַנטלאָפן פון ייִסראָעל, נאָר דערוויסנדיק זיך, אַז מאָסטאָוואָיאַ געפינט זיך אין ווין, האָט ער זיך דאָרט פאַררעגיסטרירט באַם סאָוועטישן קאָנסול און אַליין אָוועקגעפאָרן אין אַן אַנדער לאַנד, דאַכט זיך קיין בעלגיע — מוירע געהאַט צי זיך געשעמט פאַר דאָרען צו בלײַבן מיט איר אין איין שטאָט...).

מאָגילניק האָט אין עראָפּאָרט לויד געזאָגט דאָרען, אַז איר שוועסטער כאַנע איז קיינמאָל

אין ייִשראעל ניט געווען, ווײַל זי און איר׳ע קינ־דער זײַנען אומגעקומען אין מאָהיליאָווער געטאָ. וואָס איז שײַך די בריוו מיט דער פּאָטאָ מיט די פּעקלעך, איז דאָס אַלץ געשיקט געוואָרן פון דעם אזויגערופענעם „רוסישן קאָמיטעט", וועל־כער קריגט ארויס בא נײַע אוילים אדרעסן פון זייערע קרויווים און באקאנטע און אויך ידיעס וועגן זייער לעבן, און דערנאָך שיקט ער אין נאָ־מען פון עמעצע און פאַלשע שוועסטער, ברידער, שוועסטערקינדער, אפילע אין נאָמען פון, אזוי צו זאָגן, „טויטע נעשאָמעס", בריוו און פּעקלעך. דער ציל איז — פּאַרנארן ייִדן פון סאָוועטנפאַרבאַנד קיין ייִשראעל.

שלוימע אראָנאָוויטש מאָגילניק איז געווען אַן אגענט פונעם „רוסישן קאָמיטעט". מע האָט אים דאָרט גערופן „סיעניא". אָנשטויסנדיק זיך, אין וואָס דאָ גייט, האָט מאָסטאָוואיא זיך אָפּגעזאָגט אין אעראָפּאָרט פון דער „האַלוואָע" און פון א „קוואַרטיר" און איז אוועקגעפאָרן קיין כײַפע נעכטיקן צו „סיעניען". אף מאָרגן האָט זי אָפּגע־זוכט אין ראמאט־גאן (א פאַרשטאָט פון טעל־אוויוו) איר׳ע א באקאנטע — מײַע רופט מען זי — א שנײַדערקע פון מאָהיליאָוו־פּאָדאָלסק, און יענע האָט איר געזאָגט: „זאָלסט ניט נעמען קיין ייִס־ראעל־פּאַס, פאָר גלײַך צוריק; איך און מײַנע על־טערן גייען אויך יעדן טאָג אין דער פינלענדישער געזאנדשאַפט. מיר זײַנען שוין צווי מאָל געפאָרן קיין ווין, נאָר דאָרט פאַרציט זיך דער איניען".

ווען דאָרע איז נאָכאמאָל געקומען קיין לוד נאָך איר באגאזש, האָט זיך ארויסגעוויזן, אז די קאָנ־טיינערס האָט עמעצער אופגעבראָכן און צוגענו־מען די סאמע ווערטפולע זאכן: אַן אקאָרדעאָן, א טעפּיך, טײַערע גארדינען, א וואָלענע קאָלדרע אאַ. זי האָט געמאכט א סקאנדאל, האָט מען איר ארויסגעגעבן א פּאַפּיר אף א סומע פון 860 פונט, פון וועלכע זי דאַרף אומקערן 115 פונט אלס א שטײַער; אף די הענט, הייסט עס, באקומט זי 765 ייִשראעל־פונט (דאָרע האָט בײַס אונדזער שמועס מיר אָפּגעגעבן אלע פּאַפּירן און צײַגענישן, וועלכע זי האָט באקומען אין ייִשראעל, — זי דאַרף זיי ניט האָבן... — איך לייג זיי דאָ צו צום בריוו, עפשער וועט איר באווײַזן מאכן קלי־שע, קעדיי דער לייענער פון „סאָוועטיש היימ־לאַנד" זאָל זיי זען מיט די אייגענע אויגן. — א. וו.). מאָסטאָוואיא האָט אויך געבראַכט מיט זיך פון מאָהיליאָוו־פּאָדאָלסק א מאָטאָציקל, האָט מען איר פאַרגעלייגט אים איבערלאָזן פאַר מילכאָמע־נויטן. ווען זי האָט דערווידערט, איז איר צוגע־שטעלט געוואָרן א כעזשבן אף 1200 פונט, וועלכע זי האָט געדאַרפט ארײַנטראָגן פּאָשלינע פאַרן מאָטאָציקל (ווען זי וואָלט אים פאַרקויפט, איז זײַן פרײַז אין ייִשראעל סאכאקל 100 פונט). איך שיק אײַך דאָ אָפּ אויך דעם דאָקומענט, וואָס באַ־שטעטיקט, אז דעם מאָטאָציקל האָט מען בא דאָ־רע מאָסטאָוואיא צוגענומען.

דאָרע האָט זיך אָפּגעזאָגט צו באצאָלן פאַרן אוויאַ־בילעט פון ווין קיין לוד, ווײַל מע האָט זי אהער פאַרנארט, און אויב מע וועט זי ניט ארויסלאָזן צוריק, — האָט זי געוואָרנט, — וועט זי גיין אין אלע רעדאקציעס און אין די אויסלענדישע אמבאסאדעס און דערציילן וועגן דער אַפערע. דעם 23 יון 1970 האָט מען איר געגעבן א צײַגעניש (כײַפע, № 55995), אז זי קען ארויספאָרן פון ייִשראעל. פאַר אַן אוויאַ־בילעט פון טעל־אוויוו קיין ווין (אהין־און־צוריק!) האָט זי געמוזט באצאָלן 262 דאָלאַרן, די דאָזיקע סומע האָט זי אויסגעלייזט, פאַרקויפנדיק קימאַט אלץ, וואָס זי האָט געבראַכט מיט זיך. פון מאָ־היליאָוו־פּאָדאָלסק האָט זי ארויסגעפירט 600 קי־לאָגראַם באגאזש, פון ייִשראעל קיין ווין האָט זי געבראַכט 12 קילאָגראַם.

וואָס ווײַטער?

די עסטרײַכישע וויזע ענדיקט זיך. מאָסטאָוואיא זאָגט, אז אויב מע וועט איר ניט דערלויבן זיך אומקערן קיין סאָוועטנפאַרבאַנד, וועט זי איבער־גיין די גרענעץ, און — זאָל מען שיסן! (זי דער־ציילט: זי האָט א סיבע צו טראַכטן, אז קיין דער־לויבעניש וועט מען איר ניט געבן. באם אָפּפליִען פון מאָסקווע, אין שערעמעטיעוואָער אעראָפּאָרט, האָט זי אויסגעשריגן ציִיניסטישע לאָזונגען. אזוי געווען פאַרבלענדט, אזוי געלאָזט זיך אָפּנאַרן...)

האקיצער, מאָסטאָוואיא האָט געמאכט א סענ־סאציִאָנעלע אופדעקונג. דער „רוסישער קאָמי־טעט", ווי ער ווערט פון איר געשילדערט, איז א פאַרברעכערישע אָרגאַניזאַציע, וואָס פאַרנעמט זיך מיט מענטשן־האַנדל, מיט ארויסנאַרן בירגער פון איין לאַנד און צושטעלן זיי אלס ביליקע אר־בעטס־קראַפט און אלס האַרמאַטן־פלייש אין א צווייט לאַנד. לויט די אָנגענומענע נאָרמעס, דאַרף אזא אָרגאַניזאַציע געמישפּעט ווערן.

דאָרע האָט זיך באגעגנט מיט פאַרשטייער פונעם „רוסישן קאָמיטעט" אין כײַפע. די אָנפי־רערן איז איינע א דאָרע פישער. פאַראַן דאָרט נאָך דרײַ אנדערע פרויען (איינע שטאַמט פון זשיטאָמיר) און א מאַנצבל. דער קאָמיטעט, ווי עס דערציילט דאָרע, ווערט פינאַנסירט פון ענג־לאַנד און פשא.

יאָ, דער ציִיניזם האַלט זיך אף שעקער און אף שווינדל. ער פרווט באַרויבן און דערנידעריקן דאָס ייִדישע פאָלק. אמאָל פלעגט ער טאָן דאָס זעלבע, אָבער אין קלענערע מאסשטאבן און מיט א צומיש פון נאַיִוון דאָן־קיכאָטיזם.

עס דערמאָנט זיך, לעמאָשל, א פאַל פון דער געשיכטע, ווי־אזוי מיט א יאָר פינף און פערציק צוריק האָבן די ציִיניסטן צוליב רעקלאַמע־צוועקן איבערגעפעקלט קיין פּאַלעסטינע פון פּוילן דעם יאַבלאָניער רעבע רעב כאַצקעלע מיט

עטלעכע הונדערט זײַנע כסידים. מע האָט געפּויקט וועגן דעם אין אַלע פּויקן. נאָכעם סאָקאָלאָוו האָט אין שײַכעס מיט דעם געמאָלדן אויפן ווינער ציִעניסטישן קאָנגרעס, אַז „בײַ יִדן איז קיין קלאַסן ניטאָ, זיי וואַנדערן פון איין קלאַס אין צווייטן, אַ סימען, אַז דער יאַבלאָניער רעבע מיט זײַנע כסידים זײַנען שוין הײַנט ערדאַרבעטער“... אין אַ קורצער צײַט אַרום האָבן די עטלעכע הונדערט מישפּאָכעס פון רעב כאַצקעלעס כסידים געפּאַטערט זייערע בעבעכעס, אופגעגעבן די ציִעניסטישע קיצווע און מאַמעש — זיי גייען אויס פון הונגער, אַזוי אַז אין „האַאַרעץ“ האָט מען וועגן דעם געשריבן: „אין יאַבלאָני, אַפּאָנעם, האָט קיינער ניט געוווּסט, אַז באַזעצן זיך אויף 50 דונאַם (קנאַפּע 5 דעסיאַטין) ערד, וואָס אַ העלפט פון זיי איז שטיינער און פעלדזן, איז אַן אַבסורד און אַז מיט אַ סומע פון 50 ביז 200 פונט, וואָס אין יאַבלאָני איז דאָס אויך אַ מאַטבייע און ס׳קלעקט אויף אַ שענק אָדער אויף אַ קלייט, קאָן מען זיך אין פּאַלעסטינע אויף קיין ערד ניט באַזעצן“. זײַנען זיך אַ טייל כסידים צעלאָפן צוריק אין „גאָלעס“, צוריק צום פריִערדיקן „קלאַס“; אַ צווייטער טייל האָט געעפנט קלייטלעך און שענקלעך אין כײַפע. דער ציִעניסטישער „נאַציִאָנאַל־פאָנד“ האָט זיי פּאָשעט פאַרפירט. דער העלדישער ציִעניסטישער רעבע האָט זיך אומגעקערט צוריק קיין וואַרשע.

דריטער בריוו

איך האָב צו אײַך אַ באַקאָשע. אין מאָסקווע, אין יִדישן אָפּטייל פון דער לענין־ביבליִאָטעק, איז עפשער מעגלעך צו געפינען אין אַלטע קוועלן עפּעס־וואָס וועגן דעם לעגענדאַרן לאַנד, וואָס זײַן נאָמען האָט אויף לאַטײַן זיך געשריבן Terra Ammiracionis. לויט דער לעגענדע איז אין אַכט הונדערט נײַן און פופציק יאָר אַרום נאָכן ביבלישן מאַבל געקומען פון Terra Ammiracionis קיין עסטרײַך (אָדער אין די ערטער, ווו עס געפינט זיך איצט עסטרײַך) דער יִד אוּראָהאָם מיט זײַן ווײַב שאָשאַנע און מיט זייערע צוויי זין. אוּראָהאָם האָט, קלוימערשט, געגרינדעט אויף דער עסטרײַכישער ערד אַ יִדיש קיניגרײַך, וואָס האָט עקזיסטירט ביזן 210 יאָר פון דער קריסטלעכער ערע (עס וואַרפט זיך אין די אויגן די גוואַלדאָווונע פּינקטלעכקײַט, מיט וועלכער ס׳ווערן אין דער לעגענדע געבראַכט די יאָרן...).

אין דעם בוך „רעכטספּערהעלטניסע דער יודען“, אויף וועלכן איך האָב זיך אָנגעשטויסן דאָ אין ווין, איז וועגן דעם איניען מער גאָרנישט ניטאָ. דער ווינער יִד, וואָס האָט מיר אָנגעוויזן אויף דעם אָרט אין אויבנדערמאָנטן סייפער, איז אויסן געווען צו אָנדײַטן, אַז יִדן וווינען אין עסטרײַך שיר ניט פון נויעכס צײַטן. אַזוי אָדער אַנדערש, אָבער עס איז אַ פאַקט פון דער געשיכטע, אַז דער עסטרײַכישער הערצאָג פרידריך דער קריגערישער האָט אין זײַנער אַ גראַמאָטע פאַרן 1244 יאָר שוין באַצייכנט די יִדן אַלס אונטערטאַנען פונעם לאַנד.

אַמאָל, אין די צײַטן פון דער עסטרײַכיש־אונגאַרישער אימפּעריע, האָבן זיך דאָרט געגעסטעט אַ מיליאָן — אָנדערהאַלבן מיליאָן יִדן, וועלכע האָבן אופגעבויט, צווישן אַנדערן, אַזעלכע אוניקאַל־טראַדיציִאָנעלע יִישווים, ווי גאַליציע, בוקאָווינע. אין דער שטאָט ווין האָבן אין יענערע געלעבט אַרום הונדערט פופציק טויזנט יִדן, צײַטנווײַז — גאַנצע צוויי הונדערט טויזנט.

שרײַבנדיק אײַך וועגן דעם, ווילט זיך מיר, עס זאָל טאַקע דאָ, אין זעלבן בריוו, פאַרצייכנט ווערן, אַז אין יאַנוואַר 1971 איז די צאָל יִדן אין עסטרײַך דערגאַנגען ביז... 10—11 טויזנט.

דער כעזשבן ווערט געמאַכט אויף אַ פּאָשעטן אויפן, מע דאַרף ניט וואַרטן, עס זאָל פאַרעפנטלעכט ווערן די אָפיציִעלע סטאַטיסטיק. אין ווין, אויף שאָטענרינג, 25, אין אַ פירשטאָקיק הויז, געפינט זיך די אַזויגערופענע „איזראַעליטישע קולטוס־געמיינדע“. דאָ זײַנען אין אַ ספּעציִעלער קאַרטאָטעקע אַרײַנגעטראָגן 8000 מיטגלידער פון דער געמיינדע. יעדער יִד דאַרף זיך פאַרעגיסטרירן און צאָלן אַ קולטור־שטײַער. דעם אַנשטאַלט איז באַוווּסט, אַז אַ פּאָר טויזנט ווינער יִדן מײַדן אויס דעם שטײַער (מע וועט זיי דערפאַר ניט לייגן אין „פרידהאָף“, דאָס הייסט אויפן יִדישן בעסוילעם). אַזויאַרום, האָבן מיר שוין אַ מעגלעכקײַט איבערציילן דאָס „ווינער יִדנטום“ — בײַ 10 טויזנט נעפאָשעס. נאָך טויזנט לעבן אין אַנדערע שטעט פון עסטרײַך. סאַכאַקל אין גאַנצן לאַנד — 11 טויזנט יִדן.

דער דורכשניטלעכער עסטרײַכישער יִד איז איצט אַסימילירט סײַ שפּראַכלעך, סײַ שטייגעריש. זיי זײַנען, אַזוי צו זאָגן, „דײַטשן“. דאָס איינציקע, וואָס קייטלט צו אַ הײַנטיקן עסטרײַכישן יִדן צו זײַן שטאַם, איז רעגיסטראַציע אין דער „קולטוס־געמיינדע“ (ניט קולטור־געמיינדע, נאָר קולטוס־געמיינדע!).

פאַר דער לעצטער צײַט איז צוגעקומען נאָך אַ „קייטעלע“, וואָס איז אויסגעשמידט פון אַנטיסאָוועטישער „זאָרג“ פאַר די סאָוועטישע יִדן. ׳די ווינער ציִעניסטן, איבערגעמישט מיט אַן אַגענטור פון באַצאָלטע מאַנהיגים פון יִסראָעל, נעמען פון מאָל צו מאָל צונויף אַ געוויסע צאָל יִדן און שרײַען אויף דײַטש, אַז מע דאַרף זיך באַגיין בעסער מיט יִדיש אין סאָוועטנפאַרבאַנד. די געשיכטע פון די יִדן אין עסטרײַך ווייסט שוין וועגן אַ פאַל, ווען בײַם אימפּעראַטאָר פערדינאַנד II, אין דער ערשטער העלפט פון 17־טן יאָרהונ־

דערט, איז געווען אײַנגעפּירט, אז יעזויִטישע גאַלאָכים זאָלן האַלטן פאַר דעם יידישן אוילעם מיסיאָנערישע דראָשעס אין דײַטש...

איך שרײַב אײַך דעם בריוו אונטערן פרישן אײַנדרוק פון א שמועס מיטן וויצע־פּרעזידענט פון דער „קולטוס־געמיינדע" פון די עסטרײַכישע יידן קאַרל לאַצאַס. א לינקער סאָציאַל־דעמאָקראַט, איינער פון די אָנפירער פונעם „פּראַפּאַרייך פון שטראַסן־פאַרקער", איז לאַצאַס, כאָליליע, ניט קיין סאָוועטן־פרעסער. מיט אים צוזאַמען איז צו מיר אין האָטעל געקומען דאָקטאָר קורט ווײַס, א פּראַגרעסיווער טוער, און איך האָב באַמערקט, אז זיי בײדע, ניט נאָר ווײַס אַלײן, זײַנען מיד פון די ציוניסטישע סקאַנדאַלן. און דאָך האָב איך בא קאַרל לאַצאַסן ניט געקאָנט זיך דערשלאָגן א פּאַשעטע זאַך: מיר זאָלן ריידן ניט בלויז וועגן די פּראָבלעמען פון די סאָוועטישע יידן, נאָר אויך, כאָטש עטוואָס, וועגן די קולטור־באַדערפענישן און אַנדערע פּראָבלעמען פון די יידן אין עסטרײַך.

דאָקטאָר קורט ווײַס האָט מיך געפירט אין זײַן אוטאָמאָביל צו באַווײַזן מיר דעם ווינער וואַלד. ווען מיר האָבן זיך אומגעקערט פון קאַלענבערג, ווו טוריסטן ווערן ניט מיד צו קוקן אף דער פּאַנאָראַם פון גאַנץ ווין, האָב איך בא מײַן באַגלייטער געפרעגט עטלעכע פראַגעס, און ער, פירנדיק די מאַשין איבער א געדרייטן באַרג־וועג, האָט געענטפערט קורץ און שאַרף.

— איך האָב אַמאָל ערגעץ געלייענט וועגן יידישע אינסטיטוציעס אין ווין. צי האָב איך קיין טאָעס ניט? לעמאָשל, דער מוזיי...

— געשפּערט (צוגעמאַכט. — א. וו.).

— די ביבליאָטעק?

— געשפּערט.

— דער שפּיטאָל?

— געשפּערט.

— וואָס זשע איז ניט געשפּערט?

— די פרידהויפע... דרײַ אין ווין, איין און דרײַסיק אין פּראָווינץ.

— צוליב וואָס אַזויפיל בעסאָלמענס?

— מען באַגראָבט די טויטן...

— וואָס נאָך איז ניט געשפּערט?

— די אַלטערס־היים (א מוישעוו־זקיינים. — א. וו.).

— זאָגט מיר, איך בעט אײַך, וועלכע זאָרגן האָט איצט די „קולטוס־געמיינדע"?

— אופזיכט אאוף דער מיקווע...

— נאָך?

— הילפע דער אַרמע־לײַט...

— נאָך?

— די שטאָדט־סינאַגאָגאַ...

— נאָך?

— מער גאַרניט.

— וועלכע געלט־מיטלען באַקומט דער ראַט פון דער „קולטוס־געמיינדע", אויסער דעם שטײַער, וואָס עס צאָלן די 8000 פאַרעגיסטרירטע יידן?

ענטפערנדיק אף דער לעצטער פראַגע, האָט דאָקטאָר קורט ווײַס מיר דערציילט, אז די „קולטוס־געמיינדע" פאַרמאָגט אין ווין 60 הײַזער, א מין ירושע פאַרן יידישן פאָלק, וואָס איז פאַרבליבן פון פאַרשטאָרבענע יידן. די דאָזיקע הײַזער פאַרדינגט מען, און עס סטײַעט שוין געלט אף צו „באַגראָבן די טויטן" און אף העלפן די לעבעדיקע „אַרמע־לײַט".

נו, און מיקוייעך דער פאַרלעגערישער טעטיקײַט פון דעם „קולטוס־אַנשטאַלט?

איך מאָל אין כוידעש ווערט ארויסגעגעבן א בלאַט אין דער דײַטשישער שפּראַך „די געמיינדע". זיצנדיק אין אוטאָמאָביל פונעם דאָקטאָר קורט ווײַס, צעעפן איך דעם יאַנוואַר־נומער פון דער בלאַט און לייען אף דער ערשטער זײַט: „דער בונדעספאַרבאַנד פון דער איזראַעליטישער קולטוס־געמיינדע טרעט אַרויס מיט שטאַדלאָנעס פאַר די רעכט פון די יידן אין סאָוויעט־אוניאָן".

עס ווערט מיר גרינגער אפן האַרצן. דאַנקען גאָט, די עסטרײַכישע „איזראַעליטישע קולטוס־געמיינדע" זאָרגט נאָך אַלץ וועגן אונדז, סאָוועטישע יידן. מיט איר הילף וועלן מיר שוין יאַקאָס ניט פאַרפאַלן ווערן...

(פאָרזעצונג קומט)

פּרעסע-איבערזיכט

סאָניע פּרײַ

א צײַטונג — א פאָלקס־טריבונע

פּראָלעטאַריער פון אַלע לענדער פאַראייניקט אײַך!

דער וועג

DER VEG · זו הדרך

נומער 226 תל־אביב 26.8.1970

די אײנציקע...

די ייִסראָעלדיקע קאָמוניסטן האָבן אין שווערע באַדינגונגען פון מילכאָמע, אַנטי־קאָמוניסטישער און שאָוויניסטישער היסטעריע אין לאַנד געשאַפן נאָכן פאַראַט פון דער מיקוניס־סנע־גרופּע אַן אייגענע פאַרצווײַגטע פּרעסע. עס דערשײַנען רעגלמעסיק די צײַטונגען „זו הדרך" אין איוורית, „אַל־איטיכאַד" אין אַראַביש, דער טעאָרעטישער כוידעש־זשורנאַל „עראַכים" אין איוורית. אין ייִדיש גייט אַרויס די וואָכנשריפט „דער וועג". דאָס איז א יונגע אויסגאַבע, זי איז נאָך קיין זעקס יאָר ניט אַלט. די לייענער פון „סאָוועטיש היימלאַנד" געדענקען אַוודע „פּרײַ ייִסראָעל", ווען זי איז געווען א פּראָגרעסיווע צײַטונג, אָבער מיט איר איז געשען דאָס זעלבע, וואָס אַמאָל מיט דער „איסקראַ", ווען זי איז פאַרכאַפּט געוואָרן מיצאַד די אָפּאָרטוניסטן. די גרופּע מיקוניס־סנע האָט אין 1965 געענדערט די ליניע פון „פּרײַ ייִסראָעל", אַוועקגעפירט זי אין זומפּ פון שאָוויניזם און אַנטיסאָוועטיזם. „דער וועג" איז איצט די אײנציקע פּראָגרעסיווע ייִדישע צײַטונג אין ייִסראָעל; די שעפער אירע — מענטשן פון גרויס אַכרײַעס און העראָישער מי — וועלן אײַך זיכער זאָגן, אַז זי איז נאָך קליין און באַשיידן און זי באַפרידיקט זיכער ניט אַלע באַדערפענישן פון דעם לייענער; ס'איז אָבער קיין סאָפעק ניט, אַז די באַדײַטונג פון אָט דער צײַטונג האָט איבערגעשטיגן איר פאָרמאַט. זײַענדיק, ווי געזאָגט, א וואָכנשריפט אויף 4—6 זײַטן, איז זי בעעמעס א קוואַל פון ערלעכער, געזעלשאַפטלעך־נוצלעכער אינפאָרמאַציע, אַן אַקטיווער פאַרשפּרייטער פון פּראָגרעסיווע אידייען. מיר געפינען דאָרט וויכטיקע מאַטעריאַלן, וועלכע זײַנען ווי א שטראַל פון ליכט אין דער שטיקנדיקער אַטמאָספער פון דער הײַנטצײַטיקער ייִסראָעלדיקער ווירקלעכקײַט: רעדעס פון די קאָמוניסטישע דעפּוטאַטן אין קנעסעט, אַרגומענטירטע פּאָלעמיק, נאָטיצן וועגן אַרבעטער־ און קולטור־לעבן, פון וועלכע עס ווערן געמאַכט באַלערעוודיקע, פּרינציפּיעלע אויספירן.

„דער וועג" איז בעעמעס א קעמפערישע צײַטונג, וואָס איז פול מיט אויפריכטיקער זאָרג פאַר דעם גוירל פונעם פאָלק. זי דעמאַסקירט די שעדלעכע רעגירונגס־פּאָליטיק, וואָרנט קעגן נײַע אַגרעסיווע אַקטן, העלפט די לייענער זיך ריכטיק אָריִענטירן אין דער קאָמפּליצירטער לאַגע אויפן מיטעלן מיזרעך, דערציִענדיק זיי אין גײַסט פון אינטערנאַציאָנאַליזם און פעלקער־פרײַנטשאַפט.

וועגן די באַדינגונגען, אין וועלכע עס דערשײַנען די קאָמוניסטישע צײַטונגען אין ייִסראָעל, דערציילט דער זשורנאַליסט ה. לעבערעכט אין זײַנעם אַן אַרטיקל אין דער מאָסקווער צײַטשריפט „זאַ רובעזשאָם". די קאָמוניסטישע אויסגאַבעס, זייערע מיטאַרבעטער און לייענער ווערן פאַרפאָלגט. ס'טרעפט, אַז די לייענער ווערן אונטערדריקט עקאָנאָמיש, מע פאַרטרײַבט זיי פון די פאַבריקן. די רעפּרעסיווע מיטלען דערגרייכן אָבער ניט זייער ציל. די קאָמוניסטישע פּרעסע ווערט ברייט פאַרשפּרייט און געלייענט[1].

מיט דערפאָלג פילט אויס איר פליכט די צײַטונג „דער וועג". „מיר קענען מיט פרייד פעסט־

[1] זע „זאַ רובעזשאָם" נומ. 47, 1970.

שטעלן, אַז „דער וועג" איז געוואָרן אַ צײַ־
טונג, וואָס מע זוכט זי אין אַ סאַך פּראָגרעסיווע
קרײַזן אין לאַנד און אין אויסלאַנד. אַ סאַך פּראָ־
גרעסיווע ייִדן זעען אין „דעם וועג" זייער וועג"
(פון מ. ווילנערס רעדע אַפן 5־יאָריקן יובילײ פון
דער צײַטונג — זע „דער וועג" נומ. 232). „ס׳איז
פאַר אונדז אַ פרייד צו באַקומען אײַער צײַטונג
„דער וועג". יעדעס מאָל, ווען זי קומט צו אונדז
אָן, איז ווי אַ פרילינג־ווינטל וואָלט אַרײַנגע־
בראַכט פרישע לופט" (פון הערמאַן גרינבערגס
בריוו פון פּאַריז — זע „דער וועג" נומ. 194).

די סאָוועטישע ייִדן לייענען אויך גערן די ייִס־
ראָעלדיקע פאָלקס־צײַטונג. אין מאָסקווע קומט
זי אָן יעדן דינסטיק און ווערט פאַרקויפט אין די
קיאָסקן באַגלײַך מיט „הומאַניטע", „אוניטאַ",
„מאָרנינג־סטאַר" אאַ.

שאָלעם — יאָ, אַנעקסיע — ניין!

דער קאַמף פאַר שאָלעם, קעגן דעם קריג אַפן
נאָענטן מיזרעך פאָדערט אין ייִסראָעל אַ סאַך
מוט אַף צו גויווער זײַן דעם געדיכטן שאָוויניס־
טישן טשאַד, מאַכן ריינער, ליכטיקער די אַטמאָ־
ספער אין לאַנד. „דער וועג" גיט אָפּ געריכט,
פאַרטיידיקט און פּאָפּוליאַריזירט יעדע שאָלעם־
איניציאַטיוו און טרעט אַרויס קעגן די, וואָס
האַלטן, אַז ס׳איז „ניטאָ קיין אַנדער ברירע", כּוץ
פירן דעם קריג. פון נומער צו נומער גיט „דער
וועג" צו וויסן וועגן פאַקטן, וועלכע זאָגן אײַ־
דעס, אַז ס׳ברייטערט זיך אין לאַנד די שאָלעם־
באַוועגונג, עס שטאַרקט זיך דער קאַמף קעגן
פאַרייביקן די אָקופּאַציע, קעגן דעם, אַז ייִסראָעל
זאָל גייך אַפן וועג פון פאַרכאַפּן און באַרויבן
פרעמדע היימען. אַלץ אָפטער לאָזן זיך הערן די
שטימען, וואָס פאָדערן: „שאָלעם — יאָ, אַנעק־
סיע — ניין!"

„דער וועג" טרעט קעסיידער אַרויס קעגן די
עקסטרעמיסטן פון ביידע צדדים, קעגן די זינ־
לאָזע פאַנאַטיקער, וועלכע ברענגען אַזויפיל שאָדן
דער פרידלעכער פּאָליטישער לייזונג פונעם ייִס־
ראָעל־אַראַבישן קאָנפליקט. ס׳איז ביז גאָר וויכ־
טיק, וואָס עס לאָזט זיך דאָ הערן די שטים פון
ייִסראָעל־בירגער, פּראָגרעסיווע פּאָליטישע טו־
ער, ייִדן און אַראַבער — געטרײַע פּאַטריאָטן
פון ייִסראָעל און אופריכטיקע אינטערנאַציאָנאַ־
ליסטן. דער קנעסעט־דעפּוטאַט ע. כאַביבי, אַן
אַראַבער לויט דער נאַציאָנאַליטעט, האָט מיט
רעכט דערמאָנט אין איינער פון זײַנע רעדעס:
„מיר האָבן אַליאַרמירט קעגן דער אילוזיע, אַז
מע קען צווינגען די אַראַבישע פעלקער צו קאַ־
פּיטולירן, שטיצנדיק זיך אַף וועלכער־ניט־איז
אימפּעריאַליסטישער גרויסמאַכט. מיר האָבן גע־
וואָרנט די אַראַבישע פעלקער וועגן דער אומגע־
רעכטער וואָנטיוריסטישער שטעלונג, וואָס נעג־
גירט דאָס רעכט אַף עקזיסטענץ פון מעדינאַס
ייִסראָעל און פאַרקריפּלט דעם קאַמף פון דעם
פּאַלעסטינער אַראַבישן פאָלק פאַר זײַנע רעכט"
(„דער וועג" נומ. 223).

איבערצײַגעוודיק און צוגעגלעך פאַר די לייע־
נער איז דער אופרוף „צו דיר, פרוי און מוטער
אין ייִסראָעל!": „די שטרעבונג פון יעדער מו־
טער איז אַזאַ, אַז איר היים זאָל זײַן אַ ליכטיקע
און גליקלעכע, אַז אירע קינדער זאָלן זען די ליכ־
טיקע זון און ניט דאַרפן זיך באַנוצן מיט שוץ־
קעלערס...

דו זאָגסט: נישטאָ קיין ברירע; דו פרעגסט:
וואָס טוט מען? באַטראַכט זיך אַליין. די אָקו־
פּאַציע האָט ניט געבראַכט קיין שאָלעם און זי־
כערהײַט, זי האָט נאָר פאַרשאַרפט די סיטואַציע.
די צאָל געהאַרגעטע און פאַרוווּנדעטע נאָך דער
יון־מילכאָמע איז שוין גרעסער פון דער צאָל
קאָרבאָנעס גופא אין דער מילכאָמע"...

ווײַטער קלערט אויף דער אופרוף, וואָסער נוץ
עס וועט האָבן ייִסראָעל פון אויספילן דעם באַ־
שלוס פונעם זיכערהײַט־ראַט פון דער אָרגאַני־
זאַציע פון די פאַראייניקטע נאַציעס פאַרן 22 נאָיאַ־
בער 1967: „דער באַשלוס פאָדערט פון די אַראַ־
בישע לענדער איבערצײַסן דעם מילכאָמע־צו־
שטאַנד, אָנערקענען די עקזיסטענץ פון מעדינאַס
ייִסראָעל, גאַראַנטירן אָנערקענטע און זיכערע
גרענעצן און נאַוויגאַציע־פרײַהײַט אַף אַלע וואַ־
סערן. צי האָט ניט דערקלערט די ייִסראָעל־רע־
גירונג פאַר דער יון־מילכאָמע, אַז נאָר דאָס און
בלויז דאָס זײַנען אירע שטרעבונגען"...

און ווערטער, פולע מיט אומרו און האָפענונ־
גען, שליסן דעם אופרוף: „די שפּראַך פון מיל־
כאָמע און קויעך וועט נאָר ברענגען אַן אומגליק
אַף אונדזער לאַנד און אַפן גאַנצן ראַיאָן. מיר
ווילן אַן אַנדער שפּראַך צווישן די פעלקער — די
שפּראַך פון לעבן, און ניט פון טויט" („דער וועג"
נומ. 201).

„דער וועג" אינפאָרמירט זײַנע לייענער וועגן
די שאָלעם־דעמאָנסטראַציעס, וועלכע קומען פאָר
אין לאַנד. אין דריטן יאָרטאָג פון דער יון־מיל־
כאָמע האָבן די דעמאָנסטראַנטן אין יערושאַלאַים,
לעמאַשל, שטורמיש סקאַנדירט: „שאָלעם — יאָ,
אַנעקסיע — ניין!", „נידער מיט דער אָקופּאַ־
ציע!", „זיכערהײַט פאַר אַלע פעלקער אין ראַיאָן!".
די יוגנט האָט געזונגען שאָלעם־לידער. ווען די
שאָוויניסטן פון דער גרופּע „ארץ־ישראל
השלמה" האָבן געפּרוּווט שטערן די שאָלעם־
קעמפער אויסצודריקן זייער ווילן, אַנטקעגנ־
שטעלנדיק זיי דעם אַנעקסישן ניגן „צוויי ברעגן
האָט דער יאַרדן, דער איז אונדזערער, און אויך
דער צווייטער", — האָט עס זיי ניט געהאָלפן.
„מיט שאַנדע האָבן זיי זיך אָפּגעטראָגן" („דער
וועג" נומ. 215). אין ייִסראָעל קומט פאָר אַ פּראָ־

צעס פון אויסניכטערונג, א נײַע ווענדונג אין דעם אַרט דענקען, א מין איבערראַשונג פון די ווערטער. „דער וועג" פאַרפיקסירט אַזאַ דיאַלאָג פון פּאַשעטע פאָלקסמענטשן:

ש מ ו ע ל: „איך וויל ניט, אַז מײַן זון זאָל געבוירן ווערן אין א יִסראָעלדיקער אימפּעריע!"

א ר ן: „די אַמביציע פון גאַנץ ערעץ־יִסראָעל איז געבוירן געוואָרן בײַ מענטשן, וועלכע לעבן מיט מאַנדאַטישע באַגריפן!" (דאָס הייסט — קאָלאָניזאַטאָרישע באַגריפן, טיפּישע פאַר דער צײַט פונעם בריטישן מאַנדאַט איבער פּאַלעסטינע. — רעד.).

ר פ י: „די רעגירונג דאַרף מאַכן שאָלעם, מאַקריוו זײַן אַלץ פאַרן שאָלעם"...

ז י ב: „וויאַזוי קאָנען אײַנצײַטיק עקזיסטירן צוויי רעגירונגס־ווערסיעס: איינע — מיר ווילן אַן אונטערגעשריבענעם אָפּמאַך מיט די אַראַבישע לענדער, די צווייטע — דער אונטערשריפט פון די אַראַבער איז ניט ווערט דאָס פּאַפּיר, אַף וועלכן ער איז פאַרקריצט" („דער וועג" נומ. 214).

„דער וועג" באַגרינדעט איבערצײַגעוודיק דעם געדאַנק, אַז מיט גוואַלד און מיליטערישן קויעך קאָן מען ניט זיכערן די צוקונפט פון א פאָלק, און ברענגט טרעפלעך און שאַרפזיניק דאָס פאָלקסווערטל: „מיט דער שווערד קאָן מען אַלץ טאָן, כוץ אַרופזעצן זיך אַף איר"...

א בעקאָוועדיק אָרט פאַרנעמט אין דער צײַטונג די אינפאָרמאַציע וועגן דער ראָליע פונעם ראַטנפאַרבאַנד אין דעם קאַמף פאַרן שאָלעם אָפן נאָענטן מיזרעך. א שטאַרקן אָפּקלאַנג האָט געהאַט אין טעל־אַוויוו די מאַסן־פאַרזאַמלונג, וועלכע איז דורכגעגאַנגען אונטערן דעוויז „פאַר פאַרבעסערן די באַציִונגען מיטן ראַטנפאַרבאַנד". „די סאָוועטישע פירער שטרײַכן אונטער נאָכאַנאַנד בײַ יעדער געלעגנהייט די אונטערשטיצונג פון דער גאַנצקייט, זעלבשטענדיקייט און אומאָפּהענגיקייט פאַר אַלע מעדינעס אין ראַיאָן: פאַר יִסראָעל און פאַר די אַראַבישע לענדער", — האָט באַטאָנט דער פאָרזיצער פון דער פאַרזאַמלונג מוישע איידעלבערג — דער באַקאַנטער קעמפער פאַר שאָלעם און פעלקער־פרײַנטשאַפט. דער אַדוואָקאַט אַוראָם מעלאַמעד האָט די אַנטיסאָוועטישע רעגירונגס־פּאָליטיק אָפּגעשאַצט ווי א סימען פון פּאָליטישער בלינדקייט און געזאָגט, אַז „די מעדינע יִסראָעל נייטיקט זיך אין גוטע באַציִונגען מיטן ראַטנפאַרבאַנד, אַזוי ווי זי נייטיקט זיך אין שאָלעם, און די צוויי זאַכן זײַנען צווישן זיך ענג פאַרבונדן".

די פאַרזאַמלונג האָט אויפמערקזאַם אויסגעהערט די רעדע פונעם געזעלשאַפטלעכן טוער יאַנקעוו ריווטין. ווי אַן אָנטיילנעמער פון דער יִסראָעלדיקער דעלעגאַציע אַף דער סעסיע פון דער אָרגאַניזאַציע פון די פאַראייניקטע נאַציעס, וועלכע האָט אָנגענומען דעם באַשלוס וועגן גרינדן די מעדינע, האָט ער מיט דאַנקבאַרקייט דערמאָנט די פאַרדינסטן פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד אין אָט דעם אַקט און שאַרף פּראָטעסטירט קעגן די אַנטיסאָוועטישע פּראָוואָקאַציעס אין יִסראָעל.

מיר לייענען די צײַטונג, און עס אַנטפּלעקט זיך דער נײַער קעמפערישער, פּראָגרעסיווער טייל פון דער יִסראָעל־געזעלשאַפט, וואָס איז ניט פאַרטויבט געוואָרן פון דער אַנטיסאָוועטישער היסטעריע און איז פול מיט האָפענונגען, אַז זיגן וועט דער עמעס, ס'וועלן קומען ליכטיקע טעג פון שאָלעם.

די צײַטונג דעקט אויף דעם טאָעס, וועלכן עס באַגייען די, וואָס מיינען, אַז מע קאָן אויסשליסן די קאָמוניסטן פון דער שאָלעם־באַוועגונג אין לאַנד. די קאָמוניסטן זײַנען קעגן אידעאָלאָגישע קאָמפּראָמיסן, קעגן פאַרטושירן די מיינונגס־פאַרשיידנהייטן — לעמאָשל, אַרום דער פראַגע וועגן די סיבעס און וועגן דעם כאַראַקטער פון דער זעקסטאָגיקער מילכאָמע.

אָבער אין אַנטי־אימפּעריאַליסטישן קאַמף פאַר שאָלעם איז נייטיק און ס'איז באַרעכטיקט צו פאַראייניקן אַלע מענטשן פון גוטן ווילן, ניט געקוקט אַף זייערע פּאָליטישע אָנשויונגען. דערפאַר איז גערעכט רות ליוביטש — דער אויטאָר פונעם אַרטיקל „אויפשטעלן א שאָלעם־פראָנט. ווי און מיט וועמען?" — ווען זי דערקלערט, אַז די שאָלעם־באַוועגונג קאָן ניט זײַן עפעקטיוו אָן דעם אָנטייל פון די קאָמוניסטן, און יעדער פּרווו זיי איזאָלירן ברענגט שאָדן דעם פאָלק, ברענגט נוץ זײַנע סאָנים. „די הויפּט־פּראָבלעם, — שרײַבט רות ליוביטש, — וואָס שטייט פאַר אונדז, איז ניט — ווער ס'איז גערעכט אין אָפּשאַצן די יונימילכאָמע, נאָר ווער ס'איז גרייט צו קעמפן פאַר אויספילן פולקאָם דעם באַשלוס פונעם זיכערהייט־ראַט פון 1967... דאָס אויפשטעלן א פאַראייניקטן יִסראָעלדיקן שאָלעם־פראָנט איז ניט נאָר נייטיק, נאָר אויך מעגלעך. צי אַלע, וועמען דאָס איז נעגייע, וועלן טעטיק זײַן צו דערגרייכן דעם דאָזיקן גרויסן ציל, — דאָס וועט באַווײַזן די צײַט" („דער וועג" נומ. 242).

אונטערן קעפל „אויספילן דעם באַשלוס פונעם זיכערהייט־ראַט" דרוקט „דער וועג" א באַריכט וועגן איינער א מאַסן־פאַרזאַמלונג אין טעל־אַוויוו, געווידמעט דער טעמע. אין דער דיסקוסיע האָבן אָנטיילגענומען געזעלשאַפטלעכע טוער פון פאַרשיידענע פּאָליטישע ריכטונגען. דער פאָרשטייער פון דער באַוועגונג פאַר שאָלעם און זיכערהייט מאַשקעוויטש „האָט גערופן אַלע שאָלעם ליבנדיקע קרײַזן אין לאַנד בײַקומען דעם שטרײַט פון פאָרמולירונגען און פאַראייניקן זיך אין קאַמף פאַר דעם שאָלעם". דער דעפּוטאַט טובי האָט געוואָרנט, אַז „די שאָ קאָן זײַן די לעצטע, ווען ס'איז מעגלעך דערגרייכן דעם שאָלעם צווישן יִסראָעל און די אַראַבישע לענדער". ער האָט אונטערגע־

שטראָכן, אַז „ייִסראַעל, וואָס איז אופגעקומען לויט א באַשלוס פון דער אונ"אָ, טאָר איצט ניט גרינגשעצן אירע באַשלוסן“.

וועמען לוינט דער קריג

אַדאַנק דעם היוכן גראַד פון דער קאַפּיטאַליסטישער עקספּלואַטאַציע האָבן די קאַפּיטאַליסטן אין ייִסראַעל זיך באַזאָרגט פאַר די לעצטע יאָרן מיט נאָך גרעסערן רעווען. די עקאָנאָמיק אין דער מעדינע איז אין טאָך מיליטאַריזירט. „לויט אַלע סימאָנים, ווערט דער אַפּעטיט פון דעם קריגס-דראַקאָן ניט קלענער, נאָר פאַרקערט: ער פאָדערט אַלץ מערער און מערער געלט“, — שרײַבט אין „דער וועג“ ט. גאָזשאַנסקי. דעם 7 יול 1970 האָט דער זיכערהײַטס-מיניסטער געבעטן א צוגאָב צום מיליטער-ביודזשעט — 50 מיליאָן דאָלאַר, דעם 7 אווגוסט — 206 מיליאָן, דעם 15 אווגוסט — 500 מיליאָן, און אין אָקטיאַבער — שוין א מיליאַרד דאָלאַר. „אין פאַרלויף פון דרײַ כאָדאָשים זײַנען די מיליטערישע הויצאָעס אויסגעוואַקסן אין 20 מאָל“, — באַטאָנט ט. גאָזשאַנסקי. ניט צופעליק שטייט ייִסראַעל אָף איינעם פון די ערשטע ערטער אין דער וועלט לויט דעם פאַרנעם פון שטײַערן.

ווי באַקאַנט, באַנוצט זיך ייִסראַעל הויפּטזאַכלעך מיט אויסלענדישן געווער, מיט אַמעריקאַנער „פאַנטאָמען“, מיט געווער פון מײַרעוו-דײַטשלאַנד. דערפאַר וואַקסט דער כויוו אין אויסלענדישער וואַליוטע. „די סומע פון די מיליטערישע הויצאָעס אין אויסלענדישער וואַליוטע וועט דערגרייכן, לויט די אויסרעכענונגען פונעם מיניסטעריום פון פינאַנצן, ביז 1,6 מיליאַרד דאָלאַר אין פעריאָד אָנהייבנדיק פונעם 1 יול 1970 ביזן 1 יול 1972. צי קאָן ייִסראַעל דעקן אַזעלכע גוואַלדיקע מיליטערישע הויצאָעס, און נאָך אין אויסלענדישער וואַליוטע?“ — שטעלט די פראַגע ט. גאָזשאַנסקי („דער וועג“ נומ. 237).

דאָס וואָלט מעגלעך געווען, ווען דער האַנדלסאון צאָלונגס-באַלאַנס פון דער מעדינע וואָלטן געווען אַקטיוו, אָבער די לאַגע איז ווײַט ניט אַזאַ, דער אימפּאָרט פון סכוירעס און פון קאַפּיטאַל איז פיל מאָל גרעסער, איידער דער עקספּאָרט. דער מיניסטער פון פינאַנצן האָט פעסטגעשטעלט, אַז דער דעפיציט אין אויסלענדישער וואַליוטע וועט אין משעך פון צוויי יאָר (1970—1971) דערגרייכן די ציפער 2 מיליאַרד 700 מיליאָן דאָלאַר, און דערפאַר אַפּעלירן די ייִסראַעל-פּאָליטיקער אַלץ אָפטער צו די אַמעריקאַנער קרעדיטאָרן און ציוניסטישע נעדאָוועס-געבער.

די אַמעריקאַנער קרעדיטאָרן זײַנען ניט קאַרג, אָבער די אַמעריקאַנער אימפּעריאַליסטישע הילף ווערט ניט געגעבן אָן באַשטימטע טנאָים און קאַוואָנעס. די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע רעכענען אויס אָף ייִסראַעל, ווי אָף א פּאַרטניאָר אין קאַמף קעגן ראַטנפאַרבאַנד, קעגן דער סאָציאַליסטישער וועלט-סיסטעם און קעגן דער נאַציאָנאַל-באַפרײַערישער באַוועגונג, — שרײַבט גאָזשאַנסקי.

די אַמעריקאַנער אימפּעריאַליסטן מישן זיך אַרײַן אויך אין די אינערלעכע איניאָנים פון דער מעדינע. פאַר זיי לוינט דער קריג צווישן ייִסראַעל און די אַראַבישע לענדער.

דער קריג לוינט די אַמעריקאַנער נאַפט-מאָנאָפּאָליעס און זייערע ייִסראַעלדיקע שוטפים. אָף אָט דער טעמע האָט פאַרעפנטלעכט אין „דעם וועג“ אַן אינטערעסאַנט אַרטיקל „ייִסראַעל — א נאַפט-גרויסמאַכט“ יעהודע אונגער.

ס'גייט די רייד וועגן דער נאַפט-רער „אייַלאַט — אַשקעלאָן“, וועלכע פונקציאָנירט שוין פון פעוראַל 1970. די לענג פון דער נאַפט-רער איז 254 קילאָמעטער, די ברייט — 108 סאַנטימעטער. ס'איז געשאַפן די מעגלעכקײַט דורכצוטרײַבן 60 מיליאָן טאָן נאַפט א יאָר. אין אַשקעלאָן איז אויסגעבויט א נאַפט-פּאָרט, טאַנקערס מיט „שוואַרצן גאָלד“ ווערן פונדאַנען געשיקט אין די מײַרעוו-לענדער. ייִסראַעל באַקומט שוין טעגלעך, לויט די יעדיִעס פון „וואַשינגטאָן פּאָסט“, מער פון 10 טויזנט טאָן רויער נאַפט. „האַאַרעץ“ האָט מיט היספּײַלעס אויסגערעכנט, אַז דער פאַרדינסט פון דער רער נאָך דער פולער עקספּלואַטאַציע וועט באַטרעפן 60 מיליאָן דאָלאַר א יאָר.

דאָס אויסבויען די נאַפט-רער נאָכן זעקסטאָגיקן קריג איז געריכטעט אָף אויסנוצן די מיצרישע נאַפט-קוואַלן אין סיני, וועלכע זײַנען פאַרכאַפּט געוואָרן פונעם ייִסראַעלדיקן מיליטער. ס'איז אויך קיין סאָפּעק ניט, אַז די נאַפט-רער איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין א „טראַקט“ פאַר דעם נאָך טיפערן אַרײַנדרינגען פון דעם אויסלענדישן קאַפּיטאַל אין דער עקאָנאָמיק פון ייִסראַעל.

לויט א קנעסעט-געזעץ, האָט די קאַנאַדער געזעלשאַפט, וואָס פאַרנעמט זיך מיט בויען פּאָרטן און דורכלייגן נאַפט-רערן, באַקומען אומבאַגרענעצטע פּריווילעגיעס: ניט צאָלן קיין שטײַערן דער מעדינע, פאַרקערט — אופמאָנען צוגאָבשטײַערן אין די ייִסראַעל-פּאָרטן, איבערגעבן אָן דער סאַנקציע פון די מאַכט-אָרגאַנען פון ייִסראַעל אירע רעכט אָף קאָנצעסיעס אין רעשוס פון אַנדערע קאָמפּאַניעס אאַוו. קעגן דעם דאָזיקן פאַרקנעכטונגס-געזעץ איז אַרויסגעטראָטן די קאָמוניסטישע פראַקציע אין קנעסעט. זי האָט פּראָטעסטירט „קעגן די איבערגעטריבענע רעכט, וואָס ווערן צוגעטיילט א פרעמדער געזעלשאַפט, און דאָס פאַרמינערט די סוווערעניטעט פון ייִסראַעל.

ראַעל", — שרײַבט י. אונגער ("דער וועג" נומ. 231).

דער אוטאָר דערציילט ווײַטער, אז די נאַפט־אונטערזוכונגען אין אָקופּירטן סיניי זײַנען איבערגעגעבן געוואָרן אויסלענדישע מאָנאָפּאָליעס — א קאָנסאָרציום אין שפּיץ מיט דעם אמע־ריקאנער מולטימיליאָנער דזש. קינג, וועלכער איז ענג פארבונדן מיט דער רעפּובליקאנישער אדמיניסטראַציע אין וואשינגטאָן. אזויארום האָט די יִסראָעל־רעגירונג, בעשוטפעס מיט אויסלענ־דישע מאגנאטן, געשאפן א קאָמפּאניע אָף צו רויבן די נאַטור־רײַכטימער פון די אראבישע לענדער.

דער אוטאָר זעצט פאָר: "מיט לאָזן אין גאנג די יִסראָעלדיקע רער האָפט מען צוציִען צום אשקעלאָנער פּאָרט 20—60־טויזנטטאָניקע טאַנ־קערס (אזעלכע, וואָס זײַנען פאר דעם דורכגע־גאנגען דורכן סועץ־קאנאל), וועלכע קענען ארײַן אין יעדן אייראָפּעיִשן פּאָרט. אָבער ס'איז קלאָר, אז ווען דער סועץ־קאנאל וועט ווידער געעפנט ווערן פאר דער נאוויגאציע, וועלן די זעלביקע טאַנקערס קומען דירעקט צום קוואַל פון נאַפט, און ס'וועט זיי ניט לוינען צו קומען דאפקע צו אשקעלאָן. אויב אזוי, לוינט זיך דאָס לאָזן אין גאנג פון דער נײַער רער נאָר אין פאל, ווען דער סועץ־קאנאל וועט בלײַבן געשלאָסן..." ("דער וועג" נומ. 232).

די דאָזיקע וואַגיקע שורעס פונעם ארטיקל דערקלערן, פארוואָס די נאַפט־האַסאָגעס פון די יִסראָעלדיקע עקסטרעמיסטן רופן ארויס א גרויסן אומרו בא די ברייטע געזעלשאפטלעכע קרײַזן פונעם לאַנד. די צײַטונג ווײַזט מיט רעכט אָן, אז "ווער עס בויט פּלענער צו ווערן א נאַפט־גרויסמאַכט אין מיטעלן מיזרעך, קאָן ניט ערלעך שטרעבן צו א שאָלעם־רעגולירונג".

אין יִסראָעל, פונקט ווי אין אנדערע בורזשואַ־זע לענדער, קומט פאָר א צוזאמענשמעלצונג פון דעם מאָנאָפּאָליסטישן קאַפּיטאַל מיט דעם מעלו־כע־אַפּאַראַט, ס'ווערט ענגער און אינטימער די פּערזענלעכע אוניע צווישן די מעלוכע־פירער און די געלט־זעק, און דאָס שאפט גינסטיקע אומ־שטענדן אָף צו פארגרעסערן די רעוואָכים בא די קאַפּיטאַליסטן און אויך א באקוועמען באָדן פאר שווינדלערײַ און ספּעקוליאַציע.

דאָס אלץ קומט אפן זינען, ווען מיר לייענען אין "דעם וועג" נומ. 226 א נאָטיץ, וואָס הייסט "די, וועלכע פארדינען פון בלוט־פארגיסונגען". די אקציאָנערן פון דער "יאם־געזעלשאפט פאר איבערפירן פּרוכטן" האָבן עטלעכע יאָר נאָכא־נאַנד ניט געהאט קיין רעווער. אָבער אין 1968 האָבן זיי שוין באקומען ריינעם רעווער 1,87 מי־ליאָן דאָלאר, אין 1969 קימאט צוויי מאָל מער — 3,5 מיליאָן. פונוואנען נעמט זיך דער נעס? "ס'ווײַזט זיך ארויס, אז נאָך פאר די קאמפּן פון דער זעקסטאָגיקער מילכאָמע און פארן פארמאכן דעם סועץ־קאנאל האָט די געזעלשאפט באשטעלט נײַע קילונגס־שיפן. די געזעלשאפט, וואָס האָט זיך געפונען אין א שווערער לאגע אין רעזולטאט פון אירע פארלוסטן, האָט זיך ניט געוואקלט צו באשטעלן 14 שיפן... צו די אָנפירער פון דער געזעלשאפט געהערט אויך יאקאָוו מעריצאָר, און ווי ס'זעט אויס, האָט אים דער אייבערשטער אנטפּלעקט אין כאלעם דאָס, וואָס עס וועט פאָר־קומען אין יון 1967. און אויב ניט דער אייבער־שטער אליין, איז זיכער איינער פון זײַנע שעלי־כים"... "דער וועג" רופט אָן דעם "שאַליעך": דאָס איז דער מיניסטער פון דער קאָאליציע־רעגירונג בעגין...

אין "דעם וועג" געפינען מיר בײַשפּילן, וועל־כע באשטעטיקן, אז ניט נאָר איינצלנע מעלוכע־פירער, נאָר די רעגירונג אלס אזעלכע שטיצט אומיטלבאר די קאַפּיטאַליסטן מיט סובסידיעס, האלוואָעס, שענקט זיי מאַטאָנעס — פארשטייט זיך, אפן כעזשבן פון די שטײַער־צאָלער.

אין דער נאָטיץ "עס בושעוועט ווילד דער קאַ־פּיטאל אין יִסראָעל" זײַנען פארצייכנט צוויי ציקאווע פאקטן. די אקציאָנערע קאָמפּאניע "צלך" האָט געקויפט א בינטל אקציעס בא דער מעלו־כישער נאַפט־רער־קאָמפּאניע "איילאט—כײַפע" פאר 1786 מיליאָן ליר. אין צוויי יאָר ארום האָט "צלך" פארקויפט דער רעגירונג די זעלבע אק־ציעס פאר 3750 מיליאָן ליר, "דאָס פארדינסטל, וואָס "צלך" האָט געכאַפּט, מאכט אויס 1964 מי־ליאָן ליר" ("דער וועג" נומער 222). איז דאָס ניט קיין מאַטאָנע, עמעס א פארמאסקירטע?

דער צווייטער פאקט: די "צענטראלע געזעל־שאפט פאר אינוועסטיציעס" האָט באקומען פון דער רעגירונג א האלוואָע פון 12 מיליאָן ליר. אין א צײַט ארום האָט די רעגירונג דעם כויוו אנור־לירט, די דאָזיקע ראַכוועסדיקע מאַטאָנע איז מיט גאַראַנטיט געדעקט געוואָרן.

פון די אָפיציִעלע יִסראָעלדיקע פּובליקאציעס דרינגט ארויס, אז די שטײַערן אין דעקאבער 1970 זײַנען העכער פון די שטײַערן אין דעקאבער 1969 אָף 15 פּראָץ. דאָס הייסט, אז דער רעאלער אר־בעטסלוין האָט זיך פארקלענערט. בא אזעלכע אומשטענדן פאָדערן די ארבעטער א העכערונג פון דעם לוין, א פארגרעסערונג פונעם "יאקרעס־צוגאָב". דער פינאנץ־מיניסטער בארעכטיקט אָבער די פּאָליטיק פון "פארפרירן" דעם אר־בעטסלוין מיט "זיכערהײַט־מאָטיוון". דער אוו־טאָר פונעם ארטיקל פּאָלעמיזירט מיט אזא שטע־לונג. העכערן דעם ארבעטסלוין פון די ארבע־טער הייסט — באגרענעצן טיילווײַז דעם וואָל־פּישן אפּעטיט פון די קאַפּיטאַליסטן. דאָס ארטיקל אין "דעם וועג" איז אָנגערופן קלאָר און פּאָשעט: "פארקלענערן די רעוואָכים, העכערן דעם לוין" ("דער וועג" נומ. 237).

פאַר וועמען איז דער קריג אַ לאַסט

— 160 טויזנט הונגעריקע קינדער אין לאַנד...

— 70 טויזנט מענטשן אָן קיינע שום מיטלען צום לעבן...

— 200 טויזנט האָבן ניט קיין שפּײַזונגס־מינימום...

— 70 טויזנט נעפּאַשעס לעבן אין בײַדלעך...

— זויג־קינדער וואַלגערן זיך אין פּרוכט־קעסטלעך.

די דאָזיקע ביטערע שורעס, וואָס „דער וועג" האָט אָפּגעדרוקט אין דעם נומ. 222, זײַנען באַזירט אַף אָפיציעלע יעדיִעס, וועלכע ס'האָבן געבראַכט אין זייערע אַרויסטרעטונגען דער גענעראַל־סעקרעטאַר פון ביטוח לאומי (נאַציאָנאַלער פאַרזיכערונג) דר. ג. לוטאַן, און דער קנעסעט־דעפּוטאַט שוישאַנע אַרבעל.

איך לייען אָט די שורעס, און פאַר מײַנע אויגן שטייען אויף די שטיבלעך פון געפּאַלדעוועטן בלעך, וועלכע כ'האָב געזען מיט צוועלף יאָר צוריק אין יאַפע. אין די שטיבלעך האָבן געלעבט מישפּאָכעס פון אימיגראַנטן. זיי האָבן ניט געהאַט קיין געלט צו קויפן אַן אייגענע שטוב. אין די גרויסע היצן ווערן די בלעכענע ווענט און דעכער אָנגעגליט פון דער סאַרפּענדיקער זון — כאָטש ווער דערשטיקט; ווען עס רעגנט, קלאַפּן די רעגנטראָפּנס איבערן קאָפּ; ווען אין גאַס איז קאַלט — הוליעט די קעלט אויך אין שטיבל.

אונדזערע ייִסראָעלדיקע באַגלייטער האָבן דעמלט געטרייסט, אַז אין אַ פּאָר יאָר אַרום וועלן אַלע באַזאָרגט ווערן מיט גוטע, באַקוועמע, ביליקע וווינונגען. דערבײַ האָבן זיי אונדז באַוויזן נײַע קוואַרטאַלן מיט גוטע הײַזער... און איצט, אין צוועלף יאָר אַרום, לעבן נאָך 70 טויזנט מענטשן אין בײַדלעך, קינדער וואַלגערן זיך אין פּרוכט־קאַסטנס...

געוויס, ווען די מילכאָמע וואָלט ניט אופּגעפרעסן אַזויפיל געלט, בײַ אַ דעמאָקראַטישער פרידלעכער פּאָליטיק, וואָלטן געסטײַערט מיטלען אַף צו בויען אין לאַנד הײַזער.

די גרויסע הויצאָעס אַף קריגס־צוועקן ברענגען דערצו, אַז אין ייִסראָעל קאַרגט מען אַף בילדונג, קולטור, געזונט־באַדערפעניש. די מיליטערישע הויצאָעס, וואָס פאַלן אויס אַף איין פּערזאָן, זײַנען אין ייִסראָעל אין 6,9 מאָל גרעסער, איידער אין ראַטנפאַרבאַנד; די הויצאָעס אַף בילדונג, וויסנשאַפט, געזונט־פאַרהיטונג זײַנען דאָרט קלענער, איידער אין ראַטנפאַרבאַנד אין 1,9 מאָל. אַזאַ כעזשבן האָט געמאַכט „דער וועג" (נומ. 236).

אין לאַנד ווערן אַלץ שאַרפער די קלאַסן־סטירעס. עס וואַקסט דער פּראָלעטאַרישער ווידערשטאַנד, וואָס איז געקומען צום אויסדרוק אין דער שטײַגנדיקער שטרײַק־באַוועגונג.

אָפּט לייענען מיר אַף די זײַטן פון „דעם וועג" וועגן אַזויגערופענעם „פּעקל־אָפּמאַך". דער דאָזיקער אָפּמאַך איז געשלאָסן געוואָרן צווישן דער אָנפירונג פון היסטאַדרוט און דעם פאַרבאַנד פון די אינדוסטריִעלער אין דער רעגירונג. לויטן אָפּמאַך וועט דער יאָקרעס־צוגאָב פאַר די אַרבעטער ניט איבערשטײַגן 4 פּראָצענט, און דער אַרבעטסלוין וועט געהעכערט ווערן אויך ניט מער ווי אַף 4 פּראָצענט, דעם צוגאָב־לוין וועלן די אַרבעטער באַקומען אין רעגירונגס־אָבליגאַציעס.

„דער וועג" האָט פאַרעפנטלעכט דעם באַשלוס פונעם צענטראַל־קאָמיטעט פון דער ייִסראָעלדיקער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, אין וועלכן דער „פּעקל־אָפּמאַך" איז אָפּגעשאַצט נעגאַטיוו. באַגרענעצן דעם יאָקרעס־צוגאָב מיט 4 פּראָצענט הייסט איגנאָרירן די אומופהערלעכע שטײַגונג פון די פּרײַזן און ווײַטער שנײַדן דעם רעאַלן אַרבעטסלוין[1]. העכערן דעם נאָמינאַלן אַרבעטסלוין בלויז אַף 4 פּראָצענט באַטײַט ניט רעכענען זיך מיט דעם, וואָס די אַרבעטס־פּראָדוקטיווקײַט איז אין די לעצטע יאָרן שטאַרק אויסגעוואַקסן. „דאָס אויסצאָלן דעם לוין־צוגאָב מיט אָבליגאַציעס איז פאַקטיש אַ צוגאָבלעכער שטײַער אַף די אַרבעטער", — שטרײַכט אונטער דער דאָקומענט פון צענטראַל־קאָמיטעט פון ייִקפּ.

דער „פּעקל־אָפּמאַך" איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ „שטריקל־אָפּמאַך", ווי ס'האָט טרעפלעך באַמערקט דער גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי מ. ווילנער.

די רעגירונגס־לײַט און זייערע מעשאָרסים אין היסטאַדרוט טײַנען, אַז די באַגרענעצונג פונעם אַרבעטסלוין איז אַרויסגערופן פון דער נויטווענדיקײַט צו מאַכן געזינטער די ווירטשאַפט. אַף דעם ענטפערט דער צענטראַל־קאָמיטעט פון דער קאָמפּאַרטיי אַזוי: „געזונט מאַכן די ווירטשאַפט קאָן מען ניט אָפּן כעזשבן פון דעם לוין פאַר די אַרבעטער, נאָר דורך ענדערן די רעגירונגס־פּאָליטיק, דורך פירן אַ פּאָליטיק פון שאָלעם".

איינער פון די ייִסראָעל־מיניסטאָרן האָט זיך געווענדט צו די אַרבעטער מיט אַ רוף, זיי זאָלן זיך אונטערגעבן דעם נײַעם רויב. „מיר ווענדן זיך צו די אַרבעטער און רופן זיי צו קעמפן קעגן די נײַע שטײַערן, קעגן דער פּרײַזן־העכערונג, קעגן פאַרקלענערן דעם רעאַלן לוין", — האָט אין נאָמען פון די קאָמוניסטן געמאָלדן אין קנעסעט מייער ווילנער („דער וועג" נומ. 226).

אין דער אָפּשפּיגלונג פון דעם „פּעקל־אָפּמאַך" אַף די שפּאַלטן פון „דעם וועג" פילט זיך לענינס שול. וולאַדימיר איליטש האָט געהאַלטן, אַז אַן אַרבעטער־צײַטונג טאָר זיך ניט באַנוגענען מיט אַרטיקע, פּריוואַטע פאַקטן פון דעם אַרבעטער־

---

[1] די שטײַערן אַף די סכוירעס פון מאַסן־געברויך האָט די רעגירונג געהעכערט אַף 20 פּראָצענט אין אויגוסט 1970. זע ה. לעבערכטס אַרטיקל אין „סאָוועטיש היימלאַנד" נומ. 10, 1970.

לעבן; די ארבעטער־צייטונג דארף פארעפנטלעכן מאטעריאלן, וועלכע מאכן רייפער דעם קלאסן־באוווסטזיין.

אומזיסט פרווון די ציוניסטן פארשטעלן די מעדינע ייסראעל, ווי אן איינהייטלעכע געזעלשאפט, וועלכע לעבט מיטן פרינציפ „קאל ייסראעל כאווירים". די קלאסן־סטירעס, די סאציאלע קאנטראסטן אין לאנד ווערן אלץ בוילעטער און שטארקער.

אין ייסראעל קומען פאר שטרייקן ניט נאר פון די ארבעטער. בלויז פאר דער לעצטער צייט האבן געשטרייקט די מעדיקער (רענטגען־טעכניקער, מעדיצינישע שוועסטער), די לערער, די סטודענטן פון טעל־אוויווער אוניווערסיטעט, וועלכע האבן „אויסגעדריקט די אומצופרידנקייט מיטן פארטאפלען דעם סכארלימעד פון 826 ליר ביז 1654 ליר א יאר. דער סטודענטן־פארבאנד פון ייסראעל קלייבט זיך צו דערקלערן א סאלידאר־שטרייק מיט די סטודענטן פון טעל־אוויוו", — לייענען מיר אין דעם נומער 227 פון „דעם וועג". די פארט־ארבעטער האבן געפירט א דויערנדיקן, אקשאנעסדיקן קאמף. זיי האבן געפויעלט, אז דער ראש פון דער פארט־דירעקציע גענעראל לאסקאוו זאל אוועק אין דעמיסיע, „נאך דעם, ווי ער האט געפירט א פארניכטונגס־קריג קעגן די ארבעטער" („דער וועג" נומ. 232). ווען די בורזשואזע פרעסע האט גענומען רוידעפן די פארט־ארבעטער, ווי „דיווערסאנטן", פאטאך־לייט אדג., האט א גרופע ייסראעלדיקע שרייבער און קינסטלער עפנטלעך אויסגעדריקט זייער סאלידאריטעט מיט די ארבעטער, ארגאניזירט פאר זיי אן אויסשטעלונג פון זייערע ווערק אין אשדאד.

„דער וועג" העלפט שמידן דעם איינהייטס־פראנט צווישן דעם ארבעטער־קלאס מיט אלע דעמאקראטישע, פראגרעסיווע שיכטן אין לאנד. ער שפיגלט אפ אף זיינע זייטן ניט נאר דעם ארבעטער־קאמף, נאר אויך די אומצופרידנקייט פון אנדערע שיכטן פון דער באפעלקערונג. ניט לאנג צוריק האבן באלמעלאכעס און קליינע הענדלער זיך צונויפגעקליבן פון דעם גאנצן לאנד אין יערושאלאים און דעמאנסטרירט בא דער קנעסעט. די דעמאנסטראציע האט ארגאניזירט דער פארבאנד פון באלמעלאכעס, וואס נעמט ארום 40 טויזנט ווארשטאטן, אין וועלכע ס'זיינען באשעפטיקט בא הונדערט טויזנט מאן („דער וועג" נומ. 222).

באזונדערס גרויס איז די אומצופרידנקייט צווישן די פרויען. פראטעסט־דעמאנסטראציעס פון פרויען זיינען פארגעקומען אין טעל־אוויוו, יאפע, נאצערעס, פעטאך־טיקווע. די פרויען האבן געהאלטן אין זייערע הענט ניילאנעווע טארבעס, אנגעפילטע מיט אופרופן קעגן יאקרעס, פאר שאלעם, און האבן פארטיילט זיי צווישן דעם אוילעם אף די מערק, אין די גאסן. אין די דעמאנסטראציעס האבן זיך באטייליקט האנט־בא־האנט ייִדישע און אראבישע פרויען. אין דעם גייסט פון פעלקער־פריינטשאפט דערציט זיי די באוועגונג פון דעמאקראטישע פרויען. דער אוילעם האט מיט סימפאטיע זיך באצויגן צו די דעמאנסטראנטקעס און גערן געלייענט זייערע אופרופן, — דערציילט „דער וועג" (נומ. 230).

פארשטייט זיך, אין ייסראעל איז נאך גרויס דער קריגס־פאטענציאל, אבער אויך דער צארן פון פאלק איז גרויס, עס וואקסט אין ייסראעל דער פרידנס־פאטענציאל.

קעגן אנגריף פון דער רעאקציע

מיר דערוויסן זיך פון יעהודע אונגערס ארטיקל „אנטידעמאקראטישע אינטריגעס":

— דעפוטאטן־„ליבעראלן" פאדערן אפנעמען די בירגערשאפט בא יענע ייסראעלים, וועלכע, זייענדיק אין אויסלאנד, קריטיקירן די ייסראעל־רעגירונג;

— דער מיניסטער פון ארבעט פאדערט פארבאטן אף א יאר די שטרייקן;

— עס איז פארווערט דער סאטירישער ספעקטאקל „די קיניגן פון וואנע"; ס'איז איבערגעריסן געווארן די קינסטלערישע ראדיא־פראגראם „טעם ורוח", מאטיווירט מיט דער אזויגערופענער „זיכערהייטס־מאראל";

— בא א סאך בירגער פון לאנד איז שוין מער ווי דריי יאר אפגענומען די עלעמענטארע פרייהייט פון באוועגונג, עס איז איינגעפירט דער צושמידונגס־געזעץ. אף פארזאמלונגען און אפילע אף א כאסענע צי אף א לעווייע ווערט ניט דערלויבט צו קומען אן א דערלויבעניש פון דער פאליציי.

„דער וועג" שטעמפלט די פאליטיק פון מאסן־פארפאלגונגען אין די אקופירטע קאנטן. ער באווייזט, ווי פאלש ס'איז די ווערסיע, אז פאר די אראבער ווערן קלוימערשט באווארנט „היימישע באדינגונגען". א שוידער כאפט אן באם לייענען דאס ארטיקל „דורך די קראטעס פון דער אקופאציע", געשריבן פונעם אדוואקאט פעליציע לאנגער. די צאל ארעסטירטע דערגרייכט טויזנטער, די מאכט־ארגאנען באנוצן זיך מיט אזא מיטל, ווי אדמיניסטראטיווע ארעסטן. מע קאן האלטן מענטשן אין טפיסע יארנלאנג אן א געריכט. דאס ראוו ארעסטירטע זיינען פלייטים, קאמוניסטן. פאר דער לעצטער צייט זיינען אויסגעבויט צוויי נייע טפיסעס: אין באר־שעווע און אין אשקעלאן. אין דער אשקעלאנער טפיסע, וועלכע דער אווטאר פון דעם ארטיקל האט זעלבסט באזוכט, באגייט מען זיך מיט די ארעסטירטע מיט גרויס אכזאריעס: מע שלאגט זיי, מע זידלט און דערנידעריקט זיי.

די טראגעדיע פון דער גאנצער באפעלקערונג אין די אָקופּירטע געגנטן האָבן די ארעסטירטע אויסגעדריקט אין אזוינע ווערטער: „זיי זײַנען ארעסטירט אין א גרויסער טורמע, וואָס רופט זיך אָקופּאציע, און מיר — אין א קלענערער טורמע"... („דער וועג" נומ. 224).

ווי באקאנט, האָט דער זיכערהײַטס־מיניסטער פון ייִסראָעל באפוילן אָנווענדן „קאָלעקטיווע שטראָפן". „דער וועג" האָט געשריבן: „דאָס הייסט פארפליכטן יעדן מענטשן, פון קליין ביז גרויס, צו מאסערן עלטערן, זין, ברידער, קרויווים, און אויב עס וועט ניט געטאָן ווערן, וועט מען כארעוו מאכן גאנצע גאסן, קווארטאלן און אפילע גאנצע שטעט. צי דערמאָנט עס ניט די פליכט פון מעסירע, וואָס איז געווען אײַנגעפירט אין געטאָ?" („דער וועג" נומ. 186).

קעגן דער פּראקטיק פון „קאָלעקטיווע שטראָפן" האָט ענערגיש פּראָטעסטירט די פּראָגרעסיווע ייִסראָעלדיקע געזעלשאפטלעכקײַט, אָבער די רעגירונג האָט זיך צו די פּראָטעסטן ניט צוגעהערט.

ניט לאנג צוריק האָט מ. דאיאן אונטערגעפירט א סאכאקל פון גרויזאמע, בייזוויליקע טאטן — ס'זײַנען אָנהייבנדיק פון יון 1967 ביז דעקאבער 1969 צעשטערט געוואָרן 516 געבײַדעס: אפן מײַרעוו־ברעג פונעם יארדן 215, אין אזאָ־פּאס — 227, אין יערושאָלאיִם — 24.

„דער וועג" אליארמירט, אז אין לאנד באווײַזן זיך פאשיסטישע נייגונגען און ס'ווערן דורכגעפירט פאשיסטישע אקציעס. אין „דזשערוזאלעם־פּאָסט" (די רעגירונגס־צײַטונג אין ענגליש) האָט דער זשורנאליסט דאוויד קריווין בארעכטיקט יעדע מילכאָמע, ווי א ביִאָלאָגישע נויטווענדיקײַט.

„דער וועג" האָט אָפּגעשאצט קריווינס צוגאנג אלס אן ענלעכן צו היטלערס: „די ערד עקזיסטירט פאר דעם, ווער ס'איז פייִק זי צו פארכאפּן" („דער וועג" נומ. 214).

אן אקטיווע טעטיקײַט אין לאנד אנטוויקלט די פאשיסטישע יוגנט־אָרגאניזאציע „יונגע וועלף". זי פארשפּרייט פלוגבלעטלעך אונטער א פאשיסטישן צייכן, מיט פײַלן אין אלע זײַטן, קעגן די פּראָגרעסיווע יוגנט־גרופּעס, וואָס האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין דער שאָלעם־באוועגונג. מינהאָגים זײַנען בא די „יונגע וועלף" אויך פאשיסטישע: „זיי האָבן צעבראָכן די טירן מיט די פענצטער אין צושויער־זאל פון אוניווערסיטעט און געמאכט א כורבן אף דער בינע בעשאס דער פאָרשטעלונג פון דער פּיעסע „די קיניגן פון דער וואנע". מיט א כוידעש פריִער האָבן עטלעכע אזוינע בויאנעס זיך ארײַנגעריסן אין קאמערטעאטער, ווען ס'איז געגאנגען די זעלבע פאָרשטעלונג, „געוואָרפן אף דער בינע א שטינקבאָמבע, אראָפּגעשלעפּט די מיקראָפאָנען, גע־זידלט די שוישפּילער און דעם אוילעם" („דער וועג" נומ. 210).

אין לאנד ווערט פארשפּרייט א בריוו „צו אלע ייִדן אין דער וועלט", וואָס דראָעט טייטן די פּראָגרעסיווע טוער.

ס'איז קיין צווייפל ניט, אז די כײַיִשע מײַסים פון די „יונגע וועלף" געפינען אן אָפּקלאנג בא די וועלף פון דער אמעריקאנער פאשיסטישער „ליגע צו פארטיידיקן ייִדן".

אין ייִסראָעל דערשײַנט איצט א נײַע צײַטונג „אמונה" (רעדאקטאָר — אווראָם שיינער). די דאָזיקע צײַטונג פאָדערט: „א פולקומע בליץ־פארטרײַבונג פון דער גאנצער אראבישער באפעלקערונג פון ייִסראָעל און פון די אָקופּירטע שעטאָכים, אן ארײַנמארש קיין מיצראיִם, קיין קאיִר, קעדיי דאָרט אופצושטעלן א פרײַנטלעכן רעזשים..." דאָס זײַנען שוין אָפענע פאשיסטישע דיבורים. די שטײַגנדיקע געפאר פון פאשיזם באאומרויִקט הײַנט ברייטע קרײַזן אין ייִסראָעל. צײַטונגען פון פארשידענע ריכטונגען זײַנען פול מיט וואָרענונגען, מיט פארגלײַכונגען און אסאָציִאציעס, וועלכע דערמאָנען אין ערעוו פון היטלערישן דײַטשלאנד, דערמאָנען אין איטאליע פון ערעוו מוסאָליני, אין אמעריקע פון מאקארטיס צײַטן. פאראן ניט ווייניק געזעלשאפטלעכע טוער און זשורנאליסטן, וועלכע „רופן אָן דאָס קינד מיטן נאָמען": „אָט אזוי הייבט זיך אָן דער פאשיזם", — שרײַבט ל. ראָן („דער וועג" נומ. 216). וועגן דער רעאלער סאקאָנע פון פאשיזם וואָרנט די צײַטונג אין איר לײַטארטיקל „קעגן פארמאכן דאָס מויל" („דער וועג" נומ. 211).

אין דער רעאקציאָנערער פּרעסע האָבן זיך באוויזן פּאָגראָם־ארויסטרעטונגען מיט א רוף צו „פארמאכן דאָס מויל די אלע, וואָס דערוועגן זיך צו שטימען קעגן גאָלדע מעיִרס רעגירונג פון גענעראלן". ס'איז דערגאנגען דערצו, אז דער אָנפירער פון דער כיירוט־פּארטיי בעגין, ווען ער איז געווען מיניסטער, „האָט געדראָעט ארויסלאָזן אין גאס די שטורעם־אָפּטיילונגען פון דער באוועגונג „גאנץ ערעץ־ייִסראָעל" און ניט לאָזן די שאָלעם־אָנהענגער דעמאָנסטרירן אין די גאסן".

„יונגע וועלף", „שטורעם־אָפּטיילונגען" — מע שעמט זיך שוין ניט פאר דעם פאשיסטישן לעקסיקאָן. די צײַטונג „דער וועג" מאכט פון דעם א געהעריקן פּאָליטישן אויספיר: „מיר רופן אלע אָנהענגער פון שאָלעם און דעמאָקראטיע אין אונדזער לאנד, — זײַט וואכזאם! מיר רופן די קויכעס פון דעמאָקראטיע, — פארייניקט זיך, קעדיי שטעלן א ווידערשטאנד דעם פאשיזם, וועלכער הייבט אויף דעם קאָפּ אין אונדזער לאנד!" („דער וועג" נומ. 211).

אין קאמף פאר דעמאָקראטיע, שאָלעם, קעגן דעם אָנגריף פון רעאקציע באווײַזן די קאָמוניסטן

מוסטערן פון מוט, מאָראַלישער ריינקייט און געטרײַשאַפט דעם פֿאָלק, און קעסיידער פירן זיי זיך אויף ווי פּאַטריאָטן פון זייער לאַנד און איבערצײַגטע אינטערנאַציאָנאַליסטן. דערפאַר טאַקע שרעקן זיך די רעאַקציאָנערן און שאָוויניסטן פאַר דער פּאָליטישער און אידייִשער האַשפּאָע פון די קאָמוניסטן אַף די ברייטע שיכטן פונעם פֿאָלק.

דער אָנגריף פון דער רעאַקציע, די סאַקאָנע פון פאַשיזם איז דירעקט פאַרבונדן מיט דער קריגס־סיטואַציע, מיט דער מיליטאַריזאַציע, מיט דעם, וואָס די אַגרעסיווע און אַוואַנטוריסטיש־געשטימטע גענעראַלן און מיניסטאָרן באַקומען אַ היפשע דייע אין דער רעגירונגס־פּאָליטיק און דאָרשטן אַ באַנײַטן קריג.

אין „דעם וועג“ נומער 221 איז פאַרעפנטלעכט אַ מאַטעריאַל אונטערן קעפּל „די מאַכט נעמען איבער די גענעראַלן“: „אָן מיליטערישע איבערקערענישן, אָן טאַנקען און ביקסן האָבן די אָפיצערן פאַרנומען וויכטיקע פּאָזיציעס אין ווירטשאַפטלעכן לעבן פון ייִסראָעל און דרינגען אַרײַן אין געזעלשאַפטלעכן לעבן און אין דער פּאָליטיק... אַרום 1400 פון זיי, אָנהייבנדיק פון מאַיאָרן און ביז גענעראַלן, זײַנען צעשפּרייט אַף פאַרשיידענע פּאָסטנס“... — אָט די באַהויפּטונג געהערט דעם זשורנאַליסט מאַרקוס פון דער צײַטונג „האַאַרעץ“.

„דער וועג“ אַנאַליזירט די דאָזיקע אַרויסזאָגונג און אויך אַנדערע און וואָרנט: מע דאַרף אויסמײַדן אַזאַ סיטואַציע, וואָס האָט אין גריכנלאַנד געבראַכט צום מיליטערישן רעזשים, וועלכער האָט לאַכלוטן צעטראָטן אַלע דעמאָקראַטישע פרײַהייטן.

קעגן שאָוויניזם און פאַנאַטיזם

די מאַטעריאַלן, וואָס ווערן געדרוקט אין דער צײַטונג, האָבן אַן אידייִש־דערציִערישע באַדײַטונג, זיי זײַנען דורכגעדרונגען מיט בעעמעס הומאַניסטישן אינהאַלט, מיט פעלקער־פרײַנטשאַפט און נאַציאָנאַלן שטאָלץ און זײַנען געריכטעט קעגן דער ראַסיסטיש־שאָוויניסטישער פּראָפּאַגאַנדע, קעגן נאַציאָנאַלער גײַוואַ, אויסדערוויילטקייט און הערשאַפט.

די צײַטונג אַפּעלירט שטענדיק צום סייכל און צום געוויסן פונעם יונגן דאָר און פון זײַנע דערציִער. אין נום. 217 דערציילט זי וועגן דעם, וויאַזוי דעם 15 יוני 1970 זײַנען אין קנעסעט באַהאַנדלט געוואָרן בילדונגס־פּראָבלעמען. דער מיניסטער אַלאָן האָט אָנערקענט, אַז די יוגנט ווערט געצוווּנגען צו לערנען לויט „דער ציִעניסטישער נאָרמע“. דער קאָמוניסטישער דעפּוטאַט ווילנער האָט באַוויזן, וויאַזוי זי זעט אויס, די דאָזיקע נאָרמע: „איך האָב אויך אַ זון אין דער מיטלשול, וועלכער איז נאָך ערעוו מיליטער־דינסט. איך הער, ווי ער לערנט „טוירע שעבאַלפּע“: „יעדעס אָרט, אַף וועלכן ס'וועלן טרעטן אײַערע פיס, וועט זײַן אײַערס. פון דעם מידבער ביז לעוואַנען, פון דעם טײַך פּראַס ביזן לעצטן יאַם וועלן זיך ציִען אײַערע גרענעצן. ס'וועט אײַך קיינער ניט בײַשטיין, און שרעק פאַר אײַך וועט גאָט פאַרשפּרייטן אַף דער ערד, אַף וועלכער איר וועט טרעטן, ווי ער האָט אײַך געזאָגט“. די דאָזיקע ווערטער זײַנען געשריבן אין דער טוירע — מע קאָן, אַזויאַרום, וויסן פון אויסווייניק די גרענעצן, די מאַפּע, וואָס די רעגירונג האָט באַשלאָסן ניט אָנצוצייכענען...“

אַזוי פאַרסאַמט מען די מויכעס פון די קינדער. מיט פּסוקים פון דער טוירע באַרעכטיקט מען די עקספּאַנסיע פון די הײַנטיקע ייִסראָעל־הערשער. דערבײַ איז מאַמעש צו שטוינען פונעם מישמאַש פון רעליגיעזער און וועלטלעכער בילדונג אין אַ ציוויליזירט לאַנד.

אין דער ציִעניסטישער בילדונגס־נאָרמע גייט אַרײַן אויך דער אַנטיסאָוועטיזם. צוליב דעם ווערט געפעלשט די געשיכטע פון די ייִדן אין רוסלאַנד (וועגן דעם, אַגעוו, האָט „סאָוועטיש היימלאַנד“ שוין געשריבן). מ. ווילנער מעלדעט: „די אַנטיסאָוועטישע העצע איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ טאָגטעגלעכער זאָרג פונעם בילדונגס־מיניסטעריום. שווער צו געפינען אין די שולן אַ וואָרט פון קריטיק אין באַצוג צו די דײַטשישע נאַציסטן, וועלכע האָבן פאַרניכטעט זעקס מיליאָן ייִדן; דאַקעגן העצט מען קעגן די סאָוועטן, וועלכע האָבן געראַטעוועט די רעשטלעך ייִדן אין אייראָפּע, ווי אויך דעם ייִדישן יישעוו אין ערעץ־ייִסראָעל“.

די ציִעניסטישע נאָרמע אַנטהאַלט אין זיך נאָך אַזאַ מין „צירונג“, ווי דיסקרימינאַציע פון אַראַבישע קינדער און יוגנטלעכע. „אין 1969 האָבן אין די הויכשולן געלערנט 29.406 סטודענטן, צווישן זיי בלויז 440 אַראַבער, דה. 1,5%, אין דער צײַט, ווען די אַראַבישע באַפעלקערונג באַטרעפט אין ייִסראָעל 12%. ...דאָס איז נאָך ערגער, איידער דער „נומערוס קלאַוזוס““ („דער וועג“ נום. 217).

וועגן דער שאָוויניסטישער רעאַקציאָנערער דערציִונג פונעם אונטערוואַקסנדיקן דאָר און וועגן מאָראַלישן קריזיס, וואָס דראָעט אין רעזולטאַט פון אַזאַ דערציִונג, איז געגאַנגען אַ רייד אַף דעם צונויפקום פון לערער און סטודענטן, וועלכן ס'האָט אָרגאַניזירט אַ גרופּע אָנגעזעענע פּראָפעסאָרן פונעם העברעיִשן אוניווערסיטעט. די טעמע פונעם צונויפקום איז געווען „דער ייִסראָעל־אַראַבישער קאָנפליקט און זײַנע דערציִערישע קאָנסעקווענצן אין דער מיטלשול“.

דער פּראָפעסאָר סימאָן האָט אָנגעוויזן, אַז די פּראַקטיק פון שיקן גלײַך פון דער שול־באַנק די

יוגנט אין דער אַרמיי דערוועקט בא איר דעם געפיל פון שרעק, טאָמער וועט זי ניט באַוויזן האַנאָע האָבן פונעם לעבן, און דערפון נעמט זיך דער ווילן צו פאַרברענגען און זיך פאַרווײַלן אָן שום ציל און מאָס, צו דעם אַלגעמיינעם פאַרלירן פון ווערטן. דער פּראָפעסאָר טאַלמאַן האָט אונטערגעשטראָכן, אַז אַזעלכע געדאַנקען, ווי „די גאַנצע וועלט איז קעגן אונדז", אָדער „אַלע זײַנען וועלף, און מיר זײַנען שעפּסן", — געדאַנקען, וועלכע ווערן אָפט געפּריידיקט, ברענגען מיט זיך פאַנאַטיזם און פאַרדאַכט, זיי פאַרהייליקן מילכאָמע און אָקופּאַציע.

נאַטירלעך, מע דאַרף ניט באַטראַכטן די יוגנט פון ייִסראָעל ווי א „פאַרלוירענעם דאָר". צווישן די שילער און סטודענטן הערט זיך הויך דאָס קאָל פון קעגנערשאַפט צו דער ראַסיסטישער, שאָוויניסטישער דערציִונגס־פּראָגראַם, צו דער מילכאָמע־פּאָליטיק פון דער רעגירונג. פּראָטעסט־מיטינגען, דעמאָנסטראַציעס פון יוגנטלעכע קומען איצט פאָר גאַנץ אָפט. אין לאַנד איז טעטיק א „קאָמיטעט פון שילער און סטודענטן צו פאַרטיידיקן די מענטשן־רעכט", — אינפאָרמירט „דער וועג".

דער פאַנאַטיזם אין ייִסראָעל האָט זיך ווי א כמאַרע אַראָפּגעלאָזט אויפן לעבן פון דער פרוי און ברענגט איר שטאַרקע ליידן. רוט ליוביטש האָט אין איר טעמפּעראַמענטפולער רעדע אויף דער קאָנפערענץ פון די דעמאָקראַטישע פרויען געוואָרפן א באַגרינדעטן פאַרוווּרף די פאַנאַטיקער: „די רעליגיעזע קרײַזן טרעטן אַרויס קעגן פאַלמעסן טויטע, אָבער עס אַרן זיי ניט די ליידן פון די יונגע אַלמאָנעס, וועמענס מענער זײַנען געפאַלן אין קריג און זיי מוזן וואַרטן אויף כלוצע און קענען ניט כאַסענע האָבן, ביז עס וועט ניט אונטערוואַקסן דעם מאַנס ברודער..." („דער וועג" נומ. 192). אין אַזאַ לאַגע פון די פרויען אין ייִסראָעל איז שולדיק די רעגירונג, אין וועלכער עס האָבן א גרויסע ווירקונג די רעליגיעזע פאַרטייען.

די לייענער פון „סאָוועטיש היימלאַנד" וויסן שוין וועגן דער דיסקוסיע אין דער קנעסעט אויף דער טעמע „ווער איז א ייִד". „דער וועג" האָט געניי מיטגעטיילט וועגן דעם, ווי די געזעלשאַפטלעכע מיינונג האָט אָפּגענומען דעם געזעץ־פּראָיעקט וועגן רעגיסטרירן די נאַציאָנאַליטעט, לויט וועלכן ס'איז צו זען, אַז די רעגירונג איז אײַנגעגאַנגען אויף רעליגיעזן צוואַנג. „טויזנטער דעמאָנסטראַנטן פון פאַרשיידענע ריכטונגען, דעריקער יוגנט, האָבן זיך צונויפגעזאַמלט פאַרן בנין פון דער קנעסעט אויף א פּראָטעסט־מאַניפעסטאַציע... די דעמאָנסטראַנטן האָבן געטראָגן טראַנספּאַראַנטן מיט לאָזונגען: „אָפּטיילן די רעליגיע פון דער מעדינע!", „קעגן רעליגיעזן צוואַנג!", „פרײַהײַט פון געוויסן!". און „דער וועג" מאַכט אַן אויספיר: „די אײַנדרוקספולע דעמאָנסטראַציע האָט באַוויזן, אַז עס זײַנען פאַראַן אין לאַנד ברייטע מאַסן, צווישן זיי א סך יוגנטלעכע, וועלכע זײַנען גרייט צו קעמפן פאַר גערעכטע דעמאָקראַטישע צילן".

קעגן אַנטיסאָוועטיזם

דער אָנגריף פון דער רעאַקציע באַקומט איר עקלהאַפטן אויסדרוק אין דעם אַנטיסאָוועטיזם. די אַנטיסאָוועטישע העצע איז געוואָרן א באַשטאַנדטייל פון דער רעגירונגס־פּאָליטיק.

צוויי בילבולים זײַנען אין ייִסראָעל אין גאַנג. דער ערשטער בילבול: דער ראַטנפאַרבאַנד איז קלוימערשט קעגן דעם קיִעם פון ייִסראָעל; דער צווייטער בילבול: די סאָוועטישע ייִדן ווילן קלוימערשט פאַרלאָזן זייער לאַנד און זיי נייטיקן זיך אין דער „שוץ פון ייִסראָעל".

דעם יעזויִטישן ליגן פון די פּראָפּאַגאַנדיסטן פון קאַלטן קריג שטעלט „דער וועג" אַנטקעגן דעם אומבאַשטרײַטבאַרן עמעס און פירט א געדולדיקע אויפקלערונגס־אַרבעט, געפינט די נייטיקע ווערטער פאַר די, וואָס באַגייען א טאָעס אין אָפּשאַצן די באַציִונג פונעם ראַטנפאַרבאַנד צו די פּראָבלעמען פון נאָענטן מיזרעך.

א פּילבאַרער קלאַפּ איבער דער אַנטיסאָוועטישער העצע איז געווען דאָס פאַרעפנטלעכן אין „דעם וועג" מ. ווילנערס „רעדע, וואָס איז ניט געהאַלטן געוואָרן". פאַרוואָס איז די רעדע ניט געהאַלטן געוואָרן? ווען די ייִסראָעלדיקע רעגירונג האָט אײַנגעשלאָסן אין טאָג־סיידער פון דער קנעסעט די אַזוי־גערופענע „פּראַגע וועגן דער לאַגע פון די ייִדן אין סאָוועטנפאַרבאַנד", איז צוגעזאָגט געוואָרן א באַהאַנדלונג, דה. א דיסקוסיע, אָבער אין לעצטן מאָמענט האָט די רעגירונג כאַראָטע געהאַט און איז אַרויסגעטראָטן מיט אַן אָפּיציעלער העצערישער מעלדונג קעגן ראַטנפאַרבאַנד, ניט דערלאָזנדיק קיין וויקוכים. שוין דאָס אַליין איז נאָך איין סימען פון אַנטידעמאָקראַטישע דיקטאַטאָרישע זיטן, פון מוירע פאַרן עמעס.

די רעדע, וואָס איז ניט געהאַלטן געוואָרן, ווערט געלייענט מיט געשפּאַנטן אינטערעס. לויטן סטיל, לויט דעם פּאָלעמישן טעמפּעראַמענט איז עס א מוסטער פון קאָמוניסטישער פּובליציסטיק. די ציִוניסטן שטעלן פאָר די ייִסראָעל־מילכאָמע, ווי א מילכאָמע פונעם ייִדישן פאָלק, זיי אידענטיפיצירן ציִוניזם און ייִסראָעל, ייִדן און ציִוניסטן. די ייִסראָעל־רעגירונג האָט גענומען אויף זיך, אָן קיינעמס מאַנדאַט, די ראָליע פון א „באַשיצער פון די סאָוועטישע ייִדן". מ. ווילנער ענטפערט די ייִסראָעל־מיניסטאָרן: „מע דאַרף ראַטעווען דאָס ייִדישע פאָלק פון אײַך און פון

אײַערע אמעריקאנער אפּעטראָפּסים. אין אײַך און אין זיי ליגט די סאַקאַנע פארן ייִסראָעל־פאָלק".

אין ווילנערס רעדע הערן מיר די שטים פון די דרייסטע קעמפער קעגן פעלקער־סינע, פאר פרײַנטשאפט צווישן די פעלקער: „צוליב די אינטערעסן פונעם פאָלק פון ייִסראָעל, אין נאָמען פון שאָלעם און זיכערקײַט פאָדערן מיר פון אײַך: גענוג! הערט אוף די אנטיסאָוועטישע העצע, וואָס איז א העצע קעגן שאָלעם, קעגן ייִסראָעלס זעלבשטענדיקײַט. דער ראַטנפארבאַנד איז א פרײַנט פון אַלע פעלקער, אײַנגעשלאָסן ייִסראָעל" (מ. ווי ל נ ע ר. „אנטיסאָוועטישע העצע פון דער רעגירונג — אן אומגליק. רעדע, וואָס איז ניט געהאַלטן געוואָרן". „דער וועג" נומ. 202).

צוגעגנגלעך און גוט ארגומענטירט איז דאָס ארטיקל פון רות ליוביטש „וועמען דינט עס און וועמען טרעפט עס?", וואָס איז פארעפנטלעכט געוואָרן אין „דעם וועג". געלונגען פּאָלעמיזירט דער אווטאָר מיט א ייִסראָעלדיקן מיניסטער, וועלכער בלאָזט אין טרומייטן צו קאָל־ייִסראָעל און רופט „ראַטעווען" די סאָוועטישע ייִדן; אייגנצײַטיק רעדט ער זיך ארויס, אז פון דער מעדינע גופע האָבן עמיגרירט מער פון 100 טויזנט מענטשן, און ניט געקוקט אף האַלוואָעס און אנדערע פּריווילעגיעס, וואָס מע האָט זיי צוגעזאָגט, האָבן זיך צוריק אומגעקערט בלויז 7 טויזנט. רות ליוביטש גיט א קלוגע אייצע: „גוט וועט טאָן דער מיניסטער, אויב ער וועט זײַן ענערגיע אָנווענדן ניט אף „ראַטעווען" די ייִדן פון ראַטנפארבאַנד, נאָר אף פארזיכערן אָנשטענדיקע עקזיסטענץ־באדינגונגען פאר אײַנגעזעסענע און נײַגעקומענע בירגער" („דער וועג" נומ. 236).

„דער וועג" איז א קוואַל פון וואָרהאַפטיקער אינפאָרמאציע, וואָס העלפט די לייענער זיך אנטקעגנשטעלן דער טענדענציִעזער, ביידזוויליקער אָפיציִעלער אינפאָרמאציע אין ייִסראָעל וועגן דעם לעבן אין סאָוועטנפארבאַנד.

פאר ייִסראָעל־אראבישער פרײַנטשאפט

די אידיי פון פעלקער־פרײַנטשאפט, פון ייִסראָעל־אראבישער פארברידערונג ווערט ברייט פּאָפּולאריזירט אין דער צײַטונג. דאָס לעבן אין ייִסראָעל איז רײַך ניט נאָר מיט קאָנפליקט־סיטואציעס, נאָר אויך מיט בײַשפּילן פון פרידלעכע צווישנבאציִונגען פון ייִדן און אראבער, באזונדערס פון ייִדישע און אראבישע ארבעטער, וועמענס געמיינזאמע אינטערעסן באקומען אן אויסדרוק אין אינטערנאציִאָנאלן באשטאַנד פון דער ייִסראָעלדיקער קאָמוניסטישער פּארטיי און פון קאָמסאָמאָל, פון אזעלכע אָרגאניזאציעס, ווי דער דעמאָקראטישער פרויען־פארבאַנד, די פרײַנטשאפט־באוועגונג מיטן סאָוועטנפארבאַנד, די שאָלעם־באוועגונג, ווי אויך אין די שעפערישע פרײַנטלעכע קאָנטאקטן צווישן די געלערנטע און שרײַבער פון ביידע פעלקער. „סאָוועטיש היימלאַנד" האָט אין קאָנטאקט מיט „דעם וועג" גענוי אינפאָרמירט וועגן די דרײַ מערקווירדיקע באגעגענישן פון די ייִדישע און אראבישע שרײַבער. גרויס איז די מאָראליש־פּאָליטישע ווערט פון אזעלכע באגעגענישן, ווײַל זיי דעמאַסקירן פאר דער עפנטלעכקײַט די פאַלשע ווערסיע, אז ס'איז קלוימערשט ניטאָ קיין אנדער ברייִרע, אייִדער אָנרייצן איין פאָלק אפן צווייטן און צעבלאָזן צווישן זיי דעם קריג. אין ייִסראָעל הערט זיך אַלץ שטאַרקער דאָס קאָל פון יענע שרײַבער, וועלכע האָבן ניט פארלאָרן דאָס געפיל פון אַכרײַעס. זייער פּאָזיציע קאָן באצייכנט ווערן מיט די ווערטער, וועלכע ס'האָט בעשײַטע פארשריבן, ווי א לייטמאָטיוו פון זײַן שאפונג, איינער פון די גרעסטע איווריט־שרײַבער, דער באַוווסטער שאָלעם־קעמפער מאָרדכע אווי־שאול: „אויב א קריגערײַ וועט מאכן מוטנע די דורכזיכטיקע וואסערן פונעם יאַרדן, זאָלט איר, האַרעפּאַשניקעס, וואָס האָבן זיך ניט אונטערגעגעבן דעם דאָזיקן האַס, איבערוואַרפן מיך, ווי א בריק, און שפּאַנען אייִנער דעם אנדערן אנטקעגן". (מיר דערמאָנען זיך איצט אויך אווי־שאולס פּאָעמע וועגן וויעטנאַם, וואָס איז געווען געדרוקט בא אונדז אין „סאָוועטיש היימלאַנד" און אין וועלכער עס קלינגען די זעלבע שאָלעם־ליבנדיקע מאָטיוון).

אײַנדרוקספול איז געווען די לאַנד־טרעפונג פון דער ייִדישער און אראבישער יוגנט אין כײַפע דעם 25 דעקאַבער פאָריקס יאָר, געווידמעט דעם 25־טן יאָרטאָג פון דער אַלוועלטלעכער פעדעראציע פון דער דעמאָקראטישער יוגנט. די טרעפונג איז דורכגעפירט געוואָרן אונטער די לאָזונגען „זאָל לעבן די פרײַנטשאפט פון דער ייִדישער און אראבישער יוגנט!" און „אָקופּאציע און שאָלעם קאָנען ניט זײַן צוזאמען!". אונטערן צייכן פון ייִסראָעל־אראבישער פרײַנטשאפט איז סאָף יאנואר ד. י. דורכגעגאנגען דער פרויען־צוזאמענפאָר, אין וועלכן ס'האָבן אָנטיילגענומען ייִדישע און אראבישע דעלעגאטקעס פון דעם גאנצן לאַנד. די קאָמיסיע אף צוגרייטן דעם צוזאמענפאָר האָט זיך געווענדט מיט אן אופרוף „פאַרזיכערן דעם שאָלעם, פארזיכערן די גלײַכהײַט פאר דער פרוי": „דו ווילסט, עס זאָל אופהערן די מילכאָמע און ס'זאָל קומען דער שאָלעם צווישן אונדזער לאַנד און די אראבישע לענדער. צוזאמען מיט דיר ווילן דאָס א סאַך פרויען, טויזנטער, טויזנטער... ס'איז נייטיק, מע זאָל מער ניט הארגענען יונגע ייִדן און אראבער, עס זאָלן מער זיך ניט באווײַזן אין די צײַטונגען קיין יונגע פּענעמער אין שווארצע ראַמלעך, ס'זאָל ניט וואקסן די צאָל אינוואלידן"...

„דער וועג" דערציילט וועגן דעם, ווי עס ווילדעווען די עקסטרעמיסטן פון ביידע צדאָדים.

ווען אראבישע עקסטרעמיסטן האָבן אופגעריסן דעם פּאסאזשיר־אעראָפּלאן „סוויסאיר“, האָבן מענטשן פון גוטן ווילן געפונען א ווירדיקע אָפּשאצונג פון אָט דעם טעראָריסטישן אקט אין דער ארויסטרעטונג פונעם קאָמוניסטישן דעפּוטאט אין קנעסעט, דעם אראבער כאביבי:

„...אומשולדיקע פרויען און מאנצבלען, ייִסראָעלים און אנדערע, האָבן פארלאָרן זייערע לעבנס אין דער דאָזיקער דערשיטערנדיקער טראגעדיע. מיר קענען פארשטיין דעם שווערן פארדאכט, אז איינע פון די פּאלעסטינער אָרגאניזאציעס האָט דאָ צוגעלייגט א האנט. מיר האָבן פארורטיילט און וועלן פארורטיילן יעדן בארבארישן נעקאָמע־אקט, פון וועלכן צאד ער זאָל ניט קומען... די קאָמוניסטן וועלן פאָרזעצן דעם קאמף פאר אויספילן דעם באשלוס פון זיכערהײַטס־ראט פון 22 נאָיאבער 1967 און דערמיט פארזיכערן דאָס לעבן פון די מענטשן אין דער לופט און אף דער ערד“ („דער וועג“ נומ. 200).

די קאָמוניסטן דעמאסקירן טאָג־אײַן טאָג־אויס די גאזלעוואָיעס פון די ייִסראָעלדיקע עקסטרעמיסטן. ווי נאָר עס איז באוווסט געוואָרן, אז עס איז באָמבארדירט געוואָרן א קינדער־שול אין מיצראַיִם, האָט דער דעפּוטאט ווילנער גלײַך אָפּגעשיקט אין קנעסעט אן אינטערפּעליאציע, וועלכע אנטהאלט די שטרענגסטע פארורטיילונג פון די רעציכעס. „די באָמבארדירונג פון דער פאָלקס־שול אין מיצראַיִם, בייס וועלכער עס זײַנען דערהארגעט געוואָרן 30 קינדער און 36 קינדער זײַנען פארוווּנדעט געוואָרן, האָט אופגעטרייסלט די עפנטלעכע מיינונג אין ייִסראָעל און אין דער גאנצער וועלט. דאָס איז א בארבארישער אקט, וועלכן יעדער ערלעכער מענטש איז פארפליכטעט צו טאדלען און פארורטיילן. די צינישע אופקלערונגען פונעם זיכערהײַטס־מיניסטער מ. דאיאן, וועלכע ווארפן ארויף די שולד פארן מאָרד אף די דערמאָרדעטע, זײַנען א נײַער רינג אין קייט פון די פארברעכנס“ („דער וועג“ נומ. 207).

אין איינעם פון די הײַנטצײַטיקע „הייסע פונקטן“ פון דער וועלט, דאָרט, ווו עס ווילדעוועט דער שאָוויניזם און די לופט איז פול מיט א געדיכטן טשאד פון פעלקער־סינע, האָבן די קאָמוניסטן הויך אופגעהויבן און דרייסט פאנאנדערגעוויקלט די פאָן פון פּראָלעטארישן אינטערנאציאָנאליזם און פעלקער־פרײַנטשאפט.

דאָוויד דראַגונסקי

צוויי מאָל העלד פון סאָוועטנפאַרבאַנד,
גענעראַל־פּאָלקאָווניק פון טאַנקען־מיליטער

מענטשן אַף דער מילכאָמע

דאָקומענטאַלע דערציילונג

אַף די פראָנט־וועגן

אָ ון איצט לאָמיר ווידער זיך אומקערן צו די טרויעריקע געשעענישן פון האַרבסט 1941, צו יענער צײַט, ווען מיר זײַנען געצוווּנגען געווען אָפּטרעטן אַף מיזרעך.

דער האַרבסט האָט אַראָפּגעריסן פון די ביימער די פאַרגעלטע בלעטער, די וועלדער זײַנען שיטער געוואָרן, און צווישן די שטאַמען האָט מען גוט געזען די הוילע אומגעגנט — יישוווים און דערפער, אין וועלכע עס האָבן זיך איצט געפונען פײַנטלעכע קאָמאַנדעס.

מיט יעדער שלאַכט זײַנען מיר מער און מער אָפּגעשוואַכט געוואָרן, דערפאַר טאַקע האָבן מיר זיך געסטאַרעט אויסצומײַדן פראָנטאַלע אַטאַקעס און זײַנען פאַרבײַגעגאַנגען די ערטער, וווּ עס האָבן זיך פאַרפעסטיקט די דײַטשן.

אינדערפרי האָבן מיר פאַרלאָזט דעם וואַלד. די טויבע אַרטילעריע־דונערײַ, די פײַערדיקע פײַלן, וועלכע האָבן צעשניטן דעם הימל, האָבן איידעס געזאָגט, אַז דער פראָנט איז ניט ווײַט.

מיר האָבן, נאַטירלעך, פאַרשטאַנען, אַז אונדז שטייען פאָר גרויסע שוועריקײַטן. פון דעם לעצטן שפּרונג, וועלכן מיר דאַרפן מאַכן הײַנט באַנאַכט, איז אָפּהענגיק דער גוירל פון צוויי טויזנט מענטשן.

פון די ביימער, אַף וועלכע מיר האָבן זיך אַרופגעדראַפּעט, האָבן מיר מיט דער הילף פון בינאָקלען און אַרטילעריסטישע מאַכשירים נאָכגעשפּירט די מאַשינעס, וועלכע זײַנען די גאַנצע צײַט געגאַנגען איבערן וועג רזשעוו—סיטשאָווקע.

עס האָבן זיך געצויגן טאַנקען אין איין קאָלאָנע מיט געווייִנלעכע לאַסט־אויטאָמאָבילן, גע־דעקטע פורגאָנען און אָבאָזן. ס'איז ניט שווער געווען זיך אָנצושטויסן, אַז דער סוינע וואַרפט איבער זײַן מיליטער אין דער ריכטונג פון סיטשאָווקע, גזשאַטסק, מאָזשײַסק, קעדיי צו פאַר־שטאַרקן די הויפּט־גרופּירונג, וואָס רײַסט זיך קיין מאָסקווע.

אומבאַמערקט איז צוגעפאַלן די נאַכט. אַף אַ גרויס פעלד, וואָס האָט זיך אויסגעשפּרייט ביז צו אַ טיפער באַלקע, האָבן מיר זיך אויסגעשטעלט אין אַן אויסטערלישער קאָלאָנע, וואָס איז ניט פאָרויסגעזען אין קיין שום סטאַטוט. פּופּציק רייען אין דער ברייט און אין דער טיף האָבן אויס־געבילדעט אַ מעכטיקן קוואַדראַט. די ערשטע און די לעצטע שערענגעס און אויך אַלע רייען אַף די פלאַנגען, באַוואָפנטע מיט גראַנאַטעס, קוילנוואַרפער און אויטאָמאַטן, זײַנען גרייט געווען מיט אַ שקוואַל פון פײַער קיינעם ניט דערלאָזן אַרײַנדרינגען אין דער לעבעדיקער פעסטונג. אַלע זײַנען שטיל געבליבן, מיט די לעצטע קויכעס האָבן די פאַרווונדעטע געשטיקט אין זיך דעם

פאַרזעצונג. זע „סאָוועטיש היימלאַנד“ נומ. 3, 1971.

װײטעק און ניט אַרױסגעלאָזט קײן קרעכץ. די פֿאַרװוּנדעטע און די קראַנקע האָבן מיר באַלײגט
אױף פֿלאַשטש־פּלאַטקעס, אױף טראָגבעטלעך און פּראָסט אױף דרענגלעך און זײ באַהאַלטן אין דער
סאַמע מיט פֿון דער קאָלאָנע. מיר האָבן אַװעקגעװאָרפֿן די קאָטעלאָקלעך און די אַליומיני־קװוערט־
לעך, כּדי זײ זאָלן פֿון אַ צופֿעליקן קלאַפּ קײן קלונג ניט טאָן — דאַכט זיך, אַ קלײניקײט, נאָר
דאָס װאָלט געקאָנט אַרונטעררײַסן אונדזער פּלאַן פֿון אומגעריכטן אָנפֿאַל.

באַ די זײַטן פֿון דער הױפּט־קאָלאָנע — אױף אַ מעהאַלעך פֿון צװײ־דרײַ קילאָמעטער זײַנען
געגאַנגען גרױסע אָטריאַדן צו צװײ הונדערט מאַן יעדערער.

די װײַזערס פֿונעם זײגער האָבן זיך דערנענטערט צו 24.00. די פֿלאַנג־אָטריאַדן האָבן זיך
געלאָזט אין װעג, און נאָך זײ — די הױפּט־קאָלאָנע.

נאַטירלעך, אַז דאָס באַװעגן זיך פֿון אַזאַ גרױסער צאָל מענטשן האָט געמוזט אַרױסרופֿן אַ
געװיסן טומל. דאָס שורשען פֿון דעם גראָז אונטער די פֿיס האָט דערמאָנט דעם רױש פֿון כװאַ־
ליעס אין יאַם. װי די מענטשן האָבן זיך ניט געהיט, האָט דאָך אַלע מאָל עמעצער אָנגעהױבן
הוסטן... אומענדלעך לאַנג האָט געדױערט די דאָזיקע נאַכט, די קילאָמעטערס האָבן זיך געצױגן
אָן אױפֿהער, און די צײַט האָט זיך װי אָפּגעשטעלט. שױן צװײ שאָ, װי מיר שפּאַנען, און האָבן נאָך
אַלץ ניט דערגרײכט צו דעם װעג, װאָס מיר דאַרפֿן. אין דער ריכטונג פֿון סיטשאָװקאַ גײען די
גאַנצע צײַט דײַטשישע טאַנקען, עס אײַלן זײערע מאַשינעס מיט אָנגעצונדענע פֿאַרעס. עס האָט
זיך געקאָנט דוכטן, אַז אין דעם ראַיאָן װײסן די דײַטשן ניט פֿון קײן שום מילכאָמע. און פּלוצעם...
האָט אַ שיסערײַ פֿון אױטאָמאַטן צערודערט די שטילקײַט פֿון דער נאַכט. ראַקעטעס, װי בליצן,
האָבן גענומען באַליכטן די װאָלקנס אין הימל. דעמאָלט האָבן מיר געמאַכט די לעצטע אָנשטרענ־
גונג און פֿאַרכאַפּט דעם װעג, אים „אָנגעזאָטלט“, װי מיליטערלײַט רופֿן דאָס אָן. סאָפּקאָלסאָף
האָבן מיר דורכגעבראָכן דעם „טױער“, און דורך אים האָט אַ פֿלײץ געטאָן אַ כװאַליע פֿון מענטשן,
מענטשן פֿאַרמאַטערטע פֿון אומופֿהערלעכע מאַרשן, שלאַכטן, מענטשן, װעלכע זײַנען גרײט געװען
צעשמעטערן אַלץ, װאָס שטײט זײ אין װעג, אױף צו דערגרײכן זײער ציל.

די דײַטשישע טאַנקען האָבן אין פּאַניק זיך געלאָזט אױף צוריק, די שאָפֿערן, װעלכע ס׳איז
שװער געװען צו פֿאַרקערעװען אױפֿן שמאָלן װעג, האָבן אַרײַנגעיאָגט די מאַשינעס אין די קיװועטן,
די אַרטילעריסטן האָבן פֿאַרלאָזט די האַרמאַטן און געמאַכט די פּלײטע. מיר זײַנען געװאָרן די
פֿולשטענדיקע באַלעבאַטים פֿון דעם דאָזיקן שטיק װעג. יעדערן פֿון אונדז האָט זיך געװאָלט נױ־
קעם זײַן אין סױנע — אים באַשיסן פֿון קױלנװאַרפֿערס, װאַרפֿן אין אים גראַנאַטעס — אױס־
לאָזן צו די װיסטע פֿאַשיסטן דעם גאַנצן קאַס און סינע, װאָס איז אָנגעזאַמלט אין האַרצן.

מיר האָבן זײער גוט פֿאַרשטאַנען, אַז דער קעגנער װעט גיך קומען צו־זיך און זיך אַנטקעגנ־
שטעלן. דערװײַל זײַנען אונטערגעקומען נײַע דײַטשישע קאָלאָנעס, װעלכע האָבן ניט געװוּסט,
װאָס עס קומט פֿאַר אױפֿן װעג צאָפּנדיקער פֿון אָסוגי. פֿאַר אונדז איז איצט זײער װיכטיק געװען
ניט אַרײַנצײַען זיך אין דער אַזאַרטער שפּיל, זיך אָפּרײַסן פֿון די היטלעריסטן און נאָך ביז פֿאַר־
טאָג זיך פֿאַרײניקן מיט אונדזער מיליטער — אַזאַ אױפֿגאַבע האָבן מיר פֿאַר זיך טאַקע געשטעלט
און זײַנען גרײט געװען דערפֿאַר אָפּגעבן דאָס לעבן.

ס׳איז אױסגעקומען אָנצװוּענדן אַלע קרעפֿטן, כּדי אַװעקפֿירן נאָך זיך די מענטשן, װאָס
האָבן ניט געקאָנט קילן זײער צאָרן. איך האָב געשריִען ביז הײזעריק צו װערן: „נאָך מיר!“
„נאָך מיר!“ „פֿאָרױס!“ נאָר מע האָט מיך ניט געהערט. דאַן האָבן מיר געמוזט אױסבילדן אַן
ענגן קרײַז אַרום דעם קאָמדיװ און אַזױ זיך אַ לאָז טאָן איבערשנײַדן דעם װעג. װי אַ שנײ־קױל,
האָט גענומען אונדזער גרופּע באַװאַקסן װערן מיט מענטשן. ביסלעכװײַז האָט דער גאַנצער אָט־
ריאַד זיך געלאָזט נאָך אונדז.

דער װאַלד איז געװען שװאַרץ, און ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז ער שװימט אין אַ נעפּל. ס׳איז
שױן געװען פֿינף אַזײגער — ס׳האָט זיך אָנגערוקט דער באַגינען, און מיר זײַנען אַלץ געגאַנגען
אױף צאָפֿן־מיזרעך. כאָטש די פֿיס זײַנען געװען װי אָנגעגאָסן מיט בלײַ און ניט געװאָלט פֿאָלגן,
האָבן מיר אױף קײן מינוט זיך ניט אָפּגעשטעלט. די װאַלד־שטעגן און דער אױסגעפֿאָרענער װעג
האָבן אונדז אַרױסגעפֿירט אױף אַ ברײטער לאָנקע, אױף װעלכער עס זײַנען געשטאַנען דײַטשישע
האַרמאַטן מיט פֿאַריסענע רערן צום הימל. הינטער דער אַרטילעריע זײַנען געשטאַנען אין אַ רײ
מאַשינעס, אָנגעלאָדענע מיט סנאַריאַדן. קײן שום װאַך, קײן שום באַװעגונג איז דאָ ניט געװען
צו באַמערקן. ס׳איז קלאָר געװען, אַז די דײַטשן איז אױפֿן זינען ניט געקומען, אַז דאָ, אין הינטער־
לאַנד, קאָנען זיך באַװײַזן סאָװעטישע סאָלדאַטן. פֿון אומגעריכטקײַט האָבן זײ זיך פֿאַרלױרן, ניט
באַנומען, װאָס ס׳איז פֿאָרגעקומען. פֿאַר אונדז אַלײן איז די דאָזיקע באַגעגעניש אױך געװען אומ־
דערװאַרט. ערשט אין אַ צײַט אַרום זײַנען מיר געקומען צו־זיך און זיך אַרופֿגעװאָרפֿן אױף די
האַרמאַטן, מאַשינעס. באַשאָסן מיט גראַנאַטעס די קעסטלעך מיט סנאַריאַדן. די דײַטשישע אַרטיר־

לעריסטן זײַנען ניט אַרײַנגעטראָטן מיט אונדז אין קיין געפעכט, נאָר צעקראָכן זיך אין די קוס־טעס און דערנאָך אינגאַנצן פאַרשוווּנדן געוואָרן אין וואַלד.

דאָס סאָוועטישע מיליטער, וואָס האָט זיך געפונען עטלעכע קילאָמעטער פונדאַנען, האָט, נאַטירלעך, ניט פאַרשטאַנען, וואָס עס קומט פאָר בא דעם סוינע, וואָס איז דאָס פאַר אַן אופּרײַסן, פונוואַנען האָבן זיך גענומען די סרייפעס?

צעקלאַפּט דעם פײַנטלעכן אַרטילעריסטישן דיוויזיאָן, האָבן מיר גלײַך פאַרלאָזט די לאָנקע. א צײַט זײַנען מיר געגאַנגען פּאַרזיכטיק, ווי מע זאָגט, טאַפּנדיק דעם וועג, קעדיי ניט אָנטרעפן אף קיין דײַטשישער טייל. אינגיכן איז אָבער די שטילקייט צעשטערט געוואָרן. פון דעם אַנט־קעגנדיקן וואַלד, ערגעץ פון מיזרעך, האָט א הילך געטאָן אונדזער אַרטילעריע. איבער אונדזערע קעפּ זײַנען דורכגעפלויגן הונדערטער סנאַריאַדן. ווען מיר האָבן זיך אומגעקוקט אף צוריק, האָבן מיר געזען, ווי די סנאַריאַדן האָבן זיך געלייגט אף דער לאָנקע, וועלכע מיר האָבן דאָ ניט לאַנג פאַרלאָזט. איבעריאָגנדיק די אַרטילעריסטישע סנאַריאַדן, האָבן איבערן ראַנד פון וואַלד זיך א שאָט געטאָן טויזנטער טראַסירנדיקע קוילן — דאָס האָבן גענומען ריידן די סאָוועטישע קוילנ־וואַרפערס.

איצט איז געקומען די צײַט, מיר זאָלן צו וויסן געבן וועגן זיך.

אַנטקעגן די פליענדיקע סנאַריאַדן און קוילן האָבן מיר אַרויסגעלאָזט אַזאַ פײַערווערק, אַז קיינער פון אונדז האָט נאָך אַזעלכס ניט געזען. ראַקעטעס פון קאַלערליי קאָלירן האָבן באַליכטן דעם הימל. אונדזערע געשרייען „הוראַ!" האָבן פאַרהילכט דעם אַרום. דער „הוראַ" האָט זיך געקײַקלט אַלץ ווײַטער אף מיזרעך. באַהערשט פון א גוואַלדיקן דראַנג, האָבן מיר ניט באַמערקט, ווי מיר זײַנען אַרײַן אין עפּעס א דערפל. פון די הײַזער זײַנען אַרויסגעשפּרונגען דײַטשן און זיך געלאָזט לויפן אף מײַרעוו, און איבער אונדז האָבן אָן אופּהער געפּלאַצט פאַרשיידנקאָליריקע ראַקעטעס.

„ברידער, מיר זײַנען אייגענע!", „כאַווײרים, מיר זײַנען רוסישע!", „הו־ראַ!"

נאָך איין סעריע ראַקעטעס האָט זיך אופגעריסן צום הימל. א לעצטער שפּרונג, און מיר זײַנען אַרײַנגעפאַלן אין די אָרעמס פון אונדזערע פרײַנט.

אינעם ראַיאָן פון סטאַריצע האָט די גרופּע פונעם גענעראַל סטאַראָזשענקאָ, וועלכע איז אַרײַנגעגאַנגען אינעם באַשטאַנד פון דער 220־טער דיוויזיע, געפירט פאַרביטערטע שלאַכטן. אין דער דאָזיקער דיוויזיע זײַנען איבערגעגעבן געוואָרן די טיילן פון אונדזער 242־טער שיסער־דיוויזיע, וועלכע זײַנען אַרויס פון דער אַרומרינגלונג. אַזויאַרום בין איך אַרײַנגעפאַלן אין אײנער פון די טיילן, וועלכע האָבן געהאַט די ערע צו פאַרטיידיקן די צוטריטן פון אונדזער הויפּטשטאָט.

בייסן צוריקמאַרש איז אומגעקומען מײַן געטרײַער פרײַנט, דער פעלדשער לאַפּטיעוו. דער דאָקטער ליודמילאַ פּיאַדאַראַווא איז אויסגעשטאַנען אַלע ניסיוינעס פון די ערשטע כאַדאָשים פון דער מילכאָמע און איז איצט געבליבן צוזאַמען מיט מיר אף איין פראָנט־באַצירק. וויקטאָר סעמיאָנאָוויטש גלעבאָוו איז געוואָרן דער שעף פונעם שטאַב פון דער מיליטער־גרופּירונג, מיט וועלכער ס'האָט אָנגעפירט דער גענעראַל כאָרוזשענקאָ, מיך האָט מען געשיקט צו זיי אַלס שעף פון דער אויסשפּירונג.

נעכטן האָב איך דערפרייט גלעבאָוון און דעם גענעראַל כאָרוזשענקאָ, כ'האָב זיי צוגעשטעלט דרײַ געפאַנגענע. די באַווײַזן זייערע זײַנען געווען פאַר אונדז ביז גאָר וויכטיק. מיט עטלעכע טעג צוריק האָט זיך מיר אײַנגעגעבן אַריבערצוּוואַרפן אין הינטערלאַנד פונעם פײַנט א גרופּע מיידלעך קאָמיוגיסטקעס פון די אַרומיקע דערפער, און הײַנט באַנאַכט האָבן זיי זיך בעשאָלעם אומ־געקערט צוריק און באַשטעטיקט די באַווײַזן פון די געפאַנגענע דײַטשן.

אין א גוטער שטימונג בין איך איבערגעטראָטן די שוועל פונעם שטיבל, ווו עס האָט זיך געפונען דער שעף פונעם שטאַב. ער האָט, ווי געוויינלעך, מיך באַגעגנט פרײַנטלעך, געמאַכט עטלעכע שפּאַן מיר אַנטקעגן, א פּאָר פּעטשלעך געטאָן מיר איבער דער פּלייצע און צוגעפירט צום טיש. איך האָב לויט דער געוווינהײַט פאַנאַנדערגעוויקלט די קאַרטע און גענומען דערציילן וועגן די געשעענישן פונעם פאַרגאַנגענעם מעסלעס. גלעבאָוו האָט צעשטרייט א קוק געטאָן אף מיר און מיט א באַוועגונג פון דער האַנט מיך איבערגעשלאָגן:

— זאָל זײַן גענוג, אויסשפּירער. די לאַגע איז מיר שוין קלאָר. כ'האָב דיך אַרויסגערופן ניט צוליב דעם. ס'איז געקומען די צײַט זיך צו געזעגענען, און דאָס מאָל אף שטענדיק.

איך האָב אָפּגערוקט אין א זײַט די קאַרטע און א קוק געטאָן אף אים.

— דו פאָרסט זיך לערנען אין דער אַקאַדעמיע פונעם גענעראַל־שטאַב, פאַרשטייסט, ברוּ־דערקע? — האָט פאַרגעזעצט גלעבאָוו.

די דאָזיקע נײַס האָט מיך זייער פאַרוווּנדערט. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז לערנען זיך האָט מען אין יענע קריטישע צײַטן געשיקט קאָמאַנדירן, אָן וועלכע מע האָט זיך געקאָנט באַגיין אפן פראָנט.

— ווי דאַרף איך עס פאַרשטיין, וויקטאָר סעמיאָנאָוויטש? דו האָסט זיך דערשראָקן, אַז כ'וועל זיך ניט ספּראַווען מיט מײַן נײַער ראָליע?

גלעבאָוו האָט אַרײַנגערוקט זײַן האַנט הינטערן רימען פון מײַן פּאָרטופּייע און מיך אַ צי געטאָן צו זיך.

— אַ מאָדנע מענטש ביסטו. ווער האָט עס אין די באַטורינער וועלדער אויפגעהויבן אַ גוואַלד, ווען מע האָט דיך צעשיידט מיט דײַנע טאַנקיסטן? און איצט...

מיר האָבן זיך צוגעזעצט אף אַ ניט געהובלטער ברייטער באַנק. וויקטאָר סעמיאָנאָוויטש האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און שוין מיט גאָר אַן אַנדער טאָן פאָרגעזעצט:

— מיר איז גאָרנישט אַזוי גרינג זיך געזעגענען מיט דיר. ווייסט דאָך, אַז די זעקס כאָדאָשים, וואָס מיר האָבן מיט דיר דורכגעמאַכט, איז ניט גרינג צו פאַרגעסן... ניין, טײַערער, דאָס וועט שוין פאַרבלײַבן מיט אונדז אפן גאַנצן לעבן... נאָר מע דאַרף זײַן רעאַליסטן, ביפראַט נאָך אין אַזאַ צײַט. די מילכאָמע הייבט זיך ערשט אָן. דיך, מיך, אַ סאַך טויזנטער, מיליאָנען מענטשן וועט מען באַדאַרפן בייס די ענדגילטיקע געפעכטן פאַרן היימלאַנד, — גלעבאָווס אָרדינאַרעץ האָט אַרײַנגעבראַכט איבערבײַסן, — דו קאָנסט זיך ניט בייזערן אָדער ניט בייזערן אף מיר, די זאַך איז שוין אָבער באַשלאָסן, — האָט ער פאָרגעזעצט, — דײַן קאַנדידאַטור האָב איך אַליין אַרויסגערוקט, און דער גענעראַל כאָרוזשענקאָ און אויך דער קאָמיסאַר דובראָווסקי האָבן מיך אונטערגעהאַלטן. מיר זײַנען אַלע געקומען צום אויספיר, אַז דו האָסט פאַרדינט די רעכט צו פאָרן לערנען זיך. נעכטן האָט מען דיר צוגעייגנט דעם טיטל „מאַיאָר“, צוגעשטעלט דיך צו אַ צווייטן אָרדען, איז וואָס ווילסטו נאָך? אין הינטערלאַנד וועט מען דיר גאָרנישט ניט קאָנען פאָרוואַרפן.

דעם זעלבן טאָג האָב איך פאַרלאָזט מײַנע פראָנט־כאַווירים. יאָ, ביז מאָסקווע איז מיט דער האַנט צו דערלאַנגען, נאָר פאַר מיר איז די הויפּטשטאָט געווען ניט צו דערגרייכן — די דײַטשן זײַנען געזעסן אין רזשעוו, דובצאָווא, שאַכאָווסקאַיאַ. איך האָב זיך געמוזט לאָזן אף סטאַריצאַ, טאָרזשאָק, אויסמײַדן מאָסקווע פון צאָפן־זײַט און זיך לאָזן ווײַטער. ערשט אפן דריטן טאָג, ווען ס'האָט זיך אײַנגעשטילט די זאַווייע, האָבן מיר זיך דערקליבן צו דער סטאַנציע מאָקסאַטיכי, ווו עס האָט מאַנעווורירט אַ פראַכט־צוג.

מײַנע באַגלייטער — אַ לייטענאַנט און דער שאָפער האָבן מיך אַרײַנגעפּעקלט אין ערשטן וואַגאָן, מיט וועלכן כ'האָב געדאַרפט דערפאָרן ביז אופאַ. דער פראַכט־צוג איז געווען אָנגעפּאַקעוועט מיט מענטשן — דאָס האָט זיך עוואַקויִרט אף מיזרעך די וועבער־פאַבריק פון ווישעוואָלטשאָנסק. עס זײַנען געפאָרן וועבערנס און שלאָסער, עלעקטריקער און מאָנטיאָרן, וועלכע האָבן געפירט מיט זיך וואַרשטאַטן און מאַשינעס, רוישטאָף און פאַבריק־אויסשטאַטונג.

ווי נאָר אונדזער „עקספּרעס“ האָט זיך גערירט פון אָרט, האָבן אַלע קינדער פונעם וואַגאָן זיך פאַרינטערעסירט מיט מײַן פּערזאָן. זיי האָבן געוואָלט וויסן אַלץ: וואָס איז דאָס פאַר אַ שטערנדל אף מײַן היטל, פאַרוואָס האָט מען מיך באַלוינט מיט די אָרדענס, וואָס איך טראָג אף דער ברוסט, באַזונדערס האָט זייער אויפמערקזאַמקײַט צוגעצויגן מײַן טראָפּיינע „וואַלטער“. דעם רוקזאַק מײַנעם האָב איך איבערגעגעבן אין רעשוס פון די כעוורע, וועלכע האָבן פון דאָרט אַרויסבאַקומען שטיקלעך צוקער, אײַנגעריכטע אין מאַכאָרקע, עטלעכע פּושקעס קאָנסערוון און דרײַ לעבלעך ברויט.

אופאַ האָט אונדז באַגעגנט מיט פערציקגראַדוסדיקע פראָסט. די היפּשע שטרעקע פון אונדזער צוזאַמענוווינונג ביז צו דעם לערן־קאָרפּוס האָבן מיר אַלע טאָג דורכגעמאַכט צופוס, לויפנדיק ווי די גוטע לאָשעקעס. אין אַזאַ קעלט האָט זיך ניט געגלוסט אַרײַנגיין אין טראַמווײַ, וואָס האָט אַזש געטרישטשעט פון קעלט. אף יעדער אָפּשטעל האָבן די רעדער זיך צוגעקלעפּט צו די רעלסן און דערנאָך זיך אָפּגעריסן פון אָרט מיט אַ שרעקלעכן גרילץ פון אײַזן אף אײַזן.

אין די ווענט פון אונדזער „וואָראָשילאָווקע“ האָבן זיך פאַרזאַמלט באַ אַ האַלבער מייע פראָנטאָוויקעס. פיל פון זיי האָבן שוין געהאַט אָנגעפירט מיט פּאָלקן, אייניקע האָבן באַוויזן צו אַרבעטן אין אַרמייִשע שטאַבן. יעדערער פון אונדז האָט געהאַט דורכגעמאַכט פיל שלאַכטן.

קיין אופאַ, אף אונדזערע אַקאַדעמישע קורסן זײַנען געקומען מענטשן פון לענינגראַד און פון הינטער מאָסקווע, פון טיכווין און ראָסטאָוו.

דאָ זײַנען געווען פליִער, טאַנקיסטן, יאַמלײַט, פעכאָטינצעס, און אַלע האָבן מיר געלעבט אין איין פרײַנטלעכן קאָלעקטיוו, ניט לייגנדיק קיין אַכט אפן אונטערשייד אין די יאָרן און אין די טיטלען.

אין די אָוונטן פֿלעגן מיר זיך פֿאַרזאַמלען אין די ענגע צימערן פֿון דער צוזאַמענוווינונג און, אַליין אַנטיילנעמער פֿון בלוטיקע שלאַכטן, אויסגעהערט געשיכטעס וועגן די געפּעכטן אַרום סמאָלענשטשינע און הינטער כאַרקאָוו, וועגן די העלדנטאַטן פֿון די סאָוועטישע מענטשן אין לענינגראַד.

אין פֿעוורואַל זײַנען די פֿרעסט געוואָרן לינדער, דערפֿאַר האָבן זיך אָבער פֿאַרשטאַרקט די ווינטן. פֿון דעם טײַך בעלײַ און פֿון די דאָרעם־אוראַלער פֿעלדער האָבן אָף גאַנץ באַשקיריע, און דערין אויך אָף אופֿאַ, זיך אַרופֿגעוואָרפֿן וואַיענדיקע שניי־שטורעמס.

אין יענע שווערע יאָרן האָט דאָס באַשקירער פֿאָלק אַלץ אָפּגעגעבן פֿאַרן פֿראָנט, פֿאַרן זיג. צענדליקער טויזנטער אַרבעטער פֿון מאָסקווע און פֿון אוקראַינע האָבן געפֿונען פֿאַר זיך אַ מאָק־קעם־מיקלעט אין די דירעס פֿון די אופֿימער טוישווים.

ערעוו דעם יובֿילײַ־טאָג פֿון דער רויטער אַרמיי האָט דער ראַיקאָם פֿון פּאַרטיי מיך געשיקט לייענען אַ פֿאָרטראָג אָף איינעם פֿון די מיליטער־זאַוואָדן, וואָס איז ערשט צוריק מיט עטלעכע כאָדאָשים אַריבערגעפֿירט געוואָרן אַהער פֿון כאַרקאָוו. איצט האָט דער זאַוואָד שוין געאַרבעט אין דרײַ מישמוירעס. יענעם טאָג האָט מיר אָפּגעגליקט — אונדזער מיליטער איז אַרײַן קיין כאַרקאָוו. די ידיִע, אַז כאַרקאָוו איז באַפֿרײַט, איז איבערגעגעבן געוואָרן פֿון מויל צו מויל. די אויסגעשרייען „הוראַ!" האָבן זיך איבערגעמישט מיט טרערן פֿון פֿרייד. די אַרבעטער האָבן גע־יובֿלט — בא פֿיל פֿון זיי זײַנען די מישפּאָכעס פֿאַרבליבן אין דער אָקופּירטער שטאָט און מע האָט ניט געוווּסט, וואָס מיט די אייגענע איז פֿאַרלאָפֿן.

די פֿאַרזאַמלונג איז פֿאָרגעקומען אין זייער אַ גרויסן אַנגאַר, וועלכער איז פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ צעך. דאָ איז געווען קאַלט, דער גלעזערנער דאַך פֿול מיט לעכער, די דינע ווענט האָבן געציטערט פֿון דעם אומופֿהערלעכן געהויל פֿון די מאָטאָרן. דער ווינט האָט שפּאַצירט איבער די צעכן. איך האָב זיך ניט אופֿגעהערט צו כידעשן, וויאַזוי די מענטשן קאָנען אויסהאַלטן אַזאַ אָנשטרענגונג. געאַרבעט האָט מען אַ קײַלעכדיקן מעסלעס, דערצו זײַנען דאָ אַמערסטן גע־ווען פֿרויען, יונגע כעוורעלײַט און זקיינים. יענעם טאָג האָב איך לאַנג זיך פֿאַרהאַלטן אָפֿן זאַוואָד. איך בין אַרומגעגאַנגען פֿון צעך צו צעך און דערציילט וועגן דער לאַגע אָפֿן פֿראָנט. ערשט שפּעט באַנאַכט האָב איך אַ מידער, אָבער אַ דערמונטערטער, זיך דערקלײַבן צו אונדזער צוזאַמענוווינונג. איך בין געלעגן מיט אָפֿענע אויגן אָפֿן געלעגער און ניט געקאָנט אַנשלאָפֿן ווערן. איך האָב געטראַכט וועגן די מענטשן, מיט וועלכע כ'האָב זיך הײַנט צופֿעליק באַגעגנט אָפֿן זאַוואָד, און בין געקומען צום אויספֿיר, אַז זייער מי איז פֿולקאָם געגליכן צו די העראָישע אופּטועס פֿון די קעמפֿער אָף די שלאַכטפֿעלדער.

ווי אומראַכמאָנעסדיק די פֿרעסט האָבן ניט געבראָטן, ווי שטאַרק עס האָבן ניט געוואָיעט די אוראַלער ווינטן, האָבן זיי דאָך געמוזט אָפּטרעטן. די זון האָט פֿון טאָג צו טאָג זיך אופֿגע־הויבן אַלץ העכער און העכער. דער שניי אָף די פֿעלדער האָט אָנגעוווירן זײַן בלויקײַט און געוואָרן געל ווערן. און אָט ענדיקט זיך שוין באַלד דער כוידעש אַפּרעל. די פּראָגראַם פֿון אונ־דזערע פֿאַרגיכערטע קורסן איז פֿאַרענדיקט. צום שלוס האָט די קאָמאַנדשאַפֿט פֿון דער אַקאַ־דעמיע אײַנגעאָרדנט אַ מיליטערישע שפּיל. אָף די קאַרטעס האָבן מיר פֿאַרהעלטניסמעסיק גרינג צעגראָמירט דעם „קעגנער", האַסטיק אָנגעגריפֿן, אָן איבעריקע פֿאַרלוסטן. מיר האָבן געמאַכט די נייטיקע כעזשבוינעס, פֿאַרווירקלעכט די איבערגרופּירונגען פֿון די קרעפֿטן. אַלע צוהערער זײַנען צום סאָף פֿון דער לער טעאָרעטיש גרייט געווען צו די פֿאַרשטייענדיקע שלאַכטן.

אָבער אונדז אַלעמען האָט באַאומרויִקט די פֿראַגע — וווּהין וועט אונדז דער גוירל פֿאַר־וואַרפֿן און וואָס פֿאַר אַן אַרבעט שטייט אונדז פֿאַר. די גרעסטע מערהײַט האָט געהאָפֿט צו פֿאַר־נעמען אָנפֿירנדיקע פּאָסטנס. איך בין, פֿאַרשטייט זיך, אויך ניט געווען קיין אויסנאַם, מיר האָט זיך געוואָלט באַקומען אַ פּאָלק אָדער אַ בריגאַדע.

סאָף אַפּרעל האָט מען מיך צוזאַמען מיט אַ גרופּע אָפּיצערן אַרויסגערופֿן קיין מאָסקווע. באַלד ווי מיר זײַנען אָנגעקומען אין דער הויפּטשטאָט, האָט מען אונדז אַרײַנגעזעצט אין אַן אויטאָבוס און אוועקגעפֿירט צום מאַרשאַל פֿון סאָוועטנפֿאַרבאַנד סעמיאָן מיכײַלאָוויטש בודיאָני. דאָס ערשטע מאָל אין לעבן האָב איך אים דעמאָלט געזען. איך האָב לאַנג ניט געקאָנט אָפּרײַסן דעם בליק פֿונעם לעגענדאַרן העלד פֿון דעם בירגערקריג. מיט אַ צייכן פֿון דער האַנט האָט ער אונדז אײַנגעלאַדן צו זײַן גרויסן טיש. איך בין זיכער געווען, אַז דער מאַרשאַל באַזיצט אַ באַסאָווע שטים, נאָר צו מײַן באַוווּנדערונג האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער האָט זייער אַ דין קאָל.

— אײַנדערפֿרי, — האָט געזאָגט סעמיאָן מיכײַלאָוויטש, — דאַרפֿט איר זיך אַוועקלאָזן קיין קראַסנאָדאַר. אונטערגעאָרדנט וועט איר זײַן מיר. אין משעך פֿון עטלעכע טעג מוזן מיר אויס־פֿאָרמירן דעם שטאַב פֿון דער צאָפֿן־קאַווקאַזער ריכטונג.

דערנאָך האָט ער פּראָסט און געמיטלעך געשמועסט מיט אונדז. סעמיאָן מיכײַלאָוויטש האָט זיך אינטערעסירט מיט יעדערן באַזונדער. ווען ער האָט זיך דערוווּסט, אַז מיר, די ארויסלאָזניקעס פון די קורסן, האָבן שוין באַוויזן אָנטיילנעמען אין פאַרשיידענע שלאַכטן, איז ער געווען זייער צופרידן.

— אויסגעצייכנט. הייסט עס, אַז איך האָב צו טאָן מיט פאַרהאַרטעוועטע אין שלאַכט קאָמאַנדירן.

דעם ערשטן מײַ זײַנען מיר אָנגעקומען קיין קראַסנאָדאַר, און אין דער זעלבער נאַכט האָב איך שוין אַלס עלטערער געהילף פונעם שעף פון דער אָפּעראַטיווער פאַרוואַלטונג זיך פאָרגעשטעלט דעם שעף פון שטאַב גענעראַל־מאַיאָר זאַכאַראָוו.

אַזוי אַרום, בין איך טראָץ מײַן אייגענעם ווילן געוואָרן אַ שרײַפּעלע פון אַ גרויסער שטאַבמאַשין. באַנאַכט האָב איך זיך אײַנגעניורעט אין שטרויענעם טיפּיאַק און ניט אויפגעהערט צו קלערן וועגן דעם, אַז איך האָב אָנגעטראָפן ניט אויף מײַן אָרט — איך האָב דאָך קיינמאָל אין קיין שטאַבן ניט געאַרבעט.

אין עטלעכע טעג אַרום איז קיין קראַסנאָדאַר אַראָפּגעקומען דער גלאַווקאָם. די לאַגע האָט ביסלעכווײַז זיך גענומען אויסקלאָרן. בודיאָני האָט דערקלערט, אין וואָס עס באַשטייט זײַן באַשלוס, זיך געטיילט מיט די פּלענער אויף דער נאָענטער צײַט. מיר האָבן געדאַרפט אויספּלאַנירן, אָרגאַניזירן און דורכפירן אַ גרויסע אָנגריף־אָפּעראַציע אויף צעגראָמירן די קערטשער גרופּירונג פונעם קעגנער. אויב דער דאָזיקער אָנגריף זאָל געלינגען, באַקומען מיר אַ שליסל צו באַפרײַען סעוואַסטאָפּאָל און דעם גאַנצן קרימער האַלב־אינדזל.

דער שטאַב פונעם מאַרשאַל בודיאָני האָט זיך געפונען אין דער פאָרשטאָט פון קראַסנאָדאַר, אין דער געבײַדע פון אַן אַלפאַרבאַנדישן וויסנשאַפטלעך־פאָרשערישן אינסטיטוט.

טאָג און נאַכט האָבן מיר געאַרבעט איבער די פּלענער פון דער דאָזיקער אָפּעראַציע, און אויסגעלאָזט האָט זיך, אַז אַלץ איז געבליבן בלויז אויפן פּאַפּיר.

דעם 8 מײַ זײַנען די דײַטשן אונדז פאַרלאָפן דעם וועג און אומגעריכט, ווי אַ דונער אינמיטן העלן טאָג, זיך אַרופגעוואָרפן אויף אונדז. דער גאַנצער קרימער פראָנט איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין איין זודיקן קעסל.

אין טעמריוק בין איך צוגעשטאַנען צו דער אָפּעראַטיווער גרופּע פונעם גענעראַל־פּאָלקאָווניק טשערעוויטשענקאָ, וואָס האָט זיך פאַרנומען מיט עוואַקויִרן די צענדליקער טויזנטער מענטשן, וועלכע האָבן אַ שטראָם געטאָן פון קרים. ווי טראַגיש ס׳איז ניט געווען די לאַגע פונעם מיליטער אויפן קערטשער האַלב־אינדזל, האָבן דאָך פיל זיך געראַטעוועט — די טאַנקען־עקיפּאַזשן, אַרטילעריע־מאַנשאַפטן, גאַנצע ראָטעס, באַטאַליאָנען און פּאָלקן. עס האָבן זיך עוואַקויִרט דיוויזיע־ און אַרמיי־שטאַבן. ס׳איז אויך גאַנץ געבליבן דער שטאַב פון פראָנט.

אונדזער שטאַב האָט פיבערהאַפט געאַרבעט. אַ גרויסע גרופּע אָפיצערן פון דער קאָמאַנדשאַפט האָט זיך געפונען אין נאָוואָראָסיִיסק, אין טואַפּסע און אין אַנדערע פונקטן, ווו זיי האָבן זיך פאַרנומען מיט אָפּשיקן שיסער־טיילן און אַנדערע פאַרשטאַרקונגען קיין סעוואַסטאָפּאָל. ניט קיין גרינגע זאַך איז געווען איבערשיקן פון קאַווקאַז קיין סעוואַסטאָפּאָל מיליטער, סנאַריאַדן, קוילן, שפּײַז־פּראָדוקטן און ברענשטאָף. עס האָט ניט געקלעקט קיין טראַנספּאָרט, די אַוויִאַציע־ און זעגיט־שוץ האָבן ניט געקאָנט זיכערן קיין געפאַרלאָזיקײַט. אונדזערע שיפן זײַנען באַנאַכט אַרויסגעגאַנגען אין יאַם, און די צווייטע נאַכט אָנגעקומען קיין סעוואַסטאָפּאָל. אַפּצוריקוועגס האָבן די שיפן געבראַכט קיין קאַווקאַז פאַרוווּנדעטע און קראַנקע, קינדער און אַלטע לײַט.

דעם 15 יוני בין איך דאָס ערשטע מאָל אין לעבן געשוווּמען אויף אַן אונטערוואַסער־שיפל. דער שעף פון אָפּעראַטיוון אָפּטייל פּאָלקאָווניק ראַזוווײַעוו האָט געשטעלט פאַר מיר ניט קיין געוויינלעכע אויפגאַבע: ברענגען אַ קאַרטע, אויף וועלכער עס זאָל באַצייכנט זײַן די דיסלאָקאַציע פונעם מיליטער, אָבער געניי, די לאַגע פון יעדער ראָטע באַזונדער. די ראַדיִאָ־פאַרבינדונג מיט סעוואַסטאָפּאָל איז געווען ניט קיין שטאַנדהאַפטיקע. די קאַווקאַזער בערג האָבן היפּש געשטערט דער ראַדיִאָ־אינפאָרמאַציע. באַנאַכט האָט מען קלאָר קיין זאַך ניט געהערט, דעריבער איז נייטיק געווען פאַרפינקטלעכן אונדזערע ידיִעס אין דעם פּראַט.

מע האָט מיך אַוועקגעזעצט אין עפּעס אַ קעמערל פון דעם אונטערוואַסער־שיפל, אַהער האָט מען אויך אַרײַנגערוקט קעסטלעך מיט מעדיקאַמענטן, זעק מיט קאָנסערוון. די ענגשאַפט האָט גערדריקט אויף מיר, עפּעס אַ מאָדנע שווערקײַט האָט מיך צוגעפּרעסט צום בענקל. אַ פאַרטויבטער ווײַטער גערויש האָט מיך פאַרפאָלגט אַ גאַנצן מעסלעס, דערפאַר אָבער בין איך די קומענדיקע נאַכט שוין געווען אויפן קרימער ברעג. דורך קאָלערליי טראַנשייען האָב איך זיך דערקליבן צו עפּעס אומבאַוווּסטע קאַטאַקאָמבעס, און דערנאָך האָט מען מיך געבראַכט אין שטאַב פונעם גענעראַל קרילאָוו.

דער טאָג, וואָס איך בין געווען אין סעוואַסטאָפּאָל, איז אַף שטענדיק פאַרבליבן אין מײַן זיקאָרן. אַף קיין איין מינוט האָט ניט אופגעהערט צו שיסן די אַרטילעריע, די ערד איז געווען איבערגעאַקערט פון אוויאַ־באָמבעס, די שטאָט — אַרומגעכאַפּט אין פלאַמען פון סרייפּעס. איך האָב זיך ניט געקאָנט באַפרײַען פונעם גדאַנק: „וויאַזוי קאָנען עס מענטשן אײַנהאַלטן די דאָזיקע פלאַקערנדיקע ערד העכער צוויי הונדערט טעג און נעכט?"

באַנאַכט האָט דאָס אונטערוואַסער־שיפל מיך אָפּגעפירט צוריק אַף קאַווקאַז. נאָך סעוואַסטאָפּאָל האָט נאָוואָראָסייסק געמאַכט דעם אײַנדרוק פון אַ טויבן כוטאָר. ווען איך בין אַראָפּ אָפן ברעג, האָב איך זיך אויסגעקערעוועט מיטן פּאָנעם צו דער זײַט פון סעוואַסטאָפּאָל און טיף זיך פאַר־נייגט פאַר די העלדישע פאַרטיידיקער פון דער דאָזיקער שטאָט. אינווייניק האָט מיך עפּעס אַ שטאָך געטאָן. מיר איז געווען אַ ביזאַיען פאַר זיך אַליין: „פאַרוואָס בין איך ניט צוזאַמען מיט די סעוואַסטאָפּאָלצעס? שוין זשע איז מיר באַשערט בלויז איבערפירן פאַרשיידענע דאָקומענטן?.."

אינדערפרי האָט אַן אַעראָפּלאַן מיך דרינגענדיק געבראַכט קיין קראַסנאָדאַר. דער שעף פון פראָנט־שטאַב גענעראַל זאַכאַראָוו האָט מיך אופמערקזאַם אויסגעהערט. פּלוצעם איז ער אופגע־שפּרונגען פונעם אָרט און אַרויסגעכאַפּט די קאַרטע פון מײַנע הענט:

— קומט, קומט צום מאַרשאַל!

סעמיאָן מיכײַלאָוויטש האָט גענומען די קאַרטע און לאַנג אַרײַנגעקוקט אין איר, מיט אַ בלײַשטיפט האָט ער אַרומגעפירט די געשלענגלטע פראָנט־ליניע, דערנאָך זיך אויסגעגלײַכט און שטיל, פאַר זיך אַ שעפּטשע געטאָן:

— שווער, זייער שווער איז זיי, נאָר העלפן איז ניטאָ מיט וואָס. וואָס קאָנען אופטאָן עט־לעכע אונטערוואַסער־שיפלעך, אַן עסקאַדרע־מינענטרעגער און דער איינציקער גאַנצגעבליבענער לידער „טאַשקענט"?

פון סעוואַסטאָפּאָל זײַנען אַלץ אָפטער און אָפטער אָנגעקומען אומרויִקע ידיעות. דער קעג־נער האָט שוין אַ כוידעש צײַט באַשאָסן די שטאָט פון דער יאַבאַשע און פונדערלופטן. די באַשי־צער פון דער שטאָט, איזאָלירטע פון דער גרויסער ערד און צוגעקוועטשטע צום יאַם, איז געווען זייער שווער. עס האָט ניט געקלעקט קיין געווער, עס האָבן געפעלט קוילן, סנאַריאַדן, אויך שפּײַז־פראָדוקטן זײַנען געבליבן זייער ווייניק.

די דײַטשן האָבן פאַרכאַפּט די צאָפּנדיקע בוכטע, זיך דורכגעריסן צו דער שטאָט און זי אָפּגעשניטן פונעם יאַם.

די העראָישע עפּאָפּייע, וואָס האָט געדויערט 250 טעג, איז געקומען צו איר פינאַל.

די טעג פון עוואַקואַציע און צוריקמאַרש זײַנען געווען ניט ווייניקער העראָיש, ווי די טעג פון פאַרטיידיקן סעוואַסטאָפּאָל. אַף קאַטיערס און אַף שיפלעך און גלאַט שווימענדיק מיטן וואַסער, האָבן די באַשיצער פון דער פעסטונג זיך דורכגעריסן צום יאַם. אָפּגעטראָטן זײַנען די סעוואַס־טאָפּאָליער אונטער אַ האָגל פון באָמבעס, סנאַריאַדן און קוילן. אַף דער יאַבאַשע — אין די פּאָר־שטעט, קאַטאַקאָמבעס און היצפּונקטן האָבן די שלאַכטן נאָך געדויערט נײַן מעסלעס. סאָלדאַטן און מאַטראָסן, פרויען און יוגנטלעכע, אַלע די, וואָס האָבן קימאַט אַ יאָר צײַט פאַרטיידיקט די רומפולע שטאָט, האָבן זיך געלאָזט אין אַ האַנט־געפעכט מיטן סוינע. פיל טויזנטער העלדן פון סעוואַסטאָפּאָל איז געלונגען אוועק אין די בערג און דאָרט, צוזאַמען מיט די פּאַרטיזאַנער, פּאָר־זעצן דעם קאַמף קעגן די אָקופּאַנטן.

דער זומער האָט זיך אָנגעהויבן פאַר אונדז זייער ניט געלונגען. אָפן באַצירק צווישן צימ־ליאַנסק און ראָסטאָוו האָט דעם סוינע זיך אײַנגעגעבן אַרויסזעצן אָפן דאָרעמדיקן ברעג פון טײַך. ס'האָט געדראָעט, אַז דאָס פאַשיסטישע מיליטער זאָל זיך לאָזן אַף צאָפן־קאַווקאַז און אַף טראַנסקאַווקאַז.

די לעצטע טעג פון יול איז אויסגעפאָרמירט געוואָרן דער צאָפן־קאַווקאַזער פראָנט, מיט וועלכן עס האָט אָנגעפירט סעמיאָן מיכײַלאָוויטש בודיאָני. אונדז, די געוועזענע צוהערער פון דער אַקאַדעמיע אַף פרונזעס נאָמען, איז באַזונדערס אָנגענעם געווען צו דינען אונטער דער אָנפירונג פונעם גענעראַל אַנטאָנאָוו, דעם געוועזענעם שעף פון אַ קאַטעדרע אין אונדזער אַקאַ־דעמיע. איצט איז ער געווען דער שעף פונעם שטאַב פון אונדזער פראָנט.

מיך האָט מען אָנגעמערקט אַלס שעף פון אַ ריכטונג. איך האָב געדאַרפט אינפאָרמירן וועגן אַלץ, וואָס עס איז פאָרגעקומען אָפן באַצירק פונעם 17־טן קאַזאַקישן רײַטער־קאָרפּוס, מיט וועלכן ס'האָט אָנגעפירט דער גענעראַל קיריטשענקאָ.

עטלעכע מאָל אין טאָג האָב איך אינפאָרמירט וועגן די שלאַכטן פון דער דאָזיקער פאַרייני־קונג און אויך איבערגעגעבן דער פאַרייניקונג די פאַראָרדענונגען פונעם פראָנט־שטאַב. ביס־

לעכוויז האָב איך זיך אריינגעצויגן אין די „רייטערישע" איניאַנים און געוואָרן אַן עמעסער קאַוואלעריסט. די אלטע רייטער האָבן גענומען לעצעווען איבער מיר, נאָר איך האָב זיך אויך ניט געלאָזט שפייען אין דער קאשע.

אָפטמאָל פלעגט מיר אויסקומען אָפגעבן א באריכט פערזענלעך סעמיאָן מיכיילאָוויטשן.

די ערטער, ווו מיר זיינען געשטאנען, האָט בודיאָני געוווסט אויסגעצייכנט. מיר האָט זיך געדאכט, אז יעדער קוסט, יעדער בערגל איז אים באקענט. אין א שאָ פון שטילשטאנד האָט ער געקענט בילדעריש־שיין אויסדערציילן די געשיכטע פון יעדער קובאנער סטאניצע באזונדער.

ניט איין מאָל האָט סעמיאָן מיכיילאָוויטש מיך פארהאלטן בא זיך אין קאבינעט און פארפירט מיט מיר א געשפרעך. ער האָט ליב געהאט א שפאס טאָן מיט מיר. גערופן האָט ער מיך ניט אנדערש ווי „גוסארסקי" אָדער „אולאנסקי". איינמאָל האָט ער מיר גענוי דערציילט וועגן דער אנטשטייונג פון די דראגונער פאָלקן.

ווען מיינע פריינט האָבן זיך דערוווסט וועגן מיינע נייע „פאמיליעס", האָבן זיי שוין געהאט פון וואָס אָפצולאכן.

ווי כ'האָב שוין געזאָגט, בין איך אויך ניט געבליבן קיין באלכויוו. כ'האָב אויך געפונען שטאָף אף כויזעק מאכן פון די רייטער. זיי האָבן זיך אויסגעלאכט פון מיין סאמעטענעם דענעק און פון די פינקלענדיקע טאנקען־עמבלעמעס, און איך — פון זייערע קאוואלעריסטישע פריטשענדאלן — שפאָרן, שאשקעס, פאָרטופייעס.

פארשטייט זיך, אז דער געלעכטער, דאָס אָפשפאסן איינער פונעם אנדערן איז געווען א נייטיקע אָפווייכונג פון דער שטענדיקער אָנגעשטרענגטקייט, אין וועלכער מיר האָבן זיך געפונען. אינדערעמעסן האָב איך טיף געאכטעט די דאָזיקע געוואגטע מענטשן. אין שלאכט זיינען זיי שטענדיק געגאנגען פול מיט אזארט, דעם טויט האָבן זיי באגעגנט מיט עפעס א מין אונטערגעשטראָכענער שיינקייט.

מיר איז אויסגעקומען צו זיין אַן איידעס פון א רייטער־אטאקע לעבן דער סטאנציע קושטשעווסקאיא. טויזנטער היטלעריסטן האָבן דעמלט דערפילט אף זיך די מעכטיקע קלעפ פון אונדזערע רייטער און טאנקיסטן.

אין די סטעפעס צווישן דאָן און קובאַן האָבן זיך צעפלאקערט העפטיקע שלאכטן, און אויב דעם סוינע איז ניט געלונגען גלייך פון אָנהייב צו פארכאפן די פאָרבערג פון קאווקאז, איז דאָס אין א גרויסער מאָס געווען דער פארדינסט פון אונדזערע רייטער. ניט אומזיסט האָט די רעגירונג צוגעייגנט דעם 17־טן רייטער־קאָרפוס דעם טיטל גווארדייישער און אים אָנגערופן 4־טער גווארדייישער קאווקאָרפוס.

די שטאַב־אָפיצערן האָבן טאָג און נאכט זיך געטראָגן, ווי די מעטעאָרן, איבער דעם ניט שטאנדהאפטיקן פראָנט. אפילע די צופעליקע פארגעבונגען, וואָס איך פלעג באקומען, האָט זיך מיר געוואָלט אויספילן וואָס בעסער. דערביי האָט מיר פאָשעט געגליקט. פון די סאמע געפערלעכע סיטואציעס פלעג איך זיך אומקערן א גאנצער, און פארגעבונגען פלעג איך באקומען סיי פון אנטאָנאָוון, סיי פון ראזווייעוון און סיי פון דעם כאווער בודיאָני אליין. איך האָב קוים באוויזן זיך ארומצוקוקן. דער עראָפלאַן „פּאָ־2", וועלכן עס האָט פילאָטירט דער זיבעצניאָריקער לאַפאריאָוו, איז געווען מיין איינציק טראנספּאָרט־מיטל, ווי אויך מיין פליענדיקער „קפּ". א באַשטימטע צייט בין איך ארומגעפלויגן איבער קובאַן און געזוכט די פארלוירן־געגאנגענע 110־טע קאוודיוויזיע. איך האָב זי געפונען און גלייך זיך געלאָזט זוכן די 115־טע קאוודיוויזיע פונעם פּאָלקאָווניק פאנאָוו. די דאָזיקע דיוויזיע איז געגאנגען פון עליסטא און זיך פאנאנדערגעצויגן אף א הונדערט קילאָמעטער. סאָפּקאָלסאָף האָבן מיר זי געפונען און איבערגעגעבן איר קאָמאנדיר דעם באפעל פונעם מארשאל. דער דיוויזיע איז באפוילן געוואָרן פארנעמען א שוץ־פּאָזיציע אפן דאָרעמדיקן ברעג פונעם דאָן.

אזוי זיינען מיר ארומגעפלויגן טאָג־איין, טאָג אויס, איבערגעגעבן באפעלן, פאראָרדענונגען און דערביי צונויפגעזאמלט יעדיעס וועגן קעגנער. צוויי מאָל זיינען מיר אריינגעפאלן אין ביז גאָר שווערע סיטואציעס. איינמאָל האָבן מיר זיך אראָפּגעלאָזט בא די דייטשן אין הינטערלאנד. נאָך גוט, וואָס פון דער סטאניצע כאָמוטאָווסקאיא איז ארויסגעלאָפן א פרוי און גענומען פאָכן מיט א טיכל. מיר האָבן ניט פארשטאנען, וואָס ס'איז פאָרגעקומען, נאָר די הילכיקע געשרייען „פליט אוועק! אין דער סטאניצע זיינען דייטשן!" — זיינען דערגאנגען צו אונדז, און מיר זיינען גלייך ניכטער געוואָרן. אין א פּאָר מינוט ארום זיינען מיר שוין געווען אינדערלופטן. די זעניט־סנאריאדן פון דעם קעגנער האָבן אונדז שוין ניט געקאָנט טרעפן.

א צווייט מאָל האָבן מיר זיך לאנג געדרייט איבער קראָפּאָטקינאָ און געוואָלט זיך אראָפּלאָזן ניט ווייט פון דער סטאנציע קאווקאזסקאיא. אָבער ווי נאָר מיר האָבן אָנגעהויבן אראָפּצושטייגן,

האָבן מיר דערזען אַ קאָלאָנע דײַטשישע טאַנקען. מיט גרויסע שוועריקייטן איז אונדז געלונגען זיך ראַטעווען פונעם פײַנטלעכן פײַער.

אין דער צווייטער העלפט אווגוסט האָבן זיך אָנגעהויבן שלאַכטן באַם הויפטקאַווקאַזער באַרג־רוקן. ס׳האָט געדראָעט אַ געפאַר, אַז דער סוינע זאָל זיך אַרײַנרײַסן קיין טראַנסקאַווקאַז. אַרום נאָוואָראָסיסק, טואַפּסע, סוכומי זײַנען געשאַפן געוואָרן שווער־ראַיאָנען.

אין די בערג האָט מײַן אַעראָפּלאַן מער מיר ניט געקאָנט דינען, און איך האָב זיך איבער־געזעצט אַף אַ „באַנטאַם“, וואָס האָט מיך געטראָגן צו דעם קולכאָרער באַרג־דורכגאַנג, זיך אופגעהויבן אין די בערג און אַראָפּגעלאָזט אין טאָלן און אין פעלדזן־שפּאַלטן.

אָנהייב סענטיאַבער האָט מיך אַרויסגערופן דער מאַרשאַל בודיאָני. סעמיאָן מיכײַלאָוויטש האָט מיך באַגריסט מיט מײַן נײַעם טיטל „פּאַדפּאָלקאָווניק“ און געפרעגט מיט אַ שמייכל:

— כאָוועך דראַגונסקי, איר וועט ניט דערווידערן, אויב איך וועל אײַך פאַרלייגן פליִען מיט מיר קיין מאָסקווע?

פון דער אומגעריכטער פראַגע האָב איך זיך עטוואָס פאַרלוירן.

— איך בין אַ סאָלדאַט און בין גרייט אויסצופילן אײַער באַפעל!

— אויב אַזוי, גרייט זיך אין וועג אַרײַן!

מיר זײַנען אַרויסגעפליגן אין דער הויפּטשטאָט. כ׳האָב זיך אײַנגעמאָסטעט אין ווינקל פונעם אַעראָפּלאַן, און צום ערשטן מאָל פאַר פינף כאָדאָשים אַף אַן עמעס אָנשלאָפן געוואָרן. אויך סעמיאָן מיכײַלאָוויטש איז געזעסן אַף אַ שטול מיט צוגעמאַכטע אויגן און געדרעמלט.

צוויי מעסלעס האָט געדויערט, ביז מיר האָבן זיך דערקליבן צו מאָסקווע. מיר זײַנען אַראָפּ־געשטיגן אין באַקו, אַסטראַכאַן, קאַזאַן. דאָס מאָל האָב איך געהאַט גענוג צײַט אַ טראַכט צו טאָן וועגן זיך, מאַכן אַ שטיקל סאַכאַקל פאַר דעם האַלבן יאָר, וואָס איך האָב דורכגעמאַכט אינעם גרויסן שטאַב. כ׳האָב אַלץ נאָך געצווייפלט, צי בין איך אַפן אָרט, ווו איך דאַרף זײַן, און דערי־קער, צי דאַרף איך אויך אַף ווײַטער פאַרבלײַבן אַרבעטן אין שטאַב אָדער אוועק אַף דער פאָדער־ליניע פון פראָנט. וועגן אָט די אַלע מײַנע געדאַנקען האָב איך קיינעם קיין וואָרט ניט געזאָגט, נאָר פאַר זיך האָב איך שוין געהאַט באַשלאָסן — גלײַך ווי איך וועל קומען קיין מאָסקווע, זיך דערשלאָגן, מע זאָל מיך שיקן אַפן פראָנט — אין אַ קאָרפּוס, אין אַ דיוויזיע צי אין אַ פּאָלק.

ווידער אַפן פראָנט

דער קאָמונע־פּלאַץ, וואָס שליסט זיך אָן אין מאַרינע־ראָשטשע, איז שטענדיק געווען פאַר אונדז, מיליטערלײַט, אַ באַלעבט אָרט אין מאָסקווע. קלימענט יעפרעמאָוויטש וואָראָשילאָוו האָט פיל אופגעטאָן, אַז דער דאָזיקער פּלאַץ זאָל ווערן פּאָפּולער באַ די קאָמאַנדירן פון דער סאָווע־טישער אַרמיי און אויך באַ די מיטגלידער פון זייערע מישפּאָכעס.

פאַר אונדז איז דאָ אויסגעבויט געוואָרן אַ גרויסער געמיטלעכער האָטעל, אַ קינאָ־טעאַטער, אַ קאָנצערט־זאַל, אַ מוזיי פון דער רויטער אַרמיי, אויסשטעלונגס־זאַלן און ספּאָרט־פּלעצער. שליסן שליסט דעם דאָזיקן קאָמפּלעקס דער טעאַטער פון דער רויטער אַרמיי, וואָס איז אויס־געבויט געוואָרן ערעוו דער מילכאָמע. דער טעאַטער מיט זײַנע פינף פליגלען בילדעט אויס דעם צענטער פונעם ראַיאָן.

די מילכאָמע האָט ניט אויסגעמיטן אויך דאָס דאָזיקע ווינקל פון מאָסקווע. בייס די ערשטע אָנפליִען האָט אַ פאַשיסטישער שפּאַרבער אַראָפּגעוואָרפן אַ באָמבע אַפן צענטער פונעם פּלאַץ. צום גליק, איז קיין איין אַרמייִשע געבײַדע ניט צעשעדיקט געוואָרן.

אין דער צײַט פון דער מילכאָמע זײַנען די דאָזיקע ערטער געווען באַזונדערס אופגעלעבט. הונדערטער אָפיצערן און גענעראַלן, וואָס פלעגן קומען פון די פראָנטן, פונעם טיפן הינטערלאַנד, פון די לערן־צענטערן, האָבן זיך אָפּגעשטעלט אין האָטעל „צדקא“[1]. דאָ זײַנען געווען מענטשן, וועלכע האָבן באַקומען אורלויב, קאָמאַנדירטע קיין מאָסקווע, פאַרוווּנדעטע און קראַנקע, און אויך אַזעלכע ווי איך, וואָס האָבן באַדאַרפט באַשטימט ווערן אַף נײַע פּאָסטנס.

יעדן טאָג בין איך פונקט צו נײַן אַזייגער שוין געשטאַנען באַם פענצטערל אינעם צווייטן הויז פון „נקאָ“, וואָס האָט זיך געפונען אַף אַרבאַט. דער פּאָלקאָווניק לעאָניד מיכײַלאָוויטש בור־דיאָני (דעם מאַרשאַלס אַ ברודער) האָט שוין אַ וואָך צײַט מיר העפלעך געענטפערט איינס און דאָס זעלבע:

— ס׳איז באַפוילן בלײַבן אַפן אָרט.

---

[1] צענטראַל הויז פון דער רויטער אַרמיי.

דער דאָזיקער ענטפער האָט מיך אַרויסגעבראַכט פון די קיילים. מיט מײַן כאַראַקטער זיצן און גאָרנישט טאָן איז געווען פאַר מיר אומדערטרעגלעך. צופעליק האָב איך זיך דערווּסט, אַז וויאַטשעסלאַוו מוראַוויאָוו, מיט וועלכן כ'האָב זיך געלערנט אין דער סאַראַטאָווער טאַנקען־שול, אַרבעט אַלס אַדיוטאַנט באַם מיטגליד פון מיליטער־ראַט פונעם טאַנקען־מיליטער, באַ ניקאָלײַ איוואַנאָוויטש בירױקאָוו. אַרבעטנדיק אין די שטאַבן, האָב איך גוט געווּסט, וואָס אַן אַדיוטאַנט קאָן אופטאָן, אַמאָל האָבן די דאָזיקע מענטשן געקאָנט דערגרייכן אַזעלכס, וואָס פיל עלטערע און שטאַרקערע פון זיי האָבן ניט געקאָנט.

און אָט האָב איך זיך געטראָפן מיט מײַן געוועזענעם שול־כאַווער. סלאַוואַ מוראַוויאָוו האָט נאָך אין די צײַטן, ווען מיר זײַנען געווען קורסאַנטן, געסטאַרעט זיך קאָמאַנדעווען מיט אַלעמען. איצט האָט ער געהאַט אַ מעגלעכקײַט זיך אַ באַרים טאָן פאַר מיר. זיצנדיק אין זײַן טיפער לעדערנער שטול, האָט ער אויסגעזען קלענער, ווי ער איז געווען אין דער ווירקלעכקײַט. זײַנע קליינע אייגעלעך האָבן געפינקלט, זײַן פּאָנעם האָט געלויכטן.

בייס אונדזער שמועס האָבן די טעלעפאָנען ניט אויפגעהערט צו קלינגען. אַלע מאָל איז ער אופגעשפּרונגען פון אָרט און געלאָפן אין קאַבינעט צו בירױקאָוון. דער אופנאַם־צימער איז פול געוואָרן מיט מענטשן, און מוראַוויאָוו האָט מיט אַלעמען געשמועסט, גערעדט אין טעלעפאָן, געלאָפן אין קאַבינעט צום שעף און מיט איין אויער געהערט, וואָס איך האָב אים דערציילט.

פּלוצעם איז ער אופגעשפּרונגען פון אָרט:

— איך האָב אַן אידיי! דו דאַרפסט פאַרבלײַבן אין מאָסקווע. איך וועל וועגן דיר דערציילן מײַן שעף, און מיר וועלן געפינען פאַר דיר אַן אָרט אין אונדזער שטאַב.

— ניין, ניט צוליב דעם בין איך געקומען אַהער, — האָב איך אים געענטפערט. — אויב דו ווילסט מיר העלפן, סלאַוואַ, טאָן אַ גוטע זאַך, טאָ העלף מיר אַרויסרײַסן זיך אפן פראָנט. מײַן אָרט איז דאָרט, ווו איך וועל קאָנען ברענגען מער נוצן. איך וויל, דו זאָלסט מיך פאַרשטיין, ווי אַ טאַנקיסט אַ טאַנקיסט.

וויאַטשעסלאַוו האָט מיט באַדויערונג מיך באַטראַכט.

— נו, ווי דו פאַרשטייסט, איך האָב געמיינט דײַן טויווע, און דו גאָנערסט זיך. זאָל זײַן אַזוי, ווי דו ווילסט, — ער האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און פאָרגעזעצט, — כ'וועל זיך סטאַרען אויספילן דײַן ביטע.

דעם זעלבן טאָג בין איך אַרויסגעפירט געוואָרן פון רעזערוו, און באַנאַכט שוין געפאָרן צום אָרט פון מײַן נײַער אַרבעט. מיך האָט מען באַשטימט אַלס שעף פון אויסשפּירונג פון אַ מעכאַניזירטן קאָרפּוס.

מיטן דריטן קאָרפּוס, וווּהין איך בין איצט געשיקט געוואָרן, האָט אָנגעפירט דער גענעראַל מיכאַיל יעפימאָוויטש קאַטוקאָוו, וועלכער איז באַרימט געוואָרן אין די שלאַכטן הינטער מאָסקווע.

באַקענט האָב איך זיך מיטן קאָמאַנדיר פונעם קאָרפּוס אין אַ קליין שטיבעלע, וואָס איז געשטאַנען אין דער פאָרשטאָט פון קאַלינין. קאַטוקאָוו האָט געמאַכט אַף מיר אַ שטאַרקן אײַנדרוק — דינע געזיכט־שטריכן, דורכדרינגלעכע בלויע אויגן, אין דער טיף פון וועלכע עס נעסטן זיך פײַערלעך. פאַרשעריש און אופמערקזאַם האָט ער מיך אויסגעהערט, און דערנאָך מיט אַ שאַרפן מאַך פון דער האַנט ווי אונטערגעפירט אַ סאַכאַקל:

— אָפּגערעדט, איך נעם אײַך צו זיך, אָבער פאַרגעדענקט איין זאַך: אין דער פאַרגאַנגענהײַט בין איך אַליין געווען אַן אויסשפּירער, און מיט די כאָכמעס פון דער דאָזיקער פּראָפעסיע בין איך גוט באַקאַנט. איר זאָלט זיך אַפילע ניט פּרוּוון מיך פירן באַ דער נאָז. וועגן קעגנער דאַרפט איר מיר מיטיילן נאָר דעם עמעס, אַלע מינים ווערטעלעך „מיר דאַכט זיך", „פאָרלויפיק", „עס פאָדערט זיך פאַרפינקטלעכן" וואַרפט אַרויס אַף שטענדיק פון אײַער לעקסיקאָן, איך האָב דאָס ניט ליב, — דער גענעראַל איז גרינג אופגעשפּרונגען פונעם אָרט, דורכגעשפּאַנט איבערן צימער און מיט זײַן דינער שטים פאָרגעזעצט, — אַן אויסשפּירער — דאָס איז די ריִע און דער געהער פונעם קאָמאַנדיר. דאָרט, ווו קיינער וועט גאָרנישט ניט דערהערן, דאַרף דער אויסשפּירער אופכאַפּן דעם מינדסטן שאָרך, ער דאַרף דערזען דאָרט, ווו קיינער זעט קיין זאַך ניט. אָט וועל איך באַלד נעמען און אײַך מיט פאַרבונדענע אויגן אַרײַנוואַרפן אין אַ פינצטערן צימער, און איר דאַרפט קאָנען דערנאָך מיר זאָגן, ווער עס איז אויסער אײַך געווען אינעם צימער, — קאַטוקאָוו איז פלינק צוגעגאַנגען צו מיר און אַף אַ מין קינדערישן אויפן זיך צעלאַכט, — נו, ווי, פרײַנט מײַנער, איר האָט זיך נאָך ניט דערשראָקן פאַר מיר? מײַנע פאָדערונגען זײַנען אײַך צום האַרצן? — ער האָט זיך ניט דערוואַרט אַף קיין ענטפער און מיך אַרויסבאַגלייט פון צימער. — גייט געזונטערהייט און טרעט גלײַך צו צו דער אַרבעט.

איך האָב אַ שמייכל געטאָן צו זיך אַליין: „ער מאַכט אַ ביסל נאָך סוואָראָוון“... אינדעראמעסן איז ער טאַקע מיט עפּעס ענלעך געווען אויף לעגענדאַרן פֿעלדפּירער — מיט זײַן דורכדרינגלעכער שטים, מיט זײַנע זשעסטן.

דער צווייטער מילכאָמע־ווינטער אויפן קאַלינינער פראָנט איז געווען לינדער אין פאַרגלײַך מיטן פאַרגאַנגענעם, נאָר שניי איז אויסגעפאַלן אָן אַ שיר. עטלעכע וואָכן נאָכאַנאַנד האָט געהאַלטן אין איין שיטן. די דערפער און באַפעלקערטע פּונקטן זײַנען פאַרזונקען געווען אין הורבעס שניי, די וועגן זײַנען געווען פאַרוויט, דורך די וועלדער האָט מען זיך ניט געקאָנט דורכרײַסן. פאַר די מעכאַניזירטע און טאַנקען־טיילן איז דאָס געווען אַ באַזונדערס אָנגעשטרענגטע צײַט. ס׳איז שווער געווען צושטעלן שפּײַז־פּראָדוקטן, ברענשטאָף און סנאַריאַדן, ס׳איז אויך ניט גרינג געווען עוואַקויִרן די פאַרווונדעטע און קראַנקע.

אין די דאָזיקע באַדינגונגען איז געווען ניט פון די לײַכטע זאַכן צוגרייטן און דורכפירן די אָנגריף־אָפּעראַציע אויף דער 9־טער דײַטשישער אַרמיי אינעם ראַיאָן פון בעלי. אָבער די אַלגעמיינע לאַגע אינעם לאַנד איז געווען אַ גינסטיקע — די איניציאַטיוו איז איבערגעגאַנגען צו אונדז אין די הענט. דעם 19 נאָיאַבער האָט אונדזער מיליטער אָנגעהויבן אַרומרינגלען און פאַרניכטן דאָס היטלערישע מיליטער הינטער סטאַלינגראַד, פון די קאַווקאַזער בערג האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אונדזער מיליטער, שמעטערנדיק דעם קעגנער אין די פּאָרבערג.

אין אָט אַזעלכע אומשטענדן האָבן מיר גענומען אָנגרײַפן אויפן קאַלינינער פראָנט. כאָטש אונדזערע דערפאָלגן האָט מען ניט געקאָנט פאַרגלײַכן מיטן זיג אויף דער וואָלגע, האָבן זיי דאָך אָפּגעשפּילט אַ פּאָזיטיווע ראָליע אינעם אַלגעמיינעם אָנגריפס־דראַנג פון דער סאָוועטישער אַרמיי.

דאָ, אויף צאָפן, האָבן מיר פאַרקאָוועט אַ גרויסע פײַנטלעכע גרופּירונג, פאַרטריבן זי אין די טיפע שנייען, ניט געלאָזט זי אַ ריר טאָן זיך פון אָרט.

דער גענעראַל קאַטוקאָוו און זײַן שעף פון שטאַב ניקיטין האָבן אין יענע טעג מיך ניט געלאָזט צורו. זיי האָבן געפאָדערט אַלץ נײַע און נײַע ידיִעס וועגן סוינע, וועגן זײַנע מאַנעווערן און פּלענער. איין גרופּע אויסשפּירער נאָך דער אַנדערער זײַנען אוועקגעגאַנגען צום פראָנט און אין הינטערלאַנד פון קעגנער. איינצײַטיק איז פאָרגעקומען אַ געיעג נאָך „צונגען“.

מײַן פּערזענלעכע לאַגע איז דאָ געווען גאָרניט קיין שלעכטע. די צוגרייטונג צום אָנגריף און אויך די ערשטע טעג פון די שלאַכטן האָבן מיטגעווירקט, אַז מײַן אויטאָריטעט זאָל דאָ פאַרפעסטיקט ווערן. נאָר טיף אין דער נעשאָמע האָט עפּעס געצופּט. דער גענעראַל קאַטוקאָוו, וועלכער האָט מיך זייער גוט פאַרשטאַנען, האָט, נאַטירלעך, דערפילט מײַן שטימונג, ער האָט געוווסט, אַז מיך ציט צו מײַן סטיכיע, צו די טאַנקיסטן.

אײַנגיכן האָט אַ צופאַל מיר מיטגעהאָלפן צו פאַרווירקלעכן מײַנע טרוימען. אין דער ערשטער מעכאַניזירטער בריגאַדע פון אונדזער קאָרפּוס איז ניט אַלץ געווען קעשורע. דער קאָמאַנדיר פון דער בריגאַדע פּאָלקאָווניק מעלניקאָוו האָט ניט גאָר טיף זיך פאַנאַנדערגעקליבן אין די מעגלעכקײַטן און אין דעם נײַעם, וואָס איז אייגנטימלעך פאַר דעם טאַנקען־ און מעכאַניזירטן מיליטער. דער מאָטאָ־באַטאַליאָן פון דער בריגאַדע איז געווען אָפּגעזונדערט פונעם טאַנקען־פּאָלק און האָט ניט באַקומען קיין שום הילף ניט פון די טאַנקען און ניט פון דער אַרטילעריע, דעריבער איז ער טאַקע געבליבן שטעקן אין די שנייען. כוץ דעם, האָט די בריגאַדע פאַרלוירן די פאַרבינדונג מיט צוויי באַטאַליאָנען. די פּאַסיווקײַט פון דער דאָזיקער טייל האָט זיך אָפּגערופן אויפן גאַנצן קאָרפּוס.

קאַיאָר האָט מיך אַרויסגערופן דער גענעראַל. זײַן באַפעל איז געווען קורץ:

— דערקלײַבן זיך צו דער ערשטער מעכאַניזירטער בריגאַדע, פאַנאַנדערקלײַבן זיך אין אַלץ און מיר מיטיילן.

שפּעט באַנאַכט האָט דער קאָמאַנדיר פון קאָרפּוס געהערט מײַנע דערקלערונגען דורכן טעלעפאָן.

— וואָס לייגט איר פאָר? — האָט ער געפרעגט.

— אונטערציִען די אַרטילעריע צו די באַטאַליאָנען פונעם ערשטן עשעלאָן, פאַרשטאַרקן די אינפאַנטעריע מיט טאַנקען, אַוועקזעצן אויף די טאַנקען אַ דעסאַנט מאָטאָריזירטע אינפאַנטעריע און, אויסנוצנדיק דעם שלעכטן וועטער, פאָרנעמען אָן אָנגריף...

קאַטוקאָוו האָט מיך איבערגעשלאָגן:

— גענוג, איך באַשטים אײַך אַלס שעף פון שטאַב פון דער דאָזיקער בריגאַדע. שטעלט אײַן אָן אָרדענונג און פירט אָן מיט די שלאַכטן: איר מיטן קאָמאַנדיר זײַט פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן אָנגריף!

אין דער זעלבער נאַכט בין איך צוגעטראָטן אויספּילן די פּליכטן פֿונעם שטאַב־שעף פֿון דער ערשטער מעכאַניזירטער בריגאַדע.

כ'האָב זיך פֿאָרגעשטעלט דעם פּאָלקאָווניק מעלניקאָוו און גלײַך געבעטן אַ דערלויבעניש צו לאָזן זיך אין מאָטאָריזירטן שיסער־באַטאַליאָן און אין שטאַב פֿונעם טאַנקען־פּאָלק. עס האָט זיך געוואָלט דעטאַל פֿאַנאַנדערקלײַבן אין די אומשטענדן. דער קאָמבריג האָט באַגיטיקט מײַנע פֿאָרשלאָגן און דערבײַ שטרענג אָנגעזאָגט:

— אַף צו לייזן אַלע פֿראַגן גיב איך אײַך נאָר איין מעסלעס. פֿאַרטאָג וואַרט איך אַף אײַער מיטיילונג.

איך האָב צוגעקוקט, ווי מעלניקאָוו האָט זיך פּאַמעלעכן אופֿגעהויבן פֿון שטול, געמאַכט עטלעכע שפּאַן איבערן שמאָלן ערד־שטיבל... ס'איז קענטיק געווען, אַז זײַן שטימונג איז גאָר ניט קיין געהויבענע.

אינעם פֿוטערנעם קאַמזויל, אין די גרויע פֿוישטן האָט ער אויסגעזען קליין און אײַנגעשרומפּן, ס'האָט זיך ניט געגלייבט, אַז דאָס איז אַ מיליטערמאַן, אַ קאַדראָווע קאָמאַנדיר, וואָס דינט שוין העכער צוויי צענדליק יאָר אין דער אַרמיי.

— כ'בין צופֿרידן, וואָס מירן אַרבעטן מיט אײַך צוזאַמען, — האָט ער אַ זאָג געטאָן, — איך האָב ליב מענטשן איניציִאַטיווע, מענטשן מיט אַ שטאַרקן ווילן, וועלכע קוקן זיך ניט אַרום אין די זײַטן. פֿאָרט אַרויס אין די באַטאַליאָנען, נעמט אָן די סאַמע שטרענגסטע מיטלען. אויב עס וועט זיך פֿאָדערן, נעמט אַראָפּ פֿון זײַן פּאָסטן דעם קאָמאַנדיר פֿונעם 1־טן באַטאַליאָן דאָלגאָוון. אָט דער פֿויגל זיצט שוין לאַנג מיר אין דער לעבער. ווי נאָר כ'וועל געזונט ווערן, וועל איך זיך אַ נעם טאָן צו אים...

צוזאַמען מיט אַלעקסאַנדער איוואַנאָוון, ס'הייסט, מיט סאַשען, ווי מיר, אויסשפּירער, האָבן צווישן זיך גערופֿן דעם שיינעם יונגינקן קאַפּיטאַן, דעם שעף פֿון דער אויסשפּיר־בריגאַדע, און מיט אַ גרופּע אויטאָמאַטלער, האָבן מיר זיך געזעצט אין אַ טראָפֿיינעם „וועזדיעכאָד" און גע־לאָזט זיך אין וועג. העכער צוויי שאָ האָבן מיר געפּאַטערט אַף דורכמאַכן פֿיר־פֿינף קילאָמעטער. די גאַנצע צײַט האָבן זיך מיר געבאָמבלט אין קאָפּ די ווערטער פֿונעם קאָמבריג „אָט דער פֿויגל"... איך האָב אַ פֿרעג געטאָן בײַ איוואַנאָוון:

— זאָג מיר נאָר, סאַשע, ווער איז עס אַזוינס אָט דער דאָלגאָוו, וועגן וועלכן כ'האָב שוין באַוויזן זיך אָנהערן?

איוואַנאָוו האָט אַ שמייכל געטאָן.

— דאָס איז, כאַווער פּאָדפּאָלקאָווניק, אַ לאַנגע געשיכטע. וועגן דאָלגאָוון הערט מען ניט אוף צו ריידן אין אונדזער בריגאַדע און אין שטאַב פֿון קאָרפּוס.

— מיט וואָס איז ער עס אַזוי פּאָפּולער געוואָרן?

דער קאַפּיטאַן האָט ווי געוואַרט אַף דער דאָזיקער פֿראַגע. ער האָט זיך צוגערוקט נעענ־טער צו מיר, קעדיי די אויטאָמאַטשיקעס זאָלן ניט הערן, וואָס ער דערציילט, און אָנגעהויבן:

— בײַ באָריסאָוויטש דאָלגאָוו איז אַ קראַסאַוועץ, אַן עמעסער אַפּאָלאָן, אַ האַרץ־פֿרעסער. פֿאַרשטייט זיך, אַז טאַקע אַפֿן פֿרויען־פֿראָנט האָט ער געכאַפּט אַ מאַפּאָלע. געשען איז דאָס אין טאַשקענט. איך זײַנע אַדיוטאַנטישע איניאָנים איז ער געגאַנגען באַרג־אַרויף, נאָר... ס'האָט זיך אַרײַנגעמישט אַ פֿרוי. דאָס איז געווען אַ פֿרוי פֿון אַ וויכטיקן נאַטשאַלניק. זי האָט זיך פֿאַרליבט אין אָט דעם שטאַלטנעם באָכער מיט די ברענענדיקע אויגן, און עס האָט זיך פֿאַרקאָכט אַ קאַשע. מיט איין וואָרט, צו דאָלגאָווס אַדיוטאַנטישער קאַריערע האָט גענומען אַ סאָף, און אָט איז ער אַפֿן פֿראָנט.

— נאָר וואָס האָט עס פֿאַר אַ שײַכעס צו זײַן איצטיקער טעטיקײַט? — האָב איך ניט פֿאַר־שטאַנען. — און בִיכלאַל אינטערעסירן מיך ניט קיין פּוסטע מײַסעס, קיין קלאָטשערײַ. זאָג מיר בעסער, פֿאַרוואָס איז אונדזער קאָמבריג אַף אים אין קאַס און פֿאַרוואָס רעדסטו וועגן אים מיט סאַרקאַזם?

— די מיינונג פֿונעם פּאָלקאָווניק מעלניקאָוו ווייס איך ניט, אָבער דאָלגאָוו איז ווירקלעך אַ באָכער מיט מאָדנע גענג... אָט וועט איר זיך אַליין אין דעם איבערצײַגן.

די לעצטע עטלעכע קילאָמעטער האָבן מיר זיך געשלעפּט צופֿוס, זינקענדיק אין טיפֿן שניי. דער קורצער ווינטערדיקער טאָג האָט גענומען צאַנקען. מיר זײַנען געבליבן שטעקן אין אַ וואָיענדיקער פֿינצטערער פֿאַרשנייטער מידבער. אַ צופֿעליק פֿײַערל, וואָס האָט אַ בלענד געטאָן אין וואַלד, האָט אונדז געבראַכט צום אָרט, וווּ עס האָט זיך געפֿונען דער ערשטער באַטאַליאָן, וווּ קאָמאַנדיר איז געווען דאָלגאָוו.

אינעם בײַדל, וואָס איז אין אײַלעניש געווען צונויפֿגעפּלאָכטן פֿון צווײַגן און אַרומגע־האַקטע סאָסנעלעך, איז געווען ענג און אָנגערייכערט. אַרום אַ ברענענדיקן שײַטער זײַנען גע־

זעסן סאָלדאַטן און אָפֿיצערן פֿונעם באַטאַליאָן. דאָ האָב איך אויך געטראָפֿן דעם קאָמבאַט און זײַן שעף פֿון שטאַב.

מײַן אַראָפּקומען אַהער איז פֿאַר אַלעמען געווען אומגעריכט. די ערשטע מינוטן האָבן די מענטשן זיך פֿאַרלוירן, נאָר אײַנגיכן האָבן אַלע פֿאַרלאָזט דעם שלאַש און איך בין דאָ געבליבן מיטן קאָמבאַט און מיט זײַן שעף פֿון שטאַב. איך האָב זיך קוים דערשלאָגן פֿון דאַלגאַוון אַן ענטפֿער אױף מײַנע פֿראַגן, ער האָט געפּלאָנטערט און איז ניט זיכער געווען אין דעם, וואָס ער האָט דערציילט. דאַלגאַוו האָט אַפֿילו ניט געוווּסט, וווּ ער איז זײַן פֿראָנטאַלער קעגנער און ווער געפֿינט זיך אין דעם רעכטן און אין דעם לינקן פֿלאַנג.

אַן אָפּגעזונדערטער פֿון אַלץ און אַלעמען, האָט זײַן באַטאַליאָן זיך באַזעצט אָפֿן ראַנד פֿון וואַלד און שוין דעם דריטן טאָג ניט געריכט זיך פֿון אָרט. דערבײַ איז קיין טעלעפֿאָן־פֿאַרבינדונג מיט די ראָטעס און מיטן שטאַב פֿון דער בריגאַדע אויך ניט געווען, און די איינציקע ראַדיאָסטאַנציע איז, ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, געלעגן פֿאַרפּאַקעוועט אין אַ קעסטל און באַהאַלטן ערגעץ אין אָבאָז. צו מײַן פֿאַרוווּנדערונג האָב איך זיך דערוווּסט, אַז דאַלגאַוו איז אָנגעשטעקט מיט „ראַדיאָ־שרעק" — אים האָט עמעצער דערוויזן, אַז דער קעגנער לאָקערט נאָך יעדער ראַציע און דאָס דינט אַלס אַן אָריענטיר דער פֿײַנטלעכער אַרטילעריע. כּוץ אַלעמען, האָט דער שטאַב פֿונעם באַטאַליאָן זיך אָפּגעריסן פֿון זײַנע פֿאַרויסגעשריטענע טיילן.

אונדזער געשפּרעך האָט אָנגענומען אַ שאַרפֿן כאַראַקטער. איך האָב זיך ניט געקאָנט צווינגען און געגומען שרײַען, ניט שעמענדיק זיך פֿאַר אַ שאַרף וואָרט. דער קאָמבאַט איז אָף אַ צײַט אַנשוויגן געוואָרן און דערנאָך געגומען ריידן:

— איך בעט אײַך ניט שולדיק מאַכן דעם שעף פֿון שטאַב. אָפֿן גערעדט, בין איך אין אַלץ שולדיק, — און מיט אַ פֿאַרטרויבטער שטים פֿאָרגעזעצט, — כ'בין אַהער אַראָפּגעפֿאַלן, ווי פֿון הימל — פֿון דעם אָנגעגליטן טאַשקענט אין אָט די פֿאַרשנייטע סטעפּעס און וויוגעס. כ'האָב זיך ניט באַוויזן אַרומקוקן, ווי עס האָבן זיך אָנגעהויבן די שלאַכטן. די נערוון האָבן ניט אויסגעהאַלטן...

דער שײַטער אין בײַדל האָט העלער זיך צעפֿלאַקערט, און איך האָב איצט בוילעט געזען דעם קאַפּיטאַנס טרויעריקע אויגן. די פֿלאַמענדיקע צווײַגן האָבן באַלויכטן די דינע שטריכן פֿון זײַן פּאָנעם, און די געצײלטע ווערטער, מיט וועלכע ער האָט זיך צו מיר געווענדט, האָבן מיר אויסגעוויזן צו זײַן אופֿריכטיקע. איך האָב אַ קלער געטאָן: „די ערשטע צײַט בין איך דאָך אויך ענלעך געווען אָף אים". און איך האָב אים אָנגעהויבן צו גלייבן.

— נו, גענוג צו מיסוואַדע זײַן זיך. איך גיב אײַך צוויי שאָ צײַט אָף אײַנצושטעלן אַ פֿאַרבינדונג און אָף בײַטן דעם „קפּ". מאָרגן וועט אין אײַער רעשוס געשיקט ווערן אַ טאַנקען־ראָטע, אַן אַרטילעריסטישע באַטארייע און אַ סאַפּיאָר־ווזוואָד. דער באַטאַליאָן דאַרף גרייט זײַן צו אַן אָנגריף.

מיר זײַנען מיט סאַשע איוואַנאָוון אָפּגעטראָטן פֿונעם שײַטער און זיך פֿאַרשלאָגן אין אַ פֿרײַ ווינקל פֿונעם שלאַש. עפּעס אַ סטאַרשינאַ האָט געבראַכט צו טראָגן אַ קעסעלע קאַשע און אַן אַלומיני־קוווערטל מיט אָקרעפּ. מיר זײַנען פֿאַרטאָן געווען מיט אונדזער וועטשערע, נאָר פֿון צײַט צו צײַט האָב איך דאָך געהערט, ווי דאַלגאַוו גיט אָפּ פֿאַרשיידענע פֿאַראָרדענונגען. ס'האָט ניט געדויערט קיין שאָ, ווי דער קאָמבאַט האָט ראַפּאָרטירט, אַז די ראַדיאָ־פֿאַרבינדונג מיטן שטאַב פֿון דער בריגאַדע איז אײַנגעשטעלט און אַז אַלץ איז גרייט אָף צו בײַטן דעם „קפּ".

געזעגענענדיק זיך מיט דאַלגאַוון, האָב איך אַ טראַכט געטאָן, אַז מיר זײַנען אַליין אויך אין פֿיל זאַכן שולדיק. דעם דאָזיקן מענטשן, וואָס האָט קנאַפּע לעבנס־דערפֿאַרונג, איז נאָך ניט גענוג פֿאַרהאַרטעוועט אין שלאַכט, האָבן מיר מיט קיין זאַך פּאַקטיש ניט געהאָלפֿן.

— באָריס באָריסאָוויטש, — האָב איך זיך געווענדט צו אים, — לאָמיר זיך צונויפֿריידן — איינמאָל פֿאַר אַלעמאָל: פֿונעם טעלעפֿאָן ניט באַהאַלטן זיך, מיט דער ראַדיאָסטאַנציע זײַן אין פֿרײַנטלעכע באַציִונגען. איר דאַרפֿט זיך שטענדיק געפֿינען אָף די שלאַכט־פּאָזיציעס פֿון די ראָטעס, וואָס ווייניקער קוקן אָף צוריק און אין די זײַטן, דערפֿאַר וועט איר מאָרגן אינדערפֿרי באַקומען טאַנקען, אַרטילעריע, מיר וועלן אײַנשטעלן אַ טעלעפֿאָן־פֿאַרבינדונג און אײַך צוהילף קומען מיט אַלץ, וואָס מיר פֿאַרמאָגן.

אַ קוים מערקבאַרער שמייכל האָט אַ ריר געטאָן זײַנע ליפּן.

— אַ דאַנק אײַך, כאַווער פּאָדפּאָלקאָווניק, פֿאַר אַלץ.

דעם קאָמאַנדיר פֿונעם 3־טן באַטאַליאָן, דעם מאַיאָר דמיטרי אַנטאָנאָוויטש איוואַנאָוון, האָבן מיר אין זײַן שטאַב ניט געטראָפֿן. ער איז נאָך פֿאַרנאַכט אוועקגעגאַנגען אין איינער אַ

ראָטע, וואָס געפינט זיך אין וואַלד. דער פאַרבינדלער, א קליינוווקסיקער סאָלדאַט אין א לאַנגן פעלץ, אין פּוישטן מיט איבערגעבויגענע כאָליעוועס און אין א היטל מיט לאַנגע אויערן, האָט זיך ווי געקויקלט פאַר אונדז, דורכלייגנדיק א וועג צו דער ראָטע. אין א צען מינוט ארום זײַנען מיר צוגעקומען צו א טיפער שניי־טראַנשיי און גלײַך אָנגעטראָפן אפן קאָמבאַט. מיר איז געפעלן געוואָרן, וואָס דער שטאַב פונעם באַטאַליאָן געפינט זיך דאָ באַנאַנד — א מינע הונדערט מעטער פון די פאָדערשטע ראָטעס. מיט איוואַנאָוון בין איך שוין געווען באַקענט, ניט איין מאָל האָבן מיר זיך מיט אים באַגעגנט. דאָס איז געווען א געזעצטער מענטש, וואָס האָט אויסגעזען עלטער פון זײַנע פערציק יאָר. די לאַנגע אראָפּהענגענדיקע וואָנצעס, די געדיכטע צונויפגעוואַקסענע ברעמען און די קאַלטע אויגן האָבן אים צוגעגעבן אַן אויסזען פון א שטרענגן מענטשן. אָנגעטאָן איז ער געווען אונטערגעשטראָכן נאַכלעסיק — דאָס היטל אראָפּגערוקט אף א זײַט, דער רימען — לויז פאַרשפּיליעט. זײַנע אויסגעטראָטענע פּוישטן זײַנען געווען אונטערגעניייט אפן דאָרפישן אויפן מיט גראָבע פאָדעשוועס. דאָס אַלץ האָט אפן ערשטן אויגנבליק געמאַכט ניט קיין גוטן אײַנדרוק. אָבער לויט די אָפּרופן פון פיל אָפיצערן, איז איוואַנאָוו געווען אַן אויסערסט געוואַגטער מענטש, וואָס האָט שטענדיק זיך געפונען אף די פאָדערשטע פּאָזיציעס און אָנגעפירט מיט זײַנע ראָטעס בייס די שלאַכטן.

איוואַנאָוו איז אַרופגעקראָכן אפן ברוסטווער פון דער שנייִקער טראַנשיי און געגומען מיר דערציילן. ניט אַלץ איז פון אָנפאַנג קלאָר געווען, נאָר כ׳האָב אים ניט איבערגעשלאָגן. דער קאָמבאַט האָט מיט פּראָסטע ווערטער, אָן שום פּוץ אויסגעדערציילט וועגן דער לאַגע פונעם באַטאַליאָן. פאַר מיר האָבן ווי אופגעלעבט די ראָטעס, די אַרטילעריסטישע פּאָזיציעס, די פײַערפונקטן. הערנדיק אים, האָב איך זיך איבערצײַגט, אז דער דאָזיקער קאָמבאַט באַהערשט אויסגעצייכנט דאָס שלאַכטפעלד, פאַרשטייט, ווער עס שטייט אנטקעגן אים, און ווייסט גוט זײַנע מעגלעכקײַטן. ווען ער האָט פאַרענדיקט זײַן באַריכט, האָב איך פאָרזיכטיק א פרעג געגעבן:

— און דאָך, דמיטרי אנטאָנאָוויטש, פאַרשטיי איך ניט, פאַרוואָס איר זײַט געבליבן שטעקן דאָ, אפן ראַנד פון וואַלד? איר זײַט דאָך א געניטער קאָמאַנדיר, אף אײַך קוקן אַלע.

איוואַנאָוו האָט א זופּ געטאָן די קאַלטע לופט און מיט א הייזעריק קאָל געענטפערט:

— כאָווער פּאָדפּאָלקאָווניק, טוט א קוק אף אָט דעם פעלד, וואָס ציט זיך אף קילאָמעטערס. יעדן סאָלדאַט, יעדן קוילנוואַרפער זעט מען אף דעם ווײַסן פאָן פון העט־העט ווײַט. דאָס איז אַן אויסגעצייכנטער ציל פאַרן סוינע. איך פאַרשטיי אַליין, אז ס׳איז ניט גוט צו טאָפּטשען זיך אף איין אָרט. נאָר זאָגט איר, צי האָב איך מאָראַלישע רעכט אוועקצולייגן הונדערט לעבנס אף אָט דעם ווײַסן פלאַץ... — איוואַנאָוו האָט שוין מער ניט געקענט זיך צוימען און אויסגעשריִען מיר אין פּאָנעם ארײַן: — מע דאַרף טאַנקען! גיט מיר א דיוויזיאָן אַרטילעריע! האַלט אונדז אונטער מיט סאַפּיאָרן, און מיר וועלן זיך גלײַך לאָזן פאָרויס.

וואָס האָב איך געקאָנט זאָגן? דער מענטש איז געווען גערעכט.

דער 2־טער באַטאַליאָן פונעם קאַפּיטאַן דאָלזשענקאָ איז אין יענעם פונקט, וואָס איז אָנגעמערקט געווען אף אונדזער קאַרטע, ניט געווען. מיר האָבן לאַנג געזוכט דעם שטאַב און אים ניט געפונען. אונדזער מאַשין האָט געבלאָנקעט און געבלאָנקעט און סאָפּקאָלסאָף פאַרהריזנעט געוואָרן אין א פאַרשנייטער באַלקע. איך האָב אין דער באַגלייטונג פון די אווטאָמאַטשיקעס זיך געלאָזט אין וועג צופוס. דער ווינט איז שטאַרקער געוואָרן, דער שניי האָט זיך גענומען טראָגן פון דער ערד. גיין ווײַטער איז שווערער געוואָרן. פּאַקטיש האָבן מיר אָפּגעטאָן ניט קיין קלוגע זאַך — פון דער מאַשין האָבן מיר זיך דערווײַטערט, און צום באַטאַליאָן זיך דערקלײַבן האָבן מיר קיין אויסזיכטן ניט געהאַט.

פלוצעם האָבן דורך דעם געוואָי פונעם ווינט זיך דערטראָגן צו אונדז מענטשלעכע קוילעס. עפשער האָט זיך עס מיר בלויז אויסגעדאַכט? נאָר מײַנע מיטגייער האָבן זיך אָפּגעשטעלט און זיך אויך גענומען אײַנהערן. און אָט דערגייט צו אונדז דאָס קאָל פון א פרוי צי פון עטלעכע פרויען. ווּהין איז אהינגעקומען די מידקײַט? מיר האָבן זיך געלאָזט לויפן אנטקעגן די קלאַנגען. ווען מיר זײַנען צוגעקומען נעענטער צום יאַר, האָבן אונדזערע פּוישטן זיך פאַרפּלאָנטערט אין דראָטן. איך בין אומגעפאַלן אינעם טיפן שניי און ערשט דאַן דערזען, ווי פונעם יאַר זײַנען ארויסגעשפּרונגען מענטשן אין ווײַסע כאַלאַטן.

— שטיי, כ׳וועל שיסן!

— מיר זײַנען אייגענע, מיר זײַנען רוסישע!

פאַר אונדז זײַנען געשטאַנען צוויי יונגע מיידלעך אין ווײַסע כאַלאַטן.

— ווער זײַט איר?

די מיידלעך האָבן פריילעך אין איין קאָל אויסגעשריִען:

— מיר זײַנען דער קאָמוטאַטאָר.
— וואָס פאַר אַ קאָמוטאַטאָר?
— אַ געוויינלעכער טעלעפאָן־קאָמוטאַטאָר, — איינע פון די מיידלעך האָט אַראָפּגעוואָרפן דעם מאַסקיר־כאַלאַט, דערנאָך צעשפּיליעט דאָס פּעלצל און געזאָגט:
— אָט איז ער...
פון אונטער איר פּעלצל האָט זיך דערטראָגן אַ געקלאַנג, אַ סקריפּערײַ, נאָר מיר איז נאָך סײַ־ווי־סײַ ניט אַלץ קלאָר געווען.
— ווער האָט עס אײַך פאַרטריבן אינעם יאַר? שוין זשע האָט איר ניט געקאָנט געפינען פאַר זיך קיין באַקוועמער אָרט?
די צווייטע טעלעפאָניסטקע האָט קוים כליפּענדיק געענטפערט:
— וואָס האָבן מיר געקאָנט מאַכן? דער סטאַרשינאַ האָט אונדז געבראַכט אַהער און באַפוילן וואַרטן אויף אים, און אַליין איז ער אַנטרונען געוואָרן אויפן גאַנצן טאָג. ליגן מיר אין די קוסטעס און גיבן אַכטונג אויף דער פאַרבינדונג פונעם בריגאַדע־שטאַב מיטן צווייטן באַטאַליאָן. און דעם אַפּאַראַט האָבן מיר גוט באַוואָרנט — מיר האַלטן אים אונטערן פּעלצל, קעדיי די קאָנטאַקטן זאָלן ניט פײַכט ווערן.
מיר האָבן זיך אַלע צעלאַכט.
איך האָב אויסגענוצט די דאָזיקע „סטאַנציע“ און זיך פאַרבונדן מיטן קאָמבריג. כ׳האָב אים דערציילט אַלץ וועגן דאַלגאָוון און איוואַנאָוון און אויך אַרויסגעזאָגט מײַן מיינונג וועגן פאַרשטאַרקן מיט טאַנקען און אַרטילעריע די באַטאַליאָנען פונעם ערשטן עשעלאָן. מיט גרויס אָנשטרענגונג האָב איך אויפגעכאַפּט דאָס פאַרטויבטע קאָל פונעם פּאָלקאָווניק.
— איך האָב אויך געטראַכט וועגן דעם, — האָט זיך דערטראָגן צו מיר, — קערט זיך אום וואָס גיכער אין שטאַב. אויפן וועג כאַפּט זיך אַראָפּ צו די טאַנקיסטן, גיט זיי איבער מײַן באַפעל, קאָנטראָלירט אַלץ דורך.
איך האָב זיך אויך פאַרבונדן מיטן קאָמאַנדיר פונעם 2־טן באַטאַליאָן, מיטן קאַפּיטאַן דאָלזשענקאָ. איבערגעלאָזט דרײַ אַווטאָמאַטלער מיט די מיידלעך און מיט די איבעריקע זיך געלאָזט ווײַטער. איך וועג האָבן מיר באַגעגנט דעם „טיאַגאַטש“, וועלכער איז אונדז אַרויס אַנטקעגן. ביז אינדערפרי האָבן מיר געזוכט דעם 14־טן טאַנקען־פּאָלק. מיטן קאָמאַנדיר פונעם דאָזיקן פּאָלק, מיטן פּאָדפּאָלקאָווניק בורדאַ, זײַנען מיר געווען גוטע־פרײַנט. דעם דאָזיקן מענטשן האָבן ליב געהאַט סײַ זײַנע אונטערגעאָרדנטע, סײַ זײַנע קאָמאַנדירן.
מיכאַיל יעפימאָוויטש קאַטוקאָוו האָט געהאַלטן פון אים אַ וועלט, אָפט פלעגט ער מיט ליבע שפּאַסן:
— אָ, אַלעקסאַנדער פיאָדאָראָוויטש איז אַ מאָלאָדיעץ! קלוג, דורכגעטריבן! דאָ האָט איר צו טאָן ניט מיט קיין בורדאַ־סוף, נאָר מיט אַ פאַרהאַרטעוועטן קאָמאַנדיר. וואָס פאַר אַן אויפגאַבע איר זאָלט ניט שטעלן פאַר אים, וועט ער זי אומבאַדינגט אויספילן מיט גלאַנץ.
אַ פאַרשנייטער שטעג האָט אונדז דערפירט ביז צו אַ טיפן יאַר, וווּ עס איז געשטאַנען אַ רעמאָנט־מאַשין, וועלכע דער קאָמאַנדיר פון פּאָלק האָט צוגעפּאַסט פאַר זײַן שטאַב־קוואַרטיר. אינווייניק איז אַלץ געווען אײַנגעאָרדנט אויף אַ באַלעבאַטישן אופן: דער וואַרשטאַט איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ טישל, די באַנק אינעם לינקן ווינקל האָט געדינט אַלס אַ געלעגער. אינעם טראָגבעטל, וואָס איז געהאַנגען צוגעפעסטיקט צו דער סטעליע, האָט אָפּגערוט דער שאָפער. דאָס אײַזערנע אייוועלע האָט געפלאַמט און געפּאַשעט מיט היץ. דאָ איז געווען רויִק און אַפילו געמיטלעך. איך האָב ניט אויסגעהאַלטן און מיט אַ געוויסער איראָניע אַ זאָג געטאָן:
— בײַ אײַך, אַלעקסאַנדער פיאָדאָראָוויטש, איז, דאַכט זיך, אַלץ אין אָרדענונג.
בורדאַ האָט ניט אויפגעכאַפּט דעם טאָן פון מײַן רעפּליק און גאַנץ מונטער געענטפערט:
— איר זײַט אַבסאָליוט גערעכט. בײַ אונדז איז אַלץ נאָרמאַל. די דײַטשן האָבן מיר פאַרטריבן אויף אַ קילאָמעטער פינף, דער פּאָלק האָט זיך אײַנגעגראָבן טיף אין שניי, און איצט וואַרט איך אויף ווײַטערדיקע פאַראָרדענונגען.
— און וואָס פאַר אַ צושטאַנד זײַנען אײַערע טיילן?
ער האָט גלײַך געענטפערט:
— קיין פאַרלוסטן זײַנען ניטאָ, די מענטשן זײַנען זאַט, די מאַשינעס — גרייט.
ניט געקוקט אויפן מונטערן טאָן פונעם קאָמאַנדיר, האָט מיך עפּעס ניט באַפרידיקט, מעגלעך דערפאַר, וואָס איך ביז קיינמאָל ניט געווען קיין אָנהענגער פון דער פאָרמול „זיגן אום יעדן פרײַז“... אַלע יאָרן פון דער מילכאָמע האָב איך זיך געסטאַרעט אויסמײַדן גרויסע פאַרלוסטן...
אַ הייזעריקער און אַ פאַרמאַטערטער, האָב איך זיך דערקליבן צום בלינדאַזש פונעם פּאָל־

קאָוניק מעלניקאָוו, און אין א שאָ ארום שוין איבערגעגעבן דעם באַפעל פונעם בריגאדע־קאָמאנדיר: יעדן מאָטאָריזירטן שיסער־באטאליאָן געבן א טאנקען־ראָטע, פארשטארקט מיט ארטילעריע און סאפיאָרן.

די אינפאנטעריע האָט מאמעש אופגעלעבט און גענומען אָנגרײַפן. אין ערשטן עשעלאָן האָט זיך באוועגט פאָרויס דער באטאליאָן פון באָריס דאָלגאָוון.

אין דער צווייטער העלפט פעווראל און אָנהייב מארט האָבן פון צאָפן געווייעט שטארקע בוראנען. מיר האָבן קוים באוויזן אראָפּשארן פון די טאנקען און הארמאטן די שנייִיקע איבערבעטן, אָפּרייניקן די שטעגן, וועלכע האָבן געפירט צו די בלינדאזשן און אָקאָפּעס, צו די ראָטעס און באטאליאָנען און צו די פונקטן, ווו עס האָבן זיך געפונען די שיס־מיטלען. מיר האָבן פארשטאנען, אז דער דאָזיקער שטילשטאנד וועט דויערן ניט לאנג, און מיט אומגעדולד געווארט אפן קאָמאנדיר פון קאָרפּוס, וואָס איז דרינגענדיק ארויסגערופן געוואָרן קיין מאָסקווע.

אין איינעם א קאָיאָר איז געקומען צו אונדז קאטוקאָוו. פארשטייט זיך, אז ניט צוליב קיין שפּאציר האָט ער דורכגעמאכט אָט די ווײַטע שטרעקע.

אין אן אויסגעקרימטן שטארק אָנגעהייצטן וואלד־שטיבל איז זיך צונויפגעקומען די גאנצע קאָמאנדשאפט פון דער בריגאדע, פון די פּאָלקן און באטאליאָנען. לויט דעם שמייכל, לויט די פײַערלעך, וואָס האָבן אופגעפלאמט אין די אויגן פונעם גענעראל, איז ניט שווער געווען זיך אָנצושטויסן, אז ס׳איז פאָרגעקומען עפּעס וויכטיקס.

אין שטיבל איז געווען זייער שטיל, מע האָט געהערט, ווי עס טרישטשען די צווײַגלעך אין אייוועלע. דער גענעראל האָט גערעדט קורץ, אונטערשטרײַכנדיק יעדער וואָרט באזונדער:

— מיך האָט באפולמעכטיקט דער אויבער־הויפּטקאָמאנדיר אויספאָרמירן א טאנקען־ארמיי, — ער איז אָף א ווײַלע שטיל געבליבן און דערנאָך פאָרגעזעצט. — אונדזער ארמיי איז צוגעזייגנט געוואָרן דער נאָמען „1־טע טאנקען־ארמיי“. איר פארשטייט? ערשטע! דאָס פארפליכטעט אונדז זייער שטארק. די 1־טע גווארדייִישע טאנקען־בריגאדע און אײַער 1־טע מעכאניזירטע זײַנען דער קערן פון דער דאָזיקער ארמיי. אונדז שטייען פאָר וויכטיקע אופטועז. איך בין זיכער, אז מיר וועלן בארעכטיקן דעם צוטרוי פון אונדזער היימלאנד.

דעם גענעראלס ווערטער זײַנען אופגענומען געוואָרן מיט באגײַסטערונג. די 1־טע טאנקען־ארמיי, וואָס איז געבוירן געוואָרן אינעם פארשנייטן ווינטער אין די וועלדער פון קאלינינשטשינע, האָט דורכגעמאכט אָף די מילכאָמע־וועגן טויזנטער קילאָמעטער און פארענדיקט איר מארש דעם 9 מײַ 1945 יאָר אין בערלין.

אין די ערשטע טעג אפּרעל פון 1943 איז אונדזער בריגאדע איבערגעפירט געוואָרן אינעם בײַפראָנט־שטעטל אָבאָיאן, צוליב דעם, אז זי זאָל אין באשטאנד פונעם וואָראָניעזשער פראָנט אָנטיילנעמען אין די פאָרשטייענדיקע שלאכטן אָף דעם קורסקער בויגן (דוהע).

דאָס ערשטע מאָל אין מײַן לעבן האָב איך באטראָכטן די קורסקער ערד. ניט אומזיסט רעדט מען און מע שרײַבט אזויפיל וועגן די דאָזיקע ערטער. דאָס איז ווירקלעך א ווונדערלעכער קאנט. דער פרילינג איז אין דרײַ־און־פערציקסטן יאָר געווען א פריִער. עס האָבן זיך באדעקט מיט גרינס די וועלדער, די סעדער זײַנען געווען אין צוויט. ארום די ביימער האָבן זיך געשפּרייט גראנדיִעזע טעפּיכער, וועלכע זײַנען אויסגעהעפט געווען פון אָפּגעפאלענע ווײַסע פערשקע־בליטן און גרינע גראָזן. דער רייעך פון בלומען, דאָס געזאנג פון די לערכעס האָבן ניט געלאָזט שלאָפן. ס׳האָט זיך געקאָנט דוכטן, אז דאָ איז דאָס סאמע פרידלעכע ווינקעלע אָף דער ערד, וואָס איז באשאפן פאר רו, ליבע און גליק. נאָר צום באדויערן, האָט זיך בלויז אזוי געדאכט, אין דער ווירקלעכקײַט זײַנען די פרעכטיקע ערטער געלעגן אין סאמע צענטער פון בלוטיקע שלאכטן. די מילכאָמע האָט געהוליעט אין די קאנטן שוין באלד צוויי יאָר, זי האָט זיך פארקליבן אין די שטעט און דערפער, פארטרונקענע אין סעדער. די שווארצערדיקע פעלדער זײַנען געווען דורכגעזאפט מיט מענטשלעך בלוט, מיט מענטשלעכעליידן.

אָף דער דאָזיקער ריכטונג האָט דער פײַנט קאָנצענטרירט זײַנע בעסטע קויכעס — די דיוויזיעס „אדאָלף היטלער“, „דער טויטער קאָפּ“, „דער רײַך“, „דאָס גרויסע דײַטשלאנד“. צענדליקער דיוויזיעס, הונדערטער פּאָלקן זײַנען איבערגעוואָרפן געוואָרן פון אנדערע פראָנטן, פון דײַטשלאנד גופע, פון פראנקרײַך, פון האָלאנד — און אלץ אפן קורסקער בויגן. אהער זײַנען אָנגעקומען די לעצטע מאָדעלן פון די טאנקען „טיגער“, „פּאנטערע“, „פערדינאנד“.

דער דײַטשישער לופט־פלאָט האָט באקומען מאָדערניזירטע באָמבארדירער. אינעם קורסקער הימל האָבן זיך באוויזן די פארניכטלער „פאָקע־וואולף־190“ און די שטורמאָוויקעס „הענקעל־129“.

דאָס פאשיסטישע דײַטשלאנד האָט אהער אראָפּגעבראכט א מיליאָניקע ארמיי, מיט צענדליקער טויזנטער הארמאטן, העכער דרײַ טויזנט טאנקען, בא צוויי טויזנט עראָפּלאנען. דער דאָזיקער געפּאנצערטער טאראן האָט געדארפט דורכרײַסן אונדזער שוץ־ליניע. דער קלאַפּ איז געווען געצילט אָף צעשמעטערן דאָס סאָוועטישע מיליטער אין סאמע צענטער פון רוסלאנד. דאָס וואָלט שטארק געענדערט די לאגע אפן גאנצן מיזרעכדיקן פראָנט, און דעמלט, ווי עס האָבן געטרוימט די פאשיסטן, וואָלטן זיך געעפנט די טויערן אָף צאָפן און אָף מיזרעך. דעמלט וואָלט פארגעסן געוואָרן די טרויעריקע געשיכטע פון פאוליוסעס 6־טער ארמיי הינטער סטאלינגראד און דער פּרעסטיזש פון דער היטלער־ארמיי וואָלט געשטיגן. עס וואָלט, פארשטייט זיך, לײַכטער געווען צו פירן א שמועס מיט די ענגלענדער און אמעריקאנער...

צום ערשטן מאָל פאר אלע יאָרן האָב איך געזען בא אונדז אזא פעסטע און טיפע שוץ, וואָס זאָל זײַן אזוי אָנגעזעטיקט מיט מעכטיקע קרעפטן. אָף הונדערטער קילאָמעטער האָט זיך געצויגן דאָס סאָוועטישע מיליטער, וואָס איז געווען עקיפּירט מיט אלעם נייטיקן. די אינפאנטעריע איז געשטיצט געוואָרן פון קאָלערליי קאליברען ארטילעריע און אויך פון א גרויסער מאסע טאנקען, וועלכע עס האָט באשיצט סײַ די פארניכטונגס־אוויִאציע, סײַ די זעניט־ארטילעריע, און דאָס אלץ איז געווען געזיכערט מיט א שטאנדהאפטיקער פארבינדונג, מיט אן אייניײַטלעכער פעסטער אָנפירונג.

אין יענע טעג זײַנען מיר ניט ארויסגעקראָכן פון די טראנשייען און אָקאָפּעס, פון די פײַער־פּאָזיציעס און באאָבאכטונגס־פונקטן. פאר יעדן טאנק, פאר יעדער הארמאט, מינעווארפער און קוילנווארפער האָבן מיר צוגעגרייט א פײַער־פּאָזיציע, ס׳איז אָנגעמערקט געוואָרן דער סעקטאָר פון באשיסן. מיר האָבן אײַנגעשטעלט אָריִענטירן און צילן, אויסגעשטאט גרינטלעכע פאלשע און רעזערוו־פּאָזיציעס. די ארבעט איז געגאנגען באטאָג און באנאכט. פאָרויס פון אונדז זײַנען געשטאנען די שלאכטלײַט פון טשיסטיאקאָווס ארמיי. מיר, קאטוקאָווס טאנקיסטן, האָבן זיי געשטיצט מיט אונדזערע דרײַ מעכאניזירטע און טאנקען־קאָרפּוסן. הינטער אונדז איז געשטאנען די טאנקען־ארמיי פונעם גענעראל ראָטמיסטראָוו. ביידע פײַנטלעכע צדאָדים האָבן פארענדיקט די צוגרייטונג צו די פאָרשטייענדיקע שלאכטן און פארגליווערט געבליבן אפן אָרט — זיך אָנגעשטשירעט איינס קעגן אנדערן.

סאָפּקאָלסאָף האָבן בא היטלערן די נערווען ניט אויסגעהאלטן... אין דער נאכט פונעם פערטן אפן פינפטן יול איז דאָס דײַטשיש־פאשיסטישע מיליטער איבערגעגאנגען אין אָנגריף.

דער אָריאָל־קורסקער גערלאנגל האָט זיך אָנגעהויבן...

ווי נאָר עס האָט זיך צעטראָגן די קאָמאנדע „צום שלאכט!“, האָט די ערשטע מעכאניזירטע בריגאדע אופגעלעבט. די קאָמאנדעס פון די קאָמאנדירן פון פארשיידענע ראנגען, דער געקלאנג פון מעטאל, דאָס קלימפּערן פון די רויפן איז געהאנגען אינדערלופטן. מיר האָבן פארלאָזט דעם אײַנגעזעסענעם ראיאָן און דורך אויסגעפּאָרשטע וועגן זיך א לאָז געטאָן אָף דאָרעם אין דער זײַט פון ווערכאָפּאָליע, יאקאָוולעוואָ.

אין דער צוויטער העלפט פון טאָג, ווען די פלאקערנדיקע זון האָט גענומען קילער ווערן, האָט פון די העל־בלויע וואָלקנס זיך באוויזן א סטײַע „יונקערסן“ און „מעסערשמיטן“. מיר איז דורכגעלאָפן א געדאנק: „מ׳האָט אונדז אויסגעשפּירט“. אלע האָבן פארטײַעט דעם אָטעם. פלוצעם האָבן איבערן יאר און איבערן וואלד זיך באוויזן אונדזערע „לאגן“ און „יאקן“. זיי האָבן פארנומען דעם גאנצן הימל — אזויפיל זײַנען זיי געווען. דער שאָטן פון דער דאָזיקער ארמאדע האָט פארדעקט דאָס גראנדיִעזע ווייצן־פעלד. דער קעגנער האָט ניט באוויזן אראָפּווארפן אָף אונדז זײַנע באָמבעס און פארקערעוועט אָף צוריק. אונדזערע פארניכטלער האָבן זיי אָנגעיִאָגט, און ס׳האָט זיך פארבונדן א לופט־געפעכט. צוויי „יונקערסן“ האָבן זיך ארײַנגעשניטן אין דער ערד ניט ווײַט פון אונדז. פארנאכט־צו איז ענדגילטיק קלאָר געוואָרן, ווו עס געפינען זיך די נעסטן פון די דײַטשישע טאנקען און אויך די ריכטונג פון זייער הויפּט־קלאַפּ.

פארטאָג, ווען ס׳איז זיך צעגאנגען דער נעפל, האָבן מיר באמערקט פונדערווײַטנס א טאנקען־קאָלאָנע, וואָס האָט זיך צעצויגן אָף עטלעכע קילאָמעטער. מיר האָבן זיך א וואָרף געטאָן צו אונדזערע טאנקען און דורך די טעלעסקאָפּישע צילן בוילעט דערזען די קאָנטורן פון פאשיסטישע „טיגרען“. דער קאָמאנדיר פון אונדזער טאנקען־ראָטע סמירנאָוו האָט אָפּגעגעבן א קאָמאנדע זיך צוגרייטן צו דער שלאכט. דער ערשטער זאלפּ האָט ניט געטראָפן אין ציל, אָבער באלד האָבן אונדזערע סנאריאדן זיך גענומען לייגן אין א נייטיקן ראיאָן. אינגיכן האָבן אָנגעהויבן שיסן די אנדערע טאנקען־טיילן, עס האָט זיך אויך אָנגעשלאָסן די ארטילעריע פון דער בריגאדע און פונעם קאָרפּוס.

בייס דער דאָזיקער שלאכט האָבן מיר זיך איבערצײַגט, ווי ניט עפעקטיוו עס זײַנען אונדזערע שפּליטער־סנאריאדן. זיי האָבן קיין גרויסן שאָדן די דײַטשישע טאנקען ניט געקאָנט אָנ־

טאַן. דערווײַל האָט די פֿײַנטלעכע טאַנקען־קאָלאָנע זיך פּאַמעלעכן באַוועגט פֿאַרויס איבערן שאָסיי. דעמלט איז אופֿגעקומען דער געדאַנק איבערצופֿירן דאָס מאַסירטע פֿײַער אַף די גע־פּאַנצערטע טראַנספּאָרטיאָרן, אַף די „פּערדינאַנדן“. די אידיי איז געווען אַ געלונגענע. אין דער פֿײַנטלעכער קאָלאָנע האָבן גענומען אויסברעכן סרייפֿעס. די אַרטילעריסטן האָבן אויך אָנגעהויבן צו שיסן, און אין הימל האָבן זיך באַוויזן אונדזערע שטורמאַוויקעס, וועלכע זײַנען זיך דורכגע־גאַנגען עטלעכע מאָל לענגאויס די פֿײַנטלעכע גרופּירונגען.

אינגיכן האָבן די טאַנקיסטן שוין געוווּסט, ווו איז דאָס שוואַכע אָרט פֿון די דײַטשישע טאַנקען, — זיי האָבן גענומען זיך צילן אין די רויפּן און אין דעם אונטערשטן טייל פֿון די טורעמס.

סמירנאָוו איז ווי פֿונסניי געבוירן געוואָרן — ער איז אַרומגעלאָפֿן פֿון טאַנק צו טאַנק, קאָרעקטירט דאָס פֿײַער. אין מיטן טאָג איז אַפֿן כעזשבן פֿון זײַן ראָטע שוין געווען דריי אונ־טערגעקלאַפּטע „טיגרען“, צוויי „פּאַנטערעס“, עטלעכע פֿאַרניכטעטע פּאַנצער־טראַנספּאָרטיאָרן. און דאָך איז יענעם טאָג אונדז ניט געלונגען אָפּצושטעלן דעם סוינע. ער האָט נאָך אַלץ זיך געריסן צו אָבאָיאַן.

פּאַרנאַכט־צו האָבן די דײַטשן פֿאַרשטאַרקט דעם דראַנג אין דער ריכטונג פֿון אונדזער בריגאַדע. אַ שטאַרקן קלאַפּ האָבן זיי דערלאַנגט דאַלזשענקאָס באַטאַליאָן, אויך די באַטאַליאָנען פֿונעם לינקן פֿלאַנג האָבן געהאַט פֿיל אויסצושטיין. אין דער דאָזיקער שלאַכט איז אומגעקומען דער מאַיאָר דאַלזשענקאָ, ס׳איז פֿאַרוווּנדעט געוואָרן דער קאָמאַנדיר פֿונעם דריטן באַטאַליאָן דמיטרי אַנטאָנאָוויטש איוואַנאָוו. גרויסע ניסיינעס זײַנען אויסגעפֿאַלן אַפֿן גורל פֿונעם ערשטן באַטאַליאָן, מיט וועלכן עס האָט אָנגעפֿירט דאַלגאָוו.

זייער אַ שווערער טאָג פֿאַר דער בריגאַדע איז געווען דער 8 יול. נאָך דער קורצער באַ־נאַכטיקער פּאַוזע, וועלכע ביידע צדדים האָבן אויסגענוצט אַף איבערגרופּירן די קויכעס, האָבן זיך פֿאַרטאָג נאָך מיט אַ שטאַרקערער קראַפֿט ווידער אָנגעהויבן די שלאַכטן. דער סוינע האָט פֿאַרגעזעצט זײַן אַטאַקע אין דער ריכטונג פֿון אָבאָיאַן. קעגן דער דאָזיקער גרופּירונג האָבן די גענעראַלן קאַטוקאָוו און קריוואָשעין איבערגעוואָרפֿן די ערשטע גוואַרדייִשע טאַנקען־ברי־גאַדע, די גאַנצע אַרטילעריע פֿונעם קאָרפּוס און פֿון דער אַרמיי, עטלעכע דיוויזיאָנען „קאַטיו־שעס“. איבער דער פֿײַנטלעכער גרופּירונג האָבן זיך געדרייט אונדזערע „איל“ און אָן אויפֿ־הער געשטורמעוועט די טאַנקען און די אינפֿאַנטעריע. אַף צענדליקער קילאָמעטער האָט גע־בושעוועט אַ יאַם פֿון פֿײַער. פֿון די באָמבע־אויפֿרײַסן, פֿונעם געהויל פֿון די אַרטילעריע־סנאַ־ריאַדן און טאַנקען־אַטאַקעס האָט געציטערט די בעלגאָראָדער ערד.

מיר האָט דער גענעראַל קריוואָשעין באַפֿוילן אָנפֿירן מיט דער שלאַכט אַפֿן רעכטן פֿלאַנג פֿון דער בריגאַדע, און צוזאַמען מיט דער שכייניששער 10־טער מעכאַניזירטער בריגאַדע ניט דערלאָזן דעם סוינע זיך דורכרײַסן צו ווישניע פּענאַ און ווײַטער צו איוווניע.

פֿאַר דער צײַט האָבן מיר אונטערגעקלאַפּט אָן אָנדערהאַלבן צענדליק טאַנקען, נאָר צו אָוונט־צו איז די לאַגע פֿון אונדזער פּאָלק אַ סך ערגער געוואָרן. די שכייניששע בריגאַדע האָט ניט אויסגעהאַלטן די אַטאַקעס און אָפּגעטראָטן. אונדזער טאַנקען־פּאָלק האָט זיך אויך ניט געקאָנט פֿאַרפֿעסטיקן אַף זײַנע פּאָזיציעס. די פֿאַרבינדונג מיט די באַטאַליאָנען איז איבערגע־ריסן געוואָרן. עס האָבן אויסגעפּעלט סנאַריאַדן. בײַ אונדז זײַנען פֿאַרבליבן איינגאַנצן אַ צענד־ליק טאַנקען, דערצו נאָך האָבן זיך אָנגעזאַמלט אַ סך פֿאַרוווּנדעטע. מיר זײַנען געבליבן ווי אַף אַן אינדזל, אַרום אונדז האָט געקאָכט אַ פֿלאַמענדיקער יאַם. בלײַבן אַף אַן אָרט האָט ניט געהאַט קיין זין — מיר האָבן געדאַרפֿט זיך דורכרײַסן צו די הויפּט־קרעפֿטן פֿון דער בריגאַדע. פֿאַרשטעלט מיט אַ באַוועגלעכער טאַנקען־וואַנט, האָבן מיר זיך געלאָזט צום טײַך פּענאַ און גיך זיך דערקליבן צום אַנדערן ברעג, נאָר דאָרט האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז מיר געפֿינען זיך ניט ווײַט פֿון אַ דײַטשישער טאַנקען־קאָלאָנע, וועלכע איז אונדז פֿאַרגאַנגען פֿון רוקן.

מיר האָבן זיך פֿאַרטײַעט אין אַ טיפֿן יאַר און גלײַך גענומען זוכן מיטלען, וויאַזוי אײַנ־שטעלן אַ פֿאַרבינדונג מיט דער בריגאַדע, אָבער דאָס איז געווען ניט פֿון די גרינגע זאַכן — מיר איז אויסגעקומען צוזאַמען מיט די ראַדיסטן אַרויס פֿונעם יאַר און פּאַנאַנדערוויקלען די אַנטענע־באַלעבאַטישקײַט. עמעס, ס׳האָט מיר אָפּגעגליקט, כ׳האָב זיך מאָמענטאַל פֿאַרבונדן מיט מײַן פֿאַרטרעטער דמיטריִעוו. ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז מיר געפֿינען זיך בײַ אַ צען קילאָמעטער פֿון אונדזער ערשטער מעכאַניזירטער בריגאַדע. אין קאָפּ האָבן זיך גענומען באַמבלען פֿאַרשיידענע פּלענער. „די צען קילאָמעטער, וואָס טיילן אונדז אָפּ פֿון די הויפּט־קרעפֿטן, קאָן מען דאָך גרינג בײַקומען, ביפּראַט נאָך אין אַזאַ פֿינצטערער נאַכט“, — האָב איך געקלערט. נאָר ניט אַזוי גיך טוט זיך עס, ווי עס רעדט זיך. ווען מיר האָבן זיך אומגעקערט אין יאַר, האָבן מיר זיך פּלוצעם אָנגע־שטויסן אַף דײַטשישע טאַנקען. פֿון שרעק זײַנען מיר אָפּגעשפּרונגען אין אַ זײַט און צוגעפּאַלן

צו דער ערד. שפּעטער א ביסל האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָ זײַנען פאַראַן נאָך עטלֿעכע יאָרן און אַלֿע זײַנען זיי ענלֿעך איינער אויפן אַנדערן. עפּשער א שאָ צײַט האָבן מיר געבלאָנקעט און פאָרט ניט געקאָנט געפינען אונדזערע טאַנקען. ערשט שפּעט באַנאַכט האָבן מיר דערהערט דעם געברום פון אונדזערע האַרמאַטן.

ס'האָט גענומען טאָגן, און מיר האָבן זיך געלאָזט שפּאַנען אין דער ריכטונג פון קוראַסאָווקאַ. ניט ווײַט פון א דעמבן וועלדל, צו וועלכן מיר האָבן זיך געוואָלט דערקלײַבן, האָט זיך צעריסן א שפּליטער-סנאַריאַד פון א דײַטשישן טאַנק. דאָ אויפן אָרט איז דערהאַרגעט געוואָרן דער שעף פון דער ראַציע. די ראַדיאָסטאַנציע איז זיך צעפּלויגן אויף שפּענדלֿעך. אין דער דאָזיקער בעהאָלֿע האָב איך ניט גלײַך פאַרשטאַנען, אַז מײַן רעכטן פוס האָט פאַרטשעפּעט א שפּליטער. די ראַדיסטן האָבן מיר איבערגעבונדן די וווּנד, באַלייגט אויף א פּלאַשטש-פּאַלאַטקע, מיך אײַנגעדעקט און איבערגעטראָגן אין א טיפער באַלקע, וואָס איז פאַרוואַקסן געווען מיט בוריאַן. פון די נאָענטע בערגלֿעך און פונעם ווייצן-פעלד האָט קיינער מיך ניט געקענט באַמערקן. צו דער באַלקע האָבן ניט געפירט קיין שום שטעגן, און ס'איז ניט געווען וואָס מוירע צו האָבן, אַז די דײַטשן זאָלן אַהער פאַרבלאָנדזשען. א גאַנצן טאָג בין איך דאָ געלֿעגן א הונגעריקער און א פאַרשמאַכטער, די וווּנד האָט געבלוטיקט און וויי געטאָן. מיר האָבן געוואַרט, ס'זאָל צופאַלן די נאַכט. סאָפּ-קאָלסאָף האָט די זון זיך געזעגנט. ווי נאָר ס'איז פינצטער געוואָרן, האָבן מיר זיך געלאָזט אין וועג. די כעוורע האָבן מיך געפירט אונטער די הענט, צײַטנווײַז געטראָגן אויף דער פּלאַשטש-פּאַלאַטקע. געגאַנגען זײַנען מיר דורך באַלקעס און יאַרן, אויסגעמיטן ברענענדיקע טאַנקען — אין דער פינצטערניש איז שווער געווען פעסטצושטעלֿן, צי זײַנען דאָס דײַטשישע, צי אונדזערע. מיר זײַנען צוגעקומען צו עפּעס א זומפּ, וווּ עס זײַנען ניט געווען קיין שום סימאָנים פון שלאַכטן. אין א פּאָר שאָ אַרום האָבן מיר זיך אַרויסגעקליבן פון דאָרט און אָנגעטראָפן אויף אַבאָז פון דער זעקסטער אַרמיי. שוין פון דאָרט האָט מען מיך איבערגעשיקט אין פעלד-שפּיטאָל.

די וווּנד איז געווען ניט קיין געפערלֿעכע. דער ביין ניט צעבראָכן. דאָס אַרויסגעריסענע שטיק פלייש האָט מיר ניט געקאָנט שטערן, כ'זאָל אין אָנהייב אויגוסט זיך אומקערן אויפן פראָנט.

קיין זאַך ווירקט ניט אַזוי אויף די פאַרווּנדעטע, ווי א גוטע ידיִע פון שלאַכטפעלד. ליגנדיק אין שפּיטאָל, האָב איך זיך דערוווּסט וועגן פולשטענדיקן דורכפאַל פון די פאַשיסטן אויף דעם קורסקער בויגן. מיר, א טאַנקיסט, איז געווען באַזונדערס אָנגענעם, וואָס אין דעם דאָזיקן געפעכט האָט אָפּגעשפּילט א גרויסע ראָליע אונדזער טאַנקען-מיליטער. די נעמען פון די גענעראַלן קאַטו-קאָוו, ראָטמיסטראָוו, געטמאַן, באַבאַדזשאַניאַן, קראַווטשענקאָ, קריוואָשעין און פון די אָפיצערן בורדאַ, באַיקאָ, סטאַראָזשענקאָ, סמירנאָוו און פיל אַנדערע זײַנען ברייט באַוווּסט געוואָרן.

פון שפּיטאָל האָב איך זיך אומגעקערט אין מײַן ערשטער מעכאַניזירטער בריגאַדע. אײנעם אויטאָבוס פונעם קאָמבריג מעלֿניקאָוו, וועלכן כ'האָב געדאַרפט ראַפּאָרטירן וועגן מײַן צוריקקערן זיך אין טייל, האָב איך געטראָפן דעם פּאָדפּאָלקאָווניק ליפּאַטענקאָוו — מײַנעם אַן אַלטן באַקאַנטן פון דער פרונזע-אַקאַדעמיע.

— אָט אַזוי, פרײַנט מײַנער, — האָט ער גוטמוטיק געשמייכלט, — די וועלט איז קײַלֿעכ-דיק — זי דרייט זיך. צוריק מיט עטלֿעכע טעג בין איך באַשטעטיקט געוואָרן אַלס קאָמאַנדיר פון דער בריגאַדע אויפן אָרט פון מעלֿניקאָוון, — און מיט א טאָן, ווי ער וואָלט אין עפּעס שולדיק געווען, פאַרגעזעצט, — מיר, ווייסטו דאָך, זײַנען סאָלדאַטן, און א באַפעל איז א באַפעל... איז לאָמיר, פרײַנט מײַנער, אויסטרינקען א גלֿעזעלֿע פאַר אונדזער באַגעגעניש, פאַרן דערפאָלג פון אונדזער בריגאַדע. מאָרגן טרעטן מיר אַרײַן אין שלאַכט.

באַנאַכט האָב איך מיט שוועריקײַטן אויפגעזוכט מײַן שטאַב-אויטאָבוס. די כעוורע האָבן מיך הייס באַגריסט מיטן געזונט ווערן און מיטן אומקערן זיך אויפן פראָנט. בא מיר איז געווען א געהויבענע שטימונג סײַ דערפאַר, וואָס איך בין ווידער אַרײַנגעפאַלן אין קרײַז פון אייגענע מענטשן, סײַ אויך דערפאַר, וואָס איך האָב ניט פאַרשפּעטיקט צום אָנהייב פון די שלאַכטן.

די סטעפּעס אַרום קורסק און בעלגאָראָד זײַנען איצט פאַרפלייצט געווען מיט אַן אַרמאַדע טאַנקען, אַרטילֿעריע און אַוויִאַציע. דער אָנגריף-דראַנג פונעם סאָוועטישן מיליטער איז געוואַקסן פון טאָג צו טאָג. שוין דעם ערשטן טאָג איז אונדזער קאָרפּוס צוזאַמען מיט אַנדערע פאַרייניקונ-גען אַרויס צום צווייטן שוץ-פּאַס אויף א טיף פון פינף און דרײַסיק קילאָמעטער. הינטער אונדז זײַנען געבליבן יאַקאָוולעוואָ, קאַלינינאָ, טאַמאַראָווקאַ.

מיר איז אָנפאַרטרויט געוואָרן אָנצופירן מיטן אַוואַנגאַרד-אָטריאַד פון דער בריגאַדע. א לאַווינע פון טאַנקען האָט זיך געקויקלט פאָרויס, פאַרניכטנדיק אויפן וועג אַלץ, וואָס האָט זיך קעגנ-געשטעלט. אין באָגאָדוכאָוו האָבן זיך אַרײַנגעריסן פאַרשיידענע פאַרייניקונגען פון דרײַ זײַטן. אין עפּיר האָט זיך געטאָן הימל-עפן-זיך. די שטים פון „באַרס“ (פון גענעראַל קריוואָשעין) האָט אונדז אַלץ אונטערגעיאָגט. די סאַמע פריידיקע געשעעניש פונעם פאַרגאַנגענעם טאָג איז געווען

דער סאַליוט און דער באַפעל, וואָס האָט געמאָלדן וועגן דעם, אַז בעלגראַד און אָריאָל זײַנען באַפרײַט.

די נאַכט פונעם 11 אויגוסט איז געווען זייער אַ שווערע פאַר אונדזער בריגאַדע. אין איינעם אַ באַפעלקערטן פונקט מיזרעכדיקער פון באָגאָדוכאָוו האָבן מיר זיך אָנגעשטויסן אויף אַ שטאַרקער פײַנטלעכער גרופּירונג. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ קאָמפּליצירטע און ניט אינגאַנצן קיין פאַרשטענדלעכע שלאַכט. ערשט פאַרטאָג האָבן די הויפּט־קרעפטן פון דער בריגאַדע באַקומען אַ מעגלעכקײַט זיך לאָזן ווײַטער אויף צאָפן־מיזרעך. ס׳איז פאַרגעשטאַנען איבערצושנײַדן די אײַזנבאַן־ליניע גײַוואָראָן — כאַרקאָוו און פאַרכאַפּן די סטאַנציע מאַקסימקאָווע.

די זון איז שוין געווען אין זעניט, ווען אונדזערע באַטאַליאָנען, וועלכע האָבן ניט באַגעגנט קיין שום ווידערשטאַנד, האָבן זיך דערקליבן צו דער בריק. דאָס שטילשווײַגן פון יענער זײַט ברעג האָט אונדז שטאַרק פאַרוווּנדערט. דער קאָמאַנדיר פון דער בריגאַדע האָט באַפוילן אָפּשטעלן די הויפּט־קרעפטן און פאַרזעצן דעם אָנגריף נאָך דעם, ווי דער ברעג וועט אויסגעפאָרשט ווערן. ער האָט אויך געפאָדערט, מע זאָל אַ פּרווו טאָן די בריק, צי וועט זי אויסהאַלטן די טאַנקען און די שווערע טעכניק.

דערווײַל האָב איך צוזאַמען מיטן קאָמבריג צעוויקלט די קאַרטע און מיר האָבן פאַרפּינקטלעכט די שלאַכט־אויפגאַבן אויפן הײַנטיקן טאָג. מיר האָבן דורכן בינאָקל באַטראַכט די בריק און געקומען צום אויספיר, אַז זי וועט די שווערע מאַשינעס ניט אויסהאַלטן. דעריבער האָט דער קאָמבריג באַשלאָסן פאַרזענלעך דורכפירן דעם טאַנקען־פּאָלק פון לינקס און מיר האָט ער באַפוילן פירן פאָרויס דעם מאָטאָ־באַטאַליאָן דורך דער בריק.

ווי עס האָט שוין ניט איין מאָל געטראָפן, האָט מיך אויך איצט אונטערגעפירט מײַן היציקײַט. כ׳בין אַרופגעשפּרונגען אויף אַ פאַרבײַגייענדיקן „וויליס“ און אין אַ מינוט צען אַרום שוין געשטאַנען בײַ דער בריק. צו מיר איז צוגעלאָפן סאַשע איוואַנאָוו און מונטער ראַפּאָרטירט:

— די אויסשפּירער האָבן זיך באַקאַנט מיטן טײַך, די טאַנקען קאָנען דאָ דורכגיין אָן שום שטערונגען.

אָבער מיך האָט אַלץ געקימערט די געהיימניספולע שטילקײַט.

— ווו זשע זײַנען פאָרט די דײַטשן?

— זיי האָבן געוויס געמאַכט די פליטע, — האָט דער אויסשפּירער אָפּגעענטפערט.

די בריק האָט ווי אַ מאַגניט געצויגן צו זיך. פאַרשיידענע טיילן האָבן גענומען זיך דערנענטערן צו איר. אָט איז אונטערגעקומען דער קאָמבאַט דאָלגאָוו מיט זײַן טייל, פון ערגעץ איז אַרויסגעשפּרונגען אַ פעלד־קיך, וואָס האָט זיך געהעצקעט איבער די בערגלעך און אַלעמען באַהויכט מיט אַ הייסן דאַמף, נאָך איר האָבן זיך געשטויסן אַנדערע ווירטשאַפטלעכע מאַשינעס.

איך האָב דערפילט, אַז דער דאָזיקער כאַאָטישער געלאָף וועט צו קיין גוטס ניט דערפירן, נאָר פאַרשטאַנען האָב איך עס, צום באַדויערן, צו שפּעט. מײַן קאָמאַנדע האָט ניט באַוויזן דערגיין, צו וועמען ס׳איז נייטיק געווען, ווי אונדז האָבן גענומען באַשיסן מינענוואַרפער און אַווטאָמאַטן.

אין געציילטע סעקונדעס אַרום איז די בריק אײַנגעפאַלן, ס׳האָט אונדז אָפּגעגליקט, וואָס זי איז געווען ניט קיין הויכע. אַלע זײַנען געבליבן ליגן אין וואַסער. פון דעם קעגנִיבערדיקן ברעג האָבן זיך אַ שאָט געטאָן מינעס און סנאַריאַדן. גראַטעוועט האָבן אונדז די הויכע טײַך־ברעגן.

דער איבערפאַל בײַ דער בריק איז אינגיכן אײַנגעשטילט געוואָרן. אונדזער אַרטילעריע און אויך אַ מינענוואַרפער־פּאָלק האָבן גענומען שיסן און געצוווּנגען די פײַנטלעכע באַטאַרייע זיך אָפּטראָגן.

דער אומגליק האָט געטראָפן, ווען איך האָב זיך געקליבן ראַדירן דעם „באַרס“ וועגן דעם, אַז די בריגאַדע האָט אויסגעפילט די אויפגאַבע, וועלכע עס איז פאַר איר געשטעלט געוואָרן. פּלוצעם איז אָנגעפלויגן אַ סטײַע איטאַליענישע צווייפליגלדיקע אַעראָפּלאַנען און זיך גענומען דרייען איבער אונדז. איבער אונדזערע קעפּ האָבן זיך אַ שאָט געטאָן אַ שיר קליינע שפּליטער־גראַנאַטעס. לעבן מיר איז אויסגעוואַקסן אַ יונגינקער סאָלדאַט, וואָס איז, ווי עס ווײַזט אויס, ערשט אָנגעקומען אויפן פראָנט, און מיט אַ פאַריסענעם קאָפּ גענומען באַוווּנדערן די געשעענישן אין הימל. איך האָב נאָך באַוויזן אַ געשריי צו טאָן „לייג זיך!“, אים אַ שלײַדער טאָן אין אַ גרוב און אים פאַרדעקן מיט מײַן קערפּער.

אַ קלייניקנק שפּליטערל, די גרייס פון אַן אַרבעס, האָט מיר געטראָפן אין בויך. דער יונגער סאָלדאַט איז אַוועק ווײַטער אויף מײַרעוו, און איך בין אויף פיל כאָדאָשים אַוועק אין שפּיטאָל. אין אָנהייב סענטיאַבער בין איך אַרײַנגעפאַלן אין כאַרקאָווער פראָנט־שפּיטאָל, אין דער שטאָט, בײַ וועלכער איך בין שווער פאַרווּנדעט געוואָרן.

שוּוער און פֿאַמעלעך האָבן זיך געזוכט די טעג אינעם כאַרקאָווער שפּיטאָל. מיך האָט גע־צויגן אַפֿן פֿראָנט. די צײַטונגען און די בריוו האָבן געבראַכט פֿריידיקע ידיעות. דער סוינע האָט זיך אַלץ ווײַטער געקײַקלט אַף מײַרעוו. בעהדראַגעדיק האָט זיך אָפּגעריינִיקט פֿון די פֿאַרכאַפּער די לינקבערעגיקע אוקראַיִנע. עס האָבן גענומען פֿלאַקערן שלאַכטן צאָפּנדיקער און דאָרעמדיקער פֿון קיִעוו. אָט דעמלט האָב איך ניט אויסגעהאַלטן און אין איינער אַ פֿינצטערער אָסיענדיקער נאַכט צוזאַמען מיט אַ גרופּע געזונטווערנדיקע אָפֿיצערן אַנטלאָפֿן פֿונעם שפּיטאָל אַפֿן פֿראָנט. די וווּנד איז נאָך ניט אינגאַנצן פֿאַרהיילט געווען, נאָר די שטימונג איז געווען אַ גוטע, און איך האָב פֿון דער פּראַקטיק געוווּסט, אַז אַ גוטער געמיט פֿאַרציט אַלע וווּנדן.

ביזוואַנען מע האָט אָנגענומען אַן ענדגילטיקן באַשלוס וועגן מײַן ווײַטערדיקער אַרבעט, האָב איך זיך אַראָפּגעכאַפּט אין שטאַב פֿון דער אַרמיי, קעדיי דאָרט אַ טאַפּ טאָן דעם דויפּעק. דעם קאָמאַנדאַרם קאַטוקאָוון האָב איך ניט געטראָפֿן — ער איז געווען אין מאָסקווע. אין אַ שאָ אַרום בין איך געקומען צו קריוואָשעיִנען. ער האָט מיך אויסגעהערט, גענומען אַ בייגעלע פּאַפּיר און אָנגעשריבן אַ בריוו צום גענעראַל שטעווניִאָוון:

„אַנדריי! איך שיק צו דיר דעם פּאָדפּאָלקאָווניק דראַגונסקין ד. א., אַן אָפֿיצער איז ער אַ דרייסטער, נאָר צופֿיל אַ היציקער, קעמפֿט ניט שלעכט. מע קאָן אים אויסנוצן אַלס קאָמאַנדיר פֿון אַ טאַנקען־בריגאַדע. קיין כאַראַטע ווּעסטו ניט האָבן. סעמיאָן“.

— אָט האָסטו אַ פּוטיאָווקע. זע, פֿיר מיך ניט אונטער...

מיט דעם דאָזיקן בריוו אין די הענט האָב איך זיך אַראָפּגעכאַפּט אין מײַן שפּיטאָל קיין כאַרקאָוו און פֿון דאָרט אין דער זעלבער נאַכט — אַף מײַרעוו.

אַף צופֿעליקע מאַשינעס, אַף בענזאָציסטערנעס, וואַגאָנען מיט געווער האָב איך זיך ווי־ניט־איז דערקליבן צום פֿראָנט. כ'דערמאָן זיך, ווי אין אַ פֿינצטערער רעגנדיקער נאַכט זײַנען מיר אַרײַנ־געקומען אין עפּעס אַ דאָרף, ווו עס האָט זיך געפֿונען דער שטאַב פֿון אונדזער וואָראָניעזשער פֿראָנט.

אַ באַיאָרטע אוקראַיִנישע פּרוי האָט גאַסטפֿרײַנטלעך אונדז פֿאַרבעטן אין איר כאַטע. דער רוסישער הייסער אויוון איז אונדז גוט צוניץ געקומען — מיר האָבן זיך אויסגעוואַרעמט די ביי־נער, אויסגעטריקנט דאָס אָנטאָן, אויסגעטרונקען אַ קריגל מילך און אינדערפֿרי זיך אוועק־געלאָזט אין קאַדרען־אָפּטייל פֿון פֿראָנט.

דעם עמעס געזאָגט, האָב איך מוירע געהאַט, אַז איך קאָן שלעכט אָפּשנײַדן. פֿונעם שפּיטאָל בין איך דאָך אַנטלאָפֿן, דערצו נאָך אָן אַן אַטעסטאַט, אָן אַ קאָמאַנדירונג, און דעריקער אָן אַ דערלויבעניש פֿון דער קאָמאַנדשאַפֿט פֿון דער ערשטער טאַנקען־אַרמיי. נאָר ווי זאָגט מען עס, — דער הימל איז ניט באַ דער ערד. דאָ, צווישן די טאַנקיסטן, האָב איך באַגעגנט מענטשן, וועלכע האָבן מיט מיר צוזאַמען געקעמפֿט אַף פֿאַרשיידענע פֿראָנטן, און זיי האָבן מיך ניט געלאָזט פֿאַלן.

דעם זעלבן טאָג האָב איך זיך פֿאָרגעשטעלט דעם קאָמאַנדיר פֿונעם פֿראָנט דעם גענעראַל וואַטוטינען. דער שמועס איז געווען אַ קורצער.

— מיר קלערן אײַך געבן אַ בריגאַדע. איר וועט זיך ספּראַווען? — האָט געפֿרעגט דער קאָמאַנדיר פֿון פֿראָנט.

איך בין געשטאַנען אַ פֿאַרלוירענער אַנטקעגן דעם פֿעסטן און געזעצטן גענעראַל, וועלכער איז דעמלט שוין ברייט באַוווּסט געווען, און פֿון אומדערוואַרטקײַט ניט געוווּסט, וויאַזוי צו ענטפֿערן. די מיטגלידער פֿונעם מיליטער־ראַט, וועלכע זײַנען געזעסן באַם טיש — כרושטשאָוו, קרייניוקאָוו, קאַלטשענקאָ און דער קאָמאַנדיר פֿונעם טאַנקען־מיליטער שטעווניִאָוו האָבן אויפֿ־מערקזאַם מיך באַטראַכט פֿון קאָפּ ביז די פֿיס. זיי האָבן, ווי איך האָב זיך שפּעטער איבערצײַגט, באַמערקט די צוויי געלע סטענגעלעך, וואָס האָבן באַצייכנט מײַנע פֿאַרוווּנדונגען, און אויך די דרײַ אָרדענס אַף דער ברוסט. כ'האָב ניט אויסגעהאַלטן דעם בליק פֿון די גענעראַלן און אַ בורטשע געטאָן:

— כ'קלער, אַז כ'וועל זיך ספּראַווען.

— וואָס הייסט עס „איך קלער“? — האָט געפֿרעגט וואַטוטין.

איך האָב באַמערקט, אַז שטעווניִאָוו האָט מיט אַ פֿינגער אַ ווײַז געטאָן אַף מײַן ברוסט:

— אויב מע זאָל אורטיילן לויט די באַלוינונגען, דאַרף אַזאַ קאָמאַנדיר פֿאַר קיין זאַך זיך ניט שרעקן. אַגעוו, מײַנע טאַנקיסטן רופֿן זיך אָפּ וועגן אים ניט שלעכט.

דער געשפּרעך האָט אָנגענומען אַ געמיטלעכן כאַראַקטער. איך בין דרייסטער געוואָרן און פּלוצעם אַרײַן דעם גענעראַל שטעווניִאָוו אין די רייד:

— און ווער האָט עס מוירע פאַרן טויט?

— ווי דאַרף מען עס פאַרשטיין? — האָט דער גענעראַל וואַטוטין זיך געוואָלט דערקונדיקן.

איך האָב זיך ניט געקאָנט קאָנצענטרירן און ניט געענטפערט. דער קאָמאַנדיר פון פראָנט האָט רויִק גענומען אויסלייגן זײַנע געדאַנקען פאַר די קאָלעגן.

— מיר דוכט זיך, אַז אין די ווערטער פונעם פּאָדפּאָלקאָווניק איז פאַראַן אַ געוויסער עמעס. פאַרוווּנדעטע ווערן אָדער זייער געוואַגט אָדער צופיל אָפּגעהיט. איך האָב אַליין צוגעזען אינטע־

דער שוץ־מיניסטער פון פּסר, מאַרשאַל פון סאָוועטנפאַרבאַנד א. א. גרעטשקאָ (ערשטער פון רעכטס) בײַם אַ באַזוך אין די העכסטע אָפיצערן־קורסן „וויסטרעל", מיט וועלכע עס פירט אָן דער גענעראַל־פּאָלקאָווניק ד. א. דראַגונסקי.

רעסאַנטע זאַכן: זייער אַ געוואַגטער און אַנטשלאָסענער מענטש איז פאַרוווּנדעט געוואָרן בײַס אַן אוויִאַ־באָמבירונג, און שטעלט זיך פאָר, אַז ער איז געוואָרן שטאַרק פּילבאַר צו אוויִאַציע, ער פלעגט פון איר אַנטלויפן, ווי פונעם טײַוול, די געדאַנקען האָבן זיך אים מאַמעש געמישט, ס'איז אַ ראַכמאָנעס געווען אויף אים צו קוקן. ערשט ניט לאַנג, — האָט ער פאַרגעזעצט, — איז מײַנער אַ גוטער באַקאַנטער גענעראַל פאַרוווּנדעט געוואָרן בײַס אַן אַרטילעריע־אָנפאַל, און פון דעמלט אָן, אַז ער דערהערט ערגעץ אַ שיסערײַ פון אַרטילעריע אָדער פון מינענוואַרפער, ווייסט ער ניט, וווּ זיך אַהינצוטאָן. ווײַזט אויס, אַז דאָ אַרבעט זיך אויס אַזאַ רעפלעקס אָדער עס פאַרשאַרפט זיך דער געפיל פון זעלבשוץ.

קאַלטשענקאָ האָט באַמערקט:

— דאָס איז, פאַרשטייט זיך, ריכטיק. פאַרוווּנדעטע זײַנען זייער פּילבאַר.

איך האָב שווײַגנדיק נאָכגעשפּירט דעם געשפּרעך פון די גענעראַלן, און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז עס גייט אַ רייד וועגן מיר. כ'האָב זיך אָנגענומען מיט מוט און געזאָגט:

— כאַווער קאָמאַנדיר! איך האָב אויסגעפּרוּווט אויף אייגענעם לײַב אַלע מינים פונעם פאַשיסטישן געווער. איך האָב גוט אַרײַנגעכאַפּט פון דער פײַנטלעכער אוויִאַציע, כ'האָב אויך פאַרזוכט פון דער דײַטשישער אַרטילעריע, עס האָבן מיך אַ שמיץ געטאָן די פאַשיסטישע אויטאָמאַטלער, צוויי מאָל האָב איך געברענט אין טאַנקען, און מיר איז שווער צו זאָגן, וואָס איז בעסער און וואָס איז ערגער. דערפאַר טאַקע שרעק איך זיך צוביסלעך פאַר אַלץ. — דער שמייכל, וואָס איך האָב באַמערקט בײַ ניקאַלײַ פּיאָדאָראָוויטש וואַטוטינען אויפן פּאָנעם, האָט מיר אונטערגעגעבן מוט. — דאָך, — האָב איך פאַרגעזעצט, — ניט געקוקט אויף דעם אַלעמען, קלער איך, אַז מיר וועט ניט אויסקומען צו פאַרשעמט ווערן.

מער קיין פראַגן זײַנען ניט געווען.

— נו, זאָל זײַן אַזוי. איך באַשטים אײַך אַלס קאָמאַנדיר פֿון אַ טאַנקען־בריגאַדע אין ריבאַל־קאָס אַרמיי. אָפּן בוקרינסקע פּלאַצדאַרם גייען שווערע שלאַכטן. הײַנט דאַרפֿט איר זײַן באַם דניעפּער.

— פֿאַראַן! זײַן הײַנט באַם דניעפּער! — האָב איך זייער הויך, ווײַזט אויס, העכער ווי עס איז נייטיק געווען, געענטפֿערט, איך האָב אַליין ניט דערקענט מײַן קאָל. באַם געזעגענען זיך האָבן די גענעראַלן מיר געדריקט די האַנט. איצט איז מיר נאָך פֿאַרגעשטאַנען איין אויספֿרווו — אַרויסגיין פֿונעם צימער אַזוי, מע זאָל ניט באַמערקן, אַז איך הינק אונטער. דאָס האָט מען גע־דאַרפֿט דורכמאַכן פֿלינק. דער אומגליק איז באַשטאַנען דערין, וואָס איך האָב ניט געקאָנט זיך אויסדרייען דורכן לינקן אַקסל, דערפֿאַר האָב איך שנעל סאַליוטירט און בין מיט אַ זײַט אַרויס־געשפּרונגען אין קאָרידאָר.

אין דער קאַבינע פֿון אַ לאַסט־אויטאָמאָביל האָב איך זיך געלאָזט אין וועג. די מאַשין איז אונטערגעשפּרונגען, עטלעכע מאָל אַרײַנגעפֿאַלן אין קיוועטן, אין גריבער, זיך קוים אַרויסגע־ראַטשקעוועט און געגאַנגען ווײַטער צום בוקרינסקער פּלאַצדאַרם. וואָס האָט זיך געפֿונען באַ אַ הונדערט קילאָמעטער דאָרעמדיקער פֿון קיִעוו.

וואָס ווײַטער, האָט זיך אַלץ שטאַרקער געצומען פֿילן, אַז מיר דערנעענטערן זיך צום פֿראָנט. ווי אַ וואָלקן, איז איבערן דניעפּער געהאַנגען די דײַטשישע אוויִאַציע. ערגעץ האָבן געהילכט אונדזערע זעניטקעס, די פֿײַנטלעכע אַרטילעריע און מינענוואַרפֿערס האָבן באַשאָסן דעם ברעג. איך האָב אַ פֿרעג געטאָן דעם שאָפֿער:

— און ווען וועט זיך דאָס ענדיקן?

— ווען ס׳וועט זיך ענדיקן די מילכאָמע, — האָט יענער ווויליונגעריש, מיט אַ שמייכל געזאָגט.

דער ענטפֿער פֿונעם פֿריילעכן יונג מיט די שטאַרצנדיקע וואָנצעס איז מיר געפֿעלן.

— אויב אַזוי, איז הײַדאַ צו דער בריק! ביזן סאָף פֿון דער מילכאָמע איז נאָך ווײַט...

דער שאָפֿער האָט מיט נײַגער אַ קוק געטאָן אויף מיר, אײַנגעשלאָסן די דריטע שנעלקײַט און זיך געלאָזט פֿאָרויס.

— פֿונדעסטוועגן וואָלט מען געדאַרפֿט איבעררוואַרטן, אַניט קאָן מען נאָך שלעכט אָפּשנײַדן.

— אַלצייגס, ברודערקע, צוויי מאָל שטאַרבט מען ניט.

— טו נאָר אַ קוק אויף אים, סאַראַ העלד! און ווער ביסטו עס?

איך האָב געזאָגט, ווער איך בין, און דערבײַ אונטערגעהויבן די פּלאַשטש־פּאַלאַטקע. דערזען די פּאָגאָנעס פֿון אַ פּאָדפּאָלקאָווניק, איז דער באָכער גלײַך ערנסט געוואָרן און, צום באַדויערן, אויפֿגעהערט צו ריידן.

אויף דער בריק האָט געוואַרט אויף מיר אַן אָפּיצער פֿונעם קאַדרען־אָפּטייל. ער איז צוגעגאַנ־גען און העפֿלעך געפֿרעגט:

— פּאָדפּאָלקאָווניק דראַגונסקי?

— יאָ.

— ס׳איז מיר באַפֿוילן אײַך ברענגען צום קאָמאַנדאַרם.

מיר זײַנען געגאַנגען מיט דער בריק. לויט די פֿריש אָפּגעהובלטע בערווענעס און לויט דעם גערוך פֿון פּעך האָט מען זיך געקאָנט אָנשטויסן, אַז די בריק איז נאָרוואָס אויפֿגעשטעלט געוואָרן. דאָס דונערן פֿון דער אַרטילעריע האָט זיך פֿאַרשטאַרקט. אָפּן רעכטן ברעג פֿונעם דניעפּער האָט צו דער קאַנאָנאַדע זיך פֿאַרייניקט די שיסערײַ פֿון קוילנוואַרפֿערס. איבער אונדזערע קעפּ האָט פֿליִצעם זיך באַוויזן אַ גרופּע פֿאַשיסטישע עראָפּלאַנען. מיר האָבן אַ פֿאַל געטאָן אין עפּעס אַ גרוב. ס׳איז דורכגעלאָפֿן אַ געדאַנק: „כאָטשבי ניט געהאַרגעט ווערן דאָ, אַ מער אומזיניקן טויט איז שווער צוצוטראַכטן! וועסט אפֿילו ניט באַווײַזן איבערנעמען די בריגאַדע...“ צוגעמאַכט די אויגן, האָב איך זיך פֿאָרגעשטעלט דאָס שטרענגע פּאָנעם פֿונעם גענעראַל וואַטוטין. „איר וועט זיך ספּראַווען?..“

דער קאָמאַנדע־פּונקט פֿונעם קאָמאַנדאַרם ריבאַלקאָ האָט זיך געפֿונען אין אַ טיפֿן יאַר, וואָס איז פֿאַרוואַקסן געווען מיט קוסטעס, און איז באַשטאַנען פֿון אַ צענדליק בלינדאַזשן. דאָ איז אויך געשטאַנען אַן אויטאָבוס, אַן אַרומגעגראָבענער מיט ערד, עטלעכע לאַסטמאַשינעס און פּאַסאַ־זשיר־אויטאָמאָבילן.

דעם קאָמאַנדאַרמס ערדשטיבל איז געווען גאָר אַ פּראָסטס. אָפּן טיש פֿון ניט געהובלטע ברעטער זײַנען געלעגן קאַרטעס. ווען איך בין אַרײַנגעקומען, האָט דער גענעראַל ריבאַלקאָ זיך אָפּגעזעגנט פֿון זיי און געצומען מיך באַטראַכטן.

— איר זײַט באַקאַנט מיט אָט דעם באַצירק?

— ניין. איך קום ערשט פֿון פֿראָנט, כאָווער קאָמאַנדאַרם.

— און ווי איז איצט אײַער געזונט?

— באַזונדערס איבערנעמען זיך איז ניט שײַעך, נאָר אָפּ גיין אין שלאַכט וועט קויעך מיר קלעקן.

דאָס, פאַר וואָס כ'האָב שטאַרק געציטערט, איז געשען. ריבאַלקאָ איז צוגעגאַנגען צו מיר און פּאַשעט געפרעגט:

— פאַרוואָס האָט איר פאַרלאָזט די ערשטע טאַנקאַוועס? זי איז דאָך ניט אומזיסט פאַרעכנט פאַר איינער פון די בעסטע.

כ'האָב שוין פון לאַנג געהאַט צוגעגרייט דערויף אַן ענטפער.

— איך בין געווען פאַרוואונדעט. קיין וואַקאַנטע ערטער זײַנען ניט געווען, דערצו געפינט זיך די דאָזיקע טייל אַף אָפּרו, און מיר האָט זיך געוואָלט גלײַך אַרײַן אין שלאַכט.

דער גענעראַל האָט סקעפּטיש אַף מיר אַ קוק געטאָן. מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז איך האָב אים ניט גענוג איבערצײַגט.

אָנגעבויגן זיך איבער דער קאַרטע, האָט ריבאַלקאָ גענומען מיר דערקלערן די לאַגע:

— אַף דעם דאָזיקן פּלאַצדאַרם, דאַרומדיקער פון קיִעוו, גייען טאָג און נאַכט שווערע שלאַכטן. אַהער האָבן די פאַשיסטן צונויפגעצויגן גרויסע רעזערוון. דעם עלעמענט פון אומגע־ריכטקײַט האָבן מיר שוין דורכגעלאָזט, איצט איז פון דאַרעם שווער צו נעמען קיִעוו. מיר האָבן אָפּגעצויגן אַף זיך די הויפּט־קרעפטן פון די דײַטשן, און איצט דאַרף מען זיי אָפּנאַרן, זיך איבער־גרופּירן אַף צאָפן און פון דאָרט דערלאַנגען דעם הויפּט־קלאַפּ. — דער קאָמאַנדאַרם איז זיך דורכגעגאַנגען איבערן צימער און פאַרגעזעצט, — אַ בריגאַדע באַקומט איר אַ צעשויבערטע, טאַנקען זײַנען דאָרט געבליבן ווייניק. זינט דעם געשלעג פאַר אַריאַל איז זי ניט קאָמפּלעקטירט געוואָרן. געקעמפט האָט זי אויסגעצייכנט. דער קאָמאַנדיר פון דער בריגאַדע דער פּאָלקאָווניק טשיטשקין איז געפאַלן מיט אַ העלדן־טויט. אים איז נאָכן טויט צוגעייגנט געוואָרן דער טיטל העלד פון סאָוועטנפאַרבאַנד. באַלד, נאָך הײַנט, טרעט צו צו דער אַרבעט. דער פּאָדפּאָלקאָווניק בעלאָוסאָוו, וואָס האָט פאַרביטן טשיטשקינען, האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר זייער אַ פאַרזיכטיקן מענטשן, אויב ניט זאָגן שאַרפער. די בריגאַדע פירט שווערע שלאַכטן, און ער האַלט זײַן שטאַב דער טײַוול ווייסט ווו, פּלאָנטערט זיך אין אָבאָז. ער האָט פאַרגעסן די הויפּט־מײַלעס פון אַ טאַנקיסט — זײַן שטענדיק געוואַגט און קענען ריזיקירן. — נאָך אַ קורצער פּויזע האָט ער אַ פרעג געטאָן, — ווי קלערט איר, איך בין גערעכט?

— איך קלער אויך, אַזוי ווי איר, — האָב איך געענטפערט.

— אויב אַזוי, איז גוט. הייסט עס, אַז אונדזערע שטאַנדפּונקטן פאַלן צונויף.

ריבאַלקאָ איז גערעכט געווען. בעלאָוסאָוון האָב איך אַפּן „קפּ" ניט געטראָפן. צוזאַמען מיטן בריגאַדע־שטאַב האָט ער זיך געפונען אַפּן מיזרעכדיקן ברעג פונעם דניעפּער.

מיט די טאַנקיסטן, אויטאָמאַטשיקעס, אויסשפּירער, אַרטילעריסטן און סאַפּיאָרן האָב איך זיך באַקענט אין די אָקאָפּעס, טראַנשייען און אַף די פײַער־פּאָזיציעס. דאָ אַף אָרט האָב איך פאַרפּינקטלעכט דעם צושטאַנד פון די טיילן און די לאַגע פונעם קעגנער. אומזיסט האָט בעלאָוסאָוו געוואַרט אַף מיר אין שטאַב. אַף די פּאָדערשטע פּאָזיציעס, אונטער אַ מוירעדיק פײַער, אַף אַ שטרעקע פון פינף הונדערט מעטער פונעם סוינע, בין איך צוגעטראָטן צו מײַנע פליכטן — אָנפירן מיט דער בריגאַדע.

באַטאָג פלעגן די בריקן צעפירט ווערן, און באַנאַכט פלעגן מיר אומבאַמערקט איבערגייען אַפן אַנדערן ברעג און זיך קאָנצענטרירן אין די וועלדער. אַזויאַרום איז אין מעשעך פון דרײַ נעכט סאַך אַקטיאַבער די טאַנקען־אַרמיי פונעם גענעראַל ריבאַלקאָ אַריבער פון דאַרעם אַף צאָפן.

אַף אָפּוועגן די וואַכזאַמקײַט פונעם סוינע האָבן מיר צעשטעלט מאַקעטן פון הילצערנע טאַנקען. באַזונדערע האַרמאַטן זײַנען אַרומגעגאַנגען פון איין אָרט אַפן צווייטן און געפירט אַ „באַומרויִקנדיק" פײַער.

די טאַנקיסטן פונעם גענעראַל קראַווטשענקאָ, מאַסקאַלענקאָס אינפאַנטעריע און באַראַנאָווס רײַטער, ווי אויך דער בריגאַדע טשעכן איז אויסגעקומען אָפּטרעטן אַ שטיקל אָרט אַפן קליינינקן ליוטעזשער צאַפּנדיקן פּלאַצדאַרם. אַהער זײַנען געקומען די בריגאַדעס און די קאָרפּוסן פון דער טאַנקען־אַרמיי. דאָ האָט זיך אויך קאָנצענטרירט אונדזער 55־טע טאַנקען־בריגאַדע.

שוין אַריבער אַ וואָך, זינט איך פיר אָן מיט דער בריגאַדע. איך בין שוין דאָ ניט קיין נײַג־קער. פאַר די פאַרגאַנגענע טעג זײַנען געווען שלאַכטן גערעטענע און ניט קיין געראָטענע, צוויי מאָל זײַנען מיר איבערגעגאַנגען דעם דניעפּער. ביסלעכווײַז האָב איך זיך אָנגעהויבן פּאַנאַנדער־קלײַבן אין די כאַראַקטערן פון די מענטשן, מיט וועלכע כ'האָב צוזאַמען געקעמפט און מיט וועלכע כ'האָב אָנגעפירט.

דעם דרײַסיקסטן אָקטיאבער איז דאָ, ארום קיִעוו, געווען א לויטערער, זוניקער און זייער א ווארעמער טאָג. ס'האָט זיך גאָרניט געגלייבט, אז ס'איז ערעוו ווינטער. פון אלע זײַטן האָבן געפּײַלט מאשינעס, און אלע אין דער ריכטונג פונעם דאָרף נאָווא־פּעטראָווקא, צו דער איינשטאָק־קיקער הילצערנער שול. אהער זײַנען ארויסגערופן געוואָרן קאָמאנדארמען, קאָמאנדירן פון קאָרפּוסן, קאָמדיוון און קאָמאנדירן פון בריגאדעס.

אינעם גרויסן קלאַס האָב איך באמערקט דעם קאָמאנדארם ריבאלקאָ, באנאנד מיט אים — דעם קאָמאנדארם מאָסקאלענקאָ, דאָ איז אויך געווען מײַן געוועזענער לעקטאָר פון דער סאראַטאָווער שול גענעראל קראווטשענקאָ, וועלכער איז איצט קאָמאנדיר פונעם 5־טן טאנקען־קאָרפּוס. איניינעם מיט מיר אף די הינטערשטע בענק — טשעכן. כ'דערקען גלײַך, אז דער גרײַזער פּאָלקאָווניק איז לידוויג סוואָבאָדא, דער קאָמאנדיר פון דער טשעכאָסלאָוואקישער בריגאדע.

היײַנט זײַנען מיר זיך צונויפגעקומען, קעדיי אויסצוהערן דעם באפעל פונעם קאָמאנדיר פון פראָנט. באקומען שלאכט־אופגאבעס. ס'איז פאָרגעשטאנען שטורמעווען די קיִעווער פּאָזיציעס. צו אונדז האָט זיך געווענדט ניקאָלײַ פיאָדאָראָוויטש וואטוטין. זײַנע רייד זײַנען געווען דײַטלעך. ער האָט אונדז באקאנט געמאכט מיטן פּלאן פון דער אָפּעראציע און געשטעלט אופגאבן פאר די ארמייען, קאָרפּוסן און דיוויזיעס.

— די סטאווקע האָט באפוילן אָנהייבן דעם שטורעם פון די פײַנטלעכע פּאָזיציעס דעם דריטן נאָיאבער. צום זעקסטן נאָיאבער דאַרף די הויפּטשטאָט פון אוקראַיִנע זײַן באפרײַט, — האָט ער פארענדיקט.

מיר אלע, וואָס זײַנען געזעסן בא פאנאנדערגעוויקלטע קארטעס, האָבן פארגראָבן די בליקן אין יענעם אָרט, ווו ס'איז געווען באצייכנט די שטאָט קיִעוו.

דעם 3 נאָיאבער 1943 באגינען האָט אפן פאשיסטישן מיליטער זיך א גאָס געטאָן א מעכטיק ארטילעריע־פײַער, אזעלכס האָבן די דײַטשן נאָך ביז איצט ניט געזען. העכער דרײַ טויזנט האַרמאטן האָבן „באארבעט“ די שוץ־ליניע פונעם סוינע. די ארטילעריע־צוגרייטונג האָט געדויערט מער פון אָנדערהאלבן שאָ. באָמבארדירער און שטורמאָוויקעס האָבן אָן אן איבעררײַס באָמבירט די פאשיסטן. אין דער הייך זײַנען אופגעפלויגן די פײַנטלעכע ארטילעריע און די מינענווארפערס. די ערד האָט געקרעכצט...

נאָך אזא הוראגאן פון פײַער איז אין די דײַטשישע אָקאָפּעס און טראנשייען וויניק־ווער לעבן געבליבן. די, וואָס האָבן צופעליק זיך געראטעוועט און ארײַנגעפאלן אין געפאנגענשאפט, האָבן פון שרעק ניט געקאָנט ריידן.

דורך די טויערן, וועלכע עס האָבן פאנאנדערגעעפנט די אוויִאציע און די ארטילעריע, האָבן זיך געלאָזט די טאנקען פונעם גענעראל קראווטשענקאָ, נאָך אים דאָס מיליטער פונעם גענעראל מאָסקאלענקאָ. אין שלאכט האָבן זיך אויך געלאָזט אונדזערע ברידער טשעכן. די טאנקיסטן פונעם גענעראל ריבאלקאָ זײַנען גרייט געווען פאנאנדערוויקלען דעם דערפאָלג פון די ערשטע עשעלאָנען, וועלכע האָבן געשטורעמט די פײַנטלעכע פּאָזיציעס.

אין דער צווייטער העלפט טאָג זײַנען ריבאלקאָס טאנקיסטן ארײַנגעטראָטן אין קאמף. די שלאכטן האָבן זיך איבערגעטראָגן קיין בעליטש, פושטשע־וואָדיצא, סוויאטאָשינאָ און צו דער סטאנציע בערנאָווע. באראנאָווס רײַטער האָבן פארקערעוועט אף אירפּען, מיר, טאנקיסטן, זײַנען ארויסגעשפּרונגען אפן זשיטאָמירער שאָסיי.

פולשטענדיק באהערשן דעם וועג האָט באטײַט פארשפּארן דעם סוינע אין קיִעוו גופע, אָפּשנײַדן אים די וועגן אף אָפּצוטרעטן קיין זשיטאָמיר, בעלאָצערקאָוו.

אין פושטשע־וואָדיצא האָב איך אָנגעיאָגט דעם ערשטן באטאליאָן. מיך האָט אופגערעגט די אופירונג פונעם קאפּיטאן קאָוואלענקאָ, דעם קאָמאנדיר פונעם דאָזיקן באטאליאָן.

— פארוואָס טאָפּטשעט איר זיך אף איין אָרט?

— איך ווארט, עס זאָלן אונטערקומען אנדערע באטאליאָנען.

— אף וועמען דאַרף מען זיך גלײַכן? אף די פאָרויסגעשריטענע טיילן אָדער אף די, וועלכע שלעפּן זיך אין עק?

דער קאפּיטאן האָט געוואָלט עפּעס דערווײַזן, און דאָס האָט מיך נאָך מער פארדראָסן, בעסער וואָלט ער שוין געשוויגן.

מיט א שאַרף וואָרט האָב איך אים געצוווּנגען זיך לאָזן נאָך מיר. שטייענדיק אין דעם אָפּענעם טורעם פון טאנק, האָב איך געגעבן א סימן דעם טאנק־פירער. די מאשין איז אוועק פאָרויס. ווו איז אהינגעקומען די צוריקגעהאלטנקײַט פונעם קאָמבאט קאָוואלענקאָ? אין עטלעכע מינוט ארום האָבן זײַנע טאנקען שוין מיך אריבערגעיאָגט.

דער ראַדיסט פון מײַן טאַנק איז שוין הײזעריק געװען — צום צענטן מאָל האָט ער איבער־געגעבן מײַן באַפֿעל: „אַרומגײן סוּװיאַטאָשינאָ פון רעכטס, אַלע דאַרפֿן אַרױס אויפֿן זשיטאָמירער שאָסיי!".

צענדליקער טאַנקען פון פאַרשײדענע בריגאַדעס און קאָרפּוסן זײַנען צוגעקומען צו דער מאַגיסטראַל קיִעװ — זשיטאָמיר. איך בין אויך אַרויס אַהין. מײַן ערשטער באַטאַליאָן, װאָס האָט פֿאַרנומען בעליטשי און בערנאָװאָ, איז צוגעקומען צום װעג און אָנגעשטעלט די האַרמאַטן אויפֿן דאָרעם.

אין די דאָזיקע באַדינגונגען גײן מיט אײן באַטאַליאָן אויף זשוליאַנע װאָלט געװען ניט באַרעכ־טיקט, דערבײַ האָט מען נאָך געדאַרפֿט געדענקען, אַז װעגן דער פֿײַנטלעכער גרופּירונג, װאָס איז געשטאַנען אַנטקעגן אונדז, האָבן מיר קײן שום ידיעות ניט. זאָל איך פֿאַרײניקן צו זיך די פֿרעמדע האַלבע מײע טאַנקען? נאָר װער האָט מיר געגעבן רעכט דערויף? אָבער דער דאָזיקער געדאַנק האָט מיך ניט געלאָזט צורו: „און עפּשער װאָלט איך דאָך געדאַרפֿט נעמען די גאַנצע מאַסע טאַנקען אין מײַנע הענט און זײ אַריבערװאַרפֿן דורכן שאָסײ אויף סאָפּיעװסקאַיע?" איך האָב זיך אַלץ גע־װאַקלט. איך קאָן נאָך גוט אָפּלײזן דערפֿאַר...

איך בין אַראָפּגעשפּרונגען פֿונעם טאַנק, פֿלינק צונױפֿגעזאַמלט די קאָמאַנדירן פון די טאַנקען־ראָטעס און פון די באַזונדערע טײלן, װעלכע האָבן זיך געפֿונען ניט װײַט פֿון מיר, און אָפּגע־געבן אַ באַפֿעל גײן צוזאַמען אויפֿן אַעראָדראָם זשוליאַני.

אין עטלעכע מינוט אַרום האָבן געגומען ברומען די טאַנקען־מאָטאָרן. פּאַרויס איז געגאַנגען מײַן באַטאַליאָן, נאָך אים האָבן זיך געריכט די איבעריקע טײלן, װעלכע זײַנען צוגעשטאַנען צו מײַן בריגאַדע.

װי נאָר כ'בין אַרויף אויפֿן טאַנק און שױן גרײט געװען זיך אונטערטוקן אין דעם טורעם, האָט מיך אָפּגעשטעלט אַ גרילצנדיקער פֿײַף פֿון אַן אויטאָמאַשין. כ'האָב זיך אַרומגעקוקט. צו מײַן טאַנק איז צוגעפֿאָרן אַ „װיליס", פֿון װעלכן ס'איז אַרויסגעשפּרונגען אַ גענעראַל.

איך האָב זיך פֿאָרגעשטעלט.

— מיר האָבן געזען, געזען, מאָלאָדיעץ! איך װעל באַלד איבערגעבן װעגן אײַך דעם קאָמאַנ־דיר פֿון פֿראָנט.

ערשט איצט האָב איך דערקענט, װער דער גענעראַל איז. דאָס איז געװען איװאַן איװאַנאָ־װיטש פּעטראָװ, דער פֿאַרטרעטער פֿונעם קאָמאַנדיר פֿון טאַנקען־מיליטער אויף אונדזער פֿראָנט. כ'האָב זיך שוין געהאַט באַגעגנט מיט אים אין דער ערשטער טאַנקען־אַרמײ.

כ'בין אַראָפּגעשפּרונגען פֿונעם טאַנק און אײַליק געגומען ראַפּאָרטירן װעגן דער לאַגע. אײנײנ־װעגס האָב איך אויך דערקלערט די סיבות, פֿאַרװאָס כ'האָב פֿאַראײניקט צו זיך אײניקע ראָטעס פֿונעם גענעראַל פּאַנפֿילאָװס 6־טן טאַנקען־קאָרפּוס און פֿונעם גענעראַל מאַליגינס 9־טן מעכאַ־ניזירטן קאָרפּוס.

פּעטראָװ האָט מיך איבערגעשלאָגן:

— גוט, גוט, אַלץ איז אין אָרדענונג, איר דאַרפֿט ניט מוירע האָבן פֿאַר קײן שום באַמער־קונגען. דער געשלעג פֿאַר קיִעװ מוז אויסגעשפּילט װערן הײַנט באַנאַכט. די דײַטשן זײַנען פֿאַר־שפּאַרט אין אַ מויזנשטײַג. מאָסקאַלענקאָס מיליטער האָט זיך שוין אַרײַנגעריסן אין דער פֿאָר־שטאָט פֿון צאָפֿן. באַראַנאָװס רײַטער זײַנען אויפֿן װעג צו אירפּען, און אונדזערע טאַנקען װעלן אַרײַן אין דער פֿאָרשטאָט פֿון מײַרעװו...

איך האָב מוירע געהאַט אָפּשטײן פֿון מײַנע טאַנקען, װעלכע זײַנען אַװעק פֿאָרויס, און שוין גרײט געװען בעטן אַ דערלױבעניש בײַ פּעטראָװן צו פֿאַרלאָזן אים. דער גענעראַל האָט מיך אָבער ניט אָפּגעלאָזט. ער האָט מיך אַװעקגעפֿירט אונטער אַ בוים באַם ראַנד פֿון װעג, אױסגעקע־רעװעט מיך אויף מיזרעך, פֿונװאַנען מע האָט גוט געזען די אוראַלטע שטאָט, װאָס איז געװען אין פֿלאַמען.

כ'האָב אַ קוק געטאָן אויפֿן גענעראַל און אים ניט דערקענט. פֿאַר מיר איז געשטאַנען גאָר אַן אַנדער מענטש — אַ שטרענגער און אַן ערנסטער, און איך האָב געדענקט פּעטראָװן אַ שטענדיק שמײכלענדיקן, אַ גוטמוטיקן. אויף זײַן פֿאַרענדערט פּנים האָבן געלױכטן צװײ דורכדרינגלעכע אויגן, װאָס זײַנען געװענדט געװען צו קיִעװ. זײַן האַנט האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף מײַן אַקסל.

— דראַגונסקי, זע, אָט איז זי, מײַן הײמשטאָט, קיִעװ. אין דער דאָזיקער שטאָט איז קאָנ־צענטרירט מײַן לעבן, דאָ איז מײַן יוגנט, דאָ איז מײַן גאַנצע ביאָגראַפֿיע. דאָס דריטע מאָל זע איך זי אין פֿלאַמען, אין רויִנען.

אָן װערטער, אויף אַ סאָלדאַטישן אויפֿן האָב איך זיך געזעגנט מיטן גענעראַל. אַרופֿגעכאַפּט זיך אויפֿן טאַנק, האָב איך מיט דער האַנט זיך געגומען פֿאַר דעם רונג, װאָס אויפֿן טורעם, און זיך

געלאָזט דעריאָגן מײַנע טאַנקען. פונדערווײַטנס האָב איך נאָך לאַנג געזען איוואַן איוואַנאָוויטשן, וואָס איז אַלץ געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אין בוים און געקוקט אויף דער ברענענדיקער שטאָט.

טאַקע אין יענער נאַכט, פֿונעם 5 אויפֿן 6 נאָיאַבער, ערעוו דעם 26־טן יאָרטאָג פֿונעם גרויסן אָקטיאַבער, איז די הויפּטשטאָט פֿון אוקראַיִנע באַפֿרײַט געוואָרן פֿון די דײַטשיש־פֿאַשיסטישע פֿאַרכאַפּער. צוזאַמען מיט אונדז איז צום דריטן מאָל פֿאַר זײַן לעבן אַרײַנגעגאַנגען אין דער באַפֿרײַטער שטאָט איוואַן איוואַנאָוויטש פּעטראָוו.

...דער קורצער נאָיאַבער־טאָג האָט גענומען פֿאַרגיין. מײַנע טאַנקיסטן זײַנען אונטערגעקומען צו זשוליאַנע. אויפֿן אַעראָדראָם האָבן געברענט דײַטשישע אַעראָפּלאַנען. עס האָבן געפֿלאַקערט רעזערוווארן מיט בענזין. איך האָב באַמערקט, ווי פֿונעם רויך און פֿײַער האָט אין דער לופֿט זיך אויפֿגעהויבן אַ „יונקערס“. אונדזער זעניט־קוילנוואַרפֿער־ראָטע האָט פֿון אירע נײַע קוילן־וואַרפֿערס געעפֿנט אַ פֿײַער. דער אַעראָפּלאַן האָט זיך פֿאַרפּלאָנטערט אין דער נעץ פֿונעם פֿײַער־שקוואַל, עטלעכע מינוט זיך געוואָרפֿן פֿון זײַט אויף זײַט, און אַ דורכגעשטעפּטער אויף דורך־און־דורך, געמאַכט אַ מין „רעוועראַנס“ און אַראָפּגעפֿאַלן צו אונדזערע פֿיס.

די שטים פֿונעם קאָרפּוס־קאָמאַנדיר האָט אַלץ זיך געטראָגן אינדערלופֿטן און אונדז באַפֿוילן פֿאַרגיכערן דעם אָנגריף אויף וואַסילקאָוו.

און אָט איז וואַסילקאָוו... הייסע שלאַכטן זײַנען געגאַנגען פֿאַר דער דאָזיקער שטאָט. די דײַטשן האָבן ניט אויסגעהאַלטן אונדזערע אַטאַקעס און אָפּגעטראָטן צו פֿאַסטאָוו.

אין וואַסילקאָוו איז אַרײַן די 23־טע מאָטאָ־בריגאַדע, מיט גאַלאָוואַטשאָוון אין דער שפּיץ, און מײַן 55־טע טאַנקען־בריגאַדע. די באַפֿעלקערונג האָט פֿרײדיק באַגעגנט אירע באַפֿרײַער. די טאַנקען האָבן זיך פֿאַמעלעך באַוועגט איבער דער שטאָט, ווײַל בײַ די זײַטן פֿון די גאַסן, בײַ די וועגן, בײַ די הײַזער, האָבן מענטשן זיך געפֿרייט, געטאַנצט. אָבער טרערן זײַנען אויך געווען — טרערן פֿון פֿרייד און טרערן פֿון פּײַן, פֿון עלטערן, וואָס האָבן פֿאַרלוירן זייערע קינדער, טרערן פֿון ברידער און שוועסטער.

— פֿונוואַנען קומען אַזויפֿיל מענטשן אין אָט דער קלײנער שטאָט? — פֿרעג איך בײַ אַ באָכערל, וואָס איז צוגעשפּרונגען צו מיר.

— מיר זײַנען ניט קיין היגע.

— פֿונוואַנען זשע?

— מיר זײַנען קיִעווער.

דאָס יאַטל האָט דערציילט, אַז די דײַטשן האָבן זיך איזדיעקוועט איבער די אײַנוווינער פֿון קיִעוו. אַ סך מענטשן האָבן זיי צעשאָסן, אַ סך אַרויסגעטריבן. ראַטעווענדיק זיך פֿון טויט, האָבן אַלטע לײַט, פֿרויען און קינדער פֿאַרלאָזט זייערע וווינונגען, דאָס פֿאַרמעגן און זיך צע־קראָכן איבער די וועלדער און בײַשטאָטישע דערפֿער.

ס'האָט אָנגעהויבן גיין אַ שטאַרקער רעגן, נאָר דער אוילעם איז זיך ניט צעגאַנגען — מע האָט געזוכט אייגענע, וועלכע זײַנען אין די ערשטע טעג פֿון קריג אוועק אויפֿן פֿראָנט.

אין אַ קאַלט צימערל פֿון אַ צווייעטאָקיק שטיבל האָט זיך אײַנגעאָרדנט דער שטאַב פֿון מײַן בריגאַדע. אין דער זעלבער נאַכט איז אומגעריכט אַהער אַראָפּגעקומען דער קאָמאַנדאַרם רי־באַלקאָ און דער מיטגליד פֿון מיליטער־ראַט דער גענעראַל מעלניקאָוו. גלײַך איז פֿאַר מיר גע־שטעלט געוואָרן די פֿראַגע:

— כאַווער קאָמבריג, אײַער בריגאַדע קאָן מאָרגן זיך שלאָגן?

— יאָ, זי קאָן. די טאַנק־פֿירער וואָלטן נאָר געדאַרפֿט אַ ביסל זיך אויסשלאָפֿן...

— גוט, ביז אינדערפֿרי טשעפּעט ניט די טאַנקיסטן, און מאָרגן... — ריבאַלקאָ איז צוגע־גאַנגען צו דער קאַרטע און מיטן פֿינגער אָנגעוויזן אויף אַ געדיכטן פּינטל, אויף וועלכן ס'איז מיט אַ פֿעטן שוואַרצן בלײַער געווען אָנגעשריבן „פֿאַוואָלאָטש“. — אײַער בריגאַדע דאַרף אַלס ערשטער עשעלאָן אַרומגיין פֿאַסטאָוו פֿון דאָרעם, זיך דורכרײַסן אין טיפֿן הינטערלאַנד פֿון סוינע און פֿאַר־נעמען פֿאַוואָלאָטש. אין קיין פֿאַרצויגענע שלאַכטן ראַט איך אײַך זיך ניט אַרײַנצינען, ווײַטער פֿון פֿאַוואָלאָטש ניט גיין, ביז ס'וועלן ניט אונטערקומען די הויפּט־קרעפֿטן פֿון דער אַרמיי. רעכטס פֿון אײַך וועט מיט דער זעלבער אויפֿגאַבע אַרויס צו דער סטאַנציע פֿאַפֿעלנאַ די בריגאַדע פֿונעם פּאָלקאָווניק לופּאָוו. איר האָט אַלץ פֿאַרשטאַנען?

איבערטרעטנדיק פֿון איין פֿוס אויפֿן צווייטן, האָב איך ניט געײַלט געענטפֿערט:

— איך האָב ניט קיין פֿאַרבינדונג מיטן שטאַב פֿונעם קאָרפּוס, כ'ווייס ניט, ווו ער געפֿינט זיך און וויאַזוי זאָל איך מעלדן וועגן דער שלאַכט־אויפֿגאַבע, וואָס איר האָט פֿאַר מיר געשטעלט.

דער קאָמאַנדאַרם האָט אַ קוק געטאָן אויף מיר און נאָך אַ לענגערער פּויזע געזאָגט:

— באומרויִקט זיך ניט, איך וועל דאָס אַליין טאָן.

מיר זײַנען ארויסגעגאַנגען אַף דער גאַס. נאָך דעם באַלויכטענעם צימער האָט זיך געדאַכט, אַז מיר זײַנען אַרײַנגעפאַלן אין אַ פינצטערן טהאָם.

מיט אויסגעצויגענע הענט האָבן מיר קוים אָפּגעזוכט די מאַשין. ביסלעכווײַז זײַנען די אויגן צוגעוווינט געוואָרן צו דער פינצטערניש און שוין אָנגעהויבן פאַנאַנדערקלײַבן קאָנטורן פון מענטשן, סילועטן פון טאַנקען, הארמאַטן און פעלד־קיכן.

— פאַרטאָג דאַרפט איר אַוועקגיין פונדאַנען, אַנדערש וועט איר האָבן פונעם פריץ קאַלטס און ווארעמס, — האָט געזאָגט דער קאָמאַנדאַרם און שוין שטילער פאַרגעזעצט, — מיט די אָפּע־ראַציעס פון אײַער בריגאַדע איז די קאָמאַנדשאַפט צופרידן. אַף וויפל מיר איז באַוווּסט, האָט דער כאַוער וואַטוטין געבעטן, מע זאָל אײַער בריגאַדע אָנרופן „וואַסילקאָווער". הײַנט באַנאַכט דער־וואַרטן מיר אַ באַפעל פון דער סטאַווקע. יאָ, דער הײַנטיקער טאָג איז געווען באַ אונדז אַ געלונ־גענער. יאַקובאָווסקי מיט זײַן בריגאַדע האָט מיט דער הילף פון אַ גלענצנדיקן מאַנעווער באַ־הערשט פאַסטאָוו. איך גלייב אין אײַך, — האָט ריבאַלקאָ פאַרגעזעצט, — און גלייב, אַז מאָרגן וועט די בריגאַדע זײַן אין פאַוואָלאָטש. דאָס וועט זײַן אַ מאַטאָנע צום 26־טן יאָרטאָג פון אָק־טיאַבער. איר האָט ניט פאַרגעסן, אַז הײַנט איז ערעוו יאָמטעוו?

— ניין, ניט פאַרגעסן, כאַווער קאָמאַנדאַרם. ווער קאָן עס פאַרגעסן אַזאַ טאָג?..

עס האָבן גענומען אונטערשפּרינגען די רויטע פײַערלעך פונעם סטאָפּ־סיגנאַל, און די מאַ־שין פונעם גענעראַל איז פאַרשוווּנדן געוואָרן.

אינדערפרי איז זיך צעפלויגן די יעדיִע, אַז דער בריגאַדע ווערט צוגעטיילט דער נאָמען „וואַ־סילקאָווער", און אונדזער קאָרפּוס — „קיִעווער". אונדזער פרייד איז געווען גרויס. ווו איז אהינ־געקומען די מידקײַט? קיינער האָט ניט באַמערקט, אַז עס מאַראַקעט אַ רעגן. דער מיטינג, וואָס איז דורכגעפירט געוואָרן דאָ באַ די טאַנקען, איז געווען געווידמעט דעם 26־טן יובילײ פון דער גרויסער אָקטיאַבער־רעוואָלוציע.

און אָט איז דער מיטינג געענדיקט. די טאַנקען־בריגאַדע האָט אין יאָרטאָג פון דער גרויסער אָקטיאַבער־רעוואָלוציע פאַרגעזעצט אָנצוגרײַפן קעגן סוינע, וועלכער האָט זיך פאַרמאָסטן אַף די דערגרעבערונגען פון דער דאָזיקער רעוואָלוציע.

די אויסשפּירער האָבן זיך געלאָזט אין וועג, מיר האָבן זיך אויך גערירט פון אָרט. דעם דאָ־זיקן טאָג האָבן מיר זיך גוט אָנגעליטן! מער פונעם רעגן און פון דער בלאָטע, ווי פון די דײַטשן. די טאַנקען זײַנען פאַרהרינזעט געוואָרן, די מאַשינעס האָבן בוקסירט. נאָר, ווי זאָגט מען, צום שלימאַזל דאַרף מען אויך האָבן מאַזל, צוליב דעם ווילדן וועטער האָט קיין איין פײַנטלעכער עראָפּלאַן אונדז ניט באַדראָעט. איך האָב גוט געדענקט ריבאַלקאָס באַפעל אָפּעריִרן דרייסט, געוואַגט, ניט אַרײַנלאָזן זיך אין קיין פאַרצויגענע שלאַכטן און אומבאַדינגט אײַננעמען פאַוואָלאָטש.

באַטאָג האָבן מיר באַקומען אַ ראַדיאָגראַמע: „קומען אין אַ צוזאַמענשטויס מיט דער אויס־שפּירונג פונעם קעגנער, פאַרכאַפּן געפאַנגענע".

איך בין גלײַך אַוועק צו די אויסשפּירער. אַפן ראַנד פון קאַראַליאָווקאַ, אין אַ פאַרוואָרפע־נער קאַלטער שטוב, האָבן מיר פאַרהערט די געפאַנגענע. אַ לאַנגער קלײנעדיקער פעלדפעבל, וואָס האָט די גאַנצע צײַט מיט דערשראָקענע אויגן געקוקט אין די זײַטן, האָט געהאַלטן אין איין איבערכאַזערן:

— היטלער קאַפּוט! היטלער קאַפּוט!

— צום טײַוול! מיר דאַרפן איצט ניט דײַן היטלערן. פון וואָס פאַר אַ פאָלק זײַט איר, פון וואָס פאַר אַ דיוויזיע, פונוואַנען זײַט איר געקומען?

— גערינג קאַפּוט! — האָט דער געפאַנגענער פאַרגעזעצט זײַנס.

בלויז נאָך דעם, ווי מע האָט אַף אים אָנגעשריגן, האָט דער פעלדפעבל מיט אַ ציטערנדיק קאָל געגומען דערציילן, אַז זייער 25־טע טאַנקען־דיוויזיע האָט צוריק מיט עטלעכע טעג פאַר־לאָזט איר באַצירק אַפן ברעג פון לאַ־מאַנש און איז איבערגעוואָרפן געוואָרן אַפן מיזרעכדיקן פראָנט. אַף דער סטאַנציע בערדיטשעוו האָט זיך אויסגעלאָדן דער 146־טער מאָטאָשיסער־פּאָלק, דערנאָך אַ טאַנקען־פּאָלק, און איצט אײַלן זיי קיין קיִעוו.

איך האָב אים דערקלערט:

— אין קיִעוו האָט איר ניט וואָס צו טאָן, קיִעוו איז שוין צוויי טעג אין אונדזערע הענט.

די דערשראָקענע אויגן פונעם היטלעריסט האָבן גענומען פינטלען.

— אָ, אונדזער קאַפּיטאַן האָט געזאָגט, אַז מיר וועלן אײַנשטיין אין קיִעוו.

— גוט, גוט, אין קיִעוו וועסטו זײַן, נאָר ניט ווי קיין זיגער...

די געפאַנגענע האָבן מיר אָפּגעשיקט אין אַרמײ־שטאַב.

ערשט איצט איז מיר קלאָר געוואָרן, פאַרוואָס די גענעראַלן וואַטוטין און ריבאַלקאָ האָבן זיך געאײַלט מיטן אָנגריף אף פּאַוואָלאָטש און פּאָפּעלנאַ. פאַרנעמען די דאָזיקע ליניע האָט באַטײַט באַהערשן דעם אויסגאַנג־פּונקט, פונוואַנען אונדזער מיליטער וועט זיך קאָנען לאָזן ווײַטער אף קאַזאַטין און בערדיטשעוו.

דאָס, וואָס אף אונדזער פראָנט האָבן זיך באַוויזן נײַע דײַטשישע טיילן, האָט מיך געצוווּנגען ערנסט זיך פאַרטראַכטן, וואָס ווײַטער צו טאָן. ארײַנטרעטן אין א שלאַכט מיט א שטאַרקער פײַנטלעכער גרופּירונג האָט אונדז קיין קויעך ניט געקלעקט, פאַרקערעווען אף צוריק, איז... ווער האָט מיר געגעבן די רעכט? זיצן און וואַרטן, ביז עס וועלן אונטערקומען אונדזערע הויפּט־קרעפטן, וואָלט באַטײַט פאַרלירן צײַט. סאַפּקאָלסאָף בין איך געקומען צום באַשלוס, אז מע מוז אומבאַדינגט אָפּנאַרן דעם סוינע, אויסמײַדן פראָנטאַלע אַטאַקעס און ארויסגיין אים אין „רוקן“.

א רעגן און א נעפּל האָט געשטערט נאָכצושפּירן דעם פײַנט. סײַ מיר, סײַ די דײַטשן האָבן, ניט אָנטרעפנדיק אף קיין ווידערשטאַנד, געשפּאַנט לויט די אָנגעמערקטע מאַרשרוטן. מיר — אף מײַרעוו, קיין פּאַוואָלאָטש, די דײַטשן — אף מיזרעך, קיין קיִעוו. אין א קורצער צײַט אַרום האָט זיך אָנגערופן די אַרטילעריע. דער קאָמאַנדיר פון דער פאָדערשטער זאַסטאַווע אוסקאָוו האָט איבערגעגעבן דורך ראַדיאָ:

— איך פיר א פײַער. אין אַנדערהאַלבן קילאָמעטער פון מיר האָבן זיך באַוויזן פײַנט־לעכע טאַנקען.

אוסקאָוו האָט זיך אײַנגעגעבן פאַרהאַלטן די דײַטשישע טאַנקען אף א גאַנצער שאָ צײַט, און דאָס האָט מיר געגעבן א מעגלעכקײַט אוועק פאָרויס אף עטלעכע קילאָמעטער. ס'האָט זיך שוין אָנגערוקט די נאַכט, ווען מיר זײַנען צוגעקומען צום דאָרף מאַלאַיאַ פּאָלאָוועצקאַיאַ. ס'האָט פאַרשמעקט מיט רויך, פון די קוימענס זײַנען ארויסגעפליגן פײַער־פונקען, און פּלוצעם האָט ניט ווײַט פון אונדז זיך דערהערט א שיסערײַ. דער הימל איז ליכטיק געוואָרן. איך האָב זיך א לאָז געטאָן צו דער ראַדיאָסטאַנציע און בוילעט דערהערט די קאָמאַנדע פונעם באַטאַליאָן־קאָמאַנדיר לאָרדקיפּאַנידזע: „פײַער, פײַער! אַלץ אונטערצינדן! אַלץ פאַרניכטן!“

אינגיכן האָט דער אויסשפּירער סאַוועליעוו מיר דערקלערט, וואָס ס'איז פאָרגעקומען.

— איצט, — האָט ער געזאָגט, — איז די אָפּעראַציע שוין פאַרענדיקט, אַלץ איז אין אונ־דזערע הענט, כאַווער קאָמבריג.

— מיט וועמען האָט עס לאָרדקיפּאַנידזע זיך אזוי צערעכנט?

— דאָס האָט ער צעשמעטערט דעם פײַנטלעכן 25־טן טאַנקען־דיוויזיאָן.

אין דער נאַכט אפן 8 נאָיאַבער האָט זיך צו אונדז אומגעקערט דער שעף פון באַטאַליאָן־שטאַב ראַי. ער האָט דערציילט, אז די דײַטשן, וועלכע מיר האָבן געפאַנגען, שטעלן מיט זיך פאָר א גרויסן אינטערעס. פאַרהערט האָט זיי ריבאַלקאָ זעלבסט, און דערנאָך זיי איבערגעשיקט אין פראָנט־שטאַב.

— וואָס פאַרא באַפעלן האָט איר געבראַכט?

ראַי האָט ארויסגעשלעפּט א נאַסע פאַרשמאָלצוועטע קאַרטע און מיטן פינגער אָנגעוויזן אף פּאַוואָלאָטש — דער באַפעל פונעם קאָמאַנדאַרם איז געבליבן דער זעלבער.

באַנאַכט האָבן זיך דערהערט קלאַנגען פון סירענעס, געשרייען „אַליאַרם!“. ס'איז געוואָרן א טומל. מיר האָבן זיך אָנגעהויבן צו אײַלן, און דאָ, ווי אף צולאָכעס, קאָן איך ניט ארופציִען די שטיוול אף די פיס — עמעצער האָט געשטעלט זיי טריקענען אפן אויוון, זײַנען זיי פאַר־וואַנדלט געוואָרן אין פאַרדאַרטע סקאָרינקעס. איך האָב געמוזט אָנטאָן דעם שאָפערס קירזעווע שטיוול. אינגיכן האָט זיך אויסגעקלאָרט, אז אף דעם מײַרעוו־ראַנד פון דאָרף געפינט זיך א גרויסע גרופּע דײַטשן. לאַנג טראַכטן איז ניט שײַך געווען.

— אַטאַקירן די פאַשיסטן, — האָב איך באַפוילן, — ניט דערלאָזן, זיי זאָלן זיך אָנקלאָ־מערן באַם ברעג פון דאָרף, ארויסיאָגן זיי אין פרײַען פעלד און צעשמעטערן!

ווען מיר זײַנען ארויסגעשפּרונגען פון דאָרף, האָבן מיר דערזען אן אויסטערלישע בילד. 500 דײַטשישע סאָלדאַטן און אָפיצערן האָבן זיך צעשאָטן איבערן פעלד און זיך ניט געריִרט פון אָרט. צווישן זיי זײַנען געשטאַנען עטלעכע אונדזערע טאַנקען. די הענט האָבן די דײַטשן געהאַלטן אין דער הייך. מיר האָבן ניט פאַרשטאַנען, וואָס עס קומט פאָר.

און פאָרגעקומען איז אָט וואָס.

דער 146־טער גרענאַדיר־מאָטאָשיסער־פּאָלק, וואָס איז אָנגעקומען קיין בערדיטשעוו פון די ברעגן פון דער אַטלאַנטיק, איז דערגאַנגען ביז מאַלאַיאַ פּאָלאָוועצקאַיאַ, צו יענעם פּונקט, וווהין כ'בין נעכטן ארײַן מיט מײַן בריגאַדע. די דײַטשן האָבן זיך רויִק געלייגט שלאָפן, און אײַנדערפרי האָבן זיי דערזען אין דאָרף אונדזערע טאַנקען. די דערשראָקענע היטלעריסטן האָבן זיך א לאָז געטאָן צום וועג, צו זייערע מאַשינעס, נאָר אָנשטאָט מאַשינעס האָבן זיי דערזען

אָפּגעבערנטע אײַזערנע סקעלעטן, ברוכשטיקער, הויפֿנס אַש. זיי האָבן זיך געלאָזט צום וואַלד, נאָר דערלויפֿן אַהין ניט באַוויזן — אונדזערע טאַנקען האָבן זיי אָנגעיאָגט. די דײַטשן זײַנען זיך צעלאָפֿן איבערן פֿעלד, און דאָ האָט זיי געטראָפֿן אַ נײַע צאָרע — די צעוווייקטע שוואַרצע ערד, וואָס איז פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ געדיכטער בלאָטע, האָט אַראָפּגעשלעפּט די קורצע שטיוול פֿון די סאָלדאַטן, זיי צוגעקאָוועט צו דער ערד. אונדזערע טאַנקיסטן האָבן אויסגענוצט די געשאַפֿענע לאַגע און געעפֿנט אַ פֿײַער.

קיין אַנדער ברייריע ווי איבערגעבן זיך אַפֿן באַראָט פֿון קעגנער האָבן די פֿאַשיסטן ניט געהאַט. אַזױאַרום, האָט פֿאַר איין שאָ אופֿגעהערט צו עקזיסטירן דער 146־טער גרענאַדירן־פּאָלק. מיר האָבן גענומען אין געפֿאַנגענשאַפֿט 450 סאָלדאַטן און אָפֿיצערן און פֿאַרגעזעצט אונדזער דערפֿאָלגרײַכן מאַרש אַף פֿאַוואָלאָטש.

ניט קיין גרויסן צוזאַמענשטויס האָבן מיר געהאַט אַפֿן וועג פֿאַפֿעלנאַ — סקווירא. באַשיצט פֿון עטלעכע טאַנקען, האָט זיך באַוועגט אַ לאַנגע קאָלאָנע דײַטשישע לאַסטמאַשינעס און לײַכטע אויטאָמאָבילן. מיר זײַנען אומדערוואַרט אָנגעפֿאַלן אַף זיי. שפּעטער האָט זיך אויסגעקלאָרט, אַז דאָס איז געווען דער שטאַב פֿון דער 25־טער טאַנקען־דיוויזיע.

איצט, ווען איך שרײַב די דאָזיקע שורעס, ליגט אַף מײַן טיש אַ בוך פֿונעם געוועזענעם גענעראַל פֿון דער פֿאַשיסטישער אַרמיי פֿאָן מעלענטין — „די טאַנקען־שלאַכטן אין די יאָרן 1939—1945".

פֿאָן מעלענטינס בוך שטעלט מיט זיך פֿאָר אַ געוויסן אינטערעס. דאָס איז אַ מין גוויִעס־אײדעס פֿונעם סוינע, וואָס איז געצוווּנגען צו אָנערקענען דעם פֿאָרצוג פֿון דער סאָוועטישער אַרמיי לעגאַבע דעם ווערמאַכט, אָנערקענען דעם דורכפֿאַל פֿון היטלערס פּלענער נאָכאַמאָל צו פֿאַרכאַפּן קיִעוו. וועגן די געשעענישן אינעם ראַיאָן פֿון פֿאַסטאָוו שרײַבט פֿאָן מעלענטין:

„דעם 6 נאָיאַבער האָט מאַנשטיין באַשלאָסן קאָנצענטרירן אַלע טאַנקען־דיוויזיעס אינעם ראַיאָן פֿון פֿאַסטאָוו — זשיטאָמיר, קעדיי אַ קלאַפּ טאָן איבער קיִעוו... דעם 7 נאָיאַבער האָט זיך אונדזער קאָמאַנדע־פּונקט געפֿונען 25 קילאָמעטער דאָרעמדיקער פֿון פֿאַסטאָוו. צום באַדויערן, איז הינטער פֿאַסטאָוו צו פֿרי אַרײַנגעטראָטן אין שלאַכט די 25־טע טאַנקען־אַרמיי. איר געשיכ־טע איז זייער אַ טרויעריקע. זי איז פֿאָרמירט געוואָרן אין נאָרוועגיע און דורכגעגאַנגען די צוגרייטונג אין פֿראַנקרײַך. דעם 7 נאָיאַבער באַטאָג האָט דער אַוואַנגאַרד־אָטריאַד פֿון דעם 146־טן מאָטאָשיסער־פּאָלק פֿון דער דאָזיקער דיוויזיע באַגעגנט דאָרעמדיקער פֿון פֿאַסטאָוו רוסישע טאַנקען „ט־34" און אין פּאַניק זיך געלאָזט לויפֿן. אין אַ שרעקלעכן צושטאַנד זײַנען די ניט געניטע טיילן אָפּגעטראָטן, ניט געקוקט דערויף, וואָס דער קאָמאַנדיר פֿון דער דיוויזיע גענעראַל שעל האָט פּערזענלעך אײַנגעשטעלט אָן אָרדענונג".

ס'איז מאַמעש שווער אײַנצוהאַלטן דאָס געלעכטער, לייענענדיק די „סאָטשיניעניע" פֿונעם גענעראַל מעלענטין... „דער גענעראַל שעל האָט אײַנגעשטעלט אָן אָרדענונג"... אַלס אָנטייל־נעמער פֿון די דאָזיקע שלאַכטן, קאָן איך אײדעס זאָגן, אַז דעם 146־טן מאָטאָשיסער־פּאָלק האָבן מיר צעגראָמירט, דעם שטאַב פֿון דער 25־טער דיוויזיע פֿאַרניכטעט, גענומען עטלעכע הונ־דערט געפֿאַנגענע. אין אונדזערע הענט איז אַרײַנגעפֿאַלן דער אויטאָמאָביל פֿונעם דיוויזיע־קאָמאַנדיר מיט זײַנע דאָקומענטן, מיט זײַנע אָרדענס און מיט זײַן מונדיר. אַליין דער גענעראַל שעל איז אין אַ לאַסטמאַשין אַוועק אַף דאָרעם און געלאָזט זײַנע אונטערגעאָרדנטע אַף גאָטס באַראָט.

אין יענעם טאָג איז דער באַפֿעל פֿונעם קאָמאַנדאַרם ריבאַלקאָ אויסגעפֿילט געוואָרן — מיר האָבן פֿאַרנומען פֿאַוואָלאָטש.

דעם 9 נאָיאַבער פֿאַרטאָג האָבן מיר נאָך אַלץ ניט געהאַט אײַנגעשטעלט קיין פֿאַרבינדונג מיטן שטאַב פֿון קאָרפּוס און מיטן אַרמיי־שטאַב. וואָס זשע טוט מען ווײַטער? ערשט צו אָוונט־צו האָבן דורכן טומל אין עפּיר זיך דורכגעריסן צו אונדז די ווערטער פֿונעם קאָמאַנדאַרם: „מיר גרויסן זיך מיט אײַך. איך באַגריס אײַך מיטן זיג. אָרגאַניזירט אָן אַלזײַטיקע שוץ. שמעטערט דעם סוינע אין הינטערלאַנד. מיר גייען צו אײַך..."

באַ אַ לאַנגן טיש, איבערגעבויגן איבער אַ קאַרטע, זײַנען מיר לאַנג געזעסן און דערלערנט יעדער בערגל, יעדער וועלדל, יעדער דאָרף אַף אונדזער באַצירק פֿון פֿראָנט.

שלאָגן דעם סוינע אין זײַן הינטערלאַנד און זיך דערוואַרטן אַף אונדזער מיליטער — אַזאַ איז געווען מײַן באַפֿעל.

דער שלאַנקער און היציקער שוואַרץ־אויגיקער גרוזין לאָרדקיפּאַנידזע איז אופֿגעשפּרונ־גען פֿון אָרט.

— ריכטיק, מירן זיי ווײַזן, ווו דער שוואַרצער פּעפֿער וואַקסט.

באַם טיש זײַנען געזעסן צוויי קאָמאַנדירן פֿון פּאַרטיזאַנישע אָטריאַדן דאַראַש און באַק. זייערע טיילן זײַנען הײַנט אײַנדערפֿרי אַרײַנגעגאַנגען קיין פּאָוואָלאַטש. די באַגעגעניש מיט די פּאַרטיזאַנער איז געווען זייער אַ רירנדיקע. די ברידערונג מיט מײַנע טאַנקיסטן אַפֿן שול־פּלאַץ, וווּהין עס איז זיך צונויפֿגעקומען די גאַנצע באַפֿעלקערונג פֿון דער שטאָט, איז פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן עמעסן יאָמטעוו.

שטורמישע געשעענישן האָבן זיך פֿאַנאַנדערגעוויקלט דעם 13 נאָיאַבער. נאָך דעם, ווי אַף אונדז זײַנען אָנגעפֿאַלן „יונקערסן״ און נאָך אַ שטאַרקן האַרמאַטן־פֿײַער, האָבן אַפֿן האָריזאָנט זיך באַוויזן דרײַ טאַנקען. נאָך זיי האָבן זיך געוויזן אויסטיילן די סילועטן פֿון פּאַנצער־מאַשינעס און געפּאַנצערטע טראַנספּאָרטיאָרן. זיי זײַנען געווען אַ סך. דורכן בינאָקל האָט מען זיי בוילעט געזען: צען, צוואַנציק, דרײַסיק.

— ניט שיסן, ניט אויסגעבן זיך! צולאָזן נעענטער!

עס איז אונדז געבליבן ווייניק קוילן, ברענשטאָף איז אין די רעזערוווואַרן געווען זייער ווייניק, סנאַריאַדן אין די טאַנקען — באַ אַ צענדליק.

רעכטס פֿון וועג האָבן זיך געצויגן שוואַרצערדיקע פֿעלדער. דער רעגן, וואָס האָט נעכטן געלייאַפּעט, האָט דורכגעבראָכן דאָס דינע אײַז־הײַטל און פֿאַרוואַנדלט די פֿעלדער אין איין גרויסער בלאָטע. לינקס פֿון אונדז זײַנען געווען טיפֿע באַלקעס און יאַרן, פֿולע מיט וואַסער.

די קאָמבאַטן לאָרדקיפּאַנידזע און קאָוואַליאָוו האָבן געוואַרט אַף מײַן ראַדיאָ־סיגנאַל, נאָר איך האָב פֿאַרפֿרעסט די ציין און געשוויגן.

אָט זעט מען שוין אין בינאָקל בוילעט די פֿאַשיסטישע קרייצן אַף זייערע מאַשינעס, מע קאָן שוין אויך פֿאַנאַנדערקלײַבן די פּנעמער פֿון די דײַטשישע סאָלדאַטן, איך הער די בילנדיקע קאָמאַנדעס פֿון די היטלעריסטן. 300 מעטער פֿון אונדז איז פֿון הינטער אַ בערגל אַרויסגעשפּרונגען אַ פֿײַנטלעכער טאַנק. איצט איז געקומען די צײַט צו שיסן.

— פֿײַער!

די דאָזיקע קאָמאַנדע האָבן אונטערגעכאַפּט קאָוואַליאָוו, לאָרדקיפּאַנידזע, עס האָבן זי איבערגעכאַזערט די ראָטע־ און וזוואָד־קאָמאַנדירן. די טאַנקען־האַרמאַטן האָבן מיט אַ פּינקטלעך־געצילטן פֿײַער באַשאָסן דעם סוינע. עס האָט גענומען ריידן די אַרטילעריסטישע באַטאַרייע, די קוילנוואַרפֿער האָבן אָנגעהויבן צו שטעפּן. אונדזער איינציקער מינענוואַרפֿער האָט זיך אויך אָנגעשלאָסן אין שלאַכט.

אינגיכן האָט זיך אויפֿגעריסן דער ערשטער פֿאַשיסטישער טאַנק. אַ סנאַריאַד האָט אים געטראָפֿן פּונקט אין דער סוואַסטיק. אַ צווייטער טאַנק האָט גענומען פֿלאַקערן מיט אַ העליש פֿײַער. אַ שוואַרצער רויך האָט פֿאַרדעקט דעם הימל. די עקיפּאַזשן פֿון פּאַנצער־מאַשינען, טראַנספּאָרטיאָרן און מאָטאָציקלען האָבן פֿאַרשטאַנען, אַז זיי זײַנען אַרײַנגעפֿאַלן אין אַ פּאַסטקע, און זיך אַראָפּגעקײַקלט אין די יאַרן. אַהין זײַנען אויך אַראָפּגעקראָכן אַלע דײַטשישע טאַנקען. אַף דעם האָבן מיר טאַקע געוואַרט — פֿונעם זומפּיקן יאַר האָבן זיי זיך שוין ניט געקאָנט אַרויסרײַסן. לאָרדקיפּאַנידזע און פּיאַדאַראָוו האָבן זיך אַ לאָז געטאָן צום יאַר. אַהין זײַנען אויך אַוועק די דרײַ טאַנקען פֿון מײַן רעזערוו.

די אויטאָמאַטלער האָבן זיך איבערגעמישט מיט די פּאַרטיזאַנער און מיט דער ציווילער באַפֿעלקערונג און אויסגעבילדעט איין שטראָם. איבער די פֿעלדער און איבער די וועגן האָט זיך געטראָגן אַ „הוראַ״־געשריי.

אין אַ פּאַרטיזאַנישן וואָגן בין איך צוזאַמען מיט דאַראַשן און באַקן צוגעקומען צום יאַר. באַ די פּאַנצער־מאַשינעס און טראַנספּאָרטיאָרן האָבן גענומען באַלעבאַטעווען די פּאַרטיזאַנער און די טאַנקיסטן — מע האָט אַראָפּגענומען די קוילנוואַרפֿער און די האַרמאַטן, דעמאָנטירט די ראַדיאָסטאַנציע. צו אונדז זײַנען אַרײַנגעפֿאַלן נײַן און דרײַסיק געפּאַנצערטע טראַנספּאָרטיאָרן און פּאַנצער־מאַשינעס און אַ גאַנצגעבליבענער טאַנק.

ס׳האָט גענומען צופֿאַלן די נאַכט. מידע, אָבער פֿריידיקע, האָבן מיר זיך אומגעקערט אין שול, וואָס איז פֿאַר אונדז געוואָרן סײַ אַ שטאַב, סײַ אַן אייגענע היים. ערשט איצט האָב איך דערפֿילט, ווי הונגעריק איך בין, — אַ גאַנצן מעסלעס האָב איך קיין ברעקל אין מויל ניט געהאַט, קיין שלונג וואַסער ניט געטאָן.

ווי זאָגט מען עס, אַז עס גייט, גייט עס! אין דער זעלבער צײַט, ווען מיר האָבן צעשמעטערט די פֿײַנטלעכע גרופּירונג, האָט אונדזער דיוויזיע־גרופּע אויפֿגעריסן די אײַזנבאַן־בריק אין פּאָפּעלנאַ. אַף פּיק־פּיצלעך איז זיך צעפֿלויגן אַן עשעלאָן מיט טעכניק און שיס־מיטלען. באַפֿליגלט פֿונעם דערפֿאָלג, האָבן מיר צוזאַמען מיט די פּאַרטיזאַנער גענומען אָפּטער אַרויסגיין אין הינ־

טערלאַנד פֿון סוינע. קיין פּאַוואָלאָטש זײַנען אָנגעקומען אונדזערע באַזונדערע גרופּעס פּאַראַשוטיסטן, וועלכע האָבן אַ צײַט געבלאָנקעט איבער די וועלדער און אין די יאַרן באַם דניעפּער.

די היטלעריסטן איז, נאַטירלעך, ניט געפֿעלן געוואָרן, וואָס אין זייער הינטערלאַנד, אינעם ראַיאָן פֿון פּאָפּעלנאַ און פּאַוואָלאָטש, געפֿינט זיך אונדזער בריגאַדע, און זיי האָבן באַשלאָסן מאַכן אַ סאָף דערצו.

אינעם שול־צימערל, ווו עס איז געהאַנגען אַ בלאָווער רויך ביז צו דער סטעליע, האָבן ווי געשפּענסטער זיך באַוויזן צוויי מיידלעך, וועלכע ס׳האָט אַראָפּגעשיקט צו אונדז דער קאָמאַנדיר פֿונעם פּאַרטיזאַנער־אָטריאַד דאָראָש.

די שטאַלטנע שוואַרץ־אויגיקע גאַלינאַ האָט שווײַגנדיק, מיט פּאַרוווּנדערטע אויגן געקוקט אויף מיר און אויף מײַנע פּרײַנט.

איבערטרעטנדיק פֿון איין פֿוס אויפֿן צווייטן, איז באַנאַנד מיט איר געשטאַנען די בלאָנדע קליינינקע מאַשענקאַ סאַטניק. אירע שפּילעוודיקע בלויע אויגן האָבן, ווי די זון־העזעלעך, געגלאַנצט. עס האָט זיך עפּעס ניט געגלייבט, אַז אַזאַ מיידל איז פֿייִק אויספֿילן אַן ערנסטע אויפֿגאַבע...

און אָט זײַנען שוין אַריבער צוויי מעסלעס, זינט ביידע מיידלעך זײַנען פֿאַרפֿאַלן געוואָרן. אין באַגינען פֿונעם דריטן טאָג האָבן זיי זיך אומגעקערט. איבערשלאָגנדיק איינע די אַנדערע, האָבן זיי דערציילט, וואָס זיי האָבן געזען. דאָס בילד, וואָס די מיידלעך האָבן אויסגעמאָלט, האָט אונדז ניט באַרויִקט.

פֿון דרײַ זײַטן האָבן די דײַטשן קאָנצענטרירט טאַנקען און מינענוואַרפֿער. די אינפֿאַנטעריע, אַן אָנגעזעטיקטע מיט געווער, האָט זיך פֿאַרזאַמלט אויף צאָפֿן און אויף מיזרעך. פֿון דער דאָרעמדיקער זײַט זײַנען געווען אָזערעס, זומפּן און וועלדער. ס׳איז שוין ניט שווער געווען אָנצורשטויסן זיך, וואָס דער סוינע האָט פֿאַרטראַכט. ער האָט אונדז געוואָלט פֿאַריאָגן אין די זומפּן, פֿון וועלכע ס׳איז אוממעגלעך זיך אַרויסצוקלײַבן.

גאַלינאַ, וועלכע האָט לאַנג געשוויגן, האָט פּלוצעם אַ זאָג געטאָן:

— כ׳האָב געהערט, אַז אָנגרײַפֿן וועלן זיי ערשט מאָרגן פֿאַרטאָג.

— אַ דאַנק אײַך, מיידלעך, פֿאַר אײַער מי. מיר וועלן זיך סטאַרען פֿאַנאַנדערקלײַבן אין אַלץ, און מוירע האָבן דאַרף מען ניט, אַלץ וועט זײַן אין אָרדענונג.

— שוין זשע וועלן זיי אונדז אומברענגען? — האָט מאַשענקאַ געזאָגט.

אינעם שמועס האָט זיך אַרײַנגעמישט דער שעף פֿון פּאָליט־אָפּטייל פּערעגודאָוו:

— אונטערגעבן וועלן מיר זיך ניט. אויב מיר וועלן דעם פֿײַנט ניט צעשמעטערן, וועלן מיר אומבאַדינגט אים איבערכיטרעווען.

די געשעענישן פֿונעם טאָג האָבן באַשטעטיקט, אַז די יעדיִעס פֿון די מיידלעך זײַנען ריכטיקע.

מיר האָבן אַלץ געהאַפּט, אַז ריבאַלקאָ וועט אין אונדז ניט פֿאַרגעסן, אַז אָט־אָט וועט אונטערקומען הילף, נאָר איצט האָבן מיר זיך איבערצײַגט, אַז מיר זײַנען פֿולשטענדיק אָפּגעריסן פֿונעם פֿראָנט. קעמפֿן אָן ברענשטאָף און אָן סנאַריאַדן איז אוממעגלעך. דער פֿראָנט הינטער פּאַסטאָוו האָט זיך סטאַביליזירט, און אײַנבערעכן די טאַנקען־גרופּירונג פֿונעם גענעראַל מאַנשטיין איז אין יענע טעג פֿאַר אונדזער מיליטער געווען אַ שווערער איניען. מע האָט געדאַרפֿט צוטראַכטן עפּעס אויף איבערקומען די צײַט און איינצײַטיק וואָס מער אָנטאָן שאָדן דעם פֿײַנט.

די פֿאַרמאַטערטע מיידלעך זײַנען אַוועק זיך לייגן שלאָפֿן. די אָפֿיצערן פֿונעם בריגאַדעשטאַב זײַנען זיך צעגאַנגען אויף זייערע ערטער, און מיר, אַ קליינע גרופּע פֿון דער קאָמאַנדשאַפֿט, האָבן זיך איבערגעבויגן איבער דער קאַרטע און געזוכט בײַ דער שטענדיקער באַגלייטערן פֿון מיליטערס אַן ענטפֿער אויף פֿיל פֿראַגן.

— וואָס וועלן מיר ווײַטער טאָן? — האָב איך אויסגעשטן הויך, אויף אַ קאָל זיך געווענדט צו די בײַוווּנזנדע.

קיינער האָט ניט געענטפֿערט. ענטפֿערס האָבן געקאָנט זײַן צוויי: טאַקע הײַנטיקע נאַכט אַראָפּנעמען דאָס געווער פֿון די טאַנקען, אַוועק אין די וועלדער און זיך פֿאַרייניקן צו די פּאַרטיזאַנער און מיט זיי צוזאַמען ווײַטער שמעטערן דעם פֿײַנט, אָדער דורכרײַסן די פֿײַנטלעכע אַרומרינגלונג, אַ קלאַפּ געבן אים פֿון „רוקן“ און אַרויסגיין צו אונדזער מיליטער.

דער ערשטער האָט אָנגעהויבן ריידן דער מאַיאָר קאַלעניקאָוו:

— מיר וועלן אַלצײַנס זיך ניט קאָנען דורכרײַסן. מיר האָבן צו ווייניק קויכעס און געווער. זעכציק קילאָמעטער שטורעמווען דעם סוינע איז אוממעגלעך.

צו אים האָבן זיך פֿאַרייניקט אויך אַנדערע. דער קאַפּיטאַן ערזין האָט געזאָגט:

— מיר וועלן ניט אויסהאַלטן, כאָוער קאָמבריג, מירן פֿאַטערן די מענטשן, העכער טויזנט זײַנען מיר. צוזאַמען מיט די פּאַרטיזאַנער און פּאַראַשוטיסטן וועלן מיר עפּעס וואָס אופֿטאָן.

דאָס וואָרט „עפּעס וואָס" האָט מיך ווי אַ שמיץ געטאָן איך פּאָנעם...

— און איר, איוואַן איוואַנאָוויטש, וואָס טראַכט? — האָב איך זיך געווענדט צום שעף פון פּאָליט־אָפּטייל פּערעגודאָוון.

— איינס קאָן איך נאָר זאָגן, אַז ס'איז שווער.

דעם געדאַנק פון אייניקע אָפיצערן וועגן פאַריייניקן זיך מיט די פּאַרטיזאַנער האָב איך פול־שטענדיק אָפּגעוואָרפן. דאָס האָט ניט באַטײַט, אַז איך דערשאַץ ניט דעם פּאַרטיזאַנישן קאַמף, נאָר מיר, אַ קאַדראָווע אָפיצער, אַן אַלטן טאַנקיסט, וואָס האָט דורכגעמאַכט צענדליקער טאַנקען־שלאַכטן, האָט זיך געוואָלט אויך אויפן דניעפּער גראַמירן דעם סוינע מיט מײַן אויסגעפּרוווט גע־ווער. מיט מיר זײַנען דאָ געווען הונדערטער טאַנקיסטן, וועלכע וואָלטן געקאָנט פירן אין שלאַכט גרויזאַמע טאַנקען. דערפאַר טאַקע האָב איך באַשלאָסן בעשום־אויפן ניט בלײַבן אין די וועלדער, נאָר דורכרײַסן זיך.

אין צימער איז געווען שטיל. די מענטשן האָבן געוואַרט אַף מײַן ענדגילטיקן באַשלוס. מיט אַ הייזעריק־פאַרקילט קאָל האָב איך געזאָגט עטלעכע געציילטע ווערטער:

— מיר קאָנען און דאַרפן אופטאָן וואָס מערער פאַר אונדזער מיליטער. מיר וועלן זיך דורכרײַסן צו אונדזערע. מירן שמעטערן די פאַשיסטן אין הינטערלאַנד. מײַן באַשלוס איז — ניט פאַרבלײַבן אין די וועלדער, ניט דערטרינקען די טאַנקען אין די בלאָטעס און אין די אָזערעס, נאָר גיין זיך פאַריייניקן מיטן מיליטער.

די דעבאַטן זײַנען פאַרענדיקט, דער באַפעל איז אָפּגעגעבן און דאַרף אויסגעפילט ווערן אָן שום דערוווּדערונגען...

אומגעריכט האָט מאַמעש איבער די דעכער פון די שטיבער אַנגעהויבן צו רוישן „דער קיניג פון דער לופט" אונדזער „אור־2". איבערן קלייניקן אעראָפּלאַן האָבן זיך גלײַך גענומען דרייען צווי פײַנטלעכע פאַרניכטלער, נאָר אונדזער פליִענדיקער פרײַנט האָט זיך אעראָפּגעלאָזט נאָך נידעריקער, פאַרשווונדן צווישן די הײַזער און געזעצט זיך ערגעץ אַף אַ גאָרטן. די „מעסער־שמיטן" האָבן געמאַכט עטלעכע קרײַזן און דערנאָך זיך געלאָזט דעריאָגן זייערע באָמבאַרדירער.

צו דעם גאָרטן האָט זיך אַ לאָז געטאָן אַן אויִלעם. מיר האָבן זיך אַנגעשטויסן, אַז דער באַ־פליגלטער שאַליעך האָט אונדז געבראַכט אויסערגעוויינלעכע נײַס. דער פּאַרגעפּיל האָט אונדז ניט אָפּגענאַרט. אַנטקעגן מיר זײַנען געשטאַנען צווי יונגע פליִער, וועלכע האָבן מיר איבערגע־געבן דעם באַפעל פונעם קאָמאַנדאַרם:

„הײַנט באַנאַכט מיט איין קלאַפּ אײַנברעכן די שוץ פון דער צאָפנדיקער ריכטונג. אויסשפּירן די טיילן פונעם קעגנער, אַרויסקומען צאָפנדיקער פון סטאַווישטשע. מע וועט אײַך באַגעגענען. די אַרטילעריע וועט באַוואָרענען, איר זאָלט קאָנען אַרויסגיין. די סיגנאַלן אַף דורכצוגיין דורך אונדזער מיליטער וועלן אײַך מינדלעך איבערגעבן די פליִער. גראַמאָוו" (דאָס איז געווען ריבאַל־קאָס פסעוודאָנים).

הייסט עס, אַז מיר זײַנען געדערכט געווען, אָנעמענדיק אונדזער באַשלוס. איך האָב זיך גע־גרויסט מיט מײַן קאָמאַנדאַרם, ער האָט אונדז ניט פאַרגעסן, ער זאָרגט פאַר אונדז...

אַ כאַפּטע ייִנגלעך האָבן אַרומגערינגלט דעם אעראָפּלאַן, עמעצער האָט שוין אפילע באַוויזן זיך פאַרקלײַבן אין דער קאַבינע.

— מאַמזיירים, מאַרש פונדאַנען! — האָט געשריגן אַף זיי דער באַלעבאָס פונעם גאָרטן, ווו עס האָט זיך אַראָפּגעלאָזט דער „אור־2".

אַ יונגע פרוי האָט געבראַכט די פליִער מילך. זיי האָבן מיט פאַרגעניגן זיך אָנגעטרונקען, אָנגעטאָן די העלמס, זיך אופגעזעצט און זיך גערירט פון אָרט. דער אעראָפּלאַן האָט זיך גענומען שאָקלען איבער די בייטן, שווער אונטערגעשפּרונגען אין דער הייך און אוועקגעפלויגן אַף מיז־רעך, אַף פאַסטאָוו.

דער קורצער נאָיאַבער־טאָג האָט גענומען פאַרגיין. אַ שוואַרצע נאַכט האָט זיך אָנגערוקט איבער פאַוואָלאָטש. די שול, ווו עס האָט זיך געפונען דער שטאַב פון דער בריגאַדע, איז פול געווען מיט מענטשן. דאָס דאַרף האָט געקאַכט, פון די אָקאָפּעס האָט מען אַרויסגעטראָגן די האַר־מאַטן און די קוילנוואַרפער. אַרויסגעשלעפּט די טאַנקען און מאַשינעס.

אומרויִק און שטיל זײַנען געוואָרן די אײַנוווינער פון פאַוואָלאָטש, וועלכע האָבן שוין גע־ווּסט, אַז מיר פאַרלאָזן די שטאָט. וואָס וועט זיי ברענגען דער מאָרגעדיקער טאָג? מיר האָבן זיי גוט פאַרשטאַנען, נאָר וואָס האָבן מיר געקאָנט טאָן? שלאַכטן אַפּן פראָנט קומען אָפּט פאָר ניט אַזוי, ווי עס ווילט זיך. מיר האָבן געפילט, וואָס עס שטייט פאָר איבערצוטראָגן די היגע אײַנוווי־נער גלײַך נאָך דעם, ווי מיר וועלן אוועקגיין.

דער צימער איז פול געווען מיט אָפיצערן פון די טיילן, פון בריגאַדע־שטאַב, מיט קאָמאַנ־דירן פון די פּאַרטיזאַנישע אָטריאַדן.

דער באַפעל איז געווען קורץ: אין מעשעך פון דער נאַכט דורכמאַכן אַ מאַרש פון 60 קילאָ־מעטער, דורכרײַסן דעם פײַנטלעכן פראָנט אַפן טײַך קאַמענקאַ און אײַנדערפרי זיך פאַראייניקן מיט ריבאַלקאָס אַרמיי. אַף אָפּצונאַרן דעם סוינע האָבן מיר צוגעקלערט פאָלגנדיקן מאַנעווער: דעם דורכרײַס פאַרווירקלעכן ניט אין דער מײַרעוודיקער זײַט, ווו דער וועג איז געווען קירצער, נאָר אַרויסגיין אַ צען־פופצן קילאָמעטער מײַרעוודיקער פון פאַוואָלאָטש, זיך אַרײַנרײַסן אין הינ־טערלאַנד פונעם קעגנער און טײַקעף פאַרקערעווען אַף צאָפן און אַף מיזרעך. דאָראָש און באַק האָבן זיך אונטערגענומען מיט אַקטיווע אָפּעראַציעס אָפּווענדן די דײַטשן אַף זיך.

מיר האָבן זיך וואַרעם געזעגנט מיט אונדזערע פרײַנט — פּאַרטיזאַנער. אַלע האָבן מיר גוט פאַרשטאַנען, אַז זיי וועט איצט זײַן באַזונדערס שווער, נאָר אויך די פּאַרטיזאַנער האָבן געוווּסט, אין וואָס ס׳באַשטייט איצט זייער כוויו.

די גרופּע אויסשפּירער אונטער דער אָנפירונג פונעם קאַפּיטאַן שומילאָוו האָט זיך דערקליבן ביז דעם צאָפנדיקן ראַנד פון פאַוואָלאָטש און געבליבן שטיין, וואַרטנדיק אַף אַ באַפעל און אַף אַ סיגנאַל צום אַרויסטרעטן. הײַנט איז זיי פאָרגעשטאַנען אויסצופילן ניט קיין געוויינלעכע אויפגאַבע: אַף פײַנטלעכע מאַשינעס האָבן זיי געדאַרפט אַרײַנדרינגען אין די שלאַכט־רייען פונעם סוינע, דאָרט אָנהייבן שיסן, אַרויסרופן אַ פּאַניק און דערמיט אָפּווענדן אַף זיך די הויפּט־קרעפטן פון די דײַטשן. דעמלט וועט די בריגאַדע זיך קאָנען לאָזן אַף מײַרעוו.

די געהויבענע שטימונג פון די אויסשפּירער האָט מיך אויך דערמוטיקט.

— איך וועל אײַך בעטן, — האָב איך זיך געווענדט צו די אויסשפּירער, — שווײַגן, ניט ריידן אַף רוסיש.

דער לייטענאַנט אַנדריי סעראַזשימאָוו האָט, ווי שטענדיק, געשמייכלט.

— אַלץ וועט זײַן אין אָרדענונג, כאַווער קאָמבריג. קיין איין רוסיש וואָרט וועלן מיר ניט אויסריידן. מירן „שפּרעכן" נאָר אַף דײַטש, און שלאָגן דעם סוינע פּאָ־רוסקאָמו.

איך האָב גוט געקענט די דאָזיקע כעוורע, וואָס זײַנען געשטאַנען אין יענער פינצטערער נאַכט און געוואַרט אַף אַ סיגנאַל. דער סיגנאַל איז געגעבן געוואָרן פונקט 24.00 אַזייגער.

די אויסשפּירער זײַנען אַוועק אַף צאָפן, און אין אַ קורצער צײַט אַרום האָבן אין דער מיז־רעכדיקער זײַט פון דער שטאָט גענומען שטעפּן קוילנוואַרפער און אויטאָמאַטן. דעם שוואַרצן הימל האָבן צעפּאַסעוועט רויטע און גרינע ראַקעטעס. ערגעץ אין אַ זײַט האָבן אָנגעהויבן „אויכ־קען" צוויי האַרמאַטן. ס׳איז אויך אַרײַנגעטראָטן אין קאָן דער גאַנצגעבליבענער האַרמאַט פון אַן אונטערגעקלאַפּטן טאַנק — דאָס האָבן פון אים געשאָסן די פּאַרטיזאַנער.

די דײַטשן זײַנען געווען דערשטוינט, ניט געוווּסט, וואָס פאָרצונעמען, אָבער דער שאָק־צו־שטאַנד פון דעם סוינע האָט געדויערט ניט לאַנג. אין דער זײַט פון די פּאַרטיזאַנער האָבן גענו־מען פליִען טראַסירנדיקע קוילן, עס האָבן אָנגעהויבן האַוקען די הייזעריקע מינענוואַרפערס. אונדזערע הויפּט־קרעפטן, וואָס זײַנען געווען אויסגעשטעלט אין אַ קאָלאָנע, האָבן אויסגענוצט די פּאַניק און אומבאַמערקט פאַרן סוינע זיך געלאָזט אַף מײַרעוו.

דורכגעריסן די שוואַכע שוץ פון די דײַטשן, זײַנען מיר אין אַ האַלבער שאָ אַרום שוין געווען באַ זיי אין הינטערלאַנד. דער רונג, וואָס האָט אונדז אַרומגענומען, איז דורכגעריסן געוואָרן. אַף אַ טאַנק באַנאַנד מיט מיר האָבן זיך אײַנגעאָרדנט די מיידלעך פּאַרטיזאַנערנס — מאַשענקאַ און גאַלאָטשקאַ — אונדזערע וועגווײַזערנס, וואָס האָבן די גאַנצע צײַט קאָרעגירט דעם וועג.

— מיר דערנענטערן זיך צו אַנדרושקי. צײַט צו פאַרקערעווען אַף צאָפן!

די קאָלאָנע האָט פאַרקערעוועט אַף צאָפן און, דורכמאַכנדיק עטלעכע קילאָמעטער, גענומען דעם קורס אַף מיזרעך. איצט זײַנען מיר געגאַנגען פּאַראַלעל צו דער שוץ־ליניע פונעם קעגנער. און דאַך האָט דער סוינע אַנטפּלעקט אונדזער מאַנעווער. די דײַטשן האָבן פאַרשטאַנען, אַז מיר האָבן זיי אָפּגענאַרט.

די שיסערײַ פון רעכטס איז שטילער געוואָרן, דערפאַר אָבער איז דאָס פײַער פון די מינענ־וואַרפער און קוילנוואַרפער איצט געצילט געווען אין אונדזער זײַט.

די קאָלאָנע פון אונדזער בריגאַדע איז ענלעך געווען אַף אַ לאַנגן צוג, וואָס עטעמט מיט פײַער.

די טאַנקען און מאַשינעס האָבן זיך געטראָגן גלײַך אַף מיזרעך. צופעליק האָבן מיר אָנגע־טראָפן אַף פײַנטלעכע אַרטילעריסטישע פּאָזיציעס. מיר האָבן צעקוועטשט די פאַשיסטישע האַר־מאַטן און באַשאָסן דעם יאַר. געשאָסן האָבן מיר פון טאַנקען, אויטאָמאַטן, קאַראַבינען, געוואָרפן גראַנאַטן, עמעצער האָט אַפילע געשאָסן פון אַ ראַקעטניצע — זאָל זײַן, אַז דאָס דאָזיקע פײַער האָט ניט געטראָגן דעם סוינע קיין טויט, נאָר אין יענער נאַכט האָט דאָס געזייט אַ פּאַניק.

די דערשראָקענע דײַטשן זײַנען צוגעפאַלן צו דער ערד, מוירע האָבנדיק צו אַנטפּלעקן זיך.

די אויסשפּירער האָבן אויסגענוצט דעם דערפֿאָלג פֿון די הויפּט־קרעפֿטן, זיך אָפּגעריסן פֿונעם סוינע און געשטעלט זיך אין עק פֿון אונדזער קאָלאָנע.

די בריגאַדע האָט שנעל זיך געטראָגן פֿאָרויס. די מיידלעך האָבן מיך געשלעפּט פֿאַרן אָרבל:

— מיר פֿאָרן ניט אַהין! מע דאַרף זיך נעמען אויף לינקס, נאָר אויף לינקס.

פֿאַרקערעוועט אויף לינקס, האָבן מיר דערהערט אַ שיסעריי. דאָס זײַנען די דײַטשן געקומען צו־זיך און געגומען נאָכשיסן אונדזער קאָלאָנע.

פּאָוואָלאָטש איז שוין פֿון לאַנג געבליבן הינטער אונדז. צענדליקער קילאָמעטער זײַנען מיר אַדורך אין באַזונדערע שוועריקייטן. מיט פֿאַרלאָשענע פֿאַרעס טראָגן מיר זיך ווײַטער פֿאָרויס, צו דער ליניע פֿון פֿראָנט.

פֿינף קילאָמעטער זײַנען פֿאַרבליבן ביזן דאָרף פֿאָטשויקי. די דאָזיקע שטרעקע מאַכן מיר דורך זייער גיך. ניט ווײַט פֿון דאָרף בויען מיר איבער די קאָלאָנע — מיר פֿירן אַרויס אונדזערע לעצטע ניַין טאַנקען אין דער שפּיץ, צווישן זיי אויך מײַן קאָמאַנדירישן טאַנק, וואָס גייט גלײַך נאָך די אויסשפּירער.

אינעם בײַפֿראָנט־דאָרף פֿאָטשויקי האָבן די דײַטשישע סאָלדאַטן און אָפֿיצערן זיך געפֿילט זאָרגלאָז, ווי באַ זיך אין דער היים. זיי האָבן אויסגעשטעלט אַ קאָלאָנע פֿון העכער פּופֿציק מאַ־שינעס, צוגעגרייט אַלץ אויף צו מינירן די בריק איבערן טײַך, און אַליין פֿאַנאַנדערגעגאַנגען זיך איבער די הײַזער און געלייגט זיך שלאָפֿן.

אין דאָרף האָבן מיר זיך אָנגעשטויסן אויף אַ גרויסער צאָל מאַשינעס. די מאָטאָאַשיסער, דע־סאַנטניקעס, אַרטילעריסטן האָבן דורכגעשאָסן די מאָטאָרן, די רעדער און אופֿגעריסן די בענזין־רעזערוווּאַרן. אַ פֿײַער האָט זיך געגומען שפּרייטן איבער דער גאַנצער קאָלאָנע. פֿון די הײַזער האָבן געגומען אַרויסשפּרינגען דײַטשישע סאָלדאַטן און אָפֿיצערן. דורכלויפֿנדיק פֿאַר זיך אַ וועג מיט געווער אין די הענט, איז אונדז געלונגען אַוועק ווײַטער. מיר האָבן באַוויזן אַרויסשפּרינגען צום טײַך, און אונדז האָט זיך געגומען דאַכטן, אַז דער זיג איז שוין גאָר נאָענט, נאָר פּלוצעם האָט די בריק זיך אַ ריס געטאָן אין דער הייך און אײַנינעם מיט אונדזער ערשטן טאַנק אַראָפּגע־פֿאַלן אינעם אָפֿענעם טהאָם פֿון טײַך. דער וועג אויף צאָפֿן איז אָפּגעשניטן געוואָרן. מע האָט גע־דאַרפֿט וואָס שנעלער זיך אַרויסדראַפּען פֿונעם ברענענדיקן געהענעם — פֿון דעם דאָרף פֿאָ־טשויקי, און זוכן אַ וועג ערגעץ דורכן טײַך.

מיר האָבן פֿאַרקערעוועט אויף צוריק די מאַשינעס. צו מײַן טאַנק, וואָס האָט זיך פֿאַרהאַלטן אויפֿן ראַג פֿון וועג, זײַנען צוגעשפּרונגען צוויי פֿאַשיסטן און אים באַשאָסן פֿון זייערע אויטאָמאַטן. אין די אויגן האָט אָנגעהויבן עפּעס שווינדלען. ווי מיט אַן אָנגעגליט אײַזן, האָט אַ בריי געטאָן דער האַלדז... נאָר אין עטלעכע מינוט אַרום בין איך געקומען צו־זיך. לעבן מיר איז געלעגן אַ דערשאָסענער דער בריגאַדע־אינזשעניער פֿיסאַרענקאָ. איך האָב געהערט, ווי עמעצער האָט געשריגן:

— דער קאָמבריג איז דערשאָסן געוואָרן, ראַטעוועט אים.

נאָר איך בין לעבן געבליבן. די פֿײַנטלעכע קויל האָט לײַכט מיר פֿאַרטשעפּעט דעם האַלדז און אָפּגעבריט די הויט. עמעצער האָט מיך אַרײַנגעשטופּט אין טאַנק, דער דאָקטער פֿון דער בריגאַדע האָט מיר אַרײַנגעגאָסן אין מויל אַן אַמפּולע ספּירט און מיך אופֿגעמונטערט.

אינגיכן בין איך שוין ווידער געשטאַנען אפֿן טאַנק און זיך געהאַלטן באַ דעם רונג פֿון טור־רעם. די קאָלאָנע האָט זיך געטראָגן צו סטאַווישטשע, ווו עס האָט לויט מײַן האַשאָרע אויך גע־דאַרפֿט זײַן אַ בריק.

ס'האָט זיך דערנעענטערט דער פֿאַרטאָג, און מיר האָבן וואָס גיכער געדאַרפֿט דורכרײַסן די פֿראָנט־ליניע. באַטאָג, ווען ס'איז ליכטיק, וואָלט עס געווען ביז גאָר שווער.

דער אויסשפּירונגס־טאַנק האָט מיט אַ גוואַלדיקער שנעלקײַט זיך אַרײַנגעריסן קיין סטאַ־ווישטשע, נאָר דאָרט האָט אונדז אויך ניט אָפּגעגליקט, סאַמע באַ דער נאָז האָט די האַרבאַטע בריק זיך אופֿגעריסן. די דײַטשן האָבן שוין באַוויזן טעלעפֿאָנירן, איבערגעבן דורך ראַדיאָ וועגן דעם, אַז אין הינטערלאַנד האָבן זיך באַוויזן סאָוועטישע טאַנקען, און אומעטום האָבן די פֿאַשיסטן אונדז באַגעגנט.

איצט, ווען די בריקן זײַנען אופֿגעריסן געוואָרן, ווען קיין סצענאַריאַדן זײַנען שוין ניט געווען און די בענזין־רעזערוווּאַרן זײַנען פּוסט געוואָרן, איז די פֿאַרבליבענע טעכניק געווען אַ לאַסט פֿאַר אונדז. מיר האָבן געקאָנט טאָן נאָר איין זאַך — פֿאַרניכטן די מאַטעריעלע טייל און ביז באַ־גינען אַרויסגיין דורך די בלאָטעס אפֿן צאָפּנדיקן ברעג פֿון טײַך און דאָרט זיך פֿאַרייניקן מיט אונדזער מיליטער. אָבער מיך האָט געמוטשעט דער געדאַנק: „און וואָס וועט דערויף זאָגן ריבאַלקאָ?"...

ווי אַן אורטייל, האָבן אָפּגעקלונגען די ווערטער פֿון מײַן באַפֿעל:

— באַגראָבן די דערשאָסענע. אַראָפּנעמען פון די טאַנקען די קוילנוואַרפער, די דיסקן און ראַקעטניצעס. פאַרכאַפּן מיט זיך די שלעסער פון די טאַנקען־האַרמאַטן, פאַרשיטן מיט ערד די מאָטאָרן. אין די בענזין־רעזערוואַרן אָנשיטן זאַמד, אומעטום צעשנײַדן די גומי. אין דרײַסיק מינוט אַרום זיך אויסשטעלן אין אַ קאָלאָנע און זײַן גרייט צום ווײַטערדיקן מאַרש...

אין אַ האַלבער שאָ אַרום איז דער באַפעל געווען אויסגעפילט.

רעכטס פון סטאַווישטשע האָבן מיר דורך די זומפּן זיך דערקליבן צום טײַך. די שלאַכטלײַט האָבן געטראָגן אויף זיך די פאַרוווּנדעטע, די גאַנצגעבליבענע קוילנוואַרפערס, די ראַדיאָסטאַנציעס.

מאַשענקאַ האָט מיט אַ הייזעריק געוואָרן קול מיר אַרײַנגעשריגן אין אויער:

— לינקער, לינקער, פאַרקערעווען אויף לינקס! דאָרט מוז זײַן אַ בריק.

דאָס בלאָנדע מיידל האָט קיין טעות ניט געהאַט. באַלד ווי מיר האָבן פאַרקערעוועט, האָבן מיר דערזען אַ הילצערנע בריק פאַר פוסגייער. אָן איבעריקע שוועריקײַטן האָבן מיר זי פאַרנומען. דערזען אַ גרויסע קאָלאָנע, האָט די פאַשיסטישע וואַך געמאַכט פליטע. ערשט נאָך דעם, ווי מיר זײַנען אַריבער אויפן צאָפנדיקן ברעג פונעם טײַך קאַמענקי, האָבן די דײַטשן אָנגעהויבן שיסן. ס׳איז שוין אָבער געווען שפּעט, קיינער האָט אונדז שוין ניט געקאָנט אָפּשטעלן.

ניט ווײַט פונעם טײַך האָבן זיך געזען סימאָנים פון בלינדאַזשן און אָקאָפּעס. די אויסשפּירער, וועלכע מיר האָבן אַרויסגעשיקט פאָרויס, האָט מען באַשאָסן פון די נאָענטע וועלדלעך. אַ לײַכט־פאַרוווּנדעטער אויסשפּירער האָט ניט אויסגעהאַלטן און זיך גוט אויסגעזידלט... און דאָ האָט ער גלײַך דערהערט די ווערטער: „אונדזערע!“... ווען אין גרויען פאַרטאָגיקן הימל האָבן זיך אופגעריסן גרינע ראַקעטעס, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ניט ווײַט פונדאַנען געפינט זיך אונדזער שוץ־ליניע.

דער רעיד אין פײַנטלעכן הינטערלאַנד האָט זיך פאַרענדיקט. מיר זײַנען אַרויס אין די וועלדער אַרום פאַסטאָווו און זיך פאַראייניקט מיט די טאַנקיסטן פון ריבאַלקאָס דריטער גוואַרדייִשער טאַנקען־אַרמיי.

אין דער פאָרשטאָט פון פאַסטאָוו, אין ניט קיין גרויסער שטוב האָט זיך געפונען דער קאָמאַנדאַרם. מע האָט אים שוין צו וויסן געגעבן, אַז אונדזער בריגאַדע האָט דורכגעריסן דעם פראָנט. דער קאָמאַנדאַרם האָט מיט אומגעדולד געוואַרט אויף מיר. אַ מידער, מיט אָנגעשוואָלענע אויגן, בין איך געזעסן בײַ ריבאַלקאָס טיש און פאַמעלעכן דערציילט וועגן די שלאַכטן פאַר די לעצטע צען טעג.

— וואָס טוט זיך אין הינטערלאַנד? — האָט געפרעגט דער גענעראַל.

כ׳האָב אויספירלעך דערציילט וועגן דעם קעגנער, וועגן צושטאַנד פון די וועגן און וועגן די דורכגעמאַכטע שלאַכטן. דער בליק פונעם קאָמאַנדאַרם האָט זיך אַ גליטש געטאָן איבער מײַן פּאָנעם. ניט געײַלט האָט ער אַראָפּגענומען דאָס טעלעפאָן־טרײַבל:

— כאַוווער קאָמאַנדיר, די 55־טע בריגאַדע האָט הײַנט באַנאַכט דורכגעריסן די אַרומרינגלונג, מיט שלאַכטן דורכגעגאַנגען איבער דעם הינטערלאַנד פון סווינע און זיך פאַראייניקט מיט אונדז. לעבן מיר זיצט דער קאָמאַנדיר פון דער בריגאַדע. אויספירלעכע ידיעות וועגן דער לאַגע אין הינטערלאַנד וועל איך איבערגעבן אין אַ שיפרירטער טעלעגראַמע.

דער געשפּרעך האָט געדויערט נאָך עטלעכע מינוט. וועגן וואָס וואַטוטין האָט גערעדט, האָב איך ניט געוווּסט, כ׳האָב נאָר געהערט: „גוט, יאָ־יאָ“. ריבאַלקאָ האָט אַוועקגעלייגט דאָס טרײַבל אויפן טעלעפאָן־אַפּאַראַט, אַ קוק געגעבן אויף מיר מיט אַ גוטן אויסדריקלעכן בליק.

— דער כאַוווער וואַטוטין בעט איבערגעבן אײַער בריגאַדע אַ דאַנק. מיט אײַערע אופטוען איז ער געבליבן צופרידן און האָט באַפוילן צושטעלן צו אַ באַלוינונג די, וועלכע האָבן זיך אויסגעצייכנט.

— איך וועל אומבאַדינגט דאָס טאָן.

— יאָ, זאָגט מיר, ווער איז עס געווען אײַער וועגווײַזער? ס׳איז פּאָשעט אַ כידעש, ווי פּינקטלעך איר זײַט אַרויסגעקומען אינעם אָנגעמערקטן ראַיאָן, און דערצו נאָך באַנאַכט, — האָט געזאָגט דער גענעראַל.

איך האָב אים דערציילט וועגן די פּאַרטיזאַנקעס מאַשאַ סאָטניק און גאַליאַ טשערנוכאַ.

— באַדאַנקט זיי אין מײַן פּערזענלעכן נאָמען און באַלוינט זיי מיט אָרדענס.

צום סאָף פון אונדזער שמועס האָט דער קאָמאַנדאַרם פאָרזיכטיק מיך אַ פרעג געטאָן:

— וויפל צײַט וועט איר באַדאַרפן אויף ברענגען אין אָרדענונג די בריגאַדע, אויף רו, אויף אופנעמען די מאַטעריעלע טייל, נײַע רעזערוון?

— ס׳וואָלט גוט געווען צו באַקומען אַ טאָג פינף־זעקס, — האָב איך געענטפערט, און אַליין אַ טראַכט געטאָן, אַז דאָס וועט זײַן ביז גאָר ווייניק.

דער גענעראל האָט אַף מיר א שאַרפן קוק געטאָן, א ווײַלע געשוויגן און דערנאָך געזאָגט:

— ס'איז צופיל, די לאַגע אפן פראָנט איז קאָמפּליצירטער געוואָרן, איר ווייסט דאָס בעסער פון אונדז. מע דאַרף דערוואַרטן גרויסע טאנקען־אטאקעס פון מאנשטיינס גרופּע. איך גיב אײַך צוויי מעסלעס. מאָרגן באנאכט וועלן אָנקומען טאנקען, געווער, איך האָב אָפּגעגעבן א פאראָרדענונג אײַך געבן צוויי עשעלאָנען טאנקען. דער קאָמאנדיר פונעם קאָרפּוס וועט פאר אײַך שטעלן א שלאכט־אופגאבע, — ריבאלקאָ האָט א שמייכל געטאָן, — כ'האָב מוירע, אז אײַך וועט ווידער אויסקומען זיך באגעגענען מיט די הויפּט־קרעפטן פון דער 25־טער טאנקען־דיוויזיע.

דער גענעראל איז אופגעשטאנען. דאָס האָט באטײַט, אז איך בין פרײַ. ער האָט מיך צוגעפירט ביז צו דער טיר, אָנגעגרירט באם אקסל און שטיל געזאָגט:

— איר דאַרפט זיך אזוי נישט ערגערן. אײַער באשלוס פארניכטן די שלאכט־טעכניק איז א ריכטיקער און א קלוגער באשלוס. אזא איז די מיינונג פונעם פראָנט־קאָמאנדיר, און איך פאררייניק זיך פולשטענדיק צו אים. פארגעדענקט, מײַן פרײַנט, אז ניט אזוי גיך וועט דער סוינע אוועקלייגן דאָס געווער, עס וועלן נאָך אוועק לאנגע כאדאָשים. דעם פולן זיג וועלן דעראָבערן מענטשן, און זיי, די מענטשן, דאַרפט איר אָפּהיטן. אז מירן לעבן, וועלן מיר האָבן טאנקען, מאשינעס, מינענווארפער.

א באפליגלטער, ווי א נײַ־געבוירענער, האָב איך זיך אומגעקערט צו זיך אין דער בריגאדע.

אין צוויי טעג ארום האָט די גווארדייִשע 55־טע טאנקען־בריגאדע אין באשטאנד פונעם מיליטער פון דער 3־טער טאנקען־ארמיי געפירט דערפאָלגרײַכע שלאכטן אינעם ראיאָן פון פאסטאָוו קעגן מײַנע אלטע „באקענטע" — דער 25־טער און 1־טער טאנקען־דיוויזיעס.

איך גלייב, אז דער לייענער וועט ניט האָבן קעגן, אויב איך וועל דערפירן די געשיכטע וועגן פאוואָלאָטש ביז א סאָף.

אלע מילכאָמע־יאָרן האָט זיך מיר געוואָלט וויסן וועגן גוירל פון די מענטשן פונעם דאָזיקן דאָרף.

ס'האָט זיך אזוי באקומען, אז באלד נאָך דער מילכאָמע האָב איך ניט געהאט קיין מעגלעכקײַט באזוכן יענע קאנטן — לאנגע יאָרן האָב איך געדינט אין אויסלאנד, געארבעט אַף די ווײַטע גרענעצן פונעם היימלאנד, געווען פארנומען מיט פיל איניאָנים.

איצט, אין צוואנציק יאָר ארום, פירט מיך א „גאזיק" איבער די געוועזענע פראָנט־וועגן. איך קוק ארײַן אין אן אלטער אָפּגעריבענער און פון דער צײַט פארגעלטער קארטע, אַף וועלכער עס זײַנען מיט א ברוינעם בלײַער אָנגעמערקט מארשרוטן, באפעלקערטע פונקטן. מיר זײַנען שוין פארבײַגעפאָרן וואסילקאָוו, פאסטאָוו. אן אופגערודערטער פאָר איך ארײַן אין מאלאָיע פאָלאָוועצקאָיע. איך דערקען קוים דאָס דאָרף, אין וועלכן איך האָב אמאָל געגעכטיקט. און אָט איז דער וואלד, וווהין עס זײַנען אנטלאָפן די סאָלדאטן און אָפּיצערן פונעם 146־טן גרענאדירן־פאָלק, וועלכן מיר האָבן צעשמעטערט. באלד ווי די מאשין האָט פארקערעוועט פונעם שאָסיי, האָבן זיך באוויזן פײַערלעך. נאָך עטלעכע מינוט, און מיר פאָרן ארײַן אין פאוואָלאָטש.

די מאשין שטעלט זיך אָפּ בא דער שול, ווו עס האָט אמאָל זיך געפונען דער שטאב פון דער בריגאדע. איך באשליס בלײַבן נעכטיקן אין פאוואָלאָטש. מאָרגן איז זונטיק, וועט קלעקן צײַט אַף ארומצושפּאנען איבער די באקענטע ערטער פונעם שיינעם דאָרף.

פאוואָלאָטש איז יאָמטעוודיק־אופגעלעבט. עס שפּילט א באיאן. מיידלעך און באָכערים זינגען. פיל מענטשן אײַלן צום קולטור־הויז אפן צווייטן קינאָ־סעאנס.

— ווו וועלן מיר הײַנט נעכטיקן? — פרעגט בא מיר איינער פון מײַנע פרײַנט. — ס'איז עפּעס ניט באקוועם גיין אזוי שפּעט עמעצן באומרויִקן.

עס קומט מיר אפן געדאנק גיין צו מאשא סאָטניק. יאָ, מירן פאָרן צו איר און זיך דערוויסן, וואָס איז פאָרגעקומען מיט מאשען נאָך דער מילכאָמע. די יונגע פּאטריאָטקע האָט זיך מיר פארגעדענקט אַף שטענדיק. נאָך דעם ווי מיר האָבן פארלאָזט פאוואָלאָטש, איז זי געבליבן אין מײַן בריגאדע, אלע מילכאָמע־יאָרן געטיילט מיט אונדז די פרייד פון זיגן און די ליידן פון דורכפאלן. ווו איז זי אצינד?

...אונדז האָט באגעגנט איר מוטער, ניט קיין הויכע עלטערע פרוי. זי האָט זיך העפלעך באגריסט און פארבעטן אין שטוב ארײַן.

— איר דאַרפט צו מיר?

איך האָב זיך פאָרגעשטעלט.

די פרוי האָט א ציטער געטאָן און געמאכט א שפּאָן מיר אנטקעגן.

— דאָס זײַט איר? מײַן טאָכטער האָט מיר א סאך מאָל דערציילט וועגן אײַך. דאָ, אין דאָרף, געדענקען אײַך פיל פּארטיזאנער נאָך פונעם דרײַ־און־פערציקסטן יאָר.

מיר זײַנען אַרײַן אין צימער. אויף דער וואַנט זײַנען אין אַ גרויסער ראַם אײַנגעפּאַסט געווען אַ סך פֿאָטאָגראַפֿיעס. דאָ איז אויך געווען אַ פֿאָטאָ פֿון אַ גרופּע מײַנע סאָלדאַטן און אָפֿיצערן — מיר האָבן זיך פֿאָטאָגראַפֿירט דעם דריטן מײַ אינעם באַזיגטן בערלין, אויפֿן פּאָן פֿונעם צענעריקטן רײַכסטאַג. איך האָב אויפֿמערקזאַם זיך אײַנגעקוקט אין די בילדער. אָט אַזוי־אָ האָט אויסגעזען מאַשענקאַ, ווען מיר זײַנען צוזאַמען געווען אויף אוקראַיִנע, אין פּוילן, אין בערלין און אין פּראָג. געזעגנט האָבן מיר זיך מיט איר אין עסטרײַך — פֿון דאָרט איז זי אין 1946 אַוועקגעפֿאָרן אַהיים, קיין אוקראַיִנע. איר מוטער האָט אונדז דערציילט, אַז מאַשענקאַ האָט פֿאַרענדיקט דעם קיִעווער אוניווערסיטעט, כאַסענע געהאַט, געבוירן אַ זון. זי לעבט און אַרבעט אין שעפּעטאָווקע.

מיך האָט עס געפֿרייט. מאַשענקאַ האָט פֿאַרדינט דאָס דאָזיקע פּראָסטע מענטשלעכע גליק.

ס'איז שוין געווען שפּעט, מײַנע פֿרײַנט זײַנען געשמאַק געשלאָפֿן אין שכײנעסדיקן צימער, אויף דער גאַס איז געווען שטיל, נאָר געשלאָפֿן איז בלויז פּראַסקאָוויאַ מיכײַלאָװנאַ — מאַשענקעס מוטער — און איך. זיצנדיק באַם טיש, האָט זי מיר דערציילט, וואָס דאָ איז פֿאָרגעקומען אין יענע פֿאַרגאַנגענע טעג.

נאָך דעם, ווי מיר זײַנען אַוועקגעגאַנגען פֿון דאָרף, האָבן די פּאַרטיזאַנער נאָך אַ פּאָר שאָ אײַנגעהאַלטן דעם פֿראָנט. באַנאַכט האָבן זיי פֿאַרלאָזט פּאָוואָלאָטש און אַוועק אין וואַלד. די פֿאַשיסטן האָבן עטלעכע טעג זיך ניט אײַנגעשטעלט אַרײַנגיין אַהער. סוף נאָיאַבער האָבן זיי, ווי די משוגענע הינט, זיך אַרײַנגעריסן אין פּאָוואָלאָטש און אין די אַנדערע נאָענטע באַפֿעלקערטע פּונקטן. זיי האָבן געפֿאָדערט בײַ דער באַפֿעלקערונג, מע זאָל זיי אַרויסגעבן די פּאַרטיזאַנער און די פֿאַרוווּנדעטע טאַנקיסטן. באַטאָג און באַנאַכט האָבן זיי געניִשטערט, געכאַפּט די, וואָס האָבן אונדז געהאָלפֿן מיט פּראָדוקטן, סאָליאַרקע פֿאַר די טאַנקען, און, פֿאַרשטייט זיך, אויך די, וואָס האָבן מיט אונדז צוזאַמען גראַמירט די פֿאַשיסטן.

קיין פֿאַרעטער זײַנען צווישן דער באַפֿעלקערונג ניט געווען, האָבן די היטלעריסטן באַשלאָסן דורכפֿירן מאַסן־אַקציעס. זיי האָבן נעקאָמע גענומען פֿאַר דער צעשמעטערטער 25־טער טאַנקען־דיוויזיע. אין מאַלאַיאַ פּאָלאָוועצקאַיאַ האָבן זיי צעשאָסן בײַ צוויי הונדערט מענטשן, אינעם דאָרף סאָליאַנקאַ לעבן פּאָוואָלאָטש — פֿאַרברענט אין דער געבײַדע פֿון דער שול הונדערט זעכציק פֿרויען, אַלטע לײַט און קינדער. אויך אין פּאָוואָלאָטש האָבן די פֿאַשיסטן פֿאַרניכטעט פֿיל מענטשן. די שכיטע וואָלט לאַנג נאָך געדויערט, ווען דאָס מיליטער פֿונעם ערשטן אוקראַיִנישן פֿראָנט זאָל ניט געווען סוף דעקאַבער צעגראָמירן די כאַיאָלעס פֿונעם פֿעלדמאַרשאַל מאַנשטיין און ענדגילטיק באַפֿרײַען פּאָפּעלנאַ, פּאָוואָלאָטש און בערדיטשעוו.

די אַרומיקע שכנים און דאָס קליינוואַרג האָבן שוין באַוויזן צעטראָגן דאָס נײַס, אַז אין דאָרף זײַנען געקומען געסט. פֿון גאַנצפֿרי האָבן צו פּראַסקאָוויִאַ מיכײַלאָוונעס שטוב גענומען גיין קאָלווירטניקעס, געוועזענע פּאַרטיזאַנער, מיט פֿיל פֿון וועלכע איך בין באַקאַנט געווען לויט די שלאַכטן אין פּאָוואָלאָטש.

איינעם מיט אַנדערע איז געקומען זיך זען מיט אונדז דער אַכציקיאָריקער פֿאָמאַ איוואַנאָוויטש טשערנוכאַ. די פֿאַרגאַנגענע צוואַנציק יאָר האָבן ניט אויסגעמעקט פֿון זײַן זיקאָרן די ברוטאַלע געשעענישן פֿון נאָיאַבער 1943. ער דערמאָנט מיר, וויִאַזוי ער האָט אויסבאַהאַלטן אין זײַן גאָרטן דעם אַעראָפּלאַן „או־2" און אָנגעהאָדעוועט די פֿליִער. מיט גרויס פֿאַרגעניגן האָבן מיר אויסגעטרונקען אַ גלעזעלע ווײַן פֿאַרן געזונט פֿון דעם דאָזיקן זאָקן.

אויפֿן פּלאַץ, אינעם צענטער פֿונעם דאָרף, אַנטקעגן דער צווישטאָקיקער שול, שטייען ניט ווײַט איינער פֿונעם אַנדערן צוויי דענקמעלער — איינער אין אָנדענק פֿון מײַנע שלאַכטלײַט — די טאַנקיסטן, וועלכע זײַנען געפֿאַלן אין דער לעצטער נאַכט בײַסן דורכרײַסן די אַרומרינגלונג. אַקוראַט זײַנען אויסגעקריצט די אויסיעס פֿונעם אויפֿשריפֿט: „דאָ זײַנען באַהאַלטן 10 שלאַכטלײַט פֿון דער סאָוועטישער אַרמיי, וועלכע זײַנען אומגעקומען אין קאַמף קעגן די דײַטשישע פֿאַרכאַפּער פֿאַר באַפֿרײַען דאָס דאָרף פּאָוואָלאָטש אין 1943 יאָר".

אויפֿן צווייטן מאָנומענט — אין אָנדענק די אומגעקומענע פּאַרטיזאַנער און אײַנוווינער פֿונעם דאָרף פּאָוואָלאָטש איז אויסגעקריצט:

„דעם 26 נאָיאַבער 1943 יאָר האָבן די דײַטשיש־פֿאַשיסטישע אָקופּאַנטן צעשאָסן אין דאָרף פּאָוואָלאָטש 136 סאָוועטישע בירגער. מיר וועלן ניט פֿאַרגעסן, ניט מוחל זײַן".

אין דער באַגלייטונג פֿון פֿיל קאָלווירטניקעס און געוועזענע פּאַרטיזאַנער, אַרומגערינגלט פֿון אַלע זײַטן מיט קאָמיוגיסטן, פּיִאָנערן און שילער, זײַנען מיר לאַנג אַרומגעגאַנגען איבער די גאַסן און זיך געפֿרייט מיט די דערגרייכונגען פֿונעם דאָרף. פֿאַרנאַכט האָבן מיר זיך געזעגנט מיט די מענטשן, וועלכע זײַנען אונדז איצט געוואָרן נאָך נענטער און טײַערער.

ד. דראגונסקי אין דאָרף סוויאטסק צווישן א גרופע קינדער, וועמענס עלטערן עס זײַנען אומגע־קומען בײַס דער פאָטערלענדישער מילכאָמע (1945)

באם טײַך טעטערעוו

דאָס מיליטער פונעם גענעראַל טשערניאכאָווסקי האָט מיט גרויסע שוועריקײַטן זיך קעגנ־געשטעלט דעם דרוק פון מאנשטיינס כאיאַלעס, וועלכע האָבן זיך געריסן צו קיִעוו און צום דניע־פּער. די 55־טע טאנקען־בריגאדע האָט נאָך פאוואָלאָטש אָנטיילגענומען אין די שלאַכטן הינטער פאסטאָוו און דערנאָך אריבערגעוואָרפן געוואָרן אין ראיאָן פון פּלעסעצקאָיע.

ווען ס׳איז באוווּסט געוואָרן, אז אונדזער בריגאדע גייט איבער אונטער דער אָנפירונג פונעם גענעראַל טשערניאכאָווסקי, האָט מיר אָנגעקלונגען דער קאָמאנדארם ריבאַלקאָ.

— איך בעט אײַך, כאווער דראגונסקי, — האָט ער געזאָגט, — פירט אונדז ניט אונטער. זאָל מײַן פרײַנט טשערניאכאָווסקי דערפילן די קראַפט פון דעם קלאַפּ, וואָס אונדזער טאנקען־ארמיי קאָן געבן. לויט אײַער בריגאדע וועט מען מישפּעטן וועגן אונדז אַלעמען.

— כ׳האָב אײַך פארשטאנען, כאווער קאָמאנדארם, כ׳וועל טאָן אַלץ אף צו בארעכטיקן אײַער צוטרוי.

דעם גאנצן טאָג האָט דער קאָרפּוס־קאָמאנדיר דער גענעראַל סולייקאָוו און זײַן גאנצער שטאב געגרייט אונדז צו דעם פאָרשטייענדיקן מארש.

פארטאָג האָט די בריגאדע, וואָס האָט זיך צעצויגן אין א לאַנגער זעקסקילאָמעטערדיקער קאָלאָנע, געײַלט אף צאָפן־מײַרעוו פונעם ראיאָן אוסטינאָווקא. אינעם זעלבן טאָג זײַנען מיר געווען אפן אָנגעמערקטן אָרט.

אין דאָרף האָב איך זיך באגעגנט מיטן קאָמאנדיר פון דער רײַטער־דיוויזיע גענעראַל מאמ־סוראָוו, — מײַנעם אַן אַלטן באקאנטן לויט דער אקאדעמיע און לויט די שלאַכטן אף קאווקאז אין 1942.

כאָדזשא מאמסוראָוו איז געווען אופגעלייגט, לעבנסלוסטיק און, ווי שטענדיק, געשמייכלט.

איך האָב אים געפרעגט:

— דו ביסט דאָ אַליין?

— ניין, אין דעם דאָזיקן ראיאָן געפינט זיך דער שטאב פון א שיסער־קאָרפּוס.

— פון וועמען פארטיידיקט ער זיך דאָ?

— איך בין אַליין אָקאָרשט געקומען און נאָך ניט באוויזן זיך פאנאנדערצוקלײַבן.

גלײַך פון אָנהייב האָט מיר גענומען אויסזען עפּעס מאָדנע די אופירונג פונעם קעגנער. אף דעם דאָזיקן באצירק פון פראָנט זײַנען קיין פײַנטלעכע עראָפּלאנען ניט געפלויגן, די ארטילע־ריע האָט געשוויגן, מיט איין וואָרט, דאָס איז געווען א שטיל און רויִק ווינקעלע.

— הער נאָר, כאָדזשא, שוין זשע וועלן די דײַטשן אָנגרײַפן אף די דאָזיקע זומפן און וועל־דער? צי קלערסטו ניט, אז זיי וועלן זיך לאָזן מיזרעכדיקער און נעמען שפּארן אף צאָפן, צום טײַך טעטערעוו?

— איך קלער אויך אזוי, נאָר צוליב וואָס טרײַבט מען אהער צונויף אזויפיל טאנקען?

אין דאָרף האָט מיך שוין ארומגעזוכט דער אדיוטאנט פונעם קאָרפּוס־קאָמאנדיר. טאקע אף

זײַן מאַשין בין איך אײַנגיכן צוגעפֿאָרן צו א ראַכוועסדיקער פֿויערישער שטוב. דער קאָמאַנדיר פֿונעם קאָרפּוס האָט מיך באַגעגנט עפּעס צו שטרענג.

— וואָס טוט איר דאָ?

כ'האָב ניט באַוויזן צו ענטפֿערן, ווי ער האָט מיר פֿאַרגעבן א צווייטע פֿראַגע:

— פֿאַרוואָס שטייען בא אײַך די טאַנקען אין קאָלאָנעס?

— איך וואַרט אָף א באַפֿעל פֿונעם קאָמאַנדאַרם טשערניאַכאָווסקי.

דער גענעראַל האָט ניט אויפֿגעהערט מיך צו מוסערן.

— איך בעט אײַך, טײַערינקער, ניט פֿאַרגעסן, אַז איר געפֿינט זיך אין ראַיאָן, ווו עס איז טעטיק מײַן קאָרפּוס. איר זײַט געקומען ניט אָף קיין קוראָרט, און ס'איז ניטאָ וואָס ארומשפּאַצירן, באַלד זאָלט איר פֿאַרנעמען די שוץ־ליניע אָף דעם דאָרעמדיקן ברעג פֿון דאָרף, — האָט דער גענעראַל א ווײַז געטאָן מיטן פֿינגער אין דער גרין־געפֿאַרבטער קאַרטע, וואָס האָט באַצייכנט א גרויסן וואַלד־מאַסיוו.

ניט געוווינט צו אַזא טאָן, האָב איך שאַרף דערווידערט:

— כאַווער גענעראַל, מיר איז ניט קלאָר די אומגעבונג. אײגנטלעך גערעדט, וואָס פֿאַר א טײַוול וועט עס אָנגרײַפֿן אָף אָט די זומפּן? פֿאַרטרײַבן אין דער־אָ לאָך 65 טאַנקען! ס'איז דאָך אַן אַבסורד! — און מיר זײַנען געקומען אָפֿן זינען די ווערטער פֿון מײַן קאָרפּוס־קאָמאַנדיר: „פֿון דעם מאָמענט וואַרפֿט איר זיך אונטער דעם גענעראַל טשערניאַכאָווסקי — זעט, איר זאָלט ניט אונטערפֿירן...“ אַן אויפֿגערעגטער, האָב איך פֿאַרגעזעצט. — ביז כ'וועל ניט באַקומען קיין פּערזענלעכע אָנווײַזונגען פֿונעם גענעראַל טשערניאַכאָווסקי, וועל איך אין ערגעץ ניט גיין. אים, נאָר אים, וואַרף איך זיך אונטער.

דער קאָמקאָר האָט, קענטלעך, ניט ליב געהאַט קיין דערווידערונגען. ער האָט אויפֿגעציטערט און דורך די ציין געזאָגט:

— ווי דאַרף מען עס פֿאַרשטיין, איר האָט זיך דערשראָקן? — ער האָט מיך באַטראַכט פֿון קאָפּ ביז די פֿיס. באַמערקט אָף מײַן ברוסט די אָרדענס און די סטענגעלעך, וואָס האָבן באַצייכנט, וויפֿל מאָל איך בין פֿאַרווונדעט געווען, האָט ער גענומען ריידן שטילער, נאָר שוין לויט דער אינערץ נאָך אַלץ געטאַדלט מיך.

— כ'האָב גאָר ניט געוווּסט! א נײַער מאַלטקע האָט זיך געיאַוועט. אָט באַלד וועט מײַן באַפֿעל באַגיטיקן דער גענעראַל טשערניאַכאָווסקי, — דער קאָמקאָר האָט בא די דאָזיקע ווערטער אַראָפּגענומען דאָס טעלעפֿאָן־טרײַבל און אַרויסגערופֿן דעם קאָמאַנדאַרם. אין עטלעכע מינוט אַרום האָט דער גענעראַל מיט א צוגעדעמפּטן קאָל אַרײַנגערעדט אין טרײַבל:

— כאַווער קאָמאַנדיר, אין דאָרף פּלאָנטערט זיך עפּעס א טאַנקען־בריגאַדע. דעם קאָמבריג האָב איך געשטעלט א קאָנקרעטע אויפֿגאַבע — פֿאַרנעמען א שוץ־ליניע, נאָר ער זאָגט זיך קאַטעגאָריש אָפּ אויסצופֿילן מײַן באַפֿעל. ער האָט מיר געמאָלדן, אַז קיינעם, אויסער אײַך, וואַרפֿט ער זיך ניט אונטער. איך וואָלט געוואָלט, איר זאָלט איבערגעבן די דאָזיקע בריגאַדע אין מײַן רעשוס. איך מוז דערצו צוגעבן, אַז דער קאָמאַנדיר פֿון דער בריגאַדע, א פּאָדפּאָלקאָווניק, פֿירט זיך אויף ניט קאָרעקט.

— שוין זשע? מיר האָט אָקאָרשט געקלונגען ריבאַלקאָ, אַז ער האָט געשיקט א פֿולשטענדיק קאָמפּלעקטירטע בריגאַדע און וועגן קאָמבריג זיך ניט שלעכט אָפּגערופֿן.

— איך וואָלט עס ניט געזאָגט.

— כ'האָב קיין סמאַך נישט ניט צו גלייבן ריבאַלקאָן. ווו איז דער קאָמאַנדיר פֿון דער בריגאַדע?

— לעבן מיר.

— גיט אים איבער דאָס טרײַבל.

א באַליידיקטער און עפּעס א פֿאַרלוירענער, בין איך געשטאַנען לעבן טיש, דאָס טעלעפֿאָן־טרײַבל איז שיִער ניט אַרויסגעפֿאַלן פֿון מײַנע הענט.

— איר האָט געהערט אונדזער געשפּרעך?

— געהערט, כאַווער גענעראַל!

— מיט וואָס קאָנט איר זיך פֿאַרענטפֿערן?

— מיט קיין זאַך ניט.

— ווי דאַרף מען עס פֿאַרשטיין? זיך באַליידיקט?

— כאַווער קאָמאַנדיר, איך גיב דעם קאָפּ, כ'בין גרייט צו באַקומען די גרעסטע שטראָף, נאָר איך בלײַב בא מײַן מיינונג. די דײַטשן וועלן מיט זייערע טאַנקען אַהער ניט גיין, פֿאַרקערט, זיי לוינט פֿאַרנאַרן וואָס מער אונדזערע מאַשינעס אין די וועלדער און אין די זומפּן, און אַליין רויִק אַוועק אָף מאַלין און ראַדאָמישל.

— וואָס ליגט איר פּאַר?

כ'האָב ארויסגעכאַפּט די קאַרטע און שוין מיט א רויִק קאָל פאַרגעזעצט:

— אין מעשעד פון דער נאַכט איבערוואַרפן די בריגאַדע צאַפּנדיקער פונעם טײַך טעטעריעוו, אַנזאָטלען דעם וועג, וואָס פירט קיין מאַלין, און, אלס אײַער רעזערוו, זײַן גרייט א קלאַפּ צו טאָן איבער די הויפּט־קרעפטן פונעם סוינע.

דער טעלעפאָן איז שטיל געבליבן, ס'האָט געשוויגן דער קאָמאַנדאַרם, געשוויגן האָט אויך דער קאָמקאָר. איך בין א פאַרלוירענער געשטאַנען און געוואַרט. נאָר אָט האָט ווידער א קלימפּער געטאָן דער אַפּאַראַט און טשערניאַכאָווסקי האָט געזאָגט:

— אײַער פאָרשלאָג פאַרדינט, מע זאָל אופמערקזאַם א טראַכט טאָן וועגן אים, אים דערלערנען. מיר וועלן זיך דאָ פאַנאַנדערקלײַבן און אין א האַלבער שאָ אַרום געבן אן ענטפער. איך בעט ווײַט ניט אוועקגיין פונעם טעלעפאָן.

מיר זײַנען ארויסגעגאַנגען פון שטוב. אף דער גאַס, לעבן פענצטער, האָבן געוואַרט אף מיר די קאָמבאַטן. דאָ אפן אָרט האָב איך זיי געזאָגט, אז מירן, מינהאסטאַם, דאַרפן הײַנט באַנאַכט דורכמאַכן א מאַרש אין דער ריכטונג פון מאַלין.

אין א מינוט צען אַרום איז דער אַדיוטאַנט פונעם קאָמקאָר געקומען מיך רופן צום טעלעפאָן. דער שעף פונעם ארמיי־שטאַב גענעראַל טער־גאַספּאַריאַן האָט דיקטירט דורכן טעלעפאָן: „דער קאָמאַנדאַרם האָט באַפוילן דער בריגאַדע זיך איבערדיסלאָצירן אינעם ראַיאָן פון מאַלין און איבערגיין דעם טײַך, איר פּערזענלעך דאַרפט זיך יאָוועזן צום קאָמאַנדאַרם אפן קאָמאַנדע־פּונקט צאַפּנדיקער פון פעניזאַוויטשי, קעדיי באַקומען א שלאַכט־אויפגאַבע".

איך האָב זיך געווענדט צום קאָמאַנדיר פון קאָרפּוס:

— כ'בעט דערלויבן מיר אוועקגיין.

דער גענעראַל האָט א שמייכל געטאָן און געזאָגט:

— איך פאַרהאַלט אײַך מער ניט. מעגלעך, אז אײַערע פאָרשלאָגן זײַנען באַגרינדעט, נאָר פאַר מיר זײַנען אויך קלאָר די אומשטענדן. איך וויל ניט זײַן קיין נאָווי, נאָר זעט, אז דער קאָמאַנדאַרם זאָל אײַך ניט פאַרקערעוועזן צוריק אינעם ראַיאָן פון מײַן קאָרפּוס.

— איך בין א סאָלדאַט און בין גרייט אויסצופילן יעדער מין באַפעל פון דער אָנפירונג.

— עמעס, א סאָלדאַט, אַלע נעמען מיר זיך איבער מיט דעם דאָזיקן וואָרט, נאָר די מאָס פון פאַראַנטוואָרטלעכקײַט איז ניט פאַר אַלעמען די זעלבע.

צו וועמען עס האָבן געהאַט א שײַכעס די דאָזיקע ווערטער, האָב איך ניט פאַרשטאַנען, יעדנפאַלס, איז דער קאָמקאָר פון דער 18־טער שיסער־דיוויזיע אַפאַנין וויכער געוואָרן, און מיר האָבן זיך געזעגנט ווי גוטע פרײַנט.

דער וואַלד האָט אזש געגנומען הודען פון דעם רויש פון די מאָטאָרן, פונעם געבראַזג פון די רויפן. איך בין געזעסן אין דעם שטאַב־אווטאָבוס און געדרעמלט. פונעם פלאַקערנדיקן איוועלע האָט זיך געשפרייט אַן אָנגענעמע וואַרעמקײַט. די בריגאַדע איז געגאַנגען אף צאָפן, צום טײַך טעטעריעוו. אין דער זעלבער צײַט, ווי עס האָט זיך שפּעטער ארויסגעוויזן, איז בוכשטעבלעך אין עטלעכע קילאָמעטער מײַרעוודיקער פון אונדז געגאַנגען א גרויסע דײַטשישע טאַנקען־קאָלאָנע צו דעם זעלבן פלאַצדאַרם, וואָס מיר.

מיר און אויך אונדזער קעגנער האָבן געשפּאַנט פּאַראַלעל צו איין ציל — געײַלט פאַרכאַפּן דעם איבערגאַנג אפן טײַך טעטעריעוו. דער טומל, וועלכן ס'האָבן אופגעהויבן אונדזערע טאַנקען, האָט פאַרהילכט דעם טומל פון די דײַטשישע. דאָס זעלבע איז אויך פאָרגעקומען בא דעם סוינע. אונדזער אויסשפירונג האָט געבלאָנקעט אין וואַלד, ניט בעסער האָט זיך ספּראַוועט מיט איר אופגאַבע די דײַטשישע אויסשפירונג.

אין אונדזער בריגאַדע איז וועגן קאָמבאַט פיאַדאַראָוו שוין פון לאַנג געווען א באַשטימטע מיינונג: „א קליין, א פלינק, א כיטרע סיביריאַקל. ווער ס'וועט אים אָפּנאַרן, וועט שלעכט אָפּשנײַדן..." דאָס, וואָס ער האָט לעצטנס אופגעטאָן, האָט נאָכאמאָל באַשטעטיקט, אז די דאָזיקע כאַראַקטעריסטיק איז א ריכטיקע.

מיט זײַנע טאַנקען איז ער ערשטער ארויסגעשפּרונגען צו דער פּלייצלאָנקע פונעם טײַך. זײַנע טאַנקיסטן האָבן באַם ברעג געזוכט אן אָרט, ווו זיי זאָלן קאָנען דורכגיין, נאָר אָט האָט פון דאָרעם־מיזרעך זיך באַוויזן עפּעס א קאָלאָנע מיט לויכטנדיקע פאַרעס. „מאָדנע, — האָט ער א טראַכט געטאָן, — בא אונדז וואָלט מען פאַר אזא זאַך אראָפּגענומען דעם קאָפּ". דער קאָמבאַט האָט געוואַרט, וואָס וועט ווײַטער פאָרקומען. ער איז צוגעפאַלן צו דער ערד און צוגעלייגט אן אויער. „אונדזערע דיזעל־מאָטאָרן קלאַפּן שטאַרקער — מע הערט זיי אף עטלעכע קילאָמעטער. די מאָטאָרן פון די דײַטשישע טאַנקען באַוועגן זיך שטילער, ווײַל זיי אַרבעטן אף בענזין..."

דער אויסשפּירער סאַוועליעוו, וואָס האָט זיך דאָ געפֿונען, איז מסכּים געווען מיט פּיאַדאָ־ראָווס אויספֿירן. דעמלט האָט דער קאָמבאַט באַשלאָסן צולאָזן די קאָלאָנע נעענטער, און ווען ער האָט זיך איבערצײַגט, אַז דאָס זײַנען טאַקע דײַטשישע מאַשינעס, האָט ער זיי באַגעגנט מיט אַ העפֿטיק פֿײַער. דרײַ ברענענדיקע פֿאַשיסטישע טאַנקען זײַנען געבליבן אויפֿן ברעג, די איבעריקע האָבן פֿאַרקערעוועט אויף צוריק און שוין מיט אויסגעלאָשענע פֿאַרעס פֿאַרשוווּנדן אינעם פֿינצ־טערן וואַלד.

באַגינען האָט די בריגאַדע זיך פֿאַרזאַמלט אינעם נײַעם ראַיאָן, און איך האָב זיך געמעלדעט צום קאָמאַנדאַרם.

דער יונגער גענעראַל איז געווען אַ שלאַנקער, אַ שיינער, מיט שוואַרצע אויסדריקלעכע אויגן. ער האָט מיך וואַרעם באַגעגנט און מיט גרויס אויפֿמערקזאַמקייט אויסגעהערט מײַן ראַ־פּאָרט, ער איז געווען צופֿרידן, וואָס מיר זײַנען אַרויסגעקומען אויפֿן צאָפּנדיקן ברעג פֿון טײַך, צופֿרידן געווען מיט דער באַנאַכטיקער שלאַכט.

דער קאָמאַנדאַרם האָט גענומען מײַן קאַרטע און מיט אַ רויטן בלײַער אַרומגעקרײַזט די באַפֿעלקערטע פּונקטן מאַשין, פּיניזעוויטשי, יאַלצאָווקאַ, זאַרודניאַ.

— אָט אַזוי, כאַווער קאָמבריג, אין יעדערן פֿון די דאָזיקע פּונקטן וועט איר שטעלן צו איין טאַנקען־ראָטע. אַ פֿראָנט באַקומט איר פֿון צוועלף קילאָמעטער. זײַט וויסן: קיין איין פֿײַנט־לעכער טאַנק טאָר זיך ניט דורכרײַסן אויפֿן צאָפּנדיקן ברעג פֿונעם טײַך טעטערעוו. אין יאַלצאָווקאַ לאָזט איבער אַ שטאַרקן רעזערוו, אַהין וועט אויך צוקומען אין אײַער רעשוס אַן אַרטילעריסטי־שער אויסראָטונגס־פּאָלק. כ׳וויל אײַך דערמאָנען איין וויכטיקע זאַך — אונדז איז באַוווּסט, אַז דער סוינע וועט הײַנט פּרוּוון זיך דורכרײַסן אויף אַלע באַצירקן פֿונעם פֿראָנט. מיר דוכט, אַז באַנאַכט וועט איר זיך זעלבסט איבערצײַגן אין דעם.

דער גענעראַל טשערניאַכאָווסקי האָט מיר דערלאַנגט זײַן שטאַרקע האַנט און איז אַרויס פֿון צימער.

דער טאָג האָט זיך אויסגעגעבן אַ פּראָסטיקער און אַ טרוקענער. אײַנטאָניק האָט אונטער־געבראָמט דער מאָטאָר פֿון אונדזער אויטאָמאָביל, וועלכער האָט אונדז געפֿירט צו דער טאַנ־קען־בריגאַדע. אין עטלעכע שאָ אַרום האָבן שוין די טאַנקען־באַטאַליאָנען און די ראָטעס פֿאַר־נומען זייערע ערטער. מײַן שטאַב האָט זיך אײַנגעאָרדנט אין צענטער פֿון יאַרצאָווקאַ.

ביז האַלב־טאָג איז אין יאַרצאָווקאַ געווען שטיל. ערשט באַטאָג האָט פֿונוויײַטנס זיך גענו־מען דערטראָגן אַ געהויל פֿון טאַנקען־מאָטאָרן. פֿונדערוויײַטנס האָבן זיך באַוויזן צוויי „סאַמאָ־כאָדקעס“. מײַן געהילף קאַלעניקאָוו האָט זיי אָפּגעשטעלט און גענומען זיך דערפֿרעגן באַם לייטענאַנט:

— וווּהין אײַלט איר זיך אַזוי?

— די דײַטשן זײַנען אַריבערגעגאַנגען דעם טײַך און האָבן פֿאַרנומען זאַרודניאַ.
איך האָב ניט געגלייבט מײַנע אייגענע אויערן.

— איר זאָגט אַ ליגן, לייטענאַנט, דאָרט געפֿינט זיך מײַנער אַ גאַנצער באַטאַליאָן.

דער לייטענאַנט, וואָס איז שוין אַ ביסל געקומען צו־זיך, האָט מיט אַ זיכערן טאָן ראַ־פּאָרטירט:

— אײַער באַטאַליאָן איז אויך אָפּגעטראָטן.

מיר האָבן נאָך ניט באַוויזן צו פֿאַרענדיקן דעם געשפּרעך מיטן לייטענאַנט, ווי ס׳איז אָנ־געפֿאָרן אויף אַ טאַנק דער שטאַב־שעף פֿונעם ערשטן באַטאַליאָן — ראַי. דעם דאָזיקן געוואַגטן אָפֿיצער האָב איך געקענט שוין פֿון לאַנג, געוווּסט, אַז ער איז ניט קיין פּאַניקיאָר און דערצו אַן אָרנטלעכער, אויפֿריכטיקער מענטש. איך האָב ניט געקענט זיך צוימען.

— איוואַן איוואַנאָוויטש, און איר, איר האָט זיך אויך דערשראָקן?

דער קאַפּיטאַן ראַי איז אַרויסגעשפּרונגען פֿון טאַנק און מיר דערלאַנגט אַ קאַרטע:

— מיך האָט פּיאַדאָראָוו געשיקט צו אײַך נאָך הילף.

— הילף? און קיין שטראָף־באַטאַליאָן האָט איר מיט פּיאַדאָראָוון נאָך ניט פֿאַרזוכט? מאַרש אויפֿן אָרט! אין אַ שאָ אַרום וועל איך אַליין זײַן אין זאַרודניאַ, און אויב איר וועט אָפּטרעטן כאָטש אויף איין שפּאַן, איז האָט דערנאָך טײַנעס צו זיך אַליין.

ראַי איז צוריק אַרײַן אין טאַנק און זיך געלאָזט אויף מײַרעוו. אַהין זײַנען אויך אַוועק די צוויי „סאַמאָכאָדקעס“.

איך האָב צוגערופֿן מײַן פֿאַרטרעטער קאַלעניקאָוון און, קוקנדיק אים גלײַך אין פּאָנעם אַרײַן, געזאָגט:

— וואַניאַ, נעם אַ רעזערוו־ראָטע און כאַפּ זיך אַראָפּ צו פּיאַדאָראָוון. זאַרודניאַ דאַרף מען צוריק אָפּנעמען בײַ די דײַטשן. ביז דעמלט קער זיך בעסער ניט אום.

אין עטלעכע מינוט אַרום האָט אַ גרופּע טאַנקען, צעראַיענדיק די פּאַרפרוירענע ערד, זיך געלאָזט אין דער ריכטונג פון זאַרודניאַ. כ׳האָב גוט געוווּסט, אַז מײַן פרײַנט קאַלעניקאָוו וועט מאַכן אַן אָרדענונג אויפן לינקן פלאַנג פון דער בריגאַדע. אַ כאַראַקטער האָט ער געהאַט אַ שטאַרקן. אײַנגיכן איז אומרויִק געוואָרן אויך אויפן רעכטן פלאַנג. דער קאָמאַנדיר פונעם 2־טן באַטאַליאָן האָט צוגעשיקט אַ ראַדיאָגראַמע: „איך פיר שלאַכטן. אַנטקעגן מײַן באַטאַליאָן האָבן 50 טאַנקען זיך געלאָזט אין דער ריכטונג פון פּוזינעוויטשי“.

גוט, וואָס דערנעבן האָט זיך געפונען דער אַרטילעריסטישער פּאָלק, וועלכן כ׳האָב איצט געהאַט אין מײַן רעשוס. אין אַ מינוט צען אַרום האָט ער שוין מיט זײַנע סנאַריאַדן געבראַכט אויף שטיקלעך די „פּערעפּראַווע“.

צוואַנציק מײַנע טאַנקען, פיר און צוואַנציק האַרמאַטן פונעם אַרטפּאָלק האָבן געפירט אַ שטאַרק פײַער. עס האָבן זיך אָנגעצונדן דרײַ פאַשיסטישע טאַנקען, און דאָס איז גענוג געווען, אַז דער קעגנער זאָל נעמען אָפּטרעטן.

באַקומען אַ מאַפּאָלע אויפן רעכטן פלאַנג, האָבן די דײַטשן קאָנצענטרירט זייערע קרעפטן קעגן אונדז — דעם צענטער פון שויץ.

אונדזערע אויסשפּירער האָבן די ערשטע באַמערקט, אַז די פײַנטלעכע טאַנקען האָבן זיך קאָנצענטרירט אויף אונדזער באַצירק. אין זייער אויפגערעגטער ראַדיאָגראַמע איז געזאָגט געוואָרן: „באַ 70 טאַנקען געפינען זיך אין וואַלד אַנטקעגן יאַרצאָווקאַ, דער פײַנט זוכט אַן אָרט אויף איבערגיין דעם טײַך. די דײַטשן קײַקלען אַרויס אויפן ברעג „וואַניושעס“.

אין אַ שאָ אַרום האָט זיך געיאָוועט קאַלעניקאָוו, ער האָט האָפערדיק ראַפּאָרטירט:

— באַ פּיאַדאַראָוון איז אַלץ אין פולער אָרדענונג. מיר האָבן אונטערגעקלאַפּט דרײַ פײַנטלעכע טאַנקען, די דײַטשן זײַנען אַוועק דורכן טײַך אויף דאָרעם, די רעזערוו־ראָטע האָב איך אונטערגעצויגן נעענטער צו אײַך.

די לאַגע אויף אונדזער פראָנט־באַצירק איז געווען ניט קיין שלעכטע — קיין איין פײַנטלעכער טאַנק האָט זיך ניט דורכגעריסן דורכן טעטערעוו אויף צאָפן. מיך האָט אָבער באַאומרויִקט די טאַנקען־גרופּירונג דאָרעמדיקער פון יאַרצאָווקאַ.

דער נעפּל, וואָס האָט זיך אויפגעהויבן איבערן טײַך, האָט אונדז פאַרשטעלט, אַזוי אַז די פײַנטלעכע אַוויִאַציע האָט אונדז קיין גרויסן שאָדן ניט אָנגעטאָן, דערפאַר האָבן מיר אָבער איבערגעלעבט שווערע צען מינוט, ווען אויף אונדז האָט זיך אַ שאָט געגעבן דאָס פײַער פון דער פײַנטלעכער אַרטילעריע, פון די זעקסרעריקע רעאַקטיווע מינענוואַרפער „וואַניושאַ“. די אַרטילעריע האָט צעשעדיקט אונדזער פאַרבינדונגס־אַפּאַראַטור, דער סאַנבאַט, וואָס האָט זיך געפונען ניט ווײַט פון אונדז, האָט אויך געליטן.

נאָך דער אַרטילעריע־צוגרייטונג האָבן די פאַשיסטן פאַרגענומען אַן אָנגריף. אַ טאַנקען־לאַווינע האָט זיך אָפּגעטיילט פון וואַלד, צוגעקומען צום ברעג, זיך אַראָפּגעלאָזט אין טײַך און גענומען גיין איבערן וואַסער.

די פײַנטלעכע אַטאַקע איז געווען ביז גאָר אַן אײַנגעשפּאַרטע, און ס׳האָט זיך געקאָנט דאַכטן, אַז אונדז וועט ניט געלינגען אָפּשטעלן אָט די געפּאַנצערטע שטאָלענע כוואַליע. עס האָט זיך פאַרקניפּט אַ טאַנקען־דועל. די שנעלשיסנדיקע טאַנקען־האַרמאַטן האָבן אַרויסגעלאָזט הונדערטער סנאַריאַדן. דאָ און דאָרט האָבן זיך באַוויזן סרייפעס. מיט אַ העליש פײַער האָבן געברענט די בענזין־מאָטאָרן פון די דײַטשישע טאַנקען. אויך מיר האָבן געהאַט גרויסע פאַרלוסטן.

טשערניאַכאָווסקי האָט נאָכגעשפּירט דעם געפעכט. אין סאַמע ברען פון שלאַכט האָט ער אָנגעשלאָסן צו אונדז אַ דיוויזיאָן „קאַטיושעס“, און איבער אונדזערע קעפּ האָבן צום קעגנער מיט אַ רויש גענומען פליִען רעאַקטיווע סנאַריאַדן. די דײַטשן האָבן דערויף געענטפערט מיט זייערע זעקסרעריקע מינענוואַרפער.

איך האָב גוט געזען די גאַנצע פּאַנאָראַמע פון דער דאָזיקער הייסער שלאַכט. די פײַנטלעכע טאַנקען האָבן זיך געוואָרפן הין־און־צוריק, מאַנעווורירט אויף לינקס און אויף רעכטס. עס האָט געפלאַקערט אונדזער דאָרף, איבער די גאַסן זײַנען אַרומגעלאָפן צעפּלאָשעטע כאַזיירים, בעהיימעס.

סאַמע אין מאָמענט, ווען אויף אונדזער באַצירק האָט געהאַלטן ביז גאָר שלעכט, האָט פּיאַדאַראָוו מיטגעטיילט, אַז דער קעגנער טרעט אָפּ:

— די דײַטשן קײַקלען זיך צום וואַלד! זיי האָבן אויפגעהערט צו שיסן.

מיר האָבן לײַכט אָפּגעעטעמט.

פונעם רעכטן פלאַנג האָט מען אויך מיטגעטיילט, אַז דאָס פײַער אינעם ראַיאָן פון פּיני־

זעוויטשי איז געשטילט געוואָרן. איצט האָבן מיר אונדזער גאַנץ פײַער איבערגעפירט אויף דער צענטראַלער גרופּירונג פונעם סוינע.

איבערלאָזנדיק אויף ביידע ברעגן אַ צענדליק אונטערגעקלאַפּטע און פאַרברענטע טאַנקען, האָט דער קעגנער זיך אָפּגעזאָגט פון ווײַטערדיקן אָנגריף.

אַרויס פון טאַנק, בין איך אַרײַנגעפאַלן אין די אָרעמס פון קאַלעגניקי. אַלע זײַנען געווען פריידיק-אויפגערעגט, די פּנימער פון מײַנע שלאַכט-פרײַנט האָבן געלויכטן. ס'איז געקומען צו לויפן דער שעף פון דער פאַרבינדונגס-בריגאַדע זאַסימאָוויטש און אויסגעשריִען:

— כאָטש דער פּאָדפּאָלקאָווניק, די טעלעפאָן-פאַרבינדונג איז אײַנגעשטעלט געוואָרן, דער גענע־ראַל טשערניאַכאָווסקי רופט אײַך צום אַפּאַראַט.

אין דער באַגלייטונג פון אַ גרופּע אָפיצערן בין איך צוגעקומען צו דער עקסטער ראָטע, וווּ עס האָט זיך געפונען דער טעלעפאָן.

— מיר בלײַבט בלויז, כאָטש קאָמבריג, צו זאָגן אײַערע טאַנקיסטן איין וואָרט — אַ דאַנק!

פון די דאָזיקע ווערטער איז מיר געוואָרן וואַרעם אויף דער נשמה. אָבער דער עיקר איז געווען, וואָס מיר האָבן געצוווּנגען די פאַשיסטן פאַרקערעווען אויף צוריק. דער טײַך טעטע־רעוו, דער צאַפּנדיקער ברעג זײַנער — פון יאַלצאָווקאַ ביז זאַרודניאַ איז געבליבן אין אונ־דזערע הענט.

איך האָב זיך געווענדט צום גענעראַל:

— וואָס ווערט איר באַפוילן ווײַטער צו טאָן?

טשערניאַכאָווסקי האָט אַ ווײַלע געשוויגן און דערנאָך קורץ געענטפערט:

— אינדערפרי וועלן מיר אָנגרײַפן. הײַנט וועט אונטערקומען פון ריבאַלקאָן די 54-טע טאַנקען-בריגאַדע, מיט וועלכער עס פירט אָן דער גענעראַל לעבעדיעוו. זײַן דיוויזיע וועט אָנ־גרײַפן באַנאַנד מיט אײַך. 20.00 וואַרט איך אויף אײַך אין מײַן „קפּ". אויף יעדן פאַל גרייט צו די מאַרשרוטן, — דער גענעראַל האָט אָנגערופן די וועגן, וואָס פירן אויף מײַרעוו.

— איך האָב אַלץ פאַרשטאַנען, כאָטש גענעראַל, אַלץ וועט אויסגעפילט ווערן, — האָב איך געענטפערט דעם קאָמאַנדאַרם.

און דאָך בין איך אין דער אָנגעמערקטער צײַט צום גענעראַל טשערניאַכאָווסקי ניט גע־קומען.

אָן אויפגערודערטער בין איך אַרויסגעשפּרונגען פונעם שטיבל און זיך געלאָזט גיין צו מײַן טאַנק. עס האָבן מיך אַרומגערינגלט אָפיצערן פונעם בריגאַדע-שטאַב. זיי האָבן געוואָלט וויסן די מיינונג פונעם קאָמאַנדאַרם וועגן אונדזערע שלאַכטן. כ'האָב צעוויקלט מײַן צעקנייטשטע קאַרטע, זי אוועקגעלייגט אויף די פליגל פונעם טאַנק און גענומען צייכענען די מעגלעכע ווײַטערדיקע מאַרשרוטן. פון ערגעץ האָבן זיך געלאָזט הערן די דײַטשישע „וואַניושעס". אינדערלויפטן האָט זיך דערהערט אַ געוואַי, וואָס האָט זיך אַלץ דערנעענטערט. באַם סאַמע אויער האָט עמעצער אויסגעשריִען „לייג זיך", נאָר... ס'איז שוין געווען שפּעט. כ'האָב ניט באַוויזן צופאַלן צו דער ערד. ס'האָט עפּעס אַ שטאַרקן שניט געטאָן אין דער ברוסט. ס'האָט זיך גענומען דרייען די ערד און דער הימל, די טאַנקען און די מענטשן — אַלץ האָט גענומען שפּרינגען... איך בין אומ־געפאַלן.

ווי אין אַ טיפן שלאָף האָב איך געהערט אַ גערויש, עפּעס קלאַנגען.

אויפגעכאַפּט האָב איך זיך אין אַ מעסלעס אַרום אין פעלד-שפּיטאָל. אַ שפּליטער פון זיבעצן סאַנטימעטער האָט מיר צעריסן דאָס פעלצל, דורכגעלעכערט מײַן אָרדן פון רויטן שטערן און זיך אײַנגעגעסן מיטן שפּיץ אין דער לעבער.

אין דער פּאַלאַטע פון שווער-פאַרוווּנדעטע

שוין עטלעכע טעג, ווי איך בין אין שפּיטאָל. געפינען געפינט ער זיך אין אַ פאַרוואָר־פענער שול ערגעץ אויף אַ קליינער סטאַנציע, ניט ווײַט פון ראַדאָמישל.

ביסלעכווײַז קערט זיך אום צו מיר דער באַוווּסטזײַן, און איך דערמאָן זיך די געשעעניש־ן פון די לעצטע טעג. איך קאָן זיך נאָר ניט דערמאָנען, וויאַזוי בין איך עס געקומען אַהער, אָבער ליודמילאַ פּיאַדאַראָווואַ האָט מיר שוין דערציילט, מיט וואָס פאַראַ שוועריקײַטן מע האָט מיך דערשלעפּט אַהער.

די פּרעסט, וואָס האָבן גראָד דעמלט אַ כאַפּ געטאָן, האָבן פאַרוואַנדלט די בלאָטע אין הרודעס פאַרהאַרטעוועטער ערד. אויף די אומוועגן האָט עס געוואָרפן מיט דער מאַשין און געפּײַניקט מײַן פאַרוווּנדעטע לעבער. אויפן אָפּעראַציע-טיש האָט מען מיך אַנידערגעלייגט אַ האַלב-טויטן, און דאָ איז מיט מיר פאָרגעקומען נאָך איין אומגליק.

ווען דער יונגער דאָקטער ראָזע עפּשטיין האָט דערזען דעם שפּליטער, וואָס שטעקט אין דער ברוסט, האָט זי באַשלאָסן ניט וואַרטן אפן כירורג און אַליין זיך ספּראַווען מיט אים. דאָס מיידל האָט ארויסגעשלעפּט דעם שפּליטער און זיך ניט אָנגעשטויסן, אַז דער אויסגעשטשער־בעטער שפּיץ איז אריַינגעדרונגען טיף אין דער לעבער.

מע האָט מיך אוועקגעלייגט אין א פּאַלאַטע פון שווער־פּאַרוואונדעטע. מיר איז געוואָרן א ביסל לייַכטער, נאָר דאָס האָט זיך בלויז געדאכט. אינדערעמעסן איז די יונגע דאָקטערן באַגאַנגען א פעלער, און דאָס האָט אינגיכן זיך געלאָזט פילן — עס האָט זיך אָנגעהויבן א שטאַרקער בלוט־פלוס. די פּאַלאַטע איז פול געוואָרן מיט דאָקטוירים און מעדיצינישע שוועסטער. פון מיַין געלעגער איז ניט אָפּגעטראָטן ליודמילאַ פּיאַדאָראָוואַ.

— ווער האָט עס איַיך געגעבן די רעכט צו אָפּערירן? איך וועל איַיך ארויסיאָגן פון שפּי־טאָל, — האָט איבער דער גאַנצער פּאַלאַטע געשריַיען קאָוואַלעווסקי, דער הויפּט־כירורג פון שפּיטאָל.

צו מיר זיַינען קוים דערגאַנגען די ווערטער פון די, וואָס האָבן מיך ארומגערינגלט.

מע האָט מיך א צווייט מאָל אוועקגעלייגט אפן זעלבן אָפּעראַציע־טיש, ווו איך בין צוריק מיט עטלעכע שאָ שוין געלעגן.

די כירורגישע אָפּטיילונג האָט זיך געפונען אין עפּעס א גרויסן שול־צימער מיט אויסגע־זעצטע שויבן. אַנשטאָט טאַפּליעס זיַינען אין די ראַמען אריַינגעשטעלט געווען שטיקער פּאַ־פּיער. ס׳איז דאָ געווען שרעקלעך קאַלט. מע האָט מיר עקסטרע געמאַכט א בלוט־איבערגיסונג, פאַרבונדן די הענט און די פיס מיט מאַרליע, פאַרשטאָפּט דאָס מויל, און איך האָב געפילט, ווי דער עפיר דרינגט אריַין אין מויל, אין דער נאָז, אין שלונג.

עפּעס אן איַינגעגעסן קאָל האָט געהודיעט בא מיַין אויער:

— ציילט, ציילט...

און איך האָב געציילט: איינס, צוויי, דריַי... עס האָט זיך גענומען דרייען דער טיש, פאַר די אויגן זיַינען געשפּרונגען מענטשן. איך בין אריַינגעפאַלן אין אן אָפּגרונט, און מיר האָט זיך געדאכט, אַז דער טויט איז געקומען — איצט האָב איך זיך שוין ניט געשראָקן פאַר אים.

אופגעכאַפּט האָב איך זיך קאַיאָר. די שטראַלן פון די גאַז־לאָמפּן האָבן געבלענדט אין די אויגן. באַם בעטל זיַינען געשטאַנען א סאַך מענטשן, און אַלע אין וויַיסע כאַלאַטן. א פּאָר באַ־קענטע אויגן קוקן איַינגעשפּאַרט אף מיר.

— איך בין לעבעדיק?

— אוודע לעבעדיק, — ענטפערן מיר יענע אויגן.

— איך בין דען ניט געשטאָרבן?

— ניט אף לאַנג, אינגאַנצן אף פערצן שאָ מיט צען מינוט, — ענטפערט עפּעס א מאַנצבל. דער זעלבער מאַנצבל נעמט מיַין האַנט, טוט מיר א פּרוּוו דעם דויפּעק און שריַיט אויס איבער דער גאַנצער פּאַלאַטע:

— א שפּריץ, קאַמפער!

איך בין איַינגעשלאָפן...

— שטיי אוף! גענוג צו שלאָפן, — טאָרעט מיך עמעצער.

מיט גרויסע שווער־קיַיטן הייב איך אוף די וויעס. פאַר מיר שטייען ווידער מענטשן אין כאַלאַטן.

— פאַרוואָס אויסשפּירער אין מאַסקכאַלאַטן? — פרעג איך.

צו מיר בייגט זיך אריבער א פרוי.

— דו דערקענסט מיך? טו מיר א קוק אין די אויגן, דערמאָן זיך סמאָלענסק, דעם דניעפּער, קיִעוו...

כ׳דערקען די פרוי. שאָקל מיטן קאָפּ. שמייכל צו איר.

דריַי טעג און דריַי נעכט — 72 שאָ נאָכאַנאַנד האָט מען דעזשורעט בא מיַין געלעגער. די שלאָפלאָזע נעכט האָבן זיי געוואַרט און געהאָפּט.

אין א וואָך ארום, ווען איך מיר האָט אָנגעהויבן טליִען א פונק פון לעבן און דער טויט האָט מיט קליינינקע טריטעלעך גענומען גיין אף צוריק, האָט דער הויפּט־כירורג פון שפּיטאָל קאָוואַ־לעווסקי מיר געזאָגט:

— איר האָט אָפּגעהאַלטן א גרויסן זיג. איר ווייסט, וואָס מיט איַיך איז פאָרגעקומען?

איך האָב געשאָקלט מיטן קאָפּ אף ניין און דערביַי געקוקט אין די שוואַרצע אויגן פונעם דאָקטער.

— איצט, ווען דער טויט האָט גענומען אָפּטרעטן, קאָן איך שוין זיַין מיט איַיך אָפנהאַרציק. פאַר איין טאָג האָט מען איַיך געמאַכט צוויי אָפּעראַציעס. די ערשטע ניט קיין געלונגענע, די

צוויטע, קלער איך, איז דורכגעגאנגען נאָרמאַל. מיר האָבן אָפּגערייניקט די הערעלעך פונעם פּוטערנעם פעלצל, וואָס האָבן זיך אָנגעקלעפּט אין אייער לעבער, ארופגעלייגט א „סאַלניק" אף איר און זי פארשטשאָבעט. — דער כירורג האָט געהעכערט דאָס קאָל. — איר ווייסט, וואָס איז אזוינס א לעבער? דאָס איז א הירזשענע קאַשע, און מיר האָבן זי פאַרנייט מיט פּירקנופּיק נעט. דאָס איז, פריינט טייערער, מיין ערשטע אָפּעראַציע פון דעם מין אין די באַדינגונגען פון א פעלד-שפּיטאָל.

איך האָב א שעפּטשע געטאָן:

— א דאנק אייך, דאָקטער.

— נארישקייטן, ניט מיר דאַרפט איר זאָגן א דאנק, נאָר אייער הארץ. דאָס הארץ אייערס, האָט זיך ארויסגעוויזן, איז אף דער געהעריקער הייך. מיר וועלן אייך דאָ האַלטן א פּאָר וואָכן, ביז איר וועט ווערן טראַנספּאָרטאַבעל, און דערנאָך וועלן מיר אייך אָפּשיקן מיטן עטאַפּ קיין סיביר. — קאָוואַלעווסקי האָט מיט זיין שטאַרקער האַנט מיר געגעבן א פּאָר לייכטע פּעטשלעך איבער די באַקן און א מונטערער ארויס פון דער פּאַלאַטע.

די לעצטע טעג האָב איך געליטן פון שרעקלעכע ווייטעקן. די מוירעדיקע לאַך אף דער ברוסט, אין וועלכער ס׳איז פריי ארייַנגעקראָכן קאָוואַלעווסקיס האַנט, האָט זיך שלעכט פאַר-צויגן. די ווייסע ביינדלעך פון די אויסגעשניטענע ריפּן האָבן געסטאַרטשעט פון דרויסן.

באַזונדערס האָב איך זיך געמאַטערט אין די לאַנגע ווינטערדיקע נעכט. אין אָוונט איז די טעמפּעראַטור געשטיגן ביז פערציק גראַד. ס׳האָט מיט מיר געוואָרפן טאַקע ווי אין קאַדאָכעס. פון מייַנע אויסגעשרייען „נאָך מיר, פאָרויס! פייער!" האָט געקלונגען די פּאַלאַטע. אָן אויסגע-מאַטערטער פון פיזישע ווייטעקן, פון דער הויכער טעמפּעראַטור, פלעג איך אינדערפרי אנ-שלאָפן ווערן ווי א טויטער.

באַטאָג האָבן די ווייטעקן זיך געלינדערט, דער באַוווּסטזיין פלעגט זיך אומקערן. די בעסטע מינוטן זייַנען פאַר מיר געווען דעמלט, ווען עס פלעגן קומען צו מיר מייַנע פריינט.

א שווערע איז זי געווען, אונדזער פּאַלאַטע. זעלטן ווער ס׳איז פונדאַנען ארויס א לעבע-דיקער. פיל פאַרוווּנדעטע פלעגן אפילע ניט קומען צום באַוווּסטזיין און דאָ אויסגיין.

פּירען זייַנען מיר געווען אין דעם דאָזיקן קוואַדראַטן צימער. אנטקעגן מיר, באַם פענצ-טער, איז געלעגן דער פליִער וואַסיל. די פאַמיליע זייַנע האָב איך ניט פאַרגעדענקט. דאָס איז אויך געווען דעם 9 דעקאַבער, פונקט אין יענעם טאָג, ווען איך בין פאַרוווּנדעט געוואָרן. איבערן וואַלד האָט זיך אָנגעהויבן א לופט-געפעכט. וואַסילס עראָפּלאַן האָבן די דייַטשן אונטערגע-שאָסן מיט א טערמיט-סנאַריאַד, דער פליִער איז פאַרוווּנדעט געוואָרן אין א פוס, נאָר ער האָט באַוויזן ארויסשפּרינגען פונעם ברענענדיקן עראָפּלאַן. אין א צייַט ארום האָבן די היגע איינ-ווינער געבראַכט דעם פאַרוווּנדעטן אין שפּיטאָל. עס האָט זיך אָנגעהויבן א קאַמף אף צו ראַ-טעווען דאָס לעבן פונעם פליִער. מע האָט געמוזט אַמפּוטירן א פוס, נאָר וואַסיל האָט ווי א קינד זיך געבעטן בא די דאָקטוירים, מע זאָל דעם פוס ניט שנייַדן.

— איך וויל פליִען.

נאָך א שווערער שלאָפלאָזער נאַכט האָט וואַסיל דערזען לעבן זייַן בעטל דאָס געליבטע מיידל זייַנס, וועלכע עס האָט געבראַכט אהער דער קאָמאַנדיר פונעם אוויאַ-פּאָלק, ווו וואַסיל האָט געדינט. טוליענדיק זיך צו אים, האָט טאַניע אייַנגערעדט איר פריינט:

— וואַסיליאַק, ליבער מייַנער, גיב די האַסקאָמע אף אָן אָפּעראַציע. איך וועל דיך אייביק ליב האָבן, דו ווייסט דאָך! — זי האָט אים געהאַלדזט און געקושט און ווידער אים אייַנגערעדט.

באַם צוקאָפּנס איז געשטאַנען דער פּאָלקאָווניק און געמורמלט:

— וואַסילי, מאַך זיך ניט נאַריש, טאַניושאַ איז גערעכט. דער גאַנצער פּאָלק בעט, דו זאָלסט אייַנגיין...

דער פאַרוווּנדעטער האָט זיך שטאַרק אייַנגעקלאַמערט אין דער האַנט פונעם מיידל און געפרעגט:

— דעמלט וועסטו מיך אויך ליב האָבן?

— אוודע, וואַסיליאַק. און פונעם שפּיטאָל וועל איך ניט אוועקפאָרן, כ׳וועל בלייַבן מיט דיר. די קאָמאַנדשאַפט האָט מיר דאָך דערלויבט זייַן מיט דיר, און אויב דו ווילסט, וועל איך אָנשרייַבן מייַן מאַמען און דייַן מאַמען, וועלן זיי אויך קומען צו פאָרן.

דעם פליִער איז ערגער געוואָרן. מע האָט אים אוועקגעטראָגן אפן אָפּעראַציע-טיש און אַמפּוטירט דעם פוס.

טאַניע האָט די גאַנצע צייַט דעזשורעט בא זייַן בעט.

ווי נאָר עס פלעגט אָנקומען די נאַכט, איז אים, פונקט ווי מיר און ווי די איבעריקע, וואָס האָבן זיך געפונען אין דער פּאַלאַטע, געוואָרן דושנע און דער צימער פלעגט פול ווערן מיט א

קרעכצערײַ און מיט געשרייען. דאָס איז שוין ניט געווען קיין פּאַלאַטע, נאָר א פּלאַצדאַרם, ווו עס זײַנען פאָרגעקומען לופט־געשלעגן, טאַנקען־געפעכטן, אַרטילעריסטישע באַטאַליעס. די דאָק־טוירים פלעגן זיך צונויפלויפן, מאַכן אײַנשפּריצונגען, אײַנגעבן פּילן, רעפּועס. זיך אָנגעוואָיע־וועט פאַר דער נאַכט, פלעגן מיר אינדערפרי אויסגעמאַטערטע אַנשלאָפן ווערן.

וואַסילען האָט מען א צווייט מאָל אַוועקגעפירט אין אָפּעראַציע־צימער, די גאַנגרענע איז, ווי א שלאַנג, געקראָכן אַלץ העכער און העכער און אַרומגעכאַפּט דעם גאַנצן קערפּער. אָף טאַניעס הענט, ניט קוקנדיק צום באַוווּסטזײַן, איז דער פּליִער אויסגעגאַנגען.

אָף מאָרגן האָט דאָס מיידל, אַן עלטער געוואָרענע פאַר דער דאָזיקער נאַכט, זיך באַוויזן אין אונדזער פּאַלאַטע אין דער אוניפאָרם פון א פּליִערן. שווײַגנדיק האָט זי זיך געזעגנט מיט יעדערן פון אונדז באַזונדער. דעם זעלבן טאָג האָט זי אַוועקגעפירט וואַסילען צו זיך אין פּאָלק, קעדיי אים ברענגען צו קווורע.

צוויי טעג איז ערשט אַוועק, זינט וואַסיל איז געשטאָרבן, און הײַנט איז פון אונדזער פּאַ־לאַטע אַוועק נאָך איינער. דאָס איז געווען מײַן שאָכן פון לינקס, דער קאָמאַנדיר פון א מינענ־וואַרפער־באַטאַריע, דער עלטערער לייטענאַנט אַרכיפּאָוו.

מע האָט אים געבראַכט באַלד נאָך מיר מיט א דורכגעשאָסענער ברוסט. קאָוואַלעווסקין איז געלונגען אַרויסשלעפּן פון זײַן לינקער לונג צוויי קוילן. ווען עס פלעגט אים אָנכאַפּן דער ווייטאָק, פלעגט ער ווערן אַן אַנטיילנעמער פון אונדזערע באַנאַכטיקע „קאָנצערטן”. באַטאָג האָבן מיר שוין מער־ווייניקער רויִק געשמועסט צווישן זיך. ער האָט געוווּסט, וואָר איך בין, און איך בין שוין אויך באַקי געווען אין די איניאַנים פון זײַן באַטאַריע, געוווּסט וועגן זײַן מיש־פּאָכע, וואָס האָט געוווינט אין ספּאַסקאָ־קלעפּיקי אָף ריאַזאַנשטשינע.

פּאַרנאַכט איז אַרכיפּאָוו א מידער אײַנגעשלאָפן, און אינמיטן דער נאַכט, ווען איך האָב זיך אופגעכאַפּט, זײַנען אין פּאַלאַטע אַרײַנגעקומען עטלעכע סאַניטאַרן, מעדיצינישע שוועסטער און דער כירורג קאָוואַלעווסקי און אַרויסגעטראָגן פון צימער מײַן שאָכן א טויטן.

מיר זײַנען געבליבן זאַלבעצווייט — איך און א זאַמפּאָליט פון א פּאָלק, וואָס איז דאָ גע־לעגן אָן א פוס און געוואַרט, מע זאָל אים אָפּשיקן אין טיפן הינטערלאַנד.

פּאַמעלעך האָבן געפויזעט די נעכט. ס'איז שוין געווען סאָף דעקאַבער. עס זײַנען אַוועקגע־גאַנגען די לעצטע טעג פונעם 1943 יאָר. איך בין געלעגן און געטראַכט וועגן די פאַרגאַנגענע שלאַכטן, וועגן די באַפרײַטע שטעט און דערפער, וועגן טויזנטער און טויזנטער אומגעבראַכטע מענטשן. איך האָב געטראַכט וועגן זיך: איז דען מעגלעך, אַז איך זאָל בלײַבן לעבן, — דאָס בין איך דאָך שוין צום דריטן מאָל פאַרוווּנדעט פאַרן לעצטן האַלבן יאָר. עפּעס איז דאָס צופיל פאַר איין מענטשן.

הײַנט איז אין אונדזער שפּיטאָל מאַמעש אַן איבערקערעניש. אַלע — די דאָקטוירים, די שוועסטער, די סאַניטאַרן און די ניאַניעס לויפן אַרום פון צימער צו צימער. מע שטעלט אַרײַן שויבן, מע וואַשט די דילן, מע ווישט אַרום דעם שטויב. צו מיר האַלט מען אין איין לויפן. מע האָט מיך אַרומגעוואַשן, אָנגעטאָן פריש וועש און אַפילע באַשפּריצט מיט אָדעקאָלאָן. א שאָד, וואָס מע האָט ניט געקאָנט מיך אָפּראַזירן — די לעצטע טעג בין איך קראַנק געוואָרן אָף געלזוכט.

די מעדשוועסטער זאָגט צו מיר:

— איר זײַט זייער ענלעך אָף יעזוסן, בא אים איז אויך א פאַרמעט־געזיכט און פונקט אַזא באָרד.

איך האָב אין א שפּאַס איר געענטפערט:

— פאַרגלײַכט מיך ניט מיט יעזוסן, ער האָט געהאַט ווייניקער אווייִרעס פון מיר.

ס'האָט זיך געעפנט די טיר, און א גאַנצער וווּאָד אין ווײַסע כאַלאַטן איז איבערגעטראָטן די שוועל פון מײַן פּאַלאַטע.

א ברייטפּלייציקער, געזעצטער זעכציקיאָריקער מאַנצבל מיט אָראָפּהענגענדיקע וואָנצעס און געדיכטע שוואַרצע ברעמען האָט זיך אָפּגעשטעלט בא מײַן בעט.

— דאָס איז ער?

— יאָ, ער, — האָט דער כירורג געשאָקלט מיטן קאָפּ.

מיט האַלב־צוגעמאַכטע אויגן האָב איך נאָכגעשפּירט דעם גוואַר.

— די פּלעווורע איז גאַנץ?

— צעשעדיקט.

— ווי טיף איז דער שפּליטער אַרײַן אין דער לעבער?

— אָף נײַן סאַנטימעטער.

קאָוואַלעווסקי האָט קוים באַוויזן צו ענטפֿערן אויף די פֿראַגן, וועלכע האָבן זיך געשאָטן, ווי א האָגל.

— א רעזעקציע פֿון דער זיבעטער, אַכטער און נײַנטער ריפּ האָסטו געמאַכט, א „סאָלניק" אַרופֿגעלייגט? פֿאַרוואָס אייטערט זיך די ווונד? נו, און דאָס הערצעלע ווי אַרבעט? — דערבײַ האָט דער גאַסט א טאַפּ געטאָן מײַן דויפּעק, דערנאָך אויסגעהערט דאָס האַרץ.

— אָט וועמען, יונגערמאַן, איר דאַרפֿט דאַנקבאַר זײַן — אײַער אייגן האַרץ. מע האָט מיר געזאָגט, אַז פֿאַר זעקס כאַדאָשים זײַט איר דרײַ מאָל געווען פֿאַרווונדעט.

כ'האָב א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

— א גוטער מאָטאָר איז בא אײַך, ווי בא א שווערן טאַנק.

קאָוואַלעווסקי האָט א שמייכל געטאָן.

— כאָווער גענעראַל־לייטענאַנט, ער איז דאָך אינדערעמעסן א טאַנקיסט. א קאָמאַנדיר פֿון א טאַנקען־בריגאַדע.

— נו, אויב אַזוי, איז אַלץ קלאָר.

אויסנוצנדיק די קורצע פּאַוזע, האָב איך שטיל א פֿרעג געטאָן בא קאָוואַלעווסקין, ווער איז דער מענטש. דער גאַסט האָט, קאָנטיק, געהערט, וואָס איך פֿרעג, און זיך אָנגערופֿן.

— איך? דער פֿאַרטרעטער פֿונעם הויפּט־כירורג פֿון דער רויטער אַרמיי גירגאָלאָוו. האָסט אַמאָל געהערט וועגן אַזא כײַע?

— זאָגט מיר, ביטע, — האָב איך זיך געווענדט צום אַקאַדעמיקער, — א מענטש קאָן לעבן מיט א לאַטע אויף דער לעבער?

גירגאָלאָוו האָט צוגערוקט א בענקל צו מײַן בעט, זיך צוגעזעצט, מיך א גלעט געטאָן איבערן קאָפּ און א שמייכל געטאָן:

— מײַן טײַערער מענטש, איר וועט אומבאַדינגט לעבן, און לאַנג לעבן. אַזעלכע אָפּטימיסטן, ווי איר, שטאַרבן ניט. נאָר ס'וועט נאָך אויסקומען לאַנג זיך וואָגלען מיט אײַך. מיר וועלן אײַך איבערשיקן אין טיפֿן הינטערלאַנד. מאַכן א פּלאַסטישע אָפּעראַציע, פֿאַרמאַסקירן די ווונד, נאָר מיט איין באַדינג — היט זיך פֿאַר טאַנקען, זײַט מיט זיי פֿונדערווײַטנס.

דער אַקאַדעמיקער האָט זיך געווענדט צו קאָוואַלעווסקין:

— פֿאַרוואָס האַלט איר אים דאָ?

— צוויי וואָכן איז ער געווען ניט־טראַנספּאָרטאַבעל, אָבער די טעג וועלן מיר אים אומבאַדינגט אָפּשיקן.

גירגאָלאָוו איז לײַכט אופֿגעשפּרונגען פֿונעם בענקל און באַטראַכט די אָנוועזנדע.

— האַלט אים דאָ ניט לאַנג, און אײַך, קאָלעגן, — האָט ער זיך געווענדט צום כירורג און צו די דאָקטוירים, — בין איך האַרציק דאַנקבאַר פֿאַר דער קלאַסיש־דורכגעפֿירטער אָפּעראַציע. אויף אַזא מײַסטערשאַפֿט קאָן מעקאַנע זײַן יעדער כירורג פֿון אונדזערע בעסטע שפּיטאָלן.

דער גענעראַל האָט זיך אויסגעקערעוועט צו מיר, א טאַפּ געטאָן מײַן האַנט, וואָס איז געלעגן אויף דער קאָלדרע, דערנאָך זי א דריק געגעבן.

— און נאָך איין אייצע, טראַכט אַפֿילע ניט וועגן טרינקען בראָנפֿן און זיך באַלעווען מיט פּאַפּיראָסן. די לעבער איז א קאַפּריזע זאַך, זי האָט בעסער ליב צוקער, גליוקאָזע.

אינעם אַלטן, אינעם גוטן כאַרקאָוו

דעם 30 דעקאַבער בין איך א פֿאַרבאַנדאַזשירטער און אן אײַנגעוויקלטער, ווי א קינד, געלעגן אין א קופּע פֿון א סאַניטאַר־צוג, וועלכער האָט מיך געפֿירט אויף מיזרעך.

מיך האָבן באַגלייט מײַנע נאָענטע פֿרײַנט — ליודמילאַ פּיאַדאַראָווא, מײַן אַדיוטאַנט פּיאָטער קאָזשעמיאַקאָוו און דער שאָפֿער פּיאָטער ריקאָוו.

נעכטן האָט מען מיך אַוועקגעלייגט אויף א טראָגבעטל, וואָס איז געווען צוגעבונדן צו דער סטעליע פֿון א סאַניטאַר־מאַשין, און מיך איבערגעפֿירט פֿונעם פֿעלד־שפּיטאָל קיין קיִעוו.

דער סאַניטאַר־עשעלאָן גייט איבער דער לינקברעגיקער אוקראַינע. ערשט מיט עטלעכע כאַדאָשים צוריק זײַנען אָט די זעלבע סטאַנציעס, שטעט, דערפֿער, וועלכע שווינדלען דורך אין די פֿענצטער פֿונעם וואַגאָן, געווען שלאַכטפֿעלדער. אומעטום, וווּהין דער בליק זאָל ניט פֿאַלן, שטייען סקעלעטן פֿון הײַזער, פֿאַרסאַרפֿעטע דערפֿער, אין וועלכע עס זײַנען פֿאַרבליבן בלויז פֿאַרייכערטע ציגלנע קוימענס. אויף די אײַזנבאַן־סטאַנציעס שטעלט מען אויף די בריקן, מע לייגט אויס נײַע רעלסן.

שוין צוויי טעג, ווי מיר זײַנען אין וועג. אין דער ערשטער ריי ווערן דורכגעלאָזט די עשעלאָנען מיט טאַנקען, געווער און שפּײַז־פּראָדוקטן, וואָס גייען אויפֿן פֿראָנט. עס פֿאָרן יונגע סאָל־

דאטן, שטאָלטנע אָפּיצערן — זיי אײַלן זיך אױף דער רעכטברעגיקער אוקראַינע, זיי גייען פאַר־בײַטן אונדז, וואָס ליגן אין די ניט באַקוועמע האַרטע וואַגאָנען.

אין אונדזער וואַגאָן ליגן שווער־פאַרוווּנדעטע. זיי קרעכצן, שרײַען, בעטן, מע זאָל זיי קומען צוהילף.

די נאַיווע, מילדע מעדיצין־שוועסטער פּרוּווט זיך מיט איר האַרציקע ווערטער צעווייען די שווערע שטימונג. זי קאָן ניט וויסן, אַז יעדער קלאַפּ פון די וואַגאָן־רעדער אױף די סטיקן פון די רעלסן גיט זיך אָפּ אין מײַן קראַנקער לעבער.

די טעמפּעראַטור בא מיר האַלט אין איין שפּרינגען. באַנאַכט דערגרייכט זי 40,2 גראַד. אינדערפרי און אויך באַטאָג פאַלט זי קימאַט ניט. אין קופּע האָבן זיך פאַרזאַמלט דאָקטוירים, זיי לייענען „די געשיכטע" פון מײַן קרענק און שאָקלען מיט די קעפּ. אַ הויכער מאַנצבל מיט לאַנגע וואָנצעס זידלט זיך.

— צוליב וואָס האָט מען אים גענומען אין צוג?

ער איז אין קאַס, דער דאָקטער, נאָר ער הערט אופמערקזאַם אויס מײַן האַרץ, טאַפּט מיר דעם דױפּעק און באַטראַכט מײַן אופגעלאָפענעם בויך.

איך ליג מיט צוגעמאַכטע אויגן, נאָר איך הער, ווי עמעצער זאָגט:

— האַלעוויַי זאָלן מיר אים כאָטש דערפירן ביז סאַראַטאָוו, וועגן טשעליאַבינסק איז שוין אָפּגערעדט.

— אַ שאָד, וואָס מיר זײַנען שוין דורכגעפאָרן פּאָלטאַווע, מע וואָלט אים געקאָנט דאָרט איבערלאָזן.

— לאָמיר האָפן, אַז מיר וועלן אים דערפירן ביז כאַרקאָוו, — זאָגט דער דאָקטער מיט די לאַנגע וואָנצעס.

פון דער קופּע טראָגט מען אַרויס מײַן שאַכן און מע לאָזט מיך איבער אַליין. דאָס מילדע „שוועסטערל" לאַכט מער ניט, זי איז געוואָרן ערנסט, אירע אומרויִק־דערשראָקענע אויגן קוקן די גאַנצע צײַט אױף מיר. אַלץ אָפטער און אָפטער לייגט זי צו איר הענטל צו מײַן שטערן. עס רוקט זיך אָן די שרעקלעכע, אויסמאַטערנדיקע נאַכט, וואָס וועט זיך ציִען, ווי אַ יאָר. די קופּע ווערט ווידער פול מיט מענטשן אין ווײַסע כאַלאַטן, דער טערמאָמעטער גייט איבער פון האַנט צו האַנט. די טונקעלע שײַן פון דעם עלעקטרישן לעמפּל פאַלט אױף די מענטשן, וועלכע האָבן מיך אַרומגערינגלט. עמעצער קומט אַרײַן מיט אַ רויט בענדל אױפן אַרבל פונעם שינעל און זאָגט צום לאַנגן מיט די וואָנצעס — ער איז דאָ, אַפּאַנעם, דער עלטסטער:

— מערעפאַ זײַנען מיר פאַרבײַגעפאָרן, מע זאָגט צו אין ערגעץ ניט אָפּשטעלן דעם עשע־לאָן ביז כאַרקאָוו. דאָרט דאַרף מען אים אַראָפּנעמען.

מע וויקלט מיך אײַן אין אַ קאָלדרע, דעם קאָפּ בינדט מען אַרום מיט אַ האַנטעך, און די פיס — אין עפּעס ווייכס און וואַרעמס.

צו דער סאַניטאַר־שוועסטער זײַנען אַלע פּלוצעם געוואָרן צוגעלאָזט און אופמערקזאַם. אַלע גייען צו איר צו און מע זאָגט איר עפּעס אָן, מע שטופּט איר אָן פולע קעשענעס מיט פּראָשקעס און פלעשעלעך, צוויי באַיאָרטע מאַנצבלען לייגן מיך אַוועק אױף אַ טראַגבעטל. דער צוג נעמט גיין פּאַוואָליע, די רעדער קלאַפּן שטאַרקער, דער וואַגאָן טוט אַ ציטער, אַ קלימפּער מיט די בופערס און בלײַבט שטיין. צו מיר גייט צו דער זעלבער הויכער דאָקטער, לייגט צו אַ פלעשל צו מײַן נאָז און אײַנצײַטיק זאָגט ער זייער שטיל און ווייך:

— די שוועסטער וועט אײַך אָפּפירן אין אַ כאַרקאָווער שפּיטאָל. דאָרט וועט אײַך זײַן גוט. זײַט געזונט, טײַערער, דאָס מיידל איז אַליין אַ כאַרקאָווער, זי וועט פאַרבלײַבן מיט אײַך, ביז מיר וועלן ניט קומען זי אָפּנעמען, פאַריינס באַגריס איך אײַך מיטן נײַעם 1944 יאָר, וואָס האָט זיך שוין אָנגעהויבן. זײַט געזונט!

אַ סאַניטאַר־מאַשין מיט פאַרלאָשענע פאַרעס פירט אונדז אין דער נײַיאָר־נאַכט איבער די פּוסטע, פינצטערע גאַסן פון כאַרקאָוו. די מאַשין פּלאָנטערט זיך אין שמאָלע ליקן, פאָרט פאַרבײַ צערויִנירטע הײַזער מיט צעריסענע דעכער און אינדערלופטן־הענגענדיקע ווענט... און אָט איז די הויפּט־גאַס סומסקאַיאַ. דער דענקמאָל טאַראַס שעווטשענקאָן איז גאַנץ. די מאַשין פאַרקע־רעוועט אין אַ פאַרשנייטן הויף — מיר זײַנען געקומען.

די שוועסטער און דער שאָפער פאַרלאָזן די מאַשין. זיי גייען ערגעץ אוועק און פאַרהאַלטן זיך זייער לאַנג, נאָר אָט גייט די שוועסטער, עס באַגלייטן זי מענטשן אין ווײַסע כאַלאַטן. מע טראָגט מיך איבער אַ לאַנגן און ברייטן קאָרידאָר, וואָס איז באַלויכטן פון גאַז־לאָמפּן, וועלכע הענגען אױף די ווענט.

— פונוואַנען האָט איר זיך גענומען? — שרײַט דער דעזשורנע דאָקטער, וואָס גייט אונדז אַנטקעגן. — מיר האָבן דערוואַרט אַ סאַנלעטוטשקע דעם 5 יאַנוואַר. איך וויס גאָרניט וואָס צו

טאָן מיט אײַך. ס'איז ניטאָ קיין איין פרײַ אָרט. אָט לייגט אים אוועק אַפן דיל, און מאָרגן וועלן מיר זען.

ווו זײַנען עס אהינגעקומען די מילדע, גוטע אויגן פון דער מעדשוועסטער? זי האָט א בליק געטאָן מיט די אויגן און שטרענג געזאָגט:

— אָט וואָס, דאָקטער, דרינגענד רופט ארויס א כירורג, איר גיט אים גלײַך הילף, ער איז זייער אין א שווערן צושטאַנד, דערפאַר טאַקע האָט מען אים אראָפּגענומען פונעם סאַניטאַר־צוג, וואָס איז פאַרבײַגעגאַנגען כאַרקאָוו.

דער דאָקטער האָט גענומען „די געשיכטע" פון מײַן קרענק, זי איבערגעלייענט און צע־פירט די הענט:

— איך קאָן מיט גאָרניט העלפן, כ'בין ניט קיין כירורג און ניט קיין טעראַפּעווט. איך בין אַן אויגן־דאָקטער, איר פאַרשטייט? וואָס קאָן איך מאַכן?

נאָר די שוועסטער איז ניט אָפּגעשטאַנען פון אים:

— פירט מיך צום שעף פון שפּיטאָל!

— ווו וועל איך אים געפינען? הײַנט איז נײַ־יאָר, שוועסטערל, איז מען אַף וועטשערינקעס. בא אונדז איז דאָך א שפּיטאָל פאַר לײַכט־פאַרוווּנדעטע. הײַנט איז ביכלאַל א מעשוגענער טאָג. די דאָקטוירים זײַנען זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען, און א גוטע העלפט פון די פאַרווונדעטע איז ארויסגעשפּרונגען דורך די פענצטער און אויך אַנטלאָפן.

די שוועסטער איז צוגעגאַנגען האַרט צום דאָקטער, אים באַטראַכט מיט א בליק, פול מיט ביטל:

— איר זײַט ניט קיין דאָקטער, נאָר דער טײַוול ווייסט וואָס, איך כידעש זיך, וואָס מע האָט אויך אײַך ניט צוגעגאַנוועט הײַנטיקע נאַכט. כאָטש ווער באַדאַרף אַזאַ, ווי איר? טייקעף עפנט אוף דעם אָפּעראַציע־צימער, איך וועל אַליין טאָן וואָס מע דאַרף.

דער דערשראָקענער און בלאַס געוואָרענער דעזשורנע האָט מיט קליינע טריטעלעך גע־שאַרקעט איבערן צעמענטענעם דיל...

מע האָט מיך אוועקגעטראָגן אין אָפּעראַציע־צימער, אוועקגעלייגט אַפן טיש. דאָס מיידל האָט מיט אירע פלינקע הענט מיך אויסגעטאָן, מיט די פינגער לײַכט אָפּגעטיילט די פאַרבלו־טיקטע מאַרליע און די וואַטע. די גאַנצע וווּנד איז געווען באַדעקט מיט געל־גרינעם אייטער. דער אויגן־דאָקטער האָט זיך שטאַרק דערשראָקן.

— וואַרט צו, קריכט ניט אין דער ווונד. כ'וועל אַליין צופאָרן און אופזוכן דעם שעף. איך ווייס, ווו ער איז.

דער דאָקטער האָט זיך געלאָזט לויפן לענגויס דעם קאָרידאָר און איז פאַרשוווּנדן.

מײַן גוטער מאַלעך — די מעדיצינישע שוועסטער — האָט געפּאַדעט ארום דעם טיש, זי האָט פאַרזיכטיק ארומגעווישט די ווונד מיט אַן אײַנגעווייקט שטיקל מאַרליע אין ספּירט, מיך אײַנגעדעקט מיט א לײַלעך, ארומגעוואַשן דאָס פּאָנעם און מיר דערלאַנגט א טרונק וואַסער. א פאַרמאַטערטער פון די מוירעדיקע באַנאַכטיקע ווייטעקן, בין איך באַלד אַנשלאָפן געוואָרן.

דאָס מיידל אַליין האָט זיך אײַנגעמאָסטעט אַף א הויך קײַלעכדיק בענקל, וואָס דרייט זיך ארום און ארום, דעם קאָפּ האָט זי אוועקגעלייגט אַפן ראַנד פונעם טיש און איז אײַנגעשלאָפן.

ווען די בלאַסע שטראַלן פון דער יאַנוואַר־זון זײַנען ארײַנגעדרונגען אין אָפּעראַציע־צי־מער, האָב איך אופגעעפנט די אויגן און דערזען ארום טיש דאָקטוירים, שוועסטער, און צווישן זיי מײַן קורנאָסע באַגלייטערן.

— וואָס איז געשען? ווו געפין איך זיך?

צום טיש איז צוגעגאַנגען א מענטש פון מיטעלן וווּקס, מיט א באַזילבערטן קאָפּ, אין א ווײַסן כאַלאַט.

— איך וועל דיר ווײַזן, ווו דו געפינסט זיך!

בא מיר האָבן גענומען פינטלען די אויגן, כ'האָב אופגעהויבן די לינקע האַנט אַף צו פאַר־טיידיקן זיך. אַף מײַן פּאָנעם זײַנען ארויסגעטראָטן טראָפּנס שוויס. און דער מענטש מיטן ווײַסן קאָפּ רוקט זיך אַלץ נעענטער צו מיר און שרײַט:

— דו מאַך זיך ניט נאַריש, כיטרעווע ניט. אנו, דערמאָן זיך נאָר, וואָס דו האָסט אָפּגע־טאָן? נינאַ איוואַנאָווּנאַ, — האָט ער זיך געווענדט צו א דיקלעכער, יונגער פרוי, — מיר מיט אײַך האָבן איבער אָט דעם מענטשן ארײַנגעכאַפּט אַן אויסרייד. אנו, שוועסטערל, דערציילט נאָר, ווו האָט איר געפּאַקט דעם דאָזיקן פּאַדפּאָלקאָווניק?

דאָס מיידל האָט גאָרנישט ניט פאַרשטאַנען.

— איך בין פון א סאַניטאַר־צוג. דער עשעלאָן איז אוועקגעגאַנגען קיין טשעליאַבינסק. דעם דאָזיקן אָפיצער האָט מען אין צוג ארײַנגעלייגט אין קיִעוו. אין וועג איז אים געוואָרן

שלעכט, די טעמפּעראַטור איז דערגאַנגען ביז 40 גראַד. ער האָט זיך זייער געמאַטערט. אונדזער שעף האָט געוווּסט, אַז איך בין אַ כאַרקאָווער, און האָט מיר באַפוילן געפינען אין שטאָט אַ שפּיטאָל און אים איבערלאָזן ביז אַ צווייטן רייס. און אָט האָב איך אַ גאַנצע נאַכט געקעמפט מיט אײַער דעזשורנע, עפּעס איז ער בײַ אײַך זייער אַ פאַרשלאָפענער.

אַלע האָבן זיך צעלאַכט. דער אויגן־דאָקטער אַליין האָט אויסגעווישט זײַנע ברילן און אויך גענומען לאַכן.

די מעדיצין־שוועסטער איז דרייסטער געוואָרן.

— כאַוועֵר דאָקטער, פאַרוואָס זײַט איר אַזוי אָנגעפאַלן אויפן קראַנקן?

— איך שרײַ? איך בין אָנגעפאַלן אַף אים? איר ווייסט נאָך ניט, אַז מע דאַרף אים איבערגעבן צום מיליטער־טריבונאַל?

דאָס מיידל האָט אַ דערשראָקענע געמאַכט אַ טראָט אַף צוריק.

— פאַרוואָס? מיט וואָס האָט ער זיך אַזוי פאַרזינדיקט? ער איז דאָך ניט קיין דעזערטיר?

— אַזוי? אָט הערט, וואָס ער האָט אָפּגעטאָן. מע האָט אַרויסגעשלעפּט פון זײַן בויך אַ שפּליטער, די וווּנד האָט נאָך געבלוטיקט, און ער האָט צונויפגענומען אַ קאָמאַנדע פון געזונטווערנדיקע, אַ מענטשן צוועלף, אָפּגענאַרט די עלטערע שוועסטער, צוגענומען דאָס אָנטאָן און געמאַכט די פּלייטע. מיר וואָלטן אים דאָס מוחל געווען, ווען ער זאָל כאָטש איבערלאָזן אַ בריוו. עס זײַנען אָנגעפאָרן פאַרשטייער פון „מעפּ“, „פּעפּ“, געמאַכט אויספאָרשונגען און באַשולדיקט אונדז אין דער רועד ווייסט וואָס. דער דאָקטער באַראַבאַש האָט דערפאַר אַרײַנגעכאַפּט אַן אויסרייד.

ניט געקוקט אַף דעם געשריי און אַף דער שאַרפער זשעסטיקוליאַציע, האָבן אַלע פאַרשטאַנען, אַז די שטרענגקייט פונעם דאָקטער איז אַ געמאַכטע. אינדערעמעסן האָט אין זײַנע אויגן געברענט אַ וואַרעם פײַערל.

איך האָב געקוקט אַף דעם היציקן כירורג, דעם נאַטשמעד פון שפּיטאָל איסאַק יאַקאָוולעוויטש קוגעל, כ׳האָב אים, פאַרשטייט זיך, דערקענט. אין יענע מינוטן האָב איך פאַרגעסן אין אַלע מײַנע ווייטעקן און בין געווען גליקלעך, וואָס איך בין אַרײַנגעפאַלן אין זײַן שפּיטאָל — אים האָב איך געגלייבט, ער וועט אומבאַדינגט מיך אויסהיילן, איין מאָל האָבן די דאָקטוירים קוגעל און ראַטשיק שוין מיר אומגעקערט דאָס לעבן. די שטימונג האָט זיך בײַ מיר פאַרבעסערט, דער גורל האָט אין אָט דער נײַיאָר־נאַכט מיך אַראָפּגעבראַכט צו מײַנע גוטעפרײַנט, אין דעם־אָ אַלטן שפּיטאָל, פון וועלכן כ׳בין אין סענטיאַבער ווירקלעך אַנטלאָפן אויפן פראָנט.

סאַראַ פריידיקער פרימאָרגן ס׳איז הײַנט! איך בין גליקלעך. איך געפין זיך אין די הענט פון וווּנדערלעכע מענטשן — בײַ דעם כירורג קוגעל, באַם טעראַפּעווט באַראַבאַש און נעוראָפּאַטאָלאָג קוד.

דאָס ערשטע מאָל פאַר דעם לעצטן כוידעש האָט די טעמפּעראַטור באַוויזן 38,4. אין קאָפּ האָבן מיר גלײַך אָנגעהויבן קריכן גאָר אַנדערע געדאַנקען: אָט וועל איך געזונט ווערן, זיך אומקערן אין מײַן טאַנקען־בריגאַדע און צוזאַמען מיט מײַנע פרײַנט דערגיין ביז בערלין.

קוגעל האָט צו זאַט זיך אָנגעשריגן און זיך באַרויִקט. אָט זיצט ער אַף אַ בענקעלע און לייענט „די געשיכטע“ פון מײַן קרענק און וואָרטשעט דערבײַ גוטמוטיק:

— אײַ־אײַ־אײַ, נו, איז קאָוואַלעווסקי אַ מאָלאָדיעץ! און אין אינסטיטוט איז ער געווען אַ שטילינקער. נו, כאַוועֵר פּאָדפּאָלקאָווניק, איצט וועל איך אײַך נעמען אין דער אַרבעט. פאַר אײַערע שטיק וועל איך די הויט פון אײַך שינדן, און פּרוּווט זיך נאָר זשאַלעווען און כניקען!

מיט אַ מין זשעדנעקײַט האָט זיך גענומען דער כירורג צו דער אַרבעט. זײַנע דינע פינגער האָבן געשיקט אָפּגערייניקט דעם אייטער, וואָס האָט זיך אָנגעקליבן אין דער וווּנד, און אַלץ געטאָן מיט וויסן און זיכערקײַט.

אַ מידער פון אַלע געשעענישן, וואָס זײַנען פאָרגעקומען פאַר דעם לעצטן מעסלעס, בין איך אַ באַרויִקטער געלעגן אין פּאַלאַטע. ווען מײַן מעדיצינישע שוועסטער, איך האָב שוין געוווּסט, אַז זי הייסט וואַליאַ, האָט זיך איבערצײַגט, אַז איך געפין זיך אין זיכערע הענט, איז זי אַוועקגעגאַנגען צו אירע עלטערן, וואָס האָבן געוווינט אויפן „קאַלטן“ באַרג. זי האָט זיך מיט זיי ניט געזען אַלע לאַנגע יאָרן פון קריג.

דער לאַנגער ווינטער האָט סאָפּקאָלסאָף זיך פאַרענדיקט און עס האָבן זיך אָנגעהויבן ליכטיקע פרילינג־טעג. פונקט ווי אַ קינד, פריי איך זיך מיט די וואַרעמע שטראַלן, מיט די זונהעזעלעך, וואָס שפּרינגען אַף די ווענט.

אין פּאַלאַטע זײַנען מיר איצט זאַלבעצווייט. מײַן שאָכן, וועלכן מע האָט ניט לאַנג צוריק געבראַכט אַהער, וואַסילי דובקאָוו, איז אַ קאָמאַנדיר פון אַ שיסער־באַטאַליאָן. אַ שפּליטער האָט

שטאַרק צעשעדיקט בײַ אים דעם שליסל־בײן. די ערשטע צוויי טעג האָט ער געגעבן „קאָנ־צערטן“. איצט שרײַט ער שוין ניט — די דאָקטוירים האָבן אים פאַרקאָוועט אין גיפּס. איך האָב זיך אויך באַרויִקט. פון מאַרט אָן זײַנען מײַנע ווייטעקן געשטילט געוואָרן. העכער פון 38 גראַד הייבט זיך די טעמפּעראַטור ניט אויף. פאַר די דרײַ מיט אַ האַלבן כוידעש, וואָס איך געפין זיך אין אָט דעם לאַנגן צימער, האָב איך באַוויזן באַגלייטן אַפן פראָנט פיל פאַרוווּנדעטע. און איך? איך האָב געקאָנט זיי נאָר מעקאַנע זײַן. עמעס, מע זאָגט מיר צו, אַז אין מײַ וועט מען מיך אָנהייבן אַרויסלאָזן אין סעדל זיך דורכשפּאַצירן.

אָפט לויפט צו מיר אַרײַן די מעדיצינישע שוועסטער וואַליאַ. איר איז געלונגען צו בלײַבן אַרבעטן דאָ אין שפּיטאָל. איצט קאָן זי אַלע טאָג גיין אַפן „קאַלטן“ באַרג צו די עלטערן. דעם אַלטן „נאַטשמעד“ קוגעלן איז געפעלן געוואָרן די ענערגישע שוועסטער און ער האָט איר גע־האָלפן אַריבערגיין אַף אַרבעט צו אים אין שפּיטאָל. מיט אַ צײַט צוריק איז אַראָפּגעקומען אַהער דער מאַיאָר מיט די לאַנגע וואָנצעס פונעם סאַניטאַר־צוג און געמאַכט קוגעלן אַ סקאַנדאַל — ער האָט נאָר געוואָלט צונעמען צוריק אונדזער וואַליען, אָבער בײַ קוגעלן נעמט מען ניט אַזוי פּאָשעט!..

צו מײַן שאָכן קומט אויך אַ מיידל. דאָס איז זײַנע אַ כאַווערטע נאָך פון די סטודענטישע יאָרן. רופן רופט מען זי בעלע. איר נאָמען פּאַסט זיך ניט צו אירע פײַערדיקע אויגן, צו אירע קויל־שוואַרצע האָר. בעלע איז ניט נאָר וווּנדערלעך־שיין, די נאַטור האָט זי באַשאָנקען מיט אַ גוט האַרץ, מיט טאַקט און כאָכמע. אַ מידע, פלעגט זי קומען נאָך דער אַרבעט און אונדז לייענען דזשעק לאָנדאָנס דערציילונגען, סימאָנאָווס און שטשיפּאַטשאָווס לידער, ערענבורגס אַרטיקלען. זי האָט זיך שטאַרק באַפרײַנדעט מיט וואַליען, און זיי האָבן אײַנגעשטעלט אַ גראַפיק און דע־זשורען אין אונדזער פּאַלאַטע.

די רעכטע האַנט מײַנע האָט מיך נאָך שלעכט געפאָלגט, דערפאַר האָט וואַליאַ געשריבן פאַר מיר די בריוו צו מײַנע פרײַנט פון דער טאַנקען־בריגאַדע.

איך ווייס אַלץ, וואָס עס טוט זיך אַפן פראָנט. ריבאַלקאָס אַרמיי שלאָגט זיך איצט הינטער טאַרנאָפּאָל; אונדזער בריגאַדע איז פונעם שלאַכטפעלד ניט אַרויסגעפירט געוואָרן. מיט מײַן בריגאַדע קאָמאַנדעוועט דער פּאָלקאָווניק באָראָדין. ניט לאַנג צוריק האָט ריבאַלקאָ באַזוכט די בריגאַדע, ער האָט זיך אָנגעפרעגט, ווו איך געפין זיך, זיך אינטערעסירט מיט מײַן געזונט־צו־שטאַנד, צי נייטיק איך זיך ניט אין עפּעס. אויב מײַנע כעוורע טרײַבן ניט איבער, איז דאָס מיר זייער אָנגענעם.

אין דער צווייטער העלפט אַפּרעל האָבן די דאָקטוירים זיך אַרומגעזען, אַז בײַ מיר איז אויסגעקרימט געוואָרן דער רוקנביין. זיי האָבן די דאָזיקע קרענק איידל אָנגערופן „סקאָליאָז פון רוקנביין“, דערצו האָט נאָך שטאַרק פּראָגרעסירט דער אָסטעאָמיִעליט פון די ריפּן.

אין אַ שיינעם טאָג זײַנען אַראָפּגעקומען אין מײַן פּאַלאַטע די אָנגעזעענסטע מעדיצינישע „שטערן“ פון כאַרקאָוו — פילאַטאָוו, מינקין, קאַגאַן־יאַסני. צוויי שאָ נאָכאַנאַנד האָבן זיי מיך אויסגעהערט און געקומען צום אויספיר, אַז דער רוקנביין איז בײַ מיר אויסגעקרימט, אַז דער אָסטעאָמיִעליט פּראָגרעסירט און אַז די לעבער־אָנצינדונג פאָדערט עקסטרע היילונג, דעריבער דאַרף מען מיך דעמאָביליזירן און אָפּשיקן אינעם אינוואַלידן־הויז קיין זשעלעזנאָוואָדסק.

שוין בלויז פון דעם דאָזיקן דיאַגנאָז האָט זיך מיר פאַרדרייט דער קאָפּ! דער געדאַנק, אַז איך דאַרף זיך געזעגענען מיט דער אַרמיי, אַז מיר שטייט פאָר אַרײַנפאַלן אין אַן אינוואַלידן־הויז, האָט מיך אַראָפּגעפירט פון זינען.

עס האָבן זיך בײַ מיר צעשפּילט די נערוון, און די לעבער האָט ווידער גענומען וויי טאָן. איך בין געלעגן מיט אָפענע אויגן און געקוקט אין דער פּוסטקײַט.

— ניין, ניין! — האָב איך געשריִען, — איר האָט אַ טאָעס. דודקי! איך וועל זיך אַזוי ניט אונטערגעבן, שיינע פּראָפעסאָרן מײַנע! איך וועל זיך מיט אײַך שלאָגן אַף טויט. איר ווילט, איך זאָל ווערן אַ שאָטן אַפן וועג?!

— וואָס שרײַסטו? — האָב איך דערהערט דאָס דערשראָקענע קאָל פון מײַן שאָכן. ער האָט זיך גאָר ניט געקאָנט פאָרשטעלן, אַז דאָס רעדט איך אַזוי מיט זיך אַליין.

— אומזיסט מיינען זיי, אָט די פילאַטאָווס, קוגעלס און באַראַבאַשס, אַז מיר זײַנען ניט פון דעם זעלבן שטאָל, וואָס פּאַוועל קאָרטשאַגין.

אַלץ, וואָס איך האָב יענע נאַכט אָנגעפּלוידערט, האָבן געהערט די דאָקטוירים, נאָר זיי האָבן מיר ניט געשטערט זיך אויסשרײַען.

פאַרטאָג בין איך צום ערשטן מאָל פאַר פינף כאָדאָשים, זינט איך בין פאַרוווּנדעט געוואָרן, אַראָפּגעקראָכן פון בעט און גענומען זיך שלעפּן איבערן צימער. די פיס האָבן געציטערט. מיט גרויסע שוועריקײַטן בין איך דרײַ מאָל אַרומגעגאַנגען דעם צימער. אָנבײַסן האָב איך געגעסן

דער אמעריקאנער קינסטלער ראָקוועל קענט צוגאַסט בא
ד. דראַגונסקין אין דער היים.

אָן דער הילף פון דער ניאניע. דער לעפל איז געשפרונגען אין די הענט און געקלאפט מיר איבער די ציין. איך האָב פארגאָסן דאָס העמד מיט דער טיי, וואָס מע האָט מיר געגעבן, נאָר ניט דערלאָזט, אז עמעצער זאָל מיר העלפן.

דער דאָקטער קוגעל האָט מיך אונטערגעהאלטן:

— פון הײַנטיקן טאָג אָן דערלויב איך דיר ארומשפאצירן איבערן צימער, מאָרגן וועלן מיר מאכן א ספעציעלע אײַנריכטונג אף אויסצוגלײַכן דײַן רוקנביין, נאָר מיט איין טנאַי — באנאכט ניט זידלען די דאָקטוירים, ניט שטערן שלאָפן די שכיינים און געבן א וואָרט, אז קיין זשעלעזנאָוואָדסק וועסטו פאָרן.

דער כירורג האָט געהאלטן וואָרט. איבער דער טיר האָט מען געמאכט א מין לייטערל, מיט דער הילף פון וועלכן מע האָט צען מאָל א טאָג מיך צוגעצויגן צו דער סטעליע, קעדיי דער רוקנביין זאָל זיך אויסגלײַכן. כ׳פלעג מיט די הענט זיך אָנעמען פארן ווענטל פונעם בעט און פיל מאָל זיך ציִען הין־און־צוריק. באטאָג פלעג איך ארויסראטשקעווען זיך אין קאָרידאָר און, האלטנדיק זיך פאר די ווענט, דערקלײַבן זיך צו דעם צימערל פון דער קאסטעליאנשע און דאָרט זיך פאָרען אין איר באלעבאטישקײַט. כ׳האָב אָרודעוועט מיטן פרעסל, אופגעהויבן און איבערגעטראָגן פון אָרט צו אָרט עפּעס אָן עמער, געקויקלט געוויכטן איבערן דיל — און אזוי יעדן טאָג געקעמפט מיטן סקאָליאָז. דער רוקנביין האָט סאָפקאָלסאָף זיך גענומען אויסגלײַכן. דאָס איז געווען מײַן ערשטער גרויסער זיג. מיט דער לעבער איז אויך געוואָרן בעסער, די געלזוכט איז פארשוווּנדן. איך האָב זיך אָפגעגאָלט, ארומגעשוירן און געוואָרן ענלעך אף א מענטשן.

סאָף אפרעל זײַנען אראָפגעקומען פאָרשטייער פונעם כארקאָווער מיליטער־קרײַז און דאָ, אין דער פאלאטע, מיר איבערגעגעבן צוויי אָרדענס — פון דער רויטער פאָן און פונעם רויטן שטערן און אויך פאָגאָנעס פון א פאָלקאָווניק. דאָס האָט דער קאָמאנדארם פּאוועל סעמיאָנאָוויטש ריבאלקאָ געזאָרגט, מע זאָל מיך באלוינען. ער האָט פארשטאנען, ווי דאָס וועט ווירקן אף מײַן געזונט־צושטאנד.

ווען דער פאָרשטייער פונעם מיליטער־קרײַז האָט בא מיר געפרעגט, וואָס איך וואָלט פארלאנגט, האָט דער „נאטשמעד“ געענטפערט:

— איך ווייס, וואָס אונדזער קראנקער וויל. צום אלעם ערשטן פארלאנגט ער, אז מיר, די פארהאסטע עסקולאפן, זאָלן אָפגעווישט ווערן פון דער ערד. צווייטנס, אוועקפאָרן אָדער אנטלויפן אפן פראָנט.

— בענעגייע דעם ערשטן פונקט, — האָב איך געענטפערט, — האָט איר א טאָעס, דאָס איבעריקע האָט איר געטראָפן, און צוגעבן וויל איך אָט וואָס: איך בעט אין אָנהייב מײַ מיך אָפשיקן קיין זשעלעזנאָוואָדסק. איך בין מאסקים פאָרן אין אינוואלידן־הויז.

דער 30 אפרעל איז געווען פונקט אזא טאָג, ווי די פאָריקע עטלעכע טעג — א ווארעמער, א זוניקער. מיר האָבן מיט וואסיען אָפגעגעסן פרישטיק, אָנגעטאָן די בײַקעווע כאלאטן און מיט אונדזערע שטענדיקע באגלייטער — די שטעקנס — זיך געקליבן דורכשפאצירן אינעם סעדל פון שפיטאָל. אף דער שוועל פון דער פאלאטע האָט זיך אָבער באוויזן דער הויפט־כירורג מיט נאָך עטלעכע דאָקטוירים. מיר האָבן האָפערדיק ראפאָרטירט, אז די טעמפעראטור אונדזערע איז א נאָרמאלע, זי וואגט ניט איבערשפאנען די גרענעץ פון 37, אז פילן פילן מיר זיך אויסגעצייכנט.

דער דאָקטער האָט געשמייכלט.

— נו, און מיט אײַערע פראָנט־כאווירים וואָלט איר ניט געהאט קעגן זיך באגעגענען? — און דער דאָקטער האָט געעפנט די טיר. — ביטע, באגעגנט אײַערע געסט!

אין צימער זײַנען ארײַן קאָזשעמיאקאָוו און ריקאָוו. מיר האָבן זיך געדריקט די הענט, געקושט, געקלאפט איבער די פלייצעס. די דאָקטוירים און די מעדשוועסטער זײַנען אוועקגע־

גאַנגען און אונדז געלאָזט אַליין מיט די געסט. איך האָב געפּאָדערט, אַז מײַנע פרײַנט זאָלן מיר דערציילן וועגן דער בריגאַדע, וועגן אַלץ, וואָס עס איז פאָרגעקומען פאַר די זעקס כאָדאָשים. דער אַדיוטאַנט מײַנער, קאָזשעמיאַקאָוו, האָט זיך צוגעזעצט אױפן בעטל, ניט אַראָפּגענומען פון מיר דעם בליק און דערציילט:

— דעם 23 אַפּרעל איז דאָס געווען, מיר האָבן שוין געהאַט פאַרענדיקט די שלאַכט און זיך געקליבן איבערגיין אין אַ צווייטן ראַיאָן. אָט דעמאָלט איז זי פאַרווונדעט געוואָרן, ליודמילאַ ניקאָלײַעוונאַ פּיאָדראָווואַ.

— זי לעבט? — האָב איך אַ געשריי געטאָן.

קאָזשעמיאַקאָוו האָט זיך געסטאַרעט מיך באַרויִקן, ער האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן און שטיל געזאָגט:

— צום באַדויערן... זי האָט געלעבט עטלעכע שאָ. איך האָב אַליין זי אָפּגעפּירט אין שפּי־טאָל. אָפּעריִרט האָט זי דער זעלבער קאָוואַלעווסקי, נאָר אָפּראַטעווען זי איז געווען אוממעגלעך.

אין די אויגן האָט געגומען שווינדלען, דער קאָפּ האָט זיך פאַרדרייט. אין דער פּאַלאַטע איז אַ צײַט שטיל געווען.

— מיר האָט זי גאָרנישט ניט איבערגעגעבן? — האָב איך שטיל געפרעגט.

— יאָ, כאַווער פּאָלקאָווניק, זי האָט געבעטן איבערגעבן גליקאָזע פאַר אײַער לעבער. און נאָך האָט זי אָנגעזאָגט, ליודמילאַ ניקאָלײַעוונאַ, מיר זאָלן אײַך דערמאָנען, אַז איר מוזט אויס־פילן דאָס, וואָס איר האָט איר געהאַט צוגעזאָגט. וואָס — ווייסט איר אַליין.

— יאָ, איך ווייס, פּיאָטער, איך האָב איר צוגעזאָגט זיך אומקערן אױפן פראָנט, אין דער בריגאַדע און גיין אױף מײַרעוו גראָמירן דעם סוינע.

אין דער פּאַלאַטע האָט אַ גאַנצע נאַכט געברענט די שײַן. וואַסילי איז געשמאַק געשלאָפן. קאָזשעמיאַקאָוו און ריקאָוו זײַנען געזעסן בײַ מײַן בעט און, איבערשלאָגנדיק איינער דעם אַנ־דערן, דערציילט און דערציילט.

איך האָב שוין געוווּסט, אַז די בריגאַדע אונדזערע איז באַלוינט געוואָרן מיט אַן אָרדען פון דער רויטער פאָן פאַר פאָרסירן דעם דניעפּער און פאַר אָנטיילנעמען אין באַפרײַען קיִעוו.

— איר ווייסט, וואָס דער קאָמאַנדאַרם ריבאַלקאָ האָט געזאָגט? ער האָט געזאָגט, אַז מיר, טאַנקיסטן, און אונדזער געוועזענער קאָמבאַט דראַגונסקי האָבן די דאָזיקע באַלוינונג פאַרדינט מיטן אייגענעם בלוט.

— הייסט עס, פּעטיאַ, אַז די בריגאַדע האָט מיך נאָך ניט פאַרגעסן?

— פאַרגעסן? וואָס רעדט איר, כאַווער פּאָלקאָווניק? איר וועט זײַן אַן אָנגעלייגטער גאַסט.

— אַ גאַסט?

— איר האָט מיך ניט פאַרשטאַנען, מע וואַרט אױף אײַך אין דער בריגאַדע, ווי אױף אַ קאָ־מאַנדיר.

איך האָב געוווּסט, אַז מײַנע פרײַנט סטאַרען זיך מיר זאָגן עפּעס אָנגענעמס, און איך בין זיי דאַנקבאַר געווען דערפאַר.

אין עטלעכע טעג אַרום זײַנען קאָזשעמיאַקאָוו און ריקאָוו אַוועקגעפאָרן אױפן פראָנט. מיך האָט מען אויפגעזעצט אױף אַ צופעליקן צוג, וואָס האָט מיך געבראַכט קיין זשעלעזנאָוואָדסק — אינעם „הויז פון אינוואַלידן פון דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע“.

(פאָרזעצונג קומט)

ריווע באַליאַסנע

קאַיאָרן מײַנע

אָן זון איך קאָן ניט לעבן

שוין דרײַ כאַדאָשים נאָכאַנאַנד
עס ליאַפּעט אַלץ אַ רעגן.
ווּהין פאַרשווּונדן איז די זון? —
איך קאָן אָן זון ניט לעבן!

אָן איר — דער טאָג איז ניט קיין טאָג,
באַנאַכט איך קאָן ניט שלאָפן,
ווען כ׳ווייס, ווּהין זי איז אַוועק,
איך וואָלט איר נאָכגעלאָפן.

באַזעצט זיך אַפן היכן באַרג,
וואָס נענטער צום הימל,
אַזויפיל שאָטנס אַף דער ערד,
אַז ס׳וואַקסן בערג מיט שימל!

עס איז מיר קאַלט, עס איז מיר נאַס,
איך הער ניט אויף צו הוסטן,
עס קומען צופיל שוין צוגאַסט
פאַרלוסטן נאָך פאַרלוסטן.

איך ווער איצט שיקער ניט פון ווײַן,
פון האַרבסטיק־גרויע פאַרבן.
איך זוך די זון, איך זוך די שײַן,
אָן זון איך קאָן נאָך שטאַרבן!

ס׳גייט אַף די נאַכט

ס׳גייט אַף די נאַכט.
עס לעבן אויף די זאַכן.
עס ווערט אַלץ בוילעטער
די פאָרם, דער קאָליר.
איך שלאָף ניט שאָענלאַנג,
איך האַלט אין וואַכן,
קאַיאָרן מײַנע, —
שורעס אַף קלאַווויר!

איך שרײַב דערווײַל
מיט צוגעמאַכטע אויגן,
איך וויג זיך נאָך אַף וואָגשאָלן
פון שלאָף,
נאָר ס׳ליגט שוין אַפן האַרץ
פּאַפּיר אַ בויגן,
און ס׳פּיקט זיך אויס אַ ליד —
מײַן פײַנלעך־זיסע שטראָף...

עס גרינט און געלט

עס גרינט און געלט און ברענט אין דעם אַרום.
די פאַרבן בונטעווען זיך, בונטעווען זיך שטום.
דער צוג — ער לויפט, ער שלינגט די קילאָמעטערס
און וויל ניט וויסן, צי איז גוט, צי שלעכט דער וועטער.
דערווײַטערט דיך אַלץ מער און מער פון מיר,
פּונקט ווי די שטאָט, ווּ כ׳האָב פאַרמאַכט דײַן טיר.
צי וועל איך עפענען זי ווען־ניט־איז אַפסנײַ?
צי וועט מיך דורכטראָגן ווי אָט דעם צוג פאַרבײַ?
איך ווייס ניט! זאָל עס גיין ווי ס׳גייט.
מײַן האַרץ איז ווי דער וועג איצט גרויס און ברייט,
ס׳וועט אויסגעלאָשן ווערן ביסלעכווײַז,
ס׳וועט מאָנען פרילינג־לוין, ס׳וועט ווערן קאַלט, ווי אײַז...

דערווײַל פֿלי אוף, מײַן פֿויגל, פֿון דער נעסט,
און בעט זיך מער צו קיינעם ניט אף קעסט.
גוט, וואָס דו בונטעוועסט ביז שפּעטער נאַכט,
מײַן אָסיען גייט. נאָר כ׳האָב געדולד און וואַרט.

ווען איך וואָלט גלייבן

ווען איך וואָלט גלייבן, ווי מײַן באָבע, אין א גאָט,
וואָלט איך געקניט פֿאַר אָט די ביימער טראָט
בא טראָט,
וואָס ברענען קעגן זון מיט רויט און געלֿ
אנטקעגן פֿענצטער און אנטקעגן שוועלֿ...

א מאָדנע קראַפֿט האָט איבער מיר די שיינקײַט!
זי קאָן מײַן האַרץ ביז טיפֿער טיף פֿאַרשווענקען.

צונויפֿגיסן מיט דער ארומיקער נאַטור.
מיך אָנצינדן בא זון פֿונקט ווי א ביקפֿאָרד־שנור,
און אָפּקילן אין וואַלד בא אָוונט־שאָטנס.
אין ווען בין איך אָט אזא געראָטן?
ביז איצט פֿאַרליב איך זיך פֿון ערשטן בליק,
פֿאַרקווייטלֿ זיך ווי אכצן יאָר צוריק.
די שיינקײַט ציט מיך ווי די זון א רויז.
איך שטיי פֿאַר איר אנטוואָפֿנט און אנטבלויזט.

מענטשן, זײַט גוט איינער צום צווייטן

מענטשן, זײַט גוט
איינער צום צווייטן.
נייןן, ניט דורך בלוט
הייבן זיך קווייטן.

רײַסט אויס ווי ווילדגראָז
קינע און סינע,
ס׳קאָן דען פֿאַרדראָס
פֿאַר גערעכטיקײַט דינען?

סינע — פֿאַר סאָנים,
און ניט פֿאַר קיין ברידער.
קוקט מיר אין פּאָנעם
מיט אויגן, ווי לֿידער!

ווען איך קאָן דײַן הימל ווערן

אך, מײַן ווײַטער קאַלטער שטערן,
ווען איך קאָן דײַן הימלֿ ווערן,
כ׳וואָלט געבלויט דורך די מעסלֿעסן,
וואָלסט מיך דעמלט אויך פֿאַרגעסן?!

נאָר איך בין דאָך פֿאָרט א דיכטער.
כ׳קאָן ניט זײַן קיין טראָפּן ניכטער.
כ׳קאָן ניט זײַן פֿון די געהיטע,
ווו א סרייפֿע — איך אינמיטן.

און איך וועלֿ ניט זײַן דײַן שאָטן.
ס׳איז פֿון קינדווײַז מיר פֿאַרבאָטן —
ניט דערזאָגן, היקען, שטאַמלֿען,
ווען ארום מיר שרײַען גראַמען:

בלֿויע, שוואַרצע, רויטע, גרינע,
כ׳גיי אראָפּ פֿון זיי פֿון זינען...
בלֿײַב שוין בעסער אין די לֿידער,
צווישן מײַנע שטערן־ברידער!

פֿיר הילצערנע לעפֿל

זיאַמע טאַלקאַטשאָוון געשענקט

די מאַמע פֿעסיע
געווען א פּראָסטע ייִדענע.
ניט דערשלֿאָפֿן, ניט דערגעסן,
שטאַרק געבידעוועט.
פֿאַרשטייט זיך, ניט געהאָדעוועט
דאָס הויזגעזינד מיט מאַנדלֿען.
ווי ס׳פֿירט זיך, ווי די מאָדע איז —
מיט מײַסעלֿעך געהאַנדלֿט.

באַם דאַרינק־קוואַרינק שטיבעלֿע,
וואָס טולֿיעט זיך צום בערגלֿ,
אין לֿיים האָבן געגריבלֿט זיך
זיאַמעלֿע און בערלֿ.
די קינדער קיין אײַנהאָרע ניט,
איינס קלֿענער פֿונעם צווייטן...
דער טאַטע האָט געהאָרעוועט
אף שיכן און אף קליידן.

דאָס עסן האָט געשטוקעוועט
אַליין די מאַמע פּעסיע.
די בולבעס אָנגעשפּיקעוועט
מיט קרויט פון אירע פּעסלעך.
עס האָבן מיט די אוגערקעס
געקוויקט זיך ניט זי איינע,
ציגײַנערס אויסגעמאָגערטע
געוווינט האָבן בישכיינעס.
די גוטע מאַמע פּעסיע
האָט ניט געהאַט קיין מידע
די שטאָל אָף שטאַרקע שלעסער
פאַרשפּאַרן און פאַרשמידן.
— אויב ס׳זײַנען די ציגײַנער
נאָך אָרעמער פון מיר,
וועט זײַן געוויס פיל פײַנער
זיי געבן לעפל פיר.

אויב קרויט — איז מיט א לעפל,
ווי ס׳פירט זיך אין א שטוב, —
געטראַכט באַנאַכט האָט פּעסיע
און צוגעגרייט איר גאָב.

פיר הילצערנע, פיר זוניקע,
געקויפט פאַרטאָג אין מאַרק.
„נעם, זיאַמעלע, נעם, זונעלע,
און שענק דעם פעטער מאַרק!
און זאָג: די מאַמע בעט אײַך שטאַרק,
אויב ס׳איז שוין גרויס די נויט,
ניט שלעפּן מיט די הענט באַנאַכט
די אוגערקעס, די קרויט.
מיר עסן ניט קיין אײַנגעמאַכטס,
מיר האָבן נאָר אָף ברויט,
נאָר ס׳טוט מיר ווי מײַן ווײַבערש האַרץ,
אויב ס׳לעכצט א מענטש נאָך קרויט!״

קיין סאַך באַדאַרף איך ניט

קיין סאַך באַדאַרף איך ניט, —
און פאַרט איז דאָס א סאַך.
איך דאַרף איבערן קאָפּ א ברייטן דאַך,
דעם הימל־בלוי אפילע, ווען ס׳איז
הארבסט,
און נאָענט פון מײַן האַרץ —
דײַן ווארעם האַרץ.

אָן דיר מײַן שורע
איז נאָך ניט קיין ליד,
איך בין דאָס אײַזן נאָר,
מײַן פײַער ווער, מײַן שמיד.
קיין סאַך באַדאַרף איך ניט,
איך בין ביז גאָר באַשיידן,
נאָר שאָלעם אָף דער ערד
און שאָלעם צווישןביידן.

די שטאָלענע קאַסקע

(באַלאַדע)

„דו זאָלסט טראָגן די קאַסקע
באַטאָג און באַנאַכט, —
אָט אזוי האָט געזאָגט
דער קאָמבריג נאָכן שלאַכט. —
אויב ביסט לעבן געבליבן —
דאַנק דעם שטאָלענעם הוט,
ווּעסט, מײַן קינסטלער, נאָך לעבן,
וועסט נאָך מאָלן דעם פּרוט!״

כ׳הער עס אויסעט א בלייכער,
און איך גלייב זיך ניט, נייך,
אז איך זע מיט די אויגן
אָט דאָס גראָז, אָט דעם שטיין.
ס׳איז די קויל דאָך א שויטע,
און זי פרעגט ניט „וווּהין?״
כ׳וואָלט געקאָנט דאָך א טויטער
בלײַבן ווײַט פון בערלין.
הינטער פּעשט, הינטער בודע,
אונטער יעטווידן קוסט,
כ׳וואָלט געקאָנט זיך פאַרכלינען
מיט בלוט, ווי אין הוסט.

ס׳האָט פארהיט ביזן סאָף מיך,
ווי א מין טאליסמאַן,
אָט די שטאָלענע קאסקע
אַף מאלאכאָוו־קורגאַן.
און ווי ס׳טרעפט זיך אין מײַסעס —
האָט א טאָג נאָכן זיג
מיך באגעגנט א ווײַסער
מײַן באליבטער קאָמבריג.
און ווען ער האָט די קאסקע
אַף מיר נאָר דערזען,
זיך צעשמייכלט: „וואָט שטשאסטיע!
זעסט, דער נעס איז געשען!..״

כ׳בין ווי א צווײַגעלע

כ׳בין ווי א צווײַגעלע, וואָס דרעמלט נאָך אין נעפל,
און צי זיך צו דעם שטאם מיט שלאנקן גוף.
איך זוך אים נאָך ביז איצט, דעם יוישער־עפל,
דורך נעכט פארשלאָפענע ער מאָנט עפעס און רופט.

אין שטילן גליק איז אײַנגעהילט מײַן שווײַגן.
איך פיל קיין לאסט ניט און איך ווייס קיין זינד,
און ווי א צווײַגעלע, וואָס האלט אין שטײַגן,
כ׳בין שטארקער פון א פרוי און שוואכער פון א קינד.

* * *

טרערן? —
זאָלן וויינען סאָנים —
לאָמיר לאַכן, מײַנע פרײַנט.
איציק פעפער

אזא פריילעכער יונג
אָט דער איציק פעפער.
פארשטייט אפן וווּנק,
געזאלצן, געפעפערט.
טרעט ער איבער די שוועל —
ווערט אלץ ליכטיק ארומעט,
אזא גאנג, אזא שטעל,
אז ס׳באהאלט זיך דער אומעט.
גלײַך א כאָכמע, א וויץ,
און עס הילכט א געלעכטער,
און עס טוט שוין א בליץ
א געוויטער פון ווערטער.
ס׳ווערט געבוירן א ליד,
פול מיט לײַב און מיט לעבן,
אוי, ווי איך בין א ייִד,
כ׳קאָן די לײַכטקײַט פארגעבן!
ווײַל פון יענער זײַט פּלויט
(גיי און זײַ אזא טרעפער)
ווארט דער ביטערער טויט
ניט געזאלצט, ניט געפעפערט...

זשאַן גריוואַ

דער שוואַרצער דימענט

באַלד נאָך דעם, ווי די היטלעריסטן האָבן אײַנגענומען ריגע און דער מילכאָמע־שטורעם האָט זיך אריבערגעטראָגן ווײַטער אַף מיזרעך, האָט אינעם אָרקעסטער פון דער היגער אָפּערע זיך באַוויזן מיט א דיפּלאָם פון דער דרעזדענער קאָנסערוואַטאָריע אין קעשענע דער פידלער באַראָן פאָן אָסטען־סאַקען. די קאָנסערוואַטאָריע האָט ער פאַרענדיקט מיט אַן אויסצייכענונג, און דערנאָך, ווי דאָס איז געווען צו זען פון די פילצאָליקע שריפטלעכע אָפּרופן און רעצענזיע־אויסשניטן פון פאַרשיידענע גרויס־דײַטשישע צײַטונגען, האָט ער געאַרבעט אין סימפאָנישע אָרקעסטרען, אופגעטראָטן מיט זעלבשטענדיקע קאָנצערטן און א געוויסע צײַט געשפּילט די ערשטע פידל אינעם אָרקעסטער פון דער בערלינער אָפּערע. זײַן קומען קיין אָסטלאַנד האָט דער באַראָן פאָן אָסטען־סאַקען דערקלערט דערמיט, וואָס ער פילט א גוואַלדיקן פאַרלאַנג צו טאָן עפּעס גוטס פאַרן פאָטערלאַנד פון זײַנע אורעלטערן, וואָס האָבן דאָ אַמאָל געלעבט און באַלעבאַטעוועט איבער די ברייטע שטאָכים פונעם דונדאַגער גוט, איבער שטעטלעך און דערפער. ער האָט שטאָלצירט מיט זײַן באַלטיש־דײַטשישן יִכעס און פלעגט ניט פאַרגעסן צוצוגעבן, אַז מוזיק איז איינע פון די פיל באַגאַבונגען, מיט וועלכע דער אייבערשטער האָט באַשאָנקען דעם שטאַם פון די אָסטען־סאַקענס.

ווײַל די מילכאָמע־שטורעמס האָבן א ביסל ארומגעצופּט דעם אָרקעסטער און דער נײַער מוזיקער האָט צוגלײַך מיט אַלע אַנדערע רעקאָמענדאַציעס זיך פאָרגעשטעלט פאַר א ריינבלוטיקן אַריער, איז די פראַגע וועגן אָנעמען דעם באַראָן פאָן אָסטען־סאַקען אין אָרקעסטער בי־כלאַל קיין פראַגע ניט געווען. שוין דעם זעלבן טאָג איז ער פאַרעכנט געוואָרן פאַרן ערשטן פידלער. קעדיי צו פאַרלײַכטערן די לעבנס־באַדינגונגען פונעם באַרימטן מוזיקער, האָט מען פאַר אים אויסגעטיילט א גוט־מעבלירטע ווילע אין איינעם פון די שענסטע קוואַרטאַלן פון ריגע. ער האָט האַרציק באַדאַנקט די אַדמיניסטראַציע פון דער אָפּערע פאַר דער ארויסגעוויזענער פרײַנטלעכקײַט און פאַרן קאָוועד, און אַזוי האָט פאַר דעם באַראָן פאָן אָסטען־סאַקען זיך אָנגעהויבן א נײַער פּעריִאָד אין לעבן און אין שאַפן.

די ערשטע צײַט האָבן די אָרקעסטראַנטן זיך באַצויגן גאַנץ קאַלט און צוריקגעהאַלטן צום נײַעם שטערן, נאָר אין א קורצער צײַט ארום איז די קאַלטקײַט פאַרשוווּנדן און דאָס אײַז פון צוריקגעהאַלטנקײַט איז צעשמאָלצן געוואָרן. דער נײַער מוזיקער האָט געהאַט א גוטן אינסטרומענט, און געשפּילט האָט ער פאַרהעלטניסמעסיק אָנשטענדיק. ער פלעגט זייער פּינקטלעך קומען צו די רעפּעטיציעס, מיט גרויס אופמערקזאַמקײַט און רעספּעקט נאָכגעפאָלגט דעם דיריגענט; וואָס שײַעך אַרבעט, איז ער גאָר אינגיכן געוואָרן א מוסטער פאַר אַנדערע. ער איז טאָמיד געווען עלעגאַנט געקליידט, האָט שטענדיק לײַכט געשמייכלט, איז געווען זייער קאָרעקט לעגאַבע זײַנע קאָלעגן, און וועגן זײַן אַרישער ציכטיקײַט האָט מען פון מויל צו מויל איבערגעגעבן קימאַט אַנעקדאָטן. מע פלעגט דערציילן, אַז טאָגטעגלעך, ווי נאָר ער קומט ארײַן אין דער אָפּערע, וואַשט ער קימאַט א האַלבע שאָ די הענט. יעדער איינער, וועמען ער האָט אָנגעטאָן דעם קאָוועד און געדריקט די האַנט, האָט אין איין קאָל באַשטעטיקט, אַז זײַנע הענט זײַנען די בעסטע איידעס, אַז דער באַראָן איז א געבוירענער פידלער. דאָס זעלבע האָבן געזאָגט די דיריגענטן, וואָס האָבן געהאַט דעם זכוס נאָך א גוט אָפּגעשפּילטער פּאַרטיע, אונטער די אַפּלאָדיסמענטן פונעם זאַל, אויסצוקערעווען זיך צום אוילעם און דריקן די צאַרטע האַנט פונעם ערשטן פידלער.

ניט געקוקט אָף דער קאָרעקטער האַלטונג לעגאַבע די אַרבעטס־קאָלעגן, איז דער באַראָן פאָן אָסטען־סאַקען געווען צוריקגעהאַלטן און פאַרשלאָסן אין זיך. קיין איינעם פון די אָפּערעקינסטלער האָט ער ניט געהאַט אײַנגעלאַדן אין זײַן ווילע צוגאַסט, האַגאַם ער האָט, פּונקט ווי אַלע דײַטשן, באַקומען אַ פיל גרעסערן פּראָדוקטן־פּאַיאָק ווי די אָרטיקע אײַנוווינער. זײַן צוריקגעהאַלטנקײַט און אײַנגעשלאָסנקײַט האָט מען אויסגעטײַטשט פאַרשיידן. אַ סאַך האָבן געהאַלטן, אַז ער איז גרויס באַ זיך, ווײַל אין זײַנע אָדערן פליסט אַריש בלוט, אָבער די, וואָס זײַנען געווען ליבעראַלער געשטימט, האָבן זײַן אויפירונג דערקלערט מיט דער אייגנאַרטיקײַט פון זײַן קינסטלערישן כאַראַקטער. די ערשטע האָבן פאַר זייערע בייזע צינגער גאָר אינגיכן טײַער באַצאָלט.

דאָס האָט פּאַסירט גראָד דעמלט, ווען די היטלעריסטן האָבן אָפּגעצוימט מיט שטעכדראָט אַ ראַיאָן פון ריגע און אײַנגעאָרדנט דאָרט אַ געטאָ, וווּהין זיי האָבן צונויפגעטריבן קימאַט אַלע היגע ייִדן און אויך געבראַכטע פון אַנדערע מעקוימעס. אין דעם אָפּערע־אָרקעסטער האָט נאָך אַלץ די צווייטע פידל געשפּילט דאָס יונגע, טאַלאַנטירטע שיינע און שטילע ייִדישע מיידל לייע הירשמאַן, וואָס האָט ניט לאַנג פאַר דער מילכאָמע פאַרענדיקט די קאָנסערוואַטאָריע. די דירעקציע האָט זיך שוין געקליבן זי אָפּצוזאָגן פון דער אַרבעט, ווײַל אויך לייעס עלטערן זײַנען געווען פאַרשפּאַרט אין געטאָ, ווען אָפן פינצטערן הימל האָט אומדערוואַרט אויפגעשײַנט אַ בליץ־שטראַל, פון וועלכן די גאַנצע אָפּערע איז פאַרגאַפט געוואָרן. דעם בליץ־שטראַל האָט אַרויסגערופן דער באַראָן פאָן אָסטען־סאַקען, וועלכער האָט צו אַלעמענס איבעראַשונג אָנגעהויבן אַרויסווײַזן גרויס אויפמערקזאַמקײַט דער שיינער פידלערן.

יעדן טאָג האָט ער זיך געגריסט מיט דער יונגער פידלערן, פרײַנטלעך געשמועסט מיט איר, געגעבן איר אייצעס, ווי צו דערגרייכן די העכסטע הייכן אין פידל־שפּיל, און אין אַלעמענס אָנוועזנהײַט פאָרויסגעזאָגט דער שיינער ייִדישקע אַ גלענצנדיקע צוקונפט. גערירט פון דעם באַראָנס אויפמערקזאַמקײַט, האָט לייע הירשמאַן באַשלאָסן צו פאַרטרויען אירע זאָרגן דעם נײַעם פרײַנט. זאָרגן האָבן אין די פינצטערע טעג זיך אָנגעקליבן אַ באַרג. לייע האָט געציטערט ניט בלויז פאַר איר אייגענעם גוירל, נאָר אויך פאַרן גוירל פון איר פאָטער און מוטער, וואָס האָבן שוין אַ היפּשע צײַט זיך געפונען הינטער די שטעכדראָטן פון דער געטאָ.

אינגיכן האָט זיך געשאַפן אַ געלעגנהײַט זיך דורכריידן אונטער פיר אויגן. אין איינעם אַ טאָג זײַנען זיי ביידע אין איין צײַט אַרויסגעגאַנגען פון דער אָפּערע. דער באַראָן פאָן אָסטען־סאַקען האָט זיך אָנגעבאָטן זי צו באַגלייטן, און ווען זי איז מאַסקים געווען, האָט ער געבעטן אָנטרויען אים איר פידל. לייע האָט גערן אים דערלאַנגט איר פידל, און אַ צײַט לאַנג זײַנען זיי שווײַגנדיק געגאַנגען איינער לעבן דעם אַנדערן.

— איך וויל פאַר אײַך עפענען מײַן האַרץ, הער אָסטען־סאַקען, — האָט מיט אַ ציטערנדיקער שטים אָנגעהויבן דאָס מיידל. — מעג איך עס טאָן?

דער באַראָן פאָן אָסטען־סאַקען האָט פרײַנטלעך געשמייכלט.

— ביטע, פרײַלן הירשמאַן. עפּשער קען איך באַ אײַך בעטן אַ דערלויבעניש צו רופן אײַך פרײַלן לייע?

דאָס מיידל האָט זיך פאַרלאָרן.

— פאַרוואָס ניט? ביטע...

— לייע! — האָט געשטראַלט דער פידלער. — דאָס איז דאָך ניט קיין נאָמען, נאָר מוזיק.

— אָבער זאָגט מיר אָפן, הער באַראָן, איך שרעק אײַך ניט?

— שרעק? — האָט פאַרוווּנדערט געפרעגט אָסטען־סאַקען. — פאַרוואָס דאַרף איך זיך שרעקן פאַר אײַך?

דאָס מיידל האָט אַ קנייטש געטאָן די פּלייצעס.

— איך ווייס אַליין ניט, נאָר אָף אַ סאַך וואָרף איך אָן שרעק. פריִער ניט, אָבער איצט האָט מען מוירע. איר האָט עס דען ניט באַמערקט? מײַנע קאָלעגן גיבן מיר מער ניט די האַנט, גריסן זיך ניט. מיר איז זייער שווער אַזוי צו לעבן.

— נאַרישקײַטן! — האָט געענטפערט דער פידלער, קוקנדיק דעם מיידל גלײַך אין די אויגן. — דאָס זײַנען אײַנרעדענישן.

— איר ווייסט עפּשער ניט, — האָט לייע אומזיכער געזאָגט, — אָבער איך בין אַ ייִדישקע.

אָסטען־סאַקען האָט אַ הייב געטאָן די פּלייצעס.

— פאַרוואָס זאָל איך עס ניט וויסן, פרײַלן לייע? איך האָב עס באַמערקט נאָך דעם ערשטן טאָג. האָט עס דען אַ באַדײַטונג?

לייע האָט באַהאַלטענערהייט אָפּגעווישט אַ טרער.

— מײַנע עלטערן געפינען זיך אין געטאָ, — האָט שטיל אַרויסגעבראַכט לייע. — זאָגט, וואָס וועט זײַן מיט מיר? איך האָב געהערט, אַז מע קלײַבט זיך אַרויסטרײַבן מיך פון דער אַרבעט. וואָס וועל איך דאַן טאָן? מע וועט מיך פאַרנעמען און אָפּשיקן אין געטאָ. איינער פון מײַנע פרײַנט איז שוין אַזוי פאַרפאַלן געוואָרן...

לייע האָט געוויינט.

דער באַראָן פאָן אָסטען־סאַקען האָט פאָרגעלייגט צוזעצן זיך אָף אַ באַנק באַם ברעג פונעם שטאָט־קאַנאַל.

— דאָ איז קיין איין מענטש ניטאָ. דאָ קענען מיר אָפנהאַרציק זיך אויסריידן. — ער האָט אַוועקגעלייגט אָף דער באַנק ביידע פידלען און זיך צוגעזעצט לעבן לייען. — אָט אַזוי, ווישט

אויס די טרערן און דערציילט מיר אַלץ אָפנהארציק. צוליב וואָס רעגט איר זיך אוף?

— איך האָב אײַך שוין דערציילט, — האָט געענטפערט לייע, ווישנדיק מיט א טאשנטיכל דאָס נאסע פּאָנעם, — מײַנע עלטערן זײַנען אין געטאָ. אויב מע וועט מיך ארויסווארפן פון דער אָפּערע, דערווארט מיך דער זעלבער גוירל. קענט איר מיר ניט העלפן, הארציקער קאָלעגע? איר זײַט א דײַטש, א גרויסער קינסטלער. אײַך וועט מען גלייבן. העלפט! — לייע האָט א כאפּ געטאָן דעם באראָן אָסטען־סאקענס וויכע, צארטע און ווײַסע הענט און זיי א קוש געטאָן. — איר זײַט א וווּנדערבארער מענטש, דער איין־און־איינציקער באשיצער, צו וועמען איך קען זיך ווענדן. איר שעמט זיך ניט מיט מיר, מײַדט מיך ניט אויס, איר זײַט מײַן איינציקער פרײַנט, וועמען מיר קלעקט מוט צו דערציילן וועגן מײַנע צאָרעס. זאָגט מיר ניט אָפּ אין מײַן באקאָשע, הער אָסטען־סאקען! העלפט מיר...

אָסטען־סאקען האָט פרײַנטלעך ארופגעלייגט זײַן האנט אף דער פּלייצע פון דער יונגער פרוי און געשעפּטשעט:

— בארויִקט אײַך, פרײַלן לייע, איר רעגט זיך אומזיסט אוף. איך וועל פּרוּוון זיך דערוויסן וועגן דעם שיקזאל פון אײַערע עלטערן, און... אויב עס וועט נאָר זײַן מעגלעך עפּעס צו טאָן, וועל איך...

— איך בעט אײַך, איך בעט אײַך! — האָט אויסגערופן לייע, און אירע שווארצע אויגן און שיינע ליפּן האָבן אויסגעדריקט אומענדלעכע דאנקבארקײַט דעם מענטשן, וואָס האָט אין דער פינצטערער מינוט אויסגעהערט אירע צאָרעס און צוגעזאָגט צו העלפן. — איך וואָלט אײַך אָפּגעגעבן דאָס טײַערסטע, וואָס איך פארמאָג, אויב איר וואָלט מיר געהאָלפן... איך וואָלט אייביק געלעבט און געארבעט מיט די שענסטע געדאנקען אין הארצן וועגן אײַך. וואָס איך זאָל ניט שפּילן, וועט מײַן פידל זינגען נאָר פאר אײַך, הער אָסטען־סאקען. און דאָס וועט זײַן מײַן דאנק־ליד פאר מײַן באשיצער, מײַן רעטער, מײַן איינציקער האָפענונג אין אָט דער פינצטערער לעבנס־נאכט.

אָסטען־סאקען האָט זיך נערוועז א צוק געטאָן, לייע האָט עס באמערקט און פארגעזעצט:

— איך בעט אײַך, מיינט ניט, אז איך בין סענטימענטאל. ניין, הער אָסטען־סאקען, דאָס איז ניט אזוי. איך בין גערירט פון אײַער פרײַנטשאפט און העפלעכקײַט, און איך האָב אף א ווײַלע פארלוירן דאָס גלײַכגעוויכט. אָבער אַלץ, וואָס איך האָב אײַך געזאָגט, איז עמעס. ווען איך וואָלט געקענט אײַך באווײַזן מײַן הארץ, וואָלט איר געזען, אז עס איז פול מיט פרײַנטשאפט צו אײַך, מיט דאנקבארקײַט.

— איך גלייב, ליבע לייע, — פול מיט קעגנזײַטיקן צוטרוי האָבן געקלונגען דעם באראָן פאָן אָסטען־סאקענס ווערטער. — איך וועל טאָן אַלץ, וואָס אין מײַנע קויכעס. איר דארפט, פארשטענדלעך, ניט אזוי ווייטעקדיק אַלץ איבערלעבן און אונדז שטרענג אורטיילן. דאָס דײַטשישע פאָלק האָט שרעקלעך געליטן, מע האָט בא דעם צוגערויבט זײַן לעבנס־רוים, די ערד פון זײַנע אורעלטערן, אונדזערע קאָלאָניעס. דער פירער וויל דאָס אַלץ באקומען צוריק און מער גאָרניט. מיר וועלן אײַנשטעלן אין אייראָפּע א נײַע אָרדענונג — א טויזנטיאָריקע מעלוכע פון פרידן, און אויב עמעצער וועט זיך אנטקעגנשטעלן, וועלן מיר עס ניט דערלאָזן. דעריבער קומט אויס אַן אנדערשמאָל אומזיסט בלוט צו פארגיסן. אָבער מיר זײַנען ניט שולדיק. שולדיק זײַנען אונדזערע פײַנט, און צווישן זיי אויך אײַערע פאָלקס־ברידער, לייע!

— מײַן פאָטער און מײַן מוטער האָבן קיינמאָל קיינעם קיין שלעכטס ניט געטאָן! — האָט אויסגערופן לייע. — זאָל מען באשטראָפן די שולדיקע. זיי זײַנען ניט אזעלכע!

— זייער מעגלעך, טײַערע! — זײַן שטים האָט געקלונגען פרײַנטלעך, אָבער קאַלט. — ניט אַלע זײַנען שולדיק, און אומשולדיקע וועט מען ניט באשטראָפן. נאָר טאָמער טרעפט א טאָעס אין נאָמען פון גערעכטיקײַט, דארף מען עס ניט פארורטיילן צו שארף.

— און אויב עמעצער וועט אין נאָמען פון גערעכטיקײַט אַלפּי־טאָעס אָנגרײַפן אף מיר? מעג איך דאן זיך פארופן אף אײַך?

— פארשטענדלעך, פרײַלן לייע, — האָט מאָדנע שמייכלענדיק געענטפערט דער באראָן פאָן אָסטען־סאקען. — דאָס קאָנט איר טאָן צו יעדער צײַט.

— א דאנק, הער אָסטען־סאקען! איך האָב קיינמאָל בא קיינעם גאָרנישט גענומען. מײַן פארמעגן איז מײַן פידל און מײַן מוזיק, און מער פארלאנג איך גאָרניט אין לעבן. איך האָב שטענדיק געשטרעבט צו טאָן מענטשן נאָר גוטס, אף א ווײַלע ארויסרײַסן זיי פון דער אומהיימלעכער טאָגטעגלעכקײַט און אופהייבן זיי אף די קלינגענדיקע פליגלען פון מוזיק. בייס איך שפּיל, איז מיר אַלציינס, ווער עס הערט מיך — א לעט, א דײַטש, א רוס אָדער א ייִד. בא אַלע פעלקער זײַנען פאראַן גוטע און שלעכטע מענטשן. אָבער די, וואָס האָבן ליב מוזיק, זײַנען גוטע מענטשן. ניט אזוי, הער אָסטען־סאקען?

— קיין צווייפל, — האָט געענטפערט דער באראָן פאָן אָסטען־סאקען, נערוועז קלאפּנדיק מיט זײַנע בייגעוודיקע פינגער אף דעם ווענטל פון דער באנק. — מוזיק מאכט לויטערער דעם מענטשן, מוזיק מאכט דעם מענטשן שענער, גרעסער און ווערטפולער. אמבעסטן באווײַזט דאָס מײַן פאָלק. דער גרויסער בעטהאָווען, וואגנער, וואָס איז פול מיט אטלאנטישער קראפט, דער מאגישער באך האָבן אופגעהויבן אונדזער פאָלק אף

א ניטגעזעענער הייך פון מאכט און העלדישקייַט. אָבער איצט מוז איך זיך שוין אײַלן, פרייַלן לייע, — האָט, א קוק געבנדיק אף זייַן גאָלדענעם קעשענע־זייגער, מיט גרויס באדויערונג געזאָגט דער באראָן פאָן אָסטען־סאקען. — ס׳איז געווען אן אינטערעסאנטער שמועס. פרייַלן לייע, איך האָב גוטע פרייַנט, מיר מוזיצירן אָפט. וואָלט איר אייַנגעגאנגען צו ווידמענען אונדז אן אָוונט — מיר און מייַנע פרייַנט?

— ביטע זייער, הער אָסטען־סאקען! — האָט זיך לייע אָפּגערופן. — אויב נאָר מייַן אָנוועזנהייַט וועט ניט שאָקירן אייַערע פרייַנט.

— ניין, זיי וועלן זייַן זייער צופרידן, — האָט, האסטיק אופהייבנדיק זיך פון אָרט, געענטפערט דער באראָן פאָן אָסטען־סאקען. — הייסט עס — אָפּגערעדט? איך בעט נאָר איינס — די אנדערע קיין וואָרט ניט וועגן דעם. אנדערש קאָנען נאָך אָנהייבן קלינגען אומריינע טענער אין אונדזערע פרייַנטלעכע באציִונגען. — דער באראָן פאָן אָסטען־סאקען האָט גענומען זייַן פידל און באם געזעגענען זיך א קוש געטאָן לייעס האנט. — צום ווידערזען, טייַערע פרייַלן לייע! איר האָט מיר ארויסגעוויזן א סאך קאָוועד. צום ווידערזען!

לייע איז נאָך לאנג געזעסן אף דער באנק באם ברעג פונעם קאנאל און איבערגעלעבט דאָס געשעענע. האָט מען עס דען געקענט קלערן, אז דער באראָן פאָן אָסטען־סאקען איז אזא גרויס־ארטיקער מענטש? איצט האָט זי זיך געפילט זיכערער, א סאך זיכערער ווי פריִער, ווייַל איצט האָט זי געהאט אן אָנשפּאר, א גרויסן און שטארקן באשיצער, דערבייַ אין דער פּערזאָן פון אזא מענטשן, וועמען זי האָט צוליב איר אייגענער נארישקייַט די ערשטע צייַט אויסגעמיטן און זיך פאר אים געשראָקן. איר הארץ האָט געזונגען פון אומדערוואַרטן גליק. אירע ליפּן האָבן געפליסטערט ווערטער, וואָס נאָר זי אליין האָט זיי געהערט: „האָב קיין מוירע ניט, מאמעניו, מיט מיר וועט גאָרניט געשען. איך האָב א פרייַנט, מיר וועלן אייַך ביידן, דיך מיטן טאטן, ראטעווען, און אינגיכן וועלן מיר זיך ווידער זען...“

■

די צוויי קומענדיקע טעג האָט לייע הירשמאן געשוועבט, ווי א פויגל אין בלויע ווייַטן, באַרוישט פון דער פרילינג־לופט. די אָרקעסטראנטן, וואָס האָבן געוווּסט וועגן לייעס עלטערן און וועגן דעם גורל, וואָס דערוואַרט זיי גופא, האָבן ניט פארשטאנען, וואָס מיטן מיידל האָט פּאסירט. איר פידל האָט געזונגען, געוויינט און געפרייט זיך שענער פון אלעמענס, נאָר קיינער האָט זיך ניט אָנגעשטויסן וועגן דער עמעסער סיבע פון דער אומגעריכטער ענדערונג.

דער באראָן פאָן אָסטען־סאקען איז, ווי שטענדיק, געווען גאלאנט, צוריקגעהאלטן און אין זיך פארשלאָסן. אפילע דער סאמע אופמערקזאמער באאָבאכטער וואָלט ניט געקאָנט באמערקן, אז דאָס האָט ער עס א שייַכעס צו דער נייַער שטימונג בא דער יונגער פידלערן. דער באראָן האָט לייען ארויסגעוויזן ניט מער אופמערקזאמקייַט, ווי דאָס האָט געפאָדערט דער טאקט, איז געווען צו איר ניט מער פרייַנטלעך, ווי פריִער. דאָסגלייַכן לייע. און דאָך האָבן אלע געפילט, אז עפּעס איז פאָרגעקומען — עפּעס אומפארשטענדלעכס, אָבער וויכטיקס האָט פּאסירט אין לייעס לעבן.

— גרויסארטיק, פרייַלן לייע! — האָט בייסן אנטראקט מיט אנציקונג אויסגערופן דער באראָן פאָן אָסטען־סאקען, דריקנדיק דער פידלערן די האנט. — איר זייַט אין א ווונדערבארער פאָרם.

— איך שפּיל, עס זאָל אייַך פרייען, — האָט געענטפערט דאָס מיידל און פארשעמט אראָפּגעלאָזט די אויגן, איבער וועלכע עס האָבן געפלאטערט די שווארצע וויִעס. — איר האָט מיר אומגעקערט דעם פארלוירענעם גלויבן אין לעבן.

— איר לויבט מיך איבער דער מאָס, — האָט געענטפערט באראָן פאָן אָסטען־סאקען. — הייַנט האָט איר איבערגעשטיגן זיך אליין.

לייע האָט פרייִלעך געלאכט.

— א דאנק פארן קאָמפּלימענט, הער באראָן. דער טרוים פון יעדן פידלער איז שפּילן אמאָל די ערשטע פידל.

— אויך איר טרוימט וועגן דעם? — האָט ערנסט געפרעגט דער ערשטער פידלער.

— זעלבסטפארשטענדלעך. ווי מיינט איר, איך וועל עס אמאָל קאָנען?

דער באראָן פאָן אָסטען־סאקען האָט אין פארלעגנהייַט אונטערגעהוסט.

— ק־כעם, דאָס וועט די צוקונפט באווייַזן. דאָס הייסט, איך האָב געוואָלט זאָגן, אז אלץ איז אָפּהענגיק פון אייַך אליין, פון אייַער ארבעט.

— ניין, הער באראָן, — האָט זיך אָפּגערופן דאָס מיידל און א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ שווארצע געקרייַזלטע לאָקן, — דאָס הענגט אָפּ פון אייַך, הער אָסטען־סאקען, פון אייַער שטיצע, פון אייַער גוטוויליקייַט צו מיר. איך וואַרט מיט אומגעדולד אף דעם טאָג, ווען איר וועט געפינען פאר מעגלעך צו מוזיצירן צוזאמען מיט מיר. דאָס וועט זייַן א יאָמטעוו אין מייַן לעבן.

באטראכטנדיק מיט א שמייכל דאָס מיידל, האָט דער באראָן א ווייַלע א טראכט געטאָן, דערנאָך זיך ארומגעקוקט, צי קיינער איז נאָענט ניטאָ, און שטיל א זאָג געטאָן:

— איך וואָלט וועלן, אז דער יאָמטעוו זאָל זייַן הייַנט. פארשטייט זיך, אויב איר זייַט מאסקים.

— הייַנט נאָך דער פאָרשטעלונג? — האָט געפרעגט לייע.

— הייַנט נאָך דער פאָרשטעלונג, — האָט פייַערלעך געזאָגט דער באראָן פאָן אָסטען־סאקען און שטיל צוגעגעבן: — איך וועל ארויסגיין דער

ערשטער און אײַך אָפּוואַרטן אין גאָרטן באַם פּאַנטאַן. אַף דער גאַס וועט שטיין א מאַשין. זי וועט אונדז אָפּפירן צו מיר אַהיים.

— גוט, הער אָסטען־סאַקען, — האָט לײַע צוגעשטימט און צוגעגעבן: — איך וואָלט נאָר געוואָלט צופאָרן אַהיים זיך איבערטאָן.

— פרײַלין לײַע, עס איז ניט נייטיק! — האָט אויסגערופן דער באַראָן פאָן אָסטען־סאַקען, וואָס האָט שמייכלענדיק באַקוקט לײַען. — דאָס שעמערירנדיקע אָונט־קלייד פּאַסט אײַך וווּנדערבאַר. איר זעט אין דעם אויס ווי א שוואַרצער, פינקלענדיקער דימענט.

לײַע האָט זיך הילכיק צעלאַכט:

— הער באַראָן, אײַער פּאָעטישער קאָמפּלימענט האָט מיך איבערצײַגט. גוט, אויב איר זײַט צופרידן, וועל איך פאָרן ווי איך שטיי און גיי.

— אַלזאָ, נאָך דער פאָרשטעלונג באַם פּאַנטאַן? — האָט איבערגעפרעגט דער באַראָן, און לײַע האָט געענטפערט:

— איך וועל זײַן...

■

זיי האָבן זיך צעשיידט און נאָך דער פאָרשטעלונג זיך ביידע ווידער געטראָפן אין גאָרטן פון דער אָפּערע באַם פּאַנטאַן. דער באַראָן פאָן אָסטען־סאַקען האָט געוואַרט א ביסל אין א זײַט — אינעם שאָטן פון א בוים. ווי נאָר לײַע הירשמאַן האָט זיך באַוויזן אַפן זאַמדיקן שטעגל, איז ער אַרויסגעגאַנגען איר אַנטקעגן, שווײַגנדיק גענומען בא איר דעם פידל און, לײַכט אונטערהאַלטנדיק זי אונטערן אָרעם, צוגעפירט צו זײַן מאַשין, וואָס איז געשטאַנען לעבן דעם האָטעל „רוים". איידער זיי האָבן זיך אַרײַנגעזעצט אין דער מאַשין, האָט ער אופמערקזאַם באַטראַכט די פאַרבײַגייער, קעדיי זיך צו איבערצײַגן, אַז צווישן זיי איז ניט צו זען קיין באַקאַנטן, דערנאָך האָט ער א ריס געטאָן דאָס טירל און אַרײַנגעזעצט דאָס מיידל. ער אַליין האָט זיך אײַנגעאָרדנט מיט די פידלען פון פאַרנט און באַפוילן דעם שאָפער:

— פאָרווערטס!

דער שאָפער האָט האַסטיק אײַנגעשלאָסן די מאַשין. דער מאָטאָר האָט א ברום געטאָן, און די אויטאָ, ווי זי וואָלט פון זינען אַראָפּ, האָט מיט א גוואַלדיקער שנעלקײַט א לאָז געטאָן זיך פאָרויס, ניט פאַרקלענערנדיק די שנעלקײַט אפילו אַף די גאַסן־ראָגן. לײַע האָט ליב געהאַט צו פאָרן גיך, און דעריבער האָט עס זי ניט געאַרט. עס האָט איר אויך ניט געקימערט דעם שאָפערס מיליטערישע קליידונג. דאָס איז געווען א געוויינלעכע דערשײַנונג, און אַף דעם האָט ניט געלוינט זיך צו פאַרטראַכטן. דער באַראָן פאָן אָסטען־סאַקען האָט דעם גאַנצן וועג געשוויגן. אין א מינוט פופצן אַרום האָט די מאַשין מיטאַמאָל פאַרמאַרמאָזירט.

מעכטיקע פראַזשעקטאָרן האָבן באַלויכטן א געמויערטן פאַרקן מיט אן אײַזערנעם טויער. אופגעעפנט אים האָט א היטלעריסט אין א סאָלדאַטישער אוניפאָרם, מיט אן אויטאָמאַט אַף דער ברוסט.

די מאַשין איז אַרײַנגעפאָרן אין הויף און זיך אָפּגעשטעלט.

— נו, פרײַלין לײַע, — האָט נאָכן לאַנגן שווײַגן געזאָגט דער באַראָן פאָן אָסטען־סאַקען, — מיר זײַנען געקומען.

זיי זײַנען אַרויס פון דער מאַשין. ביזוואַנען לײַעס באַגלייטער האָט געשמועסט מיטן שאָפער, האָט זי באַטראַכט די שיינע צווייִשטאָקיקע באַראָקאָ־געבײַדע, וואָס איז געווען באַלויכטן פון די מאַשין־פאַרעס. ענדלעך האָט זיך פאַרקלאַפּט דאָס טירל פון דער אויטאָ, די מאַשין האָט זיך אויסגעקערט און זיך אַרויסגעגליטשט דורכן טויער אַף דער גאַס. דער שווערער טויער האָט זיך פאַרמאַכט, און דער וועכטער האָט מיט א סקריפּ פאַרדרייט דעם שליסל. האַלטנדיק אין איין האַנט ביידע פידלען און מיט דער צווייטער עפּענענדיק די טיר, האָט דער באַראָן פאָן אָסטען־סאַקען געזאָגט:

— אָט דאָ וווין איך. ביטע, פרײַלין לײַע!

די שעמערירנדיקע קרישטאָלענע ליוסטרע אין קאָרידאָר האָט פאַרבלענדט דעם מיידל די אויגן.

— ווי העל! און איר לעבט דאָ אַליין?

— ניין, — האָט, העלפנדיק לײַען אויסטאָן דעם מאַנטל, דערקלערט דער באַלעבאָס. — מיר געהערט נאָר דער אונטערשטער שטאָק. אויבן וווינט איינער פון מײַנע יוגנט־פרײַנט דער פּאָליציי־גענעראַל שטאַלעקער. ער איז אן אײַנפלוסרײַכער מענטש, האָט גוואַלדיק ליב מוזיק און שפּילט אַליין וווּנדערבאַר קלאַוויר. הײַנט וועל איך אײַך באַקענען מיט אים. זײַט צו אים גוט און פרײַנטלעך. אַלץ הענגט אָפּ פון אים... אַלץ...

דאָס רײַכע הויז און די פרעמדע סוויווע האָבן אַזוי שטאַרק צעטומלט דאָס מיידל, אַז זי האָט ווייניק וואָס פאַרשטאַנען פון דעם אַלעמען, וואָס דער באַראָן פאָן אָסטען־סאַקען האָט גערעדט וועגן זײַן שאָכן. אין אירע אויערן האָבן געקלונגען און איר זיקאָרן האָט אײַנגעזאַפּט בלויז צוויי זאַצן: „זײַט צו אים גוט און פרײַנטלעך. אַלץ הענגט אָפּ פון אים..." און פון די צוויי זאַצן האָט לײַע פאַרשטאַנען, אַז אַף דער וועלט איז פאַראַן נאָך א שטאַרקערער מענטש, נאָך א העכערער ריכטער, איידער ער — דער באַראָן פאָן אָסטען־סאַקען. די פאַרשטייענדיקע באַגעגעניש מיט דעם ריכטער און באַגנעדיקער האָט אופגערודערט דאָס מיידל. ווי א שאָטן פון אן אַנדער וועלט, איז זי נאָכגעגאַנגען דעם באַראָן איבער די ברייטע זאַלן. זי איז געקומען צו־זיך ערשט דאַן, ווען דער באַראָן האָט זיך אָפּגעשטעלט בא א קאַמין פון

האָלענדישן קאַכל און מיט א ווונק איר געוויזן אף דער אנטקעגנדיקער וואנט, ווו לעבן א ריזיקן שפיגל האָט געשײַנט אינעם ליכט פון די ליוסטרעס א שווארצער קאָנצערט־פליגל.

— דאָ מוזיצירן מיר, — האָט געזאָגט דער באראָן פאָן אָסטען־סאקען, און אין זײַן שטים האָט דײַטלעך געקלונגען שטאָלץ, ער האָט שטאָלצירט מיט זײַן לאגע און מיט אלץ, וואָס געפינט זיך דאָ ארום. ער האָט זאָרגזאם אוועקגעלייגט די פידלען אף א סאמעטענעם דיוואַן און פאָרגעזעצט: — גענעראל שטאלעקער וועט באלד קומען צו פאָרן. ער האָט גוואלדיק א סאך ארבעט. אין דער שטאָט באהאלטן זיך נאָך אויס פײַנט פון דער נײַער אָרדענונג. מע מוז זיי אויסראמען מיט א שטאָלענעם בעזעם. דאָס איז א שווערע ארבעט, פרײַלין לייע, א פאראנטוואָרטלעכע ארבעט... פארוואָס שווײַגט איר, פרײַלין לייע? פילט זיך ווי בא זיך אין דער היים! פארשאפט מיר דעם פארגעניגן, פרײַלין לייע, און טוט א שמייכל!

לייע האָט זיך באמיט צו שמייכלען. קוקנדיק מיט פארכאָלעמטע אויגן אפן מיידל, האָט דער באראָן פאָן אָסטען־סאקען זיך אָנגערופן:

— מײַן שווארצער דימענט! איך זע אזא דאָס ערשטע מאָל אין מײַן לעבן. מײַן שווארצער דימענט! איר ווייסט דאָך אפילע ניט, אז ארײַנפירנדיק אײַך צו זיך אין הויז, בין איך באגאנגען א גרויסן פארברעכן.

— א פארברעכן? — האָט לייע נאיוו געפרעגט.

דער באראָן האָט זיך צעלאכט.

— ס'איז גוט, אז איר פארשטייט גאָרניט. די פאָרווורפן פון מײַן געוויסן בארעכטיקט דאָס באוווסטזײַן, אז צוליב אזעלכע אויצרעס ווערן אין דער וועלט געטאָן גרעסערע פארברעכנס ווי דער, וואָס איך בין באגאנגען.

לייע האָט די ווערטער אופגענומען ווי דעם באראָן פאָן אָסטען־סאקענס א געוויינלעכן קאָמפלימענט, און דעריבער האָט זי שמייכלענדיק געענטפערט:

— הער באראָן, איר זײַט א גרויסער אויסברענגער אף ווערטער. אויב איך וואָלט געגלייבט, אז אײַנלאדנדיק מיך, זײַט איר בעעמעס באגאנגען א פארברעכן, וואָלט איך די מינוט אוועקגעגאנגען, ווײַל איך וויל ניט, אז איר זאָלט צוליב מיר האָבן אומאָנגענעמלעכקײַטן.

— צוליב אײַך בין איך גרייט צו באקומען די העכסטע שטראָף, — האָט שמייכלענדיק געענטפערט דער באראָן און צוגעגעבן: — פרײַלין לייע, קומט מיט מיר! ביז די פרײַנט וועלן קומען, לאָמיר עטוואָס צובײַסן און אויסטרינקען א גלעזל גוטן ווײַן אָדער קאָניאק. זײַט אזוי גוט!

דער באראָן פאָן אָסטען־סאקען האָט געעפנט די טיר אין עסצימער. פול מיט פײַערלעכן גלאנץ און פראכט, האָט לענגויס דער גאנצער וואנט זיך געצויגן א ריזיקער בופעט פון רויט האָלץ, מיט גלעזערנע טירן. אינמיטן צימער איז געשטאנען געדעקט אף פיר פערזאָן א טיש מיט קאלטע צובײַסנס, פרוכטן און פארשיידענע געטראנקען אין פלעשער און קרישטאָלענע גראפינען. פון א זײַטיקער טיר האָט שטיל, ווי א שאָטן, זיך ארײַנגעשלײַכט א באדינער. דער באלעבאָס האָט א ווונק געגעבן, און דער באדינער איז פונקט אזוי שטיל, ווי ער איז ארײַן, ארויס פון צימער.

— זעצט זיך, מײַן ליבע, — האָט געזאָגט דער באלעבאָס, דערלאנגענדיק זײַן גאסט א שטול. — וואָס זאָל איך אײַך פאָרלייגן?

— א דאנק, איך פארלאנג גאָרניט, — האָט לייע געענטפערט.

דער באראָן האָט זיך צעלאכט אף א קאָל.

— אין אײַערע יאָרן און אין אײַער לאגע וואָלט איר באדארפט נאָך א סאך פארלאנגען, נאָר אויב איר זײַט ווירקלעך אזוי באשיידן, וועל איך אײַך פאָרלייגן ווײַן און פרוכטן. — דער באראָן האָט מיט א גרויסן טומל ארײַנגעשאָסן אין דער סטעליע דעם קאָרעק פון א פלאש שאמפאניער, אָנגעגאָסן צוויי גלעזער און אָן ווערטער אָנגעוויזן אף די טעלער מיט פרוכט: — דאָס זײַנען מאראנצן פון וואלענסיע. די שפאניער רופן זיי בלוט־מאראנצן, מיסטאמע דערפאר ווײַל זייער פלייש איז רויט. — ער האָט דערלאנגט דעם מיידל אָן אָנגעפילטע גלאָז און אָנגעקלאפט מיט זײַנער. — פראָזיט, פרײַלין לייע! פאר אײַער געזונט, פאר אײַער צוקונפט!

אָפגעצויגן א ביסל אף צוריק דעם צארטן האלדז און געקרײַזלטן קאָפ, האָט לייע צוגעטראָגן דעם קאָס צו די ליפן. אין דער בלענדנדיקער שײַן פון דער ליוסטרע האָט דער קאָס געפלאמט ווי א ברענענדיקער פאקעל.

— טרינקט דרייסט! — האָט צוגעגעבן מוט דער באראָן, אוועקשטעלנדיק זײַן פוסטן קאָס אפן טיש און נעמענדיק פון פרוכט־טעלער א גרויסן מאראנץ. פאר דער צײַט, וואָס לייע האָט לאנגזאם געצויגן דעם שאמפאניער, איז דער פרײַנטלעכער הער מיטן פרוכטמעסער אין האנט געווען באשעפטיקט מיט א שמעקנדיקער דאָרעם־פיירע. — פרײַלין לייע, איך וועל עס פארוואנדלען אין א צויבער־בלום, אין א רויטער וואסער־רויז...

— א רויטע וואסער־רויז? — האָט זיך געוווּנדערט לייע, טרינקענדיק ווײַן. — איך האָב אזא נאָך קיינמאָל ניט געזען.

— באלד וועט איר זען! און איך וועל זי פרעזענטירן אײַך, פרײַלין לייע, מײַן שווארצער דימענט. באלד וועט זי אופבליִען. באלד... — דער באגילדעטער מעסער אין דער צארטער האנט פונעם באראָן האָט ווירקלעך אויסגעפורעמט עפעס ענלעכס אף א רויטער וואסער־רויז. פארנייגנדיק זיך, האָט ער זי אונטערגעטראָגן זײַן גאסט: — ביטע!

— א דאנק, הער באראָן. וואָס פאר א שמעקנדיקע בלום!

— א בלוט־רויטע רויז, ניט עמעס, פרײַלן לייע? דערלאנגט אײַער בעכער, איך וועל אָנגיסן נאָך ווײַן. דאָס איז עכטער פראנצויזישער ווײַן.

דער באראָן פאָן אָסטען־סאקען האָט פונסנײַ אָנגעפילט די קויסעס. לייע האָט געטרונקען און זיך געפרייט מיט דער רויטער וואסער־רויז — דער צויבער־ארבעט פונעם גאסטפרײַנטלעכן באלעבאָס. זיי האָבן געשמועסט וועגן פארשיידענע קלייניקײַטן, און לייע האָט זיך דערוווּסט, אז דער באראָן מיט זײַן שאָכן, דעם פּאָליציי־גענעראל שטאלעקער, פירן דערווײַל, ביז עס וועט קומען צו פאָרן פון דײַטשלאנד דעם גענעראלס מישפּאָכע, א געמיינזאמע ווירטשאפט. וועגן זײַנע אייגענע קרוויווים האָט דער באראָן גאָרניט דערציילט, און לייע האָט אויך ניט געפרעגט. זי האָט געטרונקען שאמפּאניער, און ס׳איז איר געוואָרן זייער גוט. דאָס געפיל פון אומבאקוועמלעכקײַט און דער אומרו, וואָס האָט זי פריִער געהאט ארומגעכאפּט, זײַנען ביסלעכווײַז פארשוווּנדן. ס׳האָט זי מער ניט געשראָקן דאָס דערווארטע קומען פונעם באראָנס פרײַנט. פארקערט, זי האָט אַף זיי געווארט מיט דעם געוויינלעכן נײַגער פון א פרוי.

ענדלעך זײַנען זיי געקומען. מיט קראפט פּאָרהאקנדיק די טיר און קלאפּנדיק מיט די שטיוול אפן פּארקעט — זײַנען זיי, הויך ריידנדיק און לאכנדיק, ארײַן אין שכיינעסדיקן זאל. דער באראָן פאָן אָסטען־סאקען האָט זיך אנטשולדיקט, ער האָט איבערגעלאָזט זײַן גאסט אליין און איז אנטקעגנגעגאנגען זײַנע פרײַנט.

לייע האָט אוועקגעלייגט אפן טעלער דעם צעשניטענעם מאראנץ, מיט א טישטעכל אָפּגעווישט פון די צארטע פינגער, וואָס פארשטייען ארויסצובאקומען די שענסטע צויבער־קלאנגען פונעם פידל, די שמעקנדיקע פרוכט־זאפט און געווארט. דער אָקאָרשט דעראָבערטער געפיל פון זיכערקײַט איז פּלוצעם פארשוווּנדן. יעדער רעגע האָט געקאָנט ארײַנקומען דער העכסטער ריכטער, וואָס וועט באשליסן די פראגע וועגן איר לעבן און טויט. אַף וועלכער זײַט וועט אריבערוועגן די וואָגשאָל פון גוירל? ווען דאָ נאָענט וואָלט זיך ניט געפונען דער גאסטפרײַנטלעכער באלעבאָס און סימפּאטישער קאָלעגע באראָן פאָן אָסטען־סאקען, וואָלט לייע געוויס אזוי רויִק ניט געווארט אפן שטרענגן ריכטער און וואָלט געפרוווט אנטלויפן. לויפן? וווּהין זאָל זי לויפן, אז ארום און ארום געפינען זיך באוואָפנטע וועכטער, ארום און ארום איז טויט און פארניכטונג? ניין, שוין בעסער מיט אן אופגעהויבענעם קאָפּ ווארטן אפן אורטייל פון איר גוירל. עפשער וועט ער גאָר ניט זײַן אזוי הארב, ווי זי מיינט. עפשער וועט ער גאָר זײַן גרויסמוטיק, בארעמהארציק ניט נאָר צו איר, נאָר אויך צו אירע עלטערן און צום אומבאוווּסט ווו פארשווונדענעם פרײַנט? אין די אויערן האָט אָפּגעקלונגען די אייצע פונעם באראָן פאָן אָסטען־סאקען: „זײַט צו אים פרײַנטלעך און גוט. אלץ הענגט אָפּ פון אים. אלץ...“ און לייע האָט באשלאָסן זײַן פרײַנטלעך, זייער, זייער פרײַנטלעך.

זיי האָבן זיך דערנעענטערט. זיי זײַנען שוין געווען בא דער טיר. אָט האָט זיך די טיר געעפנט, און לייע האָט דערזען איר קאָלעגע און צוויי מאנצבלען אין היטלערישע אוניפאָרמעס. איינער פון זיי, מיט האמעטנע באוועגונגען, מיט א ברייט מויל און א צעפלאָסענעם שמייכל פון א שיכער, איז געווען אָנגעטאָן אין א שפּאָגל־נײַער אוניפאָרם פון א קאפּיטאן. דער באראָן האָט אים פאָרגעשטעלט ווי דעם העלדישן קאפּיטאן ווײַס פון דער לעטישער געהילפס־פּאָליציי. דער צווייטער, וועמעס ברוסט איז געווען באהאנגען מיט פארשיידענע היטלער־אָרדענס, איז געווען דער פּאָליציי־גענעראל שטאלעקער. ענטפערנדיק אַף די באגריסונגען, האָט לייע זיך פארנייגט און מיט א געצווונגענעם שמייכל אויסגעשטרעקט די האנט. דער קאפּיטאן ווײַס און דער גענעראל שטאלעקער האָבן אָן א באזונדער אײַנלאדונג זיך געזעצט צום טיש און גענומען זיך צו די פלעשער און צובײַסנס.

— דאָס זײַט איר עס די בארימטע פידלערן פרײַלן הירשמאן? — האָט, אָנגיסנדיק זיך בראנפן, געפרעגט שטאלעקער, און ניט ווארטנדיק אַף קיין ענטפער, פאָרגעזעצט: — איך פיל זיך גליקלעך, וואָס איר זײַט מיט אונדז. דערלויבט מיר דעם ערשטן טאָסט צו ווידמענען אײַך, פרײַלן הירשמאן, אײַער בליִענדער יוגנט און אײַער טאלאנט.

אלע האָבן אָנגעפילט און אופגעהויבן די בעכער. ווײַס האָט פון אונטערן שווערן געקוקט אַף דער פידלערן און מעשונע געשמייכלט מיטן ברייטן מויל... „עס פרייט אים מיסטאמע די מעגלעכקײַט אויסצוטרינקען“, — האָט לייע א טראכט געטאָן. זי האָט זיך אופגעהויבן און אָנגעקלאפּט די בעכער, נאָר געטרונקען האָט זי ניט. שטאלעקער האָט עס באמערקט און זיך אָנגערופן:

— ניין, ניין, פרײַלן הירשמאן, טרינקט אויס! איך זע, ווי עס ציטערט אײַער האנט. פידלער און סאָלדאטן דארפן אין איין זאך זײַן ענלעך — זייער האנט טאָר ניט ציטערן. אלזאָ, פּראָזיט! פאר אײַער געזונט, פרײַלן הירשמאן!

לייע האָט זיך דערמאָנט, אז מע דארף זײַן גוט און פרײַנטלעך צום גענעראל, און האָט אויסגעטרונקען. די געסט האָבן טייקעף ווידער אָנגעפילט די בעכער און ווידער אויסגערופן טאָסטן. לייע האָט אין איר לעבן קיינמאָל ניט געוווּסט דעם טאַם פון אזעלכע שטארקע געטראנקען,

אָבער זי האָט זיך באַמיט צו זײַן גוט און פרײַנט־לעך און האָט געטרונקען. מיט יעדן שלונג איז זי אַלץ פרײלעכער געוואָרן. יעדער קלײניקײַט האָט בא איר ארויסגערופן געלעכטער — דעם קאַפּיטאַן ווײַס׳ ברייט מויל, דעם פּאָליציי־גענע־ראַל שטאַלעקערס קרומע נאָז, די גראָוועה האָר, וואָס האָבן געשפּראָצט פונעם באַראָן פאָן אָסטען־סאַקענס אויערן. זי האָט געלאַכט דערפון, וואָס די גאַנצע וועלט איז פּלוצעם געוואָרן אזא מעשׂו־נעדיקע.

— צוהערנדיק זיך, ווי לייע לאַכט, האָט דער גע־נעראַל שטאַלעקער זיך אָנגערופן:

— פרײַלן הירשמאַן, איר זײַט פּערעכטיק. איז דען ניט וווּנדערבאַר, וואָס דער גורל האָט אײַך געשענקט דאָס גרויסע גליק — צו שפּילן פאַר דעם סאַמע אויסדערווײלטן פּובליקום פון דער וועלט?

לייע האָט אופגעהערט צו לאַכן און ערנסט זיך אײַנגעקוקט אינעם גענעראַל.

— וואָס מיינט איר עס, הער גענעראַל?

— דאָס, וואָס איך האָב געזאָגט. איר שפּילט איצט פאַר דײַטשן. די רוסן פאַרשטייען דאָך ניט קיין מוזיק. זיי פאַרשטייען נאָר צו ציִען די האַר־מאָניקע.

לייע האָט זיך צעלאַכט.

— הער גענעראַל, די האַרמאָניקע איז אַן אינ־סטרומענט, וואָס די דײַטשן האָבן צוגעטראַכט. פאַרשטענדלעך, אַף איר שפּילן אויך די רוסן. אָבער צווישן זיי זײַנען פאַראַן וווּנדערלעכע מו־זיקער, עכטע מוזיקער. איר קאָנט זיך ניט פאָר־שטעלן, ווי מע האָט אופגענומען דעם פידלער אויסטראַך, ווען ער האָט, אומקערנדיק זיך פון בריסעלער קאָנקורס, געשפּילט אין ריגע. די אָפּערע איז געווען פול געפּאַקט. פון זאַל אַף דער סצענע זײַנען אָן אופהער געפלויגן רויטע בלו־מען. א גאַנצער וואָלקן פון רויטע בלומען...

— ווער האָט דאָס אים געוואָרפן? — האָט א פרעג געטאָן דער קאַפּיטאַן און סאָפּענדיק זיך אַליין געענטפערט: — ייִדן און קאָמוניסטן!

דער גענעראַל שטאַלעקער האָט ייד אופגע־הויבן פון אָרט, פאַרלייגט די הענט אַפן רוקן און אָנגעהויבן נערוועז ארומצושפּרײַזן. לייע איז גע־וואָרן אומרויִק. זי האָט געפילט, אַז זי האָט גע־זאָגט עפּעס אַזוינס, וואָס איז דעם היכגעשטעלטן ריכטער ניט געפעלן געוואָרן, און ניט געוווּסט ווי אויסצובעסערן דעם פעלער. צום גליק האָט דער באַראָן פאָן אָסטען־סאַקען געפּרוווּט לינ־דערן די אָנגעשטרענגטע לאַגע.

— מײַנע הערן, — האָט ער געזאָגט אופשטיי־ענדיק, — פרײַלן לייע איז א מוזיקער, און אין פּאָליטישע פראַגן אָריִענטירט זי זיך שוואַך. דע־ריבער בעט איך, נעמט ניט פאַר אומגוט אירע ניט באַטראַכטע ווערטער. ווען איר וועט דערהערן די ריִרנדיקע שטים פון איר פידל, וועט איר אַלץ פאַרגעבן. לאָמיר גיין מוזיצירן, מײַנע הערן! בי־טע, פרײַלן לייע, לאָמיר גיין מוזיצירן.

ניט אראָפּנעמענדיק פון רוקן די פאַרלייגטע הענט, האָט דער פּאָליציי־גענעראַל מיטן שפּיץ שטיוול א שטופּ געטאָן די טיר, און אַלע זײַנען אריבערגעגאַנגען אין זאַל. לייע האָט געשוויגן ווי א שטומע. זי האָט פאַרשטאַנען, אַז זי איז באַגאַנ־גען עפּעס א גרויסן און פאַטאַלן פעלער, און דאָס האָט זי צעטומלט. ווײַס האָט זיך צוגעזעצט אַפן דיוואַן, ארויסגענומען א סיגאַרעט און, נערוועז בײַסנדיק אים, פאַררייכערט. לייע האָט מיט צי־טערנדיקע פינגער געעפנט דעם פידל־קאַסטן און ארויסגענומען איר אינסטרומענט. דער באַראָן פאָן אָסטען־סאַקען האָט געבלעטערט דאָס פּעקל נאָטן און א פרעג געגעבן דעם גענעראַל שטאַ־לעקער, וועלכער האָט אַן אָנגעכמורעטער זיך אוועקגעזעצט באַם קלאַוויר:

— עפּשער וועלן מיר אָנהייבן פון גריגס סאָ־נאַטן? זיי זײַנען געטלעך שיין...

דער גענעראַל האָט צוגעשטימט, און דער באַ־ראָן פאָן אָסטען־סאַקען האָט אָפּגעזוכט די נייַ־טיקע נאָטן־העפטן.

— ביטע, פרײַלן לייע, מיר קאָנען אָנהייבן.

אָנגעשטעלט די פידל, האָט לייע לאַנגזאַם זיך דערנענטערט צום קלאַוויר. פּלוצעם איז זי שטיין געבליבן. אַפן קלאַוויר איז געלעגן א הויך היט־לער־היטל מיט א בלאַנקענדיקן דאַשעק. מיסטאַ־מע האָט עס ארופגעוואָרפן דער פּאָליציי־גענע־ראַל שטאַלעקער און דערנאָך פאַרגעסן אין דעם. איבערן דאַשעק האָט געפינקלט דער דײַטשישער אָדלער, וואָס האָט אין זײַנע נעגל געהאַלטן א האָקנקרייץ. א ביסל נידעריקער באַם שוואַרצן ראַנד פונעם היטל איז אַף איבערגעקרייצטע ביי־נער געווען צוגעפּעסטיקט א גרויסער שאַרבן מיט שוואַרצע אויגן און נאָזלעכער. דער שאַרבן האָט געקוקט דעם מיידל גלײַך אין פּאָנעם ארײַן, און קעדיי אים ניט צו זען, האָט זי פאַרמאַכט די אויגן. ווען זי האָט זיי ווידער אופגעעפנט, איז דאָס היטל שוין ניט געווען. אַף דעם אָרט, ווו דאָס היטל איז געלעגן, האָט אַפן פּאָלירטן האָלץ גע־שײַנט א זילבערנע מאָנאָגראַם.

זי האָט דערקענט די צונויפגעפּלאָכטענע אוי־סיִעס. זי האָט דערקענט דעם אינסטרומענט, און פון אופרעגונג האָט זי א געשריי געטאָן:

— דאָס איז דער קלאַוויר פון מײַן פרײַנט. מיר האָבן צוזאַמען פאַרענדיקט די קאָנסערוואַ־טאָריע. ניט לאַנג צוריק איז ער פאַרשוווּנדן. זאָגט, ביטע, ווו האָט איר באַקומען דעם אינסטרו־מענט? ווו איז ער, מײַן פרײַנט? וואָס איז מיט אים געשען?

א ווײַלע האָט אין זאַל געהערשט א געדריקטע שטילקײַט. דאַן האָט דער פּאָליציי־גענעראַל שטאַלעקער מיט כּעס פאַרהאַקט דעם קלאַוויר און איז אופגעשטאַנען.

— ווײַס, רופט ארויס דעם שאָפער! מיר וועלן זי אָפּפירן... אהיים.

ווײַס איז פלינק אופגעשפרונגען און ארויס־געלאָפן אין קאָרידאָר. דער באַראָן פאָן אָסטען־סאַקען האָט דערלאַנגט לייען דעם פידל און איר געבראַכט דעם מאַנטל. די ערד האָט זיך געוויגט אונטער לייעס פיס. זי האָט אָנגעהויבן שטיל וויי־נען. פאַרשפּיליענדיק דעם מאַנטל, האָט זי דורך טרערן געפרעגט בא איר קאַלעגע:

— הער באַראָן... איר זײַט א גוטער, זאָגט מיר, איך בעט אײַך, ווו איז ער... מײַן פרײַנט?.. וואָס האָט מיט אים פּאַסירט?..

— באַרויִקט זיך, פרײַלין לייע. איך ווייס ניט... דאָס איז... א ריינער צופאַל... באַרויִקט זיך, ליבע לייע.

אין הויף האָט אָנגעהויבן רוישן די מאַשין. דער גענעראַל איז ארויסגעגאַנגען. נאָך אים זײַנען לאַנגזאַם נאָכגעגאַנגען דער באַראָן פאָן אָסטען־סאַקען און לייע. ווען זיי זײַנען ארויס אין קאָ־רידאָר, זײַנען דער קאַפּיטאַן ווײַס און דער גענע־ראַל שטאַלעקער שוין געשטאַנען אָנגעטאָנענע און געוואַרט. בא זיי אף די קעפּ האָבן געבלאַנקט די היטלער־היטלען מיט די אָדלערס און שאַרבנס.

— אײַלט זיך צו, הער באַראָן! — האָט נער־וועז א זאָג געטאָן דער גענעראַל. — מיר האָבן ווייניק צײַט.

— דערלויבט דאָס מאָל... מיר צו פאַרבלײַבן אין דער היים!

— וואָס הייסט? איר ווילט ניט באַגלייטן אײַער... דאַמע! דאָס איז ניט העפלעך, הער באַ־ראָן. טוט אָן דעם מאַנטל, און לאָמיר פאָרן!

דער באַראָן האָט אָנגעטאָן דעם מאַנטל. זיי זײַנען אַלע ארויס אין הויף און זיך ארײַנגעזעצט אין מאַשין. דער פּאָליצײַ־גענעראַל האָט פאַרנו־מען דאָס אָרט לעם שאָפער און געפרעגט:

— וווהין וועט איר אונדז באַפעלן צו פאָרן, גנעדיקע פרײַלין?

כאָטש לייע האָט געפילט די אָפענע איראָניע אין דער פראַגע, דאָך האָט זי געענטפערט:

— איך וווין בא דער דאוגאווע, אף דער ברעג־גאַס בא דער סאַמע דאוגאווע.

— פאָרויס! — האָט דער גענעראַל באַפוילן דעם שאָפער.

עס האָבן זיך פאַנאַנדערגעעפנט די שווערע טויערן, די מאַשין איז ארויסגעפאָרן פון הויף און זיך געלאָזט איבער די פוסטע ריגער גאַסן צו דער דאוגאווע. אַלע האָבן געשוויגן. נאָר לייע, פאַרזיכטיק אונטערוויגנדיק איר פידל, האָט טרוקן געשלוכצט.

די מאַשין איז מיט א געברום דורכגעלאָפן איבערן אײַזנבאַן־וויאַדוק. פון לינקס האָט אין שײַן פון די פאַרעס א בליץ געטאָן די שטעכ־דראָט־צוים פון דער געטאָ, הינטער די רויטע שפּײַכלערס פונעם צענטראַלן מאַרק האָט די מאַ־שין פאַרקערעוועט צו דער דאוגאווע.

דער טײַך האָט אויסגעזען פינצטער און טיף ווי א קיווער.

א רעגע האָט אין דער מאַשין געהערשט אן אומהיימלעכע שטילקײַט. דאַן האָט אָנגעהויבן ריידן דער פּאָליצײַ־גענעראַל שטאַלעקער. ער האָט גערעדט, ניט אומקוקנדיק זיך, פּונקט ווי ער וואָלט זיך געווענדט צו דער ווינט־שויב:

— איר ביידע פירט אָפּ די דאַמע אהיים. איך וועל צוואַרטן...

דער באַראָן פאָן אָסטען־סאַקען האָט זיך ניט ווילנדיק א דריי געגעבן:

— דערלויבט מיר צו בלײַבן אין דער מאַשין. איך פיל זיך ניט גוט.

— איך האָב נאָך קיינמאָל ניט אָפּגעשאַפן מײַנע באַפעלן, — האָט הארב א זאָג געגעבן שטאַלעקער און פאַררייכערט א סיגאַרעט.

דער ערשטער איז פון מאַשין ארויס דער קאַ־פּיטאַן ווײַס.

— די פידל לאָזט איבער, — האָט ער געזאָגט לייען, אָנעמענדיק דאָס מיידל אונטערן אָרעם און צוהעלפנדיק איר באַם ארויסשטײַגן.

— ניין, די פידל וועל איך ניט איבערלאָזן, — האָט דורך טרערן זיך אָנגערופן לייע. — הער באַראָן, זײַט אזוי גוט...

דער באַראָן פאָן אָסטען־סאַקען איז ארויסגע־שטיגן פון דער מאַשין, שאַרף פאַרהאַקט דאָס טירל און מיט א מאָדנער שטים געזאָגט:

— זאָל בלײַבן, פרײַלין לייע! זאָל בלײַבן. מאָרגן וועל איך עס אײַך... ברענגען אין דער אָפּערע.

דער פּאָליצײַ־גענעראַל שטאַלעקער האָט רויִק גערייכערט זײַן סיגאַרעט און געקוקט, ווי זײַנע פרײַנט, וואָס האָבן גענומען דאָס מיידל אונטער די אָרעמס, שפּרייזן איבער דעם אויסגעקרימטן ברוק באַם ברעג טײַך און זײַנען ווי געשפּענ־סטער פאַרשווונדן אין דער פינצטערער נאַכט.

אין א מינוט צען ארום האָבן זיי זיך אומגע־קערט. די פאַרעס האָבן ווידער אופגעלייכטן, און די מאַשין האָט זיך געלאָזט אף צוריק. דער באַ־ראָן פאָן אָסטען־סאַקען האָט געהאַלטן לייעס פידל אף די קני און אומהיימלעך געשוויגן.

— איר זײַנט געוואָרן צו באַרעמהאַרציק, — האָט זיך צעלאַכט דער פּאָליצײַ־גענעראַל שטאַ־לעקער. — איר האָט פאַרגעסן דעם באַפעל פונעם פיורער. פרײַער, אין פוילן, ווען איר האָט געדינט אין דער זיכערהײַטס־פּאָליצײַ, האָט איר אפן אויטאָמאַט געשפּילט ניט ערגער ווי אף אײַער פידל. וואָס האָט מיט אײַך פּאַסירט, באַראָן פאָן אָסטען־סאַקען?

דער באַראָן האָט געשוויגן. אָנשטאָט אים האָט געענטפערט דער קאַפּיטאַן ווײַס:

— ס'איז בלויז געווען א מאָמענט פון שוואַכקײַט, הער גענעראַל. ער איז ווידער אין דער פריִערדיקער פאָרם, אין א וווּנדערבארער פאָרם...

אף מאָרגן האָט דער באראָן פאָן אָסטען־סאקען פאר דער פאָרשטעלונג, ווי געוויינלעך, לאנג געוואשן די הענט. צו אים איז צוגעגאנגען דער דירעקטאָר און געזאָגט:

— הער באראָן, איר ווייסט נאָך געוויס ניט... פרײַלין הירשמאן איז באגאנגען זעלבסטמאָרד.

דער באראָן פאָן אָסטען־סאקען האָט זיך אזש אויסגעגלײַכט פון איבערראשונג. פון זײַנע לאנגע פינגער האָבן הילכיק אראָפּגעטריפט אין וואשטישל טראָפּנס וואסער.

— וואָס זאָגט איר! אָרעם מיידל...

— זי איז ארײַנגעשפּרונגען אין דער דאוגאווא. מיט א פאָר שאָ צוריק האָט מען באם ברעג טײַך געפונען איר קערפּער...

— מײַן שווארצער דימענט! — האָט מיט גרויס באדויערונג זיך אָנגערופן דער באראָן פאָן אָסטען־סאקען. — ווי איך האָב זי געשעצט! זי האָט פארמאָגט גרויס טאלאנט. וואָס האָט זי געשטויסן צו אזא אומזיניקן טויט!

ער האָט זאָרגזאם אָפּגעווישט זײַנע לאנגע פינגער, אָנגעטאָן דעם פראק און איז ארויס אין דער אָרקעסטער־לאָזשע. אלע זײַנען שוין געווען אף זייערע ערטער און האָבן אָנגעשטעלט די אינסטרומענטן.

נאָר בא איין נאָטן־פּולט האָט יענעם אָוונט קיין פײַער זיך ניט אָנגעצונדן און איין פידל האָט ניט געזונגען. זי איז פארשטומט געוואָרן אף אייביק. אומגעקומען צוזאמען מיטן שווארצן דימענט, וואָס איז ארויסגעריסן געוואָרן פונעם גרינעם לעבנס־רינג און ארײַנגעשלײַדערט געוואָרן אין ניט־זײַן.

פון לעטיש — י. מאלער, א. באר־מאזל

אין דער בירָאבידזשאנער געגנטלעכער ליטעראַרישער פאַרייניקונג

אין לייענזאל פון דער ביבליִאָטעק אף שאָלעם־אלייכעמס נאָמען איז פאָרגעקומען א באריכט־פארזאמלונג פון דער בירָאבידזשאנער ליטעראַרישער פאַרייניקונג. מיט א פאָרטראָג וועגן דער טעטיקײַט פון די אָרטיקע ליטעראטן איז ארויסגעטראָטן דער פאָרזיצער פון דער פאַרייניקונג וו. פאנמאן.

די בירָאבידזשאנער שרײַבער האָבן פאר די לעצטע יאָרן פארעפנטלעכט ניט ווייניק דערציילונגען, לידער, פארצייכענונגען אין די געגנטלעכע צײַטונגען „בירָאבידזשאנער שטערן" און „בירָאבידזשאנסקאיא זוועזדא", ווי אויך אין די קאנטישע פעריִאָדישע אויסגאבעס. ב. מילער, ה. ראבינקאָוו, ס. באָרזשעס, אי. בראָנפמאן, ל. וואסערמאן האָבן זייערע ווערק געדרוקט אין „סאָוועטיש היימלאנד".

לעצטנס זײַנען אין דער ליטעראַרישער פאַרייניקונג צוגעקומען פרישע קויכעס — די דיכטער־אָנפאנגער וויקטאָר שאלנאָוו, די מעדיצין־טוער איליא רעוויטש און וואָלאָדיע קאָלאָגריוו, דער פּעדאגאָג פונעם פּיִאָנערן־הויז דמיטרי פעלדמאן אא.

די שרײַבערן ליובע וואסערמאן האָט אין איר ארויסטרעטונג פאָרגעלייגט, אז די ווערק פון די אומגעקומענע בירָאבידזשאנער דיכטער ארן האָפּשטיין און הענעך קויפמאן זאָלן אײַנגעשלאָסן ווערן אין זאמלבוך „דער ליטעראַרישער בירָאבידזשאן", וואָס ווערט איצט געגרייט צום דרוק.

בירָאבידזשאן איז א שטאָט מיט פעסטע און לאנגאָניקע טראדיציעס, — האָט אָפּגעמערקט איציק בראָנפמאן. — די טראדיציעס ציִען זיך נאָך פון יענע צײַטן, ווען מיט די ערשטע עשעלאָנען איבערוואנדערער זײַנען אהער געקומען דאָוויד בערגעלסאָן, בוזי אָליעווסקי, עמ. קאזאקעוויטש, ארן ווערגעליס, יויסעף ראבין אא. אין מעשעך פון פיל יאָרן ארבעט אין דער געגנט א סטאבילע גרופּע שרײַבער.

אף דער באריכט־פארזאמלונג זײַנען אויך ארויסגעטראָטן בוזי מילער, דער יונגער דיכטער איליא רעוויטש, דער הויפּט־רעדאקטאָר פונעם געגנטלעכן קאָמיטעט פון ראדיִאָ און טעלעוויזיע מ. פרענקעל, דער פאראנטוואָרטלעכער רעדאקטאָר פון דער צײַטונג „בירָאבידזשאנסקאיא זוועזדא" יא. גורעוויטש.

אין דער ארבעט פון דער פארזאמלונג האָט זיך באטייליקט דער סעקרעטאר פון געגנטקאָם פון דער פּארטיי יו. ג. קאסאָוויטש און דער סעקרעטאר פון דער ביוראָ פון דער כאבאראָווסקער אָפּטיילונג פונעם שרײַבער־פארבאנד פון רספסר וו. נ. אלעקסאנדראָווסקי.

די אָנטיילנעמער פון דער פארזאמלונג האָבן אויסגעוויילט א נײַע ביוראָ פון דער ליטעראַרישער פאַרייניקונג (פאָרזיצער — בוזי מילער).

נאָך דער וואל־פארזאמלונג איז פאָרגעקומען א גרויסער ליטעראַרישער אָוונט.

● ● ●

לייע גארבער־קאָווענסקע

דאָס, וואָס ס'האָט זיך פאַרגעדענקט אַף אייביק

אלע ווייסן, וואָס מילכאָמע איז, אָבער מע מוז נאָכאנאנד איבערכאַזערן, אז מילכאָמע ברענגט דערנידעריקונג, טויט, אויסראָטונג. שאָלעם — הייסט לעבן, פרייען זיך, ליבן, זען זון־אופגאנג און זון־פארגאנג.

די זיכרוינעס פון לייע גארבער־קאָווענסקע קלינגען ווי א וואָרענונג, אז בלוטדאָרשטיקער ווילקיר דארף זיך אָנשטויסן אף אומבייגזאמען ווידערשטאנד.

עס גליווערט דאָס בלוט פון די שורעס, וואָס דערציילן, ווי יעסוימים שפילן זיך אין געטאָ, ווי פארורטיילטע ליגן אפן מארק און ווארטן... ווי א מיידל רירט זיך פון זינען ניט ווײַט פון די גריבער, ווי זי רופט מעכוטאָנים אף איר כאסענע...

לייע גארבער־קאָוועסקעס זיכרוינעס — דאָס איז ניט קיין ליטעראריש ווערק, ס'איז אליין דאָס קאָל פון צאפלדיקע נעשאָמעס. טאקע דעריבער לאָזן זיי זיך ניט באהאנדלען. עס איז אומגלייבלעך, אז א מענטש האָט אזעלכס געקאָנט איבערלעבן. ס'איז א וווּנדער, ווי אונדזערע הערצער נעמען ארײַן אזוינע טראגישע ניסיוינעס — זיי האמערן אויס אונדזער אייביקן ווייטעק און צאָרן...

שירע גאָרשמאן

דאָס צעטל פון די זיבן

די דײַטשן זײַנען צו אונדז ארײַן אפן זעקסטן טאָג פון דער מילכאָמע. פון אונדזער שטעטל דיאטלאָוואָ (אף יידיש זשעטל) האָט זיך אײַנגעגעבן צו אנטלויפן נאָר עטלעכע געציילטע יונגעלײַט.

די מערדער זײַנען ארײַן אין שווערע שטיוול אף אײַזערנע טשוועקעס, געקומען ווי זיגער.

איבער די גאסן האָבן זיך געצויגן שערענגעס טאנקען, הארמאטן, מאשינעס. מיר האָבן גלײַך דערפילט דעם רייעך פון בלוט און טויט.

יעדערער איז געוואָרן נידעריקער, אײַנגעשרומפן.

פון גראָדנע זײַנען געקומען צו לויפן צו אונדז באקאנטע און כאוויירים. ווער אין נאכט־וועש, ווער באָרוועס — מע איז ארויס אין וואָס דער אומגליק האָט געטראָפן. אין וועג האָט מען פארלוירן קינדער, עלטערע מענטשן.

דאָס זײַנען געווען די ערשטע קאָרבאָנעס.

די פאשיסטן האָבן גלײַך אײַנגעאָרדנט א שפיטאָל פאר זייערע לײַכט־פארוווּנדעטע. מע האָט מאָביליזירט מעד־פערסאָנאל. מײַן ברודער — א מעדיקער — האָט געהאט „דאָס גליק“ איבערצובינדן די וווּנד בא א זשאנדארם.

פונעם היגן קסיאָנדז האָב איך זיך דערוווּסט, אז איך בין ארײַנגעטראָגן אין א צעטל פון זיבן מענטשן, וועלכע די הענקער קלײַבן זיך צעשיסן די ערשטע. איך האָב נאָך ניט באוויזן א טראכט צו טאָן, וואָס פאר אן אייצע זיך צו געבן, ווי דער זשאנדארם, וועמען מײַן ברודער האָט איבערגעבונדן די וווּנד, איז געקומען מיך נעמען. ווען איך האָב דערהערט די שווערע טריט פון זײַנע שטיוול מיט די אײַזערנע טשוועקעס, בין איך ארויסגעשפרונגען דורכן פענצטער און זיך באהאלטן אין די קוסטעס פון בעז. דער זשאנדארם האָט זיך באגריסט מיט מײַן ברודער און געזאָגט, אז ער וויל זען לייע די קאָמסאָמאָלקע. מײַן ברודער האָט אים דערקלערט: אז די „קאָמסאָמאָלקע“, וועגן וועלכער ער פרעגט, איז אלט פיר און פערציק יאָר, מיסטאם איז דאָס עפּעס א טאָעס. דער זשאנדארם איז אוועק, צוזאָגנדיק פארן אוועקגיין: „איך קאמע נאָך“. אוועק איז ער, ווי מיר האָבן זיך שפּעטער דערוווּסט, צו מײַנער א כאווערטע נעמען איר טאָכטער.

דינעלע — אזוי האָט געהייסן מײַן כאווערטעס טאָכטער.

אין 1939 יאָר, ווען די פּוילישע ארמיי איז אָפּגעטראָטן און די רויטע ארמיי איז געווען א צען קילאָמעטער פון אונדז, האָט דינעלע זיך ארויסגעגאנוועט פון שטעטל און אוועק אנטקעגן די רויטארמייער. צוריק איז זי ארײַנגעפאָרן אף א טאנק מיט א רויטער פאָן אין האנט.

ווען עס איז געקומען אף אונדז די בלוטיקע כמארע, האָט דינעלע ניט באוויזן צו אנטלויפן. זי איז אויך געווען אין צעטל פון די זיבן. דער

ל. גארבער־קאוונסקע

זשאנדארם האָט זי געטראָפן אין דער היים און פארנומען. דאן האָט איר מאמע געזאָגט, אז זי גייט אויך מיט איר. דער זשאנדארם איז ניט געווען דאקעגן. אזויארום, האָט די צאָל זיבן... געשטימט.

אָף מאָרגן זײַנען געווען אויסגעקלעפּט בלעט־לעך, אז פאר קאָמוניסטישער טעטיקייט זײַנען דערשאָסן געוואָרן זיבן מאַן. אין דעם צעטל איז געווען אויך מײַן פאמיליע־נאָמען.

דאן ערשט האָבן זיך אָנגעפאנגען מײַנע וואנ־דער־ליידן: ווו געטאָגט — ניט גענעכטיקט. איך האָב מוירע געהאט פאר יעדן מענטש, פאר די אייגענע פיר ווענט. אפילו די הונדערט גראם ברויט א טאָג, וואס מ׳האָט ארויסגעגעבן, האָב איך ניט געקראָגן, ווײַל איך בין דאָך געווען פאַ־רעכנט פאר א טויטער.

באקאנטע פויערים פון דעם דאָרף, ווו מײַן מאַן איז געבוירן, פלעגן אונדז ברענגען אין טאָרבע ווער א שטיקל ברויט, ווער א שטיקל פעטס. באטאָג פלעג איך זיך באהאלטן אין די בייטן פון גאָרטן, אין שטאל, אָפן בוידעם.

די מערדער האָבן ראבירט אלץ, וואס איז זיי געקומען אונטער דער האנט. איינמאָל איז מיט זיי אינײנעם צו אונדז אין הויף ארײַנגעגאנגען א פאסטאָר — ער איז נײַגעריק געווען צו זען יידן. ער האָט מיך געפרעגט, צי איך פארשטיי דײַטש. זיך דערוווּסט, אז יאָ, האָט ער זיך דערפרייט, פרום צונויפגעלייגט די הענט און געזאָגט:

— דער ליבער גאָט וויל, אז די ערד זאָל זײַן ריין פון יידן! דער פיורער איז א הייליקער מאַן, און דורך אים ווערט גאָטס וווּנטש אויסגעפירט ווערן. איר זײַט פאַרורטיילט, די ערד מוז ריין ווערן פון אײַך. זשאלעווע ניט דאס, וואס אונד־זערע ליבע, טרײַע זיגער נעמען צו בא דיר, דו וועסט עס סײַוויסײַ לאָזן...

ווען די הענקער זײַנען ארײַן אין שטעטל, האָבן די הינט און די קעץ אופגעהויבן א יאָמער־לעכן געוואָי. די באשעפענישן האָבן ווי געפילט דעם טויט, פונקט אזוי ווי מיר. נאָר מיר, מענטשן, האָבן פארטײַטעטע געשוויגן, זיי אָבער האָבן ניט פארשטאנען, אז זיי דארפן שווײַגן. מיט דער צײַט איז דער געוואָי פון די הינט מיט די קעץ שטילער געוואָרן, דערנאָך אינגאנצן פארשוווּנדן. די מערדער האָבן אויסגעראָטן אלע באלעכאַים, זיי זאָלן ניט שטערן דעם זיג־מארש „נאָך מאָסקאו״. עס איז געוואָרן הינט־ריין, קאץ־ריין... ריין פון יעטווידן לעבן... ווי די היטלער־פראָגראם טוט לערנען...

אן אומגעריכטע באגעגעניש

די קיך פון די דײַטשן איז געווען אין שכיינעס־דיקן הויף. מײַן זון פלעגט שטיין פונדערווײַטנס און קוקן, ווי זיי באלעבאטעווען. איינער א דײַטש איז צו אים צוגעגאנגען און געפרעגט:

— ווער ביסטו?

מײַן זון שווײַגט.

— ביסטו א רוס?

מײַן זון שאָקלט מיטן קאָפּ אָף ניין:

— איך בין א יודע.

— אָך, שאדע, שאדע, שיינעס קינד, קום מאָרגן פרי אהער.

אָף מאָרגן האָט ער אים ארײַנגערוקט א פּעקל און א געשריי געטאָן:

— לוס! לויף!

אין פּעקל איז געווען עסנווארג.

ווען די דאָזיקע מיליטערישע טייל האָט זיך געקליבן פאָרן ווײַטער, האָט דער דײַטש, וואס האָט אונדז געשענקט דאָס ביסל עסנווארג, גע־בעטן מײַן זון, ער זאָל אים ווײַזן זײַן מוטער. איך האָב באשטימט זיך מיט אים צו טרעפן, גע־מיינט, עפּשער וועל איך זיך עפּעס דערוויסן, וואס ס׳טוט זיך אָפן פראָנט. מיר האָבן זיך בא־געגנט. דער דײַטש איז געקומען מיט זײַנעם א כאַווער.

זיי האָבן געזאָגט:

— מיר פילן אײַך זייער מיט, די לאגע איז א שרעקלעכע, מע וועט אײַך פארניכטן. אום גאָ־טעס ווילן ראטעוועט זיך!

— ווי׳אזוי? — פרעג איך.

— שלים, שלים, גייט אין וואלד...

דער דײַטש האָט אויסגעטאָן א שטיוול און פון אונטער דער סטעלקע ארויסגעצויגן זײַן פארטיי־בילעט. ער איז געווען א מיטגליד פון

דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. מיר האָבן זיך וואַרעם צעזעגנט.

מע האָט פאַנאַנדערגעוואָרפן פּלוגבלעטלעך, אַז סעוואַסטאָפּאָל איז געפאַלן. עס איז באַ אונדז דאַן געווען יאָמקיפּער. קליין און גרויס האָבן געוויינט. נאָר ס'האָבן זיך אויך דעמלט געפונען מענטשן, וואָס האָבן פאַרגעזאָגט:

— וואָס ווײַטער זיי גייען, אַלץ גרעסער וועט זײַן זייער בראָך.

אָבער ווי דערלעבט מען צו יענער צײַט? דערווײַל האָבן די הענקער אויסגעכאַפּט פופציק מענער — די גאַנצע אינטעליגענץ פון שטעטל — און זיי דערשאָסן.

סאָרעלע

דער יודנראַט האָט אַרויסגעשיקט מישפּאָכעס אין דאָרף אַף וואַלד־אַרבעט. איך מיט מײַן מאַן און זון זײַנען אויך געפאָרן. מיט די דײַטשן האָבן מיר דאָ ניט געהאַט צו טאָן. מיר האָבן געהערט צו דעם דאָרפישן פּאָליציי־באַצירק. דער קאָמענדאַנט פון דאָרף איז געווען מײַן מאַנס אַ גוטער באַקאַנטער. עס איז געווען אַ צײַט, ווען מײַן מאַן האָט פאַר אים אַ סאַך גוטס געטאָן. דער קאָמענדאַנט האָט אונדז פאַרזיכערט, אַז אונדז וועט דאָ קיין שום שלעכטס ניט געשען. דער מאַן און דער זון האָבן געאַרבעט אין וואַלד, איך האָב באַדינט די מישפּאָכע פונעם וואַלד־וועכטער. געקאָכט, געוואַשן וועש, געראַמט.

דינעלע (די ערשטע פון רעכטס אין דער צווייטער ריי) צווישן קינדער פון זשעטל.

...באַנאַכט האָב איך דערפילט, ווי עמעצער גייט אַרום לעם אונדזער שטוב. פון קיין רויִקן שלאָף האָב איך ניט געוווּסט, איך פלעג וואַכן איבער מײַן מאַן און מײַן זון. כ'בין פאַרגליווערט געוואָרן פון שרעק: ווער קאָן דאָס זײַן, עפּשער דײַטשן? אונדזער באַלעבאָס האָט ערגעץ אין דאָרף געשיקערט מיט פּאָליציי — עפּשער האָט ער זיך עפּעס וואָס אַרויסגערעדט?

די באַלעבאָסטע איז אויך אויפגעשטאַנען.

— ווער איז דאָרט? — האָט זי געפרעגט.

אַ שטילער קלאַפּ אין טיר, אַ קינדערשע שטים בעט זיך:

— האָט ראַכמאָנעס, לאָזט אַרײַן.

די באַלעבאָסטע האָט געעפנט.

אַף דער שוועל האָט זיך באַוויזן אַ צעשראָקן מיידעלע מיט אַ פּעקעלע אין האַנט. איך האָב זי גלײַך דערקענט.

— סאָרעלע, טײַערינקע, ווי קומסטו אַהער באַנאַכט? אַזאַ ווײַטעניש, דורך אַזוינע וועלדער? זי האָט זיך פאַנאַנדערגעוויינט.

— די מאַמע האָט געבעטן, איר זאָלט מיך ניט אָפּשיקן צוריק, אין שטאָט איז אומרויִק, עס פאָרן דאָרטן געפאַקטע מאַשינעס מיט דײַטשן. די מאַמע האָט מוירע, זיי קאָנען נאָך מאַכן אַ שכיטע. דאָ, אין דאָרף, איז דערווײַל געווען רויִק.

סאָרעלע האָט דערציילט, אַז די מאַמע האָט זי באַגלייט ביז עק שטאָט, געוויזן דעם וועג. באַטאָג איז סאָרעלע געזעסן אין וואַלד, באַנאַכט געגאַנגען מיט וואַלד־סטעזשקעס. אָפט האָבן פּויערים איר געוויזן דעם וועג, עס זײַנען געווען אַזוינע פּויערים, וואָס האָבן זיך אויך באַהאַלטן אין וואַלד, געשלאָפן מיט איין אויג. אַזוי איז סאָרעלע געקומען אין דאָרף. זי האָט זיך פאַרטרויט אַ פּויערטע, איר געזאָגט, וועמען זי זוכט דאָ, און די פּויערטע טאַקע האָט סאָרעלען צוגעפירט צו דער שטוב, וווּ איך האָב געוווינט.

סאָרעלע האָט פון קליינווײַז אָן זיך געכאַווערט מיט מײַן ייִנגל. מע האָט זיי גערופן כאָסן־קאַלע. און מיר, מאַמעס, האָבן געטרוימט צו ווערן מעכוטענעסטעס...

אין געטאָ

עס איז אַרויס אַ באַפעל, אַז די אַרבעטער פון וואַלד דאַרפן פאָרן אין שטאָט אַרײַן בײַטן די שײַנען. מיר האָבן שוין פאַרשטאַנען, וואָס דאָס באַטײַט. געטאָ.

שווער איבערצוגעבן וועגן לעבן אין געטאָ. עס איז געשטאַנען אַ שטיל געשריי, פול מיט אומגליק. יעדן טאָג פלעגן זײַן נײַע קאָרבאָנעס, ווער ס'איז געפאַלן אַף דער אַרבעט, ווער סטאַם אַזוי.

די קוילערס האָבן געפאָדערט, מע זאָל פאַר זיי אײַנאָרדענען ווינונגען מיט פולן קאָמפאָרט: מיט באַדינונג, מיט טעפּיכער, מיט בילדער. דער

זאַנדערפּיורער, גלאַבקע, אַזוי האָט ער געהייסן, האָט זיך אויך גאַנץ וואַרעם אײַנגעאָרדנט. אַלס געליבטע איז בא אים געווען איינע א זאַסיע ווײַגא, וועלכע האָט אַף זיך גלײַך אָנגעטאָן די פעל פון א דײַטשקע. פאַר זאַסיען האָט די גאַנצע שטאָט געציטערט נאָך מער ווי פאַרן זאַנדערפּיורער. מע האָט מוירע געהאַט, כאַלילע, איר קאָווּעד אָנרירן. אפילע פאַר איר טאַטן דעם שיקער האָט מען אויך געציטערט. באַדינערנס אין שטוב האָט די גרויסאַרטיקע פּריצע זאַסיע אַליין אָפּגעקליבן. טאָמער איז אַרײַנגעפאַלן אין אירע לאַפּעס א שיין מיידל, האָט שוין יענע געהאַט א פינצטערע און א ביטערע אויסקומעניש, וואָרעם שענער פון זאַסיען האָט קיינער ניט געטאָרט זײַן.

צו דער זשאַנדאַרמעריע האָט מען אויך צוגעשטעלט אַף באַדינען יונגע מיידלעך. צווישן די מיידלעך, וואָס האָבן באַדינט די זשאַנדאַרמעריע, איז אויך אַרײַנגעפאַלן מײַן שוועגערן בעלע. זי איז געווען די הויף־ווירטן. אפן הויף פון דער זשאַנדאַרמעריע האָט זיך געפונען א סקלאַד פון טראָפּיי־געווער, מיט וועלכן ס'האָט פאַרוואַלטעט א יונגער דײַטש. מײַן שוועגערן איז אים זייער געפעלן געוואָרן. קעדיי צו דערווײַזן, אַז ער האָט זי טאַקע בעעמעס ליב, פלעגט ער איר געבן טיילן פון געווער. די מיידלעך פלעגן זיך שוין אָן אייצע געבן, וויאַזוי דאָס אַרויסצוטראָגן פון זשאַנדאַרמעריע־הויף.

לעבן יודנראַט

עס איז אַרויס א באַפעל, אַז ייִדן דאַרפן אָפּגעבן געלט, גאָלד, זילבער, בריליאַנטן, ווערטפולע פּאַפּירן, קופּער. פאַר ניט אויספילן די פאַראָרדענונג — טויט־שטראָף!

די אַריער האָבן פאַרזיכערט דעם יודנראַט, אַז זיי ווילן די מענטשן קיין שלעכטס ניט טאָן, זאָל מען אַרבעטן און זײַן רויק. פאַרשטייט זיך, אַז א כײַע־שאָ איז אויך גוט, וואָס פאַר א ווערט האָט גאָלד, געלט, אַבי נאָר א ביסעלע לעבן. עס קאָן דאָך טרעפן א נעס, און זיי ווילן אונדז טאַקע ניט טשעפּען.

האָט מען זיך לעבן יודנראַט אויסגעשטעלט אין א ריי, און לויט א צעטל, וואָס די ראַצכים האָבן געלייגט, האָט יעדערער אָפּגעגעבן, וואָס ער האָט געהאַט. פלוצלינג האָט מען אַרויסגעפירט א פרוי מיט א קינד אפן גאַנעק, און א דײַטש האָט געמאָלדן, אַז ער האָט בא דער פרוי אין קעשענע געפונען צירונג, וואָס זי האָט געפּרוּווט אויסבאַהאַלטן, דעריבער מוז זי לויטן געזעץ דערשאָסן ווערן.

די פאַרמישפּעטע איז געשטאַנען ווי א פאַרגליווערטע. צו איר איז נאָך ניט דערגאַנגען די געפאַר. דאָס איז געווען אַזוי שרעקלעך, אַז דער מאַרך אין אונדזערע ביינער איז פאַרקילט געוואָרן. עס איז ניט איבערצוגעבן דעם שוידער, וואָס האָט אונדז אַרומגעכאַפּט, ווען די פרוי האָט ענדלעך באַנומען, וואָס עס דערוואַרט זי, און האָט אָנגעפאַנגען בעטן, מע זאָל זי ניט אומברענגען. זי האָט געשריגן צו אונדז: „ייִדן, זאָגט אים, דאָס איז ניט מײַן צירונג. פונוואַנען האָב איך צירונג!"

דער אוילעם האָט געוויינט.

די מערדער האָבן די מוטער אָפּגעריסן פונעם קינד, געהייסן איר זיך שטעלן צו דער וואַנט. דאַן...

אירע גוואַלדן האָבן זיך צעטראָגן ווײַט־ווײַט. נאָר לאַנג האָט עס ניט געדויערט. צוויי שאָס — און... שטיל. אין דער טויטער שטילקייט האָבן ייִדן געטראָגן זייער פאַרמעגן, וואָס זיי האָבן געיאַרשנט פון דורעס.

מע ברענגט אום די ציגײַנער

בא אונדז אין שטעטל איז געווען א ציגײַנער־גאַס. די ציגײַנער האָבן געהאַט שיינע הײַזער. זיי זײַנען ניט געווען קיין וואַנדערער, זיי האָבן זיך פאַרנומען מיט ערד־אַרבעט, געווען באַפרײַנדעט מיט די שטעטלשע ייִדן. ווען מע האָט די ציגײַנער אַרויסגעפירט אַף מאַשינעס פונעם שטעטל, האָבן זיי געשריגן: „ייִדעלעך, ראַטעוועט אונדז! ייִדן, האָט ראַכמאָנעס! איר ווייסט דאָך, וואָס מע דאַרף טאָן..."

זיי האָבן געמיינט, אַז ייִדן קאָנען אויך איצט עפּעס פּועלן, ווי בייס דער ערשטער וועלט־מילכאָמע: פאַר א פעטער הון אָדער א שטיק שפּעק האָבן יענע דײַטשן געקאָנט אָפּגעבן א האַלבע מעלוכע.

ייִדן זײַנען געשטאַנען מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ. זיי האָבן געטראַכט: „הײַנט איר, מאָרגן מיר".

מע האָט נאָכדעם דערציילט, אַז די ציגײַנער האָבן פאַרן טויט א גאַנצע נאַכט... געטאַנצט און געזונגען.

בא די ראַצכים אין די הענט

מיר האָבן געגרינדעט א קרײַז, וואָס האָט זיך געגרייט אוועקצוגיין אין וואַלד. מיר האָבן געקליבן וואַרעמע זאַכן, מעדיקאַמענטן, געווער. צווישן אונדז איז געווען א רוסישער קריגסגעפאַנגענער, וואָס האָט זיך אויסבאַהאַלטן אין שטעטל. ער האָט געזאָגט, אַז ניט ווײַט פון שטאָט, אין וועלדל, איז דאָ א גרוב, ווו ער מיט

זײַנעם א כאווער האָבן באגראָבן געווער, ווען זיי זײַנען אָפּגעטראָטן. דער געפאנגענער האָט געקענט ניט מער ווי איין מענטשן פון אונדזער קרײַז, ווײַל קיין גרויסן צוטרוי האָבן מיר צו פרעמדע ניט געהאט. פארנאכט איז דער געפאנגענער מיט אונדזער כאווער אוועק אין וואלד. זיי האָבן טאקע געפונען די גרוב מיטן געווער, אָבער זיי זײַנען ארומגערינגלט געוואָרן פון דײַטשן. ווי עס האָט זיך ארויסגעוויזן, איז דער „געפאנגענער" געווען אן אונטערגעשטעלטער שפּיאָן. מע האָט אים לעפּאָנעם ארעסטירט, און אין א פּאָר טעג ארום ארויסגעלאָזן. דעם כאווער אונדזערן האָט מען געפּײַניקט, ער זאָל אויסגעבן די איבעריקע. ער האָט אָבער גוט געוווּסט, וואָס פאר א געפאר עס דראָעט די איבעריקע מיטגלידער פון קרײַז, און קיינעם ניט אויסגעגעבן.

מע האָט אים געהאלטן אין דער זשאנדארמעריע, אין א קאמערע אפן ערשטן שטאָק, וווּ די פענצטער זײַנען געווען פארגראטעוועט, אָבער קיין שויבן זײַנען ניט געווען. זײַן פענצטער איז געווען צו דער גאס. אין איינעם א טאָג, ווען זײַן שוועסטער איז פארבײַגעגאנגען לעבן פענצטער, האָט ער איר אין א שטיקל לײַוונט פון העמד ארויסגעוואָרפן זײַנע ציינער, וועלכע מע האָט אים אויסגעהאקט בייס דעם פארהער. קעדיי ניט ענטפערן די ראָצכים, האָט ער עטלעכע טעג געהאלטן די אויסגעהאקטע ציין אין מויל. קיין קויל האָבן די גאָרגלשנײַדער אף אים ניט אויסגעבראכט. זיי האָבן אים צעריסן אף שטיקער.

די מיידלעך, וואָס האָבן באדינט די זשאנדארמעריע, האָבן עס אונדז דערציילט.

די ערשטע שכיטע

דעם 28 אפּרעל 1942 האָט דער יודנראט באקומען א באפעל צושטעלן די אָקופּאנטן א צעטל פון קראנקע, קינדער און אלטע לײַט.

דאָס איז געווען אונדזער ערשטער גרויסער בראָך.

דער פּרעזעס פון יודנראט איז באנאכט פארשווּנדן. דאָס איז געווען אן אינטעליגענטער יונגערמאן. אן אדוואָקאט, וועלכער האָט מיטגעארבעט מיט אונדזער קרײַז. ער איז אוועק אין וואלד. דאָרטן זײַנען שוין געווען אונדזערע עטלעכע כאווירים.

אין געטאָ האָט מען געמאכט אָבלאוועס. מע האָט גענישטערט אין די שראנקען, אין די שפּײַזאלמערס, אין טיי־פּושקעס, קאקאאָ־שאכטלעך, אין די רידיקיולן, אין די קעשענעס. מע האָט געזוכט דעם פּרעזעס. וואָס קאָן מען שוין מאכן, ווען מע זוכט דעם פּרעזעס אין קעשענע?..

די צעווייטיקטע מאמעס האָבן גלײַך באהאלטן זייערע אומשולדיקע שעפעלעך. די קינדערלעך האָבן זיך געלאָזט באהאלטן, ניט געוויינט, ווען מע האָט זיי פארשטעקט אין די בעטן אונטערן בעטגעוואנט. אייניקע מאמעס זײַנען געזעסן אין הויף מיט די פּיצלעך אונטער זיך, ווי קוואָקעס. אנדערע האָבן זייערע קינדער אוועקגעטראָגן אין די גערטענער און זיי צוגעדעקט מיט בלעטער. די פּיצלעך האָבן געקוקט זייערע מאמעס אין די אויגן און געשוויגן. זייערע הערצעלעך האָבן געפילט די מוירעדיקע סאקאָנע, וואָס הענגט איבער זיי. די גרעסערע קינדער זײַנען אליין זיך צעלאָפן באהאלטן. מע האָט זיי דערנאָך קוים געפונען.

...קעפּעלעך בלאָנדינקע, שווארצינקע, אייגעלעך בלויינקע, טונקעלע, — קינדערלעך טײַערע! זיי זײַנען פאר דער צײַט עלטער געוואָרן, דערשפּירנדיק דאָס גרויסע געפאר, וואָס האָט געלויערט אף זייער לעבן.

פינף אזייגער פארטאָג דעם ערשטן מײַ האָט מען באפוילן אלע ייִדן ארויס אפן אלטן בעסוילעם, און דערבײַ אומבאדינגט נעמען מיט זיך די פּעסער. פּאָליציי איז ארײַן אין געטאָ, געשלעפּט פון די בעטן קראנקע, זקיינים. דאָס געוויין האָט זיך געטראָגן איבער דער שטאָט. די פּאָליציי האָט בארויִקט: מע וועט נאָר דורכקוקן די פּעסער און אלעמען אָפּלאָזן צוריק אהיים. ווייניק פון אונדז האָבן געגלייבט דעריך, ווײַל דעם דרײַסיקסטן אפּרעל פארנאכט האָבן מיר געזען, ווי עס זײַנען אָנגעקומען א סאך מאשינעס מיט טאליאָנים.

מע האָט אונדז אויסגעשטעלט אין א גרויסער גרויסער ראָד, ווי צו א שפּיל. אין מײַן ווײַטערדיק לעבן האָב איך קיינמאָל ניט געזען אזא שיינעם זון־אויפגאנג. עפּשער איז ער געווען אזוי שיין דערפאר, ווײַל איך האָב געטראכט, אז דאָס איז שוין דער לעצטער זון־אויפגאנג אין מײַן לעבן...

עס האָט געהערשט א טויטע שטילקײַט, מע האָט געהערט, ווי עס קלאפּט דאָס הארץ באם שאָכן, מע האָט געפילט די באוועגונג פון יעדער האָר אפן קאָפּ, וועלכער פארבט זיך אף גראָ... קינדער האָבן אײַנגעניורעט זייערע קעפּעלעך אין דער מאמעס ברוסט. די גרעסערע זײַנען געשטאנען לעבן די טאטעס. מיר האָבן זיך פארשטאנען אפן ווונק, געוויזן איינער דעם אנדערן: „אויב עס וועט דיר געלינגען זיך צו ראטעווען, גיב א כאפּ מײַן קינד, זאָג, אז דאָס איז דײַנס. זאָל כאָטש בלײַבן א דאָר פון אונדז". קיינער האָט ניט געוויינט, מיט די אויגן האָבן מיר זיך איינער מיטן אנדערן געזעגנט, און פונדעסטוועגן געוואַרט, געוואַרט אף א נעס. ס'איז דאָך דער ערשטער מײַ!

מאשינעס, מאשינעס מיט „געסט". אויסגערוטע, שמעקנדיקע. נעבעך, זיי האָבן קיין פרישטיק נאָך ניט געגעסן — עס איז דאָך געווען אזוי פרי! אָבער קאווע מיט שמאנט האָבן זיי שוין געוויס געטרונקען. נאָכן „פּאראד" וועלן זיי גיין

צום זאַנדערפיורער און דאָרט גוט צובײַסן. זײַן געליבטע זאָסיע וועט זיך באַמיִען אַלץ שיין און געשמאַק אײַנאָרדענען.

צו די מערדער איז פון איר שטוב אַרויס אַנטקעגן דעם בירגערמײַסטערס טאָכטער. איר פרייזור איז געווען פריש און אין אָרדענונג. זי איז געווען אָנגעטאָן אין אַ רויטן מאַנטל. ווײַסע הענטשקעס, ווײַסע טופל. זי איז צוגעלאָפן צו דעם הויפט־גאַזלען, זיך מיט אים פרײַנטלעך באַגריסט און געזאָגט, ווײַזנדיק אַפן זון־אופגאַנג:

— אַך, ווי שיין!

— יאָ! — האָט ער געענטפערט. — שיין, יאַוואָל! אָבער דאָס איז עקלדיק, — און אָנגעוויזן אַפן אײַנגעבראָכענעם, דערנידעריקטן, צעשראָקענעם האַמוין.

מענטשן זײַנען פאַר דער נאַכט אַלט און אײַנגעהויקערט געוואָרן. איך מיט מײַן מאַן זײַנען געשטאַנען אין איין ריי מיט מײַן מאַנס אַ כאַווער און זײַן מישפּאָכע. אונדזער זון איז דאַן געווען אַף אַרבעט. איך בין געווען די גליקלעכסטע מאַמע פון אַלע מאַמעס. איך וועל ניט זען מיט מײַנע אויגן, ווי מע וועט אומברענגען מײַן קינד. און עפשער וועט אים געלינגען זיך צו ראַטעווען? עפשער וועט אים נאָך באַשערט זײַן צו טרעפן זיך מיט זײַן שוועסטער, וואָס געפינט זיך איצט ערגעץ מיטן מאָסקווער גאָסעט? די טאַליאַנים זײַנען אַרומגעגאַנגען, גענישטערט מיט די אויגן, געזוכט, געשאַצט, פונקט ווי אין מאַרק, ווען מע זוכט צו קויפן אַ גוט פערד אָדער אַ בעהיימע. זיי האָבן געזוכט דעם ערשטן קאָרבן. דער עלטערער זון פון מײַן מאַנס כאַווער איז געשטאַנען לעבן דער מאַמען. דער הויפט־גאַזלען איז צוגעגאַנגען צו אים און אים אַרויסגערופן פון דער ראָד. דערנאָך האָט ער אים באַטראַכט, ווי ער וואָלט זיך געקווענקלט אויסברענגען אַ קויל... און אויסגעשאָסן אין אים.

דער יונגער דעמב איז געפאַלן צו זײַן מאַמעס פיס, באַגיסנדיק זי מיט זײַן בלוט. ער האָט נאָך געלעבט. ער האָט אויסגעשטרעקט זײַנע הענט צו דער מאַמען און געפרעגט:

— מאַמינקע, פאַרוואָס?

— אָשערקע, זונעלע, ליג, ליג רויק. ריר זיך נישט, מיר וועלן באַלד גיין אַהיים.

די מאַמע איז אַראָפּ פון זינען גלײַך אַפן אָרט. די שוועסטער און ברידער זײַנען געשטאַנען, ווי געליימטע, געלע, ווי זאַפרען.

נאָר אַ מיידעלע פון אַ יאָר אַכט האָט געשריִען:

— טאַטע, איך וויל לעבן!

און דער טאַטע, וואָס איז געווען ווי צעמישט, האָט זיך אַרומגעקוקט און געזאָגט:

— ווי געפעלט זי אײַך, זי וויל לעבן... ווער לאָזט דיך ניט לעבן? גיי, בעט דעם רעצייעך!

און דאָס מיידעלע האָט אַלץ געשריִען:

— איך וויל לעבן! לעבן! לעבן!

מע האָט קאָנצענטרירט די שײַנען, צעשיידט מענער מיט פרויען, קינדער מיט עלטערן, קאַלעס מיט כאַסאַנים.

דעם מאַנס כאַווער מיט זײַן איבעריק הויזגעזינד זײַנען דאָס מאָל געבליבן לעבן. אָבער די אומגליקלעכע מאַמע פלעגט אַליין גאָרניט עסן, זי האָט יעדער ביסן באַהאַלטן פאַר אָשערקען. זי מיט איר מאַן זײַנען אומגעקומען אין דער צווייטער שכיטע. זייער טאָכטער און דער ייִנגערער זון זײַנען געוואָרן פאַרטיזאַנער אין ליפּעטשאַנסקער פּושטשע...

דער וועג צום טויט

דערנאָך האָט מען אונדז געפירט דורך דעם נײַעם מאַרק, איבער די זעלבע גאַסן, ווו מיר פלעגן שפּאַצירן. אָט גיי איך פאַרבײַ דעם קלוב, ווו איך האָב געאַרבעט. וויפל שיינע יונגע לעבנס פלעגן אַהער קומען אַלע טאָג. אין קאָפּ איז מיר קלאָר. איך טראַכט: ווען עס שטאַרבט אַ מענטש, זאָגט מען, ער וועט שוין מער זיך ניט פרייען, ער וועט מער ניט ליבן. איך בין געזונט, נאָך לעבעדיק, אָבער איך וועל שוין מער זיך ניט פרייען, מיט דעם וועג מער ניט גיין. שרעקלעך!.. ניין, דאָס איז ניט דאָס פּאַסנדיקע וואָרט, וואָס קאָן אויסדריקן דאָס, וואָס כ׳האָב געפילט דאַן. איך טראַכט: צי דען איז מעגלעך, אַז זעלנער, וואָס האָבן געלאָזט באַ זיך אין דער היים פרויען, עלטערן, קינדער, זאָלן נעמען מיט זייערע הענט אומשולדיקע פּיצעלעך פון בעט אָדער פון דער מאַמעס אָרעם און צערײַסן אַפּצווייען, האַקן מיט די קעפּעלעך אין וואַנט, וואַרפן לעבעדיקע אין גרוב, דערמאָרדן זקיינים, שוואַכע, קראַנקע?!

ראַסן־האַס! פאַרשאָלטן, פאַרשאָלטן אַף אייביק זאָל ווערן דאָס וואָרט!

מיר גייען ווײַטער... מײַן מאַן איז געווען אַ האַלב־טויטער, איך האָב אים פעסט געהאַלטן אונטערן אָרעם. אַ יונגער באָכער איז אַרויסגעלאָפן פון דער ריי. אַ קויל האָט אים דעריאָגט און איבערגעריסן זײַן יונג לעבן. די מערדער פאַרזיכערן אונדז נאָך אַלץ, אַז מיר גייען... שיילן קאַרטאָפל.

נאָר אָט איז פאַרענדיקט אונדזער וועג. מע האָט אונדז אויסגעזעצט פוןביידע זײַטן שאָסיי, מע באַפוילט אונדז אַראָפּלאָזן די קעפּ, מיר זאָלן ניט קאָנען זען דעם הימל.

איך געזעגן זיך מיט מײַן מאַן, מיר בעטן אייבער באַם אַנדערן מעכילע. נײַנצן יאָר האָבן מיר איבײנעם אָפּגעלעבט, צוויי קינדער צוזאַמען דערצויגן...

די ראָצכים ציילן אָפּ פינף און צוואַנציק מאַן. מיר בלײַבן אַף אַ צווייטער פּאַרטיע. דאַן פליט



אַף דער בויונג פון א שול אין זשעטל (1936).

מיר דורך א געדאַנק: „מע דאַרף זיך פּרוּוון ראַטעווען! אויב עס וועט ניט געלינגען, איז בעסער אומקומען אַף אַן אָרט, איידער פאַלן אין גרוב האַלב־לעבעדיק...“

מענטשן זײַנען געזעסן ווי פאַרגליווערט, זיי האָבן ניט געוויינט. „גאָט, ווי קאָנסטו עס צוזען? אויב דו ביסט א גאָט, טאָ ווײַז דײַן נעס! שמע־יִשׂראָעל!“ — דערהערט זיך פּלוצעם א געשריי. און עמעצער ענטפערט: „ניטאָ, ניטאָ קיין גאָט, ניטאָ קיין ראַכמים!“

א שיין געזונט מיידל, אין א נאַכט־העמד, מיט צעלאָזענע האָר, טײַנעט: „א גאָט? קיין גאָט איז ניטאָ! א כאָסן איז דאָ, מײַן כאָסן איז א שיינער, קומט צו מיר אַף דער כאַסענע. מײַן כאַסענע וועט זײַן שאַבעס נאָך שוווּעס“.

אירע אויגן האָבן געלויכטן. זי איז געווען צופרידן: אַלע „מעכוטאָנים“ זײַנען אַף אַן אָרט. נאָר ווען א רעצייעך האָט זי א פּאַסעווע געטאָן מיט א שפּיצרוט, איז זי געבליבן זיצן, דרייענדיק מיט דעם קאָפּ, אירע אויגן האָבן, ווי בײַ א ליאַלקע, זיך געעפנט און פאַרמאַכט, און זי האָט געמורמלט: „איר וועט קומען אַף מײַן כאַסענע? איר זאָלט קומען שאַבעס... פאַרשפּעטיקט ניט“.

איך הער, ווי זי מורמלט, און איך טראַכט: „ווי ראַטעוועט מען זיך?“ איך שאַר זיך אַוועק, איך געפין מײַן שווער מיט זײַנע ברידער און זייערע פרויען. ווער עס האָט אָנגעטאָן א טאַלעס, ווער א קיטל, מע זיצט און מע זאָגט טילים נאָך די טויטע און פאַר די, וואָס לעבן נאָך. דער שווער זאָגט: „קינדערלעך מײַנע טײַערע, ראַטעוועט זיך. מיר האָבן אונדזערס אָפּגעלעבט, איר זײַט נאָך יונג, טוט עפּעס, אײַערע קינדער זאָלן ניט בלײַבן קיין יעסוימים“.

א דײַטש איז צוגעגאַנגען צו אונדז און פאַרווערט רײַדן. איך ווייס אַליין ניט, ווי עס איז געשען, נאָר איך האָב אים א שפּײַ געטאָן אין פּאָנעם און אויסגעשריִען „שווײַן“. אָנשטאָט צו מיימעסן מיך אַפן אָרט האָט ער געענטפערט: „איך האַבע קײַנע שולד“. איך האָב דערפילט, אַז ער איז א שוואַכער העלד, געקראָגן א ביסל מוט און בין פּאַמעלעך אַריבער אַף דער צווייטער זײַט פון שאָסיי. דאָרטן זײַנען געשטאַנען עטלעכע פּאָליצײַען, צווישן זיי מײַן מאַנס צוויי באַקאַנטע. דאָס זײַנען געווען פּויערים, וועלכע מע האָט מיט צוואַנג גענומען צו דער „שיינער“ אַרבעט. אין געטאָ האָבן זיי אונדז קיין שלעכטס ניט געטאָן, געמאַכט זיך ניט זעענדיק, ווען פּויערים האָבן אונדז געבראַכט פּראָדוקטן. איך בין צו זיי צוגעפאַלן, זיי זאָלן אונדז ראַטעווען.

„מיר קענען גאָרנישט ניט טאָן“, — האָט איינער פון זיי געזאָגט. ווען איך האָב דערהערט זײַנע ווערטער, זאָג איך: „גוט, אָבער איך האָב צו דיר א ביטע. ווען מײַן זון וועט קומען פון דער ארבעט, וועט ער דאָך בא דיר געוויס פרעגן, צי דען האָסטו ניט געקאָנט ראַטעווען מײַנע טאַטע־מאַמע? דו זעסט, אז איך בין שוין האַלבטויט, איך בין פארמישפּעט (און איך ווײַז אהין, ווו די גריבער געפינען זיך), איך באַשווער דיך, דו זאָלסט זאָגן מײַן זון, אז דו האָסט אונדז ניט געוואָלט ראַטעווען. מער וויל איך פון דיר גאָרנישט!“

„שווײַג, שטיי, וואַרט! מײַן האַרץ איז באַגאָסן מיט בלוט“, — האָט ער, טרייסלענדיק זיך, געזאָגט.

ער האָט זיך מעיאשעוו געווען מיט די אנדערע פאַליצײַען, דערנאָך האָט ער צו מיר געזאָגט: „גייט איבער צוויי פּאַרטיעס מיט דער דריטער, אָבער סאָראַטשקען געפין און נעם זי מיט“. ער האָט סאָרעלען געדענקט פון דאַן, ווען זי איז געווען מיט מיר אין דאָרף.

איך האָב געפונען סאָרעלען מיט איר מאַמען, שוועסטער און ברודער, איר טאַטע איז אומגעקומען פריִער. מיר האָבן זיך גענומען אונטער די הענט און אוועק מיט דער פּאַרטיע, וואָס דער פּאַליצײַ האָט געהייסן. ניט דערגייענדיק עטלעכע מעטער צום אָרט פון דער שכיטע, האָט א פרוי, וועלכע איז אראָפּ פון זינען, א כאַפּ געטאָן מײַן מאַן און אים ארויסגעריסן פון מײַן אָרעם צו זיך. איך האָב אומגערן ארויסגעלאָזט מײַן כאַווערטעס האַנט, און זי איז אוועק פאָרויס. איר זונעלע האָט דערפילט די געפאַר און גענומען שרײַען: „מאַמע, איך האָב מוירע!“ זאָגט זי צו אים: „ס'איז גאָרנישט, מײַן קינד, שרעק זיך ניט, דאָס וועט לאַנג ניט געדויערן“. און צו מיר: „זײַ א מאַמע צו מײַנע קינדער!“ א שווערער קלאַפּ אין איר קאָפּ, און אירע בגאָדים זײַנען געוואָרן רויט. אונדז האָט דער באַקאַנטער פּאַליצײַ געהייסן לויפן רעכטס. די שרעק איז געווען אזוי גרויס, אז מיר האָבן ניט פארשטאַנען, וואָס עס קומט פאָר מיט אונדז. מיר זײַנען געלאָפן, געפאַלן, אופגעשטאַנען, ווידער געלאָפן.

א שוידערלעך בילד איז געווען, ווען סאָרעלע מיט איר שוועסטער האָבן דערזען, אז זייער מאַמע איז ניטאָ מיט אונדז.

לאַנג, לאַנג זײַנען מיר געזעסן אף א בערגל, און צו אונדז האָט זיך דערטראָגן א שיסערײַ און א געוויין. דאָס איז געווען אזוי אומדערטרעגלעך, אז מיר האָבן פארשטאָפּט די אויערן, נאָר דאָס האָט ניט געהאָלפן.

אין יענעם טאָג האָט מען אומגעבראַכט פון אונדזער מישפּאָכע פינף און דרײַסיק מאַן. בעלע איז אויך דאַן אומגעקומען. עס איז שווער מיט טינט און פעדער איבערצוגעבן, וואָס עס איז דאַן פאָרגעקומען.

ווען מע האָט פארשאָטן די גריבער, האָבן זיי געאָטעמט ווי א בויך פון א בעהיימע, ווען ער איז אָנגעפּוישט. אויך אף מאָרגן האָט זיך די ערד נאָך ניט באַרויִקט.

...אונטער א שמירע פון פּאַליצײַען זײַנען מיר ארײַנגעפירט געוואָרן צוריק אין געטאָ.

די געטאָ איז קלענער געוואָרן. עס זײַנען געבליבן לעבן נאָר די, וואָס זײַנען געווען אף ארבעט אָדער זיך אויסבאַהאַלטן און ניט ארויס אפן בעסוילעם. ווען מיר האָבן זיך באַוויזן אין געטאָ, האָט מען אף אונדז געקוקט ווי אף מענטשן, וועלכע זײַנען אופגעשטאַנען טכיִעס־האַמייסים. מע איז צו אונדז צוגעפאַלן, געפרעגט, עפשער האָבן מיר געזען די מאַמע, דעם טאַטן, א ברודער, א שוועסטער. איך האָב זיך געפילט ווי שולדיק קעגן די טויטע, וואָס איך ליג ניט מיט זיי אין גרוב...

קינדער שפּילן אין שכיטע

קינדער בלײַבן קינדער, זיי פלעגן אפילע אין געטאָ זיך צונויפקלײַבן און זיך שפּילן. שפּילן... אין שכיטע. אָבער עס פלעגט געדויערן, ביז דאָס שפּילן האָט זיך אָנגעהויבן. קיין איין ייִנגל האָט ניט געוואָלט זײַן א פּאָליצײַ אָדער א דײַטש. דעריבער פלעגן זיי וואַרפן גוירל. די ייִנגלעך, אף וועלכע ס'איז געפאַלן דער גוירל, זיי זאָלן ווערן דײַטשן, האָבן מיט שטעקנס קלוימערשט געשלאָגן, געטריבן מיט קוילעס צו דער גרוב. די מיידעלעך האָבן, ווי זייערע מאַמעס, געדריקט צום האַרצן די קלוימערשטע קינדער. זיי זײַנען געפאַלן די „דײַטשן“ צו די פיס און זיך געבעטן: „ליבער הער, האָב ראַכמאָנעס, לאָז לעבן מײַן קינד!“

מיר פלעגן שטיין און וויינען, צוקוקנדיק, אין וואָס עס האָבן זיך פארוואַנדלט די שפּילן פון אונדזערע קינדער. זיי האָבן פארגעסן זייערע פערדעלעך, זייערע ליאַלקעס. דאָס האַרץ פלעגט פּלאַצן פון ווייטעק, ווען מיר פלעגן זען, ווי איין קינד שטופּט א שטיקעלע ברויט אין א צווייטן קינדס מויל, און רעדט דערבײַ אײַן: „עס, עס, מײַן אוצער, איך בין זאַט, איך האָב שוין געגעסן“. איך האָב איינמאָל געזען, ווי א קעצעלע איז דורכגעקראָכן דורך דעם געטאָ־פּלויט, און א מיידעלע, וואָס האָט זיך גענומען שפּילן מיט דעם, האָט געפרעגט: „קעצעלע, דו האָסט א שײַן?“

דאָס בלוט פון אונדזערע קינדער וועט אייביק שרײַען. דער צאַר פון אונדזערע מאַמעס, וועלכע האָבן מיט זייערע אויגן געזען דעם טויט פון זייערע אייפעלעך, וועט ניט פארגעסן ווערן!

איך געדענק א יונגע פרוי, וועלכע איז פאַרבליבן מיט א קליין יִינגעלע. איר מאַן, דער טאַטע פון איר זונעלע, איז געווען פון די ערשטע קאָרבאָנעס. זי פלעגט ראַמען, וואַשן די דילן אין צאָנקאַבינעט, דאָס קינד פלעגט זי נעמען מיט זיך און עס דאָרט באַהאַלטן. איינמאָל האָבן דײַטשן דערזען, ווי זי איז אַרויסגעגאַנגען מיט איר זונעלע פון הויז, ווו דער קאַבינעט האָט זיך געפונען. זי האָט זיך געלאָזט לויפן. זיי האָבן זי דעריאָגט, געשפּאָלטן דעם שאַרבן פון קינד. זי איז ווילד, ווי א חיה, אַרײַנגעלאָפן אין געטאָ, א באַגאָסענע מיט דעם בלוט פון איר קינד, און געשריִען: „א קינד מוז שלאָפן צו דער צײַט, אַף א קינד דאַרף מען גוט אַכטונג געבן, א קינד מוז האָבן א מאַמען!“

די פרוי איז שוין צו־זיך ניט געקומען. צו דער אַרבעט איז זי ניט געגאַנגען, זי פלעגט, ווי א שאָטן, שלײַכן איבער דער געטאָ, עפּעס שטיל מורמלענדיק.

פון דער ערשטער שחיטה איז ניצל געוואָרן בעלעס זון עריק און איר מוטער. עריק האָט זיך אויסגעמישט מיט די אַרבעטער און איז אַרויס פון געטאָ, אַוועק צו דער זשאַנדאַרמעריע בעטן דער מאַמעס זאַכן. די מיידלעך, וואָס האָבן דאָרט געאַרבעט, האָבן אייניקע זאַכן פון די אומגעבראַכטע געראַטעוועט. פון בעלעס זאַכן איז געבליבן נאָר א פאַטשיילעכל און אירע ווײַסע טופלעלעך. דער יאָסעם האָט דאָס פאַטשיילעכל אָנגעטאָן אַף זײַן האַלדז, די טופלעלעך האָט ער אַרופגעטאָן אַף די הענטלעך און אַף צולאָכעס די הענקער אַוועק איבער דעם טראָטואַר (יִידן האָבן באַדאַרפט גיין נאָר איבערן ברוק). דאָס קינד האָט אַף פּויליש געשריִען: „זעט, זעט, אָט זײַנען מײַן מאַמינקעס שיכעלעך, זיי האָבן דערהאַרגעט מײַן מאַמינקע! א שאָד, מײַנע פּעטערס זײַנען דאָ ניטאָ, זיי זײַנען שטאַרקע. זיי וואָלטן דערהאַרגעט די גאַזלאָנים!“

דײַטשן זײַנען געשטאַנען און געלאַכט, געהייסן אים טאַנצן, און ער האָט צו זיי געשריִען: „די רויטע אַרמיי וועט קומען, וועט זי אײַך אַרויסטרײַבן פונדאַנען!“ עמעצער פון די דײַטשן האָט פאַרשטאַנען פּויליש, און מע האָט עריקן מערדערלעך געשלאָגן און א צעבלוטיקטן אַזוי איבערגעלאָזט אַף דער גאַס. א פּאַרטיע אַרבעטער, וואָס איז געגאַנגען פון דער אַרבעט, האָט אים געבראַכט אין געטאָ.

ווען זײַן באָבע האָט דערזען, ווי צעשלאָגן און פאַרבלוטיקט ער איז, איז זי געפאַלן חלשות.

עריק, דער גרויסער שטיפער, דער אָנפירער פון אַלע קינדערשע שפּילן, איז געוואָרן ערנסט, ווי א דערוואַקסענער מענטש. ער האָט אַפילע מער ניט געשפּילט אין דער שחיטה־שפּיל.

עריק מיט זײַן באָבען זײַנען אומגעקומען בײַס דער צווייטער שחיטה.

די ברויטגעבערקע

ווען סאָרעלעס מאַמע איז אומגעקומען, איז סאָרעלע געוואָרן די פאַרדינערקע. איר עלטערע שוועסטער איז געוואָרן אַפּהעטיק, גלײַכגילטיק צו אַלץ, ניט געגעסן, ניט געשלאָפן, פאַר איר איז ניט געווען קיין טרייסט. סאָרעלע האָט פאַרנומען דער מאַמעס אָרט אַף דער אַרבעט. זי פלעגט ראַמען אין שוסטער־וואַרשטאַט. דאָרטן האָט מען געקענט טרעפן א באַקאַנטן פּויער, בא וועלכן מע האָט איבערגעלאָזט ווערטפולע זאַכן — מיט דעם אָפּמאַך: „וועט מען לעבן, וועט מען טיילן אַף דער העלפט, אויב, חלילע, ניט, זאָל דאָס בלײַבן בא אײַך“. סאָרעלעס עלטערן האָבן געהאַט א סאַך באַקאַנטע פּויערים, בא וועלכע זיי האָבן געלאָזט זאַכן. דערווײַל האָבן די פּויערים געבראַכט ווער ברויט, ווער א שטיקל פעטס, און סאָרעלע האָט מיט דעם דערהאַלטן זיך און די שוועסטער. אינדערפרי פלעגט זי פאַרבינדן דעם קאָפּ מיט א טיכל, באַהאַלטן די בלאָנדע לאָקן (אָבער די בלויע אויגן, די געטאָקטע גלידער אירע האָט זי ניט געקאָנט באַהאַלטן), פלעגט נעמען דעם עמער, דעם בעזעם מיט דער שמאַטע (דער מאַמעס ירושה) און אַזוי אַרויסגיין פון געטאָ אַף דער אַרבעט.

איך מיט נאָך עטלעכע שכײנעס פלעגן שטיין בא דעם געטאָ־פּלויט און זי דערמוטיקן: „גיי, סאָרעלע, גיי, טײַערינקע, האָב קיין מוירע ניט, מאַך זיך רויִק, דו ביסט דאָך שוין א גרויסע...“

אַנומלטן האָבן מיר געזען, ווי א דײַטש האָט זי אָפּגעשטעלט, מיר האָבן געהערט, ווי ער האָט געפרעגט: „פּרינצעסן, פונוואַנען קומסטו? פון וועלכער מערכן ביסטו? אַך, מיידל, מיידל!“

זי האָט זיך דערשראָקן און געפּרעפּלט: „די מאַמע, די מוטער איז קראַנק“.

די אַרבעטער, וועלכע זײַנען געגאַנגען צו זייערע אַרבעטס־פּליכטן, האָבן זי אַרײַנגעכאַפּט אין ריי, גענומען איבערגעבן פון איינעם צום אַנדערן. אַזוי האָבן זיי אַוועקגענומען סאָרעלען ווײַטער פון די גאַזלאָנישע אויגן, פון דעם דײַטש, וועלכער האָט געוווּסט... אַז עס זײַנען דאָ מערכן, מײַסעלעך וועגן פּרינצעסנס...

דער פינפטער אויגוסט

די געטאָ האָט געזשיפּעט ביז דעם 5 אויגוסט 1942. מיר האָבן געפילט, אַז עס דערנעענטערט זיך א צווייטע שחיטה, און באַשלאָסן בויען באַהעלטענישן. מיר האָבן אויסגעבויט א באַהעלטעניש פאַר צוועלף מאַן. סאָרעלע מיט איר שוועסטער זײַנען אויך אַרײַן אין דער צאָל.

דעם פערטן אויגוסט פאַרנאַכט זײַנען אָנגעקומען מאַשינעס מיט שיקערע גאָרגלשנײַדער.

מיר האָבן גלײַך פֿאַרשטאַנען, מיט וואָס דאָס שמעקט, און גענומען ציִען אויף זיך בגדים, וויפֿל מיר האָבן געקאָנט, גרייטן עסנווארג, וואָס ווער עס האָט געהאַט.

דאָס מאָל האָבן זיי קיינעם ניט גערופֿן צו דעם קלאָג־פּלאַץ. זיי זײַנען געגאַנגען פֿון שטוב צו שטוב, און די מענטשן, וועלכע זיי האָבן געפֿונען, זײַנען געפֿירט געוואָרן צו דער קינאָ. די אַקציע האָט געהייסן „יודנריין".

דעם פֿינפֿטן אויגוסט פֿאַרטאָג בין איך מיט מײַן זון געלאָפֿן ברענגען סאָרעלען מיט איר שוועסטער אין דער באַהעלטעניש. ווען מיר זײַנען געווען ניט ווײַט פֿון דעם הויז, וווּ זיי האָבן געוווינט, האָבן מיר דערזען, ווי פֿון דאָרטן איז אַרויס אַ מענטש — אַ העלד און דרײַ מאָל אויסגעשאָסן אין די דײַטשן, וועלכע זײַנען געשטאַנען לעם דער געטאָ־וואַנט. זיי האָבן אָנגעצילט אין אים אַ קוילנוואַרפֿער, און ער איז געפֿאַלן, ווי אַן אונטערגעהאַקטער דעמב. צוליב דער שיסערײַ האָבן מיר צו סאָרעלען מיט איר שוועסטער ניט געקאָנט צוקומען. אַזוי האָבן מיר זיי מער ניט געזען. נאָכדעם האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז זיי זײַנען אַרײַן אין אַן אַנדער באַהעלטעניש, נאָר אַ פּאָליצײַ האָט די באַהעלטעניש אַנטדעקט, מע האָט אַלעמען אַרויסגעשלעפּט פֿון דאָרטן. אייניקע האָט מען גלײַך דערשאָסן אויף אָן אָרט. סאָרעלע מיט איר שוועסטער זײַנען געווען אין אַ פּאַרטיע, וועלכע איז געלעגן אויפֿן מאַרק אַ מעסלעס, ביז זיי האָבן זיך דערוואַרט אויפֿן טויט.

פֿינף מעסלעס האָט געדויערט די שכיטה. מע האָט געוואָרפֿן האַנט־גראַנאַטן אין די שטיבער, אין די קעלערס. מיר זײַנען די פֿינף טעג געלעגן אין באַהעלטעניש אָן וואַסער, אָן עסן. מיר זײַנען געווען פֿאַרטריקנט און פֿאַרשמאַכט, אונדזערע מײַלער פֿול מיט זאַמד. מיר האָבן געהערט, ווי מע ראַבירט, ווי מע נישטערט און מע זוכט אין אונדזער שטוב. אָבער די גראַנאַטעס האָבן אונדז אויסגעמיטן. ווי עס ווײַזט אויס, האָט אונדז פֿאַרהיט דער באַקאַנטער פּאָליצײַ. מיר האָבן געהערט צו זײַן באַצירק. ער האָט געוווּסט אַלע ווינקעלעך פֿון אונדזער שטוב, ווײַל ער פֿלעגט קומען צו מײַן מאַן. ער האָט געוויס באַמערקט דעם קעלער, וווּ אונדזער באַהעלטעניש איז געווען, אָבער ער האָט זיך געמאַכט ניט וויסנדיק. אַזוי האָבן מיר דערנאָך אויסגעטײַטשט אונדזער רעטונג.

עס איז געווען שאַבעס פֿאַרנאַכט. מיר האָבן פֿאַרשטאַנען, אַז זונטיק וועט די אַקציע איבערגעריסן ווערן. די מערדער מוזן דאָך אויך רוען... כאָטש מיר זײַנען געווען ווי אין כאַלאָשעס, האַלב דערשטיקט, האָבן מיר באַשלאָסן, אַז מיר מוזן אויסנוצן דעם זונטיק און אַרויס פֿון באַהעלטעניש. מאָנטיק — קאָן זײַן שוין צו שפּעט... די שטאָט מוז דאָך ווערן יודנריין.

מיר זײַנען געראַטעוועט

די נאַכט איז געווען אַ וואַרעמע, דער הימל אויסגעשטערנט. מיר האָבן זיך צונויפֿגערעדט: „קיינער זאָל זיך ניט האַלטן בײַ יענעמס פּאָלע, יעדער איינער טוט, וואָס ער געפֿינט פֿאַר נייטיק, יעדער איינער ראַטעוועט זיך, ווי ער קאָן". אַזוי האָבן מיר צווישן זיך אָפּגערעדט און זיך געזעגנט איינער מיטן אַנדערן.

אָט פֿאַרלאָז איך מײַן טײַערע היים. איך בין צוגעפֿאַלן צו די ווענט, איך האָב אַראָפּגעריסן די מעזוזע (זי איז ביז הײַנטיקן טאָג בײַ מיר), אַריבערגעשפּאַנט די שוועל... וווּהין?.. אין דער שרעקלעכער פֿינצטערניש.

אויף אַלע פֿיר זײַנען מיר פּאַוואָליע דורכגעקראָכן דעם הויף. קיין פּלויטן זײַנען שוין ניט געווען. מיר האָבן זיך דורכגעשאַרט צו דער גאַס.

עס איז געשטאַנען אַ טויטע שטילקייט. דאָס קלאַפּן פֿון האַרץ איז געווען אַזוי הויך, אַז עס האָט זיך געדאַכט, מע וועט אונדז דערהערן און אונדז כאַפּן.

דער דײַטש, וואָס איז געשטאַנען אויף דער וואַך, האָט פֿאַררייכערט אַ סיגאַרעט. מיר זײַנען פֿאַרשטאַרט געוואָרן. ער האָט געמורמלט אַ לידל און איז אַוועק אין אַ פֿאַרקערטער ריכטונג, מיר האָבן עס פֿאַרשטאַנען לויטן פֿײַערל פֿון זײַן סיגאַרעט.

גאָט צו דאַנקען! מיר זײַנען שוין אין אַ צווייטן הויף. מענטשן וואַלגערן זיך דאָ ווי פּולע, שווערע זעק. פּלוצעם הערן מיר אַ קינדערש קעלכל: „איר זײַט ייִדן?" פֿאַרשטאַנען, אַז — יאָ, זאָגט דאָס קעלכל: „דאָ איז נאָך פֿאַראַן אַ פּלויט, אָבער מע האָט אָפּגעריסן אַ ברעט, אַ סך זײַנען שוין דורכגעקראָכן".

דאָס איז געווען אַ פּלויט, וואָס האָט אַרומגעצוימט דאָס הויז, וווּ ס'האָט געוווינט אַ פּוילישע מישפּאָכע ליבעצקי. די ליבעצקיס זײַנען געווען אויסגעבונדן מיט די היגע ייִדן, ניט איין ייִד איז באַנאַכט פֿון געטאָ אַנטלאָפֿן מיט זייער הילף.

מיר האָבן אויסגעקערעוועט אונדזערע קעפּ אַהין, פֿונוואַנען דאָס קעלכל האָט זיך געהערט, און דערזען אַ מיידעלע. זי האָט אונדז דערציילט, ווי זי איז געזעסן מיט איר מאַמען און מיט אירע ברידערלעך אין אַ קעלער. דערנאָך האָט מען זיי פֿון דאָרטן געהייסן אַרויסגיין. די מאַמע מיט די ברידערלעך האָט מען אַוועקגעפֿירט. ווען מע האָט זיי אַנטדעקט, האָט די מאַמע זי פֿאַרשטופּט אין אַ ווײַט ווינקעלע און אָנגעזאָגט: „זיץ שטיל, איך וועל נאָך קומען".

איצטער איז זי אַרויס אַ קוק טאָן, עפּשער גייט שוין די מאַמע, אָדער עפּשער שלאָפֿט די מאַמע אין שטוב, ווי פֿריִער. זי האָט אונדז געבעטן, מיר זאָלן וואַרטן אויף איר מאַמען, די מאַמע וועט באַלד קומען און זי וועט מיט אונדז אויך גיין אין

וואַלד. כאָטש מיט אונדז זײַנען שוין אַזוי אויך געווען פינף קינדער, האָבן מיר זי גערופן מיט זיך. נאָר זי האָט זיך צעוויינט און געזאָגט: „איך וויל ניט גיין אָן דער מאַמען, איך וועל וואַרטן, ביז די מאַמע וועט קומען". מוירע האָבנדיק פאַר א טומל, זײַנען מיר אַוועק דורכן לאָך פון פּלויט אַפן וועג צום בעסוילעם. גייענדיק, האָבן מיר דערפילט א פײַכטקײַט אונטער די פיס. מיר זײַנען צוגעפאַלן מיט די פאַרשמאַכטע מײַלער צו דער ערד. פינף טעג האָבן מיר קיין טראָפּן וואַסער ניט געהאַט אַפן גומען. מיר האָבן זיך אָנגעזופּט מיט דער שיטערער בלאָטע און אַוועקגעקראָכן ווײַטער.

פּלוצעם האָבן אופגעשײַנט ראַקעטעס, עס האָבן זיך גענומען רײַסן גראַנאַטעס. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אַפן בעסוילעם איז געשטאַנען א וואַך, וועלכע האָט געהיט די זאַכן פון די אומשולדיקע קאָרבאָנעס, מע זאָל זיי ניט אַוועקגאַנווענען. די מערדער האָבן אײַנער צום אַנדערן ניט געהאַט קיין צוטרוי.

אין טויט־שרעק זײַנען מיר אַריבער דאָס פעלד און זיך פאַרנומען צו דעם בערעזניק, ווו מיר האָבן באַשטימט זיך צו טרעפן. און גאָט צו דאַנקען, קיינער פון אונדזער גרופּע האָט ניט געפעלט. דאָ האָבן מיר שוין איבערגעכאַפּט דעם אָטעם. א האָפענונג האָט אָנגעפילט אונדזערע הערצער.

מײַן מאַן איז אַוועק צו א באַקאַנטן פּויער, וועלכער האָט געוווינט ניט ווײַט פון וואַלד. דער פּויער האָט געבראַכט א גרויסן קויש מיט עסנוואַרג: מילך, זונטיקדיקע לאַטקעס מיט סמעטענע, פריש ברויט, פּוטער. קוקנדיק אָף אונדז, ווי מיר האָבן אויסגעזעצן, ווי מיר האָבן זיך אַרופגעוואָרפן אַפן עסן, האָט ער זיך צעוויינט, און אונדז איז אויסגעקומען אים צו באַרויִקן, כאָטש מיר אַליין האָבן ניט געוווּסט, וואָס די קומענדיקע מינוט קאָן אונדז ברענגען.

דער פּויער האָט אונדז פאַרזיכערט, אַז דאָ אין וואַלד קאָנען מיר איבערזיצן ביז נאַכט, זיך אָפּרוען און, ווען עס וועט פינצטער ווערן, גיין ווײַטער.

מיר האָבן אים געבעטן, ער זאָל גיין א קוק טאָן, וואָס ס'טוט זיך אין שטעטל, און עפּשער וועט ער זיך עפּעס דערוויסן וועגן סאָרעלען מיט איר שוועסטער.

ער איז געקומען צוריק שוואַרץ ווי א קעסל, געציטערט ווי א בלאַט און אַלץ איבערגעכאַזערט איינס און דאָס זעלבע: „באָזשע מאָי, באָזשע מאָי! וואָס מײַנע אויגן האָבן געזען! פרעגט ניט, וואָס איך האָב געזען, איך קאָן דאָס ניט באַגרײַפן, איך קאָן דאָס ניט פאַרשטיין". ער איז געווען ווי צעטומלט. שפּעטער, ווען ער האָט זיך א ביסל באַרויִקט, האָט ער דערציילט, אַז אונדזער דירע איז צעראַבירט, סאָרעלע מיט איר שוועסטער, מיט נאָך אַנדערע ליגן אַפן ברוק לעבן קינאָ. הײַנט איז זונטיק — רוען די מערדער, מאָרגן וועט מען אַלעמען צעשיסן.

דאָס איז געווען די לעצטע ידיִעה, וואָס מיר האָבן געהאַט וועגן אונדזערע האַלב־טויטע ברידער און שוועסטער.

■

אינעם קאָרן, אַנטקעגן וואַלד, האָבן מיר באַמערקט א באַוועגונג און עס האָבן זיך אַרויסגעשטעקט צוויי מיידלשע קעפּעלעך. די מיידעלעך האָבן זיך דאָרטן באַהאַלטן, נאָר ווען זיי האָבן אונדז דערזען, זײַנען זיי דרייסטער געוואָרן און געוואָלט אַרײַנלויפן אין וואַלד צו אונדז. פּלוצלינג האָט זיך דערהערט א שיסערײַ, די צוויי קעפּעלעך האָבן זיך שוין מער ניט אופגעהויבן.

דאָס זײַנען געווען די טעכטערלעך פון יענעם העלדישן מענטשן, וואָס האָט געשאָסן אין די דײַטשן בא דער געטאָ־וואַנט.

זיך דערוואַרט, ביז עס איז פינצטער געוואָרן, האָבן מיר זיך געקושט מיטן פּויער, מיט זײַן פרוי און זײַנען אַוועק טיפער אין אונדזער נײַער היים — אין וואַלד...

ליובע וואַסערמאַן

ווידער קום איך

א קוואל

ווידער קום איך צו מײַן טײַך,
וואָס איז קרום און ווידער גלײַך.
ס׳איז פארקאָוועט איצט מײַן בירע,
הרודעס שניי אָף אינדזלען אירע.
שושקען מיר די בלויע שנייען:
— זאָל דײַן הארץ די ווײַסקײַט פרייען.

שטיי איך אָפן ברעג און טראַכט:
זע, אום ווינטער סאַרא פּראַכט.
אונטער דיקע שיכטן אײַז

שפּרודלדיק א קוואַל זיך רײַסט.
שפּריצן טראָפּנס, פינקלען, רינען,
דאַכט זיך מיר, אז ס׳הייבט אָן גרינען.

כ׳הער, מיר דאַכט, ווי עמעץ זאָגט:
גיכער, גיכער, קוועלכל, יאָג!

לויפט פארבײַ א ווייכער ווינט.
ס׳שלאָפט די בירע, ווי א קינד,
וויגט ער אײַן דעם גרינגן פויגל —
כ׳קוק און גלייב ניט מײַנע אויגן.

לאַנדיש

ווײַסער טרויעריקער לאַנדיש
ברענגט מיר נאכעס אָן א שיר.
ווײַסן לאַנדיש אָנהייב זומער
ברענגסטו שטענדיק צו מײַן טיר.

שטעלסט אים אין א גלאָז מיט וואַסער,
שטייסט א שטילער, ווי פארשעמט,
מיט אראָפּגעלאָזטע אויגן,
מיט א הארץ, וואָס איז פארקלעמט.

צי דערפאַר, וואָס יאָרן לויפן,
און דו זעסט, ווי איך בין אַלט.
אָף מײַן קאָפּ מײַן זוניק־בלאָנדן
פאַלט א ווײַסער שניי און פאַלט.

שטיי זשע ניט אזוי פארכמורעט,
טו א שמייכל, טו א לאַך,
זאָלסט אין קומענדיקן פרילינג
ברענגען לאַנדיש מיר א סאַך.

א באַגעגעניש מיט דער יוגנט

עס שיט דער ערשטער קלאָרער שניי,
עס הערט זיך אײַן אין אים דער אָוונט.
מיט שטעגן ווײַסע כ׳גיי און גיי,
און ס׳דאַכט — די ווײַטן ווערן נאָענט.

ווײַטן, ווײַטן — אָן א שיר,
איר ווערט נאָך זײַן ניט ווייניק.
איר אַלע קומט ארײַן צו מיר,
איר קומט צו מיר פארייניקט.

איך בין טאַקע דורכגעגאַן,
מיט מײַנע פיס באַטראָטן.
איך שפּאַן איבער דער וועלט שוין לאַנג,
און ס׳גייט מיר נאָך מײַן שאָטן.

עס שיט דער ערשטער קלאָרער שניי,
ער וויל מיך אַלץ דעריאָגן.
און אײַנגעהילט אין שניי, איך גיי,
אנטקעגן קומט מײַן יוגנט.

ערשטער רעגן

ערשטער רעגן, ערשטער רעגן,
כ׳האָב מיט פרייד דיך היַינט באגעגנט,
זיַי געבענטשט און זיַי געגריסט.
אלע שטעגן, אלע וועגן
פון מיַין קאנט און פון מיַין געגנט
האָסט דערפרייט, דערפרישט.

דיַינע טראָפּנס אַף די שויבן
וועל איך קליַיבן, וועל איך לויבן,
סאַרא שיינקיַיט, סאַרא פּראכט!
אַף א שנירעלע זיי סילען,
זאָלן זיי, ווי סטרונעס שפּילן
ביז דער בלויער נאכט,
ביז דער בלויער נאכט.

• • •

עס האָט א מענטש אַן עפּלבוים פארפלאנצט
שוין לאנג,
שוין לאנג.
מיט וויַיסע בליטן פרילינג־ציַיט ער גלאנצט...
איז דאָס דאָך פּאַר א דיכטער א געזאנג.

געשטריַיט עס האָט דער מענטש — מיט טיַיגע
און מיט גאָט, —
זיך קעגן ווילדעניש געווערט.
און ווּ ער האָט געשטעלט זיַין טראָט,
עס זינגט א סקווער.

פרילינג

אין אָט דער ציַיט מיַין הארץ ווערט צארטער, ווייכער,
עס טיַיעט פּונקט, ווי פרילינגדיקער שניי.
און אַף די ליפּן לייגט זיך אויס א שמייכל
און טריַיבט ארויס פון הארץ דעם שטילן וויי.

דעם וויי, וואָס ס׳ברענגען וויוגעס און זאווייען,
דעם וויי, וואָס קומט פון צאָפן מיט די פרעסט.
מיט פרילינגדיקן טאָג מיר פרייען זיך אינצווייען —
ס׳וועט באלד די שוואלב זיך קערן אין איר נעסט.

עס שפּילן העלע זילבערנע פרימאָרגנס,
דער לעצטער שניי א טונקעלער צערינט.
דער פרילינג קומט מיט פריידן און מיט זאָרגן,
אַף פליגלען ברענגט צו טראָגן אים דער ווינט...

• • •

עס האָט פון איַיז זיך אויסגעשיילט דער טיַיך,
און פרילינגדיק די מילן רוישן.
ס׳איז מיַי, און אלץ איז מיַייק־ריַיך,
עס זינגט די וועלט, די וועלט די גרויסע.

און יעדן טאָג איך קום צום בירע־ברעג,
ווּ כוואליעס אופגעוואכטע וויגן זיך און וויגן.
און מיט די כוואליעס טראָגט זיך וויַיט אוועק
מיַין בענקענדיקער ניגן.

הערשל פּאָליאַנקער

ייִצבאָק סאַנטאָס און זײַנע יאָרשים

ראָמאַן

דריטער טייל

פֿרײַנט דערקענט מען אין א נויט

דער נײַער בעזעם קערט ניט

דער יישעוו האָט אינגאַנצן אָנגעוואָרן זײַן פּאָנעם.
עס האָט זיך געדוכט, אַז אַ מוירעדיקער הוראַגאַן איז דאָ דורכגעגאַנגען און אַלץ פּאַרוויסט, פּאַרניכטעט.

די מענטשן האָבן זיך אומגעקערט פֿון דער אומגעלונגענער נעסיִע פּאַרשוואַרצטע, דערשיטערטע.

„וואָס זשע וועט איצט זײַן מיט אונדז?“ — אָט די פּראַגע האָט מען געקאָנט אויסלייענען באַ אַלעמען אין די אויגן, אַף אַלעמענס פּאַרכוישעכטע פּענעמער.

ווען מע איז געווען אין וועג, האָט זיך איבער אָט דעם ווינקל נאָכאַמאָל דורכגעטראָגן אַ כוואַליע דײַטשישע באָמבאַרדירער, און אַזויוי פֿונדערלופֿטן זעען אויס די יאַרן ווי טראַנשייעס, האָבן די פֿאַשיסטן ניט געזשאַלעוועט קיין באָמבעס. עס זײַנען געבליבן גאַנץ בלויז עטלעכע צענדליק הײַזער.

דער גרויסער ווײַנגאָרטן, וואָס האָט אַמאָל באַשיינט דעם גאַנצן קאַנט, איז געווען איבערגעאַקערט פֿון באָמבעס, אויסגעטאָפּטשעט און פּאַרוויאַנעט, ווילד, גלײַך ווי ווער ווייסט וויפֿל צײַט האָבן מענטשן ניט צוגעלייגט קיין האַנט צו אים. דאָ און דאָרטן האָבן געשוואַרצט טיפֿע גריבער פֿון באָמבעס און סנאַריאַדן. די דראָטן און טיטשקעס, אַף וועלכע עס זײַנען פֿריִער געהאַנגען די לאָזעס, זײַנען געווען צעריסן, צעשלײַדערט. די אַלטע, הונדערטיאָריקע נוסנביימער, וואָס זײַנען געוואַקסן אַרום ווײַנגאָרטן, האָבן דערמאָנט אָפּגעשלאָגענע הוישײַנעס — זיי זײַנען געבליבן אָן צווײַגן, אָן בלעטער.

מע האָט געבראַכט צו קוורע דעם אַלטן מײַלעכן, זײַן זון — פּערעצן, פּעטראָ גאַטשיב־

פּאַרזעצונג. אָנהייב זע „סאָוועטיש היימלאַנד“ נומ. 2 און 3, 1971.

סקין. מע האָט זיי באַווײַנט מיט ביטערע טרערן און זיך ניט געקענט פאָרשטעלן, וויִאַזוי וועט מען איצט קענען לעבן, אַז אַזעלכע מענטשן האָט צוגעדעקט די ערד.

כאָטש די ווינאָדעליע איז געלעגן אין רויִנען, נאָר איר געטרײַער וועכטער, מייער שפּיגל, האָט זי ניט פאַרלאָזט און עטלעכע מאָל אַ טאָג אַוועקגעהונקען אַהין. ער האָט געשפּאַנט, קלאַפּנדיק איבערן ברוק מיט זײַנע מיליצעס. מייער איז ניט אַוועקגעפאָרן פונעם יִישעוו, ער האָט געהאַלטן, אַז ס'איז אים אַלציינס געבליבן ניט לאַנג צו לעבן, האָט ער געוואָלט שטאַרבן אויף זײַן בעט...

דאָס הילצערנע, סקריפּענדיקע בעטל שפּיגלס איז פאַרברענט געוואָרן צוזאַמען מיט זײַן הײַזל, און ער האָט זיך אַריבערגעקליבן אין קעלער אין עק פון זײַן קליינינקן הויף.

דורך דעם שמאָלן, פאַרגראַטעטן פענצטערל האָט ער געזען די נײַע באַלעבאַטים, — די עטלעכע דײַטשישע סאָלדאַטן, וואָס זײַנען אַרײַנגעפאָרן אין יִישעוו און גענישטערט איבער די הײַזער, געשלעפּט פון דאָרטן, וואָס ס'האָט זיך געלאָזט. דאָ, אין קעלער, האָט ער איבערגעלעבט די באָמבאַרדירונג. און אויב ער איז געבליבן נאָך אַלעמען לעבן, האָט דער אַלטער געטראַכט, איז עס אַ גוטער סימען. ביז די הונדערט און צוואַנציק, וואָס גאָט האָט אים אויסגעטיילט, וועט ער יאַקאָס שוין דערשלעפּן, כאָטש אַזאַ לעבן האָט ער געדאַרפט האָבן, ווי ציינווייטעק. נאָר וואָס וועסטו טאָן? וועסט זיך דאָך ניט גיין וואַרפן אין טײַך אַרײַן. ס'איז פּאָשעט קעדײַ נאָך אַ ביסל אומדרייען זיך אויף דער וועלט, אַ קוק טאָן, וואָס וועט זײַן ווײַטער. איצט וואָלט ער טאַקע וועלן דערלעבן זען דעם בראָך פון די קוילער און בלוטזויגער, וואָס האָבן כאָרעוו געמאַכט אַזאַ שיין, רויִק לעבן, און דערנאָך וועט ער שוין אויף זײַנע מיליצעס, אויף זײַנע קוליעס קענען רויִק אַוועקגיין אויפן בעסוילעם און זאָגן דער וועלט, אַז ער האָט צו איר גאָרניט. ער איז מיט איר קוויט.

די עטלעכע טעג, וואָס מייער שפּיגל איז געזעסן אין קעלער און קיין לעבעדיקע באַשעפעניש פאַר זיך ניט געזען, כוץ די עטלעכע דײַטשישע סאָלדאַטן, וואָס האָבן גערויבעוועט דעם יִישעוו, — יענע עטלעכע טעג האָבן זיך געצויגן, דאַכט זיך, לענגער, ווי אַלע זײַנע דורכגעלעבטע יאָרן!

דעם הונגער האָט ער אָפּגעשטופּט מיט אַ סוכער, אַ פּאָר אוגערקעס, אַ ציבעלע. זעלטן פלעגט ער זיך אַרײַנכאַפּן אין אַ נאַכלע, און די אַלטע ווײַבער, וואָס זײַנען דאָ געבליבן, האָבן אים געגעבן אַ שיסל זופּ אויף דערקוויקן די נעשאָמע.

פריִער פלעגט ער נאָך אַכטונג געבן אויף זײַן באָרד, אויף די וואָנצעס, נאָר דערנאָך האָט ער אינגאַנצן אַ מאַך געטאָן אויף זיי מיט דער האַנט.

באַ אַ קאַנעץ האָט ער אַרײַנגעקוקט גאַנצע טעג און נעכט אינעם אַלטן טאַנאַך, געזוכט דאָרטן, צי איז שוין געווען אַמאָל אַזאַ צײַט, ווען פרעמדע כאַיאָלעס האָבן זיך אַרײַנגעריסן אין אַ פרעמדער מעדינע און פון איר געמאַכט טיל־טעל, ווי דאָ. צײַטן זײַנען פאַרשיידענע, נאָר יעדער דאָר לעבט איבער דאָס ביטערע, דאָס פינצטערע אָפּסנײַ און אויף זײַן אויפן. צומאָל האָט ער גענומען לייענען אויף אַ קאָל „שיר־האשירים“, און דאָס האָט אים געהאָלפן כאָטש אויף אַ צײַט פאַרגעסן אין דעם אומגליק, וואָס האָט אים און די גאַנצע וועלט געטראָפן, געהאָלפן אים איבערטראָגן זיך אין די זיכרוינעס צו יענע צײַטן, ווען ער איז געווען אַ בראַווער סאָלדאַט און פונקט ווי שלוימע־האַמעלעך, נעפריטשקעם, אויך געקאָנט מיט איין ווונק פאַנגען אַ שיינע מויד, זיך מיט איר פאַרקלײַבן אין אַ געדיכטן וואַלד און פאַרברענגען ביז טאָג, ביז ער האָט ניט געדאַרפט לויפן אין קאַזאַרמע...

„אוי, יונגע יאָרן, וווּהין זענט איר אַוועק?“ — האָט ניט אויפגעהערט דײַגענען מייער שפּיגל, זיצנדיק אין זײַן לעבעדיקן קייווער. ווען ניט דער אומגליק, די מילכאָמע, וואָלט ער נאָכאַמאָל כאַסענע געהאַט, זיך גענומען אין שטוב אַרײַן אַ יונגע אַלמאָנע. ער האָט שוין געהאַט געהאַלטן דערבײַ, נאָר די מילכאָמע האָט אַלץ צעשטערט. זעט אויס, ניט באַשערט געווען.

און אַלע מאָל, ווען אַזעלכע געדאַנקען זײַנען אים געקומען אויפן זינען, פלעגט צו אים אין קעלער אַרײַנלויפן דער מאַלעכהאַמאָוועס, ווי ער האָט גערופן שאַמע דעם מעשוגענעם.

שאַמע האָט געטראָגן אויפן קאָפּ אַ דײַטשישע קאַסקע, אַ פּאָר צעריסענע הויזן, אַ לאַנגן ווײַסן פּידזשאַק און אַ האַלדזטוך אויפן נאַקעטן האַלדז. דאָס קײַלעכדיקע פּאָנעם זײַנס מיט די געדיכטע קלײַען האָט ניט אויפגעהערט שמייכלען, די אַקסלען זײַנען די גאַנצע צײַט אונטערגעשפּרונגען. פאַרהיקענדיק זיך לײַכט, האָט ער אַלע מאָל אויסגעשריגן:

— ראַבויסײַ, איך פאָר פון אײַך אַוועק, זוכט אײַך אַן אַנדער וואַסערטרעגער! כײַ היטלער!..

— מאַמזער, וווּהין פאָרסטו פון אונדז אַוועק? — האָט אים יעדעס מאָל אָנגעקוקט מיט פאָרוואורף מייער שפּיגל.

— רעב מייער, איך פֿאָר קיין בערלין!

— וואָס וועסטו דאָרטן טאָן?

— מע זאָגט, אַז היטלער איז אויך אַ מעשוגענער, וועלן מיר ביידע טראָגן איבער די הײַזער וואַסער.

— נו, אויב אַזוי, טאָ פֿאָר! הלוואַי זאָל איך שוין זען היטלערן אין אַזאַ שטאַנד...

— אָמיין, ראַבויסײַ! איך פֿאָר פֿון אײַך אַוועק, זוכט אײַך אַן אַנדער וואַסערטרעגער, כײַ היטלער! — האָט שאַמע אונטערגעזונגען און אונטערגעטאַנצט.

— מאַמזער, פֿאַר אַפּילע צום מאַלעכהאַמאָוועס, נאָר וואָס דאַרפֿסטו שרײַען כײַ היטלער? ס'איז אַ ביזאָיען!..

יענער האָט נאָך שטאַרקער געלאַכט:

— איך שרײַ דאָך ניט „הײַל היטלער”, נאָר „כײַ היטלער”. דאָס הייסט „כײַ זדאָכנע היטלער!” און זיי, די דײַטשן, וואָס האָבן מיך דאָ געשלאָגן, האָבן געמיינט, אַז איך לויב זייער פֿיורער, און מיך ניט צעשאָסן...

אינדערעמעסן, שאַמע וואָלט שוין אויף דער וועלט ניט געווען, ווען ער געפֿעלט ניט די עטלעכע דײַטשישע סאָלדאַטן, וואָס זײַנען דאָ פֿאַרבײַגעפֿאָרן.

ווען זיי האָבן זיך ניט אויף לאַנג אָפּגעשטעלט אין ייִשעוו און זיך געלאָזט צו די הײַזער, האָט שאַמע זיך שטאַרק דערשראָקן, זיך אָנגעהויבן פֿאַרהיקען און אַרויסגעשפּרונגען אויף דער גאַס פֿון זײַן באַהעלטעניש. די סאָלדאַטן האָבן אויף אים אָנגעצילט די אַווטאָמאַטן, האָט ער אָנגעהויבן הילכיק לאַכן און טאַנצן, פּאַטשן מיט די הענט איבער די כאָליעוועס. דאָס איז זיי שטאַרק געפֿעלן געוואָרן און מע האָט אים געהייסן טאַנצן נאָך שטאַרקער, שרײַען „הײַל היטלער”. האָט ער געשריגן „כײַ היטלער”, ביז ער איז הייזעריק געוואָרן.

עמעצער פֿון די סאָלדאַטן האָט אים אָנגעטאָן אַ קאַסקע, אַרופֿגעוואָרפֿן אויף די נאַקעטע פּלייצעס אַ ווײַס רעקל, אָנגעטאָן אַ שניפּס אויפֿן הוילן האַלדז, געשטורכעט אים מיטן אַווטאָמאַט און געצוווּנגען טאַנצן שטאַרקער.

און ער האָט געטאַנצט, ביז די קויכעס זײַנען אים ניט אויסגעגאַנגען, ביז ער איז געפֿאַלן שיר ניט קיין טויטער אויף דער ערד.

דעמאָלט האָבן זיי זיך פֿון אים אָפּגעטשעפּעט.

דאָס, וואָס די היצלס האָבן אים אָנגעטאָן, איז אים געפֿעלן געוואָרן, און ער גייט שוין ניט אַרויס אויף דער גאַס אָנעם שניפּס, אָן דעם ווײַסן רעקל, אָן דער קאַסקע. און אַלע מאָל, ווען ער דערזעט עמעצן אויף דער גאַס אָדער ער קומט אַרײַן אין קעלער צו מייער שפּיגל, שרײַט ער גלײַך אויס אויף אַ קאָל און טאַנצט אונטער:

— ראַבויסײַ, איך פֿאָר פֿון אײַך אַוועק, זוכט אײַך אַן אַנדער וואַסערטרעגער! כײַ היטלער! — און שטילערהייט, אויפֿן אויער, גיט ער צו: — זאָל ער פּייגערן!..

יאָ, איצט איז שאַמע געווען דער איינציקער פֿריילעכער מענטש אין דעם ייִשעוו, ער אײנער האָט נאָך אַ ביסל פֿריילעך געמאַכט די מענטשן, וואָס זײַנען אַרומגעגאַנגען ווי די שאָטנס. מיט זײַן „ראַבויסײַ, איך פֿאָר פֿון אײַך אַוועק!..” האָט ער אַרויסגערופֿן אַן אומעטיקן שמייכל, און די קינדער, וואָס זײַנען אים נאָכגעלאָפֿן, האָבן גאָר אָנגעקוועלט פֿון זײַנע שטיק...

אָבער אויף לאַנג אָפּוועגדן די מענטשן פֿון זייערע צאָרעס האָט ער דאָך ניט געקענט, שאַמע. די געפֿאַר האָט געלויערט איבער אַלעמען, און די הענט האָבן זיך צו גאָרניט געלייגט. דאָס לעבן אַליין איז נימעס געווען. די דײַטשן האָבן איבערגעגעבן דורך ראַדיאָ, אַז ס'איז שוין געפֿאַלן מאָסקווע און לענינגראַד, אַז איבערן גאַנצן לאַנד שטעלט מען אײַן די „נײַע אָרדענונג”, און דאָס האָט גאָר דערשלאָגן אַלעמען. מע איז שטאַרק געפֿאַלן באַ זיך, קיינער האָט ניט געזען קיין אויסוועג פֿון דער שוידערלעכער לאַגע.

געדאַליע סאַנטאָס איז געוואָרן שוואַרץ, ווי די ערד. פֿאַר זײַנע אויגן איז נאָך אַלץ געשטאַנען דאָס שוידערלעכע בילד, ווי עס זײַנען אומגעקומען דרײַ טײַערע מענטשן אין דער באַלקע. אויף אים האָבן איצט אַלע געקוקט, ווי אויף אַזאַ, וואָס מוז עפּעס צוטראַכטן, ווי אַזוי לעבן ווײַטער. מע האָט געוואַרט, וואָס וועט ער הייסן טאָן. אין איינעם אַ שטילן פֿאַרנאַכט האָט געדאַליע געהייסן סימכע קושנירן צונויפֿרופֿן צו אים אין שטוב, וואָס האָט נאָך געהאַט אַ שטיקל פּאָנעם פֿון אַ וווינונג, דעם גאַנצן אוילעם, מע וועט זיך האַלטן אַן אייצע. מער אַזוי זיצן און זיך עסן לעבעדיקערהייט איז קיין טאַכלעס ניט. מע מוז זיך נעמען אין די הענט, עפּעס אָנהייבן טאָן, קאָלזמאַן מע אָטעמט, מע לעבט, קאָן מען ניט אַרומגיין ווי אויף אַ בעסוילעם.

מ'איז זיך גלײַך צונויפֿגעקומען, אויסגעזעצט זיך, ווו עס האָט זיך געמאַכט, און מיט אומגעדולד גענומען וואַרטן, וואָס וועט געדאַליע זאָגן, צוליב וואָס האָט ער זיי צונויפֿגערופֿן.

געדאַליע סאנטאָס האָט באַטראַכט מיט זײַנע קאַרע, טרויעריקע אויגן די מענטשן און דערפֿילט, ווי דאָס האַרץ האָט אַ קלעם געטאָן. וואָס איז פֿון זיי אַלעמען געוואָרן פֿאַר דער קורצער צײַט!

מיט אַ געפֿאַלענער שטים האָט ער זיך אָנגערופֿן:

— אַ גרויסער אומגליק, קינדער, האָט אונדז אַלעמען געטראָפֿן. אַלץ האָבן מיר געזען, נאָר אַזוינס — קיינמאָל... איז וואָס זאָלן מיר טאָן, זיצן מיט אַראָפּגעלאָזטע הענט און וואַרטן, ביז דער כאַלעף וועט זײַן באַם האַלדז? ווען עס הייבן זיך אויף פֿון זייערע קוואָרים אונדזערע ווײַטע אָוועס און גיבן אַ קוק אויף אונדז, וואָלטן זיי אונדז, דאַכט מיר, פֿאַרשאָלטן מיט די שווערסטע קלאָלעס... זיי וואָלטן זיך פֿון אונדז אָפּגעקערט...

סימכע קושניר האָט אים איבערגעשלאָגן:

— געדאַליע, עפּעס הייב איך דיך ניט אָן צו פֿאַרשטיין. דו האָסט פֿאַרגעסן, אַז אונדזערע אָוועס האָבן געלעבט אין גאָר אַן אַנדער צײַט. ניט קיין עראָפּלאַנען, ניט קיין טאַנקען, ניט קיין אויטאָמאַטן זײַנען דעמאָלט באַ זייערע סאָנים ניט געווען. האָסט געזען, ווי די הענקער טראָגן זיך אין הימל, פֿאַרשיטן די שטעט און דערפֿער מיט באָמבעס? קאָנסטו זײַן אַ כאָכעם מיט די ליידיקע הענט? אַזאַ שטאַרקע אַרמיי, ווי אונדזערע, האָט ניט אויסגעהאַלטן די שווערע קלעפּ, געמוזט אָפּטרעטן. די אָוועס, זאָגסטו, וואָלטן אונדז פֿאַרשאָלטן? פֿאַרוואָס? וואָס האָבן מיר דען געקאָנט טאָן דאָרטן, אין באַלקע, ווען די קוילער זײַנען געשטאַנען קעגן אונדז מיט די אויטאָמאַטן? קרישמע לייענען? נאָך אַ נעס, וואָס זיי האָבן אונדז אַלעמען ניט געשאָסן...

— און מע זאָגט, אַז מאָסקווע איז שוין געפֿאַלן, לענינגראַד איז געפֿאַלן, — האָט זיך אָנגערופֿן דער אַלטער מייער שפּיגל.

געדאַליע האָט איבערגעשלאָגן:

— איך גלייב ניט! מאָסקווע שטייט און וועט שטיין!..

— האַלעווײַ... נאָר די דײַטשן גיבן איבער... איך האָב עס דען אַליין אויסגעטראַכט, געדאַליע?

— אַז מע איז אָפּגעריסן פֿון דער גאַנצער וועלט און מע ווייסט ניט, וואָס עס טוט זיך... — האָט מיט אַ טיפֿן זיפֿץ געזאָגט נעכאַמע, געדאַליעס ווײַב.

— איך האָב געהערט, אַז אין יאַשפּאָל האָבן די הענקער צונויפֿגעטריבן אַלע ייִדן אין איין געסל, אַרומגערינגלט עס מיט שטעכיקע דראָטן און געמאַכט אַ געטאָ... מענטשן קומען דאָרט אום פֿון הונגער, פֿון קרענק. מע טרײַבט זיי אויף קאַטאָרזשנע אַרבעט, קיין כילעק ניט — קינדער, ווײַבער, זקיינים.

געדאַליעס אָנגעכמורעט פּאָנעם איז געוואָרן נאָך כמורנער, ווען ער האָט דערהערט וועגן יאַשפּאָל. דאָס איז דאָך יענע שטאָט, וווהין עס האָט זיך אַוועקגעלאָזט פּינכעס און, זעט אויס, ניט באַוויזן אַרויספֿאָרן. ניט אַנדערש, ווי ער איז אויך אַרײַן אין פּענט און מאַטערט זיך צוזאַמען מיט אַלעמען הינטער די דראָטן...

דער געדאַנק וועגן ברודערס גוירל האָט געדאַליען אינגאַנצן געפּלעפּט. טאַקע, וויִאַזוי דערוויסט מען זיך, וואָס איז מיט אים, וויִאַזוי העלפֿט מען אים, אויב ער איז דאָרט געבליבן שטעקן? מע איז דאָך אַליין אין קלעם, מע ווייסט דאָך ניט, וואָס וועט דאָ מאָרגן פּאַסירן...

אַלע האָבן געשוויגן, געוואַרט, וואָס געדאַליע וועט ווײַטער זאָגן, נאָר זײַנע געדאַנקען זײַנען שוין געווען פֿאַרנומען מיט עפּעס אַנדערש.

אָנגעשפּאַרט אין דער צעבראָכענער הרובע, איז געשטאַנען קיווע באַראַש, דער שמיד פֿון אַרטעל, אַ וווקסיקער, דאַרער מענטש מיט אַ לענגלעך טונקל פּאָנעם און אַ הויכן שטערן, אונטער וועלכן עס זײַנען טיף געזעסן צוויי ליכטיקע, ביסטרע אויגן. דאָס איז געווען אַ ייִד אַ שווײַגער, נאָר גראַדע הײַנט האָט ער ניט געקענט שווײַגן און זיך אָנגערופֿן:

— איך ווייס ניט, וואָס איר טראַכט זיך, נאָר איך האָב נעכטן אויסגעקוועטשט אַ גוטע אײַזערנע פֿרענטע, זי אַוועקגעשטעלט לעבן דער טיר, און זאָל פּרוּוון אַ פֿאַשיסט אַריבערגיין מײַן שוועל! איך וועל אים שפּאַלטן דעם קאָפּ!..

— פּוסטע מײַסעס! — האָט איבערגעשלאָגן מענאַשע באָנדער. — דו, קיווע, ביסט מיט אונדז ניט געווען באַ דער סטאַנציע און אין יענער ווּיסטער באַלקע, האָסט ניט געזען, ווי די קוילער זײַנען באַוואָפֿנט... מיט דײַן פֿרענטע ווּעסטו זיך לאָזן קעגן טאַנקען און אויטאָמאַטן? מיט דײַן פֿרענטע ווּעסטו צעברעכן דעם קאָפּ איין פֿאַשיסט, און זײַנע כעווירע וועלן אויסקוילען דאָס גאַנצע שטעטל. אָט ווען מע קאָן שאַפֿן אַן אָטריאַד! נאָר מיט וועמען? עפּשער מיט מייער שפּיגל? מיט שאַמען? מיט די קלײנע קינדער, מיט די ווײַבער?

— מע דאַרף זיך פּאַוואָליע נעמען צו דער אַרבעט, פֿאַריכטן די וווינונגען, טאָן, וואָס מע

דאַרף, אין די גאַרטענער, ס'זאָל זײַן וואָס צו עסן. מע איז דאָך עפּעס לעבעדיקע מענטשן, — האָט געזאָגט גדאַליע סאַנטאָס.

— ברענט עס אַפֿן פֿײַער!.. — דאָס איז אים אַרײַנגעפֿאַלן אין די רייד סימכע קושניר. — פֿאַר וועמען וועסטו אַרבעטן? פֿאַרן טײַוול? די באַנדיטן וועלן קומען און אַלץ אַפּראַבעווען בײַ אונדז. אַלע זײַנען מיר געבליבן הויל און נאַקעט!

— גדאַליע איז גערעכט! — האָט ווידער זיך אָפּגערופֿן מענאַשע באַנדער. — ווי קאָן מען לעבן אין אַזאַ וויסטעניש? מע מוז זיך נעמען אין די הענט. און וועגן דעם, וואָס איך האָב פֿריִער געזאָגט, דאַרף מען אויך גוט אַ טראַכט טאָן...

— געוויס! — האָט אונטערגעכאַפּט קיווע באַראַש. — קאַלזמאַן מע לעבט, דאַרפֿן מיר זיך פֿילן, ווי מענטשן...

— אָט, אָט, איך מײן אויך אַזוי! — גדאַליע האָט זיך דערפֿרייט, וואָס מע האַלט אים אונטער. — מע טאָר ניט אָנווערן דעם גלויבן. מע טאָר זיך ניט אונטערגעבן, אַראָפּלאָזן די קעפּ. און טאָמער וועלן מיר דערפֿילן, אַז מע וויל אונדז פֿאַרניכטן, וועלן מיר שטאַרבן מיט ווירדע, מיר וועלן מיטנעמען מיט זיך אין קיווער אונדזערע סאָנים...

— אָט דאָס איז עמעס! — מייער שפּיגל האָט זיך אופֿגעהויבן פֿונעם בענקל אַף זײַנע מיליצעס. — איך בין שוין אַלט, ניטאָ יענע קויכעס, וואָס אַמאָל, נאָר מיט אָט די שטעקנס וועל איך אײַן פֿאַשיסט נאָך קאָנען שפּאַלטן דעם קאָפּ...

אין דער מינוט, ווען אַלע זײַנען פֿאַרטיפֿט געווען אינעם שמועס, האָט אין צעעפֿנטן פֿענ־צטער זיך אַרײַנגערוקט אַ קאַסקע, און אַלע זײַנען דערשטוינט געוואָרן:

— וואָס איז דאָס פֿאַר אַן אָנשיקעניש?

נאָר גלײַך האָט זיך דערטראָגן פֿון אונטער דער קאַסקע אַ באַקאַנטע שטים:

— ראַבויסײַ! ראַבויסײַ! איך פֿאַר פֿון אײַך אַוועק! זוכט אײַך אַן אַנדער וואַסערטרעגער! בײַ היטלער! בײַ וואָלט ער שוין געפֿייגערט!..

און כאָטש אַפֿן האַרצן בײַ אַלעמען איז געווען גוט אָנגעזאָלעט, האָט מען זיך פֿאַנאַנדערגע־לאַכט.

■

דער אוילעם האָט זיך נאָך ניט באַוויזן פֿאַנאַנדערגיין, ווי עס איז געקומען לעסיע מיט אַ קויש ברויט, וואָס די מאַמע האָט אָקאָרשט אָפּגעבאַקן.

לעסיע האָט נאָך פֿריִער געקליבן זיך קומען אַהער, צו די סאַנטאָסעס. נאָר ווען זי איז אַרויסגעגאַנגען אַף דער שוועל, האָט זי דערזען עטלעכע דײַטשישע סאָלדאַטן און פּאָליצײַען מיט וויִסע בענדלעך אַף די אַרבל. דערפֿאַר האָט זי באַשטימט איבערוואַרטן אַ ביסל.

דער אוילעם האָט געקוקט אַפֿן מיידל, געשוויגן, געוואָלט הערן, וואָס פֿאַר אַ נײַס האָט זי געבראַכט.

לעסיע האָט ניט געוווּסט, אַז זי וועט דאָ בײַ גדאַליען אין שטוב טרעפֿן אַן אוילעם, און זיך פֿאַרלוירן. זי האָט פֿאַרשטאַנען, אַז מע דאַרף ניט פֿרעגן, וואָס עס קומט דאָ פֿאָר. צוגעגאַנגען צו רוטען, וואָס איז געשטאַנען אין אַ ווינקל לעבן אויוון, האָט לעסיע איר אָפּגעגעבן דעם קויש און שטיין געבליבן לעבן איר.

— זעץ זיך צו, לעסיע, זעץ זיך צו, — האָט פֿאַרגעלייגט גדאַליע, — עפּשער וועסטו אונדז עפּעס דערציילן גוטס פֿון לוקאַשיווקע, עפּשער האָסטו געבראַכט גוטע נײַס?

זי האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט:

— גוטע נײַס?.. איך האָב זיך פֿריִער אַזוי דערשראָקן, געמיינט, אַז איך וועל אײַך שוין קיינמאָל ניט זען...

אַלע האָבן אָנגעשטרענגט געקוקט אַפֿן מיידל, געוואַרט. זי האָט געשוויגן עטלעכע רעגעס, אָנגענומען בײַ דער האַנט רוטען, צוגעטוליעט זיך צו איר אַקסל און גענומען דערציילן:

— מע האָט אײַנדערפֿרי צונויפֿגעטריבן גאַנץ לוקאַשיווקע צו דער קאָנטאָר, און דער קאָ־מענדאַנט צי דער שעף פֿון דער זאָנדערקאָמאַנדע, מיט עטלעכע פּאָליצײַען און סאָלדאַטן, האָט שוין אײַנגעשטעלט בײַ אונדז די „נײַע אָרדענונג"...

— וואָס איז דאָס פֿאַר אַ „נײַע אָרדענונג", טעכטערל? — האָט גדאַליע סאַנטאָס גע־פֿרעגט. — דערצייל אַלץ, ווי געווען...

— נו, ער איז געקומען פֿון דער שטאָט, פֿון יאַשפּאָל, דער לייטענאַנט האַנס שפּילקע... ער האָט געזאָגט, אַז זײַנע באַפֿעלן מוזן אַלע אויספֿילן. און אויב מע וועט ניט אויספֿילן, איז קאַפּוט!

לעסיע האָט איבערגעכאַפּט דעם אָטעם און פֿאַרגעזעצט:

— ער האָט לאַנג גערעדט אַפֿן סכאָד, דערנאָך האָט ער געהייסן, מע זאָל אויסוויילן אַ סטאַראָסטע פֿון דאָרף. און דאָ האָט זיך אָזוינס אָנגעהויבן, אַז איך האָב געמיינט, ער וועט באַפֿוילן זײַנע סאָלדאַטן און די פּאָליצײַען, מע זאָל אונדז אַלעמען שיסן: קיינער האָט ניט געוואָלט ווערן קיין סטאַראָסטע. קיין איין מענטש! אַפֿילו יענע, וואָס זײַנען אַמאָל געווען ניט צופֿרידן מיט דער ראַטנמאַכט, האָבן זיך אויך אָפּגעזאָגט. דאָ איז דער האַנס שפּילקע צערייצט געוואָרן, ווי אַ הונט, זיך געכאַפּט פֿאַרן רעוואָלווער, געדראָעט, אַז ער וועט פֿאַרברענען דאָס גאַנצע דאָרף מיט אַלע מענטשן. איר זײַט אַלע, האָט ער געשריגן, באָלשעוויקעס, מאָסקאַליעס, ייִדן. און ער האָט געוואָרנט, אַז אויב קיינער וועט זיך ניט אַרויסרופֿן ווערן אַ סטאַראָסטע, וועט ער אַליין אָנווײַזן, אויף וועמען ער וועט געפֿינען פֿאַר נייטיק. ער האָט אַ טיטשע געטאָן מיט אַ פֿינגער אויף דעם טאַטן. איך האָב זיך אַזוי דערשראָקן, אַז איך האָב געמיינט, דאָס האַרץ וועט זיך מיר צערײַסן. און דער טאַטע האָט זיך דערשראָקן נאָך שטאַרקער. נאָר דאָ איז אַרויסגעגאַנגען די מאַמע און געזאָגט, אַז איר מאַן, מאַטיאַש, קאָן ניט זײַן קיין סטאַראָסטע, ווײַל ער איז קלוימערשט, זייער־זייער קראַנק. די מאַמע האָט אים צוגעטראַכט צוואַנציק קרענק. וואָס האָט זי ניט אָנגערעדט! אַז ער איז טויב, ער האָט אַ שוואַך האַרץ, רעוומאַטיזם... דער קאָמענדאַנט האָט אַ שפּײַ געטאָן — ער דאַרף ניט אַזאַ סטאַראָסטע!..

— נו, ניטאָ קיין פּריווילעגיע? זײַט איר, הייסט עס, שווײַגען, איר זײַט קעגן דעם דריטן רײַך! — האָט ער ווידער געגומען שרײַען און דראָען מיט זײַן „טאָט און קאַפּוטו!“ אַלע האָבן געשוויגן, ווי די שטומע.

— איצט וועל איך אַליין אָנרופֿן, וועט זײַן פֿאַר אײַך ערגער, — האָט דער פֿאַשיסט געמאָלדן. און ער האָט אַרויסגערופֿן, וועמען מיינט איר, איוואַן פּאָלישטשוק, דעם טראַקטאָריסט. יענער האָט זיך אָפּגעשלאָגן מיט הענט און פֿיס:

— הער קאָמענדאַנט! — האָט אויסגעשריגן פּאָלישטשוק. — איך האָב שטאַרק ליב אײַער „נײַע אָרדענונג“, איך האָב לאַנג אַרויסגעקוקט, איר זאָלט קומען אַהער און מיך מאַכן פֿאַר אַ סטאַראָסטע, נאָר איך קאָן זיך אַפֿילו ניט אונטערשרײַבן... איך טויג ניט.

— נו, וועסטו זײַן אין פּאָליציע...

— אַ גרויסן דאַנק פֿאַר דעם קאָוועד, — האָט פּאָלישטשוק זיך אָנגערופֿן און גענומען פֿאַרקאַטשען די הויזן, באַווײַזן די פֿיס, — איך האָב, ניט פֿאַר אײַך געדאַכט, אַרטריט, צי ווי־אַזוי הייסט עס דאָרט, די דאָקטוירים האָבן מיר געזאָגט, אַז איך טאָר ניט אַרומגיין. וואָס זשע דאַרפֿט איר אַזאַ פּאָליצײַ?..

איז שוין דער קאָמענדאַנט געוואָרן גאָר צערייצט. מיט זײַנע בייזע אייגעלעך האָט ער אַ נישטער געטאָן צווישן אַלעם און אַרויסגערופֿן דאַנילאָ סאַווטשוק.

דאַנילאָ סאַווטשוק איז צוגעגאַנגען נעענטער, אָפּגעמעסטן פֿון קאָפּ ביז די פֿיס דעם לייטענאַנט:

— וואָס האָט איר מיר געוואָלט זאָגן, נאַטשאַלניק?

— אידיאָט! — האָט דער קאָמענדאַנט אויסגעשריגן. — ביסט שוין דאָ אַפֿן סכאָד צוויי שאָ און ווייסט נאָך ניט, אַז מיר דאַרפֿן אוועקשטעלן אַ סטאַראָסטע?

— אַך, אַ סטאַראָסטע? זייער גוט, פּאַן נאַטשאַלניק, נאָר איך בין דאָך שוין לאַנג אַ סטאַראָסטע... אַ סטאַראָסטע פֿון אונדזער קלויסטער.

— זייער פֿײַן, — האָט איבערגעשלאָגן דער קאָמענדאַנט, — וועסט זײַן אַ גוטער סטאַראָסטע... מיט לאַנגע וואָנצעס. אַן עכטער אוקראַיִנער!..

— אַ דאַנק פֿאַר אַ גוט וואָרט, — האָט זיך נידעריק פֿאַרנייגט פֿאַר אים דאַנילאָ סאַווטשוק, — איך וואָלט באַ אײַך מיט גרויס פֿרייד געווען אויף דער סלוזשבע, נאָר קיין צוויי סלוזשבעס קאָן איך ניט טראָגן אויף מײַנע וואָנצעס... געגוג פֿאַר מיר איינע. דערצו, פּאַן, בין איך נאָך אַ פּאַסטעך, איר ווייסט, וואָס עס הייסט זײַן אין אַרטעל דער עלטסטער פּאַסטעך?..

און ער האָט אָנגעהויבן אַזוי גיך שיטן מיט ווערטער, אַז דער דײַטש האָט פֿאַרשטעלט די אויערן.

— נו גוט, וועסטו זײַן אין פּאָליציי! — האָט ער געזאָגט און שוין גענומען זוכן מיט די אויגן עמעצן אַן אַנדערן אינעם עולם.

— אָט זעט איר, דאָס איז אַ זאַך! — האָט זיך ווידער פֿאַרנייגט ביז דער ערד דאַנילאָ סאַווטשוק. — ווען איך האָב זיך דערוווּסט, אַז אײַער מיליטער גייט אונדז באַפֿרײַען פֿון די באָלשעוויקעס און מאָסקאַלן, האָב איך גלײַך באַשטימט, אַז איך וועל צו אײַך גיין דינען אין פּאָליציע. איך וואָלט, ווי אָט יענע בראַווע כלאָפּצעס, — ער האָט אָנגעוויזן אויף די פּאָליצײַען, — אָנגעטאָן אויפֿן אָרבל אַ ווײַס בענדל, גענומען אַ ביקס אין די הענט, און געגאַנגען שלאָגן מענטשן,

זעצן זיי אין טורמע, טרינקען סאַמאַהאָן, זיך טשעפּען צו מיידלעך... ביכלאַל איז דאָס זייער אַ פּריילעכע סלוזשבע. נאָר איר פאַרשטייט, איך בין אַ גלייביקער, און גאָט האָט מיר פאַרווערט מוטשען און שלאָגן מענטשן, זיך איזדיעקעווען איבער זיי. טאָמער דאַרפט איר, נאַטשאַלניק, קאָן איך זינגען, אַריינקוקן אין עוואַנגעליע, נאָר טרייבן מענטשן אַף דער אַרבעט, זיי אַרעסטירן? זאָל גאָט היטן! ער וועט מיך שטראָפן...

דאַנילאָ סאַוטשוק האָט לאַנג גערעדט, גערעדט, ביז צום קאָמענדאַנט איז צוגעקומען איי־נער פון די פּאָליציייען און אים עפּעס איינגערוימט אין אויער. אויסגעהערט אופמערקזאַם, האָט דער קאָמענדאַנט אופגעהויבן דעם בליק אַפן באַריידעוודיקן פּאַסטעך, אַ רעגע געקוקט אַף אים און אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט:

— וועק! וועק, שווייַן! — און, אַרומקוקנדיק זיך, אויסגעשריגן: — מאַרגון טאַראַס! און דו ביסט אויך קראַנק, בלינד, שטום, ווי אָט יענע הינט, וואָס מע דאַרף פאַרניכטן?

דער אוילעם האָט זיך גענומען אַרומקוקן, נאָר מאַרגונען ניט געזען. ער איז געווען פאַ־רוקט אין אַ ווייַט ווינקל און זיך געמאַכט, אַז ער הערט ניט. דער קאָמענדאַנט איז געוואָרן רויט, ווי אַ בוריק.

— איך פרעג, ווער איז דאָ מאַרגון טאַראַס? קום אַהער!

עמעצער האָט מאַרגונען אַרויסגעשטופּט אַ ביסל נעענטער.

— דאָס איז עמעס, אַז דו ביסט אַמאָל געווען פּאַרזיצער פון אַרטעל און מע האָט דיך אַראָפּגענומען פון דער אַרבעט?

— ניין... איך בין געווען אַ געהילף דעם פּאַרזיצערס, דערנאָך — אַ בריגאַדיר, איצט — אָן אָנטרייבער בא די פערד...

— יאַוואָל! גוט!.. הייסט עס, די באָלשעוויקעס האָבן דיך באַליידיקט און דו ווילסט זיי אָפּצאָלן דערפאַר?

מאַרגון האָט געשוויגן.

— נו, און אין טורמע ביסטו געזעסן?

— געזעסן. אַ קורצע צייַט.

— גוט! זייער גוט! — האָט זיך דערפרייט דער קאָמענדאַנט. — אַזאַ מענטש וועט ערלעך דינען דער נייַער מאַכט. וועסט זיך איצט קאָנען אָפּרעכענען מיט אַלעמען. דו וועסט זייַן דער סטאַראָסטע אין דאָרף און דער באַלעבאָס אין אַרטעל. אַלע דאַרפן אַרבעטן, ווי פריִער, און די גאַנצע גערעטעניש אָפּגעבן אונדז. פאַרשטאַנען?

— יאָ, — זאָגט מאַרגון, — נאָר איך וועל בעסער בלייַבן בא די פערד... אַ פּוס טוט מיר וויי... איך קאָן ברענגען אַ צייַגעניש פונעם דאָקטער...

— אידיאָט! — האָט אַף אים זיך צעשריגן דער קאָמענדאַנט. — אַז מע וויל אָפּצאָלן, זיך צערעכענען מיט די באָלשעוויקעס, קאָן מען דאָס טאָן אַפילע אַף קוליעס, אָן פיס!.. און דו וועסט ניט דאַרפן גיין. וועסט האָבן אַ פּאָר גוטע פערד, אַ בריטשקע! וועסט זייַן דער באַלעבאָס פון אַזאַ גרויסער ווירטשאַפט. פאַרשטאַנען?

לעסיע איז שטיל געבליבן, זיך אייַנגעקוקט אינעם אוילעם, וואָס האָט אופמערקזאַם געהערט איר דערציילונג.

געדאַליע האָט געקוקט אַף דעם מיידל, און אים האָט זיך געדאַכט, אַז ער אַליין איז געווען אַפן סכאָד אין לוקאַשיוקע און אַלץ געזען מיט זייַנע אויגן, געהערט מיט זייַנע אויערן. דאָס, וואָס די מענטשן פון דאָרף האָבן ניט געוואָלט דינען די אָקופּאַנטן, האָט אים געפרייט, אין האַרצן האָט זיך דערוועקט אַ האָפענונג, דער הימל איז נאָך ניט בא דער ערד, מע וועט נאָך יאַקאָס קענען לעבן.

ער איז צוגעגאַנגען צו לעסיען, אוועקגעלייגט זייַן האַנט אַף איר אַקסל און זיך אָנגערופן:

— הייסט עס, טאָכטערקע, האָט איר שוין אַ וואָלאָסט? מאַרגון איז געוואָרן דער סטאַראָסטע און דער גאַנצער באַלעבאָס בא אייַך?

— יאָ, טאַראַס מאַרגון.

— דאָס איז דאָך זייער שלעכט. ער איז באַרויגעזט, וואָס מע האָט אים געהאַט אַראָפּגענומען און געשטעלט צו די פערד...

— ווער ווייסט? — האָט לעסיע אַ קנייטש געטאָן מיט די אַקסל. — מיר וועלן לעבן, וועלן מיר זען... מענטשן ענדערן זיך אין אַזאַ צייַט. אייניקע ווערן ערגער, אַנדערע — בעסער. וואָס קאָן מען איצט זאָגן?

— הייסט עס, איז טאַראַס מאַרגון מאַסקים געווען ווערן סטאַראָסטע?

— יאָ, מיר האָט זיך אָבער געדאַכט, ווען איך האָב אַף אים געקוקט, אַז ער האָט זייער ניט

געוואָלט ווערן סטאַראָסטע, נאָר זיך ניט געקאָנט אָפּזאָגן. דער קאָמענדאַנט וואָלט אים געהייסן צעשיסן, א סאך מענטשן וואָלטן געליטן.

גערדאַליע האָט א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ:

— א נײַער בעזעם... ווי?אזוי וועט ער קערן?..

און ווידער — צו לעסיען:

— זאָג נאָר, טעכטערל, און וועגן ישעוו האָט מען דאָרט ניט גערעדט?

— יאָ, גאָר פאַרגעסן! דער קאָמענדאַנט האָט געזאָגט, אז מאָרגן וועט זײַן סטאַראָסטע אויך דאָ — ביזן דניעסטער.

— אזוי גאָר? האָבן מיר שוין אויך א שטיקל וואָלאָסט?

סימכע קושניר האָט זיך אופגעהויבן פונעם בענקל, צוגעגאַנגען צום פענצטער און זיך אָנגערופן:

— אָט דערוף האָבן מיר טאַקע געוואַרט, מאַמעש אַרויסגעקוקט, מיר זאָלן האָבן א סטאַראָסטע מיט פּאָליציײַען...

לעסיע האָט אים איבערגעשלאָגן:

— איר ווייסט, פעטער סימכע, קיין פּאָליציײַען האָבן מיר נאָך ניט. קיינער האָט ניט געוואָלט גיין אין פּאָליציע... קיין איין מענטש!

— אזוי? — האָט איבערגעפרעגט מענאַשע באַנדער. — ווער זשע וועט דאָ אָפּהיטן אונדזער רו, אונדזער שלאָף, אז מיר וועלן ניט האָבן אַף זיך די פּאָליציײַען?..

דער אוילעם האָט ווייטיקלעך געשמייכלט. מע האָט זיך אָנגעהויבן פאַנאַנדערגיין.

ס'איז שוין געווען נאַכט. באַנאַכט האָט יעדערער געמוזט זײַן אין דער היים.

■

גאַנצפרי, פאַר זון־אופגאַנג, זײַנען אַלע אײַנוווינער פונעם ישעוו אַרויסגעלאָפן פון די הײַזער אין גאַס. א שטאַרקער גערויש פון באָמבאַרדירער האָט אופגעוועקט די מענטשן. מע האָט געגנומען זוכן ווו זיך באַהאַלטן.

גערדאַליע סאַנטאָס און מענאַשע באַנדער האָבן זיך צוגעשפּאַרט צו אַן אַקאַציע, פאַריסן די קעפּ, אײַנגעקוקט זיך אין יענער זײַט, פונוואַנען עס דערטראָגט זיך אהער דער גערויש.

עפּעס מאָדנע! די גאַנצע צײַט קומט דאָס ברומען פון מיזרעך — פון מײַרעוו, און איצט — פון מיזרעך! וואָס קאָן דאָס זײַן?

— דו הערסט, גערדאַליע, וואָס איך וועל דיר זאָגן? — האָט סאַנטאָסן א צי געטאָן פאַרן אַרבל דער באַנדער. — איך קאָן שווערן, אז דאָס זײַנען ניט די „וואָלפן"... מיר דאַכט זיך, אז דאָס פליִען אונדזערע!..

— רוק ניט אַרויס דעם קאָפּ! — האָט גערדאַליע געזאָגט. — אָט וועלן זיך א שאָט טאָן באָמבעס, וועסטו שוין האָבן א סימען — אונדזערע צי ניט אונדזערע...

גערדאַליע האָט זיך נאָך שטאַרקער אײַנגעקוקט אין יענער ריכטונג, פונוואַנען די עראָפּלאַנען זײַנען געפלויגן. ער האָט געהייסן, דער אוילעם זאָל זיך גיכער באַהאַלטן אין די גריבער. נאָר מיטאַמאָל האָט איבער דער גאַנצער גאַס זיך צעקלונגען רוטעס קאָל:

— מענטשן, איר זעט, אונדזערע פליִען! אונדזערע! אָט זײַנען רויטע שטערן אַף די פליגלען! זאָל איך אזוי זײַן געזונט, אונדזערע!

פון אַלע זײַטן האָבן זיך שוין געטראָגן פרייִלעכע אויסגעשרייען:

— אונדזערע פליִען! אונדזערע!

— רויטע שטערן אַף די פליגלען!

מע האָט אָנגעהויבן פאָכן מיט די היטלען, מיט די שאַלכלעך, רופן, שפּרינגען. אייניקע האָבן געוויינט פון פרייד.

פלוצעם האָט פון איין עראָפּלאַן זיך אָפּגעטיילט א גרויס פּעקל, און דער אוילעם האָט זיך דערשראָקן: „איז דאָס ניט קיין באָמבע?"

נאָר גלײַך זײַנען זיך צעפלויגן רויטע, געלע, גרינע בלעטלעך. זיי האָבן פאַמעלעך זיך געדרייט אין א שטילן וויכער און גענידערט צו דער ערד.

די מענטשן האָבן זיך געלאָזט לויפן כאַפּן די פלוגבלעטלעך, און די עראָפּלאַנען זײַנען אוועק ווײַטער, אַף מײַרעוו.

אין עטלעכע מינוט אַרום האָט מען אַרומגערינגלט רוטען. אירע גרויסע שוואַרצע אויגן, אין וועלכע עס האָט געשײַנט א יאַם כיין, האָבן געגלאַנצט פון גליק, פון טרערן.

זי האָט ניט געקאָנט רויק לייענען דאָס פלוגבלעטל, די שטים האָט זיך אַלע מאָל איבערגעריסן:

— ברידער און שוועסטער, וואָס זײַנען צײַטווײַליק אונטערן יאָך פון די אָקופּאנטן! — האָט זי געלייענט, און די ארומיקע האָבן מיט פארטײַעטן אָטעם געהערט, געשלונגען יעדער וואָרט. — די פאשיסטישע הענקער ווילן פארוואנדלען אונדזערע פעלקער אין קנעכט. זיי טראָגן אונדז טויט, רויִנען, סרייפעס... אונדזער רויטע ארמיי פירט א שווערן בלוטיקן קאמף קעגן די היט־לערישע טאליאַנים. עס איז ניט ווײַט דער טאָג, ווען מיר וועלן זיך צו אײַך אומקערן. מירן צענפאַך באצאָלן די מערדער פאר זייערע שווערע פארברעכנס, פאר דעם אומשולדיק פארגאָ־סענעם בלוט פון אונדזערע סאָוועטישע מענטשן, פאר אײַערע פארברענטע היימען... פארנייגט ניט דעם קאָפּ פאר דעם רויבער, דעם אָקופּאנט. גלייבט ניט היטלערן, אז מאָסקווע און לע־נינגראד זײַנען בא אים אין די הענט! עס לעבט און וועט אייביק לעבן אונדזער הויפּטשטאָט, אונדזער סאָוועטישע מאכט, אונדזער פארטיי. מיר האָבן אײַך צײַטווײַליק געמוזט פארלאָזן, נאָר מיר וועלן זיך אומקערן!

אין די אָקופּירטע ראַיאָנען קעמפט מיט אלע מעגלעכקײַטן קעגן די פאשיסטישע טאליאַ־נים, שעדיקט זיי אף יעדן שריט און טריט! פארניכטעט די פארבינדונג, שאפט פארטיזאנישע אָטריאַדן, גרופּעס דיווערסאנטן, שלאָגט דעם סוינע, ווי נאָר איר קענט! אונדזער זאך וועט זיגן! א טויט די פאשיסטישע אָקופּאנטן!

פון האנט צו האנט זײַנען איבערגעגאנגען די פלוגבלעטלעך, מע האָט זיי נאָכאמאָל און ווידעראמאָל געלייענט, עס איז ווי ליכטיקער געוואָרן אין די אויגן.

רוטע סאנטאָס האָט באדויערט, וואָס זי האָט געכאפּט בלויז עטלעכע פלוגבלעטלעך. זי האָט געוואָרט, עס זאָל ווערן רעכטער טאָג, זי זאָל זיך קענען באגעגענען מיט לעסיען. זי וועט געבן לעסיען די בלעטלעך, זאָל מען זיי איבערלייענען אין לוקאשיווקע. סארא פרייד, סארא גליק, וואָס מאָסקווע לעבט, וואָס לענינגראד לעבט! די בלעטלעך, די אעראָפּלאנען מיט די רויטע שטערן אף די פליגל זײַנען געקומען ווי א גוטע בסורע פונעם היימלאנד, וואָס לעבט, קעמפט און וועט זיכער זיגן!

און נאָך האָט רוטע סאנטאָס געטראכט, אז זי וועט מיט לעסיען זיך הײַנט פארקלײַבן אין א ווײַט ווינקל אף א גאנצער נאכט און איבערשרײַבן צען, פופציק, הונדערט אזעלכע פלוג־בלעטלעך, זאָל מען זיי איבערגעבן ווײַטער. זאָלן אלע מענטשן פונעם קאנט לייענען און וויסן, אז דאָס היימלאנד האָט אין זיי ניט פארגעסן! עס איז דאָ א האָפענונג, עס וועט אינגיכן קומען א רעטונג.

אומעטום זײַנען אין גאס געשטאנען רעדלעך, רעדלעך. די פּענעמער האָבן געשײַנט, מע האָט אלץ גערעדט וועגן די אעראָפּלאנען, וועגן די גוטע נײַס.

מיטאמאָל האָט רוטע דערזען — לעסיע לויפט אהער פון לוקאשיווקע. לעסיע האָט אויך גע־פאָכט מיט א גרין פלוגבלעטל, וואָס זי האָט געכאפּט אין פעלד. זי האָט עס שוין איבערגעלייענט פאר די שכיינים און געאײַלט אהער, מע זאָל דאָ, אין רוזשיצע, אויך לייענען.

נאָר דערזען, אז דאָ האלט אויך ווער־ניט־ווער פלוגבלעטלעך, איז זי עטוואָס אנטוישט גע־וואָרן. דאָס כיינעוודיקע פארברוינטע פּאָנעם דעם מיידלס האָט זיך א ביסל אויסגעצויגן. געדאַ־ליע האָט ארומגענומען לעסיען און שטיל געזאָגט איר, זי זאָל זײַן פּאָרזיכטיק, אין לוקאשיווקע זיצט דאָך דער סטאראָסטע, מאָרגון!

דאָס מיידל האָט א מאך געטאָן מיט דער האנט:

— ער האָט אליין געכאפּט עטלעכע בלעטלעך און צעטיילט זיי דעם אוילעם, מע זאָל לייענען.

— ווער, מאָרגון? — האָט זיך פארכידעשט געדאַליע.

— יאָ, ער האָט אליין געלייענט און געגעבן די שכיינים, זיי זאָלן לייענען.

געדאַליע האָט א שמייכל געטאָן און געזאָגט צו אלעמען, וואָס זײַנען דאָ געשטאנען:

— יאָ, קינדערלעך, מיר דאכט זיך, אז דער נײַער בעזעם וועט ניט קערן...

— דאָס וואָלט געווען א גליק פאר אלעמען, — האָט זיך אָנגערופן סימכע קושניר. — נאָר ס'איז דאָ א ווערטל: „זאָג נישט האָפּ, ביז דו וועסט ניט אריבערשפּרינגען“, מירן לעבן, וועלן מיר זען!..

די נײַע באלעבאטים בא דער ארבעט

נאָך אין יענע טעג, ווען דער פראָנט האָט זיך האסטיק געקײַקלט אהער, צום דניעסטער, האָט סטעפאן טשוריי באשטימט, אז זײַן צײַט איז געקומען, ער איז אפן פערדל.

אָט איצט וועט ער א הוליע טאָן! איצט וועט ער זיי באווײַזן, יענע, וואָס האָבן אים אזוי

דערנידעריקט, געהאַלטן אין טורמע, געטריבן פון אַלע שטעלעס, ווי די פּעסט, — ער וועט זיי דערוויַיזן, ווער טשוריַי איז...

ווען אין שטעטעלע, ווו ער האָט געאַרבעט, האָט זיך אָנגעהויבן א טומל, מענטשן האָבן אָנ־געלאָדן די פורן און גענומען זיך עוואַקויִרן, האָט טשוריַי זיך אַריַינגעגאַנוועט אין קאַנטאָר, פאַרכאַפּט פון קאַסע דאָס פאַרבליבענע געלט, אין צוויַיטן סייף אָפּגעזוכט זיַינע דאָקומענטן, אַז ער איז א געמישפּעטער בא די סאָוועטן, און — א גוטן טאָג מיט דער קאַפּאָטע! ער איז ניט קיין היגער! גייט זוכט דעם ווינט אין פעלד!

אַז ער האָט זיך גוט איַינגעלייענט אין זיַינע פּאַפּירן, סטעפּאַן טשוריַי, האָט ער זיך א ביסל א קרים געטאָן: בעסער וואָלט זיַין, ווען ער זאָל האָבן א דאָקומענט, אַז ער איז בא די סאָוועטן געזעסן אין טורמע פאַר פּאָליטיק און ניט פאַר גניוועס. נאָר גיי ווייס, אַז ס'וועט קומען אַזא ציַיט, ווען יענץ אַרטיקל וועט זיַין טיַיערער פאַר דעם!..

אָבער, נישקאָשע, ער, סטעפּאַן, וועט זיך שוין געבן אַן אייצע. דעריקער, פאַרקליַיבן זיך אין א ווינקל, ווו מע קען אים ניט, און איבערוואַרטן: מיט די דיַיטשן וועט ער יאָקאָס שוין אויסקומען!

ער האָט צוערשט גראַדע געטראַכט פאַרקערעווען די האַלאַבליעס קיין לוקאַשיוקע. דאָרט וווינען די מאַמע און דאָס וויַיב. עמעס, זינט ער איז אַרויס פון טורמע, לעבט ער שוין ניט מיטן וויַיב, זי איז אַלט געוואָרן, ער וועט זיך איצט צוזוכן עפּעס בעסערס. נאָר מע דאַרף ניט איַילן!

כאָטש ער האָט געוווּסט, אַז קיין קראַסאַוועץ איז ער ניט — א צוגעזעצטער, מיט א פּלאַ־טשעכיקן קאָפּ, דערצו נאָך — אויסגעהאַקטע ציין, א צוגעפּלעטשטע קורנאָסע נאָז, אָבער דאָס מאַכט ניט אויס, אַלע זאָגן, אַז די צונג איז בא אים ווי אַף שריַיפלעך, און בא דער ניַיער מאַכט וועט ער זיך געפינען סיַי א גוטע שטעלע, סיַי א שיינע מויד.

מיט דער פּויטעקע, וואָס ער האָט פאַרכאַפּט אין קאַנטאָר, וואָלט ער אפילע באַלד געקענט ווערן דער בעסטער כאָסן, היַינט וואָס וועט זיַין שפּעטער, אַז ער וועט זיך אַריַינשטעלן גאַל־דענע ציין, פאַרפּוצן זיך אין רעכטע קליידער און עפּענען ערגעץ א געשעפט?

די שיינע פּלענער זיַינע האָט א ביסל פאַרשטערט איין זאַך — פּאַכעד.

עפּעס הודיעט שטאַרק אַרום און אַרום. די מילכאָמע לאָזט זיך אַלץ מער פילן. וואָס וועט ער טאָן, טאָמער קערן זיך אום צוריק די סאָוועטן? מע וועט אים שוין אין טורמע ניט זעצן, נאָר גליַיך צעשיסן. און כוץ דעם, פאַרשטייט ער עפּעס ניט די קאָלווירטניקעס — פריִער פלעגן זיי זיך קלאָגן אַף זייער נאַטשאַלסטווע, און איצט, אַז עס גייען אַהער די דיַיטשן, וואָס ווילן זיי באַפריַיען פון די אַרטעלן, איַינשטעלן א „ניַיע אָרדענונג“, צעטיילן די ערד, — וויל מען ניט! מע קאָן זיך ניט באַגיין אָן דער ראַטנמאַכט! און פיל פאָרן אַפּילע אַוועק אַף מיזרעך, מע וואַרפט די היַיזער, די גאַנצע באַלעבאַטישקיַיט און מע פאָרט אין דער וויַיט. אַלע יונגע מענטשן זיַינען אַוועק אין דער רויטער אַרמיי, אַפּן פראָנט, און יענע, וואָס בליַיבן, פאַרשעלטן אויך דעם דיַיטש, וואָס האָט זיי צעבראָכן דאָס לעבן.

גיי פאַרשטיי זיי, די מוזשיקעס!

אָבער ער, טשוריַי, וועט נאָך די סאָוועטן ניט בענקען! ער וועט בא דער „ניַיער אָרדענונג“ לעבן, ווי אין גאַניידן.

און ער איז געגאַנגען אַנטקעגן די דיַיטשן.

מע דאַרף א סאָך מאַכן מיטן דאָרפישן לעבן, — האָט ער באַשטימט, — זיך באַזעצן אין א שטאָט. יאַשפּאָל איז גענוג גרויס, און דאָרטן קען אים קיינער ניט. דאָרטן וועט ער פאַרבליַיבן. איצט איז די סאַמע רעכטע ציַיט. מענטשן זיַינען פון יאַשפּאָל אַרויסגעפאָרן, געוואָרפן די שטי־בער מיטן גאַנצן פאַרמעגן, וועט ער זיך קאָנען אויסקליַיבן א שיינע דירע, ווו אים וועט געפעלן ווערן, ער וועט צונויפשלעפּן מעבל, אַנטאָן וועט ער אויך קריגן אומזיסט, א קאַפּיטאַל האָט ער שוין, איז — ניט געזאָרגט!

דעריקער, ער זאָל געפעלן ווערן דער ניַיער מאַכט.

ווי ער האָט ניט געיַילט קיין יאַשפּאָל, האָט זיך אים אַלץ געדאַכט, אַז ער גייט פּאַמעלעך, ער וועט פאַרשפּעטיקן. אַזוינע, ווי ער, זיַינען, זעט אויס, פאַראַן ניט וויניק, און זיי קאָנען בא אים דאָרט אַלץ אויסכאַפּן.

וואָס זשע טוט מען? אַפּן וועג זעט מען ניט קיין איין מאַשין, קיין טראַקטאָר, קיין פור, און ער שלעפּט זיך צופוס מיטן טאָרבעלע אַף די פּלייצעס. אַרום און אַרום דונערט, די ערד שפּרינגט שיר ניט אונטער פון די סנאַריאַדן, פון די אופריַיסן. דאָרט, ווו עס ליגט יאַשפּאָל, הייבן זיך צום הימל מוירעדיקע וואָלקנס רויך. די באָלשעוויקעס, וואָס זיַינען אָפּגעטראָטן, האָבן, זעט אויס, אַלץ אונטערגעצונדן. די שטאָט, מיט דער סטאַנציע, מיט די סקלאַדן ברענען. דאַרף מען דאָך אַוודע איַילן, עס זאָל אים, טשוריַיען, אויך עפּעס פאַרבליַיבן!

און דאָ האָט סטעפאַן זיך ארומגעקוקט און דערזען, אַז עס פּאַשען זיך אין פעלד עטלעכע פערד. האָט ער אָפּגעקערעוועט פון וועג, אויסגעקליבן אַ גוטע שקאַפּע, אַראָפּגענומען דעם ריי־מען פון די הויזן — געמאַכט אַ צײַמל, אָנגעטאָן אַ זאָטל — צוגעמאָסטעט זײַן רעקל, און זיך געלאָזט אין גאַלאָפּ.

אָט איצט וועט סטעפאַן טשוריי שוין ניט פאַרשפּעטיקן! איצט איז גאָר עפּעס אַנדערש. און דאָ האָט ער נאָך זיך געכאַפּט, אַז ס'איז ניט קיין געוויינלעכע שקאַפּע, נאָר אַ ווײַסע! ער האָט זיך צעלאַכט: אַף ווײַסע פערד פאָרן שטענדיק אַרײַן אין אַ באַזיגטער שטאָט די זיגער... איז דאָך עס אַ גוטער סימען! ער וועט אויך אַרײַנפאָרן קיין יאַשפאָל ווי אַ זיגער.

ער האָט פלײַסיק געטריבן די ווײַסע שקאַפּע, און יענע האָט זיך געסטאַרעט, נאָר זי איז דאָך אַרײַנגעפאָרן אין שטעטל מיט איר געהויבענעם זיגער ערשט ווען ס'איז שוין געוואָרן גוט טונקל.

קיינער איז אים ניט אַרויס באַגעגענען מיט ברויט און זאַלץ. קיין מוזיק האָט ניט גע־שפּילט. אָן אַ זײַט פון דער סטאַנציע, וואָס איז געלעגן אין רויִנען, האָבן זיך געריסן סנאַריאַדן. דאָ און דאָרט האָבן זיך געקנוילט גערדיכטע רויכן, און אַרום — קיין סימען פון מענטשן.

די צענטראַלע גאַס פון יאַשפאָל איז געווען אינגאַנצן צעקלאַפּט, טויט, און דאָס האָט טשו־רײַען גראָדע געערגערט. ער האָט געטראַכט זיך דאָ צוקלײַבן אַ שטוב מיט אַ באַלקאָן, עפענען אַ בופעט און אָנהייבן האַנדלען מיט בראַנפן, מיט ווײַן, מיט ביר. די נײַע באַלעבאַטים וועט זײַן פריילעך און אים — גוט. לאָזט זיך אָבער אויס, אַז דער פּלאַן האָט גלײַך געפּלאַצט. וווהין זשע גייט מען, אַז אַרום איז פּוסט און הויל און עס ברענט? אַ שרעק האָט אים אַרומגעכאַפּט. וואָלט כאָטש ערגעץ געשײַנט אַ פענצטער. נאָר ניין, — וויסט און פינצטער, ווי אין קייווער.

דאָס פערדל האָט ער געשלעפּט נאָך זיך, פאָרן צײַמל. סטעפאַן איז געגאַנגען, און אַלע מאָל, ווי נאָר עס האָט זיך דאָרטן, אַף דער סטאַנציע, אופגעריסן אַ סנאַריאַד, איז ער, דער רײַ־טער, געפאַלן אַפן טראָטואַר, פאַרמאַכט די אויגן און געמיינט, אַז ער איז שוין טויט...

ער האָט זיך אַרויסגעקליבן אַף אַ שטיל געסל, ווו דער טראָטואַר איז געווען פאַרוואַלגערט מיט ציגל, מיט הרודעס לײַים, מיט פאַרפּלאָנטערטע עלעקטרישע דראָטן. דאָס גלאָז האָט גע־טרישטשעט אונטער די פיס. טיר־און־טויער זײַנען געווען צעעפנט. ער וואָלט געקאָנט אַרײַנ־גיין און זיך גוט אַ פּאָרע טאָן אין די שאַפעס; נאָר די פּוסטקײַט פון די שטיבער האָט אַף אים אָנגעוואָרפן אַן אײמע.

אין עק געסל האָט ער דערזען אַ פײַן הויז מיט צעעפנטע טירן. עס האָט זיך דערטראָגן פון דאָרט אַ שטאַרקער גערוך פון פריש ברויט, פון געפּרעגלטן וווּרשט. טשורײַען האָט עס דערמאָנט, אַז ער איז הונגעריק, ווי אַ הונט. מע וואָלט גדאַרפט עפּעס נעמען אין מויל אַרײַן.

צוגעבונדן די שקאַפּע צו אַ ביימל, איז ער פאָרזיכטיק אַרײַנגעגאַנגען אין דער שטוב, אופ־געריבן אַ שוועבעלע, אָפּגעזוכט אין קיך אַ שטיקל ליכט, עס אָנגעצונדן. כאָטש עס האָט מיט אים געמאָרדעוועט פון שרעק, ווי אין קאַדאָכעס, האָט ער באַ דער שײַן זיך דערפילט אַ ביסל זיכערער, ווײַל ביז דעם האָט אים געדאַכט, אַז פון דעם כוישעך וועט זיך באַלד אַרויסרוקן אַ מענטש און אים אָנכאַפּן באַם גאָרגל, דערשטיקן.

יאָ, טאַקע נאָר דאָס גייט אים אָפּ, סטעפאַן טשורײַען, מע זאָל אים דאָ דערשטיקן, און די אייגענע מאַמע זאָל קיינמאָל זיך ניט דערוויסן, ווו זײַן געביין איז אַהינגעקומען!

מיטן ליכטל אין די הענט איז ער פאָרזיכטיק אַרומגעגאַנגען איבער די פּוסטע צימערן, גענומען איבערוואַרפן די שמאַטעס, וואָס זײַנען געלעגן אַף די בענקלעך, אַף די בעטן, אַפן דיל. אין שאַפע האָט ער דערזען אַ גרינעם קאַפּעליוש, האָט ער אַראָפּגעוואָרפן זײַן אַלטע, פאַר־שמאָלצעוועטע קעפּקע און אים אָנגעטאָן. אַ קוק געטאָן אַף זיך אין שפּיגל, האָט טשורײַ זיך אַפילע צעשמייכלט: עס פּאַסט אים גאַנץ גוט צום פּאָנעם. אימפּאָזאַנט! דאָ האָט ער געפונען אַ פּאָר ווײַסע הויזן און איז אויך אַרײַנגעקראָכן אין זיי. די הויזן זײַנען דאַפקע געווען צו לאַנג און צו ברייט, נאָר נישקאָשע, ער האָט זיי אונטערגעגאַרטלט מיט אַ רימען און איז געבליבן צו־פרידן. אַ שוואַרץ רעקל האָט ער אויך אָפּגעזוכט און עס אָנגעטאָן. כאָטש ס'איז אים געווען ביז די קני, נאָר די סכוירע, האָט ער געזען, איז אַ גוטע. גוטע סכוירע שאַצט ער!

אין עטלעכע מינוט אַרום איז סטעפאַן טשורײַ שוין געווען פאַרפּוצט, ווי אַ כאָסנבאָכער, געשטאַנען פאַרן שפּיגל, וואָס ער האָט באַלויכטן מיטן ליכטל, און אָנגעקוקט. אינגאַנצן ניט יענער סטעפאַן, וואָס געווען! אַן אַנדערער! אין אָט דעם קאַפּעליוש, אין אָט דעם גאַנצן פאַרפּוצעכץ, האָט ער געטראַכט, קאָן ער זיך איצט באַווײַזן ניט נאָר פאַר אַ דײַטשיש פּורעריל, וואָס וועט אײַנעמען די שטאָט, נאָר אַפילע פאַר אַדאָלף היטלערן אַליין!

אָבער כוץ דעם אָנטאָן, וואָס ער האָט שוין געטראָגן אַף זיך, האָט סטעפאַן טשורײַ דאָ אָפּגעזוכט אַנדערע זאַכן אויך, וואָס וועלן אים קאָנען צוניץ קומען. אין וואָס זשע נעמט מען דאָס

צונויף? אין קאָרידאָר האָט ער דערזען א גרויסע אַלטע קאָרזינע, א געפלאָכטענע פון לאָזע, און גענומען וואַרפן אַהין אַלץ, וואָס ס'האָט זיך געלאָזט, — מענערשע העמדלעך, גרעט, פרויען־הײזלעך, ליפּטשיקעס, קינדער־שפּילכלעך, טעלער, א נאַכט־טאָפּ און אַנדערע אײדעלע זאַכן, מיט וועלכע אים איז נאָך ניט אויסגעקומען זיך באַגעגענען.

אָנגעפּולט און פאַרבונדן מיט א שטריק די קאָרזינע, האָט ער זי אַוועקגעשטעלט אין א ווינקל און וואָלט שוין געקאָנט גיין אין אַן אַנדער הויז דורכפירן אַן ענלעכע אָפּעראַציע, נאָר דער הונגער האָט אים א טאָטשע געטאָן, און אפילע ניט אַזוי דער הונגער, ווי דער דאָרשט. עך, ווען ער פּאַקט דאָ א פלעשל שנאַפּס! דעמלט וואָלט ער זיך געקאָנט אַרײַנוואַלגערן אין אײנעם פון די צוויי ברייטע בעטן און אָפּשלאָפן די נאַכט. אינדערפרי וועט ער שוין זען, וואָס ער האָט צו טאָן ווײַטער.

אַרײַנגעגאַנגען אין קיך, זיך אַרומגעקוקט, האָט דער מענוויל זיך צעשײַנט, ווי דער מאָרגנשטערן!

גאָלדענע באַלעבאַטים האָבן דאָ געוווינט, כאָטש, זעט אויס, ייִדן, — האָט ער א טראַכט געטאָן, ווען ער האָט אויפן פענצטער דערזען א גרויסן, פּעמפּיקעוואַטן בוטל מיט ווישניק. נאָר דאָס איז נאָך געווען גאָרנישט. אויפן קיך־טישל איז געשטאַנען א ניט קיין דערטרונקענע פלאַש מיט עמעסן בראַנפן, עס איז געלעגן אָנגעוואָרפן ברויט, וווּרשט, ציבעלע. אין אויוון איז געשטאַנען א מאַקרעטע מיט באָרשטש. סטעפאַנס קליינע לויפנדיקע אייגעלעך האָבן ניט געוווּסט, אויף וואָס זיך פריִער אָפּשטעלן.

אַוועקגעזעצט זיך, ווי א קייסער, באַם טישל, האָט טשורײַ גלײַך איבערגעקערט אין מויל אַרײַן א גלאָז קאַזיאָנקע־בראַנפן, פאַרטרונקען מיטן זיסן ווישניק און דערפילט, אַז ער לעבט אויף דער וועלט!

ער האָט אָנגעהויבן רײַבן אויף ביידע באַקן, ווי ער וואָלט מוירע געהאַט, אַז אָט וועט עמעצער אַהער אַרײַנקומען און אויסכאַפּן בא אים אַלץ. דערנאָך האָט ער גענומען נאָך א גלאָז בראַנפן, דערפילט, ווי ס'איז דורכגעגאַנגען א וואַרעמקײַט איבערן גאַנצן לײַב, און באַשטימט, אַז קיין בעסערע שטוב, ווי אָט די, דאַרף ער ניט. ער וועט שוין דאָ פאַרבלײַבן אויף שטענדיק. ערשט דעמלט האָט ער ווידער אויסגעטרונקען. אָבער נאָך דער דריטער גלאָז האָט ער פון אַן איבערשרעק שיר ניט אָפּגעגעבן גאָט די נעשאָמע.

אין שטוב האָט זיך פּלוצעם דערהערט א דין קאָל: „קו־קו! קו־קו! קו־קו!“, און פון אומדערוואַרטקײַט, פון פּאַכעד איז סטעפאַן אַרונטערגעפאַלן אונטערן טיש ניט טויט, ניט לעבעדיק, מיינענדיק, אַז אין שטוב האָט זיך באַהאַלטן דער ניטגוטער.

ערשט ווען דער שיקערוק איז א ביסל געקומען צו־זיך, האָט ער דערזען אויף דער וואַנט אַן אַלטן זייגער, פון וועלכן עס האָט אַרויסגעקוקט א קליין קוקאַווקעלע ווי א לעבעדיקס, געשאָקלט מיטן קעפּל און געשריגן „קו־קו!“

סטעפאַן טשורײַ איז אַרויסגעקראָכן פון אונטערן טיש, באַלייגט דאָס גראַגערל מיט עטלעכע פײַנע קלאָלעס, דרײַ מאָל אויסגעשפּיגן, דערנאָך אַראָפּגענומען פונדעסטוועגן דעם זייגער פונעם טשוועקל און אַרײַנגערוקט אים אין קאָרזינע. איצט האָט ער שוין פּאָשעט געמוזט ווידער אויסטרינקען און ווידער פאַרבײַסן.

אָבער עפּעס איז פאָרגעקומען מיטן קאָפּ — ער איז שיר ניט צעשפּאָלטן געוואָרן. קוים דערקליבן זיך צו א בעט, האָט סטעפאַן זיך א וואַלגער געטאָן אויף דער פּערענע. טאַקע דאָ האָט ער אָפּגעגעבן אַלץ, וואָס ער האָט געגעסן, זיך גוט אויסגעוואַלגערט, ווי א כאַזער אין דעם קויט, און גענומען כראָפּען, אַז מע האָט, דאַכט זיך, געקאָנט הערן דעם כראָפּ אין דער גאַנצער שטאָט.

■

אויפגעכאַפּט האָט זיך סטעפאַן טשורײַ מיט א מוירעדיקן קאָפּווייטעק, ער האָט זיך אַרומגעקוקט, ווי נאָך א בייזן כאָלעם. אין דרויסן איז שוין געווען גרויסער טאָג. פון ערגעץ האָט זיך אַהער דערטראָגן א טעמפּער געבריל פון טאַנקען, א גערויש פון שווער־געלאָדענע לאַסטמאַשינעס.

סטעפאַן האָט אויסגעריבן מיט די פויסטן די פאַרשלאָפענע אויגן, געוואָלט באַגרײַפן, וווּ געפינט ער זיך און וויאַזוי איז ער אַהער פאַרקראָכן, נאָר ניט געקאָנט.

אין עטלעכע מינוט אַרום האָט אים מיטאַמאָל א שניט געטאָן דער געדאַנק: „פערד, וואָס שטעקסטו דאָ? די נײַע באַלעבאַטים זײַנען שוין אין שטאָט, דו וועסט אַלץ פאַרשלאָפן!“.

ער האָט אָנגערוקט דעם גרינעם קאַפּעליוש אויף דעם פלאַטשיקן קאָפּ, אַרופגעשלעפּט אויף

די קרומלעכע פיס א פּאָר פאַרבלאָטיקטע גומענע שטיוול, וואָס ער האָט נאָך נעכטן געפונען אין קאָרידאָר, און זיך געלאָזט לויפן באַגעגענען דעם דײַטש.

אָבער אין הויף האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, א טראַכט געטאָן, אז מע דאַרף מיט זיך פאַרכאַפּן די קאָרזינע, ווײַל די נײַע באַלעבאַטים וועלן געוויס זיך אויך, ווי ער, גלײַך לאָזן איבער די הײַזער... כוץ דעם, דאַרף ער דאָך באַגעגענען די נײַע באַלעבאַטים, ווי זיי פאַרדינען עס, — מיט ברויט און זאַלץ. איז ער אַרײַן אין קיך, אַראָפּגעכאַפּט פון דער וואַנט דעם האַנטעך, געפונען א לעבל ברויט, אַוועקגעשטעלט פון אויבן א שיסעלע זאַלץ, אָפּגעבונדן דאָס פערדל און זיך געלאָזט אַהין, פונוואַנען עס האָט זיך דערטראָגן דער טומל פון א מאַרשירנדיקער קאָלאָנע.

אַרויסגעלאָפן א פאַרשוויצטער, א פאַרהעכקעטער אף דער צענטראַלער גאַס, האָט סטעפּאַן זיי גלײַך דערזען, זײַנע נײַע באַלעבאַטים! זיי זײַנען געגאַנגען פאַרשטויבטע, אָן העלמען, מיט פאַרקאַטשעטע אַרבל, מיט די אווטאָמאַטן אף די צעכראַסטעטע ברוסטן. אַלע האָבן געקוקט אף דעם פאַרשוין מיט דער קאָרזינע און געלאַכט, געהאַלטן זיך פאַר די זײַטן פון געלעכטער.

סטעפּאַן האָט אַפילע אויך צוגעשמייכלט — פאַרוואָס ניט? ער איז געשטאַנען באַם שאָסיי און געפּאַכט צו די סאָלדאַטן מיטן קאַפּעליוש. קיינער, כוץ סטעפּאַנען, איז ניט אַרויסגעגאַנגען באַגעגענען די זיגער מיט ברויט און זאַלץ. האָט עס אים א ביסל פאַרדראָסן: אַנשטאָט דעם, מע זאָל אים זאָגן א דאַנק, נעמען דאָס ברויט מיטן האַנטעך, זיך פאַרנייגן פאַר אים, פאַר סטעפּאַן טשורײַען, קײַכט מען גאָר פון געלעכטער, מע קוועלט אָן, מע שטעלט אים אַרויס די צונג, מע פּראַוועט מעשוגענע גרימאַסן, ווי עס זאָל פאַר זיי שטיין א מאַניאַק! נאָר מיילע, אבי מע זעט אים, דעם איינציקן!

די קאָלאָנע האָט אַלץ געצויגן זיך, און טשורײַ האָט געפּאָכט צו די סאָלדאַטן מיטן קאַפּעליוש, געוואָלט עמעצן אונטערטראָגן דאָס ברויט און זאַלץ, נאָר קיינער האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט.

עמעצער האָט א שלײַדער געטאָן אַן אוגערקע און געטראָפן סטעפּאַנען גלײַך אין נאָז. דאָס האָט אַרויסגערופן בא די סאָלדאַטן נאָך א שטאַרקערן געלעכטער. האָט שוין א צווייטער סאָלדאַט געוואָרפן אין אים אַן איי און, ווי אַן עכטער סנײַפּער, געטראָפן אין שטערן. דאָס איי האָט זיך צעגאָסן איבערן פּאָנעם. ווידער א געלעכטער!

בא סטעפּאַנען האָט דער געלעכטער און די מיִעסע שטיק, וואָס מע איז קעגן אים באַגאַנגען, אַרויסגערופן א רעציכע. נאָר דאָ האָט ער זיך געכאַפּט, פאַרוואָס מע קער אַזוי לאַכן: די ווײַסע שקאַפּע, א כאָליערע אף איר, האָט, לאָזט זיך אויס, מיט דער מאָרדע געעפנט די קאָרזינע, פאַנאַנדערגעוואָרפן איבערן גאַנצן טראָטואַר די ליפּטשיקעס מיט די פּרויען־הייזלעך, די שמאַטעס און, ניט געפונען עפּעס וואָס רעכטס צו הריזען, האָט זי זיך גענומען צו דער קאָרזינע!

דערלאַנגט מיטן קולאַק דער שקאַפּע אין די ציין אַרײַן, אָפּגעטריבן זי פון דער קאָרזינע, האָט סטעפּאַן מיטן פוס אַוועקגעשאַרט אין א זײַט די שמאַטעס און גענומען שטאַרקער פּאָכן מיטן גרינעם קאַפּעליוש, נאָך העכער שרײַען:

— הײַל היטלער! הײַל! דאָס אוקראַיִנישע פאָלק באַגריסט זײַנע באַפרײַער, הײַל!

די קאָלאָנע איז פאַרשוווּנדן, און דער איינציקער פאָרשטייער פונעם אוקראַיִנישן פאָלק, וואָס איז אַרויס באַגעגענען די זיגער, איז, נעבעך, געבליבן שטיין מיט דער צעשוואָלענער נאָז, מיטן קויטיקן פּאָנעם און מיטן ברויט אפן האַנטעך, מיטן טעלערל זאַלץ — כאָטש מעלק אים אויס.

נאָר דאָ האָט זיך ווידער דערהערט א ראַש, א מאַשין האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן סטעפּאַנען, און פון דער קאַבינקע איז אַרויסגעשפּרונגען א קליינוואוקסיק, געל אָפיצערל אין גרויסע ברילן, א דאַרינק כניאָקל מיט א קרייץ אפן לאַץ. באַטראַכט סטעפּאַנען פון קאָפּ ביז די פיס, האָט דער אָפיצער געפרעגט:

— ווער ביסטו?

— הײַל! — סטעפּאַן האָט אף ביידע אויסגעשטרעקטע הענט אונטערגעטראָגן דעם אָפיצער דעם האַנטעך מיטן ברויט און זאַלץ. — די באָלשעוויקעס האָבן מיך געפּײַניקט, אין טורמע געהאַלטן מיך, — האָט סטעפּאַן געשטאַמלט, — איך וועל אײַך דינען... וואָס איר וועט הייסן, וועל איך טאָן, הער נאַטשאַלניק!..

— יאַוואָל! — האָט געזאָגט דער דײַטש. — נאָר איך בין ניט קיין נאַטשאַלניק. די באָלשעוויקעס זײַנען געווען נאַטשאַלניקעס. איך בין א לייטענאַנט — האַנס שפּילקע בין איך, דער קאָמענדאַנט פון יאַשפּאָל... פאַרשטאַנען?

— פאַרשטאַנען!..

— שלאָג ניט איבער! אז א לייטענאַנט רעדט, דאַרפסטו שווײַגן און הערן. שטיין גלײַך!

— פאַרשטייך... — האָט א באָמקע געטאָן סטעפּאַן.

— גיי אין קאָמענדאַטור! — האַנס שפּילקע האָט אָנגעוויזן מיט דער האַנט אין זײַטיקן געסל. — וועסט דינען אין פּאָליציי, און אַלץ וועט זײַן אָפּהענגיק פון דיר. וועסטו גוט דינען, באַקומסטו ברויט, ווורשט, שנאַפּס, א נײַעם פּידזשאַק. וועסטו שלעכט דינען — איז קאַפּוט!

סטעפּאַן טשורײַ האָט זיך צעשײַנט, ווי די לעוואָנע. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז פון הײַנט אָן איז ער באַם געשעפט. און אויב ער וויל זיך אַרויסשלאָגן פאַר א שטיקל מענטש, דאַרף ער זיך נעמען געטרײַ, מיט לײַב און לעבן, דינען זײַן נײַעם באַלעבאָס, דעם פאָרשטייער פונעם דריטן רײַך, האַנס שפּילקען!

פאַרן ערשטן טאָג פון זײַן דינסט אין יאַשפּאָלער פּאָליציי האָט סטעפּאַן באַוויזן אויפטאָן ניט ווייניק. ער האָט געבראַכט אין פּאָליציי־קעלער מער ווי צוואַנציק מענטשן, און בעניי־ביי האָט ער צונויפגענומען אין די הײַזער עטלעכע פּעק אָנטאָן, וועש, קאָלדרעס און געפעס. דאָס גוטס האָט סטעפּאַן איבערגעפּעקלט אין יענעם הויז, וווּ ער האָט גענעכטיקט. די ווײַסע שקאַפע האָט ער אויך ניט איבערגעלאָזט אַף גאָטס באַראָט, וויסנדיק, אַז זי וועט אים נאָך קומען צוניץ.

אין שכייניש הויף, לאַכלוטן א פּוסטן, א פאַרלאָזטן, האָט סטעפּאַן מיט זײַן הינטישן כוש אָנגעשמעקט, אַז אין קעלער מוז עמעצער זיך באַהאַלטן. און ווירקלעך, ער האָט גענומען קלאַפּן מיטן קאַראַבין אין טירל, און פון קעלער איז גאָר אײַנגיכן אַרויסגעקראָכן א הינקעדיקער אַלטער מיט א געדיכטער געלער באָרד. באַם אַלטן זײַנען געווען א פּאָר טונקעלע, קלוגע אויגן. ער איז געשטאַנען און מיט ביטל געקוקט אַף טשורײַס ווײַסן בענדל, וואָס אַפן אַרבל, אַפן שוואַרצן לאַנגן רעקל סטעפּאַנס, אַפן גרינעם קאַפּעליוש און די ווײַסע הויזן. דער אַלטער האָט זיך אָנגערופן:

— איך בעט מיר מויכל זײַן, פּאַן נאַטשאַלניק, נאָר עפּעס פאַרשטיי איך ניט, ווער איר זענט — א באַנדע צי וואָס?.. אַזוי, געדענק איך, זײַנען אַמאָל געווען פאַרפּוצט באַ אונדז די מאַכנאָווצעס.

די ווערטער פונעם אַזעספּאָנעם האָבן אַרויסגערופן באַם פּאָליצײַ גרימצאָרן. ער האָט אים שיר נישט דערלאַנגט מיט דער קאָלבע איבערן רוקן, נאָר באַשטימט אײַנהאַלטן דערוויַל דעם קאַס.

— ווי רופט מען דיך?

— טשובענקאָ לוקא... אַקעגן וואָס פרעגסטו?

— ביסט א קאָמוניסט, א ייִד, א קאָמיסאַר?

ערשט נאָך דעם, ווי לוקא האָט געזאָגט, אַז ער איז ניט קיין קאָמוניסט, ניט קיין ייִד, ניט קיין קאָמיסאַר, און אַז ער איז בלויז דער וועכטער פונעם אויספּירקאָם, איז סטעפּאַן א ביסל קילער געוואָרן. עמעס, דער אַלטער האָט דאָך געהאַט עפּעס א שײַכעס צו דער ראַטנמאַכט, מע וואָלט אים מיסטאַמע אויך געדאַרפט אוועקפירן אין פּאָליציע, ער זאָל זיך באַקאַנען מיט דעם לייטענאַנט. אָבער, איז סטעפּאַנען געקומען א געדאַנק, עפּשער גלײַכער, אַז דער אַלטער זאָל ווערן באַ אים א וועכטער — ער וועט געטרײַ היטן דאָס הויז און די זאַכן זײַנע, סטעפּאַנס, ער וועט אַכטונג געבן אַף דער שקאַפע, ניט ערגער, ווי ער האָט פריִער אָפּגעהיט דעם אויספּירקאָם... און דער קאָנטראַקט איז גלײַך געשלאָסן געוואָרן אַפן אָרט.

סטעפּאַן טשורײַ האָט געמאָלדן דעם אַלטן, אַז ער איז באַ א שטעלע און קיינער וועט אים מיט קיין פינגער ניט אָנרירן. וואָס איז שײַעך זײַן סלוזשבע אין אויספּירקאָם, דאָס וועט בלײַבן צווישן זיי. דעריקער, לוקא זאָל זיך סטאַרען, וועט ער לעבן אים, טשורײַען, זיך יאַקאָס קענען שפּײַזן...

אײדער עפּעס־וואָס, האָט סטעפּאַן באַפוילן זײַן באַדינער אויסרייניקן א שטאַל און גוט אײַנאָרדענען די שקאַפע, קריגן היי און טוווּע, כוץ דעם, זאָל ער אויפראַמען אין שטוב, צוגרייטן וועטשערע און טאַקע עפּעס אַף אויסטרינקען אויך.

לוקא טשובענקאָ האָט אָנגעקוקט דעם פאַרשוין מיט זײַנע קלוגע טיפע אויגן. ווידער איבערפרעגן, ווער איז ער, דער פאַרשוין, וואָס פאַר א פּאָסטן פאַרנעמט ער באַ דער נײַער מאַכט, האָט ער זיך ניט אײַנגעשטעלט, נאָר, ווי עס זאָל ניט זײַן, האָט זיך געטראַכט לוקא, האָט יענער א ביקסל, טראָגט א ווײַס בענדל אַפן אַרבל און, וויבאַלד די וולאַסט האָט אים געגעבן אַזא גרויסע שטוב און דערצו נאָך א פערדל, מוז ער, זעט אויס, זײַן א „יאַ טאָבי דאַם" — מע דאַרף זיך אים אונטערוואַרפן.

און דער אַלטער האָט זיך געשטעלט צו דער אַרבעט.

דאָס איז, פאַרשטייט זיך, ניט אזא שטעלע, ווי ער האָט געהאט אין אויספּירקאַם. דאָרטן האָט ער געזען פאר זיך מענטשן און געהאט פון זיי קאָוועד. דער פּאָרזיצער אַליין פלעגט זיך שטענדיק מיט אים גריסן בא דער האנט און זיך צו אים ווענדן ניט אנדערש, ווי: „לוקא איוואַנאָוויטש“, און דער־אָ טײַוול מיטן קורצן נאסן נעזל און מיטן בענדל אפן ארבל האָט אים אפילע קיין גוטמאָרגן ניט געזאָגט. נאָר וואָס האָט דער אַלטער געקאָנט מאכן?

דערווײַל איז סטעפאַן טשורײַ מײַסע באַלעבאָס ארומגעגאנגען איבער דער שטוב, געוויזן, וועלכע בילדער פון דער וואנט דער אַלטער זאָל ארויסוואָרפן, פאַרברענען, און וועלכע איבערלאָזן, געהייסן אים איבערשטעלן דאָס מעבל, און אָנגעקוועלט, וואָס עס איז אים געקו־מען אזא גאָלדענער געדאנק — נעמען צו זיך אין דינסט דעם אַלטן.

■

דעם גאנצן טאָג איז לוקא געווען פאַרטאָן אין שטוב — געראַמט, איבערגעשטעלט דאָס מעבל. ניט איין מאָל, באַגעגענענדיק זיך מיטן בליק פון דעם באַיאָרטן מענטשן, וואָס האָט אראָפּגעקוקט פון א גרויסער פאָטאָגראַפיע — און ווער האָט דאָ אין שטאָט ניט געקענט דעם דאָזיקן מענטשן, דאָס איז געווען דער דירעקטאָר פון דער היגער צעניאָריקער שול, נאטאן גראָסבערג, בא וועלכן עס האָבן זיך געלערנט אויך זײַנע, לוקא טשובענקאָס, צוויי זין, — האָט זיך באם אַלטן שיר ניט אָפּגעריסן דאָס הארץ.

געקומען עפּעס א דער רועך ווייסט וואָס, מיט א ווײַס בענדל און א ביקסל, א פּאַרקויפט נעשאָמעלע, און האָט זיך באזעצט אינעם דירעקטאָרס דירע, און באַלעבאַטעוועט דאָ, ווי ער וויל! אזא טײַערער מענטש איז געווען נאטאן גראָסבערג. די גאנצע שטאָט האָט אים ליב געהאט און אָפּגעגעבן אים קאָוועד, און אָט דער טײַוול פּאַסקודעט אין זײַן שטוב, כראָפּעט אף זײַן געלעגער און שלעפּט אהער צונויף פון די ארומיקע הײַזער שמאטעס און געפּעס...

פאַרן טאָג איז דאָס מענטשל מיטן צוגעפּלעטשטן נעזל דרײַ מאָל געקומען אהער פאַר־פינעט, פאַרסאָפּעט, מיט פולגעפּאַקטע זעק אף די פּלייצעס און אונטערגעוווּנקען צו אים, צו לוקאַ, ער זאָל עס גוט באהאַלטן און קיינעם אין שטוב ניט ארײַנלאָזן.

געכאַפּט עפּעס אין מויל, אויסגעטרונקען א פּאָר קווערטלעך ווישניק, אויסגעווישט מיטן פאַרהאַנג די פאַרשטויבטע שטיוול, האָט ער געכאַפּט די ביקס און איז ווידער געלאָפן אין שטאָט ארײַן.

פון דאָרטן האָט זיך דערטראָגן א שיסערײַ, עס האָבן זיך געהערט מוירעדיקע גוואַלדן, א געוויין פון ווײַבער און קינדער.

לוקא איז געשטאַנען ניט טויט ניט לעבעדיק באם פענצטער און מיט פּאַכעד געקוקט, וואָס עס טוט זיך אף דער גאַס.

זײַן באַלעבאָס און נאָך אזעלכע, ווי ער, יונגערע, עלטערע, באַוואָפנטע מיט ווײַסע בענדלעך אף די ארבל, דײַטשישע סאָלדאטן מיט מוירעדיקע גרויסע הינט, ווי די וועלף, האָבן געטריבן מענטשן, זיי געשלאָגן, געמיימעסט. דער אַלטער האָט זיך ניט פאַרגעשטעלט, וווּהין טרײַבט מען זיי און מיט וואָס האָבן זיך די מענטשן פאַרזינדיקט בא די נײַע באַלעבאַטים. דאָס הארץ האָט אין אים געוויינט. ער האָט געטראַכט, אז, זעט אויס, אזוי וועט אויך זײַן מיט אים און מיט זײַן אַלטיטשקער, וואָס זיצט בא זיך אין שטוב אפן אויוון און הערט ניט אוף וויינען.

ערשט שפּעט באנאכט איז געקומען דער באַלעבאָס, ווידער מיט צוויי גרויסע טשעמאָ־דאנעס אין די הענט. אוועקגעשטעלט די ביקס אין ווינקל, האָט ער מיט זײַנע לויפנדיקע גרויע אויגן באַטראַכט דעם אַלטן, ווי ער זאָל אים זען דאָס ערשטע מאָל, און א בורטשע געטאָן:

— דערלאַנג צום טיש און וואַרעם אָן א שיסל וואסער, איך וועל זיך ארומוואשן!

לוקא האָט ארויסגענומען פון אויוון א הייסן קרוג מיט וואסער, אָנגעגאָסן אין דער גרויסער שיסל און א ווונק געטאָן — דער באַלעבאָס קאָן זיך גיין ארומוואשן נאָך זײַן שווערער טירכע.

— אהין! — האָט בייז געזאָגט סטעפּאַן, אָנווײַזנדיק אפן אַלקער. — און דו וועסט מיר וואשן די פּלייצעס!..

ער איז ארײַנגעגאנגען אין אַלקער, אראָפּגעוואָרפן פון זיך דאָס פאַרשטויבטע אָנטאָן. נאָר לוקא האָט געמאַכט אָן אָנשטעל, אז ער האָט גאָרניט געהערט, און אוועק אין קיך.

— היי, אַלטער, ביסט טויב? איך קאָן דיך גלײַך מאכן הערנדיק! — האָט טשורײַ זיך צעשריגן. — איך האָב באַפוילן אויסוואשן די פּלייצעס!.. דײַנע באַלשעוויקעס האָסטו מיסטאָמע געוואשן, און דאָ פּוילסטו זיך שוין? דאַרפסט זאָגן א דאנק, וואָס איך פיר דיך ניט אהין, צום

קאָמענדאַנט אין קעלער! האַנס שפּילקע וועט זיך מיט דיר דורכריידן. א סאַך אײַעריקע, די סאָוועטן, האָבן שוין די נעשאָמע אויסגעשפּיגן!

לוקא טשובענקאָ האָט זיך אומגעקערט פון קיך. אָנגעשעפּט א קוואָרט וואַרעמע וואַסער, האָט ער זי ניט געגאָסן, נאָר אויסגעגאָסן טשוריען אַף דער פּלייצע, אַפן הוילן קאָפּ און פּאַרזיכטיק זיך אָנגערופן:

— איך האָב קיינעם פון נאַטשאַלסטווע ניט געוואַשן, ניט באַדינט. איך בין געווען א וועכטער אין אויספּירקאָם. אָפּגעזעסן אכט שאָ אַף דזשורסטווע, בין איך געגאַנגען אהיים...

— דערציייל באַבעמײַסעס, אַלטער שעד, ביסט געוויס א קאָמוניסט און האָסט א רויט ביכעלע... דײַן גליק, וואָס ביסט אַרײַנגעפאַלן אין מײַנע הענט. איך האָב אַף דיר ראַכמאָנעס, אַז ניט, וואָלט מען דיך אויך צעשאָסן...

— נו, וואָס קאָן איך טאָן? ווילסט שיסן, שיס! די ביקס איז בא דיר אין די הענט... — האָט שטיל געזאָגט דער אַלטער.

— ע! — סטעפּאַן האָט מיט האַנאַע זיך געצויגן פליוסקען אין דער וואַסער. — שוין לאַנג זיך אַזוי ניט געבאָדן! זינט איך האָב זיך אומגעקערט פונעם לאַגער... אויב דו וועסט מיר גוט דינען, וועל איך דיך פונדעסטוועגן ניט אויסגעבן...

— נו, דאָס איז דײַן זאַך, — האָט לוקא זיך אָפּגערופן. אויסגעגאָסן אַפן פּאַליציײַס קאָפּ דאָס רעשט וואַסער, איז ער אַוועק אין קיך גרייטן וועטשערע.

סטעפּאַן האָט זיך אָבער צום טיש ניט געזעצט. באַפוילן דעם אַלטן פאַרהענגען אַלע פענצטער און בעסער פאַרשליסן די טיר, האָט ער אויסגעשאָטן אַפן בעט דאָס, וואָס איז געווען אין די טשעמאָדאַנעס.

לוקא האָט געקוקט, און דאָס לײַב האָט בא אים געציטערט. אַפן בעט און אַפן דיל זײַנען געלעגן מאַנצבלשע און פרויישע קליידער. טשוריי האָט זיי סאָרטירט. די אַרבעט האָט דער פּאָליציי געטאָן ניט געײַלט, אָפּמעסטנדיק און אָפּוועגנדיק מיטן גענויטן בליק יעדער זאַך באַזונדער, אַזוי ווי ער פלעגט עס טאָן, ווען ער האָט געאַרבעט אַמאָל, ביז דער טורמע, אין קאָנטאָר פון אוטיל.

געכאַפּט אַף זיך דעם אַלטנס בליק, האָט סטעפּאַן אויסגעקליבן פון דעם פּאַק א העמדל, א פּאָר הויזן און א שלײַדער געטאָן צו זײַנע פיס:

— דאָס וועט זײַן דיר, לוקא, נעם!

— א דאַנק... איך דאַרף דאָס ניט!

סטעפּאַן האָט אָפּגעמאָסטן דעם אַלטן מיט א בייזן בליק:

— פאַרוואָס נעמסטו ניט, אַז איך גיב דיר?

— דאָס איז ניט מײַנס. איך האָב קיינמאָל קיין פרעמדס ניט גענומען. און ביכלאַל...

— וואָס זשע, דו זשאַלעוועסט די ייִדן און די קאָמוניסטן? — האָט מיט רעציכע אויסגעשריגן סטעפּאַן. — זיי וועלן דאָס שוין מער ניט דאַרפן. אַף יענער־וועלט וועט מען זיי אַרויסגעבן אַנדערע טראַנטעס! נעם, זאָג איך!

דער אַלטער האָט א דריי געטאָן מיטן קאָפּ:

— איך וועל ניט נעמען... איך דאַרף גאָרניט... גייט עסן וועטשערע...

טשוריי איז צוגעגאַן צום טיש, אויסגעטרונקען א קוואָרט ווישניק און זיך הילכיק צעלאַכט:

— אַלטער נאַר, איך האָב ניט געוווּסט, אַז בא דיר איז אַזא ווייך האַרץ... מאָרגן וועל איך דיך מיטנעמען אהין, אין קעלער, וועסטו זען... וועסט בא מיר צעשיסן עטלעכע קאָמיסאַרן און זשידעס, וועסטו זיך צוגעוווינען און דײַן האַרץ וועט ווערן שטאַרקער...

לוקא טשובענקאָ האָבן די ווערטער א בראָט געטאָן:

— אָ, צוליב וואָס רעדט איר אַזוינס, — האָט ער געזאָגט, — גייט עסט עפּעס. עס איז שוין שפּעט. איך דאַרף זיך אויך לייגן שלאָפן...

— לוקא, טרינק אויס מיט מיר! וואָס אַנטלויפסטו, ווילסט מיט מיר ניט זיצן?

דער אַלטער איז א ווײַלע געשטאַנען א צעטראָגענער, ניט געוווּסט, וואָס ענטפערן, און לעסאָף זיך געכאַפּט:

— איך וועל גיין אין שטאַל... מע דאַרף די שקאַפּע אָנפּאָיען, שיר ניט פאַרגעסן!

ער איז אַרויס פון שטוב מיט א געבויגענער פּלייצע, ווי א פאַרטשמעליעטער. אין די אויגן זײַנען געשטאַנען טרערן. א פאַרדראָס מיט א ווייטעק האָט אים געהריזעט. פאַר זײַנע זיבעציק יאָר האָט לוקא נאָך ניט געוווּסט פון אַזא דערנידעריקונג, ניט איבערגעלעבט אַזא שוידער...

גאנצפרי איז לוקא טשובענקאָ ארויס אין גאס און, ארומקוקנדיק זיך מיט פּאכעד אין אלע זײַטן, אוועקגעלאָזט זיך אין צווייטן עק פונעם שטעטל — קריגן ערגעץ פאר דער שקאפּע א ביסל היי.

די גאסן זײַנען געווען פּוסט, פארלאָזט, פארוויסט, בלויז דאָ און דאָרט האָבן, ווי שאָטנס, דורכגעשמײַעט איינצלנע מענטשן, וואָס האָבן זיך אזוי ווי געהיט איינס פארן אנדערן.

די ווענט זײַנען געווען פארקלעפּט מיטן קאָמענדאנטס באפעלן. מיט באזונדערס גרויסע אויסיעס זײַנען אלעמאָל אָנגעשריבן געווען די ווערטער: „צעשיסן!“.

איבער די גאסן האָבן זיך אומגעטראָגן דײַטשן אף מאָטאָציקלען, מאשינעס, און, קוקנדיק אף די אָנגעפּרעסנע, זעלבסטצופרידענע פּענעמער פון די אָקופּאנטן, האָט דער אלטער געפילט אי פּאכעד, אי טיפע סינע. ער האָט זיך געוואָלט אומקערן, נאָר ער מוז דאָך מיט עפּעס האָדעווען די שקאפּע, אנדערש וועט טשורײַ אים דערהארגענען.

דער אלטער איז צוגעקומען ביזן ראָג פון דער צענטראלער גאס און א דערשטוינטער זיך אָפּגעשטעלט. ער האָט קוים באוויזן ארײַנלויפן אין א הייפל און זיך באהאלטן אונטער קוסטעס.

א מאסע מענטשן, צווישן וועלכע עס זײַנען דעריקערשט געווען אלטע לײַט, פרויען מיט קינדער אף די הענט, איז געגאנגען ארומגערינגלט מיט סאָלדאטן, וואָס האָבן אף לאנגע רימענס געפירט הינט. צווישן די קאָנוואָירער זײַנען געווען אויך באוואָפנטע ציווילע לײַט מיט ווײַסע בענדלעך אף די ארבל. איינער פון די פּאָליציײַען האָט שטארק געשריגן אף עמעצן פון די פרויען, וואָס האָט ניט געקאָנט גיין, געדראָעט מיט דער קאָלבע פונעם קאראבין. דאָס איז געווען סטעפּאן טשורײַ...

דער אלטער האָט זיך איבערגעציילעמט, ער איז געשטאנען א געפּלעפּטער, ער האָט שוין גוט פארשטאנען, וואָס דאָ קומט פאָר. די קאָלאָנע איז אוועק ווײַטער, און לוקא האָט זיך געלאָזט מיט די הייפלעך און גערטענער איר נאָכגיין. דאָ האָט ער א דערשטוינטער דערזען, אז עטלעכע זײַטיקע געסלעך זײַנען ארומגעצוימט מיט שטעכדראָט און אז דאָרטן, פון יענער זײַט דראָט, איז א מוירעדיקע ענגשאפט, א טומל, א געוויין. די קאָלאָנע האָט מען אויך אהין פארטריבן.

בא די הײַזלעך פון דער־זײַט דראָט זײַנען געשטאנען עטלעכע עלטערע אוקראַיִנישע פרויען, געבראָכן זיך די הענט, געוויינט, געציילעמט זיך. לוקא איז צוגעגאנגען צו זיי, א פרעג געטאָן, וואָס קומט דאָ פאָר, און עמעצער פון די פרויען האָט אים אײַנגערוימט, אז דאָס האָבן די דײַטשן געמאכט א געטאָ פאר יידן: פון אלע דערפער און פון די נאָענטע שטעטלעך טרײַבט מען אהער צונויף די מענטשן, ניט אנדערש ווי אף אומקום...

לוקא האָט געזען, אז אייניקע פון די אוקראַיִנישע פרויען דערלאנגען ארויס פון זייערע קוישלעך ברויט, מערן, אוגערקעס, מע גאנוועט זיך צו צו די דראָט־פארצוימונגען און מע ווארפט דאָס אלץ פאר די אומגליקלעכע.

עמעצער פון די פרויען האָט געבראכט אן עמער וואסער, געוואָלט אים איבערגעבן אין געטאָ, איז צוגעלאָפן סטעפּאן טשורײַ, איבערגעקערט דעם עמער, אומגעוואלגערט די פּויערטע אף דער ערד און גענומען טאָפּטשען זי מיט די פיס. דערזען דעם אלטן לוקא, האָט טשורײַ צעשריגן זיך אף אים:

— וואָס טוסטו דאָ? אנו, אוועק פונדאנען! ווילסט עפּשער אויך אהין? דו זשאלעוועסט די זשידעס און קאָמיסארן?

דער אלטער האָט זיך פארענטפערט, אז דאָס זוכט ער היי פאר דער שקאפּע. טשורײַ האָט א קלער געטאָן און אים געהייסן צוווארטן. דער פּאָליציײַ איז אוועק אין א זײַטיק שטיבל און ארויסגעטראָגן פון דאָרטן צוויי קלומקעס.

— וועסט עס אָפּטראָגן אהיים, צו מיר! — האָט ער א פארסאָפּעטער געזאָגט.

לוקא האָט דערפילט אף זיך די בייזע בליקן פון די פּויערטעס, וואָס האָבן געווארט, די פּאָליציײַען זאָלן זיך פארקוקן, מע זאָל קאָנען נאָך עפּעס־וואָס אריבערווארפן איבערן דראָט. ער האָט זיך פארלוירן, ניט געוווּסט, וואָס טאָן, אָבער נאָך א קליינער קווענקלעניש האָט ער געזאָגט:

— איך דארף גיין באזאָרגן אײַער שקאפּע מיט היי, זי וועט דאָרט פּייגערן!..

ער איז אוועק, פילנדיק מאמעש, אז טשורײַס בליקן שנײַדן אים דעם קארק. טשורײַ האָט אים אפילע עפּעס נאָכגעשריגן, נאָר לוקא האָט זיך ניט אומגעקוקט.

די רעציכע האָט זיך אין סטעפּאנען צעברענט. ער האָט געוואָלט דעריאָגן דעם אלטן און

אים גוט אריַינלייגן אין דיביינער, נאָר גראַדע אין דעם מאָמענט האָט ער דערהערט דעם רויש פון אַן אויטאָמאַשין און זיך אומגעקוקט.

צום טויער פון דער געטאָ איז צוגעפאָרן האַנס שפּילקע, און די סאָלדאַטן, די פּאָליציַיען, וואָס האָבן דאָ זיך אומגעדרייט, זיַינען געבליבן שטיין, ווי די שטורקאַטשעס.

סטעפאַן טשוריַי האָט זיך אויך אויסגעצויגן און אופגעהויבן די האַנט, א ברום געטאָן „הײַל היטלער!". נאָר ער האָט זיך שטאַרק פאַרלאָרן, וואָס ער איז געשטאַנען לעבן צוויי קלומקעס...

דער קאָמענדאַנט איז אַרויסגעגאַנגען פון דער מאַשין, זיך אַרומגעקוקט, אָפּגעשטעלט די אויגן אַף די קלומקעס:

— און דאָס וואָס איז? נישטאָ קיין אָרדענונג!..

פון דעם געשריי האָט זיך סטעפאַן אזש עטוואָס צוגעזעצט. ער האָט ניט געוווּסט וואָס צו ענטפערן, א זידל געטאָן אין געדאַנק דעם אַלטן, וואָס האָט אים אזוי אונטערגעפירט, נאָר טייקעף געכאַפּט זיך אין די הענט און גאַנץ פלינק געענטפערט:

— אַן אַלטע האָט עס ניט געקענט דערטראָגן ביזן טויער און עס דאָ איבערגעלאָזט...

א כאַפּ געטאָן די צוויי קלומקעס, האָט סטעפאַן זיי אַריבערגעוואָרפן איבערן דראָט.

האַנס שפּילקע האָט אים בלויז אָפּגעמאָסטן מיט דעם קאַלטן, שטרענגן בליק, ס'הייסט, ער פאַרשטייט, אַז ס'איז א טערעץ; א וויש געטאָן מיט דער האַנט דאָס טרוקענע בלוטלאָזע פּאָנעם, האָט ער פונקט אזוי שטרענג באַקוקט דעם האַמויז, וואָס איז געשטאַנען צוניפגע־שטויסן פון יענער זײַט דראָט, און געלאָזט זיך שנעל גיין לענגאויס דעם צוים — ער האָט געדאַרפט זען, צי איז אַלץ אין אָרדענונג.

לויט די גרימאַסן דעם קאָמענדאַנטס, לויט זײַן זשעסטיקולירן, איז געווען צו זען, אַז ניט אַלץ האָט אים דאָ באַפרידיקט.

ער האָט געהייסן אָנציִען נאָך דראָט, דער צוים זאָל זײַן געדיכטער, און שטעלן וואַך־טורעמס, מע זאָל זען, וואָס עס טוט זיך אין יעדער ווינקל פון דער געטאָ. מע זאָל ניט שאַנעווען די פּויערטעס, וואָס ברענגען די ייִדן ברויט און וואַסער. און ביכלאַל זאָל די געטאָ זײַן אָפּגעשלאָסן פון דער וועלט!

אין אופגעבראַכטער, א צערייצטער איז סטעפאַן געקומען אַהיים. ער איז געווען גרייט צעריַיסן דעם אַלטן לוקא אַף שטיקער. נאָך א רעגע, ווען ער געפינט קיין גוטן טערעץ ניט, וואָלט אים דער דײַטש עפּשער דורכגעטריבן פון דער פּאָליציי.

און כוץ דעם, וואָס הייסט, דער אַלטער פּילט ניט אויס זײַן באַפעל און שטעלט אים אַרויס צום נאַר פאַר די אַרומיקע?

ס'איז שוין געווען נאַכט, און סטעפאַנען האָט זיך טאַקע איַינגעגעבן אַראָפּברענגען מיט זיך די צוויי קלומקעס. נאָר וואָס איז דאָס פאַר א באַדינער? ער ווייסט ניט, דער אַלטער טײַוול, אַז ער איז בא אים איצט אין די הענט און ער, סטעפאַן, קאָן מיט אים טאָן, וואָס ער וועט וועלן?

אין שטוב איז געווען פּוסט. אין קיך, אַפן טיש, איז געשטאַנען די וועטשערע, נאָר דער אַלטער איז שוין דאָ ניט געווען.

א שלײַדער געטאָן די קלומקעס אַפן דיל, איז סטעפאַן טשוריַי צוגעלאָפן צום אַלטנס הײַזל און אָנגעהויבן קלאַפּן אין דער טיר.

— היי, לוקא, וואָס כראָפּעסטו דאָרטן? פאַרוואָס היטסטו ניט אָפּ מײַן שטוב? טאָמער וועט מען עפּעס צוגאַנווענען, וועל איך פון דיר די הויט אָפּשינדן...

דער אַלטער איז אַרויס אין דעם וועש, אַרײַנגעגאַן נאָכן צעבושעוועטן פּאָליציַי אין שטוב:

— איך האָב אָנגעהאָדוועט און אָנגעפּאָיעט די שקאָפּע, צוגעגרייט איַיך עסן... וואָס זשע נאָך דאַרף איך טאָן?

טשוריַי האָט אים אָפּגעמאָסטן מיט די שיקערע, איבערגעקערטע אויגן, אַרײַנגעזעצט זיך אין ווייכן בעט און אופגעהויבן די פיס.

— רעד ווייניקער! — האָט ער א געשריי געטאָן. — שלעפּ אַראָפּ די שטיוול און דער־לאַנג הייסע וואַסער — וועסט מיר וואַשן די פיס... איך בין זיך אָנגעלאָפן א גאַנצן טאָג, ווי א הונט.

לוקא האָט זיך ניט גערירט פון אָרט.

— וואָס שטייסטו ווי א דעמב, אַלטער הונט! — האָט דער פּאָליציַי זיך צעשריגן, — וואָס שטייסטו און קוקסט מיט די אויגאַנעס דײַנע? דו מיינסט, איך האָב שוין פאַרגעסן, אַז דו האָסט ניט געוואָלט טראָגן די קלומקעס אַהיים? איך וואָלט דיך אַפן אָרט אוועקגעלייגט...

דײַן באַלעבאָס פון אויספירקאָם האָסטו, זעט אויס, גוט געדינט, און מיט מיר וועסטו פּראָוון מיִעסע שטיק?..

— נאַטשאַלניק... איך ווייס ניט, וויאַזוי איך זאָל זיך צו דיר ווענדן, — האָט דער אַלטער זיך אָנגערופן, — איך האָב דיר שוין איין מאָל געזאָגט, אַז איך האָב קיינעם ניט געדינט. דו האָסט געבעטן, איך זאָל אכטונג געבן אױף דעם לערערס שטוב און האָדעווען דײַן שקאַפּע...

— וואָס? דעם לערערס שטוב? זאָלסט זיך דאָס אַרויסשלאָגן פון דײַן נאַרישן קאָפּ, אַלטער טײַוול! קיין שום לערער! דאָס איז סטעפּאַן טשוריַיס שטוב... טשוריַי פון דער זאָנדערקאָמאַנדע... פאַרשטייסט? און איך האָב ניט געבעטן, זאָלסט דינען בא מיר, נאָר באַפוילן! און דו דאַרפסט מיר דערפאַר קושן די שטיוול. וואָלסט איצט געלעגן אין יענעם קעלער, ווי אַלע אײַערע קאָמוניסטן און קאָמיסאַרן...

דער אַלטער האָט אַ קנייטש געטאָן מיט די אַקסל, צוגעגאַנגען צום בעט און מיט אַ קרעכץ, פאַרשעלטנדיק אין גערדאַנק דעם פּאָליצײַ דאָס געביין, גענומען אַראָפּשלעפּן פון זײַנע שטינקענדיקע פיס די שטיוול.

„ווי זײַנען גאָר געבוירן געוואָרן אַזעלכע שלענג? — האָט געטראַכט לוקאַ. — וואָס פאַר אַ מאַמע האָט אַזוינס אויסגעכאָוועט אױף אונדזער קאָפּ? פאַרוואָס האָט אײַך, איראָדן, די ערד ניט אײַנגעשלונגען? איר זענט דאָך די זעלבע קוילער, ווי די פאַשיסטן, די דײַטשן, וואָס פאַרשפּאַרן די מענטשן הינטער די שטעכיקע דראָטן!"

— דו זאָגסט עפּעס, אַלטער פערד? — האָט זיך אָנגעשפּיצט סטעפּאַן, דערהערנדיק, אַז לוקאַ שעפּטשעט.

— ניין, איך זאָג טפילה... — האָט געענטפערט טשובענקאָ. — איך דאַנק גאָט, וואָס ער האָט מיר צוגעשיקט אַזאַ גוטן באַלעבאָס... איך האָב לאַנג געוואַרט אױף דיר...

— אָט דאָס איז עפּעס אַנדערש! — האָט סטעפּאַן זיך דערפרייט. — און איך האָב גע־מיינט, אַז דו בלאָזט זיך נאָך אױף מיר. דאַרפסט מיר זאָגן אַ דאַנק!

— אהא, אהא, די ווערטשערע ווערט קאַלט — גייט עסן...

מענטשן בלײַבן מענטשן

די פלוגבלעטלעך, וואָס דער רוסישער אַעראָפּלאַן האָט, דורכפליִענדיק איבערן יישוב, אַראָפּגעוואָרפן, האָבן געבראַכט דעם אוילעם אַ יאַם פרייד. אַ לעבעדיקער גרוס פונעם היימלאַנד.

עס איז ניט געווען אין דעם קאַנט קיין איין מישפּאָכע, קיין איין מענטש, וועמען עס זאָל ניט אָנרירן די מילכאָמע. דאָרטן, פון יענער זײַט פראָנט־ליניע, זײַנען געווען טאַטעס, זין, קרויווים. מע האָט פאַרשטאַנען, אַז קיין בריוולעך און קיין גרוסן וועט מען פון דאָרט אַזוי גיך ניט באַקומען, — האָבן די פלוגבלעטלעך אַלעמען אַ ביסל באַרויִקט און דערקוויקט די נעשאָמע.

דעריקער איז געווען דאָס, וואָס כאָטש דער פײַנט האָט פאַרכאַפּט אַ סאַך שטעט און דערפער און אַלץ נאָך גערייסן זיך פאָרויס, האָט ער אָבער מיט יעדן טאָג באַגעגנט אַ גרעסערן ווידערשטאַנד...

די אַרמיי האָט זיך אױף פאַרשיידענע ריכטונגען מעסירעסנעפעשדיק געשלאָגן. מאָסקווע, קיִעוו, לענינגראַד זײַנען געשטאַנען ווי אומבאַזיגבאַרע פעסטונגען, און אויב אַזוי, האָט דער אוילעם געגלייבט, איז נאָך דער הימל ניט בא דער ערד. דער סוינע וועט סאָפּקאָלסאָף לײַדן אַ מאַפּאָלע, אַרויסגעשלײַדערט ווערן פון אונדזער לאַנד, מע וועט נאָך דערלעבן אַ נעקאָמע אין די פאַשיסטישע הענקער.

אין איינעם פון די טעג איז לעסיע מאַטיאַש מיט רוטע סאַנטאָס געקומען צו דער האַלב־צעקלאַפּטער שול און צווישן די שטיינער געפונען אַ צעשעדיקטן ראַדיאָ־אופּנעמער. מע האָט אים אַרויסגעשלעפּט פון אונטער דעם ברוכוואַרג, אָפּגערייניקט פון שטויב און ערד און באַ־דוירעט, וואָס ער איז אין אַזאַ צושטאַנד און מע קאָן מיט זײַן הילף גאָרניט ניט הערן.

ווען עס איז טונקל געוואָרן, האָבן זיי אײַנגעוויקלט דאָס קעסטל אין אַ ראַגאָזשע און עס אוועקגעטראָגן צו קיווע בעראַשן. יענער איז אָפּגעזעסן ביז טאָג, זיך געפּאָרעט צווישן די דראָטן און לעמפּ, לאַנג געמינטערט דעם אופּנעמער, ביז ער האָט אָנגעהויבן רעדן.

מע איז געזעסן, בעראַש און די צוויי מיידלעך, געהערט די דיקטאָרס פון קיִעוו, פון מאָסקווע, און איבער די פּענעמער האָבן זיך בא זיי געקײַקלט טרערן. טרערן פון פרייד.

מ׳האָט געהערט די שטים פון יענע שטעט, וועגן וועלכע די דײַטשן האָבן געהאַלטן אין איין שרײַען, אַז זיי זײַנען שוין לאַנג געפאַלן.

כאָטש מע האָט פון יענער זײַט פראָנט טאַקע איבערגעגעבן ביטערע ידיעס וועגן גרויסע בלוטיקע שלאַכטן, וועגן פאַרלאָזטע שטעט און דערפער, זײַנען אָבער געווען גוטע ידיעס אויך, אַזעלכע, וואָס האָבן אָנגעפילט דאָס האַרץ מיט האָפענונג.

מאָסקווע האָט איבערגעגעבן וועגן אָנפאַליען פון סאָוועטישע באָמבאַרדירער אַף בערלין און אַנדערע דײַטשישע שטעט.

לעסיע מיט רוטען האָבן פאַרשריבן די נײַס, דערנאָך מיט געדרוקטע אויסיעס איבערגעשריבן דאָס אַלץ ווידער און די בלעטלעך פאַנאַנדערגעקלעפּט אין יישעוו און אין לוקאַשיווקע.

לעסיע מיט רוטען האָבן פּאַרטיזאַנישע איבערגעטראָגן דאָס קעסטל קיין לוקאַשיווקע. פאַרקליבן זיך מיט דעם צו לעסיען אין קעלער און אַלע נאַכט געהערט, וואָס מאָסקווער ראַדיאָ גיט איבער...

פאַר די מענטשן, וואָס האָבן אַרויסגעקוקט אַפן בראָך פון די פאַשיסטישע הענקער, זײַנען די נײַס געווען דאָס סאַמע טײַערסטע. די מיידלעך האָבן זיך געפילט גליקלעך, וואָס זיי קאָנען ברענגען אָט די נײַס.

דער יישעוו און דאָס דאָרף זײַנען איצט געווען ווי אָפּגעזונדערט פון דער גאַנצער וועלט. זיי זײַנען טאַקע געשטאַנען אין אַ זײַט פון גרויסע שלאַכטן, די דײַטשן האָבן זיך דאָ באַוויזן גאָר ניט אָפט און ניט אַף לאַנג.

דער אוילעם האָט צוביסלעך געאַרבעט ווי עס האָט זיך געמאַכט. דער סטאַראָסטע מאָרגון האָט יעדע עטלעכע טעג אַרויסגעפירט אין שטאָט, פאַרן קאָמענדאַנט, דאָס, וואָס מע האָט פון אים געפאָדערט. צו די מענטשן האָט מאָרגון זיך ניט געטשעפּעט, פאַרקערט, געהאָלפן יעדן איינעם, מיט וואָס נאָר ער האָט געקאָנט, אַף אַ סאַך זאַכן האָט דער סטאַראָסטע געקוקט צווישן די פינגער, געווען קלוימערשט בלינד און שטום...

פון די ווײַטע שטעט און שטעטלעך זײַנען אַהער געקומען קלאַנגען וועגן שוידערלעכע גזיירעס, מאַסן־עקזעקוציעס איבער אומשולדיקע, פרידלעכע מענטשן. אין יישעוו און אין לוקאַשיווקע האָט מען דערווײַל פון אַזוינס ניט געוווּסט. מע איז אָבער מיט יעדן טאָג געוואָרן אַלץ מער אומרויִק. מע האָט פאַרשטאַנען, אַז מע איז אויך דאָ אויסגעשטעלט...

און טאַקע — אין איינעם אַ שטילן באַגינען, ווען לעסיע און רוטע, זיצנדיק אין קעלער באַם ראַדיאָ־אופנעמער, האָבן פאַרשריבן אין זייערע העפטלעך די „סוואָדקע“ פון אינפאָרמביוראָ, האָבן זיך ווײַטלעך פון יישעוו אָפּגעשטעלט צוויי לאַסטמאַשינעס און פון דאָרטן זײַנען אַרויסגעשפּרונגען סאָלדאַטן פון דער זאָנדערקאָמאַנדע, פאָליציײַען מיט זייער שעף האַנס שפּילקע אין דער שפּיץ.

די מאַכנע האָט זיך געלאָזט גיין איבער די הײַזער פונעם שטילן יישעוו, אַראָפּגעשלעפּט די מענטשן פון די געלעגערס און אַלעמען אַרויסגעטריבן אַף דער גאַס צום פּלאַץ.

די גאַסן און געסלעך פון רוזשיצע זײַנען פאַרפולט געוואָרן מיט געשרייען, מיט געוויין.

גדאַליע סאַנטאָס איז אַרויסגעשפּרונגען פון דער שטוב מיט דער אײַזערנער פּרענטע, וואָס קיווע בעראַש האָט פאַר אים אויסגעקאָוועט, נאָר אַ קוק געטאָן, וויפל סאָלדאַטן און פאָליציײַען עס האָט אַהער אָנגעטראָגן, האָט סאַנטאָס פאַרשטאַנען, אַז מיט עטלעכע פּרענטעס וועט מען דאָ גאָרנישט ניט מאַכן. פאַרקערט, עס קאָן נאָך זײַן ערגער, און ער האָט פאַרשטעקט אין אַ באַהעלטעניש דאָס אײַזן, געהייסן קיווען, סימכען, מענאַשען אויך טאָן דאָס זעלבע און זיך געלאָזט אַהין, וווהין אַלע זײַנען געטריבן געוואָרן.

אין גדאַליעס אויגן האָט געברענט דער האַס, דאָס האַרץ איז פאַרזאָטן געוואָרן פון ווייטעק, נאָר ער האָט גאָרנישט ניט געקאָנט צוטראַכטן. פון די גוואַלדן, פונעם געוויין איז ער געפּלעפּט געווען.

סימכע קושניר איז געגאַנגען צווישן אוילעם מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. אונטער דער פּאַכווע האָט ער פעסט געהאַלטן דאָס זעקל מיט די דאָקומענטן, מיט זײַנע ביכלעך, ווו עס איז געווען פאַרשריבן די געשיכטע פונעם יישעוו. האָט ער נאָר געטראַכט, סימכע, וואָס טוט מען מיט דעם אַלעמען, ווו באַהאַלט מען דאָס. אויב ער וועט דערהאַרגעט ווערן, איז זאָל כאָטש בלײַבן אַ זייכער...

ער האָט אופגעהויבן די אויגן אַף לוקאַשיווקע, ווו מע האָט קיינעם ניט געזען ניט אַף דער קרומער גאַס, ניט אין די הויפן. פאַרוואָס האָט ער אַהין אַ קוק געטאָן, האָט ער אַליין ניט געוווּסט. סײַוויסײַ וואָלט קיינער אים איצט נישט געקאָנט העלפן, ניט אים און ניט אָט די אַלע אומגליקלעכע, וואָס מע טרײַבט דאָ. אַזוי האָט ער געקלערט, סימכע.

דאַנילאָ סאַווטשוק האָט דערהערט געשרייען און איז אין איין העמד אַרויסגעשפּרונגען פון דער שטוב. ער איז אַרופגעלאָפן אפן קורגאַן און זיך אַרומגעקוקט. אַ גרויל איז אים באַפאַלן, ווען ער האָט דערזען, ווי מע טרײַבט די מענטשן פונעם יישעוו צום שליאַך.

אין איין אָטעם איז ער אַרויסגעלאָפן צו קוזמאַ מאַטיאַשן אין הויף, געגומען קלאַפּן אין פענצטער. באַלד איז ער אַוועק צו איוואַן פּאַלישטשוקן און אַנדערע שכיינים, אַלעמען אופגעוועקט פון שלאָף, אַלעמען גערופן אין דרויסן.

עטלעכע ווײַלעס זײַנען אַלע געשטאַנען דערשיטערטע און געקוקט אפן פּוסטן יישעוו, אפן שליאַך, וווּ די דײַטשן און פּאָליצײַען האָבן געטריבן אַ גאַנצן האַמוין — קינד־און־קייט.

עס איז אַרויס אַף דער גאַס אויך דער גאַלעך „אָטיעץ יערעמיי". ער האָט, לאָזט זיך אויס, באַ עמעצן דאָ איבערגענעכטיקט. אַרופגעשלעפּט אַף זיך די ריאַסע, אַרופגעוואָרפן זי אַף די אַקסל און פאַרייניקט זיך צום דערשראָקענעם רעדל לוקאַשיווקער פּויערים... ער האָט שוין פאַרשפּאַרט פרעגן, וואָס ס'האָט פּאַסירט, — אַ קוק געטאָן אַפן שליאַך, האָט ער אַלץ פאַרשטאַנען פון דער ערשטער רגע און אַ דערשיטערטער אַרויסגערעדט:

— מע פירט די יידן צום טויט... — ער האָט פאַרמאַכט די אויגן און געשעפּטשעט, ווי צו זיך אַליין, — גאָטעניו, יעזוס, וואָס קומט עס פאַר? פאַרוואָס מוטשעט מען אומשולדיקע מענטשן, פאַרוואָס גיסט זיך ערלעך בלוט?..

דאַנילאָ סאַווטשוק האָט אַ קוק געטאָן אפן באַטיושקע, אַף אַלע אַנדערע, וואָס זײַנען דאָ געשטאַנען דערצאָרנטע, און, ניט אַרויסברענגענדיק קיין וואָרט, זיך געלאָזט לויפן מיט די גערטענער צום קלויסטערל. אינגיכן האָט מען דערזען, ווי ער האָט אופגעפּראַלט די ברייטע טיר, זיך אופגעהויבן צום גלאָקן־טורעם און מיט אַלע קויכעס געגומען צעוויגן מיטן שטריק דעם גרויסן גלאָק. דאָס געקלאַנג האָט אופגעוועקט גאַנץ לוקאַשיווקע, אָנגעוואָרפן אַן אײמע אַף אַלעמען. פון אַלע כאַטעס האָבן פּויערים און פּויערטעס זיך געלאָזט לויפן צו קוזמאַ מאַטיאַשס הויז, וווּ עס האָט זיך געזאַמלט שוין גאָר אַ גרויסער עולם. מיט פּאַכעד, מיט טרערן אין די אויגן האָט מען געקוקט, ווי די כאַפּטע אפן שליאַך דערווײַטערט זיך אַלץ מער.

— וואָס זשע איז דאָס? פאַרוואָס?

— מע טרײַבט, ווי די כודאָבע אין בוינע טרײַבט מען...

— הײַנט טרײַבט מען זיי, די יידן, מאָרגן וועט מען אונדז אַזוי טרײַבן...

— וואָס זשע שטייען מיר, מענטשן? קומט! זאָל מען פאַרייניקגס שוין אויך אונדז טרײַבן, — האָט זיך אָנגערופן קסעניע מאַטיאַש. — וואָס שטייען מיר?

דער עולם האָט געשוויגן, נאָר פון אַלע עקן לוקאַשיווקע זײַנען זיך צונויפגעלאָפן נאָך און נאָך מענטשן — פרויען, קינדער, קאַליקעס אַף קוליעס, מיט שטעקנס אין די הענט.

— קומט, וואָס שטייען מיר און קוקן? מע וועט זיי דאָך צעשיסן! — האָט זיך אָנגערופן קוזמאַ מאַטיאַש.

— וואָס זשע קאָן מען טאָן? זעסט ניט, קוזמאַ, אַז עס שטייען אפן קורגאַן קוילנוואַרפער?..

— מיט די הוילע הענט וועסטו גיין קעגן ביקסן און אַווטאָמאַטן?

— מיר וועלן זיי בעטן, די קאַטן, עפּשער וועט עס העלפן.

— ס'איז טאַקע אַ ראַכמאָנעס, זעט, מע טרײַבט אויך דאָס קליינוואַרג... מיר זײַנען דאָך אויך מאַמעס — וואָס שווײַגן מיר?

— געדעכטע! הערט אויס, מענטשן, — האָט זיך אָנגערופן קוזמאַ מאַטיאַש, — קומט מיט מיר!

— וווּהין וועסטו גיין? אָט וועלן די הענקער אָנהייבן אַף אונדז שיסן, וועט פאַר איין מינוט קיינער ניט בלײַבן קיין לעבעדיקער!

— זיי זײַנען דען מענטשן? ווילדע! קיינעם שאַנעווען זיי ניט — ניט קליין, ניט גרויס...

— און איך זאָג מײַנס: הײַנט וועלן זיי פאַרניכטן די יידן, און מאָרגן וועלן זיי אונדז אויסהאַרגענען...

— שאַ, ווער לויפט עס אַהער?

דער גלאָק האָט אופגעהערט קלינגען. דאַנילאָ סאַווטשוק האָט פאַרכאַפּט מיט זיך אַ פּאָר צלאָמים, אַ פּאָר כאָרוגוועס אַף לאַנגע שטעקנס און איז געלאָפן צום פאַרזאַמלטן עולם.

אַרײַנגעגריסן זיך אַ פאַרסאָפּעטער, אַ פאַרשוויצטער אין דער סאַמע געדיכטעניש, האָט ער אויסגערופן:

— קומט, מענטשן, מע מוז ראַטעווען אונדזערע שכיינים! מע דאַרף זיך פּרוּוון... אויב מיט זיי וועט געשען אַן אומגליק, וועלן מיר קיינמאָל ניט קענען לעבן רויִק. קומט! גאָט וועט שטראָפן,

אויב מיר וועלן אזוי שטיין און צוקוקן... עפשער גליבן זיי כאַטש א ביסל אין גאָט, די דײַטשן, — לאָמיר גיין! מיר זײַנען מענטשן... קומט!

— און דער באַטיושקע וועט אויך גיין?

— אויב אַלע וועלן גיין, וועט ער אויך גיין!

דער יונגער גאַלעך האָט א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, פאַריכט די לאַנגע האָר אפן קאָפּ, אָנגעטאָן די ריאַסע, פאַרשפּיליעט זי אף אַלע קנעפּ און זיך געלאָזט גיין מיטן אופגעדרעטן אוילעם. קוזמאַ מאַטיאַש איז אַרײַנגעשפּרונגען צום סטאַראָסטע, צו מאַרגונען, און אים אויך מיטגענומען.

איבערן דאָרף האָט זיך אויסגעצויגן א לאַנגע קאַלאָנע מענטשן.

דאַנילאָ סאַוטשוק איז געגאַנגען פון פאָרנט. די גראָווע האָר און לאַנגע קאָזאַקישע וואָנצעס — צעשויבערט, זײַנע גרויסע ליכטיקע אויגן האָבן געברענט. מע האָט אים נאָך קיינמאָל ניט געזען אזא.

פאַרבײַגייענדיק די כאַטעס, באַ וועלכע עס זײַנען געשטאַנען ווײַבער מיט קליינע קינדער אף די הענט, האָט ער אויסגעשריגן:

— וואָס שטייט איר דאָ, ווײַבער? איר וועט וואַרטן, ביז די קאַטן וועלן קומען אויך אײַך מיט אײַערע צוציקלעך שלעפּן צום טויט, ווי אונדזערע שכיינים? קומט מיט אונדז! אַלע קומט! און מענטשן האָבן זיך פאַרייניקט. מע איז געלאָפן דעריאָגן די קאַלאָנע, מוירע האָבנדיק, מע זאָל ניט פאַרשפּעטיקן.

די לוקאַשיוקער זײַנען שוין געווען ניט ווײַט פון די אַרומגערינגלטע יישוווניקעס, ווען עס האָט אנטקעגן דער פּראָצעסיע א צערייצטער זיך געלאָזט גיין דער קאָמענדאַנט האַנס שפּילקע. ער איז געבליבן שטיין אינמיטן שליאַך מיט ברייט צעשטעלטע פיס, אַראָפּגענומען פון דער נאָז די ברילן און ניט געײַלט זיי גענומען אויסווישן מיט א טיכעלע. דערנאָך האָט ער אַרויסגענומען דעם רעוואָלווער און זיך אָנגעהויבן שפּילן מיט אים:

— דאָס לעבן איז אײַך נימעס, שווײַנען? וווהין? צוריק! — האָט ער מיט א סקריפּענדיק קאָל אויסגעשריגן.

די פּויערים זײַנען געבליבן שטיין שווײַגנדיק, בלויז אין די לעצטע רייען האָבן זיך קינדער צעוויינט. דער ווינט האָט צעווייעט די כאָרוגוועס, עס האָבן זיך געוויגט די צלאָמים אף די לאַנגע שטעקנס, וואָס יינגלעך האָבן געטראָגן.

האַנס שפּילקע האָט זיך אײַנגעקוקט אין די אָנגעשטרענגטע פּנעמער פון די מענטשן, וועלכע האָבן זיך ווי צונויפגעגאָסן און אויסגעדריקט צאָרן, האַס, דערשיטערטקײַט.

ער האָט ניט אויסגעהאַלטן זייערע בליקן און איבערגעכאַזוערט:

— וווהין? צוריק! ווער האָט געשיקט נאָך אײַך? ווער האָט אײַך אהער גערופן? נאָך די שכיינים, די ייִדן, האָט איר זיך פאַרבענקט? איר קאָנט זיך אָן זיי ניט באַגיין?.. גייט צוריק, ביז איך האָב ניט באַפוילן שיסן! זיצט אין אײַערע הײַזער. עס וועט אָנקומען א באַפעל, וועל איך שיקן נאָך אײַך!..

— וווהין טרײַבט איר אונדזערע שכיינים? — האָט זיך אָנגערופן קוזמאַ מאַטיאַש און זיך אַרויסגערוקט פאָרויס. — דאָס זײַנען פּונקט אַזעלכע מענטשן, ווי מיר. זיי שפּײַזן זיך פון דער ערד, אַזוי ווי מיר אַלע. אונדזערע זיידעס און עלטערזיידעס האָבן נאָך דאָ געאַרבעט צוזאַמען מיט זייערע. די אַלע מענטשן האָבן קיינעם קיין שלעכטס ניט געטאָן!

— אַזעלכע, ווי מיר, אַזעלכע, ווי מיר, זײַנען זיי! — האָט צערוישט זיך דער האַמוין.

— זיי זײַנען לײַטישע האָרעפּאַשניקעס, וואָס מוטשעט איר זיי? פאַרוואָס? איר האָט געוויס אויך ערגעץ מאַמעס, טאַטעס און קליינע קינדער... צי דען זײַט איר אָן הערצער, אָן גלויבן, אָן געוויסן? — האָט זיך מיט זײַן שטאַרקער שטים אָנגערופן דאַנילאָ סאַוטשוק. און ווידער האָט דער גאַנצער האַמוין זיך מוירעדיק צעטומלט.

האַנס שפּילקע איז געוואָרן בלאַס און געפּרווט פאַריכטן די ברילן. דעם רעוואָלווער האָט ער אַרײַנגערוקט אין קאַבורע. ער האָט געקוקט אהין, ווו די קאַלאָנע ייִדן האָט זיך אָפּגעשטעלט, ווו עס זײַנען געשטאַנען און געוואַרט די סאָלדאַטן און פּאָליצײַען.

צוויי זעלנער זײַנען צוגעקומען צום לייטענאַנט, מוירע האָבנדיק, אז דער צעבושעווועטער אוילעם קאָן זיך אַרופוואַרפן אף אים. ס'האָט זיך האַנסן געוואָלט געבן א קאָמאַנדע „פײַער!“, נאָר עפּעס א פּאַכעד האָט אים אַרומגעכאַפּט. ניין, צוויי אַקציעס מיטאַמאָל וועט ער ניט קאָנען דורכפירן. עס איז געפערלעך. ער האָט דאָ צו ווייניק סאָלדאַטן, און די פּאָליצײַען זײַנען בײַ־כלאַל פּאַכדאָנים און ציטערן פאַר דער פעל...

ניין, האָט ער געטראַכט, מע דאַרף ווי־ניט־איז פּרווון באַרויִקן די פּויערים. ער וועט עס

זיי אמאָל דערמאָנען. אָבער איצט?.. ער וועט די אקציע דורכפירן א צווייט מאָל... די יידן וועלן זיך פונדאַנען ניט צעלויפן...

ער האָט זיך עטוואָס וויכער געווענדט צו די פויערים:

— איך פארשטיי ניט, וואָס זײַט איר אהער געקומען און פארוואָס זײַט איר אזוי אופגע־רעגט? מיר ווילן אײַך באפרײַען פון די פארפלוכטע יידן. זייער פארמעגן, זייער ערד, זייערע הײַזער — אלץ וועט בלײַבן פאר אײַך!

פון דער סאמע געדיכטעניש איז ארויסגעגאנגען אַטיעץ יערעמיי מיטן גרויסן ציילעם אין דער האנט. זיך איבערגעציילעמט, האָט ער זיך געווענדט צום טאליען:

— הער קאָמענדאנט, אָט די מענטשן, וואָס שטייען פאר אײַך, דארפן ניט קיין פרעמדס... בא יענעם וועט אָפגעטריקנט ווערן די הענט, אויב ער וועט זיך צורירן צום פארמעגן פון אונד־זערע שכיינים... אין דער הייליקער עוואנגעליע איז פארשריבן: „ניע אוביי! ניע קראַדיי!". וואָס האָט איר צו אונדזערע שכיינים? דאָס זײַנען ערלעכע, גוטע, טרײַע מענטשן. זיי האָבן זיך מיט גאָרניט ניט פארזינדיקט פאר קיינעם!

— פארפלוכטער שוויַין! — האָט זיך צעשריגן דער קאָמענדאנט און א צע־ייצטער זיך א לאָז געטאָן צום גאַלעך, נאָר די מענטשן האָבן דעם אָפיצער איבערגעשניטן דעם וועג. — די באָלשעוויקעס האָבן דיר אָנגעטאָן א ריאסע, צי די יידן האָבן דיך אונטערגעקויפט!..

— מיך האָט קיינער ניט אונטערגעקויפט, און ניט די באָלשעוויקעס האָבן מיר אָנגעטאָן די ריאסע, הער לייטענאנט, — האָט ניט הויך, נאָר פעסט געזאָגט דער באטיושקע, — גאָט איז אַן אידעס, מיך האָט אהער געבראַכט מײַן ריינער געוויסן... אין דער הייליקער עוואנגעליע ווערט געזאָגט...

— שווײַג, האָב איך באפוילן! — האָט זיך נאָך שטארקער צערעוועט דער קאָמענדאנט. — שווײַג, פארמאַך דײַן מיִעס מויל, ווײַל באלד וועל איך דיך שיקן צו זיי! — האָט האנס שפילקע א ווײַז געטאָן מיט דער האנט אף דער קאָלאָנע יידן, וואָס זײַנען געשטאַנען צעבראָכענע, דער־שיטערטע, ווארטנדיק אף זייער גורל. זיי האָבן דאָרטן ניט אלץ געהערט, וואָס די שכיינים ריידן, נאָר פארשטאנען, אז דאָס זײַנען אלע, ווי איינער, ארויס זיך אײַנשטעלן פאר זיי און איצט ווערט טאקע געלייזט זייער גורל.

קוזמא מאטיאש האָט זיך ארויסגערוקט פון דער ענגשאפט:

— אלע יאָרן לעבן מיר מיט אָט יענע מענטשן, ווי אייגענע ברידער...

— ריכטיק רעדט קוזמא מאטיאש! דאָס איז דער ריינער עמעס! — האָבן זיך דערהערט אויסגעשרייען פון אלע זײַטן.

— און דער באטיושקא האָט ריכטיק געזאָגט: יענע האנט וועט אָפגעטריקנט ווערן, וועלכע וועט זיך ציִען צו פרעמד פארמעגן, — האָט ארײַנגעשטעלט א צווייטער.

— טשעפעט ניט אונדזערע שכיינים! באפרײַט זיי! מיר האָבן צו זיי גאָרניט. טאָמער האָט אמאָל געטראָפן, מע האָט זיך דורכגעווערטלט, האָט מען זיך אף מאָרגן איבערגעבעטן, נאָר דאָס זײַנען גוטע, ערלעכע מענטשן...

דער טומל אינעם האמוין איז אָנגעוואקסן.

פאַרויס האָט זיך דורכגעשטופט מאַריִע ריבאטשוק, א וווּקסיקע פרוי פון א יאָר זיבעציק. זי האָט געהאלטן בא די הענט צוויי אייניקלעך אירע, בלאָנדע מיידעלעך. צוגעגאנגען גאָר נאָענט צום לייטענאנט, האָט זי זיך געווענדט צו אים:

— טוט א קוק אף אָט די קינדער, זיי זײַנען אין עפּעס שולדיק? דאָס זעלבע — אונדזערע שכיינים! מאטערט זיי ניט! א שרעקלעכע שטראָף פון גאָט וועט אף אײַך פאלן, אויב איר וועט די מענטשן טשעפען.

האנס שפילקע האָט אויסגעסמיקעט א גרעזל באם וועג, גענומען עס נערוועז הריזען. אלץ מיט א שמייכעלע אף די דינע ליפּן, האָט ער זיך אָנגערופן:

— איר זײַט נארישע פערד! מיר ווילן אײַך באפרײַען פון די יידן, עס זאָל אײַך זײַן דאָ פרײַער...

— מיר דארפן ניט! קיינער בעט אײַך ניט!

— טוט א קוק אף יענעם בארג! — קסעניע מאטיאש האָט אָנגעוויזן אפן יידישן בעסוי־לעם. — איר זעט די מאַציייוועס? אייניקע שטייען שוין מער ווי דרײַ הונדערט יאָר! אָט וויפל צײַט די יידן לעבן שוין דאָ!

— איר וווּנדערט מיך! — שפילקע האָט אויסגעשפּיגן דאָס גרעזל, פארקרימט זיך, — איר זײַט אוקראַיִנער און נעמט זיך גאָר אָן פאר אנטיכריסטן? און אײַער גאלעך איז אויך מיט אײַך. די צלאָמים האָט איר געבראַכט אהער...

— דער קאָמענדאַנט! — האָט זיך מיט א ציטערנדיקער שטים אָנגערופן אַטיעץ יערע־מיי. — פּריִער פאר אַלץ איז יעדער מענטש א מענטש...

איוואַן פּאַלישטשוק האָט אָפּ זיך א ריס געטאָן דאָס העמד, באַוויזן דאָס ציילעמל אַף דער האָריקער ברוסט:

— איר זעט, הער קאָמענדאַנט, איך בין אַן אוקראַיִנער, נאָר אָט די, וואָס איר ווילט אומ־ברענגען, זײַנען פאר מיר, ווי אייגענע... לאָזט זיי אָפּ אהיים, אָדער טרײַבט אונדז אויך צוזאַמען מיט זיי!

— טשעפּעט ניט אונדזערע שכיינים! — האָט ווידער געזאָגט דאַנילאָ סאַוטשוק. — איר טאָרט דאָס ניט טאָן! — און צום סטאַראָסטע מיט קאַס: — וואָס שווײַגסטו, מאַרגון? זאָג אויך א וואָרט!

דער סטאַראָסטע האָט א קנייטש געטאָן מיט די אַקסל און זיך אָנגערופן:

— הער קאָמענדאַנט... דאָס זײַנען האָרעפּאַשניקעס. אויב איר נעמט זיי צו, וועלן אומקו־מען אָט די ארומיקע ווײַנגערטנער. ניט מיר וועלן ניט האָבן דערפון קיין נוץ, ניט איר... מיט איין וואָרט: מיר נעמען אָט די מענטשן אַף אונדזער אכרײַעס. מיר פילן אויס אײַערע באַפעלן, מיר שטעלן אײַך צו ברויט, מילך, פליישׁ. וואָס זשע דאַרפט איר אומברענגען מענטשן, וואָס זײַנען מיט אונדז בא דער ארבעט?

— גערעכט, טאַראַס! גערעכט! — האָבן זיך דערטראָגן אויסגעשרייען פון אַלע זײַטן.

האַנס שפּילקע האָט אופגעהערט שמייכלען, מיט קאַלטע ראָצכישע אויגן האָט ער דורך די קײַלעכדיקע ברילן געקוקט אַף דעם צעבושעוועטן עוילעם. דאָס ערשטע מאָל פאר אַלע יאָרן, זינט ער פאַרנעמט זיך מיט אַזעלכע זאַכן, הערט ער, אז א מאַסע מענטשן זאָלן אָפּן רעדן אַזוינס, ווי דאָ. און אויב אַזוי, מוז ער אָנפרעגן בא העכערס, וואָס טאָן. ניט שרעקלעך, מע קאָן מאַכן דעם אָנשטעל, אז די נײַע מאַכט הערט זיך צו צו דעם, וואָס די היגע ווילן.

— יאַוואָל! אָן אײַער צושטימונג פירן מיר זיי ניט ארויס, די ייִדן. זאָלן זיי דערווײַל פאַר־בלײַבן דאָ. איר זײַט אַלע פאַראַנטוואָרטלעך פאר זיי. זעט זשע, איר זאָלט קיין כאַראַטע ניט האָבן!..

אין עטלעכע מינוט ארום האָבן די סאָלדאַטן און פּאָליצײַען ארײַנגעזעצט זיך אין די מאַ־שינעס, וואָס זײַנען די גאַנצע צײַט געשטאַנען אָן א זײַט פון שליאַך. דער קאָמענדאַנט האָט זיך א צערייצטער ארײַנגערוקט אין דער קאַבינע, און מע איז אוועקגעפאָרן מיטן יאַשפּאָ־לער וועג.

די יִשוּוניקעס זײַנען נאָך א ביסל געשטאַנען פאַרלוירענע, ניט געוואַגט זיך רירן פון די ערטער. נאָר אָט האָט מען פאַרשטאַנען: מע איז געראַטעוועט! מע האָט זיי ארויסגעריסן פון די ראָצכישע הענט! האָט מען זיך געלאָזט לויפן מיט אָפענע אָרעמס צו די רעטער, צו די לוקאַ־שיוקער, געוואָרפן זיך זיי אַף די העלדזער מיט געוויין און געשרייען, ניט געוווּסט, וויאַזוי אָפּ־צודאַנקען.

קוזמאַ מאַטיאַש איז געשטאַנען, געווישט די טרערן פון די אײַנגעפאַלענע, פאַרוואַקסענע באַקן און אַלץ געטײַנעט:

— פאַרוואָס דאַנקט איר אונדז, שכיינים? פאַרוואָס? דערפאַר, וואָס מע איז מענטשן, ניט קיין ווילדע כײַעס?!

געדאַליע סאַנטאָס איז צוגעגאַנגען צו זײַן פרײַנט, ארומגענומען אים און מיט א ציטער אין קאָל געזאָגט:

— די גאַנצע וועלט ווייסט, מײַנע טײַערע ברידער, שכיינים: פרײַנט דערקענט מען אין א נויט!..

דער, וואָס די מאַמע וויל אים ניט קענען...

אין דער זאָנדערקאָמאַנדע בא האַנס שפּילקען האָט סטעפּאַן טשוריי זיך געפילט ווי גאָט אין אָדעס.

אינדערעמעסן, זינט ער לעבט אַף דער וועלט, האָט ער ניט געהאַט אזא כאַרטש, ווי דאָ, אזא וולאַסט, ווי דאָ, און אזא שטוב, ווי ער האָט אָפּגעזוכט! דערצו נאָך — אַן אייגענעם באַדינער!

עמעס, איין זאַך האָט אים ניט וואָס געקימערט — פּאַשעט געשראָקן, דאָס, וואָס די היגע האָבן צומיינסטנס אַף אים געקוקט מיט פאַראַכטונג, גרייט געווען אים אופעסן לעבעדיקער־הייט. אז ער איז געגאַנגען איבער דער גאַס, האָט מען גאַנץ אָפּט זיך אָפּגעקערט פון אים, שטילערהייט און אמאָל בלויז מיט די אויגן אים פאַרשאָלטן.

די לעצטע צײַט האָט ער אָנגעהויבן מורא האָבן פאַר לוקאַ טשובענקאָ, זײַן באַדינער. ניט אַנדערש, ווי יענער איז גרייט געווען אים דערשטיקן. דעם אַלטן האָט פאַרדראָסן אַלץ — וואָס ער, סטעפּאַן, איז אַזוי אומראַכמאָנעסדיק, בייס ער קאַנוואָירט אַרעסטאַנטן אָדער ער היט אָפּ די טויערן פון דער געטאָ. פאַר די פאַר ברויטלעך, וואָס ער ברענגט די אומגליקלעכע, וועלכע שטאַרבן, ווי די פליגן, פון הונגער אונטער די שטעכדראָטן, נעמט ער אַראָפּ בא זיי דאָס לעצטע העמד און שעמט זיך ניט, וואָס ער קומט קיינמאָל ניט אַהיים מיט ליידיקע הענט, שלעפּט, וואָס עס מאַכט זיך, — אָנטאָן, מעבל, געפעס — ווי ער זאָל זיך קלײַבן עס מיטנעמען מיט זיך אין קייווער.

ערגעץ האָט אים אַלץ שטאַרקער געטאָטשעט, סטעפּאַנען, אַ ווערעמל, אַז ער וועט אַמאָל שלעכט אָפּשנײַדן. דערפאַר האָט ער באַשטימט, אַז אַ טייל פון זײַן פאַרמעגן מוז ער ערגעץ גוט באַשטאַטן. נאָר וווּ און ווי־אַזוי?

און דאָ איז אים געקומען אַ גליקלעכער געדאַנק. איצט איז געווען די רעכטע צײַט, ער זאָל אויסנוצן זײַן ווײַסע שקאַפע, וואָס איז געשטאַנען אין שטאַל און בלויז געקראַמטשעט האָבער.

אין איינעם אַ כמורנעם פאַרנאַכט, ווען עס האָט מאַראַקעט אַ בייז רעגנדל און די גאַסן זײַנען געווען פּוסט, האָט סטעפּאַן טשורײַ באַפוילן דעם אַלטן לוקאַ אײַנשפּאַנען דאָס פערד, ער האָט שוין געהאַט אין הויף אַן אייגענעם וואָגן אויך. גוט אײַנגעמאַסטעט די זעק, די פּעק, די ווייכע שטולן, די שפּיגלען און נאָך אַנדערע זאַכן אַפּן וואָגן, האָט סטעפּאַן געהייסן דעם אַלטן אָנטרײַבן — מע האָט זיך געלאָזט אין וועג.

אָפּגעפאָרן אַ ביסל, האָט לוקאַ זיך אָפּגעשטעלט.

— וווּהין פאָרן מיר? — האָט ער געפרעגט.

— שווײַג! מיר פאָרן אַהין וווּ מע דאַרף! — האָט געענטפערט דער פּאָליצײַ.

ערשט ווען מע איז שוין געווען פון יענער זײַט שטאָט, האָט טשורײַ גאָר אַ צופרידענער דערקלערט, אַז דאָס פאָרט מען קיין לוקאַשיווקע צו זײַן מוטער. דאָרטן וועט מען איבערלאָזן די זאַכן און זיך גלײַך אומקערן.

לוקאַ האָט זיך גענומען בעטן באַם פּאָליצײַ, ער זאָל אים אָפּלאָזן אַהיים, די אַלטע איז בא אים ניט מיט אַלעמען.

— הער אויס, אַלטער באָלשעוויק, טאָמער ווילסטו לעבן און דו ווילסט, דײַן אַלטע זאָל לעבן, זאָלסטו ניט פּראָווען קיין מיִעסע שטיק. זאָלסט אויספּילן אַלע מײַנע באַפעלן, אַנדערש וועל איך דיך צעשיסן...

לוקאַ האָט ווײַטער געמוזט אונטערטרײַבן די שקאַפע און האָט שוין אויסגעלאָזט צו איר דאָס גאַנצע ביטערע האַרץ.

סטעפּאַן טשורײַ האָט אַרויסגענומען פון קעשענע אַ פלאַש בראַנפן, אַ שטיק קאָלבאַס מיט ברויט, אויסגעטרונקען, פאַרביסן, אײַנגעניורעט זיך צווישן די זאַכן און געזאָגט דעם אַלטן, ער זאָל אים אופוועקן, ווען ער וועט צופאָרן צו לוקאַשיווקע.

אַ גאַנצע נאַכט האָט די שקאַפע געטיאַפּקעט איבער דער בלאָטע, זיך אַרויסגעשלאָגן פון די קויכעס, און קאַיאָר איז מען אַרײַנגעפאָרן אין דאָרף. דאָ האָט שוין סטעפּאַן אַליין גענומען די ווישקעס אין די הענט.

צוגעפאָרן צו דער מוטערס כאַטע, האָט דער פּאָליצײַ היילכיק, ווי ער איז דאָס שוין ביכ־לאַל געוווינט געווען צו טאָן, אָנגעקלאַפּט אין טיר. אַף דער שוועל האָט זיך באַוויזן אַ הויכע, דאַרע פּויערטע אין אַ סוויטקע און אין אַ שוואַרץ טיכל. אירע גרויסע גרויע אויגן האָבן בייז און דערשראָקן געקוקט אַפּן זון, וואָס איז געשטאַנען אַקעגן איר מיטן ווײַסן בענדל אַף דער האַנט און מיטן קאַראַבין.

— נעמט אויף געסט, מאַמציאַ! — האָט סטעפּאַן אויסגעשריגן און גענומען שלעפּן פון וואָגן אַ שווערן פּאַק.

די אַלטע האָט אים אָבער אָפּגעשטעלט באַם אַרײַנגאַנג:

— וואָס איז דאָס?

— דאָס זײַנען מײַנע זאַכן, מאַטוסיאַ. איך וועל דאָס איבערלאָזן, און ווען איך וועל זיך באַפרײַען, וועל איך קומען נאָך דעם... נו, און דאָ האָב איך פאַר אײַך מאַטאָנעס געבראַכט...

— וואָס, מאַטאָנעס? — האָט די מאַמע זיך אַף אים אָרופגעוואָרפן. — פאַרנעם זיך מיט דײַנע מאַטאָנעס... דו האָסט דאָס אַלץ אָנגעראַבעוועט! פאַרנעם זיך פון מײַן שטוב. איך זאָל דיך ניט זען! פאַרנעם זיך, מענטשן זאָלן דאָס ניט זען. איך קען דיך ניט און וויל דיך ניט קענען...

— מאַטוסיאַ, וואָס שרײַט איר? אַ זון טרײַבט מען דען?

נאָר די אַלטע האָט אָפּגעשטופּט סטעפּאַנען מיטן פּאַק און פאַרהאַקט די טיר.

דער פּאָליציי איז געשטאַנען אַ צעררייצטער. ער וואָלט דער מוטער אַרײַנגעזאָגט, זי זאָל אים פאַרגעדענקען, נאָר עפּעס האָט דאָס פּאַרט ניט געפּאַסט — לוקא קוקט דאָס צו, שכנים קוקן פון איבער די פּלויטן, און ביכלאָל — ערשט געקומען...

לוקא האָט געזאָגט מיט אַ כיטרע שמייכעלע:

— וואָס איז, די מאַמע איז שטענדיק אַזאַ בייזע?

— שווייַג, דו! — סטעפּאַן האָט אַ דרײַ געטאָן מיטן קולאַק. — זעסט דען ניט, די אַלטע איז מעשוגע...

לוקא האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ:

— אוי, סטעפּאַן, סטעפּאַן, מיר דאַכט זיך עפּעס, אַז זי איז ניט מעשוגע...

טשוריי האָט אָנגעקלאַפּט אין פענצטער. די אַלטע האָט ווידער באַוויזן זיך אַף דער שוועל און, עגבערנדיק דעם זון מיט איר פאַרניכטנדיקן בליק, איבערגעכאַזערט:

— פאַרנעם זיך פונדאַנען! איך האָב ניט קיין זון קיין פּאָליציי!.. פאַרנעם זיך, אויסוורף! איך וועל זיך דערנאָך שעמען אַרויסגיין אין גאַס, איראַד!

זי האָט אַ שפּיי געטאָן און נאָכאַמאָל פאַרהאַקט די טיר.

סטעפּאַן טשוריי איז געשטאַנען עטלעכע מינוט, קראַצנדיק די פּאָטיליצע.

דער רעגן האָט דערווײַל געגומען שמײַסן שטאַרקער.

טשוריי האָט שוין ניט באַפוילן, לוקא זאָל אים העלפן, ער האָט אַליין אַרופּגעשלעפּט אַפן וואָגן דעם פּאַק, אָן אויסגעשמירטן אין בלאָטע, געהייסן דעם אַלטן זיך צומאַסטען פון הינטן, געכאַפּט די ווישקעס און פאַרקערעוועט פון דער מוטערס הויף.

זעט אויס, אַ וויסט מאַזל האָט געהאַט דער דאָזיקער סטעפּאַן. צו מיטיק האָט מען זיך קוים דערשלעפּט צוריק אין שטאָט אַרײַן. מע האָט גענומען טראָגן די קלומקעס אין שטוב אַרײַן, און דאָ איז פּלוצעם אָנגעקומען אַף זײַן מאַשין האַנס שפּילקע.

דער קאָמענדאַנט איז געווען בייז, ווי אַ וואָלף. דערזען דעם פּאָליציי, איז ער אַרויס פון דער מאַשין, באַטראַכט די קלומקעס, די שפּיגלען, דאָס מעבל און אויסגעשריַען:

— אַזוי דינסטו דעם דריטן רײַך, פאַרפלוכטער שווײַן? שלעפּסט אַלץ צו זיך אין דער נאָרע? — דער דײַטש האָט אַ טאָרע געטאָן מיטן פוס אין פּאַק, אַ צווייטן, אַרויסגעכאַפּט דעם פּאַראַבעלום און דערלאַנגט סטעפּאַנען מיטן הענטל איבערן קאָפּ.

עס זײַנען אונטערגעקומען עטלעכע פּאָליצייען, און האַנס שפּילקע האָט געהייסן אַריבער־פירן די זאַכן אין קאָמענדאַטור, און דעם שנאָרער פאַרשפּאַרן הינטער די גראַטעס אין קעלער.

■

צוויי מעסלעס איז סטעפּאַן טשוריי אָפּגעלעגן אַפן בלאָטיקן דיל אין קעלער און ניט געקאָנט קומען צו־זיך. דער נערעק פונעם נאַטשאַלניק איז געווען אַזאַ מוירעדיקער, אַז ס'איז נאָך אַ נעס, וואָס סטעפּאַן איז ביכלאָל געבליבן לעבן. ער איז אַ צונויפגעקאָרטשעטער געלעגן אין אַ פינצטערן ווינקל, מוירע געהאַט אופהייבן דעם קאָפּ, באַווײַזן זיך פאַר די אַרעסטאַנטן. ער האָט געוווּסט, סטעפּאַן, טאָמער דערקענט מען אים דאָ, וועט מען אים דערשטיקן. ער איז געלעגן אין זײַן נאָרע און געוואַרט אַפן טויט.

וויאַזוי וועט עס פאַרקומען? — האָט ער זיך געפּרוּווט פאָרשטעלן. — צי דען וועלן זיי אים אויך אַרויספירן צום יאַר, אַוועקשטעלן אַפן ראַנד, און די סאָלדאַטן מיט די אויטאָמאַטן וועלן זיך צילן אין אים, ווי ער האָט עס געטאָן צוזאַמען מיט זיי, ווען ער האָט געשאָסן אַנדערע?

יאָ, סטעפּאַן טשוריי האָט אַף אַזאַ גוירל זיך ניט גערעכט, אַף אַזאַ אומגעלומפּערטן טויט — אוואַדע ניט! נו, און זיי, די, וואָס וואַלגערן זיך אין אַנדערע ווינקלען, האָבן זיך גערעכט אַף אַזאַ גוירל, אַף אַזאַ סאָף? און יענע פון דער געטאָ, וואָס ער האָט צעשאָסן באַם יאַר, האָבן זיך גערעכט אַף אַזאַ טויט?

דאָס איז געווען פריִער מיט צוויי וואָכן. סטעפּאַן איז געשטאַנען מיטן אויטאָמאַט באַם טויער פון דער געטאָ, ווען עס איז געקומען צו פאָרן דער קאָמענדאַנט. דער אוילעם האָט זיך אַ לאָז געטאָן צום שטעכדראָט און גענומען שרײַען, אַז מע קומט דאָ אום פון הונגער, אַז מע ווערט דערשטיקט אין ענגשאַפט.

שפּילקע האָט באַפוילן סטעפּאַנען און נאָך עטלעכע פּאָליצייען אַרויספירן פון געטאָ הונ־דערט מענטשן... ס'זאָל דאָרט ווערן גראַמער...

מע האָט זיי אַוועקגעטריבן צום יאַר אין עק שטאָט און צעשאָסן...

דער יאַר איז אים איצט געשטאַנען, טשורײַען, פאַר די אויגן, דער קאָפּ האָט מוירעדיק וויי געטאָן. ווײַ, ער וועט דאָס ניט אויסהאַלטן. עפּעס שעפּטשען זיך די אַרעסטירטע, עפּשער

מיינט מען אים. און אפֿן דריטן טאָג האָט ער טאַקע ניט אויסגעהאַלטן, ער איז ווי א דולער צו־געלאָפֿן צו דער טיר און געגומען קלאַפּן אין איר מיט די קולאַקעס, מיט די פּיס.

— עפֿנט, גיכער עפֿנט אוף! ראַטעוועט! מע וויל מיך דאָ דערשטיקן, ראַטעוועט!

דער וועכטער האָט אופֿגעשלאָסן די טיר, אַרויסגעשלעפּט סטעפּאַנען פֿאַרן קאָלנער, אים דערלאַנגט מיטן שטיוול אין בויך אַריַין, ער זאָל ניט שריַיען.

סטעפּאַן האָט אומגעפּויזעט אַף דער ערד, געקושט דעם וועכטערס בלאַנקע שטיוול.

— האָב ראַכמאָנעס, — האָט ער געבעטן, — פֿיר מיך צום קאָמענדאַנט! איך מוז אים עפּעס זאָגן!

אין א פֿערטל שאָ אַרום איז סטעפּאַן געשטאַנען פֿאַר האַנס שפּילקען, געגאָסן פֿאַר אים ביטערע טרערן:

— הער קאָמענדאַנט, שענקט מיר דאָס לעבן! איר געדענקט דאָך, איך בין איַיך אַרויס באַגעגענען מיט ברויט און זאַלץ. איך בין גרייט פֿאַר איַיך טאָן, וואָס איר וועט באַפֿוילן, אַפֿילע רייניקן די אָפּטריטן... איך וועל אויסקויפֿן מיַין זינד.

האַנס שפּילקע האָט ענדלעך געזאָגט:

— דו ווילסט, הייסט עס, אויסקויפֿן דיַין שולד, מיַיעסער שוויַין?

— יאָ, איך וויל.

— ווילסט, הייסט עס, לעבן און באַגאַנווענען דעם דריטן רייַך?..

— ניין!.. מער וועל איך ניט גאַנווענען!

— פֿונוואַנען ביסטו? ווּ ביסטו געבוירן? — האָט שפּילקע געפֿרעגט.

— א לוקאַשיווקער בין איך, עפּשער האָט איר געהערט... דאָס איז ניט וויַיט פֿון יאַשפּאָל...

— א לוקאַשיווקער? יאַוואָל, וועסט פֿאָרן אין דיַין לוקאַשיווקע און זיַין דאָרט דער על־טערער פּאָליציַי. נעם מיט זיך נאָך צוויי באַלבעסן. וועסט קומען צום סטאַראָסטע און זאָגן, אַז האַנס שפּילקע האָט דיך געשיקט אים צוהילף... נאָר זע, אויב איך וועל זיך דערוויסן, אַז דו גיסט אָפּ ניט אַלץ פֿאַרן דריטן רייַך, וועט מען דיך שיסן, ווי א הונט!

■

אין איינעם א שטילן פֿאַרנאַכט זיַינען איבער לוקאַשיווקע אופֿגעגאַנגען דריַי שפּאָגל־נייַע שטערן, וועלכע מע האָט דאָ נאָך ביז איצט ניט געזען.

אַף א פֿור, געשפּאַנט מיט א וויַיסער שקאַפּע, איז אין דאָרף, ווי א זיגער, אַריַינגעפֿאָרן סטעפּאַן טשוריַי מיט זיַינע צוויי געהילפֿן, פֿון וועלכע איינער איז געווען א לאַנגער דראָנג מיט א קליַיענדיק פּאָנעם — וואַסיל כאָליאַווקע, און דער צווייטער א קורצער און דיקער, מיט א פּיַין פּעמפּיקל, מיט א פּאָר העלע וואָנצעס אַפֿן קיַילעכיקן גלאַטן פּאָנעם, וואָס האָט ניט אופֿגעהערט אונטערשמייכלען, — איוואַן סאַראָקאַ.

דער דריַילינג מיט די וויַיסע בענדלעך אַף די אַרבל און מיט די ביקסן אַף די אַקסל איז געקומען איַינשטעלן די „נייַע אָרדענונג” אין לוקאַשיווקע און אין די צוויי שכיינישע דערפֿער.

נאָך דעם, ווי מע האָט זיך א ביסל אַרומגעקוקט, איז מען אַוועק צום סטאַראָסטע, צו טאַ־ראַס מאַרגונען. מע איז געקומען, הייסט עס, ווי עס פֿירט זיך, אָפּשטעקן א וויזיט פֿון העפֿלעכ־קיַיט, מע זאָל פֿאַרשטיין, אַז אַהער האָט מען ניט געשיקט אַבי וועמען, נאָר גאָר געהויבענע לייַט, וואָס זיַינען דורכגעגאַנגען די שול אין דער יאַשפּאָלער זאָנדערקאָמאַנדע.

דערקענט טאַראַס מאַרגונען, האָט סטעפּאַן זיך א לאָז געטאָן צו אים קושן, נאָר טאַראַס האָט אים באַגעגנט גאַנץ קאַלט, אָפּגעשטעלט אים מיט א הייב פֿון דער האַנט און געזאָגט, אַז ער האָט, ערשטנס, געכאַפּט א קאַטער און קאָן זיך ניט קושן, און, צווייטנס, אויב קושן זיך, איז האָט ער דאָס ליב צו טאָן מיט א רעכטער, מיט א לייַטישער נעקייווע...

דער באַנאַכטיקער געשפּרעך

די ערשטע צייַט האָט זיך האַנס שפּילקע געפֿילט אין דעם פֿאַרוואָרפֿענעם ווינקל ווי בא זיך אין דער היים, אויב ניט בעסער און רויִקער.

דאָרט, ניט וויַיט פֿון פֿראַנקפֿורט, אינעם קליינעם שטעטל, האָבן אים אַלע געקענט, דעם גראָשנדיקן קאָלבאַסניק, וואָס איז שטענדיק אַרומגעגאַנגען אָן אַנגעדראָלענער, א באַרויגעזער אַף זיך און אַף דער גאַנצער וועלט.

אים האָט שטאַרק ניט געגליקט אין זײַנע געשעפֿטן, און ער איז דערפֿאַר אַלעמען מעקאַנע געווען, קיינעם ניט פֿאַרגינט דאָס לעבן.

דאָרטן האָט מען אים געהערט פֿאַר אַ דרײַער, זיך אויסגעשפּיגן אַף אים, און דאָ איז ער געווען אַ גאַנצער מאַכער, געקאָנט טאָן מיט די מענטשן, וואָס נאָר ס׳איז אים געקומען אין קאָפּ אַרײַן.

מיט זײַן קליינער זאָנדערקאָמאַנדע האָט ער זיך אײַנגעאָרדנט אין יאַשפּאָל אין אַ צוויי־שטאָקיקער געבײַדע, ווו עס איז פֿריִער געווען אַ שפּיטאָל. די פּאָר צענדליק קראַנקע, קאַליקעס, וואָס זײַנען דאָ געלעגן, האָט ער באַפֿוילן ארויספֿירן הינטער דער שטאָט און צעשיסן. ארויסגערופֿן פֿון געטאָ עטלעכע סטאָליערס, פֿאַרבערס, טעסלערס, האָט ער באַפֿוילן איינס־און־צוויי אָפּרעמאָנטירן די געבײַדע, שטעלן אַ הויכן פּלויט, עס זאָל זײַן רויִקער צו לעבן, און ער האָט זיך גאַנץ פֿײַן באַזעצט.

אַלץ, וואָס עס איז פֿאַרבליבן אַף דער גרויסער האַנדלס־באַזע, וואָס האָט טיילווײַז אָפּגעברענט, אין די קראָמען און אין די פּוסטע הײַזער, האָט ער באַפֿוילן אַרײַנפֿירן צו זיך אין דער רעזידענץ. ער האָט אַזויאַרום צונויפֿגעקליבן אַ סך אָנטאָן, שוכוואַרג, געוואַנט, שוין ניט רײדנדיק פֿון עסנוואַרג און ווײַן. דאָס האָט אים געגעבן די פֿולע מעגלעכקײַט גאַנץ ברייט אופֿגענעמען בא זיך די העכערע נאַטשאַלניקעס, די פֿאַרשיידענע לײַטערס און פֿירערס, וועלכע זײַנען פֿאַרבײַגעפֿאָרן דורך יאַשפּאָל, ער איז זיי שיין מעכאַבעד געווען, באַזאָרגט מיט מאַטאָנעס פֿאַר זייערע פֿרויען.

האַנס שפּילקע האָט, געווײַנלעך, אויסגענומען אין די אויגן בא זײַנע באַלעבאַטים, און זיי האָבן שוין געזאָרגט, אַז ער זאָל זײַן וואָס ווײַטער פֿון די פֿאָדערשטע פּאָזיציעס...

עמעס, די לעצטע צײַט סטאַרעט זיך האַנס שפּילקע ווייניקער אופֿנעמען געסט, ווייניקער זיך וואַרפֿן אין די אויגן נאַטשאַלסטווע. זײַן איצטיקער פּאָסטן האָט אים דערווײַל באַפֿרידיקט, און ער האָט ניט געשטרעבט צו קיין העכערע שטעלעס, ווײַל מע קאָן אים, באַהיט גאָט, אָפּשיקן אַפֿן מיזרעך־פֿראָנט און פֿון דאָרטן קאָן ער זיך אומקערן אַהיים אָן אַ פֿוס, אָן אַ האַנט אָדער ביכלאַל בלײַבן ערגעץ אַף די רוסישע פֿעלדער... זײַן עלזע, דאָס ווײַב, האָט אים בעפּיירעש פֿאַרזאָגט, ווען זיי האָבן זיך געזעגנט, אַז ער זאָל זיך ניט יאָגן נאָך קיין טשינעס און נאָך קיין קרייצן. ווײַל ס׳איז אַ סך גלײַכער צו זײַן אַ נידעריקער טשין מיט הענט און פֿיס, איידער אַ גענעראַל אַף קוליעס אָדער אינגאַנצן אָן אַ קאָפּ.

ער האָט זי איבערגעלאָזט, עלזען, מיט צוויי קינדער אינעם קליינעם שטעטל לעבן פֿראַנקפֿורט, איבערגעלאָזט אַף איר באַראָט דאָס וואורשט־געשעפֿט, נאָר געוווּסט האָט ער, שפּילקע, אַז שפּײַזן דאָס ווײַב און די קינדער פֿון דער ברייטער האַנט קאָן ער, זײַענדיק דאָ, אין דער זאָנדערקאָמאַנדע, בעסער, ווי ווען ער זאָל זײַן אין דער היים, און אַ קאַפּיטאַל וועט ער דאָ אויך אָנזאַמלען גיכער און בעסער, ווי אין דער היים, ווײַל ער איז טאַקע ניט ערגער פֿון זײַנע פּיפּיקע שכיינים, וואָס האָבן זיך באַצײַטנס צוגעשאַרט צו היטלערס פּאַרטיי...

נישקאָשע פֿון אַ קאַפּיטאַל האָט האַנס שפּילקע זיך צונויפֿגעשלאָגן שוין אין פּוילן, ווען ער איז געווען סאַכאַקל אָן אָבעריעפֿרייטאָר אין אַ זאָנדערקאָמאַנדע. דאָרט האָט ער זיך אויסגעצייכנט אין שטראָף־אָפּעראַציעס קעגן פּאַרטיזאַנער, קאָמוניסטן און קעגן ייִדן פֿון די געטאָס. אין איינעם אַ קראַקאָווער קאָסטיאָל האָט ער געפֿונען עטלעכע באַהאַלטענע קעסטלעך געווער, און דערצו — אַ פֿײַן טאָרבעלע גאָלדענע כּפֿייצים. דאָס געווער האָט ער גלײַך אָפּגעגעבן אַהין, ווו מע דאַרף, נאָר וואָס שײַעך דעם זעקעלע — האָט ער עס באַהאַלטן בא זיך...

אין וואַרשע, בעשאַס מע האָט אָפּגעשיקט ייִדן צו די טראַנספּאָרטן, האָט ער אויך דערטאַפּט עטלעכע פּעקלעך מיט זאַכן, וואָס וועלן סטײַען פֿאַר אים און פֿאַר זײַן מישפּאָכע ניט אַף איין יאָר.

אינגיכן האָט אים גאָר אונטערגעשפּילט דאָס מאַזל. ער איז אַרײַנגעפֿאַלן אין אַ פֿריילעכער קאָמפּאַניע אָפֿיצערן, און קורט זאָמערקראַנץ, זײַן עלטסטער, האָט געכאַפּט אָן איבעריק גלעזל קאָניאַק. דער קאָפּ האָט זיך היפּש פֿאַרדרייט בא יענעם זאָמערקראַנץ, און ער האָט אָנגעפּלאַפּלט איבעריקס, דערציילט אַ פֿריילעכן אַנעקדאָט וועגן געבעלסן. האַנס שפּילקע איז ניט געווען פֿויל, דעם זעלבן פֿאַרנאַכט איז ער אוועק אַהין, ווו מע דאַרף, אָנגעשריבן אַ מעסירע אַף זײַן עלטסטן. מע האָט קורטן צוגענומען און אין אַ טאָג אַרום — צעשאָסן.

דאָרט, ווו מע דאַרף, האָט מען הויך אָפּגעשאַצט האַנס שפּילקעס אופּטו, מע האָט אים געמאַכט פֿאַר אַ לייטענאַנט און באַשטימט אַף זאָמערקראַנצס פּאָסטן.

ערשט דאָ האָט האַנס שפּילקע זיך ארויסגעוויזן פֿאַר גאָר אַ טרײַען דינער דעם פֿירערס. און אין זיך אַליין האָט ער אויך ניט פֿאַרגעסן — אַלע וואָך אָפּגעשיקט זײַן עלזען ניט בלויז מיט

דער פעלד־פּאָסט, נאָר אויך מיט זײַנע געהילפֿן און באַקאַנטע פּעקלעך נאָך פּעקלעך — אַלץ, וואָס ס׳האָט זיך אײַנגעגעבן אָנרויבן בא זײַנע קאָרבאָנעס.

נאָר א מאָדנע זאַך, ער איז אַלץ מער געוואָרן אומרויִק. „ע, — האָט ער געטראַכט, — מע דאַרף דאָך טאַקע איצט גאָר אַף אַן אַנדער אויפֿן היטן דעם קאָפּ!“ האַנס האָט גוט געקענט זײַן עלזען און פֿאַרשטאַנען, אַז ווי נאָר זי וועט באַקומען די ידיעה, אַז ער איז שוין אַף דער וועלט ניטאָ, אַזוי וועט זי זיך אויסשפּײַען אַף זײַן קייווער און אַרײַנעמען אין שטוב א נײַעם מאַן. זי וועט נאָך אים, נאָך האַנסן, ניט וויינען. מיט אַזאַ קאַפּיטאַל, וואָס ער האָט איר צוגעשיקט, וועט זי קענען לעבן א משוגענעם טאָג.

קיין גרויסע זאָרגן האָט האַנס שפּילקע דאָ אין הינטערלאַנד ניט געהאַט, די אַרבעט איז ניט געווען קיין שטאַרק שווערע, ווײַל עס זײַנען אומעטום געבליבן דריקער פּרויען מיט קליינע קינדער, אַלטע מענטשן און קאַליקעס, וואָס האָבן ניט געקענט אַרויסווײַזן קיין ווידערשטאַנד. טאָמער האָט ווער געפּרוּווט וואַרפֿן זיך אַף זײַנע וועכטער, האָבן יענע געעפֿנט א פֿײַער און גיך אײַנגעשטילט די גאָר היציקע. און דאָך האָט ער זיך געהיט, האַנס שפּילקע, אָפּט געהאַלטן זיך אין א זײַט, אין שאָטן. די, וואָס מע האָט געהאַלטן פֿאַרשפּאַרט הינטערן שטעכדראָט, האָבן אַנומלטן דערשטיקט מיט די הוילע הענט צוויי פּאָליצײַען. זיי וואָלטן זיך אַף אים אויך געוואָרפֿן, נאָר ניין, האַנס שפּילקען פּאַקט מען ניט סטאַם אַזוי! ער האָט גוט פֿאַרגעדענקט עלזעס ווערטער, אַז ס׳איז בעסער א לעבעדיקער יעפֿרייטאָר, איידער א טויטער גענעראַל...

איז דאָרט, וווּ עס איז צוגעגאַנגען גלאַט און קיין געפֿאַר האָט ניט געלויערט איבער אים, האָט ער זיך געפֿירט שטרענג, ווי עס פּאַסט פֿאַר א טרײַען עסעסאָוועץ, אַן איבערגעגעבענעם מיטגליד פֿון היטלערס פּאַרטיי, נאָר טאָמער האָט ער אָנגעשמעקט, אַז ס׳דראָעט אים א געפֿאַר, מע דאַרף זיך, לעמאָשל, וואַרפֿן אין אָפֿענער שלאַכט קעגן די אָרטיקע בונטאַרן, דאַן האָט ער זיך געסטאַרעט האַלטן וואָס ווײַטער, ניט שטופּן זיך אין פֿײַער דער ערשטער, ניט קריכן מיט א געזונטן קאָפּ אין א קראַנק בעט אַרײַן — זאָל דאָס טאָן עמעצער אַנדערש.

ווּעמען־וועמען, נאָר אים האָט מען אַפֿילע ניט געדאַרפֿט לערנען, ווי זיך האַלטן דאָ, ווי זיך היטן אין די דאָזיקע קאַנטן. נאָך אין אַכצעטן יאָר האָט דאָ ערגעץ ניט ווײַט אַנגעלייגט מיטן קאָפּ זײַן פֿאָטער, ריכאַרד, וואָס איז אויך געווען אין א שטראָף־קאָמפּאַניע, ווי ער, אויך געדורשט די פּאַרטיזאַנער, אויך געשיקט אַהיים פּעקלעך מיט אָנטאָן, רויכוואַרג און וואָס ס׳האָט זיך געמאַכט.

דער אַלטער האָט געשריבן, אַז ער האָט אַף אוקראַיִנע אָפּגעשפּאָרט אַזעלכע טײַערע זאַכן, אַז ער ריזיקירט אַפֿילע ניט שיקן זיי מיט דער פּאָטשט, און ער וועט זיי אַליין ברענגען אַהיים. מע האָט לאַנג און אומגעדולדיק געוואַרט אַף אים מיטן גוטס, וואָס ער האָט דאָרטן, אַף אוקראַיִנע, אָנגעזאַמלט, נאָר מע האָט זיך דערוואַרט בלויז אַף א פּאַפּירל, אַז ער איז געפֿאַלן אין שלאַכט פֿאַרן קײַזער און פֿאַרן פֿאָטערלאַנד...

געדענקענדיק וועגן טאַטנס גורל, האָט האַנס שפּילקע פֿעסט באַשטימט, אַז ער מוז זיך אומקערן אַהיים א לעבעדיקער. אַפֿילע א קאַליקע, נאָר א לעבעדיקער!

די ערשטע צײַט האָט ער טאַקע זיך דאָ געפֿילט ווי א פֿיש אין וואַסער. האָבן צו טאָן מיט ציווילע מענטשן, וואָס האָבן ניט מיט וואָס צו שיסן, איז גאָרניט געפֿערלעך. מיט זיי קאָן ער טאָן, וואָס ער וויל. א ביסל מער דאַרף מען זיך היטן פֿאַר די הונגעריקע, אויסגעדאַרטע ייִדן, וואָס מע האָט צונויפֿגעטריבן הינטער די שטעכדראָטן און וואָס קומען דאָרטן אום, ווי די פֿליגן. אָבער שוין א לענגערע צײַט, אַז ער ווערט שיִער ניט משוגע, ער קאָן דורך די נעכט ניט שלאָפֿן, כאָטש שטאַרבן! עפּעס א קלייניקײַט, זײַן א באַלעבאָס פֿון אַזאַ היפּשן געביט! דער פֿראָנט איז זייער ווײַט, און אַרום דיר זײַנען סאָנים. פֿון ערגעץ האָבן זיך געיאָוועט פּאַרטיזאַנער. דאָס לאָזן זיי אַראָפּ פֿון די רעלסן אַן עשעלאָן מיט געווער, וואָס גייט אַפֿן פֿראָנט, דאָס צינדן זיי אונטער סקלאַדן מיט טוווּע און פּראָדוקטן, וואָס האַנס שפּילקע האָט צונויפֿגעזאַמלט פֿאַרן דריטן רײַך.

און אַף די פֿראָנטן טוט זיך אויך אַן איבערקערעניש. עס גייען דורך אַלץ אָפֿטער עשעלאָנען מיט פֿאַרוווּנדעטע דײַטשן, קאַליקעס אָן הענט און אָן פֿיס. און דאָס, וואָס זיי דערציילן, איז לאַכלוטן ניט ענלעך אַף דעם, וואָס די צײַטונגען שרײַבן און וואָס די בערלינער ראַדיִאָ גיט איבער. לאָזט זיך אויס, אַז מיטן בליצקריג האַלט שמאָל, עס איז, זעט אויס, א פֿיקציע, די מילכאָמע קאָן זיך פֿאַרציִען ווער ווייסט אַף וויפֿל! און דאָ דערנעענטערט זיך נאָך דער האַרבסט, דער ווינטער מיט די רוסישע פֿרעסט און שנייען...

האַנס שפּילקע האָט זיך קיינמאָל ניט פֿאַרטראַכט וועגן אַזעלכע זאַכן, און איצט האָט זיך בא אים מאַמעש דער קאָפּ געשפּאָלטן. ער איז בייז געווען אַף זיך אַליין, שפּילקע. ער האָט גע־

וווּסט, אז ווען א סאָלדאט הייבט אָן טראכטן, איז ער שוין ניט קיין סאָלדאט. נאטשאלסטווע דארף פאר אים טראכטן.

עפשער בעטן אורלויב? נאָר קאָן דאָס העלפן? זאָל זײַן, מע וועט אים שיקן אָף א פּאָר וואָכן אהיים. איז ער דען גאראנטירט, אז זײַן געהילף וועט דאָ ניט אָנבילן אָף אים? אזא פּאָסטן, ווי ער, האנס שפּילקע, פארנעמט, איז גאָר ניט שווער צו פאטערן.

באטאָג איז נאָך צו דערלײַדן, נאָר ווען די נאכט רוקט זיך אָן, הייבן אים אָן מוטשען ווילדע קאָשמארן: מע שיקט אים אין שלאכט, ער ליגט א פארוווּנדעטער און גייט אָפּ מיט בלוט...

צי גאָר אזוינס: ער פאָרט אין זײַן אוטאָ איבערן שליאך, און פון די יארן לויפן ארויס פּויערים מיט ווילעס, מיט קאָסעס, מע בראָט אים אָף א שײַטער, ער רײַסט זיך פונעם פײַער, נאָר ער איז פעסט צוגעבונדן צום שטאם פון א בוים, ער ברענט, ווי א פאקעל, ער און די קאָרע פונעם בוים, און דאָ טאקע, אָף דער ערד, ברענען די זאכן, וואָס ער האָט אָנגערויבט, ער וויל שרײַען און קאָן ניט...

נאָר אָפּטער קומען אים צו כאָלעם די קינדער און פרויען פון דער געטאָ. ער האָט זיי אזויפיל צעשאָסן בא די קאלך־קארירן, און זיי, הויט און ביין, קומען אים שטיקן... אדער אָט קוקן זיי אָף אים נאָך לעבעדיקע, דורכן שטעכדראָט, מיט וועלכן ער האָט ארומגעצוימט די עטלעכע גאסן פון דער געטאָ... הונגעריקע, אויסגעדארטע, שרעקלעכע... זיי רוקן זיך אָן אָף אים, און צוזאמען מיט זיי זעט ער זײַן עלזען, זײַנע צוויי קינדער. און נאָך א כאָלעם: זײַן ווורשט־געשעפט איז ארומגעכאפּט מיט פײַערן, עלזע און די קינדער טראָגן זיך ארום אין פלאַם, ווי דולע, און קאָנען זיך ניט ארויסרײַסן.

יאָ, די נערוון זײַנען שוין קיין גראָשן ניט ווערט. יעדער שאָרך, וואָס דערטראָגט זיך פונעם קאָרידאָר צו אים אין צימער, ווארפט אָף אים אָן אן איימע, יעדער סקריפּ פון די צווײַגן אין סאָד, וואָס פון יענער זײַט פענצטער, הייבט אים אונטער פון אָרט, און ער כאפּט זיך פארן פאראבעלום...

ער האָט געשלונגען פּראָשקעס און טאבלעטקעס פון קאָפּווייטעק, נאָר ס'האָט ניט גע־האָלפן. די קאָשמארן האָבן אים אלץ ניט אָפּגעלאָזט, געהאלטן אין קלעם.

טראָגט מען אים ארײַן א טעלער זופּ, דאכט זיך אים, אז דאָס איז ניט קיין זופּ, נאָר בלוט. דאָס שטיקל ווורשט, וואָס ער עסט, קאָן ער ניט אראָפּשלינגען, — עס שטיקט אים, אָט ווערט ער דערוואָרגן. אז ער גייט ארײַן אין צימער, ווו עס ליגן אָנגעוואָרפן די פּעק, וואָס ער דארף אָפּשיקן אהיים, זײַן עלזען, דאכט זיך אים, אז זיי באוועגן זיך. אָט הייבט זיך אוף א מאנטל און גייט גלײַך אָף אים, פון די פרויען־קליידער שטרעקן זיך אויס צו אים אויסגעדייוועטע הענט. די שטיוול, די טופליעס, די קינדער־שיכלעך, וואָס שטייען בא דער וואנט, הייבן אָן גיין גלײַך אָף אים...

ער פאלט ארײַן אין בעט. די אויגן קלעפּן זיך, כאָטש גיי אויס, נאָר עס שלאָפט זיך ניט!

האנס שפּילקע האָט באשטימט, אז ער מוז זיך שנעל אויסהיילן פון זײַן קרענק. ער האָט גענומען מיט זיך א האלבן צענדליק סאָלדאטן און אוועקגעלאָזט זיך צום קעלער, באפוילן ארויספירן עטלעכע ארעסטאנטן און זיי צעשאָסן. דערנאָך איז ער אוועקגעפאָרן צו דער געטאָ. ער האָט זייער ליב געהאט אין די שלאָפלאָזע נעכט זיך אראָפּכאפּן אהער, געבן עטלעכע שאָס און אופטאָרען די מענטשן פונעם שלאָף. האָט ער אויך איצט געהייסן צונויפטרײַבן אלעמען צום טויער. ווען מע איז זיך צונויפגעקומען צו די דראָטן, אויסגעמאטערטע, הונגעריקע, האָט ער געמאָלדן:

— ווער עס וויל ארויסגיין אָף דער פרײַ, זאָל טאנצן!

די לעבעדיקע מייסים האָבן געטאנצט, די סאָלדאטן האָבן געהוקעט, אונטערגעטריבן, און די מענטשן האָבן געטאנצט, ביז מע איז געפאלן אָן קויכעס. האנס שפּילקע איז געווען זייער פריילעך, ער האָט געלאכט. נאָר געטאנצט האָט מען שלעכט, קיינער האָט מיט דעם טאנצן בא אים ניט פארדינט באפרײַט צו ווערן. ער האָט געהייסן אים דערלאנגען א לעבל ברויט, עס צעבראָכן אָף עטלעכע שטיקער און גענומען שלײַדערן איבערן דראָט, די טויט־הונגעריקע האָבן זיך א לאָז געטאָן כאפּן דאָס ברויט...

יאָ, דאָס האָט אים פארווײַלט און א ביסל בארויִקט.

אָבער אומדערוואָרט האָבן זיך זײַנע פארווײַלונגען געענדיקט. ער האָט באקומען א באפעל, ער זאָל איבערגעבן זײַן באצירק די רומענער. זיי, הייסט עס, וועלן דאָ זײַן די באלעבאטים, ווײַל די געגנט געהערט צו טראנסניסטריע, וועלכע אדאָלף היטלער האָט איבערגעגעבן אין אנטאָנעסקוס רעשוס...

האנס שפּילקען מיט זײַן קאָמאנדע האָט מען אָפּגעפירט ווײַטער א ביסל פון יאשפּאָל, צום אײַזנבאן־קנופּ — אָפּהיטן פון דיווערסאנטן און פארטיזאנער די ליניע און די בריקן.

א גרויל האָט ארומגעכאפּט שפּילקען. וויפל זײַנע באקאנטע אָפיצערן זײַנען שוין אומגעקומען אין די דאָזיקע קאנטן אין קאמף קעגן די פּארטיזאנער!

נאָר וואָס האָט ער געקאָנט טאָן, אז ס'איז געווען א באפעל? און ער האָט זיך מיט זײַן קאָמאנדע איבערגעקליבן אפן נײַעם אָרט. א פּארדראָס האָט אים געטאָטשעט, וואָס ער האָט ניט באוויזן ליקווידירן די געטאָ. די רומענער איזדיעקעווען זיך טאקע איבער די מענטשן, טרײַבן אף שווערער ארבעט, מע הונגערט בא זיי, מע קומט אום פון קרענק, נאָר בא אויסהארגענען האלט עס ניט. א גרויסן פּארדראָס האָט ער געהאט, האנס שפּילקע, וואָס ער האָט דערלאָזט א שוואכקײַט דעמלט, ווען ער איז געקומען קיין רוזשיצע און זיך געלאָזט אײַנריידן פון די אָרטיקע אוקראַינישע פּויערים ניט פארניכטן די ייִדן פון שטעטל.

דערווײַל האָט אים אלץ געמאטערט די קרענק, דער פּאכעד. עפּשער זיך ווענדן נאָך הילף צו דעם פעלדשער פון דער זאָנדערקאָמאנדע?

נאָר גלײַך האָט זיך האנס שפּילקע דערשראָקן פאר דעם דאָזיקן געדאנק. וואָס זשע, ער וועט זיך ווענדן צו אזא פערדנדאָקטער? יענער קאָן דאָך קיין קאץ דעם עק ניט פארבינדן. דער פעלדשערוק פארשטייט אזוי אין קרענק, ווי ער, האנס שפּילקע, אין כינעזישע היעראָגליפן. און כוץ דעם, האָט ער זיך אָקאָרשט דערוווּסט, שפּילקע, אז יענער הונט שרײַבט אף אים מעסירעס. ס'איז גענוג, דער פעלדשער זאָל זיך דערוויסן, אז דער שעף איז ניט מיט אלעמען, אז ער קלאָגט זיך אפן קאָפּ, וועט ער אָנשרײַבן א נײַע מעסירע, און מע וועט אים, שפּילקען, באפרײַען פון זײַן שטעלע.

נייך, גאָט באהיט! דער פעלדשער טאָר גאָרנישט ניט וויסן וועגן זײַן קרענק. ער וועט אים אומגליקלעך מאכן, אומברענגען. ניט קיין מענטשן רינגלען אים ארום — וועלף, ווילדע כײַעס!

פּלוצעם איז אים אופגעקומען גאָר אן אנדער געדאנק. דאָרטן, אין געטאָ, צווישן די פארשפּארטע הינטער די שטעכדראָטן, האָט ער באגעגנט אן עכטן דאָקטער, און ניט קיין געוויינלעכן — א פּראָפעסאָר. ער האָט מיט אים, עמעס, געהאט גאָר ניט קיין אָנגענעמענעם געשפּרעך, ער האָט אים, דעם ייִדישן פּראָפעסאָר, געשלאָגן מיטן פּאראבעלום. צי לעבט ער נאָך? וויאַזוי רופט מען אים? ער געדענקט אים גוט: א שטאָלצער, מיט א גראָוון קאָפּ האָר און טונקעלע אויגן. ביז איצט געדענקט ער אָט די אויגן, זיי האָבן אף אים, אף האנס שפּילקען, געקוקט מיט האס. האנס שפּילקע פארשטייט ביז איצט ניט, פארוואָס האָט ער אים דעמלט ניט דערשאָסן אפן אָרט...

וויאַזוי זשע האָט ער געהייסן? אהא, זיך דערמאָנט! סאנטאָס! פּינכעס סאנטאָס. ער האָט בעשום־אויפן ניט געוואָלט אָנטאָן די געלע לאטע, איז אויסגעקומען אים אָנלערנען. ער וועט עס אף לאנג פארגעדענקען, יענער סאנטאָס. איז וואָס האָט עס פאר א באטרעף צו בעטן דעם רומענישן קאָמענדאנט, ער זאָל שיקן אף א פּאָר טעג סאנטאָסן צו אים, צו שפּילקען? זאָל ער באווײַזן, דער ייִד, אז ער קאָן היילן. דאָס קאָן מען אים צווינגען טאָן. נאָר צי מעג ער, האנס שפּילקע, א ריינער אריִער, זיך ווענדן צו א ייִדן נאָך הילף? צי וועט עס ניט זײַן קיין פארברעכן? נייך, אבי געזונט זײַן. צוליב דעם, ער, א דײַטש, זאָל זײַן געזונט און פּייִק אויסצופילן זײַנע פליכטן, מעג מען אלץ. זאָל אפילע דער טײַוול אים היילן, אבי נאָר עס זאָל העלפן!

■

עס איז שוין געווען טיפע נאכט, ווען מע האָט ארײַנגעשטויסן אין צימער צו שפּילקען א וווּקסיקן, פארוואקסענעם, גראָווען מענטשן מיט אײַנגעפאלענע באקן.

שפּילקע האָט פארכידעשט געקוקט אף דעם אלטן און אים ניט דערקענט, ווי מע וואָלט אים פארביטן.

דערזען דעם דײַטש, האָט דער פּראָפעסאָר זיך אויסגעגלײַכט, צוגעגלעט מיט דער האנט די צעשויבערטע האָר אפן קאָפּ, פאריכט דאָס צעריסענע רעקל.

— וואָס האָט איר מיך גערופן, הער קאָמענדאנט? איר ווילט מיר לײַכטער מאכן דעם טויט? — דער אלטער האָט אָנגעוויזן אפן פּאראבעלום, וואָס איז געלעגן אפן טיש.

האנס שפּילקע האָט זיך צעשמייכלט:

— איר האָט א גוטן זיקאָרן, סאנטאָס.

— יאָ, א זיקאָרן האָב איך א גוטן. מירן זיך באגעגענען אף יענער־וועלט, וועל איך אײַך אויך דאָרטן דערקענען...

שפּילקע האָט צוגענומען דעם פּיסטאָלעט פון טיש, געהייסן סאנטאָסן זיך צוזעצן.

סאנטאָס האָט זיך בלויז צוגעשפּארט צו דער וואנט.

— וואָס האָט איר מיך אהער גערופן?

שפּילקע האָט געזען, אז דער ייִד טראָגט אלץ ניט די געלע לאטע.

— מײַן באפעל האָט איר ניט אויסגעפילט... איך זע ניט דעם... צייכן אײַערן... נאָר מײלע, דאָס איז שוין ניט מײַן זאָרג.

— און וואָס פאר א כילעק איז אײַך, צי הארגעט איר די אלטע לײַט, די פרויען און קינדער אָן א צייכן אָדער מיט א צייכן?

— איך פארוועהר אײַך אזוי ריידן! — האָט ווי מעגלעך ווייך געזאָגט האנס שפּילקע. — און מיט מיר האָט איר ניט וואָס צו רעדן וועגן דעם... איך בין א סאָלדאט און איך פיל בלויז אויס א באפעל.

— אָ, דאָס איז פאר מיר א נײַס! — האָט ביטער א שמייכל געטאָן סאנטאָס. — פריִער האָט איר געזאָגט, אז איר טוט, וואָס אײַך גלוסט זיך...

שפּילקע האָט א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, ווידער געהייסן דעם פּראָפעסאָר צוזעצן זיך. פון דער שאפע האָט ער ארויסגענומען א פלאש ווײַן, קעז, פוטער, ברויט און מיט א מין כאַניפעדיקן שמייכל געזאָגט:

— אנטשולדיקט, וואָס אזוי באשיידן... ס'איז שפּעט, אלע שלאָפן שוין לאנג... נו, זעצט זיך צו, עסט...

דעם אלטנס אויגן האָבן אף א רעגע זיך צעשײַנט. אראָפּגעשלונגען די סלינע, האָט ער אָפּגעריסן דעם בליק פונעם טיש.

— א דאנק, הער קאָמענדאנט, נאָר איך קאָן ניט מיסברויכן מיט אײַער גוטהארציקײַט. איך האָב שוין הײַנט מײַן פּאיאָק, וואָס אײַער דריטער רײַך האָט מיר אויסגעטיילט, א שטיק פוילן בורעק, באקומען... א קווערטל וואסער אויך... איך בין זאַט.

האנס שפּילקע האָט אים אָפּגעמאָסטן מיט א פארניכטנדיקן בליק, צונויפגעלייגט די הענט אף דער אײַנגעפאלענער ברוסט, ווי נעפּריטשקעם נאפּאָלעאָן, און דורכגעגאנגען זיך איבערן צימער. זײַן פארמעט־פּאָנעם איז געווען מאָלע־רעציכע. נאָר איצט האָט ער פּאָרט געדארפט מאכן דעם דאָזיקן אלטן ווייכער, צוגעלאָזענער.

א קוק געטאָן אף סאנטאָסעס געשוואָלענע הענט, אף די צעקארבטע פינגער, האָט האנס שפּילקע געזאָגט:

— איר זײַט, סאנטאָס, א דאָקטער, א פּראָפעסאָר, און די מעדיצינישע עטיק פאָדערט פון אײַך, איר זאָלט העלפן אפילע א סוינע, אויב יענער ווענדט זיך צו אײַך נאָך הילף...

פּינכעס סאנטאָס האָט אופגעהויבן אפן דײַטש די אויגן און א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

— געוויס... איך האָב גאָרניט געוווּסט, הער קאָמענדאנט, אז איר קלײַבט זיך אזוי גוט פאנאנדער אין פראגן פון עטיק.

האנס שפּילקע האָט באשטימט איבערפירן דעם געשפּרעך אף אן אנדער טעמע.

— סאנטאָס... סאנטאָס איז דײַן פאמיליע... און ווי איז דײַן נאָמען?

— פארוואָס — „דײַן נאָמען?” איר זײַט דאָך א ווייסער אין עטיק, הער קאָמענדאנט, איר מעגט האָבן דערעכערעץ כאָטש פאר מײַנע גראָווע האָר... איך האָב אזוינע זין און טעכטער, ווי... — ער האָט געוואָלט זאָגן, „ווי איר”, נאָר זיך גלײַך פארכאַפּט. — אין אָט אזא־אָ עלטער... איך בעט זיך ווענדן צו מיר ניט אף „דו”.

— סארא שוידערלעך פאָלק! — האָט שפּילקע א לאך געטאָן. — ווען איך בין אין אזא לאגע, ווי איר, וואָלט איך ניט געלייגט קיין אכט אף קאָוועד... מיר, דײַטשן, זײַנען זיגער...

— ניט אָריגינעל, הער קאָמענדאנט, — האָט שטיל, נאָר דײַטלעך זיך אָנגערופן סאנטאָס, — פון אזעלכע זיגער ווייסט שוין די געשיכטע פון לאנג — טאָרקוועמאדאָ, די שפּאנישע אינקוויזיטאָרן זײַנען א געוויסע צײַט אויך געווען זיגער, די רוסישע קייסאָרים, און פּעטליורע, און נעסטאָר מאכנאָ... די געשיכטע ווייסט אויך, מיט וואָס זיי אלע האָבן געענדיקט... אײַער פיורער האָט באשטימט איבערשטײַגן זײַנע פאָרגייער, נאָר די געשיכטע וועט נאָך איר וואָרט זאָגן!..

— איך בין א סאָלדאט, ניט קיין פּאָליטיקער! — האָט האנס שפּילקע איבערגעשלאָגן, דערשרעקנדיק זיך פאר אזעלכע רייד. א ווײַלע האָט ער א טראכט געטאָן און צוגעגעבן:

— רעכט, איך וועל אײַך שוין רופן ניט „דו”, נאָר „איר”. ניט שטענדיק האָב איך צו טאָן מיט פּראָפעסאָרן...

— אין דער ערשטער ריי בין איך א מענטש, הער קאָמענדאנט.

— יאוואָל... — האָט מיט רעציכע צוגעשטימט האנס שפּילקע.

— איך פרעג ווידער: צוליב וואָס האָט איר מיך ארויסגערופן? איצט האָט איר שוין, דאכט זיך, קיין שײַכעס ניט צו אונדז. די רומענער זײַנען געוואָרן אונדזערע באלעבאטים — וואָס ווילט איר איצט?

— בארויִקט זיך, פּראָפעסאָר... איך ווענד זיך צו אײַך ווי צו א דאָקטער...

— צו מיר, צו א ייִדן?

— אײַך וועל איך שענקען דאָס לעבן...

— מיר ווילט איר שענקען דאָס לעבן? פאַר וועלכע פאַרדינסטן? איך בין ניט בעסער און ניט ערגער פון אַלע, וועמען איר האָט פאַרשפּאַרט אין געטאָ הינטער די דראָטן.

— נו, צוליב וואָס דאַרפט איר מיט מיר אַזוי רעדן, סאַנטאָס? איך וועל אײַך באַפרײַען פון אײַער געטאָ.

— פאַרוואָס עפּעס — פון אונדזער געטאָ? פון אײַערער!.. אײַך געהערט אָט דער גרויסער אופּטו...

— איך האָב אײַך שוין געזאָגט: איך בין אַ סאָלדאַט!

— איך ווייס. איך האָב דאָס אַף זיך געפילט... — סאַנטאָס האָט באַוויזן די צעקרימטע פינגער. — פאָרט, צוליב וואָס האָט איר געשיקט נאָך מיר?

— פּאָשעט אַזוי. איך האָב זיך געוואָלט דורכרעדן מיט אַ גרויסן מענטשן, מיט אַ פּראָפעסאָר.

א טראַכט געטאָן, האָט שפּילקע צוגעגעבן:

— אַנטשולדיקט, איך האָב פאַרגעסן אײַער ספּעציאַליטעט, דאָס הייסט, פון וועלכע קרענק האָט איר געהיילט מענטשן?

— פון אַלע, כוץ מעשוגאַס!

— איך פרעג ערנסט... פון וועלכע קרענק?

— איך בין אַ נעווראָפּאַטאָלאָג.

— אָך, האָב איך טאַקע קיין טאָעס ניט געהאַט! איר היילט קראַנקע נערוון? וווּנדערבאַר! יאָ, נאָר פאַרוואָס זעצט איר זיך ניט צו? נעמט עפּעס, עסט, פילט זיך היימלעכער. עסט. איר זעט אויס שלעכט...

— איך בין צופרידן, הער קאָמענדאַנט, וואָס איר זעט אויס שיין...

— אָך, פּראָפעסאָר, הערט שוין אויף! דאָס איז בלויז אויסערלעך. איך וואָלט וועלן, איר זאָלט מיך באַטראַכטן.

סאַנטאָס האָט פאַרוווּנדערט צעעפנט די אויגן. דאָס אָפּגעשוואַכטע האַרץ האָט שטאַרקער גענומען קלאַפּן. וואָס קומט עס פאַר? וואָס האָט געטראָפן? עפּשער איז שוין געשען דער גרויסער נעס און מע האָט די פאַשיסטן צעקלאַפּט אַפן פראָנט?

— הער קאָמענדאנט, די מילכאָמע האָט זיך געענדיקט? איר האָט אונדז שוין ווידער אנערקענט פאר מענטשן?

האנס שפּילקע האָט געשמייכלט:

— איר שפּאסט, סאנטאָס? אומזיסט זײַנען אײַערע האָפענונגען. מיר וועלן זיגן אומבאַדינגט!

— און איך האָב געמיינט, — האָט מיט אנטוישונג געזאָגט סאנטאָס, — אז די מילכאָמע האָט זיך שוין געענדיקט, און איר ווילט, איך זאָל אײַך מיט עפּעס העלפן... טאָמער וועט מען אײַך פּאקן, שטעלן צום געריכט, זאָל איך זאָגן, אז איר זײַט געווען א גוטער, אז איר האָט אײַערע קאָרבאָנעס געטאָן בלויז גוטס... איך זאָל איידעס זאָגן, אז איר האָט מיך ניט געפּײַניקט. ניין, כאָלילע, איר האָט ניט דורכגעפירט קיין ווילדע עקזעקוציעס בא די קאַלך־גריבער... ניט צוליב דעם האָט אײַער סאָלדאט מיך געשלעפּט אהער?

— סאנטאָס, וואָס דארפט איר זײַן אזוי אופגערעגט? איך בין דאָך מיט אײַך העפלעך.

— אָ, געוויס! איך דערקען אײַך הײַנט ניט, הער קאָמענדאנט, איר זײַט פּאָשעט געוואָרן א דזשענטלמען. איך פארשטיי ניט, וואָס מיט אײַך איז געוואָרן. האָט איר עפּשער באקומען נײַע אינסטרוקציעס זיך באציִען איידעלער צו די ארעסטירטע? איך פארשטיי ניט...

— ס'איז גאָרניט געשען, — האָט רויִק געזאָגט האנס שפּילקע, — איך האָב פּאָשעט אײַך געוואָלט פרעגן: אז א מענטש פארלירט דעם שלאָף, דער מויעך ווערט בא אים פון ווייטעק צעשפּאָלטן, צי קענט איר אים אויסהיילן? איך גיב אײַך דאָס וואָרט פון א דײַטשישן אָפיצער: ווערט איר מיר העלפן, וועל איך בעטן בא דער רומענישער מאכט, מע זאָל אײַך באפרײַען. איר וועט וווינען אין א גוטער דירע, די רומענער וועלן אײַך געבן עסן...

— און א רעקל מיט א פּאָר הויזן, מיט א העמד, אויך?

— געוויס! אלץ, וואָס איר וועט וועלן, פּראָפעסאָר.

— זייער פײַן. איך זע, אז איר זײַט א מענטש א קאָמערציאָנעלער.

— איך פארשטיי אײַך ניט.

— נו, איך האָב אײַך געוואָלט עפּעס פרעגן... מיך וועט איר באפרײַען, מע וועט מיר געבן א רעקל און א טאָרבע מיט ברויט, איך וועל וווינען אין א באזונדערער דירע. זייער שיין פון אײַער זײַט, לײַטיש. נו, און יענע, וואָס קומען אום דאָרטן אין געטאָ? וואָס וועט מיט זיי זײַן? זיי זײַנען דאָך אזעלכע, ווי איך?

— איר זײַט א ביטערער מענטש, פּראָפעסאָר! — האָט איבערגעשלאָגן האנס שפּילקע. — גענוג צו שפּאסן! איך רעד מיט אײַך, ווי מיט איינעם, וואָס טאָר ניט פארגעסן זײַן כויוו... דער קאָפּ ווערט בא מיר שיר ניט צעריסן אָף שטיקער, און איר דינגט זיך מיט מיר, ווי א ציגײַנער אפן מארק פאר זײַן שקאָפּע! איר באליידיקט זיך נאָך, וואָס מיר באגייען זיך מיט אײַך אזוי שטרענג. א קראנקער ווענדט זיך צו אײַך, ער בעט הילף, און ניט קיין פילאָסאָפישע רייד...

שפּילקע איז מיטאמאָל שטיל געוואָרן, געכאפּט זיך מיט ביידע הענט פארן קאָפּ. ווען דער ווייטעק האָט א ביסל אָפּגעלאָזט שפּילקען, האָט ער געעפנט די אויגן און שטיל געזאָגט:

— דאָקטער, נעמט טוט א טאָפּ מײַנע שלייפן... עס קלאַפּט, אז מע קאָן אומקומען... זאָגט, וואָס דארף איך טאָן?

— איך בין ניט קיין קישעפמאכער. איידער איך זאָג דעם פּאציִענט, וואָס איז בא אים, מוז איך אים פריִער גוט באטראכטן, אויסהערן, אויסקלאַפּן מיטן העמערל... און איך קאָן איצט מיט די פינגער גאָרנישט ניט טאָן, איר זעט דאָך. און איך הער שוואך. דאָס האָט איר דערלאנגט מיר מיטן רעוואָלווער אין אויער. ווי זשע קאָן איך אײַך אויסהערן? נאָר כוץ דעם, א רייניקער אריער זאָל מיך בעטן וועגן אזוינס...

— איך דערלויב אײַך, דאָקטער, איך דערלויב.

— נאָר מײַן שטאָלץ דערלויבט עס מיר ניט.

— רעכט, דאָקטער, איצטיקס מאָל וועט איר מיר נאָר זאָגן, מיט וואָס קאָן מען העלפן, אז דער קאָפּ זאָל אזוי ניט וויי טאָן. און שפּעטער, ווען איר וועט זיך באַרויִקן... באלד וועל איך באפוילן אונדזער פעלדשער, ער זאָל אײַך איבערבינדן די הענט.

— וואָס? — סאנטאָסעס פארוואקסן אויסגעמוטשעט פּאָנעם האָט אויסגעדריקט פארוווּנדערונג. — זייער שיין! פריִער קאַליעטשעט איר א מענטשן, און דערנאָך ווילט איר אים אויסהיילן?

פּלוצעם האָט דער טעלעפאָן אפן טיש זיך שטארק צעקלונגען. האנס שפּילקע האָט אראָפּגעכאפּט דאָס טרײַבל, א רעגע זיך אײַנגעהערט, און דאָס בלאסע, צעקנייטשטע פּאָנעם זײַנס איז צעקרימט געוואָרן.

— וואָס? — האָט ער אויסגעשריִען. — צום טײַוול! וואָס זשע שטייט איר דאָרטן? ווו

זײַנען געווען אײַערע אויגן? ער ברענט, דער עשעלאָן, ער קאָן זיך באַלד אופּרײַסן? סנאַריאַדן?! מײַן גאָט!

א שמיץ געטאָן דאָס טרײַבל אַפן טיש, האָט שפּילקע געכאַפּט דעם שינעל, דעם פּאַראַבעלום, און זיך געלאָזט צו דער טיר.

דער סאָלדאַט, וואָס האָט געבראַכט אַהער סאַנטאָסן, איז געשטאַנען א פּאַרגליווערטער בא דער שוועל. האַנס שפּילקע האָט אים באַפוילן:

— אויפהייבן די קאָמאַנדע! אַן אַליאַרם!..

דער סאָלדאַט האָט זיך א ריס געטאָן פון אָרט, נאָר שפּילקע האָט אים פאַרהאַלטן, אָנגעוויזן אַף סאַנטאָסן:

— דעם יודע אָפּפירן דערנאָך צוריק אין געטאָ! איבערבינדן אים די וווּנד, געבן עסן, אָנטאָן. פאַרשטייסט?

סאַנטאָס האָט א מאַך געטאָן מיטביידע הענט:

— אומזיסט באַפוילט איר דאָס. איך וועל לעבן אין געטאָ, אַזוי ווי אַלע. צוליב וואָס זאָלט איר זיך סטאַרען?

— שווײַג, פאַרפלוכטער יודע! אַז איך באַפעל, ווייס איך, וואָס איך טו!

פּינכעס סאַנטאָס האָט א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ:

— אָט איצט דערקען איך אײַך, הער קאָמענדאַנט, אָט דאָס איז אײַער עמעסע שפּראַך!

האַנס שפּילקע איז אַרויסגעלאָפן פונעם קאַבינעט. די סאָלדאַטן זײַנען געלאָפן צו די מאַשינעס. ערגעץ אין עק יאַשפּאָל איז דער הימל געווען רויט. פון יענער זײַט באַן־סטאַנציע האָט געבושעוועט א סרייפע...

א כאַסענע אָן קלעזמער

קיין שטאַרק באַריידעוודיקער איז דער סטאַראָסטע טאַראַס מאַרגון קיינמאָל ניט געווען. ער איז אויך ניט געווען זייער קיין רירעוודיקער. אַז ער האָט עפּעס געדאַרפט טאָן, האָט ער פריִער ליב געהאַט זיך גוט אַרײַנטראַכטן, אָפּוועגן אַליץ, אָפּמעסטן. עס ברענט ניט, דער הימל איז נאָך ניט בא דער ערד.

ער איז אַמאָל געווען אין לוקאַשיווקע פון יענע באַכערים, אַף וועלכע די שענסטע מוידן האָבן זיך פאַרקוקט. אַף איינער האָט ער שוין אפילע אויך געוואָרפן אַן אויג און געדאַרפט אַרײַנשיקן צו איר שאַדכאָנים, נאָר ביז ער האָט זיך אויסגעקליבן, ביז ער האָט די זאַך באַטראַכט פון אַלע זײַטן, האָט עמעצער אַנדערש אויסגעכאַפּט דאָס מיידל, און ער איז געבליבן צום נאַר. עטלעכע מאָל האָבן די קאַלעס מיט אים אָפּגעשפּילט אַזעלכע שפּיצלעך, און ער איז, נעבעך, געבליבן זיצן, ווי מע זאָגט, ביזן גרויען קאָפּ...

אָן אַלטער באָכער, איז טאַראַס מאַרגון ערשט צו פערציק יאָר צוגעשטאַנען פּאַר א פּרימאַק צו אַן אַלמאָנע מיט צוויי קינדער.

דאָס איז געווען א געזונטע, פעסטע פּויערטע, א פריילעכע, א קלוגע. זי האָט געקענט פּאַריידן זעקס אַזעלכע, ווי טאַראַס מאַרגון, און זי האָט אים טאַקע פאַרעדט די ציינער. ער האָט ניט באַוויזן באַטראַכטן, צי זאָל ער כאַסענע האָבן פּאַר איר, אָדער ניט, ווי זי האָט אים אַרײַנגעפּאַקט אין שטוב אַרײַן.

נאַטאַלקע האָט זי געהייסן, נאָר אַז זי האָט ווידער כאַסענע געהאַט, האָט מען זי שוין אָנגעהייבן רופן ניט אַנדערש, ווי די מאַרגוניכע.

זי האָט אַלע יאָרן געאַרבעט אין סאָד, בא די עפּלביימער, שטענדיק געווען פאַרטאָן, פאַרהאָרעוועט, נאָר ווי זי זאָל ניט געווען זײַן פאַרנומען, האָט זי אַלעמאָל געהאַט גענוג צײַט אַף דערציילן די שכיינעס פריילעכע געשיכטעס, פון וועלכע יענע האָבן זיך געהאַלטן בא די בײַכער.

כאָטש נאַטאַלקע איז שוין געווען אין די יאָרן, האָט זי געהאַלטן, אַז די צוויי קינדער, וואָס דער ערשטער מאַן האָט איר איבערגעלאָזט, איז ווייניק פּאַר איר. און זי האָט געשענקט איר נײַעם באַשערטן נאָך דרײַ קינדער...

די ווײַבער האָבן געשפּאַסט:

— מאַרגוניכע, ווען האָסטו עס באַוויזן, אַז דײַן טאַראַס האָט ליב אַזויפיל טראַכטן, ביז ער טוט עפּעס אַפּ?

און זי האָט געענטפערט:

— נישקאָשע, בא מיר האָט ער לאַנג ניט געטראַכט.

זי איז כאָלילע ניט געווען פון יענע קליפּעס, וואָס דערגייען די מענער די יאָרן. א געזונטע, א באַוועגלעכע, האָט זי אַלץ געטאָן אליין אין שטוב, געהאַקט האָלץ, געטראָגן וואַסער, באַארבעט דעם גאָרטן. און אַז די שכנישע האָבן איר פאָרגעוואָרפן, לעמײַ שלעפּט זי אליין דעם וואָגן, האָט זי געזאָגט:

— נישקאָשע, זאָל ער טראַכטן, טאַראַס, עפּעשער וועט ער זיך צו עפּעס גוטס דערטראַכטן...

זי האָט פון אים געהאַלטן, ווײַל ער איז געווען אַן ערלעכער, ניט קיין טרינקער און ליב געהאַט אַלע קינדער, ניט בלויז זײַנע. קיין כּילעק צווישן זיי האָט ער ניט געמאַכט. ער איז געווען לויטן כאַראַקטער א גוטהאַרציקער, געגרן געהאָלפן יענעם אונטער א נויט. דער אוילעם, כאָטש ער האָט ליב געהאַט אין גוטן מוט אָפּלאַכן פון מאַרגונען, האָט דאָך פון אים געהאַלטן.

מע האָט מאַרגונען אויסגעוויילט אין קאָלווירט־פאַרוואַלטונג, געגעבן אים גאַנץ פײַנע פּאָסטנס, נאָר דאָס, וואָס ער האָט ליב געהאַט זייער לאַנג טראַכטן און טאָן אַלץ פּאַמעלעך, האָט אים דערהאַרגעט. פון עטלעכע שטעלעס האָט מען אים געמוזט באַפרײַען. ער האָט, לעמאַשל, פאַרוואַלטעט מיט די טוווע־שפּײַכלערס, נאָר איינמאָל בעשאַס א שטאַרקן רעגן האָט דער ווינט אראָפּגעריסן א שטיק דאַך פון א סקלאַד. מאַרגון האָט דאַפקע געגעבן, מע זאָל פאַריכטן דעם דאַך, נאָר גאָר שטאַרק דערמאָנט וועגן דעם האָט ער ניט, דער איניען האָט זיך פאַרצויגן און עס איז דערווײַל קאָליע געוואָרן א פּאָר טאָן קאָרן! כאָטש מער ווי טאַראַס, איז שולדיק דערין, אייגנטלעך, געווען זײַן געהילף, האָט מען אין טורמע אַרײַנגעזעצט אים איינעם, און מער ווי דרײַ כאָדאָשים האָט זיך געצויגן די אויספאָרשונג. שפּעטער האָט זיך אַרויסגע־וויזן, אַז מע מעג אים באַפרײַען. פון יענער צײַט אָן האָט מען אים שוין ניט געגעבן קיין גרויסע שטעלעס — מע האָט אים צוגעשטעלט צו א וואָגן מיט א פּאָר פערד, און גאָר. ער איז געוואָרן אַן אַנטרײַבער.

די מאַרגוניכע האָט געזאָגט, אַז דאָס איז פאַר טאַראַסן די בעסטע און רויִקסטע ארבעט. ער אַליין איז אָבער נאָך לאַנג ארומגעגאַנגען א באַליידיקטער, אַן אָנגעבלאָזענער אף אַלעמען און ניט געוואָלט נעמען די ווישקעס אין די הענט.

זינט דעמלט איז מאַרגון געוואָרן נאָך א גרעסערער שווײַגער, און זײַטיקע מענטשן, קוקנדיק אף אים, אַן אָנגעכמורעטן, האָבן געקאָנט מיינען, אַז ער איז אין קאַס אף דער גאַנצער וועלט.

אינדערעמעסן האָט אים בלויז געהריזעט שטילערהייט א פאַרדראָס, וואָס עס גליקט אים ניט גאָר אין לעבן. נאָר טײַנעס האָט ער געהאַט ניט אַזוי צו דער וועלט, ווי צו זיך אַליין...

איז אָט, דעם מענטשן, וואָס האָט ניט געקאָנט און ניט ליב געהאַט קאָמאַנדעווען, האָט מען דאָ, אין לאָקאַשיוווקע, מיט געוואַלד געמאַכט פאַר א סטאַראָסטע.

גאָט ווייסט דעם עמעס, ווי ער האָט עס ניט געוואָלט!

ער האָט פאַרהאַסט די בלוטיקע אָקופּאַנטן, ניט געוואָלט אָנקוקן זייערע מיִעסע צורעס. זײַן נאַטאַלקע האָט אים אָנגעקוקט ווי א מעשוגענעם, ווען ער איז געשטאַנען פאַרן גאַנצן סכאָד און באַקומען דעם נײַעם פּאָסטן פונעם קאָמענדאַנט. זי האָט זיך געוואָלט אַרײַנמישן, נאַטאַלקע, נאָר עמעצער האָט זי אָפּגעשטויסן, געזאָגט, אַז דאָס איז א שפּיל מיט פײַער. וואָס זשע, זי האָט אַליין ניט געזען, אַז דער קאָמענדאַנט איז אופגערייצט, ווי א הונט? אַלע האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו זײַן סטאַראָסטע, און ווער ווייסט, מיט וואָס דאָס וואָלט זיך געקאָנט פאַרענ־דיקן. אזא שרעק האָט אַלעמען ארומגעכאַפּט, אַז מאַרגון האָט ניט געוואַגט זיך אָפּזאָגן. אָבער איין זאַך האָט ער געטראַכט: ווי עס זאָל דאַרט ניט זײַן, וועט ער זיך פירן אַזוי, אַז דער אוילעם זאָל אים ניט פאַרהאַסן.

יאָ, אויב איר מיינט, אַז ס'איז גרינג זײַן א סטאַראָסטע, האָט איר א גרויסן טאָעס. באַ־זונדערס נאָך אין לאָקאַשיוווקע, ווו יעדער איינציקער קען דיך אויסגעבונדן, און טאָמער שטעלסטו ניט קיין ריכטיקן טראָט, ביסטו ניט זיכער מיטן לעבן! דאָ ווייסט מען ניט פון קיין כאַכמעס. צו דער נײַער וולאַסט איז ווײַט, און צו גאָט איז הויך. דאָ זײַנען פאַראַן יארועגס, אָפּגרונטן, ניט ווײַט פליסט דער דניעסטער, און טאָמער באַגייסטו אָן אוולע בענעגייע דעם אוילעם, ווערסטו זיך גיך צעשיידן מיט דער ליכטיקער וועלט, קיין האָן וועט אפילע קיין קרייע ניט טאָן, קיין קעלעוו וועט קיין קאָוועשע ניט געבן... דאָס האָט גאַנץ גוט פאַרשטאַנען דער סטאַראָסטע, און ניט אַזוי ער, ווי די מאַרגוניכע, די סטאַראָסטיכע.

א פאַכעד האָט אַלעמען ארומגעכאַפּט, ווען אין א שפּעטן האַרבסט האָט זיך אהער אראָפּ־געיאָוועט סטעפּאַן טשורײַ מיט זײַנע צוויי טרײַע געהילפן — וואַסקע כאָליאַווקע און איוואַן סאַראָקאַ.

די לעצטע צוויי האָבן זיך געסטאַרעט איבעריקס ניט אַרײַנמישן אין די איניאַנים פונעם סטאַראָסטע און אַרויסגעקוקט מער אַפן גלעזל סאַמאָהאָן. סטעפאַן אָבער האָט זיך דאָ געפירט מײַסע באַלעבאָס.

אזוי ווי די מאַמע האָט אים נאָך אַלץ ניט געוואָלט קענען און ניט אַרופגעלאָזט אַף דער שוועל, האָט ער זיך באַזעצט מיט זײַנע געהילפן אין דעם געוועזענעם פאָרזיצערס, גאַטשינסקיס, פוסטן הויז און פון דאָרטן אָנגעהויבן קאָמאַנדעווען.

ער האָט געוואָלט אויסנעמען באַ זײַנע נײַע באַלעבאַטים, די רומענער, און דערווײַזן, אַז ער איז זיי טרײַ, עפשער וועלן יענע אים העלפן זיך ווידער אופהייבן — עפשער וועט מען אים ווידער אַריבערפירן אין שטאָט. און אויב די רומענער וועלן דאָס ניט טאָן, טאָ זאָלן זיי אים דאָ מאַכן פאַר סטאַראָסטע. דאָס וועט זײַן ניט שווער, ווײַל אָט דער מאָרגון האָט שטאַרק צעבאַלעוועט דעם אוילעם. און דעריקער, ער פאַנקעט זיך שטאַרק מיט די ייִדן פונעם ייִשעוו, עמעס, זיי גייען אַלע טאָג אַפן שליאַך רייניקן די ריוועס, פאַרברוקירן די גריבער, אופשטעלן די בריק, אָבער מע האָרעוועט זיך ניט איבער. בלויז ווען ער, טשורײַ, קומט אַהין, מאַכן זיי דעם אָנשטעל, אַז מע איז פאַרהאָוועט, און שמײַסט ער אַוועק ווײַטער זײַן ווײַסע שקאַפּע, זעצט מען זיך אַוועק אַף דער ערד און מע טוט גאָרניט.

עפעס האָט ער אַפילע באַמערקט, סטעפאַן טשורײַ, אַז אָנשטאָט פאַריכטן דעם וועג, אים גוט אויסברוקירן, די דײַטשישע מאַשינעס זאָלן קענען דורכפאָרן, האָבן די מענטשן פון ייִשעוו אים גאָר נאָך שטאַרקער צעראָיעט, אָנגעוואַלגערט בערג מיט זאַמד, מיט שטיינער, אויסגעגראָבן נײַע גריבער, גלײַך ווי ניט מע פאַריכט דאָ דעם וועג, נאָר מע טוט אַלץ, אַז גאָרנישט זאָל ניט קענען דורכפאָרן.

וויפל סטעפאַן האָט ניט געגעבן אָנצוהערן דעם סטאַראָסטע, אַז עפעס איז ניט גלאַט, האָט יענער געענטפערט:

— וואָס זשע מיינסטו, סטעפאַן, עס איז עפעס גרינג רעמאָנטירן דעם וועג? האָסט דאָס אַמאָל געפרוּווט טאָן?

סטעפאַן האָט געטראַכט: „בישקאָשע, סטאַראָסטע, איך וועל זיך נאָך אַ ביסל צוקוקן צו דיר און צו דײַן אַרבעט, און ווען איך וועל פאָרן אין שטאָט, וועל איך שוין אַלץ דערציילן, וואָס איך האָב דאָ געזען, און דו וועסט זיך באָמבלען אַף דער טליִע...“

סטעפאַן איז געווען בייז אַף די לוקאַשיוּוקער.

זאָל כאָטש עמעצער אים אַרײַנרופן צו זיך, מעכאַבעד זײַן מיט אַ קוואָרט סאַמאָהאָן, געבן אַ טעלער באָרשטש. ביז ער האָט אויסגעריסן באַ מאָרגונען דאָס ביסל פּראָדוקטן פאַר זיך און פאַר זײַנע געהילפן, האָט ער שיר ניט אויסגעשפּיגן פון זיך די גאַל. נאָך אַ גליק, וואָס אין ייִשעוו האָט מען פאַר אים מוירע געהאַט און אָפּגעגעבן דאָס לעצטע. יאָ, ער מוז צופאָרן אין שטאָט, דערציילן זײַן שעף, וואָס דאָ, אין לוקאַשיוּוקע און אין ייִשעוו, טוט זיך!

און דאָ האָט פּאַסירט אַ זאַך, וואָס האָט אופגעטרייסלט סטעפאַנען.

ער איז צופעליק אַרײַן אַף דער פערמע און דערזען דאָרט זיצן לעסיע מאַטיאַש אין דער אַרומרינגלונג פון עטלעכע מעלקערנס. זי האָט פאַר זיי געלייענט פון אַ העפטל דאָס, וואָס די ראַדיאָ פון מאָסקווע האָט באַנאַכט איבערגעגעבן! ער האָט זיך באַהאַלטן און געוואַרט, ביז זי וועט ענדיקן און אַרויסגיין פון דער געבײַדע. דערווײַל האָט ער אַרויסגענומען פון דער קעשענע זײַן ביכעלע, דעם בלײַער און פאַרשריבן איר רייד.

ענדלעך האָט לעסיע זיך אופגעהויבן און איז, אַרומקוקנדיק זיך, אַרויס פון שטאַל. ווען זי איז שוין געווען אַף דער גאַס, האָט סטעפאַן זי דעריאָגט, געכאַפּט באַ דער האַנט און געפאָדערט אים אָפּגעבן דאָס העפטל, פון וועלכן זי האָט געלייענט. זי האָט אים אָנגעקוקט דערשראָקן, גענומען בעטן, ער זאָל זי אָפּלאָזן, נאָר טשורײַ האָט פון גאָרנישט ניט געוואָלט הערן. ער וועט זי פירן אין שטאָט אַרײַן, צום קאָמענדאַנט.

עס זײַנען זיך צונויפגעלאָפן שכיינים און אויך גענומען בעטן, ער זאָל זיך אָפּטשעפּען פונעם מיידל, האָט סטעפאַן ביז וואָס־ווען אָפּגעפירט זי צום סטאַראָסטע.

טאַראַס מאָרגון האָט אויסגעהערט דעם פּאָליצײַ און געזאָגט:

— דו ווייסט, סטעפאַן, דאָס איז דאָך קוזמאַ מאַטיאַשס טאָכטער. אַלע ווייסן, אַז זי פאַרנעמט זיך קיינמאָל ניט מיט קיין פּאָליטיק, דו האָסט, זעט אויס, אַ טאָעס געהאַט.

דאָס האָט סטעפאַנען שוין אינגאַנצן אופגעבראַכט, און ער האָט באַשטימט, אַז מער וועט ער ניט שווײַגן. עס האָט געשלאָגן די שאָ, ווען ער דאַרף זיך נעמען פאַר אָט די מענטשן און זיי אַלעמען אָנלערנען.

ער איז געזעסן באַם סטאַראָסטע, געקוקט אין פענצטער, ווי לעסיע גייט אַהיים, גלײַך ווי גאָרניט וואָלט ניט געשען.

זי איז געגאַנגען מיט איר פעסטן טראָט, אַ קרעפּטיקע, אַ שלאַנקע, די בלאָנדע האָר האָבן זיך אַרויסגעשלאָגן פון אונטערן שאַלעכל, און סטעפאַן האָט אַ טראַכט געטאָן, אַז אַנשטאָט דעם, ער זאָל דאָס מיידל איבערגעבן דעם קאָמענדאַנט אין די הענט אַרײַן, וואָלט עפשער בעסער געווען צולאָנטשען זי צו זיך. זי איז איצט בײַ אים אויפן צײַמל, און ער קאָן זי צווינגען טאָן, וואָס ער וועט וועלן.

אָט דער געדאַנק האָט זיך אײַנגעלעגערט אין זײַן מויעך, און ער האָט באַשטימט פאַנגען דאָס פישעלע. זאָל זי פאַר אים כאַסענע האָבן, לעסיע, אויב זי וויל ניט אַרײַנפאַלן אין טורמע.

■

ווען די נאַכט איז צוגעפאַלן, האָט סטעפאַן זיך פאַרפּוצט אין זײַן שוואַרצן רעקל, אין דעם גרינעם קאַפעליוש, צעקעמט די וואָנצעס, אויסגעטרונקען צוליב דרייסטקײַט, גענומען אַ פלאַש אין קעשענע און זיך אַוועקגעלאָזט צו קוזמאַ מאַטיאַשן.

דערזען אָף דער שוועל דעם עלטסטן פאָליצײַ, האָט קוזמאַ זיך צוערשט דערשראָקן, נאָר באַמערקט, אַז יענער נעמט אַרויס אַ פלאַש און שטעלט זי אויפן טיש, האָט קוזמאַ באַשלאָסן, אַז ס'איז נאָך ניטאָ וואָס צו ציטערן.

— קוזמאַ, דו נעמסט אָף געסט? איך האָב געבראַכט מײַן שנאַפּס, שטעל עפּעס צום טיש פאַרבײַסן, ווען מיר מיט דיר האָבן אַ געשפּרעך!

קסעניע איז געשטאַנען בײַם אויוון אַ דערשראָקענע, זי האָט מיט עקל געקוקט אָף דעם פאַרשוין אינעם גרינעם קאַפעליוש און ניט געאײַלט זיך שטעלן עפּעס אויפן טיש.

סטעפאַן איז אַ ביסל אַרומגעגאַנגען איבער דער שטוב, אַרײַנגעקוקט אין אַלע ווינקעלעך, דערנאָך געבעטן, מע זאָל געבן גלעזער. אָנגעגאָסן זיך און דעם באַלעבאָס צו פולע גלעזער, קסעניען — אַ האַלבע גלאָז, האָט ער געזאָגט:

— איך האָב גאָרניט געוווסט, אַז איר האָט אַזאַ פײַנע טאָכטער. איך וויל מיט אײַך אויסטרינקען פאַר איר געזונט... עפשער וועט איר זי אויך אַרײַנרופן?..

קסעניע איז בלאַס געוואָרן. לעסיע איז גראַדע געזעסן אין קעלער מיט רויטע און מ'האָט געהערט די ראַדיאָ. ניט אַנדערש, ווי דער טײַוול האָט זיך עפּעס דערוווּסט, און עס וועט געשען אַ גרויסער אומגליק.

— לעסיע איז אַוועק צו אירע כאַווערטעס, — האָט די מוטער זיך אָנגערופן, אונטערוקנדיק דעם ניט־געבעטענעם גאַסט אַ טעלער געזײַערטע קרויט.

— אַ שיינע טאָכטער האָט איר, — האָט סטעפאַן געזאָגט, נאָך דעם, ווי ער האָט אויסגעטרונקען און גענומען פאַרבײַסן, — איך האָב גאָרניט געוווּסט, אַז לעסיע איז בײַ אײַך אַ קאַלעמויד. און איך בין איינער אַליין, ווי אַ סיטש, ניטאָ קיין באַלעבאָסטע אין שטוב... אײַער לעסיע וואָלט בײַ מיר געלעבט גליקלעך. איך האָב אַ גוטע שטוב, איר ווייסט דאָך, און אַלץ, וואָס מע דאַרף, האָב איך — אָנטאָן, געלט, מע קאָן לעבן. ווען איר גיט מיר אָפּ אײַער טאָכטער, וואָלט אײַך געווען גוט און איר וואָלט געווען גוט.

— סטעפאַן, דו ביסט שיקער, גיי אַהיים שלאָפן און רעד ניט קיין נאַרישקײַטן! — האָט געענטפערט קסעניע. — אַזאַ אומגליק איז געקומען אָף אַלעמען. ווער זשע קאָן טראַכטן וועגן כאַסענעס? אַ שווערע צײַט, מילכאָמע...

— וואָס זשע, דאַרף מען ניט לעבן? אײַער לעסיע, זאָל זי נאָר כאַסענע האָבן, וועט לעבן בעסער, ווי בײַ די סאָוועטן. אַרבעטן דאַרף זי ניט. איך קאָן זי באַזאָרגן מיט אַלץ, וואָס זי וועט נאָר וועלן. איך האָב מאַנופאַקטור, און לעדער, און פּוטער... אַלץ האָב איך! אַ פערד. אַ גוטע שטוב אין יאַשפּאָל, און דאָ אויך — ניט קיין כאַלופּע. און אויב לעסיע וועט וועלן, קאָן איך גאָר וווינען בײַ אײַך. וועט זי וועלן, פאָרן מיר אין שטאָט... איך וועל אײַך, קסעניע, אויך מיטנעמען. ביז ווען וועט איר זיך פּאָרען דאָ אינעם מיסט?

ער האָט געטרונקען און ניט אויפגעהערט דערציילן, וואָס פאַר אַ שטוב און וואָס פאַר אַ פאַרמעגן ער האָט דאָרט, אין שטאָט.

— סטעפאַן, פאַרבײַס בעסער, — האָט איבערגעשלאָגן קוזמאַ, — לעסיע האַלט ניט דערבײַ.

— עס מאַכט ניט אויס! איר וועט איר זאָגן, וועט זי אײַנגיין. און דאָס, וואָס איך בין עלטער פון איר, מאַכט אוואַדע ניט אויס! ווו וועט זי איצט קריגן אַ יונגן, אַז די יונגע זײַנען אַוועק מיט די סאָוועטן און קיין איינער קער שוין ניט לעבן?

עס איז שוין געווען שפּעט. קסעניע האָט זיך געדרייט אַרום דעם גאַסט, געבעטן אים עסן, געשטעלט אַליין אויך אַ פלאַש סאַמאָהאָן — זי האָט אַלץ מוירע געהאַט, אַז פונעם קעלער זאָל זיך ניט דערטראָגן לעסיעס אָדער רוטעס שטים, דאָס פּײַפערײַ פון דער ראַדיאָ.

קוזמאַ האָט געקוקט אינעם גאַסטס שיקערע, רויטע אויגן און געפילט, אַז דאָס האַרץ ווערט

פאַרזאָטן. ווי האָט ער געוואגט, אָט דער קריפּל, קומען צו אים, צו מאַטיאַשן, מיט אַזאַ פאָרשלאָג? אָנגעגאָסן דעם רעשט, וואָס איז געבליבן פון דער צווייטער פלאַש, אין סטעפאַנס גלאָז, האָט קוזמאַ געזאָגט:

— טרינק אויס און גיי אַהיים. דו רעדסט שוין נאַרישקייַטן. גיי, און מער זאָל איך פון דיר ניט הערן אַזעלכע רייד. פון מײַן לעסיען זאָלסטו אַפילע ניט טראַכטן.

סטעפאַן איז צערייצט געוואָרן. די רויטע אויגן האָבן זיך איבערגעקערט. ער האָט מיט איין באַוועגונג אַראָפּגעשלײַדערט פונעם טיש דאָס געפעס, זיך אופגעהויבן פון אָרט, אָפּגעגאַן צו דער טיר און גענומען שרײַען:

— איך, סטעפאַן טשורײַ, געפעל אײַך ניט? וועט איר האָבן איצט צו טאָן מיטן קאָמענדאַנט! איך האָב הײַנט געזען, ווי אײַער שטילינקע טאָכטער האָט געלייענט אין שטאַל די סוואָדקעס, וואָס די סאָוועטן גיבן איבער... פאַר אַזאַ זאַך קומט זי הענגען אויפן ערשטן דעמב!

— וואָס רעדסטו, סטעפאַן, גאָט איז מיט דיר! — קסעניע האָט אים אָנגעכאַפּט באַם אַרבל.

סטעפאַן האָט זי אָפּגעשטויסן פון זיך, גענומען דעם קאַפעליוש, וואָס איז געהאַנגען אויפן צוועקל באַ דער טיר, און שווער אַריבערגעשפּאַנט די שוועל. אין פאָרהײַזל האָט ער זיך אָפּגעשטעלט:

— איך האָב הײַנט געכאַפּט אײַער לעסיען מיטן העפטל. איך האָב זי געוואָלט אָפּפירן צום קאָמענדאַנט, נאָר אָפּגעלאָזט, געמיינט, אַז איר זײַט מענטשן. איר זײַט אָבער אַלע קאָמוניסטן... טאָ געדענקט...

— באַרויִק זיך, סטעפאַן, באַטראַכט זיך, — האָט אים געפּרוּווט אײַנעמען קוזמאַ.

— איך האָב געוואָלט מיט גוטן... נאָר אויב איר זײַט אַזעלכע, וועט איר באַ מיר אַלע וויינען מיט בלוטיקע טרערן!.. — ער האָט אַן עפן געטאָן מיטן פוס די דרויסן־טיר, — איך וועל וואַרטן דרײַ טעג, און איר באַטראַכט זיך... אָדער איך וועל כאַסענע האָבן פאַר אײַער לעסיען און קיינער וועט פון אירע העפטלעך קיינמאָל זיך ניט דערוויסן, אָדער זי וועט הענגען אויף אַ דעמב... אָט אַזוי קאָנט איר זיך ראַטעווען... דרײַ טעג... איך וועל מער ניט וואַרטן...

און ער איז אַוועק.

קוזמאַ און קסעניע זײַנען געבליבן שטיין דערצאָרנטע, ניט געוווּסט, וווּהין מע טוט זיך אַהין. דער אומגליק האָט זיי געפּלעט, ווי אַ דונער.

געקומען צו־זיך, האָבן קוזמאַ און קסעניע אַרויסגערופן פונעם קעלער לעסיען, דערציילט איר וועגן דעם אומדערוואַרטן וויזיט פונעם פּאָליצײַ. כאָטש לעסיע האָט די ערשטע רעגע זיך הילכיק צעלאַכט, ווען זי האָט דערהערט, אַז סטעפאַן איז געקומען זיך שאַדכענען צו איר, האָט אָבער גלײַך זי אַרומגעכאַפּט אויך אַ שרעק. די געפאַר איז גרויס. ער האָט זי הײַנט אינדערעמעסן געכאַפּט באַ דער האַנט, און ווען ניט טאַראַס מאָרגון, ווער ווייסט, וואָס מיט איר וואָלט שוין איצט געווען. ווען זי קלײַבט זיך ניט ווערן קיין מוטער, וואָלט זי געוויס אַוועק אין אַ ווײַט דאָרף, צו פרײַנט, נאָר ווי האָט זי איצט געקאָנט אומוואָגלען? מע האָט דערווײַל געדאַרפט דרינגענדיק באַשטאַטן ערגעץ דעם ראַדיאָ־אופנעמער, ווײַל סטעפאַן קאָן זיך אַרײַנרײַסן אַהער מיט זײַנע פּאָליצײַען און מאַכן אין שטוב אַן אונטערזוכונג.

קסעניע האָט געזאָגט, אַז מע וואָלט ביכלאַל געדאַרפט פאַרניכטן דאָס קעסטל, אַרײַנוואַרפן עס אין טײַך. נאָר אויף דעם איז לעסיע ניט אײַנגעגאַנגען. זי האָט געבעטן דעם טאַטן אַריבערטראָגן דאָס קעסטל צו רוטען.

■

סטעפאַן טשורײַ האָט געגלייבט, אַז אים וועט זיך אײַנגעבן אײַנברעכן אויב ניט לעסיען, איז יעדנפאַלס — אירע עלטערן. ער וועט זי באַקומען, אָט די שיינע לערערקע. זי איז איצט באַ אים אין די הענט. אַ כאַסענע וועט ער דאָ אָפּשפּילן אַ גוטע. ער איז זיך דורכגעגאַנגען איבער דעם יִשעוו, געפונען געדאַליע סאַנטאָסן און אים באַפוילן, ער זאָל צונויפנעמען באַם אוילעם געלט פאַר אים און פאַר זײַנע געהילפן, אַנדערש וועט ער, סטעפאַן טשורײַ, אַלעמען אַוועקפירן אין שטאָט, אין געטאָ. זאָלן זיי זאָגן אַ דאַנק, וואָס זיי לעבן נאָך, די יִדן. יענע, וואָס זײַנען אין שטאָט, לעבן אַ סאַך ערגער. דאָ העלפט מען זיי. ער, סטעפאַן, האָט אַ גאַנץ צעטל צונויפגעשטעלט, ווער עס העלפט, און עס איז גענוג איין וואָרט זײַנס, מע זאָל דערצו מאַכן אַ סאָף.

אין עטלעכע טעג אַרום האָט טשורײַ זיך ווידער אַרײַנגעשטעלט צו מאַטיאַשן אין שטוב. ער האָט מיט זיך געבראַכט ניט איין פלאַש, ווי דאָס ערשטע מאָל, נאָר אַ קוישל מיט פלעשער און עסנוואַרג, געבראַכט אויך אַ מאַטאָנע פאַר לעסיען — אַ שטיק וואָלנס אויף אַ קלייד, און נאָך אַ מאַטאָנע — ציץ פאַר קסעניען.

אַרויסגענומען פֿונעם קויש די פֿלעשער און געבראָטן פֿלייש, האָט ער דאָס אַלץ אויס־געשטעלט אויפֿן טיש, געבעטן אַרײַנטראָגן גלעזער, טעלער.

נאָך דער צווייטער גלאָז איז טשורײַ געוואָרן באַריידעוודיק.

— פֿאַרוואָס זע איך דאָ ניט לעסיען? פֿאַרוואָס קומט זי ניט? ווו איז זי? זי באַהאַלט זיך פֿון מיר? עס געפֿעלט איר ניט, וואָס איך בין געקומען? זאָל זי זיך אוועקזעצן לעבן מיר און זאָגן... זי דאַרף מיר קושן די שטיוול, וואָס איך האָב זי דעמלט ניט אוועקגעפֿירט צום קאָמענ־דאַנט. און אויב איך געפֿעל איר ניט, איז קאָן איך דאָס נאָך טאָן. זי איז אין מײַנע הענט. אַלע זײַט איר אין מײַנע הענט, און וואָס איך וועל וועלן, וועל איך טאָן. רופֿט לעסיען! דו הערסט, קוזמאַ, וואָס איך זאָג?..

קוזמאַ האָט געגנומען באַרויִקן דעם שיקער:

— לעסיע איז אוועקגעפֿאָרן צו אַ מומע.

— לײַגסט, קוזמאַ! — טשורײַ האָט אַ דרײַ געטאָן מיטן קולאַק, שווער אַראָפּגעלאָזט זיך אויפֿן בענקל, שיִר ניט איבערגעקערט דעם טיש. — דו האָסט זי פֿון מיר באַהאַלטן, כיטראַק, נאָר איך וועל זי אַלצײַנס געפֿינען. לעסיע מוז זײַן מײַנע, אָדער זי וועט גיין צום קאָמענדאַנט! ער וועט זי אַ גלעט טאָן איבערן קעפּעלע, וועסטו מער קיין טאָכטער ניט האָבן...

סטעפֿאַן האָט שיקער, כליפּענדיק געגומען לאַכן. ער האָט געזאָגט שטיל, ווי ער זאָל אײַנרוימען מאַטיאַשן אַ סאָד:

— מיינסט, איך ווייס ניט, קוזמאַ, אַז זי גייט שוין אום, לעסיע, מיט אַ בײַכל?.. איך האָב געזען, אַ פֿײַן בײַכעלע. ווו האָט זי עס אָפּגעשפּאַרט אַ בײַסטרוקל? נאָר מיילע, לאָמיר אויס־טרינקען פֿאַר לעסיען. זי וועט קומען צו מיר מיטן בײַכל, כאַפּט זי דער טײַוול! איך וועל זי ראַטעווען פֿון אַ ביזאיען... נאָר זאָג איר, אַז זי וועט זײַן מײַנע, זאָל זי מיט קיין אַנדערן ניט שפּאַצירן און ניט שפּרינגען אין דער הרעטשקע... איך האָב, עמעס, געמיינט, אַז דו האָסט אַ טאָכטער אַ לײַטישע, נאָר אַנומלטן האָב איך זיך גוט צוגעקוקט. אַ, איך, אַז איך טו אַ קוק... רוף זי, נו, קוזמאַ, זאָל זי פֿון זיך ניט פֿראַווען קיין לײַטיש מיידעלע...

— היי, דו, הונט, איך פֿאַרווער דיר אַזוי ריידן וועגן מײַן טאָכטער! — קוזמאַ האָט אינ־גאַנצן געבערענט. — וואָן פֿון מײַן שטוב, הינטישע נעשאַמע!

סטעפֿאַן האָט זיך אויפֿגעהויבן, און, קוים האַלטנדיק זיך אויף די פֿיס, אויסגעשיפּעט:

— וואָס האָסטו געזאָגט? מיט וועמען רעדסטו אַזוי? איך בין באַלעבאָס איבער דיר, און דו שרײַסט מיר „הונט"?! אָט וועל איך דיר באַלד ווײַזן, וואָס פֿאַר אַ הונט איך בין! אָט באַלד...

סטעפֿאַן האָט געוואָלט נעמען זײַן ביקס, נאָר קוזמאַ מאַטיאַש, ניט וויסנדיק, ווי האָט זיך צו אים גענומען אַזאַ גוווּרע, האָט אַ כאַפּ געטאָן דעם פּאָליצײַ פֿאַר די לאַצן, אָפּגעשלײַדערט אים צום אויוון. סטעפֿאַן האָט זיך אויסגעצויגן איבערן דיל. קוזמאַ האָט זיך אָנגעוואָלגערט אויף אים, אײַנגעקלאַמערט זיך מיט ביידע הענט אין זײַן האַלדז...

קסעניע איז אַ דערשראָקענע אַרײַנגעקומען אין צימער און דערזען דעם פּאָליצײַ אַ טויטן אויפֿן דיל.

— קוזמאַ, וואָס האָסטו געטאָן?

קוזמאַ האָט ניט געענטפֿערט, ער האָט שווער געאָטעמט.

— וואָס האָסטו געטאָן, קוזמאַ? — האָט ווידער אויסגעשריִען קסעניע.

— אַ הונט קומט אַ הינטישער טויט!

קסעניע האָט געבראָכן די פֿינגער.

— מײַן גאָט, וואָס זשע וועט איצט זײַן? מיר זײַנען דאָך פֿאַרפֿאַלן!

קוזמאַ האָט זיך שווער אַראָפּגעלאָזט אויפֿן בענקל, אָנגעשפּאַרט דעם מידן קאָפּ אין דער האַנט און געקוקט אין דער שוואַרצער ראַם פֿונעם פֿענצטער.

דער גאַנצער אַרום איז געווען אײַנגעהילט אין טיפֿן שלאָף. דער ווינט אין דרויסן האָט גע־ריסן שטיקער פֿון די שטרויענע סטריכעס, פֿון דיביימער.

...מיט זײַטיקע סטעזשקעס האָבן קוזמאַ און קסעניע אוועקגעטראָגן דעם פּאָליצײַ, זײַן ביקס, דאָס קוישל מיט די ליידיקע און האַלבליידיקע פֿלעשער צום דניעסטער. אַראָפּגעשלעפּט פֿון אים די קליידער, האָט מען אַלץ צונויפֿגעלייגט אויף אַ שטיין באַם סאַמע ברעג און דעם דערוואָרגענעם אַרײַנגעשלײַדערט אין טײַך.

■

גאַנצפֿרי, ווען עטלעכע פֿאַסטעכלעך זײַנען געקומען פּאַיען די טשערעדע, האָבן זיי געטראָפֿן אויפֿן ברעג אַ ביקס, קליידער, פֿלעשער, און זיך דערשראָקן.

ניט אַנדערש, ווי עמעצער פון די פּאָליצייען האָט זיך דאָ אַנגעזשליאָקעט, ווי א לאָשעק, געוואָלט זיך אויסבאָדן און דערטרונקען געוואָרן.

די בסורע האָט מען אָפּגעטראָגן טאַראַס מאָרגונען.

דער סטאַראָסטע האָט גענומען סטעפּאַנס בײדע געהילפן, און מע האָט זיך אַוועקגעלאָזט צום ברעג א קוק טאָן, ווער איז דער דערטרונקענער, עפּשער איז דאָס סטעפּאַן טשוריי, וואָס האָט ערגעץ געהוליעט די גאַנצע נאַכט און איז ניט געקומען אַהיים?

אַזוי ווי מע איז געווען דערבײַ!

מע האָט גלײַך דערקענט דעם גרינעם קאַפּעליוש, די כראָמאָווע שטיוול, דאָס אָנטאָן טשורייס.

קריכן אין קאַלטן וואַסער זוכן דעם דערטרונקענעם האָט קײנער קיין כײשעק ניט געהאַט. אין עטלעכע טעג אַרום וועט ער אַלײן אַרופשווימען, ערגעץ וועט עס אים אַרויסוואַרפן אַפן ברעג, וועט מען אים באַגראָבן, מיט אַלע קאָוועדן, ווי עס פּאַרדינט א פּאָליציי...

טאַראַס מאָרגון האָט א טראַכט געטאָן, אַז די היגע כעוורע האָבן גאַנץ אײדל דורכגעפירט דאָס שטיקל אַרבעט.

דאָ, אַפן אָרט, האָט טאַראַס מאָרגון גענומען א בײגעלע פּאַפּיר, און אינדרײַען האָט מען צונויפגעשטעלט אַן אַקט, אַז דעם און דעם טאָג פון דעם און דעם יאָר האָט דער עלטסטער פּאָליציי פון לוקאַשיווקע סטעפּאַן טשוריי, זײַענדיק שטאַרק שיקער, זיך געבאָדן אין דניעסטער און דערטרונקען געוואָרן. אַפן ברעג האָט מען געפונען זײַן ביקס, דאָס אָנטאָן, א פּאָר שטיוול, א גרינעם קאַפּעליוש און עטלעכע פלעשער פון סאַמאָהאָן. דאָס אַלץ באַשטעטיקן מיט זײערע כסימעס און מיטן שטעמפּל פון דער דאָרפישער אופּראַווע די דרײַ אויבן אָנגעוויזענע...

די בסורע, אַז מע האָט אָנגעוואָרן אַזא „ליכטיקע פּערזענלעכקײַט", איז בליצשנעל באַוווסט געוואָרן אין לוקאַשיווקע און אינעם ייִשעוו.

מענאַשע באָנדער האָט געזאָגט:

— נו, קינדער, זעט אויס, אַז ס'איז דאָ א שטיקל גאָט אַף דער וועלט, אויב מיר זײַנען פּאַטער געוואָרן פון אַזא צירונג!

— האַלעווײַ וואָלטן זײ שוין אַלע דערטרונקען געוואָרן! — האָט זיך אָנגערופן רײזל די פּאָטשט.

סימכע קושניר האָט אויסגעהערט די גוטע בסורע, אַרײַנגעטראַכט זיך און געזאָגט:

— אַלפּי־סײכל איז דער פײגער געפײגערט ניט מיט זײַן טויט. עמעצער האָט אים געהאָלפן זיך גיכער אַריבערפּעקלען אַף יענער־וועלט!..

— איר הערט, שכײנים, — האָט געזאָגט דאַנילאָ סאַווטשוק, — כאָטש איך בין שוין לאַנג ניט געווען אין קלויסטער, נאָר איך וועל זונטיק גײן אַהין אַוועקשטעלן א ליכטל... ווער־ווער, נאָר סטעפּאַן טשוריי האָט עס ערלעך פאַרדינט!..

אויסגעהערט די נײַעס, האָט שאַמע דער מעשוגענער אויסגעשריגן אַזוי, ווי ער האָט שוין לאַנג ניט געשריגן:

— ראַבויסײַ, כײַ היטלער! א סאָף זאָל ער האָבן אַזא, ווי סטיאָפּקע טשוריי!

(סאָף קומט)

שטילע ווערטער

◇ ◇ ◇

מיר ווילט זיך שטענדיק: אַלץ זאָל גיין קעשורע,
און ווײַס זאָל בלײַבן ווײַס, ווי פינצטער —
שווארץ.
אף דעם באשטייט מײַן ניט בארויִקט הארץ,
וואָס טרײַבט דאָס בלוט אין יעדער
נײַער שורע.

כ׳האָב קיינמאָל ניט געשריִען אף א קאָל,
און מיך,
קאָן זײַן,
די וועלט וועט ניט דערהערן.
עס מאכט ניט אויס: איך גלייב, מע וועט אמאָל
מיט שטילע ווערטער זיך אין טרײַשאפט שווערן.

◇ ◇ ◇

די ערשטע שורע טאָמיד קומט אָן שווער,
דאָס ערשטע וואָרט איז, ווי א מילשטיין, וואָגיק:
דו קײַקלסט אים אין ליד,
און ער זיך ווערט —
און לייגט זיך פּאָפּערעק.
דאָס ליכט פּאַרטאָגיקס
ווייסט גוט מײַנע יעסורים אין דעם פּראַט.
נאָר אָט־אָ זעט: א שנירעלע פון אויסיעס —
א דינס, א גרינגס — צעשפּאַלט דעם ווײַסן בלאַט,
ווי גראָז אין ווינט, זיי הייבן אָן צו רוישן, —

און ס׳ציטערט אוף דאָס בייגעלע פּאַפּיר,
מיט אומגעדולד נעמט שטעכן מײַנע פינגער:
„נו, ווײַטער וואָס?"
— דו פרעג מיך עטוואָס גרינגערס, —
איך ענטפער אָפּ. —
נאָר עפּעס שוין פּאַסירט:
די וועלט זיך טוט א טוליע צו מײַן אקסל,
מיט לייד און פרייד דעם דימיען מיר צעגליט,
און יענץ, דאָס ערשטע וואָרט, דער דולער אקשן,
אליין זוכט אָפּ דעם אָנהייב פונעם ליד.

◇ ◇ ◇

אָט יענע — די שטומע, די שטילע,
די פּראָסטע, פארשווארצטע פון מי —
זיי האָבן געוואלגערט באסטיליעס
און שווערדן אָן פּאכעד געשמידט.
פאר זיי איז געוועזן ניט וויכטיק
די נעמען פארקריצן אף שטיין.

נאָר דער,
וועלכער שאפט
די געשיכטע,
וועט זיי,
אומבאוווסטע,
פארשטיין.

◇ ◇ ◇

פון פאָרנט, פון הינטן, פון אלע פיר זײַטן
באלאגערט מיך שטילקײַט פון יוניקער נאכט,
און רייכעס,
ווי רוכעס,
אף ווינטעלעך רײַטן,
און גראָזן באפײַכטע זיך וויגן פארטראכט.
און איך טו אלץ בלאָנקען אף שטעגן
אף יענע,
וואָס האָבן פון יוגנט אין עלטער געפירט
אין יאָר איין און פערציק.

צעפּראלט כ׳האָב די טיר
פון אייגענעם הויז — און ארײַן כ׳בין אין
גענעם...
א לעבן אדורך —
און די שטילקײַט, זי וווּנדערט
מיט שארפקײַט דער זעלבער, ווי דעמלט,
אמאָל.
אין יוניקער נאכט טוען שרײַען די ווונדן,
דאָס הארץ זיך צעוויינט אף א קאָל.

◇ ◇ ◇

מיר וועלן ניט ווערן —
ווער פריִער, ווער שפּעטער —
אין שלאָף אין א שווערן,
וואָס פּלוצעם באַפאַלט.
אזוי טוט א וויכער אין הארבסטיקן וואלד
פארשלעפּן מיט האסט — מיט איין בלאָז —
אלע בלעטער.

איז לאָמיר זשע בענטשן די צווײַגן די שטײַפע,
וואָס שנײַדן ארײַן זיך דעם וויכער אין ברוסט
און, פרילינג ווען ס׳קומט,
מיט ניט מענטשלעכער גלוסט
באקרוינען מיט בלעטער זיך —
יונגע און רײַפע.

◇ ◇ ◇

איך האָב אײַך ליב, די שורעלעך די צוויי.
גלײַך ווי א שליטוועגס אינעם טיפן שניי,
איר ציט זיך איבער ווײַסקײַט פון פּאפּיר,
און, ערלעכע,
מיט גראדן עמעס פירט
אין ווײַט פון אויגנבליק. און אויך צוריק,
ווען ס׳טרעפט, א וואָרט א הייליקס מיך באגליקט.

איך האָב אײַך ליב, די שורעלעך די צוויי.
ווי ברעגן, איר פארשליסט אין זיך דעם וויי,
ווען גאָר מײַן לעבן א פארפלייצונג דראָ׳ט.
צוויי שורעלעך — צוויי פליגל איבער דראָט
פון די אָסוועגצימס,
צווייענדיקער בלענד
פון דײַנע דינע שעמעוודיקע הענט...

◇ ◇ ◇

אָט אזוי — און ניט אנדערש —
גייט דאָס לעבן פארבײַ
אין זײַן אייביקן וואנדער,
אין זײַן אײַליקער בײַט.

כ׳וואָלט אײַך יאָגן־דעריאָגן —
א ראכמאָנעס די פערד:
שווער געלאָדן דער וואָגן
און ניט גלאט איז די ערד...

◇ ◇ ◇

און כאָטש ס׳איז שווער דער מורעשקע א
שטרוי —
איר אָל איז גרינג.
איך ווייס גענוי, אף זיכער.
ס׳איז דער פרימאָרגן הײַנט נאָך יונג און רוי,
דאָס גראָז — נאָך ניט בארויִקט נאָכן וויכער.
דעם פרישן העזעק ציילט א יעדער בוים,
באזעצט מיט פייגלס הונגעריקע טשאטעס.
די מורעשקע — אין גרינס מע זעט זי קוים —
איר פעקל זאָרג אף זיך זי שלעפּט
פארמאטערט.

א זעמדעלע א קליינס ארומגעקרײַזט,
אדורכגעשלײַכט צעווישן זאנגען־זײַלן,
א טראָפּן וואסער דורכגעשפּרײַזט מיט פלײַס,
און שטעלט זיך פיס — ווי זי וואָלט גאָרניט
אײַלן.
און כאָטש ס׳איז שווער דער מורעשקע א
שטרוי —
איר אָל איז גרינג.
איך ווייס גענוי, אף זיכער.
ווי וואָגיק איז אמאָל א מינץ, א שרויט
אינעם פארגלײַך מיט מענטשס
געזאלבטן יִיכעס.

◇ ◇ ◇

כ׳האָב פינקטלעך אָפּגעוויגן —
אף האלב: וואָס עכט, וואָס פאלש,
נאָר ער, דער רעגנבויגן,
פון אקסל מײַנעם פאלט.

א מאָדנער קאָראָמיסל —
אים גלײַכגעוויכט איז קנאפּ,
אין אים זיך פארבן מישן,
דורך אים — זיך פרישקײַט צאפּט.

אין אים די שײַן זיך מינעט,
און פינצטערניש דערברענט,
און טאָג זיך טוט געפינען
אף נאכטס פארבענקטע הענט:

א בונטער שלאָל פּאָעזיע
אריבער ערד —
איר זעט!
אריבער קליינעם וועזן
פון איינעם
א פּאָעט.

דער פּרי אין גלאָק פון שטילקייט שלאָגט.
און זון מיט בלוי זיך מישן אײַליק,
און ווידער בא דער ערד מײַן שײַלע
איך פרעג:
„ווער בין איך דיר? נו זאָג!"

אף דיר געמאָזלט און געפּאַקט,
מיט בלוט אין טיף דײַנער פאַרוונען,
מיט לײַב פאַרשטעלט פון הימלס דונער...
דער פּרי אין גלאָק פון שטילקייט שלאָגט.

כ'האָב דיך מיט קערנער ניט פאַרזייט,
דערפאַר מיט טרערן פײַן באַגאָסן
(ווען פעלן פלעגט דיר פרישע ראָסע) —
זאָלסט אָטעמען געזונטערהייט.

ביז מינדסטן וואָרט כ'האָב דיר דערזאָגט,
ווי ליב איז מיר דײַן יעדעס גרעזל,
דײַן יעדעס זעמדל, יעדער וועזן...
דער פּרי אין גלאָק פון שטילקייט שלאָגט.

הערסט: בא דער אייביקייט איך שווער,
בא אַלע גווירלדיקע שוועלן,
דעם שפּאַן דעם לעצטן וויל איך שטעלן
אף דיר, מײַן אומרויִקע ערד!

דער פּרי אין גלאָק פון שטילקייט שלאָגט,
ס'רינט זון און בלוי אף מײַנע וויִעס,
די ערד צעשפּרייט פאַר מיר איר כּיִעס:
„גוטמאָרגן, מענטש!
זײַ גליקלעך, טאָג!"

די ביימער, פונקט ווי זינדיקע מאַלאָכים,
זיי שטייען שטיל היינט, רוישן ניט
אָן זין,
דערפאַר די זיסע רויבערן, די בין,
זי זשומעט הויך —
און פראַוועט איר מעלאָכע.
גיי האָב אף איר פאַרדראָס!
אזא איר מי איז!

און דיך —
דיך פײַניקט שטום א יעדעס וואָרט,
דו ברעכסט דעם קאָפּ, ווען ס'ווערט פון וואָרט
א קוואַרט,
און גאַליק בײַסט די ליפּ, און קרימסט זיך מיִעס,
אין צאָרן ביטערן נעמסט צוקן זיך די אַרבל...
— — — — — — — — — — — — — — —
נאָר דיר איז אויכעט זיס דײַן שווערע אַרבעט!

שטיי אוף: די וועלט האָט זיך געביטן.
אף שניי, אין שפּורן־שניט פון שליטן,

א וואַסערל א שוואַרצס זיך שלײַכט,
גלײַך ווי אן אָנהייב פון א טײַך.

און כ'זע שוין זוניקע געמעלן
אף ווײַסע קאַמען פון די וועלן,

אף בלויען אומרו פונעם פלוס, —
ער פאַלט דעם יאַם אף בלויזער ברוסט.
און כ'פיל שוין, ווי אין טיף זיך פורעמט,
אין יאַם־געמיש, דער ווילדער שטורעם,
וואָס וועט א שלאָג טאָן אינעם ברעג....
— — — — — — — — — — — — — — —
א דאַנק!
ער האָט דיך אופגעוועקט.

דיר געפעלט צי ניט געפעלט
(כ'מיין: ס'איז ניט געפערלעך) —
צו דער צײַט א בלאַט פאַרגעלט
טרויעריק און ערלעך.

ערשט, געדענקסט, געוועזן נאָך גרין,
פריש —
ביז גלאַנץ —
געשײַערט,

איצט ער ליגט אין גראָז פאַרשפּינט —
אויסגעלאָשן פײַער.

אָט אזוי די וועלט זיך פירט
שטרענג און אָן כאַלאַשעס:
ווילסט געפינען — פרײ'ר
פאַרליר,
ווי דער בוים אין אָסיען.

שיפרע כאַלאַדענקאַ *

כאוע

דו האָסט מיר צוגעשיקט א קלייד,
עס איז מיר טײַערער פון אלע,
עס איז מיט דײַנע הענט גענייט,
מײַן טײַערע, געטרײַע כאווע.

אין אונדזער גרויסער מאָסקווער קראָם
פאראַן פיל זעלטענע מאַלבושים,
נאָר ס׳האָט דײַן קלייד געבראַכט דער שטראָם,
וואָס טיף באַרירט האָט מײַנע כושים.

מיר זײַנען אלע פאַר דיר קליין,
מיר ווערן קיינמאָל גאָרניט גרעסער,
דו ביסט די שענסטע אין דער היים,
און פון די בעסטע ביסטו בעסער.

אין אונדזער גרויסן הויזגעזינד
ביסט הײַנט, מײַן פרײַנט, די עלטסטע שוועסטער,
דו האָסט געכאָוועט ניט איין קינד,
געשלעפּט אַף זיך דעם יאָך דעם שווערסטן.

געקעכלט אונדז, באַנייט, געהיילט,
די שטוב געשמירט, דאָס גרעט געוואַשן,
מיט ברייטער האַנט פאַר אונדז געטיילט
די הירזשענע געשמאַקע קאַשע.

דו ביסט געטרײַ געווען ביז גאָר
און שטענדיק אָפּגעגעבן קאָוועד
דעם עלטסטן צווישן אונדז, דעם בכאָר,
דעם ברודער און דעם דיכטער דאָוויד.

געטיילט מיט אים זײַן צאַר, זײַן בראָך,
ווען ס׳איז זײַן ערשטע פרוי געשטאָרבן,
געשלעפּט אַף זיך דעם שווערן יאָך
אַף די יעסוימים צו באַזאָרגן.

ס׳האָט כאווע שפּעט געבויט איר נעסט
און אַן אַלמאָנע גיך געבליבן,
צוויי קליינע טעכטערלעך אַף קעסט
געלאָזט האָט איר דער מאַן דער ליבער.

צעשטערט אַף אייביק כאוועס גליק,
און שטילערהייט זי שלינגט די טרערן,
דער מאַן געפאַלן בייסן קריג
אין קאַמף אין הייליקן אין שווערן.

און ניט דערפרעגט זיך בא דער וועלט,
פאַרוואָס דער קלאַפּ האָט זי געטראָפן,
די טעכטער אַף די פיס געשטעלט
(דאָס ראַטנלאַנד האָט איר געהאָלפן).

און הויכע בילדונג האָבן זיי,
דאָקטוירים זײַנען זיי געוואָרן,
און שפּאָגל־נײַע קינדער צוויי
דער באָבען אַף דער וועלט געבאָרן.

און יעדער טאָכטער איז זי גרייט
אַי צוהעלפן, אַי פּאַשעטע העלפן,
פאַר גרויס געדולע, גרויסער פרייד
קוים־קוים אימשטאַנד די פיס צו שלעפּן.

און כאָטש זי האָט שוין איצט איר היים
און האָט שוין אייניקלעך אפילע,
זי איז איר מאַמעס היים — האָפּשטיין
אין ביידע פּאַלעס גרייט פאַרהילן.

און ווי איך ווער ניט אַלט און גרוי,
נאָר כאווע ווייסט ניט פון קיין זאַכן,
זי קוקט ביז הײַנט אַף מיר אַזוי,
גלײַך כ׳נייטיק זיך אין איר באַוואַכונג.

עס ווערט איר האַרץ מיט פרייד פאַרפלייצט,
ווען ס׳טרעפט אַמאָל — איך קום צו פאָרן,
דער טיש איז יאָמטעוודיק פאַרשפּרייט,
ס׳איז אַלץ פאַרגרייט, ס׳איז אַלץ באַוואָרנט.

מײַן כאווע טופּעט אויף־און־אָפּ,
פאַר פרייד איר פּאָנעם איז פאַרויטלט,
זי טראָגט א טעפּל נאָך א טאָפּ,
זי רײַבט, זי זאַלצט, זי שמירט, זי בויטעט.

זי בעט מיך, ווײַל איך בין פון וועג,
פאַרזוכן כאָטש פון יעדער עפּל,
און מיטאַמאָל זי טוט א פרעג:
„דו דאַרפסט ניט צונייען א קנעפּל?״

און מיטאַמאָל זי טוט א זאָג:
„ווערסט מײַנע קינדער ניט דערציילן,
פאַר דאָווידס קינדערלעך איך זאָרג,
כ׳בין גרייט מײַן ביסן מיט זיי טיילן״.

„איך בעט דיך, כאווע, רעד ניט מער,
איך בעט דיך, טו א טראכט א ביסל,
א דאָקטאָר און אן אינזשעניער[1] —
זיי ווארטן נאָר אף דײַנס א ביסן?"

„איך בין ניט נארישער פון דיר,
דו ווייסט, ס'איז הילעל שוין א זיידע.
די קינדער זאָלן זײַן בא מיר,
געווען וואָלט בעסער פאר זייביידן".

ניטאָ קיין צאדיק אף דער וועלט,
אז קיינער זאָל אים ניט בארעדן.
צי פראָסט און פּאָשעט, צי פארשטעלט,
נאָר כאווע שוינט און אכטעט יעדן.

איין ווײַבעלע מיט נײַן מאָס רייד,
זי דולט, פארדולט, זי דרייט א ספּאָדעק:
אלטמאָדיש כאווע איז געקליידט,
מע דארף זיך קליידן לויט דער מאָדע.

די צווייטע טוט אמאָל א שפּעט:
ס'איז ניט פארפולקומט כאוועס בילדונג.
די דריטע אין די אויגן גלעט,
נאָר גרייט איז אויסטראכטן א בילבל.

און ס'טרעפט זיך אין א שיינעם טאָג,
כ'וויל כאווען עפענען די אויגן,
זי טוט א שמייכל, טוט א זאָג:
„ס'איז ניט געשטויגן, ניט געפלויגן.

און אויב דו ביסט שוין יאָ גערעכט,
טאָ זײַ דו בעסער, זײַ דו שענער,
ס'איז גרינג דערזען אף יענעם שלעכטס,
נאָר שווער איז בעסער זײַן פון יענעם".

אָ, ליבע כאווניו, מײַן פרײַנט,
מיר זײַנען אלע פאר דיר קינדער,
דו שפּינסט די פעדעם, וואָס ביז הײַנט
מײַן גרויסע פרייד און לייד זיי בינדן.

און אלץ, וואָס צויבערט מיך אף דר'ערד,
וואָס וואַרעמט מיך אונטער די שטערן,
צו דיר געהערט האָט און געהער —
ווי ווײַט כ'וועל לעבן וועט געהערן.

[1] ד. האָפּשטיינס זין שאמײַ און הילעל. איינער איז אן אינזשעניער־הידראָלאָג, דער צווייטער — א דאָקטאָר פון געאָלאָגישע וויסנשאפטן.

כראָניק

ווערק פון א באגאבטן קינסטלער

ניט לאנג צוריק האָט די פארוואלטונג פון דער לוואָווער אָפּטיילונג פונעם פארבאנד פון די קינסטלער פון אוקראַיִנע, צוזאמען מיטן אָרטיקן מוזיי פון דער אוקראַיִנישער קונסט, ארויסגעגעבן א קאטאלאָגישן פּראָספּעקט פון די ווערק פון שימען גרוזבערג. זײַן פּערזענלעכע אויסשטעלונג איז באוויזן געוואָרן אין לוואָוו און אויך אין קאמענעץ־פּאָדאָלסק, ווו דער קינסטלער איז געבוירן געוואָרן.

אויסער דעם קינסטלערס פּילצאָליקע גראפישע און מאָלערישע שאפונגען, זײַנען אויך דעמאָנסטרירט געוואָרן פארשיידענע פּעריאָדישע אויסגאבעס, אין וועלכע עס זײַנען רעפּראָדוצירט ש. גרוזבערגס ארבעטן, צווישן זיי עטלעכע עקזעמפּליארן פונעם זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד".

אינעם פּראָספּעקט זײַנען אויסגערעכנט דעם קינסטלערס 129 ווערק: פּאָרטרעטן פון ארבעטס־מענטשן, קולטור־טוער, שרײַבער, ארטיסטן, ווי אויך פּייזאזשן און פּראָנט־צייכענונגען.

פאר זײַנע פארדינסטן אין דער אנטוויקלונג פון דער סאָוועטישער קולטור און קונסט איז שימען גרוזבערג באלוינט געוואָרן מיט אן ערן־גראמאָטע פונעם פּרעזידיום פונעם אויבער־סאָוועט פון דער אוקראַיִנישער סאָוועטן־רעפּובליק.

א בריוו אין רעדאקציע

ליבע פרײַנט!

פון אײַער זשורנאל האָב איך זיך דערוווּסט וועגן דעם טויט פון מײַן פרײַנט נאטאן אלטמאן. איך וויל אויסדריקן מײַן גרויסן טרויער. אלטמאן איז געווען איינער פון די שיינע יידישע קינסטלער אין דער צײַט פונעם אופבלי פון יידישער פּאָעזיע, טעאטער און פלאסטישער קונסט.

איך שיק איבער אלטמאנס פאמיליע און אײַך אלעמען מײַנע הארציקע גרוסן.

איבערגעגעבענער

מארק שאגאל.

סען פּאָל דע וואנס

פראנקרײַך. 9 מארט 1971.

פרײַלעכע שורעס

יאשע רוביאן

שאלאפּי

ס'איז אָסיען־צײַט, הארבסט, ס'ווערט פרי נאכט. טאָג און נאכט כליופּעט א רעגן. א נידעריקע ריִע איז בא מיר, טיאָפּקע איך אין דער ליוזער בלאָטע. פון רעגנמאנטל קאַפּעט, די ברילן שוויצן, און גאָר ניט ווײַט פון שטוב האָט עפּעס זיך גענומען פּלאָנטערן פאר די פיס. איך האָב זיך אָנגעבויגן און אופגעהויבן א פּיצינק הויף־הינטעלע. דאָס באשעפעניש איז געווען נאס און האָט געציטערט פון קעלט. איך האָב דאָס קעלעוול ארונטערגענומען אונטערן רעגנמאנטל און געבראכט אהיים. ציפּע איז אָנגעפאלן אף מיר און געמאכט מיך אויסצודרייען. איך האָב אָנגענומען א מויל וואסער און געשוויגן. ציפּע האָט א טעווע צו כאלעשן, דעריבער לאָז איך אראָפּ טיף אין קעשענע אלע אירע גוואלדן. זיך אָנגעשריגן, האָט זי גענומען א בלעכן שיסעלע, אָנגעבראָקט ווייך ברויט, אָנגעגאָסן מילך און א טוצע געטאָן דאָס מײַכל אונטערן בעט: „נא, פרעס! אף דער עלטער א נאכעס דערלעבט, א זאקעציע אין שטוב". דאָס נעפּעשל האָט ארײַנגע־רוקט די מאָרדע אין שיסעלע, און גענומען כליעפּטשען אף וואָס די וועלט שטייט.

ס'איז אוועק א צײַט, און שאלאפּי (דאָס האָב איך אים אזא נאָמען געגעבן) איז געוואָרן היימיש, אפילע צו היימיש. גענומען ניט נאָר טרײַבן קאַ־טאָוועס מיט אונדז, נאָר טאָן אף צולאָכעס, אָפּטאָן שפּיצלעך, קריכן אין די ביינער, געוואָרן א שאָדן־ווינקל. ווו מע פארזייט אים ניט, דאָרט וואקסט ער אויס. ציפּע שרײַט, מאכט קוילעס, און שאַ־לאפּי טוט זיך זײַנס. ער הריזשעט דעם בעזעם, פארטראָגט מײַנעם א שוך אונטערן בעט, פאר־שלעפּט ציפּעס זאָקן, קערט איבער א שיסל וואַ־סער, וואָס ציפּע האָט אָנגעגרייט אף שווענקען דאָס גרעט, ער צעשיט די קארטאָפל איבער דער גאנצער קיך, קוקט ארײַן אין די טעפּ, לעקט די ניט־געוואשענע טעלער, לויפט נאָך דער קאץ, האווקעט און גוואלדעוועט. האקלאל, ציפּע איז אויסער זיך. א ווײַב איז א ווײַב. אז זי זאָגט ניט, איז ניט. ס'האָט שוין געהאלטן באם ארויסווארפן שאלאפּין, האָט ער אָבער דערשמעקט, דער מאַ־זיק, אז ס'האלט שמאָל, און זיך טייקעף געביטן, ער פאָלגט א גאנג, לאשטשעט זיך, לעקט די שיך, דערלאנגט ציפּקען די האנטשערקע, דעם בעזעם, טראָגט איר די אוואָסקע אין קלייט ארײַן, מיר ברענגט ער אנטקעגן די שטעקשיך, היט אָפּ דאָס פליישׁ, די קאץ זאָל עס ניט כאפּן. ער וואָלט זיך אזוי אויסגעלעבט זײַן ביסל יאָרן, ווען מיט אים זאָל ניט געווען טרעפן קיין גרויסער אומגליק. הערט א געשיכטע.

סראָוו ווײַבער האָבן האנאָע, ווען זיי פּוצן זיך אויס אין נײַע קליידער און שפּאצירן זיך דורך די גאס, דערבײַ הערט מען זיך צו, וואָס מענטשן זאָגן. דעסגלײַכן האָבן זיי ליב, אז אין שטוב בא זיי זאָל זײַן שיין און ריין, אלץ זאָל בלישטשען, ס'זאָל זײַן מיט דער פּאָמפּע. און טאָמער כאָלילע פעלט עפּעס אין שטוב, קערט זיך די וועלט; זיי מאכן לעכער אין קאָפּ. מײַנע איז ניט קיין אויס־נאם — ציפּקע האָט זיך אָנגעזעצט אף מיר, נאָר א „טרעליאזש" זאָל איך איר קויפן (ס'הייסט דרײַ שפּיגלען איניינעם), איז פּונקט ווי אף צולאָכעס, ווי פונעם שטיין — ווען ס'איז דאָ דאָס קערבל, איז ניטאָ וואָס צו קויפן, און פארקערט, ווען דער אָקס איז א גראָשן, איז דער גראָשן ניטאָ. נאָר טעג און כאדאָשים לויפן. די צײַט בײַט זיך. אין די קלייטן איז פאראן פון פויגל־מילך, און אין בײַטעלע זײַנען קיין אײַנהאָרע אויך פאראן די קלינגענדיקע. זײַנען מיר מיט איר אוועק אין בעסטן מעבל־מאגאזין און אויסגעקליבן א טרע־

ליאזש אן אנטיקל, א צאצקע. געפּאקט א מאשין און געבראכט אים אהיים. וואָס זאָל איך אײַך זאָגן, א צירונג אין שטוב! גראָב־געשליפן בעמסקע גלאָז, מיט א פאסקע אף צוויי פינגער די ברייט. סײַ די ראם, סײַ דאָס טישל פּאָלירט אין א צײַטיקער ווײַנשל־פארב.

מײַנע קען זיך גאָרניט אָנלויבן, לעקט די פינגער, טרעט ניט אָפּ פונעם שפּיגל. לייגט זי זיך שלאָפן, קוקט זי אין שפּיגל, שטייט זי אוף — ווידער געקוקט אין שפּיגל. טוט זי זיך אויס — איז פארן שפּיגל, טוט זי זיך אָן — איז אוואדע באם שפּיגל. דעם ערשטן טאָג, ווען מיר האָבן אים געבראכט, איז די גדולה געווען אזוי גרויס, אז מיר זײַנען אוועק צו דער ארבעט און פארגעסן אויסלעשן דעם גאז און פארדרייען די וואסער. א גליק, וואָס איך בין פרי געקומען אהיים, אניט וואָלטן מיר געקענט שיין אָפּשנײַדן — אָדער ס׳וואָלט אויסגעבראָכן א סרייפע, אָדער מיר וואָלטן פארטרונקען געוואָרן. איצטער גיב איך שוין אליין אכטונג אף דער שטוב. יעדן טאָג, ווי נאָר מיר פארמאכן הינטער זיך די טיר, ווערט שאלאפּי דער גאנצער באלעבאָס אין שטוב. ער פארקלײַבט זיך אפן נײַעם פּליושענעם דיוואן, צעלייגט זיך, ווי באם טאטן אין ווײַנגאָרטן.

יענעם טאָג האָט ער אופגעגעסן א קעפל פון א הערינג, אויסגעזופּט די פארפל מיט מילך און פארביסן מיט א מאָזגלע ביין. א ניס געטאָן, א טרייסל געגעבן מיט דער גריווע און ארוף אפן דיוואן, און צום ערשטן מאָל אין לעבן דערזען זײַן צורע אין שפּיגל. א צווייטער הונט: א שווארצער, א נאסע קורנאָסע צעפּלעטשטע נאָז, קײַלעכדיקע שווארצע אויגן, אראָפּהענגענדיקע אויערן און א שיטער בערדל. אין זײַן הינטישן מויעך האָט זיך ניט פּאָטויפּעט, וויִאזוי איז עס ארײַן אהער א פרעמדער. וואָס שאלאפּי טוט, קרימט אים דער פרעמדער איבער. ער גענעצט, טוט יענער דאָס זעלבע, ער ניסט, ניסט יענער אויך. וואָס זאָל דאָס באַטײַטן? די גאל קאָן פּלאצן. ער טראָגט איצט די אכרײַעס פאר דער שטוב און וועט ניט דערלאָזן אזא פרעכע אופירונג פון א פרעמדן. ער האָט טאקע גלײַך זיך א וואָרף געטאָן אפן פרעמדן, געפּלײַסט זיך אים א ביס טאָן. געהאקט מיטן קאָפּ אין גלאָז, געגראבלט מיט די נעגל און געבילט — האוו, האוו, האוו! דער צאָרן און פארדראָס האָט אין אים געזאָטן. האָט ער נאָכאמאָל געלאָזט אין גאנג די נעגל. אָט איז שוין באם פרעמדן צעשפּאָלטן די נאָז, אונטערגעשלאָגן אן אויג, צעדראפּעט אן אויער, זאָל ער וויסן, זאָל ער ניט קריכן אין פרעמדע הײַזער, ווען די באלעבאטים זײַנען ניטאָ. שאלאפּי האָט א מידער זיך אויסגעצויגן אף דער ערד און שווער געעטעמט. נאָר ס׳איז אלץ קעדײַ, זאָלן די באלעבאטים זען, ווי געטרײַ ער היט אָפּ די שטוב.

לויט די טריט דערקענט ער, ווער עס גייט, און

רעפאָעל גאָלדענבערג

מינ׳אטיורן

דאָס אַנקלאַג־בוך פון קראָם

עס איז ריין, קיין וואָרט ניט פארשריבן.
ניטאָ אין דעם קיין סימען פון קיין אָס.
ניט ווײַל די קוינים זײַנען שטארק צופרידן,
נאָר ווײַל עס ליגט אונטער א שלאָס.

זײַנע מעמוארן

איין־איינציק מאָל, ניט ווײַט פון הויז,
האָט דער קאָטער געכאפּט א מויז,
איצט זיצט ער און שרײַבט מעמואַרן —
טיילט זיך מיט זײַן „רײַכער" דערפארונג.

אין וואלד

א דיריזשאָר פון אלע כאָרן
איז דער פּיקהאָלץ אין וואלד געוואָרן.
די קראָ — א סאָליסט,
דער בושעל — א פּיאניסט.
האָט אין איינעם א פרימאָרגן א שטילן
דער סאָלאָוויי א מעלדונג דערלאנגט,
אז לויט זײַן אייגענעם ווילן
זאָל מען אים באפרײַען פון זײַן אמט.

די קוקאווע און דער האָן

אין א מיִעסן פלאגיִאט
איז באשולדיקט דער האָן:
הערט זיך נאָר אײַנעט, —
האָט די קוקאווע געטײַנעט, —
אין זײַן „קו־קו־רע־קו"
איז מײַן „קו־קו" דאָך פאראן.

דאָס קנעפּל

אפן שנײַדער האָט דאָס קנעפּל זיך געקלאָגט
און געזאָגט:
— צוגענייט צו מיר האָט אָט דער שלאק
א פּידזשאק.

וועגן בעזעם

אויב דער שטויב דעם בעזעם ליבט,
איז געוויס די שטוב פארשטויבט,
און דער שטויב האָט טאקע רעכט,
ווײַל דער בעזעם ארבעט שלעכט.

●

באַגעגנט אונדז מיט א פֿריילעכן האַוו־האַוו, און גלײַך טראָגט ער מיר אַנטקעגן די שטעקשיך. ציפּע איז אַרײַן די ערשטע. דערזען דעם צע־קריצטן שפּיגל, איז זי געבליבן שטיין, ווי פֿאַר־שטיינערט. איך האָב פֿאַרלוירן דאָס לשון. מיט איין גאַנג האָב איך א כאַפּ געטאָן שאַלאַפֿין פֿאַר דער גריוווע און אים אַרויסגעשלײַדערט פֿון שטוב. ■

צום ערשטן מאָל נאָך א לאַנגער צײַט איז שאַ־לאַפֿין אויסגעקומען נעבעכיקן אין דרויסן. דער האַרבסט־ווינט האָט געצופּט זײַן פֿעל און דער קאַלטער רעגן האָט אים געוואַשן. איך האָב זיך געדרייט אַפֿן געלעגער און בעשום־אופֿן ניט געקאָנט אײַנשלאָפֿן ווערן. סאָפֿקאָלסאָף האָב איך ניט אויסגעהאַלטן — אַראָפּ פֿון בעט, אָנגע־שטעקט אָף די פֿיס די קאַלאָשן, געכאַפּט דעם שירעם און אַרויס אין גאַס אונטערן רעגן. שטי־לערהייט האָב איך געעפֿנט די קיך־טיר און אַרײַנ־געלאָזט דעם פֿאַרזינדיקטן הונט. איך האָב דאָס אַלץ אָפּגעטאָן אַזוי שטיל, אַז ציפּע זאָל זיך ניט אויפֿכאַפּן פֿון שלאָף. אָבער איך וואָלט געמעגט שווערן, אַז זי האָט אַלץ געהערט, נאָר געמאַכט זיך ניט וויסנדיק.

א זון א דאָקטער

לײַטן כידעשן זיך אָף מײַנע קינדער. גערא־טענע, זאָגן זיי. דער עלטערער, מייער, איז א פּאָדפּאָלקאָווניק און דינט אין מאַגאַדאַן. און אײַזיק דער מיזיניק איז א דאָקטער, ער לעבט מיט מיר. מאָלט אײַך, אַז איך בין גענוג אויסגעריסן געוואָרן, ביז איך האָב זיי געשטעלט אָף די פֿיס.

מײַנער איז געווען א בעלעכער, א מענטש א דימענט. מיך געשאָנעוועט, פֿלעגט אָפּגעבן ביז א קאָפּעקע, נאָר צו די קינדער האָט ער זיך ניט גע־מישט. איך האָב ביידע קינדער אַליין אַרײַנגעגעבן אין שול און אכטונג געגעבן, אַז זיי זאָלן זיך לערנען. האָט טאַקע איינער געענדיקט מיט א גאָלדענער מעדאַל. איך האָב זיך גענוג אָנגעמאַ־טערט, ביז איך האָב אים דערזען אין קיִעווער מעדיצינישן אינסטיטוט, און ווען ער איז שוין געווען אָן פֿינף מינוט א דאָקטער, א דיפּלאָמאַנט, הייסט עס, האָט זיך אָנגעהויבן די שכיטע, און זאָל זיך אײַך דוכטן, אַז פֿון דער סטודענטישער באַנק האָט מען אים אויסגעכאַפּט אַפֿן פֿראָנט און — גלײַך אין פֿײַער אַרײַן.

דער עלטערער, מייער, איז דעמאָלט געווען מיט אונדז. איינמאָל, בעשאַס א לופֿט־אָנפֿאַל זײַנען מיר געלאָפֿן זיך באַהאַלטן. ס'איז געווען באַנאַכט, און דערצו האָט געגאָסן א רעגן, איז זאָל זיך אײַך דוכטן, אַז איך האָב פֿאַרלוירן מײַן עלטערן זון. איך בין הייזעריק געוואָרן צו שרײַען „מייער! מייער!" ווי, האָב איך געקלאָגט, אײַנגעלייגט די וועלט. ערשט אין 1947 יאָר, ווען מ'האָט שוין באַוויזנט אַלע טויטע, קומט מיר פּלוצעם אָן געלט, און נאָך א סאַך דערצו, האָב איך טאַקע פֿאַר פֿרייד דרײַ מאָל געכאַלעשט, מ'האָט מיך קוים אָפּגעמינטערט.

מײַן ייִנגערער, אײַזיקל, איז געראָטן אין טאַטן — מײַנער, קיווע, איז אויך געווען א שווײַ־גער. האָט מיר אײַזיק דערציילט, וויאַזוי ער האָט מענטשן געשלעפּט פֿונעם פֿײַער און זיי געראַטע־וועט דאָס לעבן. קענט איר שוין פֿאַרשטיין, אַז דאָרט איז געווען פֿריילעך — בלוט האָט זיך געגאָסן, ווי וואַסער.

איר האָט אַמאָל געהערט וועגן א שטאָט קאַ־לאַטש? אָט פֿאַר דער שטאָט קאַלאַטש איז געראָ־נען בלוט, ווי וואַסער, און מענטשן זײַנען געפֿאַלן, ווי שטרוי. זאָל זיך אײַך דוכטן, אַז איך זיץ אין סאַמאַרקאַנד און פֿאַריכט מיר די זאָקן און ווינד. פּלוצעם, מע קלאַפּט אין טיר. ווער איז? — פֿרעג איך. א סאָלדאַט אָף צוויי קוליעס אָן א פֿוס. און ער גיט מיר איבער א לעבעדיקן גרוס פֿון מײַן קינד.

דעם זעלבן טאָג האָב איך צונויפֿגענומען א פּאָר רובל, אַרופֿגעוואָרפֿן די שאַל אַפֿן קאָפּ, איבער־געלאָזט האָקל־באַקל, א שפּײַ געטאָן אָף די בעבע־כעס און אַוועק צו דער וואָלגע, צו קאַלאַטש, ווו מײַן אײַזיק שלאָגט זיך. איר פֿאַרשטייט מיסטאָם, אַז מ'האָט מיך אַפֿילע נאָענט ניט צוגעלאָזט. קיין צוגן גייען ניט, סאָלדאַטן, ווי שטערן אין הימל. טאָג און נאַכט דונערן די האַרמאַטן, די ערד ברענט און דער הימל איז שוואַרץ פֿון דעם רויך און פֿון אַעראָפּלאַנען. יאָ, טראַכט איך מיר, דער דאָזיקער געהענעם איז טאַקע אָנגעמאָסטן פֿאַר מײַן אײַזיקן, ניטאָ וואָס צו זאָגן. זאָל זיך אײַך דוכטן, אַז איך האָב זיך דערשלאָגן צום העכסטן נאַטשאַלניק, ווײַזט אויס צום גענעראַל אַליין, און בין אַרויס מיט א געוויין, אַז מ'האָט מיך קוים אײַנגעשטילט. דרײַ מאָל האָט מען מיר געגעבן טרינקען וואַסער פֿון א קאָטיעלאָק. ווען דער גע־נעראַל האָט מיך אויסגעהערט, האָט ער אַראָפּגע־לאָזט דעם קאָפּ און געהייסן זײַן אַדיוטאַנט דער־ווייסן זיך, אין וועלכן טייל מײַן אײַזיק דינט. ס'האָט ניט געדויערט קיין האַלבע שאָ, ווי מײַן זון האָט זיך געטאָן א שטעל אַרײַן, א קלאַפּ געגעבן מיט די אָפּצאַסן, זיך אויסגעצויגן, ווי א ווירע, און אָפּגעגעבן א ראַפּאָרט דעם גענעראַל. נאָכדעם האָט ער זיך צעקושט מיט מיר, און מיר זײַנען אַוועק אין וואַלד. אָט אָ־דאָ, זאָל זיך אײַך דוכטן,

האָט ער מיר אוועקגעגעבן א כיילעק, אויסגעזידלט מיך און מיר באַפוילן טייקעף זיך פאַרנעמען אהיים. בין איך מינאסטאם ארויס מיט א געוויין. איך שלאָף ניט דורך די נעכט, איך גיי בעטן פאר אים, טרײַבט ער מיך ארויס. איך בין נאָך ניט אף דײַנע קעסט און ניט בא דיר אין שטוב. טרײַבסט מיך ארויס פונעם אינדרויסן!

— מאמע, ס'איז געפערלעך, ס'גייען גרויסע שלאכטן, מענטשן פאַלן, ווי פליגן. דער קאַלאטש גייט איבער פון האנט צו האנט. — און טאקע, זאָל זיך אײַך דוכטן, אז אינדערינען האָט מען געבראכט צו פירן א כאַפּטע געפאַנגענע דײַטשן.

מאמע מײַנע, ווי קומט צו מײַן אײַזיקלען קענען אזוי דײַטשיש?! רעדט ווי א וואסער, פאַרהיקעט זיך ניט. קוקט אף דער קאַרטע, צייכנט עפּעס אָן און רעדט ווײַטער. זאָל זיך אײַך דוכטן, אז איך האָב א קוק געטאָן אף די לײַזיקע היצלעס, איז מיר ניט גוט געוואָרן. אָט אָ־די כניאַקעס ווילן פאַרכאַפּן די וועלט? א קאַדאַכעס אף זיי! אָט אָ־די האָבן אויסגעקוילעט אזויפיל אומשולדיקע יידן? ס'זאָל זיך זיי אָפּשטעלן דאָס הארץ אף איין מעסלעס. טוט נאָר א קוק אפן גרינעם שינעלעכל, אף די פּאַרדאַרטע שיכעלעך! און אפן קאַפּ — א וואַרעניקל, ניט קיין היטל. אַלע טראַגן זיי נאָך דערצו קאָלדרעס אף די קעפּ. זיי קראַצן זיך און ציטערן אזוי ווי אין א קאַדאַכעס. זיי האָבן א פּאָנעם פון כויזעק, עס שלאָגט צום הארצן. יאָ, — טראכט איך מיר, — אָט אָ־די קענען מיר ניט בײַקומען?

— הערסטו, זון מײַנער, — זאָג איך צו מײַן אײַזיקן, — ס'איז א גרויסער אומגליק אף דער וועלט. און מענטשן פאַלן, ווי די פליגן. גיי, מײַן זון, אין שלאכט, שלאָג אָפּ דעם סוינע די לונג, האַק אים אויס די ציין און בראָט אים אויס די אויגן. זאָל ער א צענטן פאַרזאָגן, מיט אונדז זיך אָנצוהייבן. אָט טייקעף גיי איך צום גענעראַל און זאָג אים, אז איך בין א נארישע יידענע... מײַן זון וועט ניט אָפּטרעטן פון זײַנע כאַווירים.

דעם זעלבן טאָג האָט מײַן זון געקראָגן א מאַשין, געגעבן מיר א „סוכאַי פּאַיאָק" — צוקער און קאָנסערוון — און מיך אָפּגעשיקט צוריק קיין סאַמאַרקאַנד.

אוודע האָב איך געבענקט און ווען־ניט־ווען געלאָזט א טרער. צוויי מאָל איז מײַן אײַזיק געוווען פאַרווונדעט, געלעגן אין לאַזאַרעט, און איך האָב אַפילע ניט געוווּסט דערפון. פון דער מילכאָמע האָט ער זיך אומגעקערט מיט א שטעקל. איין פוס איז א ביסעלע קירצער. געקומען א מאַיאָר. מיט אַלערליי מעדאַלן און אָרדענס. ער האָט געבראכט א ווײַב פון דער מילכאָמע. דאשע. זיי האָבן געארבעט אין איין שפּיטאָל. איצטער זײַנען זיי דאָקטוירים אין צוויי קליניקעס. ס'איז זיי קאַרג דער טאָג — לערנט מען באנאכט. א דירע האָט מען זיי געגעבן — א מעלוכע! הייסע און קאַלטע וואַסער. א וואנע, געפּוצטע דילן. הײַנט דאָס מעבל! פון בערלין, בודאַפּעשט, סאָפיע (באַם טאַטן דעם בלעכער האָט ער עס ניט געזען). אין שטוב איז ליכטיק און פרײַלעך, ס'שפּילט די ראַדיאָ, ס'אַרבעט דער טעלעוויזאָר. ניט אומזיסט האָבן מיר זיך געשלאָגן פאַרן לעבן. איצט פיר איך זיך ארום מיטן אייניקל. א יינגעלע, שיין ווי גאָלד, מײַן אײַזיק מיט די ביינער. קליינערהייט איז ער געוווען א קאַרטינע.

איך דערמאָן זיך, אז אמאָל א דאָקטער איז געוווען גאָר עפּעס אנדערש. א מעשן שילדל אף דער טיר. א גלעקל. און א באָנע אין א ווײַס שירצל. בא אונדז אין שטעטל איז געוווען עליע דער רויפע און וואַליע דער שערער. איינער פלעגט היילן מיידלעך און ווײַבער, דער צווייטער פלעגט שטעלן באנקעס און אַלעמען צושרײַבן ריצנייל, ווײַל דעריקער דארף א כוילע אָפּרייניקן דעם מאָגן. אָט די צוויי בײַטלשנײַדער פלעגן רײַסן פון טויט און פון לעבעדיק. האָסט ניט צו באצאָלן, לייג זיך און שטארב. אָפט פלעגט מען צאָלן און סײַווי שטארבן.

מײַנע קינדער זײַנען טאקע עמעסע דאָקטוירים, געקאָנטשעטע, און שטודירן ווײַטער, נאָר קיין כאַלאָים נעמט מען אין שטוב ניט אויף. געלט ברענגט מען ביידע איין מאָל אין צוויי וואָכן און מע גיט עס אָפּ מיר. און זאָל זיך אײַך דוכטן, אז איך פיר די שטוב.

אז איך פרוווו דערציילן וועגן עליע דעם רויפע, לאכט מען פון מיר און מע ענטפערט: „מאמע, מיר היילן מענטשן אומזיסט, און מיר שיקן אף קוראָרטן אַפילע אומזיסט. אונדז צאָלט די מעלוכע. און ווען א קראנקער ווערט געזונט און קערט זיך אום צוריק צו דער ארבעט, איז דאָס פאַרן דאָקטער די בעסטע באַלוינונג".

זאָל זיך אײַך דוכטן, אז מײַנע קינדער זײַנען שוין דאַפּקע געראכט.

פאַרשיידענע לידער

פון די פריִע קינדער־יאָרן

פון די פריִע קינדער־יאָרן
כ׳האָב געהאט אזא כיסאָרן:
איך האָב ליב געהאט צו לאכן,
פון שלימאזל כויזעק מאכן.

כ׳בין געווען א שנעק אן עכטער,
כ׳האָב געקײַכט אזש פון געלעכטער,
ווען דער סטראזשניק פלעגט דער באָבען
אָפּשטעקן א באָרעכהאבע

פאר געפעפערט פיש א שטיקל...
כ׳האָב געלאכט און כ׳האָב כיכיקעט,
ווען דער רעבע פלעגט מיך שמײַסן,
ווען באם דיאק כ׳פלעג עפּל רײַסן.

כ׳פלעג אפילע שטיל אויך לאכן,
ווען מע פלעגט א העספעד מאכן,
ווען מע פלעגט דערפאר מיר שענקען
א סטוסאק אף צו געדענקען.

כ׳פלעג דער מאמען גאָרניט זאָגן,
קיין פאריבל ניט געטראָגן.
פאר קיין נעבעך זיך ניט מאכן,
כ׳פלעג נאָר שטיקן זיך און לאכן.
כי־כי־כי און כא־כא־כא...
כ׳בין געווען א שנעק אזא!

ס׳האָבן לײַטן מיך געשראָקן,
דו, רעב שוסטערשער בענאָקל,
עלעף יאָר איז דיר שוין, כאָכעם,

און ד׳, גייסט אף שלעכטע דראָכים.
פאר דײַן לאכן, כויזעק מאכן
קומט דיך לייגן אף א פלאכע.

ס׳דארף א ייִדיש קינד זײַן ערנסט,
ס׳דארף א ייִדיש קינד נאָר קלערן
פון די הויכע הימל־זאכן,
ס׳טאָר א ייִדיש קינד ניט לאכן.

כ׳פלעג דעם מוסער פאָרכטיק הערן,
קנייטשן טיף מײַן קליינעם שטערן
און א קאלטע מינע מאכן,
און דערנאָכדעם ווידער לאכן.
ווידער שפעטן, ווידער וויצלען,
ווי סע וואָלט דער שעד מיך קיצלען.
כי־כי־כי און כא־כא־כא...
כ׳בין געווען א שנעק אזא.

פון די פריִע קינדער־יאָרן
ז׳מיר פארבליבן דער כיסאָרן —
א כיסאָרן שטענדיק לאכן,
כ׳קאָן זיך שוין ניט איבערמאכן.

אלדאָס פרעכע, אלדאָס הוילע,
אלדאָס גרויע, אלדאָס פוילע,
אלדאָס נישטיקע און פלאכע
כ׳מוז באלאכן, כ׳מוז באלאכן...

...פון די פריִע קינדער־יאָרן
כ׳האָב געהאט אזא כיסאָרן.

אף איי־פּעטרי

באגעגנסט הײַנט דעם אופגאנג פון דער זון,
ווי פאר א הייליקײַט דו שטייסט איין שווײַגן,
שטיי ווירדיק, שטאָלץ, ווי ס׳פאסט פאר דיר, דעם זון,
וואָס קאָן קיין שיינקײַט ניט פארבײַגיין.

פון איביק אָן די זון פארגייט און גייט אוף ווידער,
די שיינקײַט אירע אָבער כאזערט זיך ניט איבער.

■

און אויב דו האָסט א מענטשלעך קלינגענדיקע שפּראַך.
אין שאָ אַזעלכער וועסטו זינגען שירע,
זײַ אופריכטיק, פאַרמאָגסט א קישעף־מאַכט,
וואָס קאָן דײַן ליד, דאָס לעבן דײַנס באַצירן.

דו זינג געטרײַ און פרײַ פון אופגעריכטן הארצן,
דו זאָלסט פון זון־אופגאנג די העלקײַט ניט פארשווארצן.

■

אָט פליסט פון בארג א טײַך — די זויבערקײַט אליין,
די כוואַליעס קויקלען זיך אין צוים פון הויכע ברעגן,
נעם ווארף אין וואסער זיך — ס'איז ציכטיק־ריין
און קלײַב א ריכטונג אויס, ווי קלײַבסט א ציל אין לעבן.

נאָר ווי אין לעבן, האָב, מײַן פרײַנט, אין זינען,
ניט פלאָנטערן און היך־און־הער ניט שווימען.

■

פון בארג־אראָפּ עס לויפט א ווײַנגאָרטן אין שײַן,
די הענגלעך וויגן זיך מיט זון ווי פולע בעכער,
דו טרינקסט א דאָרשטיקער דעם פרישן ווײַן,
די זון אין הימל קוקט אף דיר פארליבט און העכער.

און אומעטום דער קוואל פון אויבערהאר געוועלטיקט,
ניט שלעפּ פארצײַטיק, פרײַנט, אף זיך די גרײַזע עלטער.

■

און אָט גייט אוף פאר דיר א טאָג ווי טויזנט טעג,
וואָס זײַנען לאנג אוועק און ווען ערשט נאָך קומען.
און יעדער מאָל באגעגנט דיך אַן אנדער וועג,
אַן אנדער פרילינג און אַן אנדער הארבסט און זומער.

איז גיי און זוך, זײַ אײַנגעשפּארט בא יעדן וועטער,
וועסט, ענדלעך, אויסזוכן דאָס גליק אף דער פלאנעטע.

ס'איז ניט קיין טײַך —
א קיניגרײַך איז דאָ

ס'איז ניט קיין טײַך — א קיניגרײַך איז דאָ,
מיט אלדאָס פרילינגדיקס בא וואסער־פלאַכן,
ס'גייט אוף א טאָג מיט זון־געבענטשטער שאָ
און רופט צו אופוואכונג אף טויזנט שפּראַכן.

די שטילקײַט פלאצט פון ווײַניקן געדרוך,
פון יעדער נעסט גייט אוף א ליבער ניגן.
און יונגע קערפּערלעך אין געלן פוך
זיך פּרוּוון אופהייבן אף יונגע פליגל.

די זון איר שייַן אַף יעדן צווייַגל צינדט,
און ס׳ווילט זיך ניט קיין בלעטעלע א וויג טאָן.
אַט פליט א זינגפויגל. וווהין? וווהין?
ווייַזט אויס, אז אין קאמיש, צו דער געליבטער.

...היי, יעגער, לאָז אראָפּ פון ביקס די רער,
דו לאָז דעם זינגפויגל זייַן ליבע וועבן,
ניט ברענג דעם טויט אהער, אַף אַט דער ערד,
ווו פּייַערלעך און הייליק איז דאָס לעבן.

ווען שוועבסט איבער טהאָמען

ווען שוועבסט איבער טהאָמען און דונערן קנאַלן
און אָפּגעזאָגט האָט דער מאָטאָר דיר אין וועג, —
אָ, הארץ מייַנס, וואָס ווייסט שוין דעם וויטעק פון פאַלן,
דערוועק בלויז מייַן אומרו,

דערוועק ניט די שרעק.

און ווען אין א שטורעם, אין ריזיקע שטראָמען
סע טרינקט זיך מייַן שיפל און ווייַט איז דער ברעג, —
אָ, הארץ מייַנס, וואָס ווייסט שוין די טיפן פון טהאָמען,
דערוועק בלויז מייַן אומרו,

דערוועק ניט די שרעק.

און ווען ס׳איז באשערט דיר דער גרויל פון צעשיידונג
און ס׳פאַלט אַף דייַן רייַנעם געוויסן א פלעק, —
אָ, הארץ מייַנס, וואָס ווייסט פון צעשיידונג די לײַדן,
דערוועק בלויז מייַן אומרו,

דערוועק ניט די שרעק.

נאָר ווען אַף מייַן ערד איז דער סוינע פאַרקראָכן
און כ׳שלאָג זיך אין שלאכטן הארטנעקיק און הייס, —
אָ, הארץ מייַנס, וואָס ווייסט שוין די פרייד פון ניצאָכן,
ניט בלויז פון קיין שרעק,

נאָר פון אומרו ניט וויס.

אַף שטיינערישע טעמעס

כאַים מעלאַמוד

מאַ נישטאַנע...

באַם ברעג פונעם פול־אָנגעשטעלטן טיש שטייען די גלאַנציק־אויסגעריבענע לײַכטער, און די גרויסע ווײַסע ליכט אין זיי ברענען זיך פאַנאַנדער וואָס אמאָל פרייליכער און האַסטיקער. אַרום דער בלויער פלאַש מיטן רויטן ווײַן שטייען אויסגעשטעלט די קויסיעלעך פון פאַרשיידענער גרייס און קאָליר. אַ גאַנץ יאָר זײַנען זיי געלעגן פאַרשטויבטע אַפן בוידעם און געוואַרט אַף זייער איינציקן יאָמטעוו, אַף די געציילטע טעג פון פייסעך. עס קיצלט אין דער נאָז דער מאָרער מיטן כאַרויסעס, און פון דער קיך שמעקט מיט נאָך בעסערס און געשמאַקערס: מיט אַ פעטער יויך, מיט לאַטקעס פון מאַצע־מעל און מיט יענעם ברוינעם און פאַרפּרעגלטן קעזל, וועגן וועלכן ס׳האָט זיך געטרוימט אַ גאַנץ, ניט איבעריק פעט און ניט איבעריק זאַט יאָר.

און כאָטש דער סיידער הייבט זיך אָן פון „קאָל דיכפּין״ — ווער ס׳איז הונגעריק, זאָל אַרײַנקומען און עסן, און כאָטש דאָס ייִנגעלע איז טאַקע שטאַרק הונגעריק און וואָלט מיט פאַרגעניגן גענומען עפּעס אין מויל אַרײַן, אַפילע אַ טרוקן שטיקל מאַצע, איז צו דער פייסעכדיקער וועטשערע נאָך ווײַט. מע דאַרף ערשט אָפּזאָגן, אָפּזינגען און אָפּשפּילן די לאַנגע האַגאָדע מיט אַלע אירע פאַרשיידענע מײַסעלעך, ניגונימלעך און צערעמאָניעס, מע דאַרף אויסטונקען מיטן מינדסטן פינגערל פונעם קויסעלע ווײַן אַלע צען פּאַרעס מאַקעס, ביז ס׳וועט קומען צו עפּעס רעכטס. דערווײַל האַלט מען ערשט גאָר פון פאָרנט, און דאָס אויסגעהונגערטע ייִנגעלע ווייסט נאָך ניט, אַז דער רעבע מיינט ניט די האַגאָדע, נאָר ער מיינט די קניידלעך. מאַכט עס אָן ערנסט און פרום פּאָנעם און מיט אַ ציטעריק און אַ ביסל געבראָכן קעלעכל הייבט עס אָן שטעלן דעם טאַטן איין קאַשע נאָך דער צווייטער.

— מה נשתנה הלילה הזה מכל הלילות...

דער טאַטע, וואָס זיצט אָנגעלענט אַפן העסעבעט און זעט אויס אין זײַן ווײַסן קיטל, ווי אַן עמעסער מיילעך, איז קייסעריש רויִק. אַף אַלע קאַשעס איז בא אים פאַראַן אַ גרייטער ענטפער:

— מיר זײַנען געווען קנעכט בא פּאַרען אין מיצראַיִם...

אין יענע ווײַטע צײַטן האָט זיך מיר אַפּאַנעמעסן געדוכט, אַז אין די דאָזיקע פיר קאַשעס און אין דעם טאַטנס ענטפערס אַף זיי ליגט די דערקלערונג פון אַלע פאַרבאָרגענע סוידעס פון מענטשלעכן זײַן, פון זײַן נעפּלדיקן נעכטן, ניט מערער קלאָרן הײַנט און גאָר אומבאַוווסטן מאָרגן: אָנהייבנדיק פון אָדאָם־האָרישענען ביזן בִיאַס־האַמאָשִיאַך. אַלץ איז אַזוי פּאָשעט און פּראָסט: מיר זײַנען געווען קנעכט בא פּאַרען אין מיצראַיִם און גאָט האָט אונדז אַרויסגעצויגן פון דאָרטן מיט גרויסע ניסים...

ס׳האָט געדאַרפט דורך אַ שטיק צײַט, איך זאָל נעמען פאַרשטיין, אַז פראַגן איז פאַראַן אַף דער וועלט אַ סאַך מערער... און ענטפערן אַף זיי איז גאָר ניט אַזוי גרינג.

דוכט זיך מיר אָפּט, אַז זינט יענע פייסעכדיקע נעכט איז דורך ניט קיין פופציק יאָר, נאָר אַ סאַך, אַ סאַך יאָרהונדערטן... אַזוי גרינטלעך, אַף ניט צו דערקענען, האָט זיך געענדערט די וועלט, די מענטשלעכע געזעלשאַפט, דער מענטשלעכער געדאַנק, וואָס דרינגט אַלץ טיפער אַרײַן אין דער מענטשלעכער געשיכטע, אין די סוידעס פון לעבן ביכלאַל... איז אַפילע שווער צו גלייבן, אַז נאָך איצט קאָן ערגעץ זיצן באַם סיידער אַן אויסגעמאָגערט און אויסגעהונגערט ייִנגעלע און מיט אַ פרומער, אַ ביסל געבראָכענער שטים פרעגט ער באַם טאַטן:

— מה נשתנה הלילה הזה...

אין אונדזערע צײַטן באַקומען די דאָזיקע

ווערטער גאָר אן אנדער פארב, אן אנדער קלאנג, אן אנדער נוסעך און אן אנדער ניגן, און ס'איז גאָר קיין פראגע ניט, נאָר אן אויסרוף. אן אויסרוף, פול מיט באוווּנדערונג, פארכאפּונג און עכטער היספּײַלעס.

— מא נישטאנע!.. ווי די וועלט האָט זיך געענדערט! שוין גאָר ניט די וועלט, וואָס גאָט האָט אמאָל באשאפן!

יאָ, זינט דער אלטער יידישער גאָט האָט אזוי פארדריסלעך פארביטן די יאָצרעס און באשאפן דאָס ליכט פאר דער זון, האָט ער זיך ענדגילטיק דיסקרעדיטירט און צעקאליצעט די שטענדיקע אומרויִקע מענטשלעכע מויכעס. האָבן אייניקע ניט אויפגעהערט מיספאלעל זײַן און הריזען זיך דורך די נעכט, פּרווּונדיק דערשטיקן די אויפגעקומענע ספייקעס, אנדערע האָבן זיך געמאכט פון דעם א קליינעם צימעס, ניט געוואָלט איבער אזעלכע קליינע מיספארשטייעניש טריקענען דעם מויעך און אָפּגעקומען מיט א פריילעכן וויץ, געטריבן לייצאָנעס פון אים, פונעם בוירע־אוילעם, ווײַל ווי קאָן מען עס בא אזא אײַלעניש, אין מעשעך פון זעקס טעג, אָפּטאָן אזא גרויס שטיקל ארבעט, און אלץ זאָל זײַן גלאטיק. נאָר געווען אויך מערער דרייסטע, שטענדיק זוכנדיקע, וואָס האָבן אקשאָנעסדיק אָפּגעלייקנט אלץ: סײַ דעם אקט פון בריִע, סײַ דעם בוירע אליין...

אָנגעהויבן האָט זיך עס ניט אין אונדזערע צײַטן, און שולדיק זײַנען אין דעם ניט די קאָמוניסטן — אפיקאָרסים. עס ציט זיך שוין טויזנטער יאָרן, פון די גאָר אוראלטע צײַטן, ווען דער מענטש האָט נאָך ביז גאָר ווייניק געוווּסט פון די סוידעס פון וועלט־באשאפונג און וואָס קעגנשטעלן איז בא אים געווען טאקע זייער און זייער קנאפּ. און דאָך... ניט אויפגעהערט זוכן, ניט אויפגעהערט אָפּלייקענען... וויפל בלוט דאָס האָט געקאָסט און וויפל מענטשלעכע לעבנס! און גראָד פון די סאמע שענסטע, סאמע נאָבלסטע...

אונדז איז שוין פיל גרינגער. מיר לעבן דאָך אין א צײַט פון קאָלאָסאלן שוווּנג און אויפבלי פון מענטשלעכער וויסנשאפט, ווען יעדן יאָר, יעדן טאָג, יעדער שאָ ווערן אויפגעדעקט אלץ נײַע און נײַע סוידעס. און ווי עס זאָלן זיך ניט סטארען, ווי עס זאָלן ניט כיטרעווען די קלעריקאלן און טעאָלאָגן מיקאָל האאמינים, פּרווּונדיק צופּאסן די רעליגיע צו די אלץ נײַע און נײַע זיגן פון דער וויסנשאפט, איז פּאָשעט ניטאָ אין דער וועלט, אין אלע וועלטן און וועלטעלעך, סײַ אין דעם נאָענטן, סײַ אין דעם ווײַטן קאָסמאָס עפּעס אזא פרײַ, שטיל און רויִק ווינקעלע, ווו גאָט זאָל קאָנען אָפּזוכן פאר זיך כאָטש וועלכן־ניט־איז מאָקעם־מיקלעט.

נאָר גאָט איז דאָ, פארשטייט זיך, גאָרנישט ניט שולדיק. און גערעכט איז געווען דער גרויסער פראנצויזישער שרײַבער סטענדאל, ווען ער האָט געזאָגט וועגן דעם אלטן און בייזן גאָט, דעם נויקעם־וועניטער, אין וועמענס נאָמען עס זײַנען אָפּגעטאָן געוואָרן אף דער וועלט די שרעקלעכסטע פארברעכנס: „מויכל זײַן גאָט קאָן נאָר דאָס, וואָס ער עקזיסטירט ניט“.

איז שולדיק, הייסט עס, ניט גאָט, נאָר די מענטשן אליין. די מענטשן, וואָס האָבן אים אויסגעטראכט, געבוקט זיך צו אים און הערן ניט אויף כיינדלען זיך צו אים, טראכטן צו אלץ נײַע טפילעס און נײַע שוואָכים.

נאָר אויב טיפער ארײַנטראכטן זיך אין דעם איניען, איז זיי, אונדזערע אור־אורעלטערן, אויך ניטאָ וואָס צו באשולדיקן. די אלע פארשיידענע רעליגיעס זײַנען אויפגעקומען, ווען די מענטשהײַט איז נאָך געלעגן אין איר קינדערשן וויגעלע און די פילצאָליקע הייליקע ספאָרים האָבן בלויז געקאָנט אויסדריקן די באגרענעצטקײַט פונעם וועלט־באנעם פון זייערע שפער. קאָן מען צו זיי אויך קיין טײַנעס ניט האָבן. נאָך אלעמען איז אין דעם געווען די אקשאָנעסדיקע שטרעבונגען פונעם אוראלטן מענטשן ארײַנדרינגען אין די סוידעס פון מענטשלעכן זײַן, דער הייסער און אומבאזיגבארער טרוים פונעם מענטשן וועגן א בעסער, רויִקער, ליכטיקער און גערעכטיקער לעבן. איז אויב דאָס איז אומעגלעך געווען דערגרייכן אף דער־וועלט, האָט שוין געמוזט אויפקומען א יענע־וועלט.

פארשטייט זיך, ווען עמעצן זאָל איצט קומען אפן זינען שאפן א נײַע רעליגיע צי מעלדן א נײַעם גאָט, וואָלט ער שוין געמוזט זײַן מערער דערפינדעריש און אויסבויען דאָס אלץ אף א מערער הײַנטצײַטיקער, וויסנשאפטלעכער באזע. נאָר אפילע צווישן די סאמע אוואנטיוריסטישע ביזנעסמענער פון רעליגיע וועלן זיך איצט ניט געפינען קיין באלאָנים אף אזא האָפענונגסלאָזן מיסכער, וואָס קאָן אומפארמײַדלעך ברענגען צו פולן באנקראָט. די אויספאָרמירונג פון די רעליגיעס האָט זיך פארענדיקט אף א באשטימטן עטאפּ פון דער מענטשלעכער געשיכטע, און איצט מוזן די קלייקוידעש זיי אלע מאָל איבערפארבן, מאָדערניזירן, אמאָל אינגאנצן איבערניצעווען, צופּאסן זיי צו די באדערפענישן פון דער נײַער צײַט, וואָס האלט זיך אין איין ענדערן מיט אן אומבאגרײַפלעכער גיכקײַט. קיינער וועט ניט זאָגן, אז זיי האָבן אף דעם געביט אן איבעריקן דערפאָלג. אָפטמאָל קומט זיי אליין אויס, עמעס, אָן איבעריקער היסלײַוועס און פארכאפּונג, מערסטנטייל אין פולער פארצווייפלונג, אויסשרײַען:

— מא נישטאנע!.. ווי די וועלט האָט זיך געענדערט!

און די געטער אליין? זיי זײַנען שוין זייער אלט, שוואך און אָנמעכטיק, און זיי זײַנען פּאָשעט ניט אימשטאנד פארשטיין, באנעמען דעם

שוווּנג פון מענטשלעכן געדאַנק, פון מענטשלעכן געני. ווי וואָלטן זיי געקאָנט ענטפערן, ווען מע פארגיט זיי א פראַגע וועגן מענדעלייעווס פּע־ריאָדישער טאבעלע אָדער וועגן איינשטיינס רעלאַטיוויטעט־טעאָריע?

און נאָך אַלעמען, ווי פּאַראַדאָקסאַל דאָס זאָל ניט זײַן, זיצט נאָך ערגעץ אַן אויסגעמאָגערט ייִנגעלע און זינגט אויס מיט א פרומלעכן ניגון:

— מה נשתנה הלילה הזה...

וואָס זאָל איך ענטפערן דעם ייִנגעלע אויף זײַנע קאַשעס? אָנהייבן אים דערווײַזן, אַז די גאַנצע מײַסע איז אַן אויסגעטראַכטע? צי דערציילן אים, אַז דער ייִדישער יאָמטעוו פּייסעך איז ניט דער איינציקער אין זײַן מין, אַז אַזעלכע פרילינג־יאָמטויווים זײַנען געווען קימאַט בא אַלע פעל־קער און שוואַטים אין די אוראַלטע צײַטן, און אַז זייער רעליגיִעזע באַפאַרבונג האָבן זיי בא־קומען פיל שפּעטער? צי דערווײַזן אים, אַז אויך איצט האָט יעדער פאָלק, יעדער רעליגיע איר אייגענעם וואַריִאַנט פון א יאָמטעוו פּייסעך מיט זײַנע באַזונדערע מײַסעלעך, לעגענדעס און האַגאָדעס?..

נאָר דערצו וואָלט מיר אויסגעקומען איבער־לייענען דעם ייִנגעלע ניט איינע, נאָר עטלעכע צענדליק לעקציעס אויף אַטעיִסטישע טעמעס, פאַרנעמען זיך, אַזוי צו זאָגן, מיט אַנטירעליגיִע־זער פּראָפּאַגאַנדע. און איך קלײַב זיך דאָס ניט צו טאָן. מיר האָבן שוין באַוויזן איבערצײַגן זיך, אַז עטלעכע, די סאַמע בעסטע אַנטירעליגיִעזע לעקציעס זײַנען ווײַט ניט גענוג אויף פאַרוואַנדלען דעם גלייביקן אין אַן אַפּיקוירעס, אין אַן אַטעיִסט. דערצו איז נייטיק פיל וויכטיקערס. מע דאַרף, אַז דאָס לעבן אַליין זאָל אים אונטערטראָגן און דורכלייענען עטלעכע גוטע לעקציעס; אַז דער מענטש אַליין זאָל באַקומען א באַשטימטע לעבנס־דערפאַרונג, וואָס זאָל אים דערווײַזן, איבערצײַגן און באַפרײַען אים פון די פיליאַריקע אילוזיעס. די דערפאַרונג איז אָפטמאָל זייער א ביטערע, פול מיט שווערע איבערלעבונגען, אויספּרוּוון, און עס קומט יעדערן אָן גאָר ניט אַזוי גרינג. דאָס ווייס איך אויך פון אייגענער דערפאַרונג.

עמעס, איצט זײַנען אַנדערע צײַטן. די מענטש־הײַט איז שוין אַרויס פון איר קינדהײַט און ווערט זי איצט ניט פאַרוויגן מיט קיין מײַסעלעך פון ברייִעס־האָוילעם, מעכירעס־יויסעף און יעציִעס־מיצראַיִם. און אין קיין ניסים גלייבט מען שוין אוודאי ניט. ניט אין גאָטס ניסים, ניט אין די ניסים פון עלייִאָהו־האַנאָווי און ניט אין די ניסים פונעם באַלשעם. און די שפּעטערדיקע פאַרשיידענע ראַבאָנים און גאַלאָכים, וואָס האָבן זיי געפּרוּווט נאָכמאַכן, האָט מען גלײַך געפּאַקט בא דער האַנט, ווי אַפעריסטן. דעם פּאָקוס, וויִאַזוי גאָט האָט פאַרוואַנדלט פּאַשעט וואַסער אין בלוט, האָט קיינער ניט געפּרוּווט איבערכאַ־זערן איבער דער ניט פּאָפּולערקײַט, און דער סאָד, וויִאַזוי יעשוע־האַנויצרי האָט פאַרוואַנדלט וואַסער אין ווײַן, איז איצט באַוווּסט יעדן פּאָ־שעטן פאַרקויפער פונעם סאַמע פאַרוואָרפנסטן דאָרפישן גאַסטראָנאָם.

איך בעט מעכילע בא אונדזערע האַנדלס־לײַט. איך וויל דערמיט ניט זאָגן, אַז זיי אַלע באַנוצן זיך טאָגטעגלעך מיט דעם דאָזיקן סאָד, איך קאָן אָבער אויך ניט אָרעוו זײַן, אַז צווישן אָט דעם אוילעם זײַנען שוין אינגאַנצן ניטאָ אַזעלכע קי־שעפמאַכער.

און דאָ מוז איך אָנהייבן ווידערשפּרעכן זיך אַליין... אין אונדזער צײַט זײַנען מיר גראָד איי־דעס פון עכטע ניסים, וואָס גרענעצן זיך מיט פאַנטאַסטיק. איך וויל זיך דאָ ניט באַנוצן מיט קיין הויכקלינגעוודיקע ווערטער, מיט מעליצע, איך סטאַרע זיך די גאַנצע צײַט אויסמײַדן לאָק־רעצדיקס, אָבער דערווײַל זײַנען קיין אַנדערע ווערטער ניט צוגעטראַכט געוואָרן אויף אָפּשאַצן דאָס, וואָס מיר מיט אײַך אַליין שאַפן. דאָס זײַנען די וווּנדער פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, ווען די מענטשהײַט, אין דער ערשטער ריי די סאָ־וועטישע מענטשן, האָבן אָנגעהויבן אַפּסנײַ איבערבאַשאַפן די וועלט, מאַכן זי שענער, ליכטיקער, געמיטלעכער, מערער צוגעפּאַסט און ליב פאַרן לעבן פון דער מענטשלעכער געזעל־שאַפט, פאַרן גליק און שאָלעם פון אַלע פעלקער פון אונדזער ניט איבעריק גרויסער, אָבער, מעגלעך, שענסטער פּלאַנעטע. און אויב דער פּראָצעס פון איבערבאַשאַפן דויערט א ביסל מערער פון זיבן טעג, איז וואָס? מיר זײַנען דאָך ניט קיין געטער, מיר זײַנען דאָך ניט מער, ווי מענטשן. און אויב דאָס קומט אָן ניט אַזוי גרינג, אויב דער וועג איז זייער א שווערער, א דאָרנדי־קער, מיט אָן א שיר שטרויכלונגען, איז דאָס דאָך אוודע ניט אונדזער שולד. איר געדענקט די לעגענדע פונעם דאָר־האַמידבער? זי לאָזט זיך ברייט טײַטשן. דער פּראָצעס פון באַפרײַען די מענטשן פון דער סאָציִאַליסטישער געזעל־שאַפט פון די „געבורט־פלעקן פון קאַפּיטאַליזם“ איז זייער א קאָמפּליצירטער און זייער א דויִ־ערנדיקער.

אין די ערשטע יאָרן פון דער ראַטנמאַכט, גלײַך נאָכן בירגערקריג, ווען לעניִן האָט אָנגע־הויבן פאַנאַנדעראַרבעטן די פּראָבלעמען פון דער נײַער עקאָנאָמישער פּאָליטיק, האָט ער געשריבן וועגן דער קאָמפּליצירטקײַט פונעם דעמאָלטיקן רוסלאַנד, וועגן דער פאַרשיידנאַרטיקײַט פון זײַן סאָציִאַלן און עקאָנאָמישן געבוי, ווען באַנאַנד מיט די ערשטקלאַסיקע זאַוואָדן און פאַבריקן שטייט נאָך די אַלטפרענקישע ווינטמיל. יענץ אָפּגעשטאַנען רוסלאַנד איז שוין לאַנג אויף דער וועלט ניטאָ. דער ראַטנפאַרבאַנד איז איצט איינע

פון די מעכטיקסטע אינדוסטריִעלע מעלוכעס, וואָס שטייט בעראָש פונעם עקאָנאָמיש־פּאָליטישן פּראָגרעס פון דער מענטשהייַט, פון דער טעכניש־וויסנשאַפטלעכער רעוואָליוציע אין דער גאַנצער וועלט. נאָר אין די מויכעס פון אייניקע מענטשן געוועלטיקט נאָך אַלץ די אַלטפרענקישע ווינטמיל. און צווישן די פאַרשיידענע רעשטלעך פונעם קאַפּיטאַליזם אינעם באַוווסטזייַן פון די מענטשן האָבן זיך, עפשער טיפער ווי אַנדערע, אייַנגעגראָבן אויך די רעליגיִעזע רעשטלעך. אַמאָל טרעטן זיי אַרויס אין זייער ריינעם אויסזען. דאָס איז עפשער ווייניקער פאַרדראָסיק, עס לאָזט זיך פאַרשטיין. מערסטנטייל איז דאָס אָבער ניט מער ווי אַ שירמע אַף פאַרדעקן די קליינבירגערלעכע, קליין־אייגנטימערישע טענדענצן. זיי זאָלן אויסזען אַ ביסל פייַנער, ס׳זאָל זייַן, הייסט עס, אַ רעכטער טערעץ. ווי זאָגט מען עס — אַ טערעץ פאַר די בענטשליכט.

דער עמעס איז דאָך אַזאַ — ווירקלעך גלייביקע איז בא אונדז פאַראַן גאָר ניט אַזוי פיל. און ייִנגעלעך, וואָס זאָלן פרעגן באַם טאַטן די פיר קאַשעס, איז בִיכלאַל אַ זעלטנהייַט. פאַראַן אָבער ניט ווייניק אַזעלכע, וואָס אין גאָט גלייבן זיי ניט, די ניסים פון יעציִעס־מיצראַיִם ליגן בא זיי אין דער לינקער פּיאַטע. נאָר מאַצעס אַף פּייסעך? וואָס הייסט? פאַרוואָס זאָל איך ניט באַקן קיין מאַצעס אָדער קויפן כאָטש אַ צוויי־דרייַ קילאָ, ווי טייַער דאָס זאָל ניט זייַן? פאַרוואָס זאָל איך ניט אַ נאַש טאָן פון די געשמאַקע פּייסעכדיקע מייַכאָלים, פון דער געפרישטער מאַצע, פון די פעטע קייזלעך און פון די לאַטקעס פון מאַצע־מעל, וועלכע צעגייען זיך מאַמעש אין מויל? דאָס זייַנען פון די לייַט, וואָס די האַגאָדע גייט זיי אינגאַנצן ניט אָן, נאָר פאַר די קניידלעך זייַנען זיי גרייט זיך לאָזן קאָסטן. כאָטש, דאָס זייַנען גראָד פון יעניקע, וואָס דאָס לעבן האַלטן זיי נאָר פאַר זיך און וועלן דאָס אין קיין פאַל ניט אוועקגעבן. נאָר — ווייַל איר זאָגט, אַז ס׳איז אַ ביסל אַלטמאָדיש, איז אַף צולאָכעס!

אוי, דער צולאָכעסניק! דאָס איז שוין ניט קיין גלייביקער, נאָר אַ פּאָשעטער קליינבירגער, וועמען עס גייט בִיכלאַל גאָרנישט ניט אָן. פאַראַן אָבער צווישן זיי מערער קריגערישע, אַזוי צו זאָגן — קריגערישע קליינבירגער. זייער פּאָזיציע איז מערער קאַטעגאָריש. זאָל זייַן, זאָגן זיי, אַז קיין גאָט איז ניטאָ, קיין יעציִעס־מיצראַיִם איז ניט געווען און ס׳איז בִיכלאַל ניט געווען גאָרניט ניט. אָבער טשעפּעט אונדז ניט! טשעפּעט ניט אונדזער גאָט, טשעפּעט ניט אונדזער פּייסעך, טשעפּעט ניט אונדזערע מאַצעס!

און זיי שטויסן זיך אַפילע ניט אָן, אַז די האַגאָדע אַליין האָט געשפּעט פון זיי. איר געדענקט יענע באַוווסטע פיר קאַטעגאָריעס? דעם כאָכעם, דעם ראָשע, דעם טאַם און דעם שעיינוי יודייע לישויל? לאָמיר לאָזן צורו דעם כאָכעם פון דער מאַ־נישטאַנע, וואָס האָט פאַרנומען אַן אָנגעזעען אָרט אינעם ייִדישן פאָלקלאָר. ס׳איז קלאָר, פאַר וואָס דעם ראָשע האָט אין דער הינזיכט ווייניקער אָפּגעגליקט. וועגן דעם שעיינוי יודייע לישויל איז בִיכלאַל ניטאָ וואָס צו רעדן, ווייַל ער ווייסט אַליין ניט, וואָס ער וויל, ער קען אַפילע די קאַשעס ניט פרעגן. נאָר אָט, דער טאַם... טוט אומיסטן אַ קוק אַף אים, וועט איר זיך איבערצייַגן, אַז ער איז גאָר ניט אַזאַ טאַם, ער מאַכט זיך נאָר טאַמעוואַטע. מיט זייַן גרינגשעציקן „עט" און „טע", מיט דעם, ווי ער לאָזט צו אַלץ, וואָס קומט פאָר אַרום אים, בלויז ביז דעם קנעפּל, מיט זייַן פאַרקרימען זיך, ווען עפּעס געפעלט אים ניט. און ס׳איז גאָר ניטאָ עפּעס אַזוינס, וואָס זאָל אים יאָ געפעלן. כלעבן, אַז ער איז מערער ענלעך אַפן ראָשע, וואָס שטעלט אַרויס זייַן קלאָצקאַשע: מאָ האָאַווידאָ האַזויס לאָכעם? צו וואָס דאַרפט איר דאָס אַלץ, צוליב וואָס בויען, צוליב וואָס האָרעווען, צוליב וואָס אייַנלייגן וועלטן? מאַך אַ קאָפּעקע און שפּייַ אַף אַלעמען! נאָר פּרוווט אים עפּעס זאָגן, וועט ער גלייַך איבערגעפּולט מיט גרימצאָרן און איז גרייט געבן פּעטש. און דאָ איז שוין דער פּייסעך קיין פּייסעך ניט, די מאַצעס קיין מאַצעס ניט. עס הייבט שוין אָן שמעקן מיט פּאָליטיק.

געוויס געדענקען אַ סאַך די אַנטיסאָוועטישע מאַצע־קאַמפּאַניעס, וואָס די רעאַקציִאָנערע ייִדישע פּרעסע פון פאַרשיידענע קאָלירן, פון געל ביז שוואַרץ, האָט אין די דרייַסיקער יאָרן געפירט פון יאָר צו יאָר, פון פּייסעך ביז פּייסעך: די סאָוועטישע ייִדן, נעבעך, די געיאָגטע און געפּלאָגטע, האָבן ניט קיין מעגלעכקייַט באַקן מאַצעס און פּראַווען פּייסעך. איז ווער עס האָט גאָט אין האַרצן — ראַטעוועט די סאָוועטישע ייִדן!

איך האָב ביז הייַנט פאַרגעדענקט די געשיכטע פון איינעם אַ מאַצע־פּעקל, וואָס ס׳האָט באַקומען איינע אַ רינגלערן פון אונדזער ראַיאָן, ריווע בריסמאַן, פון עמעצן פון אירע קרויווים. געווען איז דאָס אָנהייב פון די דרייַסיקער יאָרן, און דאַן, דעם עמעס געזאָגט, איז בא אַ סאַך געגאַנגען אַ רייד ניט וועגן פּייסעך און ניט וועגן מאַצעס, נאָר וועגן אַ פּאָשעט שטיקל ברויט, די יונגע קאָלווירטן האָבן דאַן איבערגעלעבט זייער שווערסטע צייַט, און ס׳איז בא קיינעם ניט געווען ברויט צו זאַט. נאָר ריווע בריסמאַן האָט קאַטעגאָריש זיך אָפּגעזאָגט באַקומען די מאַצעס. זי וויל ניט קיין מאַטאָנעס און וויל ניט קיין נעדאָוועס, וואָס שמעקן מיט אַנטיסאָוועטישער העצע.

פאַראַן אויך איצט ניט ווייניק ביזנעסמענער, וואָס מאַכן אַ קאָפּעקע בא די אַנטיסאָוועטישע מאַצע־בעקערייַען. אַפּאָנעם, אַז דאָס איז ניט קיין

שלעכט געשעפט, אויב עס שאפן זיך גאנצע פירמעס אין לאָנדאָן און אין בריסעל, אין ניו־יאָרק און אין פאריזש, אויב עס פאטערן זיך טויזנטער אף רעקלאמעס. און ווידער דאָס אלטע לידל: העלפט די סאָוועטישע ייִדן, נעבעך, וואָס שטייען פאר א געפאר בלײַבן אף פייסעך אָן מאצעס.

קאָן דאָך עמעצער מיינען, אז דאָס האָט צו טאָן מיט רעליגיע, מיט גאָטס ניסים און מיט יענעם שיינעם „קאָל דיכפין" פון דער האגאָדע? א נעכטיקער טאָג! פּאָשעט, נאָך א סיבע פאר אנטיסאָוועטישער פּראָפּאגאנדע. פאר א נאָווינע. דערצו נאָך, אז צו דעם געשעפט דערלייגט מען ניט. און עס לוינט זיי גאָר ניט צו גלייבן, אז מאצעס איז אין ראטנפארבאנד גאָר ניט אזא יעקאר־האמציִעס, אז מאצעס באקט מען אין מאָסקווע און אין אָדעס, אין לענינגראד און אין קיִעוו, אין טשערנאָוויץ און אין קאמענעץ. און ס׳איז געוויס פאר קיינעם קיין סאָד ניט, אז די, וואָס האָבן בא אונדז צו טאָן מיט די מאצעס און מיטן מאָעס־כיטן, דערלייגן אויך ניט צו דעם. אינדערעמעסן וואָלט גאָר ניט געווען בא אונדז אזא נאָכפרעג אף די מאצעס, ווען ניט אָט דער קריגערישער קליינבירגער, יענער צולאָכעסניק, יענער טאם, וואָס איז גאָר קיין טאם ניט, נאָר מאכט זיך בלויז טאמעוואטע.

מוז מען דאָ זאָגן, אז קליינבירגערטום איז ניט בלויז קיין ייִדישע זאך און ביכלאל ניט קיין נאציִאָנאלע דערשײַנונג. זיי זײַנען פאראן מיקאָל־האמינים אין די ווערק פון דיקענסן און באלזאקן, טשעכאָוון און שטשעדרינען, שעווטשענקאָן און שאָלעם־אליכעמען. און אופגעקומען איז דער סאָרט מענטש ניט אין די לעצטע יאָרהונדערטן. דאָס קליינבירגערטום ציט זיך אוועק מיט זײַנע וואָרצלען אין ווײַטן, גראָוון אוראלט, טאקע צו די צײַטן פון יעציִעס־מיצראִים.

קומט מיר ווידער אויס ווענדן זיך גראָד צו דעם כאָכעם פון דער מא־נישטאנע, צו דעם, וואָס געדענקט א סאך, פארשטייט אויך ניט ווייניק און, דעריקער, סטארעט זיך פאנאנדערקלײַבן זיך אינעם טאָך פון די געשעענישן, פארשטיין דעם מאָשל מיט דעם נימשל. געדענקט ער אוואדע, ווי די ייִדן זײַנען געווען מאָלע־טײַנעס צו מוישע־ראבייינו פאר זייער שווער לעבן אין דער מידבער, ווי זיי האָבן מיט באדויערונג און בענקעניש דערמאָנט די „אלטע גוטע צײַטן", ווען זיי זײַנען, עמעס, געווען קנעכט, נאָר דערפאר געהאט פולע טעפּ מיט פיש און מיט פלייש.

— זאָכארנו עס האדאָגאָ!

אײַ, דער אלטער און נײַער „זאָכארנו עס האדאָגאָ"! וויפל מאָל האָט אים שוין איבערגעכאזערט דער קליינבירגער פון אלע צײַטן און פעלקער, שפאנענדיק איבער נײַע ניט קיין אויסגעטראָטענע וועגן און אָנשטויסנדיק זיך אף שוועריקײַטן אינעם קאמף פאר א נײַער, א בעסערער סאָציִאלער אָרדענונג, פאר א נײַ לעבן. מיר האָבן זיי געזען ארום זיך ניט ווייניק אין די שווערע ערשטע פארמילכאָמעדיקע פינפיאָרן, אין די מילכאָמע־יאָרן אליין און אויך דאַן, ווען מיר האָבן ניט ווייניק געהאט אויסצושטיין אין די ערשטע נאָכמילכאָמע־יאָרן. מיר זעען אים ארום זיך אויך איצט, ווײַל אלץ איז אים ווייניק, ווײַל קיין שום זאך בא אונדז געפעלט אים ניט, און ער כאלעשט מאמעש נאָך עפּעס א זאגראניטשנע קנעפל. זײַן העכסטער אידעאל בלײַבט, ווי שטענדיק, א פולער טאָפּ מיט פלייש. און פארשטייט זיך, א פולער בײַטל מיט קלינגערס. דער טרויעריק־בארימטער אייגעל־האזאָהאָוו, דער גאָלדענער קאלב, איז בא אים העכער פון אלע געטער, פון אלע גלויבנס און רעליגיעס, פון אלע שענסטע מײַסעלעך פון דער האגאָדע, און ער איז גרייט צוליב אים אף אלץ. אין נאָמען פונעם גאָלדענעם קאלב איז פארגאָסן געוואָרן טײַכן מענטשלעך בלוט. פארשטייט זיך, אז געטאָן האָט זיך דאָס אלץ אין נאָמען פון גאָט! אייניקע האָבן דאָס געטאָן, קעדיי אָפּראטעווען גאָטס קיווער, אנדערע — קעדיי פארניכטן די אפּיקאָרסים, ערעטיקער און קישעפמאכערנס, און די דריטע — אף אײַנהיטן די ריינקײַט פונעם גלויבן. די היטלערישע מענטשנפרעסער האָבן אין נאָמען פון גאָט אויסגעגאָסן א גאָלדענעם קאלב פון די פינגערלעך און גאָלדענע ציין פון זייערע קאָרבאָנעס. די הײַנטצײַטיקע דינער פון גאָלדענעם קאלב זײַנען גרייט פארוואנדלען צוליב אים גאנצע לענדער אין מידבאָריעס און אין קאָנצלאגערס. עמעס, איצט פארשלייערט מען עס אין עפּעס מער הײַנטצײַטיקס.

ווען די אמעריקאנישע אימפעריִאליסטן באָמבירן וויעטנאם, לאאָס צי קאמבאָדזשע, אָפּווישנדיק פון דער ערד הונדערטער שטעט און דערפער, טוען זיי דאָס אין נאָמען פון „עכטער דעמאָקראטיע"...

איז שוין ניט ווילנדיק אופגעקומען אין זיקאָרן גאָר אן אנדער פייסעך, דער פייסעך פון 1943־טן יאָר, דער אָנהייב פונעם אופשטאנד פון ווארשעווער געטאָ. און מ׳האָט שוין געמוזט דערמאָנען זיך אין איציק פעפערס פּאָעמע „שאָטנס פון ווארשעווער געטאָ".

און אויב ס׳וועט פון פײַער, פון שלאכט און פון קלעמען
זיך ראטעווען איינער... איין ייִד וועט פארבלײַבן,
טאָ זאָל ער דעם אומגליק פאר דורעס באשרײַבן!..

זיי זײַנען געבליבן, די איידעס פון אומגליק און שוידער, די איידעס פון עכטער גוווּרע און

העלדנטאַט, און זיי האָבן עס באַשריבן פאַר דוירעס. דאָס, וואָס פעפער רופט אָן אין זײַן פּאָעמע — די נײַע האַגאָדע...

און נאָך יענעם פּייסעך קומט שוין אָפּן זיקאָרן א יאָמקיפּער, דער יאָמקיפּער פון צוויי־און־פערציקסטן, ווען די פאַשיסטן האָבן אָנגעהויבן פאַרניכטן די וואַרשעווער געטאָ. עס קומען אָפּן זיקאָרן א סאַך יאָמקיפּערס — מײַדאַנעקס, אָסווענצימס, בוכענוואַלדן און דער יאָמקיפּער פון באַבי יאַר... דערמאָנען דאָס איז פּיל וויכטיקער, ווי די שיינע מײַסעלעך פון דער אַלטער האַגאָדע. עס איז דאָך ניט בלויז געשיכטע. עס גייען נאָך ארום איבער אונדזער ערד ניט ווייניק היטלערישע יאַרשים, וואָס טרוימען וועגן רעוואַנש, וועגן נײַע אָסווענצימס און באַבי יאַרן.

נאָר לאָמיר זיך אומקערן צו יענעם ייִנגעלע, וואָס זיצט א הונגעריקער באַם פּייסעכדיק־געדעקטן טיש און קלײַבט זיך פרעגן באַם טאַטן די פיר קאַשעס. איצט איז מײַן אייניקל אין אזא עלטער. נאָר קאַשעס זײַנען בא אים גאָר אנדערע. פאַראַיאָרן, ווען איך בין געווען צוגאַסט בא מײַן זון אין סאַראַטאָוו, האָב איך זיך צוגעקוקט, ווי דאָס אייניקל לייענט מיט עכטער פאַרכאַפּונג אַרטיקלען וועגן קוואַנטאָווער מעכאַניק און וועגן לאַזער־שטראַלן. איך האָב געפּרווּט א שמועס טאָן מיט אים, דערוויסן זיך, ווי קלײַבט ער זיך פאַנאַנדער אין די דאַזיקע פּראָבלעמען, געפּרווּט אים פּאַקן בא א גרײַז. נאָר צוערשט האָט ער מיך געפּאַקט... אין ניט קיין פּינקטלעכע פאָרמולירונגען. ווײַל איך האָב ניט פּינקטלעך אויסגעדריקט די באַגריפן פון די קוואַנטן, פון די טיילן פון דער ענערגיע. דערנאָך האָט ער מיך אָנגעהויבן פאַרשיטן מיט פאַרשיידענע פראַגן, וואָס האָבן א שײַכעס צו דער ענערגיע פון די שטערן־גיגאַנטן און זייער מאַסע, צו די סוידעס פון די שטערן־צווילינגס און צו די פּראָבלעמען פון אַנטי־מאַטעריע און אַנטי־וועלטן. האָב איך אַליין געמוזט זאָגן:

— גוואַלד, מאַ נישטאַנע, ווי די וועלט האָט זיך געענדערט, ווי ווײַט זײַנען אוועק פון אונדז אונדזערע אייניקלעך!

גראָד אין יענע טעג איז אָנגעקומען א קליין פּעקעלע מיט א פּאָר קילאָ מאַצעס פונעם צווייטן זיידן. איז דאָס אייניקל שוין צוגעשטאַנען צו מיר, איך זאָל אים דערציילן, מיט וואָס פאַר א געשיכטע איז פאַרבונדן דער פּייסעך מיט די מאַצעס. האָב איך גאַנץ אָרנטלעך אים איבערדערציילט די געשיכטע פון יעציִעס־מיצראַיִם מיט אַלע גאָטס ניסים. האָט ער געהערט, געהערט און דערנאָך א שמייכל געטאָן:

— דו מיינסט עס ערנסט?

יאָ, א סאַך פון אונדז איז שווערער פאַרצושטעלן זיך, ווי אַזוי דרייען זיך ארום דער ערד די ספּוטניקעס, ווי אַזוי האָט עס א מעכאַנישע לאָפּעטע לויט א ראַדיאָ־קאָמאַנדע פון דער ערד אויסגעגראָבן א שטיקעלע לעוואָנע־באָדן און ווי אַזוי שפּאַצירט עס ארום איבער דער לעוואָנע אָן קיינעם ניט א סאָוועטישער טראַקטאָר. פאַר אונדזערע אייניקלעך איז דאָס א גאַנץ פּאָשעטע און פאַרשטענדלעכע זאַך. זיי זײַנען געבוירן געוואָרן אין דער קאָסמישער עפּאָכע. דערפאַר אָבער זעט זיי אויס אומגלייבלעך א פּאָשעט שיין מײַסעלע פון דער האַגאָדע, דאָס, וואָס מיר האָבן אַמאָל אזוי געזאָגט און ניט איין מאָל איבערגעכאַזערט מיט גרויס היסלײַוועס. זיי, אונדזערע אייניקלעך, זײַנען שוין אַרויסגעוואַקסן פון דעם...

כ'האָב איבערגעלייענט דאָס נאַרוואָס אָנגעשריבענע אַרטיקל און א טראַכט געטאָן, אז דאָס איז זייער צוגעפּאַסט צום ערשטן סיידער, צו די פיר קאַשעס. נאָר איך מיין, אז עס קאָן געלייענט ווערן אויך אין „אַלע נעכט פון א גאַנץ יאָר".

זכרוינס

מ. שאץ־אנין

אף מײַן לעבנס־וועג

(באַגעגענישן און ראיוינעס)

איך האָב באַקומען פון דער רעדאַקציע „סאָוועטיש היימלאַנד“ א פאַרגעבונג: פאַרצייכענען און צוגרייטן צום דרוק די זיכרוינעס פונעם שרײַבער און געזעלשאַפטלעכן טוער מ. שאַץ־אַנין. זיץ איך איצט אין די אָוונטן מיט דעם גרײַז־גרויען פּראָפעסאָר אין זײַן געמיטלעכן קאַבינעט, און, מיט זײַן שטענדיקער פּאַרטייפּטקײַט און קאָנצענטרירטקײַט, בלעטערט ער פאַמעלעך דעם בוך פון זײַן גרויס און פילגעפּרוּווט לעבן. ער דערציילט — און מיר באַקענען זיך מיט נײַע פּראַטים פונעם לעבן אין קורלענדישן שטעטל, ווו ער איז געבוירן געוואָרן, מיט געשעענישן אינעם רעוואָליוציאָנערן פּעטערבורג, מיט עפּיזאָדן פונעם סטודענטן־לעבן אין דער שווייץ, פון דעם קאַמף פון דער רעוואָליוציאָנערער אונטערערד אין ריגע בײַס דער בורזשואַזער מעמשאָלע...

איך צווייפל ניט, אַז פאַר די לייענער פון „סאָוועטיש היימלאַנד“ וועלן די זיכרוינעס פון מ. שאַץ־אַנין זײַן באַלערעוודיק און אינטערעסאַנט.

מארק ראזומני

קינדער־יאָרן אין שטעטעלע נײַרי

געוויס זײַנען אין דער קורלענדער גובערניע, ווי זי האָט אין יענע צײַטן געהייסן, געווען אויך אנדערע שיינע, און עפּשער נאָך שענערע ווינקעלעך. פאַר מיר אָבער האָט דאָס שטעטעלע, וווּ איך בין אין 1885 געבוירן געוואָרן, אויסגעזען ווי דאָס פּרעכטיקסטע אָרט אין דער וועלט. אפן גאַנצן לעבן איז מיר פאַרבליבן אין זיקאָרן די שיינע נאַטור פון מײַן היימשטעטל, וואָס האָט ווי א פּערל זיך געצירט אפן שיפּוּעדיקן ברעג פון דעם מעכטיקן, פולוואַסערדיקן דאַוגאַווע־טײַך און איז אַרומגערינגלט געווען מיט געדיכטע, סוידעסדיקע וועלדער, מיט ראַכוועסדיקע, זאַפטיקע לאָנקעס, מיט געמיטלעכע זונבאַשטראַלטע בערגעלעך און מעכײַעדיקע, שאָטנדיקע טאָלן... קאָן איך דען פאַרגעסן די וווּנדערלעכע רעגעס, ווען די פלאַמיקע אונטערגייענדיקע זון האָט פון יענער זײַט טײַך אריבערגעקוקט צו אונדזער שטעטל, און אונטער אירע צונטערדיקע בליקן איז די אַרומיקע גראָע וואָכעדיקײַט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין א צעשטראַלטן יאָמטעוו? ס'איז אומעגלעך אויך פאַרגעסן די דורכזיכטיקע זומערדיקע נעכט, ווען די לעוואָנע פלעגט פאַרוויקלען אין זילבערנעם קישעף די קרומע געסלעך מיט די הויקערדיקע שטיבעלעך און זיי אָנטאָן אין פּרעכטיקע, אויסגעכאָלעמטע מאַלבושים.

די אַלע הערלעכע מאַטאָנעס, מיט וועלכע די נאַטור האָט אַזוי שעפעדיק באַשאָנקען אונדזער שטעטעלע נײַרי און דערמיט אויך מײַן קינדהײַט, האָבן געהאַט א גרויסע השפּאָע אף מיר און שוין פון גאָר פרי אָן אופגעוועקט אין מײַן קינדערישן געמיט די געפילן פון שיינקײַט און לעבנס־פרייד.

אָבער ניט בלויז די אידילישע דערמאָנונגען האָט מיר איבערגעלאָזט די נאַטור. ווי שוין געזאָגט, האָט נײַרי זיך געשפּיגלט אין די קלאָרע וואַסערן פון דער שיינער דאַוגאַווע, וועלכע האָט אָבער אונטער איר בלאָען, שפּילעוודיקן און כיינעוודיקן שפּיגל געהאַט באַהאַלטן פיל פאַרבאָרגענע גריבער, אין וועלכע עס פלעגן גאָר אָפט אומקומען מענטשן. אין אַזעלכע פאַלן האָט אפן שטעטל זיך אַראָפּגעלאָזט א כמאַרע פון טרויער. די דאַוגאַווע האָט אויך געקאָנט פון צײַט צו צײַט ווערן שטורמיש, און דעמלט האָט זי זיך געריסן, ווי א ווילדע כײַע, און האָט אָנגעוואָרפן א פּאַכעד אפן שטעטל. יעדן פרי־יאָר נאָכן אײַזגאַנג איז דער טײַך אַרויס פון די ברעגן, פאַרפלייצט אַלץ ווײַט און ברייט אַרום זיך און אָנגעטאָן גרויסע שאָדנס. מיר, קינדער, האָבן אָבער אויך דעם

אומגליק פאַרשטאַנען אויסצונוצן פאַר אונדזערע
שפּילערײַען און זײַנען ארומגעפאָרן אף ברעטער
איבער די פאַרטרונקענע געסלעך.

זאָרגלאָזע קינדער־יאָרן! אפילע די שווערסטע
איבערלעבונגען פון יענער ווײַט־פאַרגאַנגענער
צײַט רופן ארויס גליקלעכע זיכרוינעס, ווען מע
קוקט זיך אף דעם אום נאָך א דורכגעגאַנגענעם
לעבנס־וועג.

אָבער זאָרגלאָז געניסן פון דער נאַטור און אײַנ־
זאַפּן אין זיך אירע שיינקײַטן איז געגעבן געוואָרן
בלויז אונדז, קינדער. די דערוואַקסענע האָבן ניט
געקענט עס זיך פאַרגינען. זיי האָבן געאַרבעט,
זיך געראַנגלט פאַר דער בידנער עקזיסטענץ,
פאַרטאָן געווען אין זייערע אייסאָקים און דאגעס.

נײַרי איז געווען א האָרעפּאַשנע שטעטל, אירע
אײַנוווינער האָבן זיך פאַרנומען מיט מעלאָכע,
מיט מיסכער, מיט ערדאַרבעט. די באַפעלקערונג
איז באַשטאַנען פון ייִדן, לעטן, דײַטשן, רוסן. ניט
געקוקט אף דער נאַציאָנאַלער פילפאַרביקײַט,
האָט זיך דאָרט קיין נאַציאָנאַלער אַנטאַגאָניזם און
אָפּגעזונדערטקײַט ניט געמערקט. פאַרקערט, עס
האָט געהערשט קעגנזײַטיקע פאַרשטענדעניש
אפילע בענעגייע די שפּראַכן, ווײַל יעדער נײַ־
ריער האָט מער־ווייניקער אויך באַהערשט די אַנ־
דערע לעשוינעס. דאָס אייניציקע, אין וואָס עס
האָט זיך יאָ געלאָזט פילן די נאַציאָנאַלע בונט־
קײַט, זײַנען עפּשער געווען בלויז די פאַרשיידענע
נעמען, מיט וועלכע יעדע פעלקער־גרופּע האָט
אָנגערופן די שטאָט. אזוי האָט זי בא די דײַטשן
געהייסן פרידריכשטאַט, מיסטאָמע נאָך איינעם
א פרידריך, וואָס האָט געהאַט פאַרדינסטן פאַר
דער דײַטשישער באַפעלקערונג. בא די לעטן,
ווידער, וועלכע זײַנען עקאָנאָמיש פאַרבונדן
געווען מיט דער נאָענטער גרעסערער שטאָט מיי־
טאַווע — אף לעטיש יעלגאַווא — האָט אונדזער
שטעטל געהייסן „יאַוניעלגאַווא" (נײַ־מיטאַווע).
די רוסן האָבן דאָס שטעטל גערופן אָרעכאָווסק,
ווײַל אף די בערגלעך ארום זײַנען געוואַקסן ניס.
און די ייִדישע טוישווים, וועלכע זײַנען פאַרבונדן
געווען מיט ריגע, דעם ווירטשאַפטלעכן און גע־
זעלשאַפטלעכן צענטער, צו וועלכן זיי האָבן גע־
שטרעבט, האָבן זייער שטעטל געקרוינט מיט
דעם בעקאָוועדיקן נאָמען „נײַ־ריגע", וואָס איז
אין דער אומגאַנג־שפּראַך פאַרקירצט געוואָרן אף
נײַרי...

אייגנאַרטיק איז געווען די סאָציאַלע סטרוקטור
פון דער נײַריער ייִדישער באַפעלקערונג, וואָס
איז באַשטאַנען פון עטלעכע צענדליק נעגידים,
עטלעכע הונדערט באַלמעלאָכעס און קליינהענד־
לער, און פון עטלעכע טויזנט סטאַם קאַפּצאָנים.
אין שטעטל איז אפילע געווען א קוואַרטאַל, אינ־
גאַנצן באַוווינט דורך אָרעמעלײַט, דער אזויגע־
רופענער „יעכיעלס קוואַרטאַל". צום קאָוועד פון
די נײַריער אָרעמעלײַט מוז געזאָגט ווערן, אַז
האַגאַם זיי זײַנען געצווונגען געווען גאָר אָפט
אָנצוקומען צו קאָהאָלס הילף, האָבן זיי פונדע־
סטוועגן געטראָגן זייער קאַפּצאָנעס מיט זעלבסט־
ווירדע, זיי האָבן זיך ניט דערנידעריקט און האָבן
זיך געפילט באַרעכטיקט ניט צו בעטלען, נאָר
צו פאָדערן זייער כיילעק קיצווע.

א באַזונדערס שטאַרקן אײַנדרוק, געדענק איך,
האָט אף מײַן קינדערשער פאַנטאַזיע געמאַכט
דער אָנפירער פון די דאָזיקע קיצווע־לײַט, וועל־
כער האָט אין שטעטל געהאַט דעם נאָמען „קײַ־
זער". א הויכער, א ברייטפּלייציקער, פלעגט ער
יעדן פרײַטיק מאַיעסטעטיש שפּאַנען איבערן
שטעטל, מיט טקיפעס ארײַנגיין אין יעדער שטוב,
און מיט א שטאָלץ־אויפגעהויבענעם קאָפּ מאָנען
א נעדאָווע, אזוי ווי מע מאָנט א כויוו אָדער אַן
אָפּצאָל. דערבײַ פלעגט ער קופערמינץ מיט ביטל
אָפּוואַרפן און באַוויליקן אָנצונעמען נאָר זיל־
בערנע מאַטבייעס. אין אָט דער שטאָלצער אויפי־
רונג זײַנער האָט זיך געפילט דער דוירעסלאַנגער
אינווייניקסטער פּראָטעסט פון דעם אָרעמאַן קעגן
דער סאָציאַלער ניט־גלײַכהײַט. אף אונדז, קינ־
דער, האָט דאָס ארײַנקומען פון דעם „קײַזער"
שטענדיק געמאַכט א גרויסן רוישעם, און מיר
האָבן צו דעם מענטשן זיך באַצויגן מיט אַנצי־
קונג, וואָס איז אָבער געווען אויסגעמישט מיט
אינסטינקטיווער שרעק.

און קומט שוין צו רייד וועגן קינדערשער
שרעק, דערמאָנט זיך מיר אַן עפּיזאָד, וואָס איז
אויך פאַרבונדן מיט אָט דעם געפיל, אָבער שוין
ניט מיט אינסטינקטיווער, נאָר טאַקע מיט בע־
פוילמאַמעשדיקער שרעק.

אין א הייסן זומערדיקן טאָג האָב איך זיך גע־
שפּילט אין אונדזער זאַמדיק געסל מיט א שכיי־
נעסדיק זעכצניאָריק ייִנגל, מיט וועלכן מיר זײַ־
נען, ניט געקוקט אפן אונטערשייד אין די
יאָרן, — איך א פינפיאָריקער, — געווען באַ־
פרײַנדעט. מיר זײַנען ארומגעלאָפן, זיך געיאָגט,
און מיטאָמאָל האָב איך זיך פאַנאַנדערגעוויינט,
ווײַל מיר איז געוואָרן הייס און כ'האָב געוואָלט
טרינקען. ווען איך האָב דאָס געזאָגט מײַן כאַ־
ווער, האָט ער מיך צוגעפירט צום דערבײַיִקן
ברונעם, ארײַנגעזעצט מיך אין עמער און אָפּ־
געלאָזט די קייט... דער עמער האָט מיט גרויס
געשווינדקײַט זיך גענומען אַראָפּלאָזן, און איך
וועל קיינמאָל ניט פאַרגעסן די שרעק, וואָס האָט
מיך ארומגעכאַפּט, ווען די עפענונג פון דעם
ברונעם איבער מיר האָט זיך אַלץ פאַרקלענערט,
דער הימל איז פאַרשוווּנדן, און איך האָב זיך
דערנעענטערט צום קילן, פינצטערן אָפּגרונט.
און אָט האָט א פּליאָשק געטאָן, דער עמער איז
ארײַן אין וואַסער, און אין דעם מאָמענט פון
טויט־שרעק בין איך געקומען צו־זיך און אָנגע־
הויבן פאַרצווייפלט שרײַען. אויבן איז מײַן גע־
שריי דערהערט געוואָרן, און דאָ האָב איך דער־

פילט, ווי דער עמער טוט א ציטער און ווערט ארופגעצויגן. און אף אייביק האָט זיך אין מײַן זיקאָרן פארקריצט דער זיך אלץ פארגרעסערנדיקער און אלץ ליכטיקער ווערנדיקער פירעק איבער מײַן קאָפּ, די צוריקומענדיקע בלויקײַט פון הימל...

דאָ דערמאָנט זיך מיר נאָך א שווערע איבערלעבונג, וואָס האָט מיך מיט שרעק און ווייטעק פארפאָלגט דורך מײַן גאנצער קינדהײַט. דאָס מאָל איז עס געווען פארבונדן ניט מיט מיר פערזענלעך, ס'איז געווען אן אלגעמיינע צאָרע פון דער גאנצער נײַריער באפעלקערונג.

איך א זומערדיקער נאכט האָט מיך פלוצעם אופגעריסן פון שלאָף א גרויס געפילדער, הארצרײַסנדיקע געשרייען, א קלינגערײַ פון גלעקער, א בילעניש פון הינט. א צעטומלטער, בין איך, צוזאמען מיטן גאנצן הויזגעזינד, ארויסגעלאָפן אין דרויסן, און דאָ האָב איך דערזען, ווי דער גאנצער באנאכטיקער הימל איז פארצויגן מיט א פלאקערנדיקער רויטקײַט. אין שטעטל איז אויסגעבראָכן א מוירעדיקע סרייפע, אלץ ארום איז געשטאנען אין פלאמען. אין אָט דער שרעקלעכער נאכט איז א טייל נײַרי אוועק מיטן פײַער.

איך מעשעך פון א סאך יאָרן נאָך דעם האָבן מענטשן נאָך אלץ ניט געקאָנט קומען צו־זיך, דאָסראָוו אײַנוווינער איז פאראָרעמט געוואָרן, און ווו מ'האָט זיך נאָר געקערט און געווענדט, האָט מען געזען סטארטשענדיקע כורוועס. מײַן גאנצע קינדהײַט איז געשטאנען אונטערן צייכן פון אָט די אומגליקלעכע, שרײַענדיקע כורוועס, וועלכע האָבן ארופגעוואָרפן אף מיר א מוירע און זיך אָפּגערופן אין הארצן מיט פּײַן און ווייטעק. זיי האָבן געמאכט אף מיר אזא דערשיטערנדיקן אײַנדרוק, אז אין צענדליקער יאָרן ארום האָב איך געשריבן אן ארטיקל „ייִזקויר“ (זאמלהעפט „אפן שוועל“, ריגע, 1921), אויסצוגן פון וועלכן איך וועל דאָ ברענגען:

„מידבער... שטומע קוימענס, שווארץ־צעלעכערטע, ווארפן צום הימל רויִק־קלאָרן קלאָלעסטאכנונים... הארט לעבן שטעטל רוט דער בעסוילעם, וועבט אייביקײַט־כאָלעם. פליט עפּעס דורך דעם בעסוילעם דעם שטילן, רוימט אײַן א סאָד פון אמאָליקע צײַטן: צארטע באגינענס, ליכטיקע קינדער־טעג, זוניקע מאָרגנס און זומער־נעכט רייכעספול... געווען דאָ א שטעטל, א קליין רויִק טײַכל... געווען... אמאָל... איצט — מידבער. מייסים־אָרעמס פון לעוואָנע האלדזן און וויגן דעם שטעטל־בעסוילעם. צווישן כורוועס און מאצייוועס בלאָנקעט עפּעס, ווײַס, אָן שאָטן. צי גייט דאָס דער זיידע אין ראַיוינעס דורך די געסלעך צום בעסמעדרעש? אָדער דאָס אייניקל בלאָנדזשעט פארוואָגלט, שטום פארבײַ מאצייוועס צו די וועלטן פול מיט סוידעס?.. צי איז דאָ בעעמעס א שטעטל געווען?..“

די דאָזיקע געדאנקען און שטימונגען זײַנען אופגעקומען בא מיר באם דערמאָנען זיך אין די שוידערלעכע כורוועס פונעם אָפּגעברענטן נײַרי.

א פּראָטעסט קומט אויף...

די נײַריער ייִדן זײַנען, ווי איבעריקנס די ייִדן פון אלע אנדערע קורלענדישע שטעטלעך, געווען דאָסראָוו „פארדײַטשמערישט“. אָבער פון טראַדיציע האָבן זיי געהאלטן און אָפּגעהיט שאבאָסים און יאָמטויוים, וועלכע האָבן ארײַנגעטראָגן אין די גראָע וואָכן־טעג דעם אָפּגלאנץ פונעם ווײַטן אָוואר. קיין שטארק גלייביקע זײַנען זיי אָבער ניט געווען, און די קינדער זײַנען געוואקסן אין אן אטמאָספער פון רעליגיִעזער טאָלעראנץ, אף אזוי ווײַט, אז די עלטערן האָבן זיי אפילע ניט געצוווּנגען גייך אין בעסמעדרעש, און ארײַנגעקומען אהין זײַנען די קינדער מער אויס נײַגעריקײַט.

נאָך ווײַטער אין אפּיקאָרסעס איז אוועק די נײַריער אינטעליגענץ, וועלכע איז שוין צוגעשטאנען צו דער האסקאָלע־באוועגונג און געווען אינגאנצן פרײַדענקעריש געשטימט. דערבײַ אָבער האָבן די דאָזיקע אופגעקלערטע זיך אויך ניט אָפּגעריסן פון דער ייִדישער טראדיציע. אזוי, לעמאָשל, איז מײַן פאָטער — א געוועזענער באָכער פון וואָלאָזשינער יעשיווע, וועלכער איז שפּעטער אוועק אף „שלעכטע וועגן“ און אין וועמענס ביכער־שראנק עס זײַנען אין איין ריי מיט געמאָרעס און אנדערע רעליגיִעזע ספאָרים געשטאנען פושקין און היינע, לערמאָנטאָוו און שילער, מאפּו און סמאָלענסקין, ביכער אין ייִדיש און לעטיש — גלײַכצײַטיק געווען גאבע אין נײַריער כסידישן „שטיבל“ און אויך פאָרשטייער פון דער ייִדישער באפעלקערונג אין דער שטאָט־דומע.

דערבײַ דערמאָנט זיך מיר אן עפּיזאָד פון מײַן פריִער קינדהײַט, אן עפּיזאָד, וואָס איליוסטרירט די פרײַדענקערישקײַט פון מײַן פאָטער און ווארפט אויך א שײַן אף מײַן דעמלט שוין אופגעקומענער אפּיקאָרסעס.

ווען מײַן רעבע איציק באקסטער האָט אָנגעהויבן אײַנקנעלן מיט זײַן כיידער, אין וועלכן איך בין אָקאָרשט אָנגעקומען, דעם כומעש, און האָט פארטײַטשט דעם ערשטן זאץ: „בראשית ברא...“ — „אין אָנהייב האָט גאָט באשאפן הימל און ערד“, האָב איך (איך בין דעמלט אלט געווען פינף יאָר) געשטעלט דעם רעבן א קלאָץ־קאשע: „און ווער האָט באשאפן דעם גאָט?“ דער מעלאמעד איז געוואָרן מאָלע־כיימע אף אזא כוצפּע, אָבער אזוי ווי אָפּשמײַסן מיך, דעם זון פון אן אָנגעזעענעם מענטש אין שטעטל, האָט ער זיך ניט דערוועגט, האָט ער מיך פּאָשעט ארויסגעטריבן פון כיידער און אנגעזאָגט מיטן

הארבן וואָרט, איך זאָל מער אזעלכע נארישע קאשעס ניט שטעלן. ווען איך האָב דערציילט דעם פאָטער די מײַסע, האָט ער מיך ניט נאָר ניט באשטראָפט, נאָר ער האָט מיך באפרײַט פון גיין ווײַטער אין כיידער און געדונגען א פּריוואטן לערער, איינעם פון די שטעטלשע מאסקילים, וועלכער האָט פון דעמלט אָן מיך אָנגעהויבן אונטעריכטן טאנאך און לאָשנקוידעש, אויך רעליגיִעזע לימודים, אָבער שוין ניט אין גײַסט פון די אלטפרענקישע מעלאמדים.

איך דערמאָן זיך, ווי די אוראלטע לעגענדעס, מיט וועלכע מײַן נײַער לערער האָט מיך באקענט, האָבן געפונען אַן אָפּקלאנג אין דער קינדערשער נעשאָמע, און ווי מיך האָט באצויבערט דאָס געשטאלט פון מוישען, דעם באפרײַער פון קנעכטשאפט, און ווי די טרוימען פון די נעוויִים וועגן אייביקן פרידן האָבן צעצונדן מײַן פאנטאזיע. צוגלײַך מיט דעם האָבן, ווי שווערע שטיינער, מיך געדריקט די דוירעסלאנגע רעדיפעס און גרויזאמקײַטן, און מײַן הארץ האָט געווייטעקט פאר די אומפארדינטע פארפאָלגונגען און רעכטלאָזיקײַט פון ייִדישן פאָלק. ווי עס שײַנט, זײַנען שוין דעמלט פארוואָרפן געוואָרן אין באוווּסטזײַן די ערשטע זוימען פון בענקשאפט נאָך גערעכטיקײַט צווישן מענטשן און פעלקער, די זוימען, וואָס האָבן שפּעטער אויסגערײַפט און געוואָרן דער ציל און דער איקערסטימול פון מײַן לעבן, שאפן און קאמף.

געווען אויך צווישן די נײַריער ייִדן אויסגעשפּראָכענע אטעיִסטן. איך וועל, אשטייגער, קיינמאָל ניט פארגעסן אונדזער שאָכן, דעם צונאטנמאכער נאָכעם־לייב קריגער, וועלכער האָט יעדן שמועס זײַנעם צוגעפּעפערט מיט אפּיקאָרסישע גלײַכווערטלעך. זײַנע ניט באזונדערס גאָטספאָרכטיקע פּסוקים־אויסטײַטשונגען, ווי „אימרו לײלויִהים — רייד צו דער וואנט!", „באָרוך אטאָ — קעלבערנער טאטע" אא., האָבן אָף מיר געמאכט א שטארקן רושעם. נאָכעם־לייב איז געווען, אזוי צו זאָגן, מײַן ערשטער וועגווײַזער אין אטעיִזם...

ווען איך האָב אין דער רעאל־שול שוין געלערנט רוסישע געשיכטע און באגײַסטערט געוואָרן פון די דעקאבריסטן און נאראָדאָוואָלצעס, האָט דער פּראָטעסט קעגן אומגערעכטיקײַט מיך נאָך שארפער דורכגעדרונגען און כ'האָב אָנגעהויבן — דערווײַל נאָך אומבאוווּסטזיניק — זוכן וועגן, וויִאזוי דעם פּראָטעסט מײַנעם אויסצודריקן. באוווּסטזיניק און באשטימט איז פאר מיר געוואָרן די סיבע צו דער צארישער זעלבסטהערשאפט דעמלט, ווען מיר, יונגע שילער, האָבן זיך באקענט מיטן „קאָמוניסטישן מאניפעסט", וואָס איז צו אונדז אומלעגאל דערגאנגען. ווען מיר האָבן דורכגעלייענט דעם ערשטן זאץ וועגן דעם „געשפּענסט פון קאָמוניזם, וואָס שפּאנט איבער אייראָפּע", האָט אונדז ארומגעכאפּט א לײַדנשאפטלעכער באגער זיך צו באגעגענען מיט אָט דעם „געשפּענסט". דאָ איז קעדײַ צו דערציילן א טשיקאוון עפּיזאָד, וואָס איז כאראקטעריסטיש פאר אונדזערע יונגע שטימונגען אין יענער צײַט און אויך פאר די שטימונגען, וועלכע האָבן דעמלט, אין 1894, געהערשט צווישן דער לעטישער אינטעליגענץ.

ווען אונדזער שול־כאָר האָט איינמאָל רעפּעטירט דעם צארישן הימן, האָבן די באסן אָנשטאָט די ווערטער „באָזשע, צאריא כראני" („גאָט, היט דעם צאר") קלאָר און דײַטלעך אויסגעזונגען „באָזשע, צאריא כאָראָני" (גאָט, באגראָב דעם צאר"), און דער לערער, א לעט, האָט דערבײַ געשמייכלט אונטערן וואָנץ און זיך אָפּגעקערט, ווי ניט דערהערנדיק די דאָזיקע גרוילִיקע פארשוועכונג.

שפּעטער, ווען מיר האָבן זיך באקענט מיט לענינס אומלעגאל צו אונדז דערגאנגענער „איסקרא" און מיט איר דעוויז „פון א פונק וועט זיך צעצינדן א פלאם", האָט אונדז שוין באגײַסטערט די זיכערקײַט, אז יענער אויסגעטרוימטער געשפּענסט פון קאָמוניזם האָט זיך דערקלײַבן צום צארישן רוסלאנד און שוין דערגרייכט אויך צום טכום־האמוישעוו.

סטודענטן־יאָרן אין דער שווייץ

אין הארבסט 1905 בין איך אָנגעקומען אָפן יורידישן פאקולטעט פונעם פּעטערבורגער אוניווערסיטעט און אקטיוו זיך שוין באטייליקט אין דער ארבעט פון דער לינק־סאָציִאליסטישער גרופּע פּעטערבורגער סטודענטן. ס'איז געווען די פינצטערע צײַט פון די ייִדישע פּאָגראָמען, און אונדזער גרופּע האָט באשלאָסן ארויסצוגעבן א בראָשור «Кому нужны погромы?» („וועמען זײַנען נייטיק די פּאָגראָמען?"), אין וועלכער עס זאָל אָפן סמאך פון פאקטן באוויזן ווערן די נאָענטע פארבינדונג פון דער צארישער מאכט מיט דער שווארצער מייע און ווי זיי האָבן צוזאמען דורכגעפירט די אנטיסעמיטישע ארויסטרעטונגען אין קעשענעוו, האָמעל, אָדעס, ריגע און אין א ריי אנדערע שטעט. אָבער באלד ווי די דאָזיקע בראָשור איז ארויס פון דרוק, איז זי קאָנפיסקירט געוואָרן, און דער רעדאקטאָר פון דער אויסגאבע — אין דעם פאל בין איך דאָס געווען — האָט געזאָלט צוגעצויגן ווערן צום געריכט. נאָר איך האָב באצײַטנס זיך דערוווּסט וועגן דעם פון אונדזערע מענטשן, וועלכע האָבן געארבעט אין דער פּראָקוראטור, און ס'איז מיר געלונגען צו פארלאָזן פּעטערבורג און אונטערנעמען א נעסיִע איבער די שטעט פון דאָרעם־מײַרעוו־רוסלאנד, ווו כ'האָב אָנטיילגענומען אין

די לימודים פון די אומלעגאַלע אַרבעטער־קרײַזנ־לעך. אַזוי האָט זיך מיר אַ געוויסע צײַט אײַנגע־געבן אָפּנאַרן די פּאָליציי, אָבער סאָף יאַנוואַר 1906 האָט מיך אָף דער סטאַנציע סאַרני, ניט ווײַט פון קיִעוו, פאַרהאַלטן אַ זשאַנדאַרם און אָפּגעפירט אין דער פּאָליציי־אָפּטיילונג, ווו דער אָפיצער האָט מיך באַגעגנט מיט דער פראַגע:

— וווהין, יונגערמאַן, האָט איר דאָס געפירט דעם טשעמאָדאַן באַמבעס, מיט וועלכן מ'האָט אײַך געפּאַקט?

ווען איך האָב געענטפערט, אַז דאָס איז אַן אויסגעטראַכטע באַשולדיקונג, אַז איך האָב קיין שום באַמבעס ניט געפירט, איז ער געוואָרן אויסער־זיך, האָט אַרײַנגערופן צוויי זשאַנדאַר־מען און געהייסן מיך אָפּפירן. דערבײַ האָב איך באַמערקט, אַז ער מאַכט אַ ניט־צווײדײַטיקן זשעסט...

אויפן וועג האָב איך געהערט, ווי איינער פון מײַנע קאָנוואָירן זאָגט שטיל צום צווייטן:

— וואָס וועלן מיר זיך דאָ מיט אים אַרומ־פירן? אַ פרוו צום אַנטלויפן — און...

— און וואָס וועט זאָגן אײַער געוויסן, — האָב איך זיך געווענדט צו אים, — ווען איר וועט אומברענגען אַן אומשולדיקן מענטשן?

איך ווייס ניט, צי מײַן ווענדונג צום געוויסן האָט געווירקט, צי זיי האָבן צוליב אַנדערע סי־בעס אָפּגעזאָגט זיך פונעם געדאַנק מיך צו דער־שיסן, נאָר געענדיקט האָט זיך דערמיט, וואָס זיי האָבן מיך אַרײַנגעשטופּט אין אַן אַרעסטאַנטן־וואַגאָן און אָפּגעפירט קיין ראָוונע, ווו מ'האָט מיך אַרײַנגעזעצט אין טורמע.

אָפּגעזעסן בין איך דאָרטן דרײַ כאַדאָשים, בייס וועלכע עס זײַנען געגאַנגען קעסיידערדיקע אויסמאַטערנדיקע פאַרהערן, וואָס האָבן אָבער צו גאָרנישט ניט געבראַכט. און אַזוי ווי קיין קאָנקרעטן באַשולדיקונג־מאַטעריאַל האָט די זשאַנדאַרמעריע אין איר רעשוס ניט געהאַט, האָט מען מיך, ענדלעך, אונטער אַ קאָנוואָי צו־געפירט צו דער גרענעץ און אַרויסגעשיקט פון רוסלאַנד.

אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן מײַן פּאָליטישע עמיגראַציע, בייס וועלכער איך האָב זיך באַזעצט אין דער שווייץ און אָנגעקומען אָפן יורידישן פאַקולטעט פונעם בערנער אוניווערסיטעט.

פאַרוואָס האָב איך אויסגעקליבן די שווייץ? ווײַל אָט דאָס קליינע מעדינעלע איז אין יענער צײַט, ווען אין רוסלאַנד האָט געהערשט די גרויזאַמע סטאָליפּינישע רעאַקציע, געווען די „עלדאָראַדאָ פון פרײַהײַט", וווהין עס זײַנען געלאָפן די פאַרפאָלגטע דורכן צאַריזם פרײַ־דענקענדיקע מענטשן. געווירקט האָט אָף מיר נאָך פרידריך שילערס באַרימטע טראַגעדיע „ווילהעלם טעל", אין וועלכער עס ווערט, ווי באַוווסט, אָף אַ ראָמאַנטישן אופן געשילדערט דער קאַמף פון שווייצאַרישן פאָלק פאַר אומאָפּ־הענגיקײַט.

פאַרשטייט זיך, אַז אַכוץ אָט דער ראָמאַנטיק זײַנען אויך געווען אַנדערע סיבעס, פאַרוואָס די שווייץ האָט צוגעצויגן צו זיך. אין דער ערשטער ריי איז דאָס געווען די פּערספּעקטיוו אָנגענומען צו ווערן אין אַן אָרטיקן אוניווערסיטעט, ווו די לימודים האָבן געפירט באַרימטע פּראָפעסאָרן.

אַזוי איז געשען, אַז אָט דאָס לאַנד, וואָס איז פון טאָמיד אָן געווען נייטראַל אין די וועלט־קאָנפליקטן, איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פּאָ־ליטישער איר־מיקלאָט, ווו עס זײַנען זיך צוזאַ־מענגעקומען רעוואָליוציאָנערע טוער ניט נאָר פון רוסלאַנד, נאָר פון אַלע עקן וועלט.

די שווייץ האָט צוגעצויגן צו זיך אויך מיט איר וווּנדערלעכער נאַטור. די מעכטיקע אַלפּן־בערג, ווו אין שכיינעס מיטן אייביקן שניי אָף די אומדערגרייכבאַרע הייכן האָבן זיך געשפּרייט געמיטלעכע, בלײַענדיקע לאָנקעס; די דורכזיכ־טיקע, פרידלעכע אָזערעס; דער בלאָער וואָלקנ־לאָזער הימל, — דאָס אַלץ האָט באַצויבערט.

אָף מיר האָט די שווייצער נאַטור געמאַכט אַ באַזונדערס שטאַרקן אײַנדרוק. איך בין דאָך געבוירן געוואָרן און געוואַקסן אין אַ פלאַכלאַנד און געזען דאָרט בלויז קליינינקע, „היימישע" בערגעלעך, קיין עמעסע בערג האָב איך קיינמאָל ניט געזען... בין איך געוואָרן אַ לײַדנשאַפטלעכער באַרג־שטײַגער, מיטן רוקזאַק אָף די פּלייצעס האָב איך אומדערמידלעך געשפּאַנט איבער די ווילד־צעריִטע, פעלדזיקע לאַנדשאַפטן, און פון דער קאַפּשווינדלדיקער הייך פון די בערג האָט זיך פאַר מיר אַנטפּלעקט גאָר אַ נײַע וועלט. בייס אָט די וואַנדערונגען האָב איך געהאַט די גע־לעגנהײַט צו זען און צו באַוווּנדערן ניט איין זון־אויפגאַנג אין די בערג, ווען די רויטע כוואַ־ליעס פונעם הימלשן מיזרעך־ראַנד האָבן זיך געהויבן אַלץ העכער, פאַרטריבן די שאָטנס פון דער נאַכט, ביז די זון האָט אײַנגאַנצן באַהערשט דעם אַרום און פאַרשפּרייט איר בלענדיק ליכט. אין דעם געבורט פונעם נײַ־אויפקומענדיקן טאָג האָב איך אײַנגעזען דעם סימבאָל פון דער זיך באַנײַענדיקער וועלט, און אין מײַן באַוווסטזײַן איז אויפגעקומען די זיכערקײַט, אַז אַ באַרג־אַרוף וועט אויך אונדז פירן צו די ליכטיקע הייכן פון אַ באַנײַטער, עמעס־פרײַער מענטשהײַט...

אויך אין אַן אַנדער זין איז פאַר מיר די שווייץ געווען אַ טיפע איבערלעבונג. ווײַל שוין פון מײַנע קינדער־יאָרן אין קורלענדישן שטעטעלע און בייס די שפּעטערדיקע וואָגלענישן איבערן טכום־האַמושעוו האָב איך געזען אַרום זיך בלויז אָרעמקײַט און נויט. און דאָ בין איך גע־קומען אין אַ לאַנד, וואָס האָט פון ערשטן בליק געמאַכט דעם אײַנדרוק פון פאַרפונדעוועטקײַט, אין שטעט, ווו רײַכע בולוואַרן האָבן געווימלט

מיט א פילפארביקן, לוסטיקן האמוין. ווײַל אכוץ פאָליטישע עמיגראנטן האָט די שווייץ אויך צוגעצויגן צו זיך גרויסע מאכנעס טוריסטן, רײַכע ליידיקגייערס פון גאָר דער וועלט, וועלכע זײַנען געקומען אהער מיט פול־אָנגעשטאָפטע טײַסטערס. און אָט דער זאטער און זעלבסטצופרידענער אוילעם האָט זיך באזונדערס געוואָרפן אין די אויגן, און דער פוץ און הארמידער האָט פארשטעלט פאר דעם אומדערפארענעם יונגנמאן די שאָטנדיקע זײַטן — דאָס אויסגעמאטערטע לעבן פון די עמיגראנטן, זייער קאמף אָף דורכצוקומען דעם טאָג און די נויט פון דער ארבעטערשאפט, וואָס האָט אויך דאָ, אין דער „זאטער שווייץ“, געהאט אויסצושטיין א שווערן געראנגל.

אָבער עס האָט ניט לאנג געדויערט, און איך האָב זיך שוין אויסגעלערנט צו זען די נויט און די רעכטלאָזיקײַט פון די באאוולטע שיכטן פון דער שווייצערישער באפעלקערונג, דערזען דאָס, וואָס איז אין אָנהייב פארשטעלט געווען דורך דער קלוימערשטער אידילישקײַט און געמיטלעכקײַט. און געהאָלפן מיר צו באזיניקן דאָס האָבן די ארויסטרעטונגען פון די רעוואָליוציאָנערע טוער, באזונדערס לענינס ארויסטרעטונגען. ווי באוווּסט, האָט לענין עטלעכע מאָל באזוכט די שווייץ, און זײַנע לעקציעס האָב איך קיינמאָל ניט דורכגעלאָזט, פונקט ווי אלע סטודענטן פון רוסלאנד, וועלכע האָבן געלעכצט צו הערן דאָס עכטע רעוואָליוציאָנערע וואָרט.

■

וו. אי. לענין איז פון צײַט צו צײַט אויפגעטראָטן מיט רעפעראטן וועגן דער רוסישער רעוואָליוציע און אויך וועגן דער אינטערנאציאָנאלער רעוואָליוציאָנערער באוועגונג. ער האָט שטענדיק באגײַסטערט זײַנע צוהערער מיט דעם הארמאָנישן סינטעז פון רעאליזם און רעוואָליוציאָנערער ראָמאנטיק.

זייער פיל אויפמערקזאמקײַט האָט לענין אין אלע זײַנע ארויסטרעטונגען געווידמעט דער נאציאָנאלער פראגע, דער נויטווענדיקײַט פון גלײַכבארעכטיקונג פאר אלע פעלקער, וואָס וווינען אין רוסלאנד. דער לענינישער צוגאנג צו אָט דער פראָבלעם האָט מיך שטארק באאײַנפלוסט, און ווען איך האָב אין 1908 געשריבן מײַן דאָקטאָר־דיסערטאציע, האָב איך פאר איר טעמע אויסגעקליבן די נאציאָנאליטעטן־פראָבלעם. דער גרונט־געדאנק פון אָט דער ארבעט, וועלכע איז אין 1910 דערשינען אין ריגע אונטערן נאָמען „צור נאציאָנאליטעטן־פראגע“, איז געווען, אז יעדעס פאָלק האָט רעכט אָף זעלבסטבאשטימונג און אז דער היסטאָרישער וועג פירט פון דער אימפעריע און פון דעם צאריזם, ווו עס הערשט גרויסמעלוכישער שאָוויניזם און פעלקער־אונטערדריקונג, צו א דעמאָקראטישער אָרדענונג מיט דער גלײַכבארעכטיקונג פאר אלע פעלקער. אזעלכע פילנאציאָנאלע מעלוכעס, ווי רוסלאנד, דארפן פארוואנדלט ווערן אין פעדעראציעס פון גלײַכבארעכטיקטע נאציאָנאלע רעפובליקן.

דאָ איז קעדײַ זיך אָפצושטעלן אָף דעם, אז ווען וו. אי. לענין האָט אין יאָר 1913 זיך באקאנט מיט מײַן דיסערטאציע, האָט ער איר געגעבן א פאָזיטיווע אָפשאצונג, און אין זײַנע שריפטן לייענען מיר פאָלגנדיקע פארצייכענונג:

„מ. שאטץ. „צו דער נאציאָנאלער פראגע“

מאקס שאטץ [מיטארבעטער פון „Sozialistische Monatshefte“]: „צו דער נאציאָנאלער פראגע“. ריגע, 1910 (זײַט 101) [(בערנער אוניווערסיטעט) יורידישע דיסערטאציע. בערן].

גענויע סטאטיסטישע אָנגאבן וועגן דער שווייץ, עסטרײַך (1880, 1890 און 1900), רוסלאנד און טיילווײַז טערקײַ (((זייער נוצלעך פאר ספראווקעס)))“. («Ленинский сборник» XXX, стр. 40—41, Партиздат, 1937).

אָפט איז מיר אויך אויסגעקומען צו הערן די פאָרטראָגן פון געאָרגי פלעכאנאָוו, וועלכער האָט באלויכטן די רעוואָליוציע פון שטאנדפונקט פון די מענשעוויקעס און געפרווּוט שאָלעם מאכן צווישן די עקסטרעם־רעכטע און עקסטרעם־לינקע. אויפגעטראָטן איז ער שטענדיק אָן אויסגעפוצטער אין א פראק און מיט זײַן אויסזען געמאכט דעם אײַנדרוק פון א דוואָריאנין. זײַן ריידן האָט זיך אויסגעצייכנט מיט בילדערישקײַט. איך דערמאָן זיך, אז אָף מײַן פראגע, וויאזוי ער שאצט אָפ דעם „בונד“, האָט ער געענטפערט זייער שארפזיניק:

«Бундовцы — это те же сионисты, только боящиеся морской качки...»

(די בונדאָווצעס זײַנען די זעלביקע ציוניסטן, נאָר מיט דעם כילעק, וואָס זיי שרעקן זיך פאר יאם־קראנקײַט).

זייער באליבט בא דער שטודירנדיקער יוגנט איז געווען לונאטשארסקי, וועלכער האָט אין זײַנע ארויסטרעטונגען שטענדיק מיט גרויס באגײַסטערונג גערעדט וועגן די וועלט־באנײַענדיקע פערספעקטיוון פון דער רוסישער רעוואָליוציע. און ניט בלויז אין פאָליטישע פראגן האָט ער געזאָגט זײַן וואָגיק וואָרט, — ער איז אויפגעטראָטן אויך מיט גײַסטרײַכע לעקציעס וועגן פראגן פון ליטעראטור, קונסט און עסטעטיק און דערבײַ ארויסגעוויזן גרויסע קענטענישן און אויסטערלישן געשמאק.

איינע פון די באזונדערס קאָלאָריטפולע פיגורן צווישן די עמיגראנטן איז געווען זשאן זשאָרעס, וועמען איך האָב מערערע מאָל געהערט ריידן. ס'איז געווען ציקאווע צו זען, ווי ער שפאנט

אַרום די גאַנצע צײַט פֿון דער אַרויסטרעטונג אַהין און אַהער איבער דער טריבונע, גייט אַלץ מער און מער אַרײַן אין היץ, טוט אַ ריס פֿון זיך דעם האַלדזטוך, וואַרפֿט אַראָפּ די מאַנזשעטן, רעדט אַלץ מיט מער אימפּעט. ער איז געווען אַ פֿלאַמיקער טריבון, און זײַנע צוהערער האָבן אין אים געזען און געפֿילט אַ מין „מאַראַט אָדער דאַנטאָן פֿון 20־טן יאָרהונדערט".

אין יענעם 1907 יאָר איז אין דער שווייץ אויך געווען דער „זיידע" פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור מענדעלע מוכר־ספֿרים און עטלעכע „אייניקלעך" זײַנע, ייִדישע שרײַבער, וועמען עס האָבן פֿאַרטריבן אַהער די שוואַרצמייעדיקע פּאָגראָמען אין רוסלאַנד. דאָס איז געווען באַלד נאָך דעם, ווי ס'איז אָפּגעמערקט געוואָרן מענדעלעס 70־יאָריקער יוביליי. ווען מיר האָבן זיך דערוווּסט, אַז דער „זיידע" איז דאָ, זײַנען מיר, אַ גרופּע סטודענטן, אַוועק צו אים אַהיים אים באַגריסן.

מענדעלע איז געזעסן אויבנאָן באַם טיש און מיט גרויס ליבשאַפֿט אַרומגענומען דאָס „אייניקל" שלום־עליכמען, וועלכער איז געזעסן בײַ זײַן זײַט. אויסער אונדז, זײַנען בײַ דעם טיש פֿאַרזאַמלט געווען אַ סך געסט. מיר האָבן מיט באַגײַסטערונג באַגריסט דעם יובילאַר און אים געבעטן זיך טיילן מיט זײַנע שעפֿערישע פּלענער.

מענדעלע איז אויפֿגעשטאַנען און האָט קוידעם־כּל אַרויסגעזאָגט זײַן פֿרייד און די פֿרייד פֿון זײַן „אייניקל" שלום־עליכעם זיך צו באַגעגענען מיט דער סטודענטישער יוגנט. נאָכדעם האָט ער געזאָגט:

— יאָ, עס לעבט זיך אונדז גאָר ניט לײַכט. צאָרעס און אומגליקן — אָן אַ שיעור, פֿרייד — ווייניק. אין דער היים בײַ אונדז, אין רוסלאַנד, קומט פֿאָר אַ קאַמף צווישן פּראָגרעס און רעגרעס, צווישן די קעמפֿער פֿאַר פֿרײַהייט און דער שוואַרצמייעדיקער רעאַקציע. ניט צופֿעליק דעריבער האָבן מיר זיך איצט באַגעגנט מיט אײַך דאָ...

אָבער אויב אין מײַן לעבן איז געווען אַ סך צאָרעס און ווייניק פֿרייד, האַלט איך, אַז פֿאַר אײַך, אונדזער יונגן אומבײַט, אַנטפּלעקן זיך גאָר אַנדערע, ליכטיקע פּערספּעקטיוון. מיר דאַרפֿן מיט אײַך אויסראָטן אַלע איבערבלײַבענישן פֿון דער פֿאַרגאַנגענהײַט — אַמעראַצעס, אָבסקוראַנטיזם. איר דאַרפֿט באַהערשן די וויסנשאַפֿטן און ריכטן אַלע אײַערע קויכעס צו די הויכע צוועקן. מ'טאָר ניט עקספּלואַטירן דעם אַרבעטס־מענטש, ווי דאָס האָט אָן אָרט אין אונדזערע שטעטלעך — אין קאַפּצאַנסק, טונעיאַדעווקע, גלופּסק.

מע דאַרף מיט סאַטירישע ריטער אָפּרייניקן די וועלט פֿונעם אַלטוואַרג, פֿון דעם, וואָס פּײַניקט די פֿילגעליטענע „קליאַטשע".

— איר זײַט באַרופֿן פֿאַרזעצן, — האָט ער ווײַטער געזאָגט, — דעם קאַמף פֿון די רעוואָליוציאָנערע דעמאָקראַטן און פֿון די גרויסע שרײַבער פֿון דער רוסישער ערד, פֿון די קעמפֿער פֿאַר דער אידיי פֿון סאָציאַלן הומאַניזם... מײַן אָנזאָג פֿאַר אײַך — זיך ניט אונטערגעבן, ניט פֿאַרלירן די האָפֿענונג, נאָר טיף גלייבן אינעם טריומף פֿון דעם עמעס. אָט זעט איר, שלום־עליכעם, מײַן טרײַ אייניקל, פֿילט גוט אויס דעם דאָזיקן אָנזאָג.

און ער האָט פֿאַרגעלייגט שלום־עליכעמען:

— דערציילט טאַקע אָקאָרשט אונדזערע יונגע געסט, איבער וואָס איר אַרבעט אַצינד.

שלום־עליכעם האָט אויסגעזען ערנסט, און בלויז אין זײַנע אויגן האָט געבליצט אַ פֿאַרבאָרגענער שמייכל, בייס ער האָט אָנגעהויבן:

— אײַך איז, פֿאַרשטייט זיך, באַקענט די לעגענדע, וואָס דאָס פֿאָלק האָט געשאַפֿן וועגן מאַבול. צוליב וואָס איז אים נייטיק געווען אָט די לעגענדע? צי ניט דערפֿאַר, ווײַל אויף דער וועלט זאַמלט זיך קעסיידער אָן אַ סך אַלטוואַרג, שמוץ, מאָראַלישע קויט, און עס קומט אויף אַ נייטיקײַט אָפּצורייניקן זי פֿון דעם אַלעמען? צוליב דעם דאַרף מען דעם מאַבול — ער זאָל ריינוואַשן אונדזער פּלאַנעטע פֿון יעטווידן באַלאַסט, מענטשן זאָלן קאָנען פֿרײַ אָפּעטעמען און אָנהייבן אַ נײַ, פֿרײַ לעבן. איז אָט די דאָזיקע פֿאָלקס־לעגענדע וועגן מאַבול האָט מיר אונטערגעזאָגט דעם פֿאַרטראַכט פֿונעם ראָמאַן, איבער וועלכן איך אַרבעט אַצינד. דאָס האָט מיר געהאָלפֿן צו באַזיניקן די סאָציאַלע פֿונקציע פֿון די רעוואָליוציאָנערע איבערבראָכן, וואָס עפֿענען פֿאַר די פֿעלקער נײַע וועגן צום פּראָגרעס. אָט איר, די יוגנט, האָט אַליין דערפֿילט אויף די אייגענע פּלייצעס דעם שווערן יאָך פֿון דער זעלבסטהערשונג מיט אירע טורמעס, קאַטאָרגע, טליעס. וואָס שײַעך אונדז, דעם עלטערן דאָר, זײַנען מיר שוין גאָר לאַנג באַקענט מיט די שוואַרצמייעדיקע שלאַנגען. ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן די רעוואָליוציע, האָבן מיר מיטן „זיידן" געמיינט: אויס! מאָשיעך איז שוין געקומען! עס האָבן זיך אָבער אָנגעהויבן שוואַרצמייעדיקע פּאָגראָמען, און מיר האָבן געמוזט זיך טרעפֿן דאָ... איך אַרבעט אַצינד איבערן ראָמאַן „דער מאַבול" — וועגן דעם קאַמף צווישן אַלטן און נײַעם, צווישן די קינדער און זייערע אַלטפֿרענקישע טאַטעס.

עס איז איבעריק צו דערציילן, ווי אויפֿמערקזאַם מיר האָבן אויסגעהערט די רייד פֿון די צוויי באַליבטע שרײַבער. אונדז איז נאָך קלאָרער גע־

וואָרן, וואָס פאַר אַ גרויסע אויפגאַבע עס ווערט אַרופגעלייגט אַף אונדז, יוגנט.

דערנאָך האָט דער „זיידע" זיך אינטערעסירט מיט דעם, ווי מיר לעבן דאָ. מיר האָבן אים דערציילט וועגן די לעקציעס, וואָס מיר באַזוכן, וועגן די רעוואָליוציאָנערע קרייזלעך. אויך — וועגן אונדזערע מאַרשן אין די אַלפּן, וועגן דעם, ווי מיר פאַרקלייבן זיך אַף די שפּיצן פון די בערג, קעדיי דאָרטן צו באַגעגענען די אויפגייענדיקע זון...

דער „זיידע" האָט צופרידן צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, און שאָלעם־אַלייכעם האָט אַף זיין שטייגער אַ זאָג געטאָן:

— יאָ, בעעמעס אַ וווּנדערבאַר לאַנד איז די שווייץ! אַ שאָד בלויז, וואָס די בערג מאַכן זי קאַליע...

מיר האָבן זיך אַלע צעלאַכט, און דער „זיידע" האָט גוטמוטיק אַ פּאַטש געטאָן זיין „איינִיקל" אין פּלייצע.

■

אַן אומפאַרגעסלעכן איינדרוק האָט אויך געמאַכט אַף מיר אַלבערט איינשטיין, וועמען מיר איז אויסגעקומען אָפּט צו באַגעגענען, ווייל ער האָט אין יענער צייט שטודירט אין בערן. אַף אַלע וויכטיקע פאָרטראָגן האָב איך אים געזען זיצן און אויפמערקזאַם הערן. עס האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן דער פאַרטיפטער אויסדרוק פון זיין פּאָנעם. שוין דעמאָלט האָבן מיר זיך באַצויגן צו אים מיט גרויס אָפּשיי, ווייל ס'איז געווען באַוווּסט, אַז דער דאָזיקער יונגער סטודענט טראָגט זיך אַרום מיט געניִאַלע געדאַנקען אין שייכעס מיט די פאַרבינדונגען צווישן רוים און צייט. ער האָט שוין דעמאָלט געהאַט אָנגעמערקט און טיילווייז פאַרעפנטלעכט די גרונטפּרינציפּן פון זיין רעלאַטיוויטעט־טעאָריע.

נאָכאַמאָל טרעפן זיך מיט איינשטיינען איז מיר אויסגעקומען שפּעטער, אין יאָר 1924, אין בערלין, ווען כ'האָב אָנטיילגענומען אין אַ צוזאַמענפאָר פון „אָזע" (אָרגאַניזאַציע צו פאַרהיטן דאָס געזונט פון דער ייִדישער באַפעלקערונג). פאָרזיצער פון דעם צוזאַמענפאָר איז געווען פּראָפעסאָר איינשטיין.

איך דערמאָן זיך אַזאַ כאַראַקטעריסטישן עפּיזאָד.

אַף איינער פון די זיצונגען איז אויפגעטראָטן דער פאָרשטייער פון אַמעריקאַנער „דזשאָינט" דר. טשלענאָוו און האָט צווישן אַנדערס מייסע טאַקיף אַ זאָג געטאָן:

— איר מוזט הערן, וואָס מיר ווילן אייך זאָגן!

אין מיין אַרויסטרעטונג האָב איך אַף דעם געענטפערט: „ס'איז שוין צייט אוועקצוואַרפן דעם געדאַנק, אַז ווער עס האָט די מייע, האָט די דייע"...

נאָך דער זיצונג האָט דער פאָרזיצער איינשטיין מיר געדריקט די האַנט און געדאַנקט פאַר דעם שאַרפן ענטפער דעם אַמעריקאַנער „פּעטער". דערביי האָט ער אויסגעדריקט זיין צופרידנקייט, וואָס דעם דאָזיקן ענטפער האָט געגעבן איינער פון די בערנער סטודענטן פון יענע יאָרן.

— הייסט עס, אַז די שול, וואָס מיר זיינען דעמאָלט דורכגעגאַנגען, האָט דערצויגן פּאָלעמיסטן! — האָט ער געזאָגט מיט אַ שמייכל.

איינשטיינס רעלאַטיוויטעט־טעאָריע איז מיר געוואָרן נאָענט. אַזוי נאָענט, אַז איך האָב אין איר גייסט אָנגעשריבן שפּעטער צוויי אַרבעטן: אין יאָר 1919 — אַף רוסיש «Темпорализм» (טעמפּאָראַליזם), אַן אָפּהאַנדלונג וועגן דער אייגנאַרטיקער אַנטוויקלונג פון דער ייִדישער קולטור, און אין 1921 — „פון רוים צו צייט", וועגן דער אַנטוויקלונג־טענדענץ פון דער אַלוועלטלעכער קולטור.

און אַזויווי די דאָזיקע ביכער זיינען שוין איצט בכלל מער ניט בענימצע, און אויך צוליב דעם, קעדיי צו געבן אַ בעערעכדיקע פאָרשטעלונג וועגן דעם כאַראַקטער פון יענע אַרבעטן, וועל איך איצט זיך דערלויבן ברענגען אַ פּאָר קליינע פראַגמענטן פון מיין „טעמפּאָראַליזם":

„...געטער־דעמערונג: קיין זאַך וועט ניט אָפּשטעלן דעם שעפערישן אונטערגאַנג פון דער אַלטער וועלט.

די אַכרייעס איז באַזיניקט. מיר געדענקען אַלץ — פון ערשטן טאָג פון באַשאַף. און ווילן ניט פאַרגעסן אין דעם טאָג פון נייעם באַשאַף.

ווען דאָס טויטע וועט געבראַכט ווערן צו קווּרע, וועט אַלץ אויפלעבן. אַלץ — אין ליכט פון דער צוקינפטיקער באַנייונג".

און איך פאַרענדיק:

„געווען אַ טאָג — אַ וועלט און געוואָרן אַ געשפּענסט, אַ ביין־האַשמאָשעס, אַ צייטלאָזיקייט, אַן אַנאַכראָניזם. און דער שאָטן — אַלץ לענגער, אַלץ מיִעסער...

דאָס געזעץ פון דער אונטערגייענדיקער רעאַקציע איז געוואָרן: פאַרגיסן דעם גווירלדיקן סימבאָל פון דער ניצאָכנפולער רעוואָליוציע מיט בלוטיקע און סאַמיקע פּאָגראָם־כוואַליעס...

אָבער די זון וועט מען ניט פאַרלעשן. דעם אייגענעם שאָטן ניט אַריבעריאָגן. און דערפילט וועט ווערן דער געבאָט פון די צייטן..."

ליטעראַטור-קריטיק
ביבליאָגראַפיע
פראַגן פון קונסט

הערשל אָרלאַנד

ער איז געשטאָרבן צו פרי, בלויז נײַן און פערציק יאָר געלעבט. און געווען איז ער א שלאנקער, א שיינער, מיט א שטענדיק שמייכלענדיק און ליכטיק פּאָנעם. מיט אזעלכע ווילט זיך ריידן וועגן גוטע ביכער, וועגן א געלונגענער שורע אין א ליד פון א כאווער, וועגן א שיינער פרוי, אָבער ניט וועגן טויט... און פּלוצעם האָט זיך גאָר ארויסגעוויזן, אז דאָס הארץ איז בא אים א קראנקס!

ווי קומט עס? ער האָט קיינמאָל זיך ניט געקלאָגט אפן הארצן. איך האָב דאָך אים געקענט און נאָענט געווען מיט אים קימאט צוויי צענדליק יאָר.

גלײַך פון דער ערשטער שורע, וואָס הערשל אָרלאנד האָט פארעפנטלעכט, איז ער אנערקענט געוואָרן אלס גלענצנדיקער סטיליסט. וועגן זײַנער א דערציילונג צי וועגן זײַנעם א בוך האָבן געקאָנט זײַן פארשיידענע מיינונגען, נאָר קיינער האָט אָרלאנדן ניט געקאָנט פאָרוואָרפן, אז זײַן וואָרט איז ניט געשליפן, ניט אײַנגעגלידערט אין דער פראזע, ווי א פינקטלעך געשניצט טיילעכל אין א געלונגענער מאָזאיִק.

פלאָבער, קופּרין, פּערעץ זײַנען געווען פאר אים מוסטערן, בא וועלכע מע האָט זיך גענדארפט לערנען, אָבער ניט נאָכמאכן, ווײַל נאָכמאכערײַ איז מעלאָכע, ניט קיין קונסט, זיי זײַנען געווען פאר אָרלאנדן בײַשפּילן פון מײַסטערשאפט. מיטן וואָרט האָבן די דאָזיקע שרײַבער געטאָן, וואָס זיי האָט זיך געוואָלט, — לערנען זיך בא אָט אזעלכע די קונסט פון קישעפן מיטן וואָרט...

מיר דוכט, אז איך פארשטיי, פארוואָס אָרלאנד האָט פארהעלטנִסמעסיק ווייניק געשריבן, ניין, ניט ווײַל ער האָט קלוימערשט ניט געהאט זײַן טעמע, ווי אייניקע האָבן דאָס געוואָלט דערקלערן, נאָר ווײַל דאָס געפיל פון אכרײַעס פארן וואָרט, וואָס איז בא אים געווען אומגעהייער אנטוויקלט, האָט אים געצוימט. ער האָט לאנג זיך געקווענקלט, ביז ער האָט ארויסגעלאָזט אף דער פרײַ זײַנס א וואָרט, מוירע געהאט, עס זאָל ניט געבוירן ווערן קיין קריפּל, ניט גיין הינקעדיק און הויקערדיק איבער דער וועלט.

מיר איז שוין אויסגעקומען צו דערציילן וועגן דעם, אז הערשל אָרלאנד האָט א סאך יאָרן געארבעט אלס רעדאקטאָר — פריִער אינעם ליטערארִיש-קינסטלערישן זשורנאל „סאָוועטישע ליטעראטור“ און שפּעטער, אין די יאָרן פון קריג, — אין ייִדישן אנטיפאשיסטישן קאָמיטעט. קימאט אלע ייִדישע שרײַבער איז אויסגעקומען דורכזיפן זייערע ווערק דורך אָרלאנדס געדיכטער רעדאקטאָרישער זיפּ, און דערפון האָבן זיי נאָר אויסגעשפּילט. עמעס, ניט אלע מאָל איז געווען אָנגענעם אויסצוהערן די קאָמענטארן פונעם שטרענגן רעדאקטאָר, אָבער אן עכטער שרײַבער איז שטענדיק געבליבן דאנקבאר אָרלאנדן, ווײַל ער האָט זיך פיל בא אים געלערנט.

ה. אָרלאנדס צוויי גרונט-ווערק „הרעבליעס“ און „אגלאָמעראט“ האָבן אין דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראטור אָפּגעשפּילט א באדײַטנדיקע ראָליע. די הויפּט-מײַלעס פון די דאָזיקע ראָמאנען זײַנען באשטאנען ניט נאָר אין דער ראפינירטער שפּראך, אינעם פײַן געמאָלטן לירישן פּייזאזש, אין די סקולפּטוריש-אויסגעקלעפּטע פּערסאָנאזשן, נאָר אויך און דעריקער אין דער פּראָבלעמאטיק, אין דער הײַנטצײַטיקער אידיי.

ניט צופעליק האָט לייב קוויטקאָ ווי מיט צוואנגען ארויסגעריסן באם יונגן אווטאָר קאפּיטל נאָך קאפּיטל פונעם בוך „הרעבליעס“ און זיי גלײַך פארעפנטלעכט אין דער „רויטער וועלט“, וווּ ער, קוויטקאָ, האָט דעמלט געארבעט.

סײַ אָרלאנד, סײַ קוויטקאָ האָבן דערנאָך דערציילט, וויִאזוי דער דאָזיקער בוך האָט דערזען די ליכטיקע שײַן.

— נאָר אדאנק לייבן, — האָט אָרלאנד זיך מוידע געווען, — זײַנען די „הרעבליעס“ דערבויט געוואָרן.

אין פּראָצעס פון דער ארבעט האָט יעדער קאפּיטל, יעדער עפּיזאָד ארויסגערופן צווייפל באם אווטאָר. אָרלאנד האָט אלע מאָל געוואָרפן די פּען, זיך אליין פארזאָגט מער זי ניט נעמען אין דער האנט. קוויטקאָ האָט אָבער אים ניט געלאָזט צורו. ער פלעגט אים באָמבארדירן מיט טעלעגראמעס, פארוואָרפן מיט בריוו, און אויב

אָרלאַנד פּלעגט זיך ניט אָפּרופן, האָט ער זיך ניט גע־פּוילט, קוויטקאָ, און פּערזענלעך אַראָפּגעכאַפּט זיך צו אים צוגאַסט.

לײַב קוויטקאָ האָט מיט זײַן שאַרפן כוש דערפילט, אַז אָרלאַנד איז ניט נאָר נאָך איין נאָמען אין דער ייִדישער ליטעראַטור, — אָרלאַנד איז אַ דערשײַנונג, דער־פאַר האָט ער זיך אַזוי אין אים אײַנגעקלאַמערט, אים ניט אָפּגעלאָזט, ביז דער בוך איז ניט געווען פאַרענדיקט.

אָרלאַנדס „הרעבליעס“, ווי אויך זײַן ראָמאַן „אַגלאָ־מעראַט“ זײַנען געווען אַן אָפּשפּיגלונג פון דעם נײַעם, וואָס די סאָוועטנמאַכט האָט אַרײַנגעבראַכט אין דער ייִדי־שער סוויווע: ייִדישע יוגנט אויף אַ גרויסן מעטאַלורגישן זאַוואָד, ייִדן, וועלכע בויען אַ הרעבליע, האָבן צו טאָן מיט מעליִאָראַציע, זײַנען אין די צוואַנציקסטע יאָרן גע־ווען נײַ ניט נאָר אין דער ליטעראַטור, נאָר אויך אינעם לעבעדיקן לעבן. און דער איקער: די געשטאַלטן, וועלכע דער שרײַבער האָט אויסגעפורעמט, זײַנען געווען עכט־קינסטלעריש, אָרלאַנד האָט זיי באַשאָנקען מיט כאַראַק־טער, נאַציִאָנאַלן אייגנאַרט, מיט מענטשלעכער כאָכמע און מענטשלעכע שוואַכקײַטן.

פיל פון אונדז געדענקען, אַז אָרלאַנדס ווערק זײַנען ברייט פאַרגעשטעלט געווען אין די כרעסטאָמאַטיעס, פאַר די לינגוויסטן איז זײַן שאַפונג געווען אַן אומויסשעפּלע־כער קוואַל.

די רײַכע שפּראַך האָט געדינט דעם שרײַבער, ווען ער איז אַרויסגעטראָטן אַלס איבערזעצער. פּושקינס „דעם קאַפּיטאַנס טאָכטער“, וויקטאָר הוגאָס „די יאַם־אַרבעטער“, איוואַן פראַנקאָס „Boa Constrictor“ לייענען זיך אין אָרלאַנדס איבערזעצונג, גלײַך די דאָזיקע ווערק וואָלטן געווען אָנגעשריבן אויף ייִדיש.

הערשל אָרלאַנד איז געווען אַ ליבער מענטש, אַ גוטער כאַווער און אַ גרויסער און שטרענגער מייוון אויף ליטע־ראַטור.

אין זײַנע רײַזע־פאַרצייכענונגען „אינפּירן זײַנען מיר געפאָרן“ מאָלט ער מיט גרויס ליבע די ייִדישע שרײַ־בער — זײַנע מיטפאָרער — איציק פעפער און פײַוול סיטאָ. זיי זײַנען בײַ אים באַשאָנקען מיט אַלע מײַלעס, טאַלאַנט, שיינקײַט, גוטסקײַט. מיך, דעם פערטן מיט־פאָרער, האָט ער אויך ניט פאַרשעמט.

ביז איצט האָט זיך מיר פאַרגעדענקט אַן עפּיזאָד: ס׳איז געווען אַ קאַלטער הארבסטיקער אינדערוואָכעדיקער מילכאָמע־טאָג פונעם 1944 יאָר. אינדערפרי איז אָרלאַנד געקומען אין אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט, ווו מיר האָבן צוזאַמען געאַרבעט, מיט אַ שווערער „וואַסקע“ אין די הענט. די „וואַסקע“ האָט ער אַוועקגעלייגט אויפן גרויסן שרײַבטיש, בײַ וועלכן ס׳איז געזעסן די סעקרעטאַרשע אַדע סיטאָ, און הויך אויף אַ קאָל אַ רוף געטאָן מיך פון צווייטן צימער.

— אָט דאָס איז פאַר אײַערע יאַטלעך, — האָט ער אונטערגערוקט אַדען אַ קלומעקל, און דאָס, — האָט ער מיר געזאָגט, — איז פאַר אײַער טאָכטער.

אין די אַקוראַט־צונויפגעבונדענע קלומעקלעך זײַנען געלעגן גאָלדיק־געלע מאַנדאַרינען, פרישע, ווי מע וואָלט זיי ערשט אַראָפּגעריסן פון די צווײַגן.

— איך האָב נעכטן באַקומען אַ פּעקל פון מײַנעם אַ פרײַנט, — האָט ער געזאָגט, ווי פאַרענטפערנדיק זיך, — וואָס לעבט אין קוטאַיִסי. האָבן מיר מיט ליובען צעטיילט די פיירעס אויף דרײַ כאַלאָקים: נאָעמען אַ טייל, און דאָס איבעריקע פאַר אײַערע נאַשערס. איצט, אין דער צײַט פון מילכאָמע, ווו וועט איר קריגן פרישע מאַנדאַרינען?

ביז דער מילכאָמע האָט אָרלאַנד פיל יאָרן געאַרבעט אין זשורנאַל „סאָוועטישע ליטעראַטור“. ווען אין זײַנע הענט פלעגט אַרײַנפאַלן אַ געראָטן ווערק, האָט ער מאַ־מעש זיך געקוויקט דערמיט:

— איך פאַרזיכער אײַך, אַז איר וועט האָבן גרויס האַנאָע, טוט אַ לייען.

ווען אָרלאַנד פלעגט זיך אַמאָל יאַוועט אויף דער אַרבעט אַ מאָרעשכוירעדיקער, אַן אויסגעשעפּטער, האָבן מיר שוין געוווּסט, אַז מיטן ווערק, וואָס ער דאַרף צוגרייטן צום לויפנדיקן נומער, האַלט שלעכט.

— וואָס איז געשען, הערשל? עפּעס זעט איר הײַנט אויס ניט וואַזשנע.

און אַזאַ פאַל פלעגט ער זיך אָנצינדן, אָנהייבן שרײַען:

— וואָס האָט איר זיך אָנגעזעצט אויף מיר? וואָס פאַר אַ שמאַטע האָט איר מיר אַרײַנגערוקט? ניין, ניין, איך האָב קיין קויעך ניט צו דעם, גיט עס אַן אַנדער רע־דאַקטאָר.

אָבער ענדיקן פלעגט ער געלאַסן:

— איך האָב געוויס אַ טאָעס, יאָ, יאָ, אוודע האָב איך אַ טאָעס, נאָר איך בעט אײַך, זאָל עמעץ אַנדערש...

מערסטנטייל האָט ער קיין טאָעס ניט געהאַט, אָרלאַנדס מיינונג איז שטענדיק געווען אָביעקטיווע, אַן אויפ־ריכטיקע.

איצט מערקן מיר אָפּ דעם 75־טן געבורטסטאָג פון הערשל אָרלאַנד — אַ גרויסן ייִדישן סאָוועטישן שרײַבער, וואָס האָט מיט זײַן שאַפן אַרײַנגעשריבן אַן אייגן בלעטל אין דער געשיכטע פון דער ייִדישער סאָוועטישער לי־טעראַטור.

א. גאָנטאַר

ארן ווינקאָוועצקי

די יונגע נעשאָמע פון אן אלטן קינסטלער

איטקינד איז דער אויסדרוק פון עמעסדיקייט אין קונסט. אין זײַנע סקולפטורן אנטפלעקט זיך ניט בלויז די איבעראשנדיקע אויסדריקלעכקייט פון זשעסט און מימיק, נאָר אויך די קראפט פון באוועגונג, א פארפעסטיקטע אין איר דינאמיק.

א. וו. לונאטשארסקי

איטקינד איז איינער פון די מערקווירדיקסטע קינסטלער, וועלכע איך קען.

ס. ט. קאָניאָנקאָוו

אין אפרעל ד. י. וואָלט אלט געוואָרן א יאָרהונ־דערט דער גרויסער מײַסטער פון סקולפטור, דער פארדינסטפולער קונסט־טוער פון דער קאזאכישער סאָ־וועטן־רעפובליק איסאק יאקאָוולעוויטש איטקינד. ער איז געשטאָרבן אין אלמא־אטא אין עלטער פון 98 יאָר, דעם 14 פעוורואל 1969.

איטקינדס ווערק זײַנען צעזייט און צעשפרייט איבער דער וועלט. דיווירקלעכע צאָל פון זײַנע שאפונגען האָט ער אליין ניט געוווּסט. ליידער, זײַנען זייער פיל אָרי־גינאלן פארלאָרן געגאנגען. די, וואָס זײַנען פארבליבן, געפינען זיך אין לענינגראדער מעלוכישן רוסישן מוזיי, אין „פושקין־הויז", אין פושקינס קווארטיר־מוזיי, אין דער קאזאכישער מעלוכישער קונסט־גאלעריי, אין מוזייען פון פראנקרײַך, פשא, יאפאָניע, דײַטשלאנד און אין פריוואטע קאָלעקציעס.

ביזן סאָף פון זײַן לאנג לעבן איז איטקינד געווען שעפעריש אקטיוו. די לעצטע סקולפטורן זײַנע האָט ער פארענדיקט געציילטע כאדאָשים פארן טויט. אונדז האָט ער איבערגעלאָזט זײַנע מערקווירדיקע ווערק, זײַן היל־צערן העמערל, זײַנע אויסגעארבעטע סטאמעסקעס מיט די צעקלאפטע הענטלעך...

ברייט און פארשיידנארטיק איז דער טעמאטישער דיאפאזאָן פון זײַנע שאפונגען: קליינשטעטלדיקער ייִדי־שער שטייגער, פּאָגראָמען אין די צײַטן פון צאריזם, רעדיפעס; שפּעטער — רעוואָליוציע און רעוואָליוציאָ־נערן, אנטיפאשיזם. אין אלע זײַנע ווערק בלײַבט ער טרײַ דער אידיי פון מענטשלעכן גײַסט, וואָס וועט גויווער זײַן דאָס שלעכטס און וועט אײַנשטעלן א וועלט פון יוישער און גערעכטיקײַט. זײַנע סקולפטורן טראָגן אין זיך דעם פאטאָס פון מענטשלעכן געדאנק און פון מוטיקן געזאנג. איטקינד איז דער זינגער פון ליכט, אָפּטימיזם און קעמפערישן הומאניזם, וועלכע וועלן אויסלייזן די וועלט פון בייז און פינצטערניש.

איסאק איטקינד האָט קיינמאָל ניט געפירט קיין רע־שימע פון זײַנע ווערק, דעריבער איז אומעגלעך צו־נויפשטעלן פון זיי א גענויעם רעיעסטער. אין אונדזער רעשוס געפינען זיך בלויז די קאטאלאָגן, וואָס זײַנען בעשײַטע דערשינען צו זײַנע אויסשטעלונגען. די מער־הײַט סקולפּטורן האָט ער געשאפן פון האָלץ. אין דער האָלץ־סקולפּטור האָט ער דערגרייכט אויסערגעוויינלעכע מײַסטערשאפט. א. וו. לונאטשארסקי האָט געשריבן, אז איטקינד נוצט גלענצנד אויס די נאטירלעכע מעגלעכ־קײַטן פון האָלץ. ער באהערשט די פאקטור פון האָלץ, ווי קיינער ביז אים.

האָלץ איז דער עלטסטער, צוטריטלעכסטער, אָבער אויך זייער קאפריזער און קאָמפּליצירטער מאטעריאל. מיט געציילטע עטלעכע שניט פון דעם געצײַג האָט דער קינסטלער דערוועקט געדאנקען, וואָס דרעמלען פאר־באָרגן, ווי פארקישעפטע, אינעם טויטן האָלץ־שטיק, — און דאָס האָלץ האָט אָנגעהויבן לעבן, דענקען, זינגען.

ייִצכאָק איטקינד שטאמט פון אן אָרעמער אָרטאָדאָקסא־לער ייִדישער מישפּאָכע, וואָס האָט געוווינט אין דאָרף דיקארקי לעבן סמאָרגאָן, ווילנער געגנט. געבוירן איז ער אין אפרעל 1871.

פון קינדווײַז אָן האָט ער ליב געהאט צו קלעפּן פאר־שיידענע פיגורן פון טייג און ליים. נאָכן כיידער און דער יעשיווע האָט ער געגרייט זיך באקומען סמיכעס אף ראָוו. געהונגערט, „געגעסן טעג", געשלונגען טרערן... ביז ער האָט זיך אנטוישט אין דער רעליגיע, געוואָרן אן אפיקוירעס, אנטלאָפן פון דער היים קיין מינסק און געוואָרן אן אײַנבינדער. אין יאָר 1893 מאכט ער א ספעציִעלע פרעס־מאשין, וואָס האָט דערנאָך באקומען דעם נאָמען „איטקינד־פרעס".

מיט עטלעכע יאָר שפּעטער קערט ער זיך אום קיין סמאָרגאָן. ארבעטנדיק דאָרט אין אן אײַנבינדער־וואר־שטאט, האָט ער צופעליק אָנגעטראָפן אף א בוך וועגן דעם באוווּסטן סקולפּטאָר מארק אנטאָקאָלסקי. דאָס איז געווען פאר אים ווי א בליץ־שײַן אין א פינצטערער נאכט. ער האָט דערפילט זײַן בארוף און ציל אין לעבן.

דער ערשטער, וואָס האָט „אנטדעקט" איטקינדן דעם סקולפּטאָר, איז געווען דער דעמלט נאָך יונגער ייִדישער שרײַבער פּערעץ הירשביין, וועלכער האָט פארעפנטלעכט אין דער אָרטיקער צײַטונג אן ארטיקל וועגן איטקינדס טאלאנט. דאָס ארטיקל האָט געמאכט א רוישעם, און די סמאָרגאָנער ייִדן האָבן צונויפגענומען געלט און געשיקט דעם סקולפּטאָר זיך לערנען קיין ווילנע. פאר די צוויי יאָר (פון 1910 ביז 1912), וואָס ער האָט זיך

געלערנט אין דער ווילנער קונסט־שול, האָט ער געמאכט גרויסע דערפאָלגן.

דער דירעקטאָר פון דער ווילנער קונסט־שול — ריבאקאָוו — האָט אָרגאניזירט איטקינדס ערשטע אויסשטעלונג, אַף וועלכער עס זײַנען עקספּאָנירט געוואָרן 30 ארבעטן. א באפליגלטער פונעם דערפאָלג, האָט דער יונגער סקולפּטאָר געטרוימט אָנקומען קיין מאָסקווע און זיך לערנען בא די בארימטע מײַסטערס. גוטע מענטשן האָבן אים מיטגעהאָלפן, ער האָט באקומען א סובסידיע און איז אין יאָר 1912 אָפּגעפאָרן קיין מאָסקווע.

די ריזיקע שטאָט, מיט אירע מוזייען, דענקמעלער, ארכיטעקטור־ און סקולפּטור־רײַכטימער האָט געמאכט א גוואלדיקן אײַנדרוק אַף דעם טאלאנטפולן פּראָווינציאַל. א געפּלעפּטער איז ער געשטאנען פארן דענקמאָל „דיאַקאָן איוואן פיאָדאָראָוו“ און האָט ניט געוווּסט, אז אינגיכן וועט ער אָנקומען פאר א טאלמיד צום שעפער פון אָט דעם פּרעכטיקן קונסט־ווערק. ס'האָבן זיך אָפּגעזוכט גוטעפרײַנט, וועלכע האָבן אים באקאנט מיט סערגיי מיכײַלאָוויטש וואָלנוכינען, בא וועמען עס האָבן זיך געלערנט אזעלכע טאלאנטירטע סקולפּטאָרן, ווי גאָלובקינא, אנדרייעוו, קאָניאָנקאָוו.

אַף א פּראָבע גיט אים וואָלנוכין אויסקלעפּן א פיגור פון א יונגער פרוי. איטקינד האָט אויסגעהאלטן דעם עקזאמען. די סקולפּטור איז געפעלן געוואָרן דעם פּראָפעסאָר. ער האָט זי באוויזן מאקסים גאָרקין. איטקינד ווערט א סטודענט פון דער מאָסקווער קונסט־שול.

און דאָ הייבט זיך אָן א נײַע סעדרע פון וואָגלענישן און מאטערנישן. א סטודענט פון דער קונסט־שול איז ער טאקע געוואָרן, אָבער קיין ווינרעכט אין מאָסקווע האָט ער דאָך ניט געהאט. באטאָג מעג מען זיך נאָך ארומדרייען אין גאס, אָבער נאָך 6 אזייגער פארנאכט האָט יעדער גאָראָדאָוואָי אים געקאָנט ארעסטירן און ארויסשיקן פון מאָסקווע עטאפּאָם... באטאָג ארבעט איטקינד אין ווארשטאט, און באנאכט וואנדערט ער איבער די גאסן, ניט האָבנדיק ווו דעם קאָפּ אוועקצולייגן. מאקסים גאָרקי איז געווען אן אָפטער באזוכער אין איטקינדס ווארשטאט און האָט אים אָפט געהאָלפן מאטעריעל. צוזאמען מיט אנדערע שטאדלאָנים האָט גאָרקי ניט איין מאָל זיך געווענדט צום גראדאָנאטשאלניק, בעטנדיק „פּראַוואָזשיטעלסטוואָ“ פאר דעם יונגן טאלאנטפולן סקולפּטאָר, נאָר יענער פלעגט קאטעגאָריש אָפּזאָגן. אזוי זײַנען אין שטענדיקע מאטערנישן אדורך צוויי יאָר. ווען ס'האָט אויסגעבראָכן די וועלט־מילכאָמע פון 1914, ווערט איטקינד מאָביליזירט און ארבעט אלס שלאָסער אַף א מיליטערישן זאוואָד. פאר סקולפּטור־שאפונגען זײַנען געבליבן בלויז די נעכט. מע קאָן זיך שוין פאָרשטעלן, מיט וואָס פאר א פרייד און באגײַסטערונג דער סקולפּטאָר האָט באגעגנט די אָקטיאבער־רעוואָליוציע! ענדלעך האָט ער באקומען די מעגלעכקײַט מיט לײַב און לעבן אָפּגעבן זיך זײַן באליבטער קונסט.

עס פארכאפּט אים די נײַע רעוואָליוציאָנערע טעמאטיק, און אינגיכן ווערן זײַנע ארבעטן עקספּאָנירט אַף פארשיידענע אויסשטעלונגען. מע נעמט אים אָן אלס מיטגליד אין „פאריין פון רוסישע קינסטלער“.

אין יאָר 1918 ווערט אָרגאניזירט די צווייטע פּערסאָנעלע אויסשטעלונג פון איטקינדס ווערק, ווו עס זײַנען עקספּאָנירט 42 סקולפּטורן זײַנע. ווי ס'איז צו זען פונעם קאטאלאָג, וואָס איז ארויסגעגעבן געוואָרן צו דער עפענונג פון דער אויסשטעלונג (אין לאָקאל פונעם טעאטער „האבימא“), איז איטקינד אין די ערשטע יאָרן פון זײַן שעפערישן וועג שטארק באווירקט געווען פון דער טראגישער ווירקלעכקײַט אינעם ייִדישן קליינשטעטלדיקן לעבן בייס דעם צאריזם. מיט גרויסער קינסטלערישער קראפט שפּיגלט ער אָפּ די רעדיפעס און גזיירעס, די ליידן פון זײַן פאָלק אין די סקולפּטורן „ביטערער געלעכטער“, „אינקוויזיציע“, „איספּראווניק“, „דער מעשוגענער“, „רעאקציע“, „רעדיפעס“, „בעזשענצעס“, „שמע־ייִסראָעל“ און אנד.[1]

שפּעטער מערקט זיך אָן באם קינסטלער א ראדיקאלער קער צו דער רעוואָליוציאָנערער טעמאטיק, צו דער הײַנטצײַטיקײַט. איטקינד שאפט אזעלכע ווערק, ווי „לאסאל“ (פּראָיעקט פאר א דענקמאָל), „ענגעלס“, „לענין“, „דזערזשינסקי“, „דער רויטארמייער“, „דער קאָמיוגיסט“, „דער היטער פון דער רעוואָליוציע“ און אנד.

איטקינד ווערט ברייט באוווּסט. ער איז באפרײַנדעט מיט מאיאקאָווסקין, יעסענינען. צו זײַנע פארערער געהערן די גרעסטע אקטיאָרן פון „מכאט“ (קאטשאלאָוו, מאָסקווין, טארכאנאָוו און אנד.). זייער אָפט באזוכט אים שלוימע מיכאָעלס.

אין 1924 איז איטקינד קראנק געוואָרן אַף טובערקוליאָז. ער האָט געמוזט פארלאָזן מאָסקווע און אריבערפאָרן קיין יאלטע און פון דאָרט קיין סימפעראָפּאָל. דאָ האָט ער געשאפן זײַן פילפערזאָניקע סקולפּטור „פּאָגראָם“, וועלכע איז, צום באדויערן, פארברענט געוואָרן בייס א סרייפע.

אין סימפעראָפּאָליער לערער־הויז איז אין 1926 אָרגאניזירט געוואָרן די דריטע פּערסאָנעלע אויסשטעלונג פון איטקינדס ווערק, אַף וועלכער עס האָט, צווישן אנדערע, שטארק אויסגענומען די סקולפּטור „וווּהין“ („נאָכן פּאָגראָם“).

אין 1927 פאָרט דער קינסטלער אריבער קיין לענינגראד. דאָ, אין זײַן ווארשטאט, אפן ראָג פון גאָגאָל־ און גאָראָכאָוו־גאסן, איז שטענדיק געווען טומלדיק. ארום איטקינדן האָבן זיך גרופּירט יונגע סקולפּטאָרן, מאָלער און שרײַבער. עס פלעגן קומען צו אים אלעקסיי טאָלסטאָי, איוואן פּעטראָוויטש פּאוולאָוו, סערגיי מיראָנאָוויטש קיראָוו. קיראָוו איז שטארק דערשיטערט געווען פון דער סקולפּטור „וווּהין“ („נאָכן פּאָגראָם“): אן אלטער ייִד זיצט א פארגליווערטער, אן אויסגעשעפּטער און דערשלאָגענער — ס'איז נאָכן שרעקלעכן אומגליק...

דער רוסישער מוזיי האָט געקויפט בא איטקינדן פאָלגנדע דרײַ סקולפּטורן:

„ייִדישע מעלאָדיע“ („דער זינגער“) — א יונגער באָכער איז באגײַסטערט פון א ניגן, וועלכער קלינגט אין זײַן נעשאָמע. מיר קוקן אַף דעם פאריסענעם קאָפּ מיטן אויסגעצויגענעם האלדז און הערן באשײַמפּערלעך, ווי עס רײַסט זיך אראָפּ פון דעם באָכערס ליפּן א הויך געזאנג, וואָס טראָגט זיך ווײַט־ווײַט. דאָס איז א ביז גאָר מערקווירדיקע מוזיקאלישע סקולפּטור;

„דער קאָרבן פונעם פאשיסטישן פּאָגראָם“ — דער קאָפּ פון דעם דערמאָרדעטן קאָמפּאָזיטאָר מאציע. די סקולפּ־

---

[1] ליידער, זײַנען קימאט די אלע סקולפּטורן פארלאָרן געגאנגען. א באגריף וועגן זיי קאָן מען נאָר באקומען פון צופעליקע פארבליבענע פאָטאָגראפיעס.

טור וועקט טיפֿן מיטלײַד צו די אומשולדיקע קאָרבאָנעס פֿונעם ברוינעם פֿאַשיזם און צאָרן צו די ראָצכים. זי איבעראַשט מיט איר טיפֿן טראַגיזם;

„דער שטאָלגיסער" („קראַסנאָוויבאָרזשעץ") — איינער פֿון די, וועמען ס'איז באַשערט צו באַקעמפֿן דעם פֿאַשיזם. זײַן פּאָנעם, אָפּגעברענט פֿון די הייסע מעטאַל־שפּריצן, איז שטרענג און אַנטשלאָסן. דער קוק איז דורכדרינגעוודיק און שאַרף. אַזעלכע, ווי ער, האָבן דורכגעפֿירט די רעוואָליוציע, און זיי קאָנען באַשיצן זי פֿון קאָלערליי פֿײַנט.

אין יאָר 1934 איז אין לענינגראַדער הויז פֿאַר קינסטלער אָרגאַניזירט געוואָרן איטקינדס ערשטע פּערסאָנעלע אויסשטעלונג.

דאָס איז געווען דעם סקולפּטאָרס שעפֿערישער סאַכאַקל צו זײַן 60־יאָריקן געבורטסטאָג. זייער אויסגענומען האָבן דעמלט די סקולפּטורן „דער ברוינער פֿאַשיזם", „די שפּאַנישע אינקוויזיציע" און אַנד. די פּרעסע האָט פֿאַרעפֿנטלעכט א ריי וואַרעמע אָפּרופֿן.

מיט גרויס לײַדנשאַפֿט און באַגײַסטערונג שאַפֿט איטקינד זײַן „פּושקיניאַנע", געווידמעט דעם 100־יאָריקן יאָרצײַט פֿונעם גאוניאַלן דיכטער. אין פּושקינס קוואַרטיר־מוזיי אין לענינגראַד געפֿינט זיך איצט איטקינדס מערקווירדיקע סקולפּטור — „דער שטאַרבנדיקער פּושקין", וואָס איז בעשײַטע עקספּאָנירט געוואָרן אין ערמיטאַזש. דער קינסטלער נ. קוזניעצקי האָט געשריבן: „קיין איין סקולפּטאָר פֿון פּושקינס צײַטן און ביז הײַנטיקן טאָג האָט נאָך אַזאַ סקולפּטור אויף אָט דער טעמע ניט געשאַפֿן". פּושקינס קאָפּ ליגט אויף א קישעלע. די האַלב־פֿאַרמאַכטע אויגן־לעפֿלעך, פֿאַרקריצטע קינבאַקן, אונטערגעשוואָלענע ליפּן דריקן אויס מיט אַזאַ פּינקטלעכקײַט און נאַטירלעכקײַט די אומענטשלעכע ליידן פֿונעם גרויסן דיכטער, אַז מיר פֿאַרנעמען מאַמעש זײַן לעצטן קרעכץ...

אין לענינגראַדער ליטעראַרישן מוזיי („פּושקין־הויז") געפֿינט זיך איינע פֿון די בעסטע אַרבעטן איטקינדס — „פּושקין געזעגנט זיך מיט זײַנע ביכער". דאָס איז א גאָרעליעף אין גיפּס. אין צענטער זעען מיר פּושקינען אויפֿן קראַנקן־בעט געציילטע מינוטן פֿאַר זײַן טויט. ער ציט זיך מיט די לעצטע קויכעס צו דעם ביכער־שראַנק. זײַן דאָקטער האַלט אים אונטער די אָרעמס. לינקס שטייט דער דיכטער וויאַזעמסקי מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און אויף רעכטס — זשוקאָווסקי...

די גאַנצע קאָמפּאָזיציע אָטעמט מיט עכטן טראַגיזם. ליידער, איז די סקולפּטור טיילווײַז צעשעדיקט (עס פֿעלט דעם דאָקטערס קאָפּ). מיר האָבן אויך ניט געקאָנט פֿעסטשטעלן, ווען און דורך וועמען די סקולפּטור איז איבערגעגעבן געוואָרן דעם מוזיי. עס זײַנען ניט געבליבן קיין שפּורן פֿון דער געשיכטע פֿון אָט דעם אויסטערלישן גאָרעליעף.

אין סאָף 1944 פֿאָרט איטקינד אַריבער קיין אַלמאַ־אַטאַ. די ערשטע צײַט וווינט ער אין א זעמליאַנקע. ער איז שוין אַלט און קראַנק, אָבער ער לאָזט ניט אַרויס דאָס געצײַג פֿון דער האַנט. דאָ הייבט זיך אָן א נײַער פּעריאָד פֿון זײַן שאַפֿונג. עס אַנטשטייט א ציקל סקולפּטור־פּאָרטרעטן, געווידמעט די נאַציאָנאַלע העלדן פֿונעם קאַזאַכישן פֿאָלק: „אַקין דזשאַמבול", „אַמאַנגעלדי", „אַבײַ", „דזשאַמבול אויף אָפּרו" און אַנד. ס'איז שווער צו גלייבן, אַז פֿון 1956,



איסאַק איטקינד

ווען איטקינד איז שוין 85 יאָר אַלט, הייבט זיך אָן א נײַער פֿרוכטבאַרער פּעריאָד פֿון זײַן לעבן, ווען ער שאַפֿט זײַן באַרימטע גאַלעריי „קאַזאַכישע זקיינים", די סקולפּטורן „דער פֿילאָסאָף", „דער זאָקן מיטן בוך", „דער לאַכנדיקער זאָקן".

אין לעצטן פּעריאָד פֿון זײַן לעבן באַרײַכערט ער די קונסט מיט אַזעלכע שעדעווערן, ווי „די פֿרוי מיטן פֿויגל", „די לעגענדע וועגן שאָלעם", „פּאַגאַניני", „שרעק", „די שלאָפֿנדיקע אולזאַ", „סיקייראָס".

קיינמאָל נאָך האָט זיך ניט געפֿילט אין זײַנע אַרבעטן אַזאַ אָפּטימיזם, אַזאַ גלויבן אין דער צוקונפֿט!

ס'האָט געטראָפֿן אַזוי, אַז העכער 20 יאָר האָט מען וועגן אים ניט געשריבן, געמיינט, אַז ער איז שוין לאַנג געשטאָרבן, אָבער אין 1962, אויף דער אויסשטעלונג „40 יאָר קאַזאַכסטאַן", האָבן זיך באַוויזן פֿאַרן פֿאַרוווּנדערטן צושויער זײַנע לעצטע אַרבעטן, וועלכע האָבן איידעס געזאָגט, אַז איטקינדס אויג איז שאַרף, זײַן האַנט איז נאָך פֿעסט און זײַן מײַסטערשאַפֿט וואַקסט פֿון יאָר צו יאָר. אין שײַכעס מיט זײַן 95־טן געבורטסטאָג ווערט אין נאָיאַבער 1966 אָרגאַניזירט אין הויז פֿונעם פֿאַרבאַנד פֿון קינסטלער אין אַלמאַ־אַטאַ זײַן פֿינפֿטע פּערסאָנעלע אויסשטעלונג, אויף וועלכער ס'זײַנען עקספּאָנירט 26 סקולפּטורן, געשאַפֿענע פֿאַר די לעצטע צען יאָר. יעדע פֿון די סקולפּטורן פֿאַרדינט א ספּעציעלע אָפּהאַנדלונג. מיר וועלן זיך אָפּשטעלן בלויז אויף אייניקע פֿון זיי.

זייער כאַראַקטעריסטיש פֿאַר איטקינדס שאַפֿונג איז די סקולפּטור „די לעגענדע וועגן שאָלעם" (1960) — א מענטש דריקט צו צו זײַן ברוסט דעם קאָפּ פֿון א לעגענדאַרן מאָנסטער — א בערדיקע כײַע מיט סטאַרטשענדיקע ציינער. די כײַע ליגט שוין באַרויִקט און קײַט שטרוי... דער מענטש האָט זי אָפּגעווינט צו שפּײַזן זיך מיט פֿלייש און בלוט. דאָס איז די אוראַלטע לעגענדע וועגן דעם מענטשן, וואָס האָט באַזיגט די בלוטדאָרשטיקע כײַע!

סקולפטאָר
איסאַק איטקינד



דער פילאָסאָף



דער קאָמפּאָזיטאָר עמיל מאַציע —
א קאָרבן פון די פאַשיסטן

א שטאָלגיסער

א ייִדישע מעלאָדיע

בערטא פאָן זוטנער (עסטרײַך) —
אווטאָר פון ראָמאַנען
קעגן אנטיסימיטיזם און ראסן־האס

די שלאָפנדיקע אולזא

„די שלאָפנדיקע אולזא" — די דאָזיקע סקולפּטור האָט ייצחאָק איטקינד געשענקט דער לענינגראַדער לערערן בעלע סאָלאָמאָנאָווונע יאָפע, וואָס האָט אים לאַנגע יאָרן אונטערגעהאַלטן מאַטעריעל. א פאַרגאַפטער בין איך גע־שטאַנען לעבן דער סקולפּטור פון דער פרוי און ניט גע־קאָנט אָפּרײַסן דעם בליק פון איר פּאָנעם, וואָס איז באַ־לויכטן מיט אזא לויטערן שמייכל. כאָטש איך האָב געזען פאַר זיך האָלץ, האָב איך ניט געקאָנט זיך באַפרײַען פון־נעם געפיל, אז דאָס איז א לעבעדיקער מענטש; אָט באַלד וועט די פרוי עפענען די אויגן און אָנהייבן דערציילן וועגן אירע שיינע כאָלימעס... „די שלאָפנדיקע אולזא" פאַרדינט צו שטיין אין איין ריי מיט די ווערק פון די גרעסטע מײַסטערס.

„סיקייראָס" — דער מעקסיקאַנישער מאָלער און קאָמו־ניסט דאַוויד סיקייראָס איז לאַנגע יאָרן געווען פאַר־שפּאַרט אין טפיסע. אין 1936 — א פּאָלקאָווניק פון דער שפּאַנישער רעפּובליקאַנישער אַרמיי, און צו 70 יאָר, זײַענדיק שוין גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער מעקסיקאַני־שער קאָמפּאַרטיי און אײַנציַיקער א קינסטלער מיט א וועלט־נאָמען, פאַלט ער אַרײַן צו די פאַשיסטן אין טפי־סע. אָף דער סקולפּטור האָט איטקינד באַוויזן דעם קעמפנ־דיקן קאָמוניסט סיקייראָס אין מאָמענט, ווען ער צעברעכט די גראַטעס פון זײַן טפיסע־קאַמער און רופט אויס: „פריי־הייט אָדער טויט!".

ווען מיר נעמען אין אכט, אז אָט די סקולפּטור איז געשאַפן אין 1964, ווען איטקינד איז שוין אַלט געווען 93 יאָר, קאָנען מיר באַגרײַפן, ווי גרויס עס איז געווען די קראַפט פון זײַן קעמפנדיקן הומאַניזם און זײַן גלויבן אין זיג פונעם עמעס!

בא דעם לענינגראַדער שרײַבער פּאַוועל סעמיאָנאָוויטש קאָבזאַרעווסקי, איטקינדס לאַנגיאָריקן פרײַנט, האָב איך זיך באַקענט מיט צוויי בריוו, וועלכע דער גרויסער סקולפּ־טאָר האָט אים געשיקט אין די יאָרן 1966—1968. די בריוו זײַנען זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר איטקינדס געמיט־צושטאַנד אין די לעצטע יאָרן פון זײַן לעבן, און איך האַלט פאַר נייטיק צו ברענגען אַן אויסצוג פון איינעם פון זיי.

„טײַערער פּײַוועל!

איך בין זייער גליקלעך, וואָס כ'האָב באַקומען פון דיר א בריוו אַזוי אומדערוואַרט. איך האָב דיך ניט פאַרגעסן און וועל דיך ניט פאַרגעסן. איך שרײַב דיר אינקורצן וועגן מײַן לעבן. איך בין שוין זייער אַלט.

איך בין שוין אַלט 98 יאָר. איך וועל דיר אָנשרײַבן, וויאַזוי עס האָט זיך מיר אײַנגעגעבן צו לעבן אַזוי לאַנג. די סיבע איז, וואָס איך האָב מוירע צו שטאַרבן. פריער האָב איך מוירע געהאַט, ווײַל איך בין א זינדיקער, און אַלע זינדיקע פאַלן דאָך אַרײַן אין גענעם, ווו מע ברענט זיי אָף די צעגליטע סקאָוואָראָדעס פאַר זייערע זינד.

איצט האָב איך נאָך מער מוירע צו שטאַרבן, ווײַל אָף יענער־וועלט האָט זיך אַלץ געענדערט: די „הייסע" שטראָפן האָט מען אין גענעם אָפּגעשאַפט, ווײַל גאָט וויל ניט זײַן קיין קאָנסערוואַטאָר אין די צײַטן פון „קאַלטן קריג". איצט הענגט מען דאָרט אין גענעם פאַר די זינ־דיקע אייווערים... דאָס איז זייער א שרעקלעכע שטראָף!

פײַוועל! איך וועל זײַן גליקלעך זען דיך בא מיר צו־גאַסט. איך וועל אומבאַדינגט מאַכן דײַן סקולפּטור־פּאָר־טרעט. איך אַרבעט נאָך איצט זייער פיל. מײַן אַרבעטסטאָג דויערט 13 שעה א טאָג"...

אָט אַזוי האָט געשריבן איטקינד אין לעצטן יאָר פון זײַן לאַנגן לעבנסוועג.

וויפל שפּילעוודיקן הומאָר און אָפּטימיזם האָט אײַנגעהיט אין זײַן יונגער נשאָמע דער גרויסער סקולפּטאָר צו זײַ־נע 98 יאָר!

די סקולפּטור־ווערק, וואָס ייצחאָק איטקינד האָט גע־שאַפן, שטעלן מיט זיך פאָר א קולטור־ירושע פון זייער גרויסער ווערט. וועגן איטקינדס אַרבעטן איז שוין ניט ווייניק געשריבן געוואָרן, אָבער דער קאָלאָסאַלער פאַרנעם און די פּראָפעסיאָנעלע הייך פון זײַן שאַפונג פאַרדינען א מער ערנסטע און פאַרטיפערטע פאָרשונגס־אַרבעט.

לויט אונדזער מיינונג דאַרף קוידעמקאָל צונויפגע־שטעלט ווערן א פולער רעיעסטער, וואָס זאָל אַרומכאַפּן ניט נאָר די ביז הײַנט פאַרבליבענע סקולפּטורן איטקינדס, נאָר אויך די, וואָס זײַנען ניט פאַרהיט געוואָרן. מע דאַרף אָפּזוכן די אַדרעסן פון די פאַרבליבענע סקולפּטורן (סײַ אין מעלוכישע אַנשטאַלטן, סײַ אין פּריוואַטע קאָלעקציעס) און די פאָטאָ־קאָפּיעס פון אַלע אָן אויסנאַם ווערק.

ס'איז נייטיק אַרויסצוגעבן א ספּעציעלן אַלבאָם מיט פיל־קאָלירטע רעפּראָדוקציעס פון איטקינדס סקולפּטורן, ווי אויך א מאָנאָגראַפיע וועגן זײַן שעפערישן וועג.

איטקינדס שאַפונג וואַרט אָף אירע פאָרשער.

עס ווערט פאַרגעזעצט דער שמועס, וואָס „סאָוועטיש היימלאנד" האָט אָנגעהויבן

אזא פּאָנעם האָבן זיי...

אין פאַריקן נומער פון „סאָוועטיש היימלאנד" האָבן מיר פארעפנטלעכט מאטעריאלן פונעם שמועס „ארום רונדן טיש", געווידמעט דער אזויגערופענער „וועלט־קאָנפערענץ אין בריסעל וועגן די סאָוועטישע ייִדן". ניט געקוקט אף די אנטשיידנדיקע פראָטעסטן פון די סאָוועטישע ייִדן, איז די דאָזיקע פראָוואָקאַציאָנעלע אסיפע פאָרגעקומען.

מיר דרוקן איבער פונעם ניו־יאָרקער ציִוניסטישן „טאָג־מאָרגן־זשורנאל" אויסצוגן פון דעם רעפּאָרטאזש פון גערשן יאקאָבסאָן „וואָס איז פאָרגעקומען אין בריסעל?". לויט די דעטאלן, וואָס עס אנטהאלט אין זיך די שילדערונג פון אן אנטיסאָוועטישן זשורנאליסט, וועלן די לייענער פון „סאָוועטיש היימלאנד" האָבן די מעגלעכקייט אופשטעלן דאָס גאנצע בילד פונעם בריסעלער באלאגאן.

וואָס איז פאָרגעקומען אין בריסעל?

איך האָב דאָרט געפירט א טאָגבוך, און קעדיי צו געבן דעם לייענער א פאָרשטעלונג פון די זיצונגען, רייַסערייַען, סקאנדאלן, צוזאמענשטויסן און באשלוסן, וועל איך דאָ איבערגעבן אויסצוגן פון מייַן טאָגבוך.

„מיר זייַנען געקומען קיין בריסעל צו בלאָזן שויפער, און מע האָט אונדז געלאָזט בלויז שאָקלען לולאָווים..." — מיט די דאָזיקע ווערטער האָט הארַאוו טיבאָר שטערן פון מייַאמי־ביטש אויסגעדריקט זייַן אנטוישונג מיט דער קאָנפערענץ...

דער פאָרשטייער פון דעם היסטאדרוט־קאָמיטעט פון אמעריקע ייִסראָעל סטאָליארסקי, פונקט ווי אנדערע דעלעגאטן, איז געווען אנטוישט, וואָס די אָרגאניזאטאָרן פון דער קאָנפערענץ האָבן „אליין ניט געוווּסט, וואָס זיי ווילן. איבער דעם זייַנען פאָרגעקומען פיל רייַבונגען און צוזאמענשטויסן". הארַאוו אזריִעל מילער, דער פרעזידענט פון דער אמעריקאנער ציִעניסטישער פעדעראציע, איז געווען פאָרזיצער פון דער שטורמישער זיצונג, ווען דער האָליוווּדער פראָדיוסער אָטאָ פרעמינדזשער האָט געפאָדערט, מע זאָל צולאָזן מייער קאהאנע פון דער „ייִדישער דעפענס־ליג" צו דער קאָנפערענץ. מילער האָט אים געפרוּווט אָפּשטעלן, זאָגנדיק: „מיר זייַנען ניט קיין נאציס, און הערט אוף אזוי צו טייַנען מיט אונדז". פרעמינדזשער האָט אָבער מיט א ווילדער שטים אויסגערופן: „לאָז מיך רעדן, גיב מיר נישט קיין באפעלן, איך בין ניט קיין מיטגליד פון דייַן סינאגאָגע..."

אין זאל איז אויסגעבראָכן א טאראראם. געשרייען, גוואלדן, מענטשן האָבן געפייַפט: „מיר זייַנען ניט קיין נאציס! פארמאך דייַן מויל!" ס׳האָבן זיך געהערט אנדערע אויסרופן: „עס איז א בושע!". פרעמינדזשער איז געשטאנען בא די מיקראָפאָנען און אפילע ניט געטראכט אָפּצוטרעטן. „ער איז גערעכט!" — האָבן געגוואלדעוועט אנדערע. „עס איז א פארברעכן, וואָס דאָ איז אזוינס געשען!". דער פאָרזיצער מילער האָט געפּרוּווט אייַנשטעלן אָרדענונג, אָבער זייַן קאָל איז פארטויבט געוואָרן אין דער אופגעהעצטער סומאטאָכע. דאָקטאָר וויליאם וועקסלער האָט געמאכט א באמיִונג צו באַרויִקן דעם עולם, אָבער די געשרייען האָבן ניט אופגעהערט. אין דרויסן, אין די קאָרידאָרן ארום דעם זאל, ווו די אסיפע איז פאָרגעקומען, זייַנען ארומגעלאָפן פארשיידענע באאמטע און געבראָכן נערוועז די פינגער. „עס איז א בראָך!" — האָט מיר געזאָגט איינער א ייִסראָעל־מענטש, וואָס האָט געהאט אן אינטימע שייַכעס צו דער אָרגאניזאציע פון דער קאָנפערענץ...

פעדי טשאיעווסקי איז א ווייַלע שפעטער צוגעקומען צו דעם מיקראָפאָן און הויך גענומען פארורטיילן די קאָנפערענץ. ער האָט געזאָגט, אז „ס׳איז דאָס לעצטע מאָל, וואָס איך קום צו אזא צוזאמענפאָר. איך האָב דאָ גאָרנישט געלערנט. איך בין שוין קראנק און פארמאטערט צו הערן ווידער און ווידער, ווי ייִדן באוויינען זיך און האלטן טעסטעמאָניאל רעדעס". ווידער איז געוואָרן א טומל...

הארַאוו באָרעך־ארן פּופּקאָ, דער פרעזידענט פון מיזראָכי — האפּויאל האמיזראָכי, האָט געזאָגט: „ווען מיר זייַנען אהער געקומען, איז שוין אלץ געווען פארשלאָסן און פארזיגלט... עס איז צו באדויערן, וואָס אין בריסעל האָט זיך ניט געפילט, אז אונדזער הויפּט־פארבינדונג מיט די סאָוועטישע ייִדן איז דער סידער, דער כומעש. סטאם קולטור איז ווערט אן אויסגעבלאָזן היי". אויך דאָקטאָר בערגמאן, איינער פון די הויפּט־מאנהיגים פון מיזראָכי, האָט אונטערגעשטראָכן דעם זעלבן מאָמענט. „איך בין אנטוישט, וואָס מיר פאָרן אוועק מיט אזוי ווייניק דערגרייכונגען און באשלוסן. עס איז געווען א קאָנוועשאָן, ווי אלע קאָנוועשאָנס..."

אלעקס שלעזינגער, א מיטגליד פון דער אמעריקאנער כיירוט־דעלעגאציע, האָט ארויסגערופן א שטורעם, ווען ער האָט פּרובירט כאַפּן דאָקטאָר וויליאם וועקסלער בא די פיס און אים אראָפּשלעפּן פון דער פּלאטפאָרמע, בעשאס וועקסלער האָט געשריִען אף מענאכעם בעגינען, אז ער איז א שאקרען...

געווען מאָמענטן, ווען עס האָט זיך מיר געדוכט, אז די דעלעגאטן האָבן איבערהויפּט פארגעסן, צוליב וועלכן צוועק זיי זייַנען געקומען קיין בריסעל...

„טאָג־מאָרגן־זשורנאל" פארן 1 און 4 מארט 1971

נאָטיצן פון אַ ייִדישן בוקיניסט

היסטאָרישע קוריאָזן

וואָס טיפער מיר דרינגען אַרײַן אין דער געשיכטע פון דער קולטור, אַלץ קלאָרער ווערט דאָס וויטאַלע און דויערהאַפטיקע אין איר. אויבנויפיק נאָר זעען געוויסע דערשײַנונגען אויס אומפאַרשטענדלעך און אַפילע אויסטערליש. לאָמיר אָפּ טשיקאַוועס באַטראַכטן אייניקע, אַזוי צו זאָגן, קוריאָזן פון דער געשיכטע.

די אופקלערונגס־באַוועגונג האָט, לויט אימאַנויל קאַנט, באַטײַט דעם מענטשנס אַרויסגיין פון זײַן מינדעריעריקייט־צושטאַנד, אין וועלכן ער האָט זיך געפונען לויט זײַן אייגענעם ווילן. די מינדעריעריקײַט איז ניט געווען קיין רעזולטאַט פון ניט גענוגנדיקן פאַרשטאַנד, נאָר פון ניט גענוגנדיקער אַנטשלאָסנקייט זיך מיט דעם פאַרשטאַנד צו באַנוצן. דער הויפּט־דעוויז פון דער אופקלערונג איז, לויט קאַנטן, געווען: האָב דעם מוט זיך צו באַנוצן מיטן אייגענעם סייכל.

ניט אַלץ אָבער איז אין דער אופקלערונגס־באַוועגונג געווען פאַרנונפטיק, באַזונדערס אין איר ערשטן פּעריאָד און קוידעמקאָל אין איר באַציִונג צו דער אייגענער שפּראַך און קולטור. די ערשטע דײַטשישע אופקלערער, לעמאַשל, האָבן פּאַשעט געהאַט אַ ווידערווילן און זיך געשעמט צו באַנוצן מיט דעם „איינפאַכן און גראָבן דײַטשישן זשאַרגאָן". אין זייערע סאַלאָנען האָבן זיי גערעדט נאָר פראַנצויזיש, און די ערשטע הייסע פאַרטיידיקער פון דער דײַטשישער שפּראַך זײַנען געווען ייִדישע אופקלערער.

מוישע מענדעלסאָן האָט געטאַדלט די דײַטשישע אינטעליגענץ פאַר איר ניהיליסטישן צוגאַנג צו אייגענע נאַציאָנאַלע ווערטן. „צי וועלן זיי, — פרעגט ער אין זײַנע „פילאָסאָפישע שמועסן" (1755), — קיינמאָל ניט דערקענען זייער אייגענעם ווערט? צי וועלן זיי אייביק אויסבײַטן אייגן גאָלד אָף פרעמד פליטער־גאָלד?". מענדעלסאָן האָט שאַרף קריטיקירט די קרײַזן פון דער דײַטשישער געזעלשאַפט, וואָס האָבן באַטראַכט דײַטש אַלס אַ „באַרבאַרישן קוידערוועלש", ניט ווינענדיק אַפילע דעם „אופגעקלערטן" מאָנאַרך פרידריך דעם גרויסן.

די ייִדישע אופקלערער האָבן געהאַט אַ גענוג קלאָרע פאַרשטעלונג וועגן דער ראָליע פון שפּראַך אין דער אויסבילדונג פון אַ נאַציאָנאַלער קולטור, און אין דער פּראַקטיק, איך די באַציִונגען צו זייער פאָלק מיט זײַן שפּראַך און ליטעראַטור, זײַנען זיי געווען ראַדיקאַלער פון זייערע דײַטשישע קאָלעגן. די ערשטע טרעגער פון די האַסקאָלע־אידייען אין מיזרעך־אייראָפּע האָבן דעריקער זיך רעקרוטירט פון דער אופקומענדיקער ייִדישער בורזשואַזיע, וואָס איז אין טאָך געווען קאָסמאָפּאָליטיש און האָט די קלאַסן־אידייען געשטעלט העכער פון די נאַציאָנאַלע פאָלקס־אינטערעסן.

עס וועט עפּשער קלינגען ווי אַ קוריאָז, נאָר עס איז אַ היסטאָרישער פאַקט: ייִדיש האָט דעמאָלט געפונען אירע הייסע פאַרטיידיקער צווישן דײַטשישע שרײַבער און געלערנטע. בײַס דאַוויד פרידלענדער, איינער פון די זײַלן אין דער ייִדישער האַסקאָלע אין דײַטשלאַנד, האָט אין זײַן „זענדונג אַן די דויטשע יודן" דערקלערט, אַז „דאַס אונטער אונס איבליכע יודיש־דויטש, איינע רעגעללאָזע פאַרשטימלטע און אונפאַרשטענדליכע שפּראַכע, מיסטע גאַנץ אָפּגעשאַפט ווערדן". האָט דער דײַטשישער פילאָלאָג גאָטפריד זעליק געהאַלטן, אַז „וואָס מער אין אונדזערע טאָלעראַנטע צײַטן די ייִדן פאַרמערן און שפּרייטן אויס זייער ווירקונג, אַלץ נוצלעכער און נייטיקער איז, אַז די ייִדיש־דײַטשע שפּראַך, וואָס איז בא דער דאָזיקער נאַציע אַמאָל אײַנגעפירט געוואָרן און ווערט קעסיידער באַנוצט, זאָל אויך צווישן אונדז ווערן באַקאַנט, ביפראַט אַז זי ווערט צווישן די ייִדן מאַשמאָעס קיינמאָל נישט איינגאַנצן באָטל יווערדן" (פון דער האַקדאָמע צו זײַן „לערבוך צור גרינטליכן ערלערנונג דער יודיש־דויטשן שפּראַכע", ערשטע אופלאַגע — 1767, צווייטע — 1792).

אין דער צײַט, ווען די ייִדישע אופקלערער האָבן דערקלערט, אַז „אין דער זאָגענאַנטן יודיש־דײַטשן שפּראַכי קייני ריכטיגי בגריפי פאָן אירגנדט איינעם דינגי אין דער וועלט ערלאַנגן קאַן", האָט גאַטע געשריבן אַ טייל פון זײַן יוגנט־ראָמאַן אין דער ייִדיש־דײַטשישער שפּראַך, „וואָס האָט, ווי ער באַמערקט אין „דיכטונג און וואַרהײַט", עטוואָס פּאַטעטישעס אין זיך, שטריכן פון דעם מאַסיוון און פּאָמפּעזן מיזרעך־אייראָפּעיִשן באַראָק".

נאָך אָף דער שוועל פון דעם אַכצנטן יה. האָט דער דײַטשישער געלערנטער און מיסיאָנער יאָהאַן קריסטאָף וואַגענזייל געשריבן: „אויב מע מיינט בעעמעס צו דערלאַנגען די ייִדן אַ מיטלײַדנדיקע און הילפיקע האַנט... בלײַבט קיין זאַך ניט איבער ווי צופּאַסן זיך צו זיי, שרײַבן לויט זייער דיאַלעקט און אויך דרוקן די דאָזיקע ווערק אין זייער שריפט".

י. ק. וואַגענזייל האָט אויך געשריבן, אַז אין זײַנע אייגענע סעמיטאָלאָגישע פאָרשונגען און איבערזעצונגען זײַנען זײַנע ייִדיש־קענטענישן אים זייער צוניץ געקומען; „אויב איך שטעל זיך אָפּ, — האָט ער אָנגעוויזן, — איבער אַ וואָרט אָדער אַ זאַץ פון דער ביבל, נעם איך פריִער פאַר אַלץ אין דער האַנט דעם „באר משה"[1], וואָס דערקלערט אַלע טונקלע ווענדונגען און הארבע העברעיִשע ווערטער אָף ייִדיש־טײַטש... דערנאָך גיב איך אַ קוק אין קימכיס „ספר השורשים"[2], און האַלט זיך אָן אייצע מיט כאַלדייִשע, גריכישע, לאַטײַנישע און אַנדערע איבערזעצער... עס טרעפט אַ סאַך מאָל, אַז די ייִדיש־טײַטשע איבערזעצונגען... קומט מיר מער צוניץ, איידער אַלע אַנדערע הילפסמיטלען, און אַז בא זייער אָנוויז בלײַב איך".

י. ק. וואַגענזייל איז געווען איינער פון די באַדײַטנדיקע ייִדיש־פאָרשער צווישן די אייראָפּעיִשע געלערנטע.

[1] „באר משה" — אַ העברעיִש־ייִדישער ווערטערבוך פון מוישע שערטל (פּראַג, 1604); [2] „ספר השורשים" — פון דאַוויד קימכי (1160—1235), באַרימטער גראַמאַטיקער און ביבל־קאָמענטאַטאָר.

ער איז אויך דער אווטאָר פון דער ערשטער גרויסער אנטאָלאָגיע פון דער ייִדישער ליטעראטור (1699).

אין דער איבער פירהונדערטיאָריקער געשיכטע פון ייִדיש־פאָרשונג זייַנען ניט דערשינען אזויפיל ביכער וועגן דער ייִדישער שפראך און ליטעראטור פון ניט קיין ייִדישע געלערנטע, ווי גראָד אין דעם אכצנטן יה., ערעוו און בייס דער אנטשטייונג פון דער האסקאָלע מיט אירע ייִדיש־פייַנטלעכע טענדענצן. אין דעם האלער אוניווערסיטעט האָט איבער זעכציק יאָר עקזיסטירט אפילע א ספּעציִעלער אינסטיטוט צו לערנען ייִדיש און העברעיִש (1728—1791). דער גרינדער און אָנפירער פון דעם אינסטיטוט י. כ. קאלענבערג האָט אָנגעשריבן א ספּעציִעלע „אייַנלייטונג צור ייִדיש־דייַטשער שפראך“, וואָס איז אין א קורצער צייַט דערשינען אין דרייַ אופלאגעס (1733, 1738, 1749). ער איז אויך דער אווטאָר פון דעם ערשטן ייִדיש־דייַטשישן ווערטערבוך (1736).

אין פיר גרויסע ביכער „ייִדישע מערקווירדיקייַטן“ (1710—1718) האָט דער פראנקפורטער פּראָפעסאָר יאָהאן יאקאָב שודט צונויפגעזאמלט א רייַכן מאטעריאל צו דער געשיכטע פון ייִדישן פאָלקלאָר, טעאטער און ליטעראטור. צווישן די פארשיידנארטיקע מערקווירדיקייַטן האָט י. ק. שודט אויך אייַנגעשלאָסן די ערשטע צו אונדז דערגאנגענע פּורימשפּילן אין ייִדיש: „אקטא אסתר מיט אחשורוש“ און „מכירת יוסף“. פון א באזונדערער באַדייַטונג זייַנען ו. מ. כריזאנדערס צוויי ביכער: „ייִדיש־טייַטשע גראמאטיק“ און „אונטעריכט פאָן גוטצן דעם ייִדיש־טייַטש“ (1750). כריזאנדערס אויספירלעכע ביבליאָגראפיע וועגן ייִדיש פון ניט ייִדישע געלערנטע און זייַנע עטימאָלאָגישע און סינטאקסישע באמערקונגען קאָנען נאָך הייַנט צוניץ קומען די פאָרשער פון אלט־ און מיַירעוו־ייִדיש.

א באזונדערן פלייַס אין באנוצן זיך מיט דער ייִדישער שפּראך האָבן דעמלט ארויסגעוויזן די מיסיאָנערן. בייס די ייִדישע אופקלערער זייַנען פון דער הויט געקראָכן צו פארמיִעסן די ייִדיש־טייַטשע ביכער און פארבייַטן זיי מיט מ. מענדעלסאָנס ביבל־איבערזעצונג, האָט מען אין דער אזויגערופענער קאָנפעסיאָנעלער „ביבליא פּענטאפּלא“ לעבן לוטערס, פּיסקאטאָרס און אולענבערגס איבערזעצונגען אייַנגעשלאָסן אויך די ייִדישע איבערזעצונג פון יויסף וויצנהויזן.

ניט שטענדיק זייַנען די ייִדישע ביכער געמאכט געוואָרן מיט א „מיטלייַדנדיקער און הילפיקער האנט“. עס זייַנען אין יענער צייַט אויך דערשינען א ריי ביכער אין ייִדיש גאָר פון אן אנדער סאָרט, אָנגעשריבענע פון ניט־ייִדן אָדער פון מעשומאָדים.

„עקלהאפט איז די דאָזיקע, מישטיינסגעזאָגט, ליטעראטור, — האָט זייַנערצייַט געשריבן בער באָראָכאָוו, — פאָרט טאָר מען זי נישט אינגאנצן אוועקמאכן אונטערן האנט. ערשטנס, איז זי צו גרויס אין צאָל, קעדיי מ׳זאָל זי נאָר איגנאָרירן: דער גרעסטער טייל... באשטייט פון אמעראצישן און רעקלאמע־שרייַענדיקן שונד, דער קלענערער טייל אָבער באשטייט פון ערנסטע שריפטן... זיי זייַנען אָדער געשריבן פון מענטשן, וואָס קענען גאנץ גוט דעם גראָבן לאָשן פון די נידעריקסטע שיכטן פון ייִדישע הענדלער, אָדער זייַנען פּאָשעט געגאנוועט געוואָרן בא אזוינע קענער“... („די ביבליאָטעק פון ייִדישן פילאָלאָג“, ז. 11, געדרוקט אין „דער פּנקס“, ווילנע, 1912).

איינס פון די ערשטע ביכער פון דעם סאָרט ליטעראטור איז געווען „דער ייִדישער שפּראך־מייַסטער“. אף דעם שארבלאט איז ניט אָנגעוויזן די דאטע, ווען עס איז דערשינען. דער דייַטשישער פאָרשער י. מ. וואגנער האָט אין זייַנע „ראטוועלשע סטודיען“ (1863) אָנגעוויזן, אז דאָס בוך זאָל האָבן געווען דערשינען אין יאָר 1702. עס איז אויך ניט באוווסט דער נאָמען פונעם אווטאָר. ער האָט זיך אויסבאהאלטן אונטער די גאָטישע איניציִאלן י. וו. און פארצייכנט, אז דאָס בוך איז „אָנגעשריבן פון איינעם, וואָס האָט א סאך יאָרן פארבראכט צווישן ייִדן“.

„דער ייִדישער שפּראך־מייַסטער“ איז אָנגעשריבן אין פאָרם פון א דיִאלאָג וועגן די זיטן און מינהאָגים אין ייִדישן שטייגער. דער אווטאָר האָט פאר זיי אויסגעזוכט נאָר גרויע און טונקלע פארבן. די שפּראך אָבער פון דעם „שפּראך־מייַסטער“ שטעלט מיט זיך פאָר א באשטימטן אינטערעס פאר דער פילאָלאָגיע. דער אווטאָר איז געווען א גוטער קענער פון ייִדיש. „ער האָט פארמאָגט, — ווי עס האָט באמערקט דער דייַטשישער פילאָלאָג און ייִדיש־פאָרשער אווע־לאלעמאנט, — א גרויסע דערפארונג אין ייִדישע פאָלקסטימלעכע אויסדרוקן“. א באזונדערע שוואכקייַט ווייַזט ער ארויס צו העברעיִזמען: „לאָמאָ ביזטו מעשאקער“, „מייַן טויווער כאווער זיי עס לוי אויסע“, „לאָכיין, וויל אני שלאָך מעוואקעש זייַן... מיר מעלאמעדן ווי האקאָל בעהיימעס אף לאָשן האקוידעש הייסן“.

דער אווטאָר איז, פארשטייט זיך, אויסן געווען צו שאפן א פאראָדיע, ווייַזן, אז ניט בלויז דער שטייגער, נאָר אויך די שפּראך בא ייִדן איז אומפארשטענדלעך. צוליב דעם האָט ער זי איבערגעלאָדן מיט העברעיִזמען. פון די אנדערע מאטעריאלן, וואָס מיר באזיצן וועגן דער ריידשפּראך פון יענער צייַט, איז אָבער צו זען, אז די לעקסיק פון דעם „ייִדישן שפּראך־מייַסטער“ איז ניט שטארק ווייַט פון דער היסטאָרישער רעאליטעט.

פאר דעם מייַרעוו־ייִדיש פון סאָף זיבעצעטן, אָנהייב אכצעטן יה. איז כאראקטעריסטיש דאָס באנוצן זיך מיט א סאך העברעיִזמען. אויך די וואָרט־קאָנסטרוקציע און דער זאץ־סיידער האָט געשטימט מיטן גייַסט פון דער העברעיִשער שפּראך.

די ענדערונגען אין דער צייַט האָבן מיט זיך ארייַנגעבראכט א נייַעם גייַסט אין דער שפּראך, נייַע מאָרפעמעס און אויסדרוקן. אלטע באגריפן און אידיאָמען זייַנען פארביטן געוואָרן מיט נייַע ייִדישע וואָרט־אויסבילדונגען און העברעיִזמען.

די ייִדישע ליטעראטור פון 15־טן — 16־טן יה. דערציילט אונדז ניט, לעמאָשל, פון קיין כאסענעס. מע פראוועט אין איר בלויז „בריַילפטן“. דאָס וואָרט „בריַילפט“ שטאמט פון דעם מיטלהויכדייַטשישן „ברוט לאוף“, וואָס באטייַט נאָכלויפן דער קאלע. אינאיינעם מיטן וואָרט האָבן די ייִדן זיך אויך צוגעייגנט אייניקע דייַטשישע כאסענע־מינהאָגים. פון די אלטע ביכער איז צו זען, אז אין טאָג פון דער כאסענע האָט אויך די ייִדישע יוגנט אוועקגעפירט כאָסן־קאלע צום הויף פון א ספּעציִעלן טאנץ־הויז. אונטערן פרייַען הימל פלעגן זיי דאָרטן א גאנצן טאָג „טאנצן און שפּרינגען, שפּילן אין הארפן און גילדענע פינגערלעך פאר זייווארפן“. ערעוו דער כופּע פלעגן זיי זיך אין צוויי גרופּעס צעטיילן, ייִנגלעך באזונדער און מיידלעך באזונדער. די מיידלעך האָבן געשאפן אן ענגן קרייַז ארום דער קאלע, פונוואנען דער כאָסן האָט זי באדארפט ארויסכאפּן.

ניט אין אלע געגנטן אפילע איז געווען פארשפּרייט דער מינהעג פון שטעלן א כופּע. אין אייניקע ערטער פלעגט מען זיך „מייען“ (מעסאמייעך זייַן) לויטן מוסטער

פון די דײַטשישע שכיינים. אָנשטאָט שטעלן א כופּע האָט מען דעם כאָסן אָנגעטאָן אין א ספּעציִעלן מאנטל מיט א גרויסן קאפּיושאָן, וועלכן ער פלעגט אריבערוואַרפן איבער זײַן קאָפּ און דער קאַלעס קאָפּ. די צוגעדעקטע קעפּ, דאָס צעקושן זיך פון כאָסן־קאַלע בא דער באגלייטונג פון פריילעכע אויסגעשרייען איז געווען א צייכן, אז זיי זײַנען פארקנאַסט.

אין דעם „שפּראַך־מײַסטער" פּראווּעט מען שוין א כאַסענע און מע שטעלט שוין א כופּע. דערפאַר אָבער האַלט מען אין אים נאָך פון דעם אַלטן מינהעג צו באַשיטן כאָסן־קאַלע מיט ווייץ און דערבײַ טוט מען „אָרן א טפילע". דאָס לאַטײַנישע וואָרט „אָרן" (אָרען, אָרארע — גאָט בעטן) האָט שיינע עטלעכע יאָרהונדערט זיך געפּילט היימיש אין דער ייִדישער שפּראַך און ליטעראַטור. דאָס פון פראנצויזיש שטאמענדיקע וואָרט „דאַווענען" (דעווינער) אינאיינעם מיט אנדערע ווערטער פון דעם מין (ווי בענטשן, אַלמער, אַלקער אאַ.) האָט זיך אין ייִדיש אײַנגעבירגערט א סאַך שפּעטער.

אין שײַכעס מיט דעם „ייִדישן שפּראַך־מײַסטער" דאַרף מען נאָך באמערקן פאָלגנדיקס: דער ייִדישער טעקסט איז אָפּגעדרוקט מיט גאָטישע אויסיעס. דערמיט זײַנען אין א געוויסער מאָס געטרײַ פארצייכנט געוואָרן אייניקע אייגנטימלעכקײַטן פון דער דעמאָלטיקער רייד־שפּראַך, באַזונדערס פון די העברעיִזמען. עס איז ניט אזוי לײַכט צו באשטימען, וויאזוי, לעמאָשל, האָבן בא אונדזערע באָבעס געקלונגען די ווערטער „צאינה וראינה". אין אייניקע דאָקומענטן איז פארצייכנט „צענע רענע", אין אנדערע „צענע ווערענע". אין דעם „שפּראַך־מײַסטער" איז מיט גאָטישע אויסיִעס אויסגעלייגט „צייענע אורענע", נאָענט, הייסט עס, צו דעם העברעיִשן אָריגינאַל.

דער „ייִדישער שפּראַך־מײַסטער" שפּיגלט אָפּ דעם סטיל פון א געוויסער סוויווע. די דײַטשישע איבערזעצונג, וואָס גייט פּאַראַלעל מיט דעם ייִדישן טעקסט, איז געמאַכט געוואָרן אין דעם בײַערישן דיִאַלעקט. קאָן מען דערפון מאַכן אַן אויספיר, אז אויך דער ייִדיש שטאמט מיסטאמע פון דער זעלבער געגנט.

די פאַקטן, וועגן וועלכע מיר האָבן דערציילט, זײַנען, פארשטייט זיך, א רעזולטאַט פון א באשטימטער היסטאָרישער געזעצמעסיקײַט. אויבנויפיק נאָר זעען זיי אויס קוריאָז און אויסטערליש.

ל. פּאַדריאַטשיק

א נײַע איבערזעצונג פון ייִדיש

מיט א טיראַזש פון דרײַסיק טויזנט עקזעמפּליאַרן איז אין פארלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל" דערשינען אין א רוסישער איבערזעצונג כאַיִם מעלאַמודס ראָמאַן „יונגע יאָרן", וואָס איז צום ערשטן מאָל דערשינען אין זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד".

דאָס בוך אַנטהאַלט 350 זײַטן און טיילט זיך אויס מיט זײַן אינטערעסאַנטער גראַפישער אויספורעמונג.

■

מוניע גליזער

דער ווּטאָר פונעם פּאַרטיזאַנען־הימן

(צום 50־טן געבורטסטאָג פון הירש גליק)

הירש גליק — דער פּאָעט מאַרטירער, דער ווּטאָר פונעם באַרימטן פּאַרטיזאַנען־הימן „זאָג ניט קיינמאָל" — וואָלט ערשט איצט אַלט געווען 50 יאָר. א קינד פון דער ייִדישער אָרעמשאַפט, האָט ער נאָך גאָר א יונגער, אין די באַדינגונגען פון בורזשואַזן רעזשים, אויסגעזונגען זײַן ליד „צום פּאָטערלאַנד":

פּאָרויס, מײַן האַרץ, מיר וועלן ווידער שפּאַנען,
טאָ זײַ אין נאַכט־וועג מיר א פּלעמל;
ווײַל אויב עס איז א גאָט פאַראַנען —
שוועבט ער געוויס איבער די טויערן פון קרעמל.

הירש גליק איז געבוירן געוואָרן אין דער ווילנער פאָרשטאָט שניפּישאָק דעם 24 אַפּרעל 1921. אין 15—16־יאָריקן עלטער איז ער צוליב דער נויט אין שטוב געווען געצוווּנגען צו פאַרלאָזן די שול און אוועקגיין אַרבעטן אַף א פּאַפּיר־פאַבריק. לידער האָט ער אָנגעהויבן שרײַבן אין זײַן פריִער יוגנט.

די שעפערישע גרופּע „יונגוואַלד", צו וועלכער הירש גליק איז צוגעשטאַנען, האָט אין יאָר 1939 אַרויסגעגעבן א זשורנאַל מיטן זעלבן נאָמען. אין דעם דאָזיקן זשורנאַל האָט הירש גליק פאַרעפנטלעכט זײַנע ערשטע לידער: „אַמאָל", „זעקס וועלף", „שימשן", „דאָס אויג", „דער אייביקער ניגן", „וויגט די מאַמע מיך און זינגט". שוין אין אָט די אָנפאַנג־לידער צייכנט זיך אויס דער יונגער פּאָעט מיט פרישער באַאָבאַכטונגס־קראַפט און ליִרישן געמיט, מיט א נייגונג צו סאָציִאַלע און אינטערנאַציִאָנאַלע מאָטיוון, מיט באַוווּנדערונג פאַר גוווּרע און בונטאַרישקײַט.

די באַפרײַונג פון ווילנע מיצאַד דער רויטער אַרמיי האָט הירש גליק באַגעגנט מיט טיפער פרייד. דער דאָזיקער היסטאָרישער געשעעניש איז געווידמעט זײַן ליד „די נאַכט פון סענטיאַבער 1939" (געווען געדרוקט אין „ווילנער עמעס" דעם 6 סענטיאַבער 1940), ווו מיר לייענען:

די ווײַספּאָליאַקישע כאַיאָלעס טרעטן אָפּ אין גרויס
בעהאָלע,
דער רעגן גיסט און גיסט און קען די בלוט־פלעקן
ניט פאַרשווענקען;
דאָס פאָלק אין אַלע טויערן באַגלייט זיי מיט א
קלאָלע,
אָ, יענע נאַכט בא דיר אין שטוב[1] וועל איך אייביק
שוין געדענקען.

נאָכן אָנפאַל פונעם היטלער־דײַטשלאַנד אַפן ראַטנפאַרבאַנד ווערט הירש גליק פאַרשיקט אין אַן אַרבעטס־לאַ־

---

[1] געמיינט: בא זײַן עלטערן כאַווער, דעם באַגאַבטן דיכטער לייזער וואָלף.

גער אף די טאָרף־זומפּן אין רעשע (אונטער ווילנע). אויך אין אָט די שווערסטע באדינגונגען פארלאָזט אים ניט די מוזע. ער שרײַבט אָן: „די טיפוס־באלאדע“, „דאָס טאָרף־ליד“, „זאנגל“ און אנדערע.

אין יאָר 1942, ווען עס ווערט ליקווידירט דער טאָרף־לאגער, קערט זיך דער דיכטער אום אין ווילנער געטאָ, טרעט ארײַן אין קאַמיוג און ווערט א קעמפער פון דער „פאריייניקטער פארטיזאנען־אָרגאניזאציע“ בעראָש מיט דעם קאָמוניסטישן טוער איציק וויטענבערג.

אין אָנהייב 1943 שרײַבט הירש גליק אָן „די באלאדע פון ברוינעם טעאטער“ — א דערשיטערנדיק ווערק, ווו ס'ווערט געשילדערט דער טויט־געראנגל פון די ייִדן אין לוקישקער טפיסע, איידער מע פירט זיי אָפּ קיין פּאָנאר. בעערעך אין יענער צײַט פארפאסט גליק זײַן קרוין־ליד:

זאָג ניט קיינמאָל, אז דו גייסט דעם לעצטן וועג,
כאָטש הימלען בלײַענע פארשטעלן בלויע טעג.
קומען וועט נאָך אונדזער אויסגעבענקטע שאָ,
ס'וועט א פויק טאָן אונדזער טראָט — מיר
זײַנען דאָ!

די ליד ווערט דער אָפיציעלער הימן פון דער „פאריייניקטער פארטיזאנען־אָרגאניזאציע“. זי רײַסט זיך דורך די שטעכדראָטן און געטאָ־ווענט און נעמט קלינגען אף א סאך שפּראכן אין די לאגערן פון פארשיידענע לענדער.

בייס א שלאכט מיט די פאשיסטן אין ווילנער געטאָ ווערט הירש גליק אין סענטיאבער 1943 פארכאפּט און דעפּאָרטירט אין עסטאָנישן קאָנצלאגער גאָלדפילד. זומער 1944, ווען די סאָוועטישע ארמיי גרײַפט אָן אין די באלטישע רעפּובליקן, אנטלויפט ער צוזאמען מיט אנדערע אסירים פונעם לאגער, און אין קאמף מיט די דײַטשן אין די ארומיקע וועלדער קומען זיי אלע אום.

דאָס ווונדערלעכע געשטאלט און דער אויסטערלישער גוירל פון הירש גליק האָט גערעגט די שעפערישע פאנטאזיע פונעם גרויסן ייִדיש־סאָוועטישן שרײַבער פּערעץ מארקיש. אין 1945 שרײַבט מארקיש אָן זײַן פּיעסע „דער אופשטאנד אין געטאָ“, ווו דער הויפּט־העלד איז הירש גליק, וועלכער פירט נאָך זיך די קעמפער מיטן לאָזונג: „מירן נאָך דורכגיין מיט דער רויטער פאָן איבער די כורוועס פון גערמאניע“. לויט מארקישעס קינסטלערישן פארטראכט ווערט די האנדלונג אריבערגעטראָגן קיין ווארשע, און אין שלוס־בילד ווענדט זיך הירש גליק צו די אופשטענדלער: „די לעצטע שאָ קומט אָן! דרײַ און פערציק טעג געדויערט האָט די שלאכט. דאָס פארגאָסענע בלוט אף יעדן שטיין האָט פון די געטאָ־געסלעך דערקלערט דער וועלט בעקויל־ראָם, אז עס לעבט דאָס פאָלק, אז העלדזער שרעקן זיך ניט פאר דער האק. מיר טרעטן אוף אין נאָמען פון פאָלק, פון זײַן אומשטערבלעכקײַט! אופשטענדלער, זאָג ניט קיינעם, אז דו גייסט דעם לעצטן וועג!“.

אויך אין זײַן מאָנומענטאל עפּיש ווערק „מילכאָמע“ שילדערט פּ. מארקיש דאָס הערלעכע געשטאלט פון הירש גליק (אין די קאפּיטלען „באגײַסטערונג“ און „דער טויט פון לעצטן אופשטענדלער“, II באנד). גליקס ליד „זאָג ניט קיינמאָל“ ווערט ארײַנגעפלאָכטן אין געוועב פון דער עפּאָפּיי. הירש גליקס שלאכט־אופטו איז בא מארקישן אסאָציִאטיוו פארבונדן מיט דער העלדישקײַט פון די סטאלינגראדער און סעוואסטאָפּאָלער קעמפער, מיט דער מעסירעסנעפעשדיקײַט פון די רויטארמייער, וואָס האָבן מיט זייער ברוסט פארדעקט די אמבראזורעס.

אָט איז מארקישעס א פלאסטיש בילד פון גליקס לעצטע מינוטן צווישן פאלנדיקע ווענט:

א קויל־געיעג גייט איבער אים שוין אין דער הייך.
פון אונטן כוואליק לעקט אים שוין דאָס פײַער.

— — — — — — — — — — — — —

און ס'האָט א טרייסל זיך געטאָן די לעצטע זײַל,
וואָס ער האָט זיך אין איר, ווי שימשן, בלינדערהייט
געהאלטן.

— — — — — — — — — — — — —

און ער באוויזן אפן שײַטער האָט א פאל טאָן,
ווי צו א מוטער אין דער שויס מיט לעצטן ברום,
מיט לעצטן דעך דורך אָפענע פארשטארטע בליקן
געגעבן האָט דאָס פײַער אים א נעם ארום,
די פלאמען האָבן אים געגעבן א פארוויקל...

אין דעם ראָמאן פון יויסעף ראבין „איך זע דיך, ווילנע...“ („סאָוועטיש היימלאנד“ נומ. 1, 2, 1968) איז א קאפּיטל געווידמעט הירש גליקן. דער שרײַבער שילדערט די נאכט אין געטאָ, ווען סע ווערט געבוירן דער פארטיזאנען־הימן: „די שורע פון דער ליד צוזאמען מיט דער מעלאָדיע גייט ארײַן אין זײַן בלוט, זינגט אין אים און פילט אָן אלע זײַנע אייוורים“.

מיט זײַן אומשטערבלעכער אנטיפאשיסטישער ליד „זאָג ניט קיינמאָל“, וואָס אָטעמט מיט קאמף, גוורע און ביטאָכן, האָט הירש גליק פארנומען א בעקאָוועדיק אָרט אין דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראטור. זײַן פערזענלעכקײַט איז געוואָרן א סימבאָל פונעם ווידערשטאַנד, וואָס די ייִדישע מאסן האָבן ארויסגעשטעלט דעם נאַציזם.

כראָניק

„די מײַסטערשאַפט פון איבערזעצונג"

אין פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל" איז אַרויס פון דרוק אַ נײַע זאַמלונג פון דער סעריע „די מײַסטערשאַפט פון איבערזעצונג". אַף קימאַט 500 זײַטן פונעם בוך זײַנען פאַרעפנטלעכט פיל אינטערעסאַנטע אַרטיקלען און מיטײלונגען וועגן דער טעאָריע און פּראַקטיק פון דער קינסטלערישער איבערזעצונג, ווי אויך שעפערישע פּאָרטרעטן פון אָנגעזעענע מײַסטערס פון דעם זשאַנער — אַזעלכע, ווי אַנאַ אַכמאַטאָוואַ, מאַרינאַ צוועטאַיעוואַ, לעאָניד מאַרטינאָוו, דאַוויד סאַמאַילאָוו. עס ווערט געבראַכט אַ ביבליאָגראַפיע פון דער סאָוועטישער און אויסלענדישער ליטעראַטור איבער די פּראָגן פון דער איבערזעצונג־קונסט.

מיט אינטערעס לייענט זיך דאָס אַרטיקל פון אווראָם בעלאָוו „וועגן שאָלעם־אַליכעמס העלדן". בעלאָוו שטעלט זיך גענוי אָפּ אַף די פאַרעפנטלעכטע אין „סאָוועטיש היימלאַנד" אַרטיקלען פון מוישע דובינסקי — „שאָלעם־אַליכעמס פּראַזעאָלאָגיזמען אין דער רוסישער איבערזעצונג" און פון מוישע מײַדאַנסקי — „צו ווײַטערדיקער פאַרפולקומונג. וועגן די רוסישע און אוקראַיִנישע איבערזעצונגען פון שאָלעם־אַליכעמס ווערק".

א. ווינקאָוועצקי

נײַס פון אויסלאַנד

אַ בראָשור וועגן ייִדן אין סאָוועטנפאַרבאַנד

אין אַרגענטינער פאַרלאַג „היימלאַנד" איז דערשינען אין דער שפּאַנישער שפּראַך אַ בראָשור מיטן נאָמען „ייִדן אין ראַטנפאַרבאַנד".

— דער ציל פון דער דאָזיקער בראָשור, — ווערט געזאָגט אינעם פאָרוואָרט צו דער אויסגאַבע, — איז געבן אַן אָביעקטיווע אינפאָרמאַציע וועגן דעם לעבן פון די סאָוועטישע ייִדן און אָפּשלאָגן דערמיט די געמיינע פאַרלוימדונגען און קאַמפּאַניעס, וועלכע ווערן געפירט קעגן סאָוועטנפאַרבאַנד מיטן אויסרייד פון פאַרטיידיקן די ייִדן.

אין דער בראָשור גייט אַרײַן אַ גרעסערע אַרבעט פון י. שוואַרץ „די ייִדן אין דעם יאָרהונדערט פון לענינען" און אַ ריי אינפאָרמאַטיווע מאַטעריאַלן וועגן דעם אָנטייל פון די סאָוועטישע ייִדן אינעם געזעלשאַפטלעכן, עקאָנאָמישן און קולטורעלן לעבן פונעם לאַנד.

אַ פאָלקס־קלוב באַם „אוניאָן"

דער לאַנד־ראַט פון דער ייִדישער פּראָגרעסיווער קולטור־געזעלשאַפט אין פראַנקרײַך „אוניאָן" האָט אַף איינער פון זײַנע לעצטע סעסיעס באַשלאָסן צו עפענען אַ פאָלקס־קלוב.

דער ערשטער צוזאַמענטרעף אין דעם קלוב איז געווען געווידמעט דער ייִדישער פּאָעזיע. די דיכטערן דאָרע טייטלבוים האָט פאָרגעלייענט אַ ציקל פון אירע לעצטע שאַפונגען.

אַ שול פון 2500 יאָר צוריק

אַן אַרכעאָלאָגישע עקספּעדיציע אין סאַרדעס (טערקײַ) האָט אַנטדעקט אַן אַלטערטימלעכע שול פון אַרום 2500 יאָר צוריק. סאַרדעס איז בײַס דער הערשאַפט פונעם קיניג קרעזוס (קוירעך) געווען די הויפּטשטאָט פון לידיע (קליין־אַזיע).

אין דער אויסגעגראָבענער סינאַגאָגע, וועלכע ווערט איצט באַטראַכט אַלס די עלטסטע אין דער וועלט, האָבן די אַרכעאָלאָגן געפונען אַ בראָנזענע צדאָקע־פּושקע, וואָס איז אַראָפּגעריסן געוואָרן פון דער וואַנט. לעבן דער פּושקע זײַנען געווען פאַנאַנדערגעוואָרפן 400 קליינע רוימישע מאַטבייעס. די אַרכעאָלאָגן האַלטן, אַז די פּושקע האָט אויסגעליידיקט אַ גאַנעוו, וועלכער איז, ווײַזט אויס, געווען אַנטוישט, ווען ער האָט דערזען דאָס קליינגעלט, און ער האָט דעריבער צעשאָטן די מאַטבייעס אַפן דיל.

אַ רײַכע קאָלעקציע פון יודאַיִקאַ

די שטאָטישע ביבליאָטעק פון נירנבערג האָט אָפּגעמערקט 600 יאָר פון איר עקזיסטענץ. אין שײַכעס דערמיט האָט די אָרטיקע פּרעסע געדרוקט אַרטיקלען און אָפּרופן וועגן דער דאָזיקער קולטור־אינסטיטוציע. צווישן אַנדערס זײַנען געבראַכט געוואָרן פּראַטים וועגן די טויזנט ווערטפולע אויסגאַבעס פון יודאַיִקאַ, וועלכע געפינען זיך אין די פאָנדן פון דער ביבליאָטעק.

אין אָנדענק פון בלימע יאַקיר

אין עלטער פון 35 יאָר איז אין קעשענעוו, נאָך אַ שווערער קראַנקהײַט, געשטאָרבן די באַגאַבטע שרײַבערין בלימע יאַקיר. פאַר איר קורץ לעבן האָט ב. יאַקיר פאַרעפנטלעכט

אין רוסיש און ייִדיש אַ ריי טאַלאַנטפולע דערציילונגען, וועלכע זײַנען איבערגעזעצט געוואָרן אַף פאַרשיידענע שפּראַכן פון די פעלקער פון סאָוועטנפאַרבאַנד. אַליין לויטן פאַך אַ פּעדאַגאָג, האָט בלימע יאַקיר גוט געקענט די פּסיכאָלאָגיע פונעם קינד, און דערמיט דערקלערט זיך, וואָס איר שאַפונג האָט צוגעצויגן די אויפמערקזאַמקײַט פון די לייענער. די דערציילונגען פון ב. יאַקיר האָבן ניט איין מאָל באַקומען ליטעראַרישע פּרעמיעס. אין „סאָוועטיש היימלאַנד" איז בלימע יאַקיר אַרויסגעטראָטן מיט איר דערציילונג „די פאַנאַטיקערן".

מיר דריקן אויס אונדזער טיפן מיטלייד דעם ייִדישן סאָוועטישן שרײַבער יאַנקל יאַקיר און זײַן פרוי אין צוזאַמענהאַנג מיטן פריצײַטיקן טויט פון זייער טאָכטער.

פאַרשיידנס

ווו האָט כאַסענע געהאַט דאָסטאָיעווסקי

דאָסטאָיעווסקי האָט זיך באַקאַנט מיט מאַריִא דמיטריִעוונא איסײַעווען אין סעמיפּאַלאַטינסק, ווו ער איז, א פאַרמישפּעטער לויטן איניען פון די פּעטראַשעווצעס, אָפּגעקומען נאָך דער קאַטאָרגע די סאָלדאַטשינע. צו יענער צײַט איז מאַריִא דמיטריִעוונא געווען די פרוי פונעם לערער איסײַעוו, א קראַנקער מענטש, אַן אַלקאָהאָליקער.

נאָכן אַריבערפאָרן קיין קוזנעצק איז איסײַעוו געשטאָרבן. ענדלעך, נאָך פיר יאָר סאָלדאַטישער דינסט האָט פיאָדאָר מיכײַלאָוויטש מיט דער האַסקאָמע פון מאַריִא דמיטריִעוונען גענומען אורלויב און געקומען צו פאָרן קיין קוזנעצק. די כאַסענע איז פאָרגעקומען דעם 6 פעווראַל 1857.

(„טרוד").

לעוו טאָלסטאָי אין דער קינאָ־כראָניק

אין די לעצטע יאָרן פון לעוו טאָלסטאָיס לעבן פלעגן מענטשן מיט קינאָ־קאַמערעס גאַנץ אָפט אָנצילן די אָביעקטיוון אפן שעפער פון „מילכאָמע און שאָלעם" און „אַנאַ קאַרענינאַ". אין דעם טאָג, ווען טאָלסטאָי איז אַלט געוואָרן 80 יאָר (1908), האָט זיך אין יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ דאָס ערשטע מאָל באַוויזן א קינאָ־אָפּעראַטאָר. דערנאָך, אין 1909—1910, האָט מען טאָלסטאָיען פאָטאָגראַפירט פאַרן עקראַן ניט בלויז אין יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ, נאָר אויך בעשאַס די אַרויספאָרן פון דאָרטן און אין וועג. אָף די וואָקזאַלן פון טולע, בריאַנסק און מאָסקווע, אָף דער סטאַנציע קריאָקשינאָ און אָף דער שטשעקינער פּלאַטפאָרמע, אָף די מאָסקווער גאַסן און באַם פּאַסאַד פונעם שרײַבערס הויז אין כאַמאָווניקי איז לעוו ניקאָלײַעוויטש פאָטאָגראַפירט געוואָרן אָף א קינאָ־לענטע.

טאָלסטאָי האָט ניט גערן דערלויבט, מע זאָל אים פאָטאָגראַפירן פאַרן עקראַן. דערפאַר אָבער האָט זײַן פרוי סאָפיאַ אַנדרײַעוונא פּראָטעזשירט די אָפּעראַטאָרן. איר האָט זיך געוואָלט פאַרײַביקן פיל מאָמענטן פון לעוו ניקאָלײַעוויטשעס לעבן. זי האָט מיטגעטײלט די קינעמאַטאָגראַפיסטן וועגן דעם שרײַבערס רײַזע צו זײַן פרײַנט טשערטקאָוון. דער וועג איז געלעגן פון יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ צו דער סטאַנציע שטשעקינאָ, און פון דאָרטן — קיין מאָסקווע.

דאָס פאָטאָגראַפירן טאָלסטאָיען פאַרן קינאָ־עקראַן האָט באַשריבן אין זײַן בוך „טאָלסטאָי פון דער נאָענט" דער פּיִאַניסט, קינפטיקער פאָלקס־אַרטיסט פון פססר א. ב. גאָלדענווײַזער:

„דער צוג האָט פאַרשפּעטיקט אָף אַריבער א שאָ. לעוו ניקאָ־

דער מענטש, וואָס האָט געהאַרגעט באָרמאַנען

מאַרטין באָרמאַן, דער נאַציסטישער פאַרברעכער, וואָס איז פאַרמישפּעט געוואָרן אפן נירנבערגער פּראָצעס צום טויט, האָט אויסגעמיטן די פאַרדינטע שטראָף. לויט איין ווערסיע, איז ער אומגעקומען צווישן די כורוועס פון בערלין, לויט א צווייטער לעבט ער און באַהאַלט זיך ביז איצט אויס פונעם געריכט. די ענגלישע צײַטונג „ניוס אָף אוואָרלד" לייגט פאָר איר אייגענע לייזונג פון דער „רעטעניש".

אַלנפאַלס, ס'איז נישטאָ וואָס צו זוכן באָרמאַנען, באַהויפּטעט די צײַטונג. זײַן קערפּער ליגט אין אַן אײַנשפּאַלט פונעם פלענסבורגער אײַנגוס, ניט ווײַט פון דער גרענעץ צווישן מײַרעוו־דײַטשלאַנד און דענעמאַרק. מע האָט אים דערשאָסן פון אַן אווטאָמאַט.

אים זאָל האָבן קלוימערשט געהאַרגעט דאָנאַלד גריי, אַן ענגלישער סאָלדאַט. בײַס דער מילכאָמע האָט ער געדינט אין דער 33־טער טאַנקען־בריגאַדע, און אין 1948 יאָר איז ער געוואָרן אַן אַגענט פון דער אַמעריקאַנער צענטראַלער אויסשפּיר־פאַרוואַלטונג.

איצט, אוועקגייענדיק אָף אָפּרו, האָט ער באַשטימט אַנטפּלעקן „באָרמאַנס סאָד". אָט איז זײַן דערציילונג:

„...צו יענער צײַט האָב איך געדינט אין דער 33־טער טאַנקען־בריגאַדע, וואָס האָט זיך געפונען אין דענעמאַרק. גוט גערעדט אָף דײַטש, געווען פאַרבונדן מיט די געפאַרלאָזיקײַט־אָרגאַנען, געהאַט פולמאַכטן פּערזענלעך לייזן דעם גוירל פון די אָרטיקע פאַרברעכערס. אומעטום איז פול געווען מיט דײַטשישע סאָלדאַטן, וואָס האָבן דעזערטירט פון דער אַרמיי. די קריגספאַרברעכער — נאַציסטן האָבן זיך געפּרוווט ראַטעווען פונעם גערעכטן מישפּעט און זיך דורכרײַסן דורך דער גוט באַוואַכטער גרענעץ. די אָרגאַניזאַציע „דער שפּין", וואָס איז געגרינדעט געוואָרן דורך אָטאָ סקאָרצעני, האָט זיי מיטגעהאָלפן.

לויט די פליכט־אַמטן פלעגט מיר אויסקומען צוויי מאָל אין וואָך אַריבערגיין די גרענעץ. איינמאָל, אין אָפיצערישן קלוב, איז צו מיר צוגעגאַנגען א הויכער גראָוולעכער מאַנצבל פון א יאָר זעקס און פערציק. זײַן מאַניר פון האַלטן זיך און די באַפעלערישע שטים האָבן באַוויזן, אַז דער מענטש איז געוווינט געווען קאָמאַנדעווען. ער האָט מיך געבעטן מיטהעלפן אים איבערפירן דורך דער גרענעץ זײַנעם א קאָרעוו און האָט צוגעזאָגט 50 טויזנט דענישע קראָנען — א גוואַלדיקע סומע. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז דער „קאָרעוו" איז א וויכ־

לײַעוויטש איז אוועק זיך דורכשפּאַצירן. די פֿאָטאָגראַפֿן האָבן אים געפּאַקט, ווען ער האָט זיך אומגעקערט פֿונעם שפּאַציר, און אָנגעהויבן פֿאָטאָגראַפֿירן...״

אינגיכן האָט די קינאָ־פֿירמע „פּאַטע״ אַרויסגעלאָזט אַזאַ רעקלאַמע:

„ל. נ. טאָלסטאָי. די אײנציקע בילדער־סעריע, וואָס איז פֿאָטאָגראַפֿירט מיטן שרײַבערס דערלויבעניש. דאָס ערשטע בילד פֿון דער סעריע — „ל. נ. טאָלסטאָי פֿאָרט אָפּ קײן מאָסקווע״.

ווי ס׳איז דערנאָך מיטגעטײלט געוואָרן אין דער פּרעסע, האָט לעוו ניקאָלײַעוויטש, קומענדיק אַהײם, „אַ סך געלאַכט, דערצײלנדיק, ווי ס׳האָבן אים פֿאָטאָגראַפֿירט בײַס דער רײַזע די „סינעמאַטאָגראַפֿשטשיקעס״. זײער ליפּעניש פֿון אײן אָרט אויפֿן צווײטן בײַסן פֿאָטאָגראַפֿירן האָט טאָלסטאָיען אויסגעזען זײער קאָמיש, און ער האָט געזאָגט, אַז, קוקנדיק אויף זײ, איז זײער שווער געווען אײַנהאַלטן זיך פֿון אַ שמײכל, אין דער צײַט ווען מע האָט אומבאַדינגט געדאַרפֿט פֿאַרהיטן אַן ערנסטע מינע אויפֿן פּנים״.

דאָס באַזוכן מאָסקווע, ווו דער שרײַבער האָט זיך אָפּגעשטעלט אויפֿן וועג צו טשערטקאָוון, וועלכער האָט דאַן געוווינט אין מאָסקווער גובערניע, און דאָס אָפּפֿאָרן צוריק קײן יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ האָבן פֿאָטאָגראַפֿירט פֿאַרן עקראַן ניט בלויז די ברידער פּאַטע אַלײן: עס האָבן ניט געדרעמלט אויך אַנדערע קינאָ־אונטערנעמער. זיך דערוווּסט דעם טאָג, ווען דער שרײַבער פֿאָרט אוועק, האָבן זײ פֿאַרפֿריִער זיך אויסגעשטעלט אינעם הויף, און ווען עס האָט זיך באַוויזן טאָלסטאָי, האָבן זײ אָנגעהויבן דרײען זײערע אַפּאַראַטן.

מאַקס פּאָליאַנאָווסקי („מאָסקאָווסקי קאָמסאָמאָליעץ״)

אומגעקערטע שעדעווערן

זינט 1964 ווערן אין אַלזשיר געפֿירט אויסגראָבונגען פֿון אַן אַלטערטימלעכן ייִשעוו אינעם ראַיאָן קאַלאַ דע כעני־כאַמאַד. עס זײַנען אַנטדעקט געוואָרן אוניקאַלע שאַפֿונגען פֿון די אַרכיטעקטאָרס, שטײגער־כפּײַצים, באַצירטע מיט גרויסאַרטיקער מאָזאַיִק. די דאָזיקע געפֿינסן, וואָס ווערן דערמאָנט אין די אַלטערטימלעכע מאַנוסקריפּטן, באַשטעטיקן די היפּאָטעזע וועגן דעם, אַז פֿון סאָף צענטן ביז דער מיט פֿון צוועלפֿטן יאָרהונדערט האָט אויף דער טעריטאָריע פֿונעם איצטיקן אַלזשיר עקזיסטירט אַ שטאַרקע מעלוכע, וועלכע איז געגרינדעט געוואָרן דורך דער דינאַסטיע פֿון די זירידן.

(„איזוועסטיִא״)

טיקער מענטש, און האָב זיך געסטאַרעט אויסבאַהאַלטן דעם אומרו, וואָס האָט מיך אַרומגעכאַפּט באַם געדאַנק, אַז איך האָב אָנגעטראָפֿן אויף די שפּורן און וועל קענען אָנטאַפּן דעם „שפּין״. אַלץ האָט גערעדט וועגן דעם, אַז וועגן דעם „קאָרעוו״ זאָרגן סקאָרצעניס מענטשן. ס׳איז ניטאָ וואָס צו לײקענען — אַ סך זײַנען רײַך געוואָרן אויף די מילכאָמע־פֿאַרברעכערס — דאָס איז געווען אַ לוינבאַרער רעקעט. נאָר איך האָב באַשטימט אײַנגײן אויף דעם איניִען און אויסבאַהאַלטן אים פֿון מײַן נאַטשאַלסטווע איבער אַנדערע סיבעס. איך האָב שוין געהאַט אַ דערפֿאַרונג: ווען איך פֿלעג פֿאַטערן אַ מאַסע קויכעס און ענערגיע אויף אַוועלכע־ניט־איז אויספֿאָרשונג, פֿלעגט זיך דערנאָך אַרײַנמישן די נאַטשאַלסטווע, נעמען אַלץ אין אירע הענט און... „פֿאַטערן דעם איניִען״.

איך האָב געוווּסט, אַז מע וועט מיר נאָכשפּירן, און דערפֿאַר האָב איך, כוץ דעם אווטאָמאַט, וואָס איך האָב באַהאַלטן אינעם קוזאָוו פֿון דער מאַשין, גענומען מיט זיך אַ קאָלט. דער טאָג איז געווען אַ קאַלטער, ס׳איז געגאַנגען אַ שנײ. איך בין צוגעפֿאָרן צום באַגעגעניש־אָרט אין דער אָפּגערעדטער צײַט. פּונקט עלף אַזײגער באַנאַכט האָט זיך אויפֿגעעפֿנט די טיר פֿון דער קאַבינע און לעבן מיר האָט זיך אַוועקגעזעצט אַ מענטש. איך האָב אַ קוק געטאָן אויף אים — דאָס איז געווען אײנער פֿון די סאַמע געפֿערלעכע פֿאַרברעכערס. איך האָב געזען זײַן פּנים אויף די פֿאָטאָגראַפֿיעס, וואָס זײַנען אומעטום געהאַנגען. דאָס איז געווען מאַרטין באָרמאַן.

אינגיכן זײַנען מיר צוגעפֿאָרן צו דער גרענעץ, וואָס איז באַוואַכט געוואָרן דורך ענגלענדער, דײַטשן און דענישע סאָלדאַטן. מע האָט אונדז דורכגעלאָזט אָן שום שוועריקײַטן. מיר זײַנען דורכגעפֿאָרן דורך אַ קלײן דערפֿל כאָקעראַף. באָרמאַן האָט מיר געהײסן זיך אָפּשטעלן. פֿון רעכטס האָבן גערוישט די וואַסערן פֿונעם פֿלענסבורגער אײַנגוס, דערנעבן איז דורכגעגאַנגען אַן אײַזנבאַן־וועג. אומגעריכט איז מײַן פּאַסאַזשיר אַרויסגעשפּרונגען פֿון דער קאַבינע און זיך אַ וואָרף געטאָן אין דער פֿינצטערניש. איך האָב פֿאַרשטאַנען, אַז דאָס געלט וועל איך שוין ניט זען, געכאַפּט דעם אווטאָמאַט און זיך געלאָזט נאָכן אַנטלאָפֿענעם, געפּרוּווט אים אָניאָגן. דערנאָך עטלעכע מאָל אויסגעשאָסן. ער איז געפֿאַלן אַ טויטער. אין אַ סעקונדע אַרום האָב איך דערהערט ענטפֿער־שאָסן — די מענטשן, וואָס האָבן געוואַרט אין דער לאָקערונג אויף זײער „קאָרעוו״, האָבן געאײַלט צו הילף. איך האָב זיך באַהאַלטן. צווײ מענטשן זײַנען צוגעלאָפֿן צום טויטן באָרמאַנען און אַוועקגעשלעפּט אים אין דער ריכטונג פֿונעם אײַנגוס. איך האָב געזען, ווי זײ האָבן אַראָפּגעוואָרפֿן אים אין וואַסער״...

צי דאַרף מען גלײבן אין דעם, וואָס עס איז אָפּגעדרוקט אין דער צײַטונג? צי האָבן מיר דאָ ניט צו טאָן מיט אַ געוויינלעכער יאָגעניש נאָך סענסאַציע, וואָס פֿאַרוואַנדלט די געשיכטע וועגן די בלוטיקע פֿאַרברעכנס פֿונעם נאַציזם אין אַ פֿאַרווײַלונגס־דעטעקטיוו?

(„וועטשערניאַיאַ מאָסקוואַ״)

קאָמענטאַרן פון רעדאַקציע

דאָס איז פאַשיזם!

מיר ברענגען דאָ די ארויסזאָגונגען וועגן איינער און דער זעלבער געשעעניש, וועלכע עס האָבן פארעפנטלעכט דריי בירגערלעכע צײַטונגען פון ייִסראָעל.

דער „אל המישמאר" האָט געשריבן:

„דאָס פארברענען פאָנען און די פארשוועכונג פון עמבלעמען רופן, נאטירלעך, ארויס בא אונדז א געפיל פון עקל — קוידעמקאָל דערפאר, ווײַל דאָס דערמאָנט אונדז אין די מײַסים פון די נאצים. זיי האָבן אָנגעהויבן פון פארברענען פאָנען, געברענט אף שײַטערס ביכער.

און אָט איז אין טעל־אוויוו אײַנגעאָרדנט געוואָרן א דעמאָנסטראציע, מע האָט פארברענט א סאָוועטישע פאָן"...

„יעדיִאָט אכראָנאָט" האָט דערציילט אייניקע פראָטים:

„די סאָוועטישע פאָן, וואָס די דעמאָנסטראנטן האָבן פארברענט בא דער פינלענדישער אמבאסאדע אין טעל־אוויוו, איז „בײַגעשטײַערט" געוואָרן מיצאד דער אָפּטיילונג אף ברענער־גאס פון מק"י (מיקוניס־סנע־גרופּע. — רעד. „סאָוועטיש היימלאנד"). דער אונטערצינדער, מוישע רייניש, א שילער פון אכטן קלאס פון דער מיטלשול, האָט א קורצע צײַט פאר דער דעמאָנסטראציע זיך געווענדט צום קלוב „אכווע" פון מק"י און געבעטן א סאָוועטישע פאָן, קעדיי זי צו פארברענען. דער דעזשורנער אין קלוב, וועלכער האָט זיך פאָרגעשטעלט מיטן נאָמען עלכאָנאָן, האָט געפונען א רויטע פאָן, אָבער אָן דער עמבלעם פון סערפּ און האמער. שפּעטער האָט ער דאָך די עמבלעם פון ערגעץ ארויסבאקומען און זי צוגעפּעסטיקט צו דער פאָן..."

דער „האארעץ" האָט אָפּגעדרוקט פאָלגנדיקן בריוו (אין דער פאָרם פון א באצאָלטער „מוידאָע"):

„א סאָוועטישע פאָן איז עפנטלעך געברענט געוואָרן אין ייִסראָעל...

— די זעלבע רויטע פאָן, וועלכע עס האָט געטראָגן די סאָוועטישע ארמיי, ווען זי האָט באצווונגען די נאצישע כײַעס אין צווייטן וועלט־קריג.

— די זעלבע זיגערישע פאָן, וואָס איז אופגעשטעלט געוואָרן אפן דײַטשישן רײַכסטאג אין בערלין נאָכן צעקלאַפּן די מערדערישע פאשיסטישע כאיאָלעס.

— די זעלבע רויטע פאָן, אף וועלכער עס האָבן גע־ווארט און אף ווענמעס זיג עס האָבן טפילע געטאָן די קאצעטלער אין די נאצישע קאָנצענטראציע־לאגערן, צווישן זיי מיליאָנען ייִדן, וועלכע זײַנען געראטעוועט געוואָרן בלויז אדאנק דעם פולן און שנעלן ניצאָכן פון די טרעגער פון דער דאָזיקער פאָן — פון יענע, וועלכע האָבן אליין מאקריוו געווען 20 מיליאָן לעבנס.

— די פאָן פונעם גרויסן סאָוועטישן פאָלק, וואָס האָט אין מאָמענט פון טויט־געפאר פאר די ייִדישע מאסן אין אייראָפּע געעפנט די טויערן פון זײַן לאנד פאר הונדער־טער טויזנטער פּליטים און מיט זיי זיך געטיילט מיטן לעצטן ביסן ברויט.

— די זעלבע סאָוועטישע פאָן, צו וועלכער ס'זײַנען מיט האָפענונג און גלויבן אין ענדגילטיקן זיג געווען געווענדט די אויגן פון אלע אנטיפאשיסטישע ווידער־שטאנד־קעמפער אין די יאָרן פונעם צווייטן וועלט־קריג.

— די זעלבע סאָוועטישע פאָן, וואָס אדאנק איר איז געראטעוועט געוואָרן דער ייִדישער ייִשעוו אין ערעץ־ייִסראָעל און ס'איז אנטשטאנען די מעגלעכקײַט פאר דער עצעם עקזיסטענץ פון מעדינאס ייִסראָעל.

— די דאָזיקע פאָן ברענען ייִדן אין ייִסראָעל.

— וואָס פאר א שרײַענדיקע אומדאנקבארקײַט!

— געטראָפענע פון דער שאנד, פול מיט ווייטעק און צאָרן, רופן מיר:

— האלט אָפּ דאָס פאשיסטישע בושעווען — ביזוואנען ס'איז נאָך ניט שפּעט!

ייִסראָעלדיקער פארבאנד פון קעמ־פער פונעם אנטיהיטלעריסטישן פראָנט און פון קאָרבאָנעס פונעם נאציזם".

די פראָגרעסיווע צײַטונג פון ייִסראָעל „דער וועג" האָט איבערגעדרוקט פונעם „האארעץ" דעם דאָזיקן בריוו, און אלס קאָמענטאר צו אים האָט זי פארעפנטלעכט דאָס פאָטאָ־בילד, וואָס מיר, פון אונדזער זײַט, כאַ־זערן אויך איבער, ווײַל דאָס בילד קלאפּט אין הארצן, וועקט דעם זיקאָרן.

שרײַבער און ווערק

נאָטיצן אפן קאַלענדאַר

מיט 95 יאָר צוריק, דעם 8 אפּרעל 1876, איז אין שטעטל קוידענאָוו, מינסקער גוב., געבוירן געוואָרן אווראָם רייזען.

די גרונט־טעמע פון רייזענס שאַפונג איז געווען דאָס שווערע לעבן פון די ייִדישע פאָלקסמאַסן אין צאַרישן רוסלאַנד, זייער קאַמף פאַרן טרוקענעם שטיקל ברויט.



אווראָם רייזען איז געווען איינער פון די פּאָפּולערסטע ייִדישע שרײַבער פון זײַן צײַט. פיל פון זײַנע לידער, אַזעלכע, ווי „הוליעט, הוליעט, בייזע ווינטן", „קירכן־גלאָקן", „מײַ קאָמאַשמע לאָן", „א געזינד זאַלבעאַכט" און פיל אַנדערע, ווערן ביז איצט געזונגען.

די גלוסט צו שרײַבן האָט בא רייזענען אויפגעוואַכט זייער פרי. צו 15 יאָר האָט ער שוין דעביוטירט מיט א ליד אין פּערעצעס „יודישע ביבליאָטעק". זײַן ערשטע לידער־זאַמלונג אונטערן נאָמען „צײַט־לידער" איז דערשינען אין 1902 אין וואַרשע.

בייס דער ערשטער וועלט־מילכאָמע האָט א. רייזען זיך באַזעצט אין אַמעריקע, ווּ פאַרשיידענע ייִדישע פאַרלאַגן, זשורנאַלן און צײַטונגען האָבן געדרוקט זײַנע לידער און דערציילונגען. א פולע, סיסטעמאַטיזירטע אויסגאַבע פון זײַנע ווערק („יובליי־אויסגאַבע") אין 12 בענדער האָט אַרויסגעגעבן דער ניו־יאָרקער פאַרלאַג „ייִדיש". אין 1920 האָט דער פאַרלאַג אַרויסגעלאָזט אַלס צוגאָב צו דער „יובליי־אויסגאַבע" נאָך צוויי ביכער — א לידער־זאַמלונג „דורך פינצטערע טויערן" און א באַנד נײַע דערציילונגען. די דערמאָנטע אויסגאַבע אין 14 בענדער האָט אויסגעהאַלטן פיל אויפלאַגעס.

צווישן אווראָם רייזענס לעצטע ווערק פאַרנעמען אַ\u05b8ן אָנגעזעען אָרט זײַנע מעמואַרן „עפּיזאָדן פון מײַן לעבן", וועלכע שילדערן א בילד פונעם גײַסטיקן לעבן פון די ייִדישע פאָלקסמאַסן אין סאָף פאָריקן און אָנהייב הײַנטיקן יאָרהונדערט.

אין 1928 האָט א. רייזען באַזוכט דעם סאָוועטנפאַרבאַנד און געמאַכט א לענגערע רײַזע איבערן לאַנד. אין אַלע סאָוועטישע שטעט און שטעטלעך איז דער שרײַבער אויפגענומען געוואָרן זייער וואַרעם. די סאָוועטישע פּרעסע האָט פאַרעפנטלעכט פיל איבערזעצונגען פון רייזענס לידער און דערציילונגען, די פאַרלאַגן האָבן געדרוקט ספּעציעלע אויסגאַבעס פון זײַנע ווערק, דערונטער א דרײַבענדיקע אונטער דער רעדאַקציע און מיט א פאָרוואָרט פון מוישע קאַץ (אין צענטרפאַרלאַג), א באַנד מיט א פאָרוואָרט פון מוישע ליטוואַקאָוו (אין קיִעווער פאַרלאַג „קולטור־ליגע") און אַנד.

אווראָם רייזען איז געשטאָרבן דעם 30 מאַרט 1953 אין ניו־יאָרק.

דעם 23 אפּרעל 1886, מיט 85 יאָר צוריק, איז אין שטעטל פּאַסאַרעץ, ווילנער גוב., אין אַן אָרעם ייִדיש געזינד געבוירן געוואָרן דער ווײַסרוסישער סאָוועטישער שרײַבער זמיטראָק ביאַדוליא (זײַן עמעסער נאָמען סאַמויִל יעפימאָוויטש פּלאַווניק).

ז. ביאַדוליא האָט אין 1910 דעביוטירט אין רוסיש און ווײַסרוסיש מיט דער ליד „עס זינגען די נאָטשלעזשניקעס". אין 1913 איז אין פּעטערבורג אַרויס זײַן ערשטע זאַמלונג לירישע דערציילונגען „קליינינקע געשטאַלטן". אין די פאַררעוואָליוציאָנערע ווערק האָט ביאַדוליא וואָרהאַפטיק געשילדערט דעם דאָלעס און די רעכטלאָזיקײַט פונעם ווײַסרוסישן פּויערטום, זײַן פּסיכאָלאָגיע און לעבנשטייגער.

שפּעטער האָט ביאַדוליא דערגרייכט

באַדײַטנדיקע שעפערישע דערפאָלגן אינעם מאָלן די סאָציאַליסטישע בויונג.

צו ביאַדוליאַס בעסטע ווערק געהערט די היסטאָרישע דערציילונג „סאָלאָוויי" (1927), ווּ ער באַווײַזט די צעפאַלונג פון דער לײַבאייגנטימערישער אָרדענונג און מאָלט טיפּישע געשטאַלטן פון פּויערים. פּאָפּולער בא די לייענער זײַנען אויך געווען די פאַרצייכענונגען „צען" (1930), די דערציילונגען „ניט קיין געוויינלעכע געשיכטעס" (1931), ווּ דער שרײַבער שילדערט דעם נײַעם סאָוועטישן מענטשן. אינעם ראָמאַן „יאַזעפּ קרושינסקי" (צוויי ביכער, דערשינען אין 1929—1932) איז געשילדערט דער קאָנטררעוואָליוציאָנערער מעהוס פונעם באַלעגופּנטום און פון די בורזשואַזע נאַציאָנאַליסטן. א וויכטיק אָרט אין ביאַדוליאַס שאַפונג פאַרנעמט זײַן גרויסע אויטאָביאָגראַפישע דערציילונג „אין געדיכטע וועלדער", ווּ דער שרײַבער מאָלט זײַנע קינדער־ און יוגנטיאָרן. אַן אויסצוג פון דער דאָזיקער דערציילונג איז געווען פאַרעפנטלעכט אין „סאָוועטיש היימלאַנד" נומ. 8 פון 1969.

זמיטראָק ביאַדוליא איז געשטאָרבן דעם 3 נאָיאַבער 1941.

● ● ●

דער ניסטער צוזאמען מיט דאָוויד בערגעלסאָן, יעכעזקל דאָברושין, י. דאָברושינס פרוי און דעם קינסטלער יויסעף העלמאַן (פאָטאָגראַפירט אין די 30־ער יאָרן).



דער ניסטער מיט זײַן מאַמע לײַע און דער שוועסטער כאַנע אין 1918.

דער ניסטער און זײַן זון יויסעף (כאַרקאָוו. 1939).

פון אונדזער פאָטאָ־אַרכיוו

(דער ניסטער צווישן נאָענטע און פרײַנט)

די שטילע ליד און די הויכע ליד

ווערטער פון ארן ווערגעליס — מוזיק פון לייב יאמפאלסקי





װען איך װיל א סאָד מײַן אײניקל זאָגן
(מײַן אײניק איז נאָ׳נט,
זײער נאָ׳נט:
בא דעם לעבן אינעם פראָנט), —
נעם איך זינגען, זינג איך שטיל,
אײַנרוימען א סאָד איך װיל,
אז מיר זײַנען נאָענט בײדע:
אָװעס מיט די יאָרשים רײדן —
רײדן שטיל,
רײדן שטיל.

פון אלע לידער העכער —
די שטילע ליד, די שטילע ליד
זינג איך אזױ.
זינג איך אזױ.

װען איך װיל א סאָד מײַן זײדן זאָגן
(מײַן זײדע איז װײַט,
זײער װײַט,
אזש באם טויט פון יענער זײַט), —
נעם איך זינגען, זינג איך הויך,
װיפל סטײַען ס׳װעט נאָר קוי׳ך,
און מײַן קאָל דערגײט צום זײדן:
יאָרשים מיט די אָװעס רײדן —
רײדן הויך,
רײדן הויך.
פון אלע לידער שטילער —
די הויכע ליד, די הויכע ליד
זינג איך אזױ.

В ПОМОЩЬ ИЗУЧАЮЩИМ ИДИШ

В. Из романа Шолом-Алейхема „Потоп" („דער מאבל"):

ליפּע באשעוויטש, אָדער דער ייִד פונעם האָלץ, איז א ייִד, וואָס שטעלט צו האָלץ אין אלע הײַזער, און פון דעם לעבט ער, דערציט קינדער, גיט זיי בילדונג.

...אכט קינדער האָט אים גאָט געגעבן, און אלע אכט — געראָטענע, געצייכנטע קעפּ. אלצ־דינג קאָנען זיי, אלץ ווייסן זיי, און פרעגט זיי, ווען און ווו האָבן זיי געלערנט? צי האָבן זיי אָנגע־קוקט ווען א כיידער (אכוץ דעם, וואָס ער אליין פלעגט מיט זיי באנאכט אמאָל אונטערקנעלן)? צי האָבן זיי געזען ווען א לערער (אכוץ דעם, וואָס איינער האָט געלערנט מיטן אנדערן)? און פונדע־סטוועגן, אז ס'איז באשערט, זײַנען זיי אלע ארײַן אין גימנאזיע, אלע גוט געלערנט און אויסגע־צייכנט זיך אזוי, אז דער לערער... האָט געפּויעלט, מע זאָל זיי באפרײַען פון געצאָלטס. און מע זאָל זיי נאָך ארויסגעבן אף קליידונג און אף שיכעלעך, מאכמעס ליפּעס קינדער האָבן א טעווע: ביז פופצן יאָר גייען זיי האלב־נאקעט און אינגאנצן באָרוועס...

Слова:

1) צושטעלן, 2) דערציִען (האָב דערצויגן), 3) בילדונג וו״, 4) געראָטענער, 5) געצייכנ־טער, אויסגעצייכנטער, 6) כיידער ם (כאדאָרים), 7) אכוץ, 8) פונדעסטוועגן, 9) ס'איז באשערט, 10) אויסצייכענען זיך, 11) פּויעלן, 12) געצאָלטס, 13) טעווע וו״, 14) אונטערקנעלן (מיט).

Их перевод:

1) поставлять, 2) воспитывать, 3) образование, 4) удачный, 5) отличный, 6) хедер (традиционная клерикальная еврейская школа), 7) кроме (*здесь:* если не считать), 8) всё же, 9) суждено, 10) отличаться, отлично учиться, 11) добиться, 12) плата (за право учения), 13) обыкновение, привычка, 14) подучивать (кого-либо).

2. Найдите в приведенных отрывках сочетания, каждое из которых состоит из существительного и одного или более прилагательных впереди его (в первом отрывке 5 таких сочетаний, во втором — 5, в третьем — 1). Выпишите их в форме именительного падежа единственного числа.

Образцы:

דאָס געשוואָלענע אויג — א געשוואָלן אויג; דער געראָטענער, געצייכנטער קאָפּ — א גע־ראָטענער, געצייכנטער קאָפּ.

3. Укажите, какие из выписанных вами сочетаний даны в тексте в форме дательного падежа единственного числа (всего — 3) и какие — в форме винительного падежа единственного числа (всего — 1).

4. Используя частично лексику наших отрывков, переведите на еврейский язык следующие предложения:

1) Я живу теперь в небольшом городке, но я не оторван от широкого мира. 2) Вчера приехал к нам из Ленинграда мой дядя. 3) Вдруг, нежданно-негаданно, прилетел из Москвы новый инспектор; ему понадобилось проверить (רעווידירן) всю техническую документацию (דאָקומענטאציע) нашего завода. 4) Мне надо (во что бы то ни стало) закончить свою работу до третьего марта. 5) Работа эта вовсе не так плоха (איז קלאל ניט אזוי שלעכט), и напрасно (אומזיסט) ты на нее махнул рукой. 6) Наш завод поставляет цемент всем стройкам области (אלע בויונגען פון דער געגנט). 7) Мне суждено было еще раз партизанить (פּארטיזאנעווען) в этих лесах.

XXII. ГРАММАТИКА. БОЛЕЕ ПОДРОБНО О МЕСТОИМЕНИЯХ ЕВРЕЙСКОГО ЯЗЫКА.

§ 1. Личные местоимения. Об этих местоимениях и об их изменениях — см. № 3 за 1969 год. Здесь же отметим:

а) Различную форму в дательном и винительном падежах имеют лишь личные местоимения איך (я), דו (ты) и זי (она); дательный падеж

соответственно: מיר (мне), דיר (тебе), איר (ей); винительный падеж: מיך (меня), דיך (тебя), זי (ее); остальные же личные местоимения — ער (он), מיר (мы), איר (вы), זײ (они) — имеют в обоих этих падежах одну общую форму: אים (ему, его), אונדז (нам, нас), אײַך (вам, вас) и זײ (им, их).

В белорусско-литовском диалекте еврейского языка винительный падеж совпадает по форме с дательным. Следовательно, в этом диалекте имеют общую форму в этих падежах все личные местоимения. В литературной речи — устной или письменной — следует всячески избегать такого употребления. Неправильно, например:

Он зовет меня (тебя, ее) — **ער רופט מיר (דיר, איר)**, а правильно лишь: **ער רופט מיך (דיך, זי).**

Примечание: Переводы ער (он), אים (его, ему), זי (она), איר (ей), זי (ее) весьма условны, так как род существительных при тех же значениях часто не совпадает в обоих языках, и нередко бывает, что, например, זי переводится русским *он* или *оно*. Примеры:

די שאפע איז צו ברייט; אין טיר וועט זי ניט ארײַן —

Шкаф слишком широк; в дверь *он* не пройдет.

די נעסט איז קוים צו באמערקן; זי איז צו הויך —

Гнездо едва заметно: *оно* слишком высоко.

То же — о переводах форм дательного и винительного падежей, ибо и падежи весьма часто не совпадают в обоих языках; в особенности это относится к дательному падежу, сочетающемуся в еврейском языке с любым предлогом. Например:

(дат. пад. в обоих языках) ей — **איר**

Но:

у нее (род. пад.) — (дат. пад.) **בא איר**

с нею (тв. пад.) — (дат. пад.) **מיט איר**

б) Употребительно также личное местоимение עס (оно), указывающее на существительное среднего рода (форма дательного падежа — **דעם**, винительного падежа — **עס**). Примеры:

די שכײנע האָט אונדז געשענקט א קלײנינק קעצעלע. בײס איך ארבעט בא מײַן שרײַבטיש, כאפּט עס (им. пад.) זיך אָפּט ארוף אף מײַנע קני; אזוי איז דעם (дат. пад.) ווארעם און אזוי ווערט עס (им. пад.) באלד אנשלאָפן. איך טרײַב עס (вин. пад.) ניט אראָפּ, האגאם (хотя) דאָס שטערט (мешает) מיר א ביסל אין מײַן ארבעט.

Примечание: При указании на название лица обычно употребляется не עס, а ער или זי — в зависимости от пола. Примеры:

דאָס ייִנגל ארבעט שוין אף א זאוואָד. אָוונט־צײַט לערנט ער זיך אין א שול פאר ארבעטער־יוגנט; דאָס מײדל האָט געענדיקט א פראָפטעכנישע שול, און איצט ארבעט זי אף א זײגער־זאוואָד.

Упр. Переведите следующие предложения на русский язык (устно). Выпишите из них личные местоимения и укажите падеж каждого из них.

(1) איך לײיען איצט עלי שעכטמאנס ראָמאן „ערעוו". (2) מיר איז באזונדערס געפעלן די הארציקע מומע ליבע. (3) מיך האָט שטארק פארכאפּט די פאמיליען־לעגענדע (семейное предание) וועגן דעם „קאָדעש" (о мученике) יאָנטל(ען). (4) איך גיב דיר דעם דאָזיקן ראָמאן, לײיען אים לעמאנהאשעם (непременно) איבער. (5) דיר וועט עס זײַן ניט שווער. (6) דיך האָט מען דאָך, פונקט ווי מיך, געלערנט ייִדיש נאָך אין די קינדער־יאָרן. (7) דעם ראָמאן לײיענט איצט אויך מײַן ייִנגערע שוועסטער. (8) זי פרעגט מיך אָפּט וועגן באטײַט (о значении) פון באזונדערע ווערטער. (9) איר איז פיל שווערער צו לײיענען אזא ראָמאן. (10) זי האָב איך ערשט צוריק מיט עטלעכע כאדאָשים אָנגעהויבן לערנען ייִדיש.

Кандидат филологических наук

М. Шапиро

טײַערער לײענער!

אין יול ד. י. װעט „סאָװעטיש הײמלאַנד“ אַלט װערן 10 יאָר. צו אָט דער צײַט װעט דערשײַנען דער 100־טער לױטן סײדער יובילײ־נומער.

אױב אײַער אַבאָנירונג אױף „סאָװעטיש הײמלאַנד“ ענדיקט זיך אין יון כױדעש, פֿאַרגעסט ניט באַצײַטנס באַנײַען זי אױפֿן צװײטן האַלבן יאָר.

ברענגט אױך אײַער מאַטאָנע דעם זשורנאַל — אַ נײַעם לײענער.

די אַבאָנירונג װערט אָנגענומען אָן באַגרענעצונגען אין אַלע אָפּטײלונגען פֿון „סאָיוזפּעטשאַט“ און אין אַלע פּאָטשט־אָפּטײלונגען.

לײענט און פֿאַרשפּרײט אײַער זשורנאַל!

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД (СОВЕТСКАЯ РОДИНА)

Ежемесячный литературно-художественный журнал

Орган Союза писателей СССР

(На еврейском языке)

Год издания одиннадцатый

Издательство «Советский писатель»

Главный редактор **А. Вергелис.**

Редколлегия: **И. Борухович, А. Гонтарь, М. Лев** (ответственный секретарь), **Нотэ Лурье, Б. Миллер, Г. Ошерович, И. Рабин, Р. Рубина, И. Фаликман, С. Фрай.**

Адрес редакции журнала: Москва, Центр, ул. Кирова, 17.

Телефоны: главный редактор — 228-27-91; ответственный секретарь — 294-46-69; отделы прозы и поэзии — 228-49-42; отдел критики — 223-96-07.

Художеств. и техн. редакция: И. Шустер, С. Черняк

Корректор Х. Поташник

Подписано к печати 16/III 1971 г. Формат 70×108 1/16. Печ. л. 12+0,25 вкл. (17,15). Бум. л. 6+0,125. Цена 50 коп. Зак. 131.

Московская типография № 7 Главполиграфпрома
Комитета по печати при Совете Министров СССР
пер. Аксакова, 13

Цена 50 коп.

70821

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД

СОВЕТСКАЯ РОДИНА

№ 4

1971

В НОМЕРЕ:

Трибуна жизни

А. Вергелис. Письма из Европы, январь—март 1971.

Обзор печати. С. Фрай. Народная трибуна.

Д. Драгунский. Люди на войне (документальная повесть. Продолжение).

Жан Грива. Черный алмаз (рассказ).

Л. Гарбер-Ковенская. Такое не забывается.

Г. Полянкер. Ицхок Сантос и его наследники (роман. Часть третья).

Стихи Р. Балясной, Л. Вассерман, И. Боруховича, Ш. Холоденко, Х. Вайнермана.

На бытовые темы. Х. Меламуд. О празднике пасхи.

Воспоминания. М. Шац-Анин. На моем жизненном пути.

Литературная критика. Библиография. Вопросы искусства

А. Винковецкий. Скульптор Исаак Иткинд.

М. Глейзер. Автор партизанского гимна.

Комментарии редакции. Заметки еврейского букиниста. Разное. Хроника. Из нашего фотоархива. Заметки на календаре.

М. Шапиро. Беседы о еврейском языке.